STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07057

DI SHTOT ZEGLFOS

Knut Hamsun

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

קנוט האַמסון

די שטאָט זעגלפאָס

יידיש אהרן מאַרק

ווילנע—1928
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Knut Hamsun — „Di Sztot Segłfos“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

I

אַ מענטש אויפֿן נייעם פלאַג-בערגל? וואָס וויל ער דאָרט? דאָס איז מסתמא ווידער אַ שלעכטער שפּאַס פֿון דעם קרעמערס זון, טעאָדאָר! דאָס מוז זיין טאַטע, דער אַלטער פּער פֿון געוועלב, אומבאַדינגט וויסן!

זעט, דער מיל-אייגנטימער, הער האַלמענגראַא, ער האָט אַ שטאַנג, אַ פלאַג און אַ סיגנאַל-צייכן, און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך און נויטיק, ווייל ער מוז אויפהויבן די פלאַג פאַר די פּאָסטשיפן און אויך דעמאָלט, ווען אַ גרויסע, שווער מיט קאָרן-באַלאָדענע פראַכט-שיף פאַר דער מיל שווימט צו צו דער בריק. אָבער טעאָדאָר פֿון געוועלב פאַרמאָגט נישט קיין ביסל בושה, און ער שטעלט אַוועק אויף דעם פלאַג-בערגל אַ מענטשן, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען דורכויס נויטיק, און דער דאָזיקער מענטש קוקט צום ים און האַלט גרייט די פלאַג, כדי זי אויפצוהויבן, ווי-נאָר ער וועט דערזען דאָס, וואָס ער קוקט אויס. אָבער אייגנטלעך קוקט ער גאָר גלאַט אַזוי אויפֿן פיש-קוטער.

עס איז מערקווירדיק – אַזוי אָפט, ווי דער יונגער קרעמער טעאָדאָר הויבט אויף די פלאַג און פירט אַלעמען פאַר דער נאָז – און דאָך איז מען אים שטענדיק מוחל. ער האָט דאָך נייגיריק געמאַכט דעם עולם, ער האָט מיטגעריסן און געמאַכט מענטשן רעדעוודיק, – וואָס-זשע וויל ער איצט ווידער? דער דאָזיקער אויסוווּרף טעאָדאָר טראַכט אַלעמאָל אויס נייע שפּיצלעך, אַלע יאָהאַן און לאַרס מאַנועלסען זענען לכל-הדעות זייער שטאַרק נייגיריק, זיי האָבן זיך געטראָפן אונטערוועגס און קאָנען בשום אופן נישט אָפּרייסן די אויגן פֿון בערגל.

אַלע יאָהאַן איז פּונקט דער אייגענער, וואָס געווען, שוין לאַנגע יאָרן דינט ער ביים הער האַלמענגראַא, שלעפּט זעק און שווערע משאות – אַ ברודיקער פאַרשוין אין וואַסער-שטיוול און אין

אַן אויסלענדישן וואָלענעם רעקל. באמת, ער האָט זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן, און זיין פאַמיליע איז נאָך אַלץ גענוג אָרעם; יאָ, עס טרעפט, אַז עמעצן גייט אַזוי שלעכט. אָבער לאַרס מאַנועלסען האָט זיך אַרויפגעשלאָגן, ער איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן אָרט, מיט גאַנץ זעגלפאַס; ער איז דער טאַטע פון ל. לאַסען, דעם גרויסן פּאַסטאָר אין דרום-טייל פון לאַנד, דעם געלערנטן און קאַנדידאַט אויף בישאָף, און ער איז אויך דער טאַטע פון יוליוס, וואָס פירט דעם האָטעל לאַסען אויפן ברעג-פלאַץ. דאַווערדאַגאַ איז אויך איינס פון זיינע קינדער, זי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן בריק-וועכטער און וואָס זעט אויס זייער ליידנשאַפטלעך מיט אירע רויטע האָר. מיט איין וואָרט, די משפחה פון לאַרס מאַנועלסען האָט געשטיגן גאַנץ הויך, און מיט איר צוזאַמען אויך ער גופא; ער איז שוין פון לאַנג אַן אייגנטימער פון אַ נחלה, און קיינער האָט אים נאָך נישט געטראָפן אין זיין געוועלב אָן אַ גראָשן געלט. יאָ, אַזוי קאָן אַמאָל עמעצן גיין. זיין רויטע באָרד איז געוואָרן דין און גרוי, די האָר זענען אים פולשטענדיק אויסגעקראָכן; אָבער זיין זון ל. לאַסען האָט אים צוגעשיקט אַ פּאַרוק, וואָס ער טראָגט יעדן טאָג. אויב ער שלעפּט זיך אַרום אין זיין רעקל מיט די צווײ רייען קנעפּ און טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, איז עס דערפאַר, ווייל ער איז נישט געצוווּנגען צו אַרבעטן, אויף אַזוי פיל האָבן זיך פאַרבעסערט זיינע באַדינגונגען. אין דער לעצטער צייט דערגייט אים קיינער נישט די יאָרן, אָבער נאַטירלעך רעדן צו אים אָן אויפהער זיינע אַלטע חברים, פונקט ווי ער, שקלאַפן אויף דער דאָזיקער ערד:

— איך פאַרשטיי נישט, פון וואָס דו לעבסט, לאַרס, אויב דו גנבסט נישט!

דעמאָלט שפּייט לאַרס מאַנועלסען אויס און ער לאָזט אַ לאַנגע צייט וואַרטן אויף זיין ענטפער, לסוף זאָגט ער:

— איך בין דיר עפּעס שולדיק?

— אָ, ניין, לחלוטין נישט, אָבער איך וואָלט בעסער געוואָלט, דו זאָלסט מיר יאָ שולדיק זיין, — גיט יענער צו.

— וואָלט איך עס דיר אָפּגעשיקט אין שטוב אַריין. — ענטפערט ער.

לאַרס מאַנועלסענס הכנסות זענען געווען גאַנץ פּשוטע. קאָן דען

אַ מענטש מיט אַזעלכע בכבודיקע קינדער זיך שטעלן אַרבעטן ביי יענעם? אָ ניין. אָבער ווען יוליוס האָט איינגעאָרדנט זיין האָטעל, איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אַלטער טאַטע זאָל זיך פאַר־בינדן מיטן געשעפט. ווער זאָל דען אַרומטראָגן די קופערס און קאַסטנס פון ברעג אַהין און אַהער? אין אָנהויב איז לאַרס מאַנו־עלסען געווען גאַנץ באַשיידן און פאַרדינט אַ קליינינקייט; אָבער אין דער לעצטער צייט האָבן זיך זיינע הכנסות פאַרגרעסערט; באַלד איז געקומען דער אָדער יענער שיפער, דערנאָך אַ פּי־הענדלער, וואָס האָט אויפגעקויפט פאַר דער שטאָט בהמות צו שעכטן, אָדער דער פאָטאָגראַפיסט, אָדער אַ רייזנדער, אַגענט פון אַן אילוסטרירטער צייט־שריפט, אויסערדעם פלעגט אָפטמאָל קומען דער אָדער יענער קליינער געשעפטסרייזנדער מיט מוסטערן אין זיין האַנט־קופער, און אָט די אַלע זענען געווען מענטשן מיט אַ ברייטער האַנט, ווילע רייזנדע, וועלט־מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן גראָשן, ווען דער פאָטער פון אַ באַרימטן מענטשן האָט זיי דערפאַר געטראָגן זייערע פעק. וועגן אַלע יאָהאַן, וואָס שטייט איצטער נעבן אים, האָט קיינער גאָרנישט געוווּסט. אָבער ווער ס'איז געווען לאַרס מאַנועלסען — דאָס האָבן אַלע געוווּסט, יאָ, דאָס האָט ער אַליין אויך געוווּסט, און ער האָט עס לחלוטין נישט פאַרשוויגן.

— ניין, קיין פיש־קוטער און קיין זעגל־שיף וואַרטן זיי נישט אָפּ, — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט — ווייל ס'איז נישטאָ קיין ווינט.

— ניין, עס איז נישטאָ קיין ווינט. מסתמא וועלן דאָס זיין געסט און פרעמדע אין אַ רודער־שיפל.

ביידע קלערן נאָך, אָבער זיי געפינען עס פאַר אוממעגלעך, אַפילו לעכערלעך, ניין, דער אַלטער פער פון געוועלב און זיין זון טעאָדאָר האָבן נישט קיין געסט. אָבער אויב אויף הער האָלמענ־גראַאַס פלאַג־בערגל איז פאָרט געשטאַנען אַ סיגנאַל־פענדל, איז — —

וואָרן הער האָלמענגראַא איז עס געווען דער גרויסער מענטש, וועגן וועלכן אַלע האָבן פריער געטראַכט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער בלי ספק געהאַט אַ גרויסן שאָדן און שפּעטער נאָך גרעס־רע; אָבער וואָס באַדייט אַ שאָדן אָדער צוויי פאַר אַ מענטשן, וואָס קאָן זיי אויסהאַלטן? אַזוי גוט ווי פריער זענען איצט אויך געקומען

צו אים קיין זעגלספּאַס קאָרן און ווייץ, אַזוי גוט ווי ביז איצט אין גרויסע דאַמפּערס פון אַמעריקע און פון שווארצן ים, און זיי זענען געפאָרן פון זעגלפּאַס מיטן קאָרן, וואָס האָט זיך שוין פאַרוואַנדלט אין מעל אין אַלע צפון-לענדער און קיין פינמאַרקן, הער האָלמענגראַאַס מיל איז כמעט קיין איין וואָכעדיקן טאָג נישט געשטאַנען שטיל, הגם זי האָט שוין איצט נישט געאַרבעט ביינאַכט, אַזוי ווי פריער.

וואָס שייך אָבער די אָפּגעוואַרטע געסט, האָבן שוין אָלע יאָהאַן און לאַרס מאַנועלסען געטראַכט וועגן דעם, וועמען וואָלט דער גרויסער מאַן הער האָלמענגראַאַ געקאָנט אייגנטלעך אָפּוואַרטן? ווייל די מאָכטער, פרייל̄ן מאַריאַננע איז שוין געקומען אין אַ רויטן מאַנטל צופאָרן פון קריסטיאַניאַ און פון אויסלאַנד, און מען זאָל זיך פאָרשטעלן, אַז ער זאָל זיך באַנוצן דערצו מיטן פענדל פון מעאַדאָר אין געוועלב — ניין, דאָס וואָלט הער האָלמענגראַאַ זיכער נישט געטון.

אָלע יאָהאַן האָט געזאָגט:

— ווען איך וואָלט געהאַט צייט, וואָלט איך פאַרבייגעגאַנגען דאָס פלאַג-בערגל און זיך געפרעגט. קאָנסטו אָבער נישט ארויפגיין, לאַרס?

לאַרס מאַנועלסען האָט געענטפערט:

— איך? ניין.

— וואָס מיינסטו מיטן ניין?

— כ'האָב נישט קיין חשק דערצו.

— נו, איז נישט, נאָר אויב אַזוי, וועלן מיר זיך ביידע נישט דערוויסן, — האָט אָלע יאָהאַן געזאָגט מיט פאַרדרוס. — אָבער דו ביסט איצט אַזוי פאַרריסן ביי זיך אַז דו ווילסט פשוט גאָרנישט טון.

לאַרס מאַנועלסען האָט אַ שפּיי געטון און אָפּגעענטפערט:

— איך בין דיר עפּעס שולדיק?

אָלע יאָהאַן האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט ער דערזען דעם קנעכט מאַרטין מיט אַ בינטל טויטע פייגל אויפן אַקסל.

— וואָס האָסטו היינט געשאָסן? — האָט לאַרס מאַנועלסען מחמת העפלעכקייט געפרעגט.

— גיב אַ קוק — האָט מאַרטין קורץ געענטפערט.

דער קנעכט מאַרטין האָט מיט אַלעמען קנאַפּע עסקים. און בנוגע דעם פֿאָטער פֿון אַ גרויסן מענטשן איז ער נישט אַנדערשווי צו אַלעמען. אַ גרויסער מענטש — ווער איז ביים היינטיקן טאָג גרויס? זינט זיינע פֿריערדיקע באַלעבאַטים האָבן זיך געזעגנט מיט דער-וועלט, קומט מאַרטין זעלטן צווישן מענטשן; ער לעבט, דער עיקר, מיט די זכרונות וועגן די צייטן פֿון דעם הער לייטענאַנט, די צייטן פֿון ווילהעלם ווילאַק האַלמסען III, ווען די איצטיקע פֿרוי פֿונם אַדוואָקאַט ראַש איז געווען אַ דינסט אינם גוט, און גאָטפֿריד דער טע-לעגראַף-באַאַמטער אַ דינער אין זעגלפֿאָס. אין די דאָזיקע צייטן דערמאָנט ער זיך. נאַטירלעך האָט איצט אויך געלעבט אַ ווילאַק-האַלמסען. ער, דער פֿערטער, וועלכן מען רופֿט יונג-ווילאַק. נאָר ער איז געווען אַ קינסטלער און איז זעלטן געווען אין דערהיים. דער קנעכט מאַרטין האָט אים ווייניק וואָס געקענט.

ער גייט ווייטער מיט זיינע געפֿאַנגענע פֿייגל אויפֿן אַקסל און מיט זיינע אַלטמאָדישע געדאַנקען.

— פֿאַרוואָס גייסטו נישט אַריין אין אונזער האָטעל און פֿאַר-קויפֿסט נישט דאָרטן די פֿייגל? דו וואָלסט געקריגן דערפֿאַר אַ מטמון מיט געלט! — זאָגט צו אים לאַרס מאַנועלסען.

צי האָט עס מאַרטין נישט דערהערט? אָ, פֿאַרקערט, זייער גוט. און דאָך גיט ער נישט קיין ענטפֿער. אַזוי שטאַרק געפֿעלט אים נישט דער גרויסמוטיקער פֿאָרשלאַג.

— דו האָסט נישט געזען, ווער ס'איז דאָרט געשטאַנען אויפֿן פֿלאַג-בערגל? — שרייט אים נאָך אָלע יאָהאַן.

דעמאָלט בלייבט דער קנעכט מאַרטין שטיין:

— אויפֿן פֿלאַג-בערגל? קאָרנעליוס פֿון געוועלב, — ענטפֿערט ער דערפֿאַר, ווייל אים האָט געפֿרעגט אָלע יאָהאַן.

— אַך, אַזוי, קאָרנעליוס פֿון געוועלב?

— יאָ.

מאַרטין גייט ווייטער. באַזונדערס האָט ער פֿיינט די צוויי-דייען קנעפּ אויף לאַרס מאַנועלסענס רעקל.

אָלע יאָהאַן און לאַרס מאַנועלסען האָבן ביידע זייער גוט געזען, אַז דאָס געוועלב-יינגל קאָרנעליוס שטייט דאָרט אויפֿן אויס-קוק-אָרט און צייכנט זיך אָפּ אויפֿן הימל מיט אַ פֿלאַג אין

דער האַנט, אָבער זיי האָבן עס געוואָלט הערן אין אַביסל וועגן דעם פלוידערן.

— יאָ, אויב עס איז קאָרנעליוס, האַנדלט זיך עס וועגן אַ זאַך, וואָס האָט אַ שייכות צו די פון געוועלב, אָדער צום פאָטער פער, אָדער צ״ם זון טעאָדאָר; אָבער וואָס קאָן עס זיין?

דאָס געשעפט איז, איבעריקנס, באַשטאַנען בלויז פון איין איינציקן מענטשן, ווייל דער אַלטער פער יענסען גופא איז שוין דאָס אַכטע יאָר געלעגן געליימט אויפן קראַנקן־בעט און איז געווען אַ נול; אָבער דער זון איז געווען אַלץ און האָט זייער אַנטוויקלט דאָס געשעפט. ער האָט עס געפירט אין גרויסן סטיל און איז געווען אויפן וועג צו ווערן אַ רייכער מענטש. אָט דער טעאָדאָר האָט אין אַלץ, וואָס ער האָט אויסשפּעקולירט און אויסגעפירט, געהאַט אַ גליקלעכע האַנט; ער האָט איבערגעשטיגן דעם פאָטער, ער האָט פאַרדינט געלט, בעת דער טאַטע האָט געקאַרגט. דער יונגערמאַן איז אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק און האָט שוין פאַרשטאַנען, ווי צו באַשיצן דאָס געשעפט פון אַלע קאָנקורענטן; ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער אפילו באַגראָבן דעם בעקער צוזאַמען מיט זיין גאַנצער בעקעריי פאַר די חובות, וואָס ער האָט געהאַט ביים בעקער.

נאָר הגם אָט דאָס יינגל, דער דאָזיקער גאָלד־שפּינער, איז געווען גלייכצייטיק אויך אַ שטאַרקע עקשנותדיקע נאַטור, איז ער פונדעסטוועגן געווען אַ באַגרענעצטער מענטש. וואָס האָט מען זיך אייגנטלעך געקאָנט פון אים מערער ריכטן? אַלס געבוירענער פויער, אַלס שווינדלער, האָט ער געפירט, זיין געשעפט זייער גוט, אָבער אויסער זיין געשעפט איז ער געווען, נישט מער, ווי די אַנדערע יונגעלייט פון זיין שטייגער, יאָ, ער איז אפשר געווען נאָך אַביסל ערגער, מיט זיין פּוסטער גאווה און שטותעריי. מענטשן האָבן געזען, אַז ער האָט געטראָגן אויף ביידע הענט פינגערלעך, און אַז טיילמאָל איז ער אַרומגעלאָפן איבער זיין ריזיקן געוועלב מיט זיידענע שלייפן אויף די שיך. אפילו זיינע דאָרפס־חברים האָבן פון אים געחוזקט:

— יאָ יאָ, דאָס וואָלט געמעגט דיין טאַטע זען.

וואָס איז אים אָנגעגאַנגען זיין טאַטע? ער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, ער איז שוין אַוועק אַסאַך ווייטער. זינט לאַנגע

יאָרן האָט ער שוין שפּעקולירט אויף זיין אייגענער האַנט, און ער פֿלעגט קויפֿן אַזויפֿיל פֿיש, וויפֿל ער האָט נאָר געקאָנט באַצאָלן, יעדן יאָר מער, ביז ער האָט לסוף געהאַט זיין אייגן פֿישער-שיפֿל. און איצט איז דער יונגער מענטש באמת געשטאַנען אויף אַ הויכן בערגל און ער האָט געזען אַרום זיך אַ גאַנצע מלוכה. אין הערבסט האָט ער ווידער אַלעמען איבערראַשט דערמיט, וואָס ער האָט זיין קוטער ווידער פֿאַרקויפֿט און אָפּגענומען דערפֿאַר אַ מטמון מיט געלט. צי האָט ער זיך געוואָלט צוריקציען פֿונם פֿיש-האַנדל? יאָ, אויף איין יאָר; ער האָט געוואָלט אָפּכאַפּן זיין אָטעם.

אין פֿרילינג האָט ער אָפּגעקויפֿט ביי אַ געזעלשאַפֿט אין בטערעאַ די שיף „אננא", אַ גרויסע געלעבערטע יאַכט, דורך וועלכע מען וואָלט געקאָנט אַדורכשטעקן אַ גאַנצן שירם. די שיף האָט נישט געהאַט קיין שום ווערט, זי האָט אָבער אויך כמעט גאָרנישט געקאָסט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז די שיף אויפֿן שנעלסטן און בעסטן אופֿן געוועזן פֿאַרריכט, פֿאַרזאָרגט מיט נויטיקע מכשירים, פֿאַרזיכערט און איז געוואָרן אַרויסגעשיקט אויף הערינג-פֿאַנג. „אננא" האָט זיך געהאַלטן פֿעסט. איר באָדן איז נישט צעלעכערט געוואָרן. אפֿשר האָט ער זי געוואָלט אויפֿן ווינטער שיקן אין די לאָפֿאָטן? צו ברענגען קלעפּפֿיש? אָבער דאָס וואָלט געווען פֿאַר איר אַ חורבן; דערפֿאַר טאַקע האָט טעאָדאָר אין דעם יאָר געדונגען אַ פֿראַכט-שיף צו זיינע קלעפּפֿיש. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער צוג, און יעדער איינציקער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פֿאַר אים אַ גרויסער שאָדן. אַ שאָדן? גראָד אין יענער צייט האָט דער דאָזיקער קליינער טעאָדאָר צוגעשטאַלצן אַ נאָדל צו אַ גאָלדענעם צוואָנציק-קראָנשטיק און געטראָגן אָט די אויסערגעוויינלעכע צירונג, אַלס קראַוואַט-שפּילקע. און וואָס איז געשען אין הערבסט, ווען די פֿיש זענען געוואָרן טרוקן און ליכט אויף דער וואָג? טעאָדאָרקע האָט אַריינגעלייגט די גאַנצע לאָדונג אין דורכגעלעכערטן שיפֿל, ווידער זי פֿאַרריכט און אַרויסגעשיקט אויף פֿאַנג. דאָס איז בלי ספֿק געווען די לעצטע רייזע פֿון „אננא"; קוים איז זי דערגאַנגען ביז דער דרום-זייט פֿון פֿאַליא, איז זי אונטערגעגאַנגען; אָבער טעאָדאָרקע האָט נאָך קיינמאָל קיין בעסער געשעפֿט נישט געמאַכט. אַ דאַנק דער דאָזיקער האַנדלונג האָט ער באַקומען דעם קאַפּיטאַל, וועלכן ער האָט געדאַרפֿט

צו זיין ווייטערדיקן שאָף-צוג, דהיינו די באַרימטע קניה פון איידערדוי-גען-פוך, ביים סוחר הענריקסען.

און דערנאָך איז געגאַנגען איין צוג נאָכן צווייטן. באַזונדערס איז אים געגאַנגען אין מסחר מיט אַלטע שיפן; פּונקט האָט ער ווידער פאַרמאָגט אַן אַלטע יאַכט, וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט נוצן. און איצט האָט מען זיך יעדן טאָג געקאָנט ריכטן אויף דער יאַכט מיט די פרישע קלעפּפיש, וואָס האָבן געזאָלט געטריקנט ווערן אויף די פעלזן. אָבער אַן ווינט האָט זי נישט געקאָנט זעגלען. פאַר אָט דער יאַכט אַליין האָט קאָרנעליוס נישט נעקאָנט האַלטן די פלאַג.

אַלע יאָהאַן האָט פאַרמאָגט אַן איינגעוואָרצלטן חסרון, וואָס האָט אים שטענדיק געפּלאָגט: ער איז געווען נייגיריק, ווי אַ פרוי. איצט האָט ער זיך אָנגעבאָטן, זיך אַריינצוכאַפּן שנעל אין געוועלב, כדי זיך דאָרט צו דערוויסן וואָס און ווען, מיטן תנאי, אַז לאַרס מאַנועלסען וועט דערווייל איבערנעמען זיין אַרבעט אין מיל.

לאַרס מאַנועלסען אַרבעט שוין נישט, נאַטירלעך, מיט זיינע אייגענע הענט; ער האָט שוין זיינע חברים און שכנים אַזויפיל מאָל אָפּגעזאָגט, אַז איצטער זאָגט ער נישט באַלד ניין. דערפאַר זאָגט ער:

— איך בין נישט אָנגעטון.

— אָנגעטון? ניין, דו האָסט אַבט קנעפּ אויף דער ברוכט פון דיין רעקל, וועלן זיי מסתמא נישט מעליק ווערן. — חוזקט אַלע יאָהאַן מיט פאַרדרוס.

אָ, וואָס שייך דאָס... — האָט לאַרס מאַנועלסען געענטפערט, גרייט שלום צו מאַכן. — נאָר איך ווייס נישט, צי דאָס וועט נישט שאַרן מיין פאַרוק.

— דער פאַרוק? קאָנסט אים נישט אַראָפּנעמען? און צוליב דעם דאָזיקן פאַרוק ווילסטו זיך אַרויסדרייען פון יעדער אַרבעט? צום טייוול מיט דיין פאַרוק! ווען דו טוסט זי אָן זונטיק אָדער צום אָוונט ברויט, האָב איך גאָרנישט צו דיר.

לאַרס מאַנועלסען לאָזט זיך מיטן קורצסטן וועג צו דער מיל און הערט זיך אויף צו שפּאַרן. דערצו איז ער צו שטאָלץ. ער קוקט זיך אום איבערן אַקסל, צי אַלע יאָהאַן גייט טאַקע צום געוועלב.

אין דער מיל פילט ער זיך היימיש נאָך פון אמאָל און ער געפינט זיין אַרבעט אַליין. אָבער ער בויגט זיך נישט איין קיין איבעריק מאָל און ער הויבט נישט אויף קיין שווערע משא, — דאָס געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, איידער ער האָט באַקומען דעם שטאַרקן עקל צו יעדער אָנשטרענגונג.

דאָ טרעפט ער בערטעלן פון סאַגוויקאַ אויף זיין פּאָסטן. ער איז איצט אָנגעשטעלט ביים מיל־אייגנטימער מיט אַביסל אַ גרעסערן לוין, ווי אין אָנהויב. און ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט ביז דער מדרגה פון אַ פאַרטרויאונגס־מאַן. איצט גייט בערטעלן פון סאַגוויקאַ און זיין פרוי גאָר נישטקשהדיק; ער אַליין פאַרדינט זיין זיבער געלט, און די פרוי, ווי די אַנדערע פרויען, נייט זעק פאַר דער מיל און פאַרדינט באַזונדער. זייערע קינדער זענען געראָטן, און פון יעדן אייגעם קומט עפּעס אַרויס, ווי נאָר עס ווערט קאָנפירמירט. גאָטפרעד איז איצט געווען אָנגעשטעלט אין טעלעגראַפן־אַמט, און די מאָכטער פּוילינע האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט אינם זעגלפּאָסער גוט און האָט נאָך אַלץ געזאָרגט פאַר דער דינערשאַפט, וואָס האָט געאַרבעט ביי יונג־וויללאַץ. די דאָזיקע פּוילינע האָט נאָך געדינט ביים אַלטן ווילאַץ האַלמסען אין דער באַלעבאַטישקייט און זי איז געווען געניט אין קאָכן, אַזוי אַז זי האָט געגעבן דעם האָטעל לאַרסען אַ גוטע, געשיקטע באַלעבאָסטע. און צי האָט יוליוס וועגן איר נישט געטראַכט? אָהאָ! שוין לאַנג האָט ער וועגן איר געטראַכט און האָט זי ליבגעהאַט און געדולדיק אַרומגעטאַנצט אַרום איר, אָבער פּוילינע האָט אים אָפּגעזאָגט. לאַרס מאַנועלסען האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, נישט אַריבערצוגיין אַביסל צו בערטעלן, כּדי אַריינצוכאַפּן מיט אים אַ קליינעם שמועס; ראשית האָט ער דערקלערט, אַז ער איז נישט געקומען ווידער אַרבעטן, נאָר אַ טובה צו טון אַלע יאָהאַנען.

— דאָס פאַרשטיי איך. — האָט געזאָגט בערטעל און האָט אַריינגעלאַכט אין זיך.

— איך גיי נישט מער אַרבעטן, ווייל איך דאַרף עס נישט.

— ניין, ניין, — האָט אָפּגעענטפערט בערטעל און נאָך מער געשמייכלט אין זיך; ווייל מיט די יאָרן איז ער געוואָרן זייער מונטער און הומאָריסטיש.

— ווייל וואָס שייך אָט דאָס, האָט יוליוס דעם האָטעל לאַרסען,

מיט עסן און טרינקען און געלעגער און אלץ, וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלן.

— איך גלויב אזוי.

לארס מאנועלסען זאגט:

— ווי האלט עס? וועט יוליוס חתונה האבן מיט פוילינען? האסט נישט געהערט עפעס וועגן דעם?

— ניין.

— ווייל דאס מוז איך דיר זאגן, — רעדט לארס מאנועלסען ווייטער — אז אין דעם פאל וואלט מיין זון לארסען געקאנט זי אני-טרויען, און עס וואלט געווען א סאך, א סאך פיינער, ווי ווען אן אנדערער וואלט עס געטון.

דערויף האט בערטעל געענטפערט, אז ער ווייסט גארנישט, ווייל זיין פוילינע קאן טון, וואס זי וויל, און עס זעט נישט אויס, אז זי זאל זיך וועלן דערוויטערן פון הויף.

— זי קאן טון, וואס זי וויל! אבער וואס וויל זי? דאס קלינגט דאך ווי אגאט-לעסטערונג. צי טראכט זי נישט אמאל וועגן וויללאצן גופא? א פרייער פויגל און א מוזיקאנט, דא איז ער אין איין לאנד, דא איז ער אין א צווייטן, און אין דעם הויף באלעבאטעוועט דער קנעכט מארטין.

אבער בערטעלן איז נאך פארבליבן עפעס פון זיין אלטן דרך ארץ פארן הויז האלמסען. לארס מאנועלסענס חוזק איבער יונג-ווילאצן האט אים פארדראסן, און ער האט זיך אנגערופן:

— דיין מאמע האט געקראגן א פרייען פויגל, — האט ער געזאגט, — און דאס ביסטו. — ווילאץ שטייט אויף אזוי פיל העכער פון מיר און פון מיינע אייגענע, אז ער זעט אונז גארנישט אויף דער ערד, און נאך וויניקער זעט ער פוילינען, וואס האט זיך אנגעדונגען צו אים פאר ברויט. ווילאץ איז א שררה, אבער וואס ביסטו און וואס בין איך? און פון דיין אומגעוואשענעם מויל, לארס, לאכט ער זיך אויס אדער, העכסטנס, קאן ער דיר געבן אין די ציין אריין.

דא האט בערטעל מיט גרינגשעצונג וויט פאר זיך א שפיי געטון.

לארס מאנועלסען שווייגט און ער ווייסט, ווער ער איז. שוין לאנגע יארן ווי קיינער האט אים אזוי נישט געקרענקט. און ער

לאָזט זיך גיין צוריק אויף זיין פּאָסטן, צו זיין אַרבעט, און ער פאַרלאָזט בערטעלן פון סאַגוויקאַ.

אונטן אויפן וויג קומט גראָד אָן הער האָלמענגראַאַ, דער מיל־אייגנטימער בכבודו ובעצמו. מערקווירדיק, ווי שטאַרק ער האָט זיך פאַרענדערט! אַ גרויע קורטקע, גרויע, פאַרשלומפּערטע הויזן, אַ פּאָר פּעסטע, מיט מעל באַשטויבטע שטיוול און אַ גרויסן נישט אָפּגעפּוצטן הוט — דאָס איז געווען דער גאַנצער שטאָט, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן. די ווינטערס זענען פון יאָר צו יאָר מילדער געוואָרן, אָבער די מענטשן, וואָס זענען פריער געגאַנגען אין דער קורטקע, האָבן איצט געטראָגן מאַנטלען, זיי זענען געוואָרען זייער איידל און האָבן גענומען פרירן; אָבער הער האָלמענגראַאַ איז געקומען אין אַ גרויער קורטקע. אַפילו דער אויפזעער פון אוראַ טראָגט אַ לענטע אויף זיין היטל, און דער לאָטסמאַן גופא האָט ווייסע אַנקער־קנעפּ, אָבער הער האָלמענגראַאַ האָט אויסגעזען, ווי אַ געוויינלעכער שיפער אָדער ווי אַן אַרבעטער־אויפזעער. ווען די מענטשן וואָלטן אין די לעצטע יאָרן זיך נישט צוגעוויינט דערצו און נישט געזען אים אין קיין שום אַנדערע קליידער, וואָלטן זיי זיך מסתמא שטאַרק געוווּנדערט, צי איז דער דאָזיקער מענטש שוין מער נישט געווען דער הערשער טאָביאָס, וואָס האָט געהערשט איבער אַלעמען און געטרעטן מיט די שטיוול אויף זייערע נאַקנס? אָבער ווען נישט די דיקע קייט אויף זיין גאָלדענער וועסט, וואָלט ער עס באמת נישט געקאָנט זיין. ניין, ער וואָלט באמת געקאָנט זיין טעאָדאָרס אַ פּשוטער פיש־טריקענער.

הער האָלמענגראַאַ גייט פאַרביי בערטעלן פון סאַגוויקאַ, און בערטעל גריסט אים. ער גייט צו צו אַ גרופּע פון פיר מאַן, וואָס שיטן מעל אין זעק און בינדן זיי אַרום; זיי גריסן אים אָדער זיי גריסן אים נישט, צוויי פון זיי טוען קוים אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און די אַנדערע צוויי בויגן זיך בביוון איין איבער די זעק און מאַכן זיך נישט זעענדיק. דאָס זענען מאָדערנע אַרבעטער, וואָס טראָגן קאָלאָשן. זיי קומען צו דער אַרבעט אויף וועלאָסיפּעדן, וואָס שטייען טאַקי נישט ווייט.

הער האָלמענגראַאַ רעדט מיט זיי; זיי גלייכן זיך נישט אויס, נאָר בלייבן שטיין איינגעבויגן איבער די זעק, הערן־אויף צו אַרבעטן

און הערן זיך צו. ווען דער באלעבאס ענדיקט, גלייבן זיי זיך אויס, באטראכטן זיך א ווײַלע און זיי הויבן־אן גאנץ הויך, נאך איידער דער באלעבאס דערווייטערט זיך, צו שמועסן צווישן זיך. זיי דריקן אויס זייער צווייפל, צי זיין אנווייזונג איז ריכטיק, פרעגן זיך קעגנזייטיק וועגן זייערע מיינונגען, שפייען־אויס און זענען זיך מישב.

— וואס זאגסטו, אסלאק? — פרעגן זיי.

— וואס זאלן מיר טון? — זענען זיי זיך מישב.

דער באלעבאס האט זיך אויסגעדרייט אוועקצוגיין, ער האט שוין געמאכט עטלעכע שריט ווייטער, נאר ווי ער דערהערט די לעצטע ווערטער, טוט ער א געשריי צו זיי איבערן אקסל:

— וואס איר זאלט טון? טוט דאס, וואס איך האב געזאגט!

דערמיט האלט ער די זאך פאר אפגעטון. אך, אפשר איז זי נאך לחלוטין נישט אפגעטון. נאר דער מיל־אייגנטימער זעט איצטער איין, ווי ער האט עס שוין פריער באמערקט, אז דער רעספעקט צו אים איז פארשוואונדן, ער האט מורא פאר א מחלוקת און ער גייט דעריבער ווייטער. מער האט ער קיין מוט נישט צו טון. שוין פריער האט דער מיל־אייגנטימער אפגעזאגט אסלאקן פון דער ארבעט, אבער דעמאלט האבן די איבעריקע אנגעשטעלטע געדראט אוועקצוגיין. דאס זעלבע איז שוין פארגעקומען צוויי מאל, און ביידע מאל איז געבליבן ווי געווען.

אזא זאך האט געדארפט טרעפן דעם פריערדיקן אייגנטימער פון זעגלפאסער גוט. דעם הער ליטענאנט! א קנאל מיט דער רייט־בייטש אין דער לופטן — געגאנגען! אין משך פון דער צייט האט דער הער האלמענגראא נישט איינמאל געטראכט וועגן דעם ליטענאנט האלמסען: ער האט ווייניק גערעדט, צוויי ווערטער, פיר ווערטער. זיינע אויגן — ווי צוויי קוילן. ווען ער האט מיט דער פויסט ארומגעניסען זיין רייט־בייטש, האט אים געברענט אונטער די פיס, נאר ווען ער האט אויפגעמאכט די האנט און עמעצן פריינדלעך באגריסט, איז דער דאזיקער מאמענט געווען רייך און ווערט צו דערמאנען. מען האט זיך געפילט ביי אים גוט, ווייל ער האט געהערט צו די, וואס קענען באפוילן. דער אנפירער, דער באלעבאס איז ער געווען. צי האט ער געטראגן אויריינגלעך, ווי די יאכט־רייזנדער פון מערב לאנד? צי האט ער געריבערט פון א לאנגער מיט זילבער־באשלאגענער פייפקע?

צי איז ער געווען דיק און געמוזט האָבן צוויי שטולן, כּדי צו זיצן באַקוועם? און דאָך האָט מען פֿאַר קיינעם נישט געהאַט אַזאַ דרך־ארץ, ווי פֿאַר אים, און קיינער האָט אים נישט פּוגע בכּבֿוד געווען!

הער האַלמענגראַא האָט זיך אויף היינטיקן טאָג נישט געקאָנט דערפֿון אָפּוואונדערן. האָט ער דען אַליין נישט געפּרוּווט אויף פֿאַרשידענע אופֿנים, צו געווינען רעספּעקט ביי זיינע מענטשן? יאָ, צי האָט ער זיך נישט אַראָפּגעלאָזן צו ווערן אַ פֿריי־מויערער און זיך צו ווייזן אין הינטערגרונט מיט אַ געהיימניספֿולער מאַכט? אָבער די מענטשן האָבן געהאַט אַ קנאַפּע דאגה דערמיט, קיינער האָט פֿאַר אים נישט מורא געהאַט. אַזוי נאַיוו איז קיינער נישט געווען, און קיינער האָט אויף זיכער נישט געוווּסט, צי איז הער האַלמענגראַא באמת אַ פֿריי־מויערער.

איצט איז ער צוגעגאַנגען צו לאַרס מאַנועלסען.

— גוטמאָרגן, — האָט ער געזאָגט — ביסט ווידער אָנגעקומען צו מיר?

— ניין, דאָס געפֿעלט מיר, דאָס איז נאָר צו פֿאַרטרייבן די צייט.

— ווו איז אָלע יאָהאַן?

— ער איז געבליבן אַ ווײַלע אונטן. איך וועל אים דערווייל פֿאַרטרעטן.

— איך האָב היינט אינדערפֿרי געשיקט אַהער אַ טאָג־אַרבעטער צו הילף, ווו איז ער? — פֿרעגט הער האַלמענגראַא.

— אַ טאָג־אַרבעטער? אפשר קאָנראַדן?

ניין, לאַרס מאַנועלסען האָט קיין שום קאָנראַד נישט געזען.

— ער איז ביי מיר. ער עסט ביי מיר. היינט אינדערפֿרי האָט ער געזאָלט קומען אַהער.

— מסתּמא זיצט ער ערגעץ און וואַרט, זאָל איך אים אויפֿזוכן?

— יאָ, גיי און זוך אים אויף.

אַלץ גייט מיט דער פֿוטער אַראָפּ, און דער טיל־אייגנטימער קנייטשט דעם שטערן. באמת, דער דאָזיקער קעניג פֿון זעגלפּאָסער אַרבעט האָט געהאַט אַסאַך עגמת־נפֿש! מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ער נאָך געווען אַ פֿריינדלעכער מונטערער מענטש, איצט האָט ער בלייבע אָדערן ביי די שלייפֿן, אַ מאָגערע נאָז, פֿיל קנייטשעלעך אַרום די אויגן און אַ גרויע באָרד, אַלץ איז ביי אים געוואָרן דאַר,

די הענט און דאָס פּנים, די פּיס, ער איז געווען הויט און ביינער, אָבער צו איז ער דעריבער קלענער געוואָרן? אויב אַזוי וואָלט ער שוין נישט געווען דער, וואָס פריער! עס איז שוין מער נישט געווען אין זיין אַרבעט דער זעלבער פאַרשווענדערישער פאַרנעם, וואָס פריער, ניין, ער האָט געמאָלט נאָר בייטאָג און געפירט דאָס געשעפט מיט אַ באַגרענעצטער צאָל אַרבעטער. אָבער קעניג טאָביאַס גופא איז נישט געווען צעבראָכן, ער האָט געהאַט מער אויסדויער, ווי ס'איז נויטיק געווען דערצו. בעת ער שטייט דאָ אויפן פּלאַץ און קלערט, און קוקט אַראָפּ איבער זיין ריזיקן שטראָם אַזש ביז אונטן צום ברעג, און ער זעט דעם אָפענעם ים, און נאָר זיין מוח באַוועגט זיך, דעמאָלט דריקט זיין פּנים אויס קראַפט, און זיינע אויגן זענען פול מיט מוט. די יוגנט — זי איז בלי ספק פאַרביי, אָבער די זקנה איז נאָך נישט געקומען, ער איז געווען אַ מאַן אין די יאָרן, נאָר בייזע צינגער האָבן גערעדט, אַז ער האָט נאָך אַנדערע קינדער אין דער געגנט.

לאַרס מאַנועלסען קומט מיטן טאָג-אַרבעטער, און דער באַלעבאָס פרעגט:

— האָסט עפּעס געטון?

— ניין, איך האָב נאָר אויף יענער זייט געוואַרט. — ענטפערט קאָנראַד.

— ער האָט געוואַרט. — מעלדעט לאַרס מאַנועלסען.

— יאָ, וואָרן וואָס האָב איך געקאָנט טון? — ענטפערט קאָנראַד. — אַלע יאָהאַן איז נישט געקומען.

— האָסטו זיך געדאַרפט מעלדן צו מיר, און איך וואָלט דיר שוין אָנגעוויזן אַן אַרבעט. — זאָגט לאַרס מאַנועלסען און ווערט ביי זיך זייער ווייטיק.

אָבער קאָנראַד לאַכט בייז.

— דו? איך האָב זיך געדאַרפט צו דיר מעלדן?

— יאָ, אַזוי האָסטו געדאַרפט טון. — זאָגט הער האָלמענגראַא.

— ניין, אַזוי האָב איך נישט געדאַרפט טון. — ענטפערט קאָנראַד — און אויב איר וועט מיר פאַר דער פאַרלוירענער צייט אַראָפּרעכענען, וועל איך נישט האָבן קיין טענות.

— און דו מיינסט, אַז דעמאָלט וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג? —

פרעגט הער האָלמענגראַא — אָבער די אַרבעט, וואָס דו האָסט געדאַרפט אויספירן איז נישט אָפּגעטון.

— אָבער אַז אַלע יאָהאַן איז פאַרט נישט געקומען? אַנדערש האָב איך דאָך עס נישט געקאָנט טון.

— אין די צוויי מאָל, וואָס דו האָסט שוין פּיי מיר היינט געגעסן, זאָל איך דיר אויך אַראָפּרעכענען? — זאָגט הער האָלמענגראַא.

דערויף ענטפערט דער טאָג-אַרבעטער.

— דאָס עסן? איך האָב אפשר געדאַרפט גיין אויפן ניכטערן האַרצן צו דער אַרבעט? אונז, פאַרדונגענע שקלאַפן, ווערט אַלץ ערגער. היינט פאַרגינט מען אונז שוין נישט אפילו דעם ביסן אין מויל.

עס וואָלט ווידער אַרויסגעקומען אַ נישטקשהדיקע מחלוקת, ווען דער מיל-אייגנטימער וואָלט נישט פאַרשוויגן. ער האָט שוין געוווּסט, וואָס עס קומט אַרויס דערפון: דער מענטש איז געבליבן.

— אייגנטלעך וואָלט איך דיר געדאַרפט אָפּזאָגן פון דער שטעלע. — זאָגט הער האָלמענגראַא און גייט אַוועק.

קאָנראַד איז אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער.

— אַזוי מיינט איר? איך בין אַזוי נאַיוו צו מיינען, אַז ס'איז נאָך פאַראַן געזעץ און רעכט אין לאַנד. און אַז איך וועל אַריינגיין אין דער צייטונג, וועלן זיי אויך האָבן די זעלבע מיינונג.

יאָ, אין דער צייטונג וועלן זיי געוויס האָבן די זעלבע מיינונג, — האָט געטראַכט הער האָלמענגראַא, אין דער גוטער „זעגלפּאָסער צייטונג”, וואָס דערשיינט שוין דאָס זיבעטע יאָר און פירט די גאַנצע געגנט פאַר דער נאָז. דער מיל-אייגנטימער איז שוין נישט איינמאָל געוואָרן דערמאָנט אין בלאַט. מען האָט אים געהאַט פאַרצוואָרפן אַ סאַך חטאים, מען האָט זיך מיט אים פּלייסיק געדונגען וועגן די פּרייזן פון מעל, דער עיקר, איז ווייצנמעל און געביטלט קאָרנמעל צו טייער פאַר דעם געדריקטן מענטשן. אָבער די זעגלפּאָסער צייטונג איז געווען אַן ערלעך בלאַט. דער רעדאַקטאָר איז נישט געווען אָן אָנערקענונג, און ווען ער האָט עפּעס אָנערקענט, איז עס נישט געווען אָן אַ באַדייטונג. „מיר”, פלעגט ער זאָגן, „אונזער מיינונג”, פלעגט ער זאָגן, זעלטן פלעגט ער אפילו באַפן התפעלות פון הער האָלמענגראַאס טיכטיקייט, און איינמאָל האָט ער געשריבן:

„געמענדיק אין באַטראַכט די אומשטענדן, מוז מען דעם הער

האַלמענגראַא אראָפּלאָזן דעם פּרייז פאַר איבערפירן תבואה אין מיל. דער יקרות איז געפאַלן. זיינע פורמאַנעס קאָנען לאָדעווען מיט הונדערט קילאָ מער. דער וועג איז טאַקע לענגער געוואָרן, אָבער די פורמאַנעס ברענגען זיך עס איין אַ דאַנק זייערע גרעסערע וואַגנס. מיר ווילן דעריבער אַרויסזאָגן אונזער מיינונג, אַז דאָס פירן משא איבערן וועג איז פאַר אונזער שטאָט אַ נוצלעכע אונטערנעמונג, הגם מיר קאָנען זיך נישט אָפּהאַלטן צו באַמערקן, אַז אַ פערד פון אַן אָרעמען בעל-עגלה וועט ביי שווערערע בערגלעך אַביסל צוהאָרעווען. עס איז בלי-ספק אויך אַ נוצן פאַר דעם מיל-אייגנטימער, וואָס דער אויסגעמאַטערטער אַרבעטער קאָן אינדערפרי קומען צו פאָרן צו דער אַרבעט אויף זיין וועליסאָפּעד און מיט פרישע כוחות אָנהייבן די שקלאַפעריי פון דעם טאָג. נעמט עס אין באַטראַכט, אַרבעטער!”

לסוף קומט צוקריכן אָלע יאָהאַן. ער געהערט צו די גוטע אַלטע מענטשן אין דער מיל, ער איז נאַריש און באַגרענעצט, אָבער געטריי און שטאַרק. אַן אַרבעטער, וואָס קאַרגט נישט קיין אַרבעט, ווען ס'קומט אים אויס. זיין פאָרם פון העפלעכקייט דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס שוין פון דערווייטן גריסט ער זיך און שרייט:

— — גוט מאָרגן! איך בין שרעקלעך שפּעט געקומען, אָבער איך האָב דערווייל איבערגעלאָזט דאָ לאַרסן.

הער האַלמענגראַא האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און פאַרלאָזן די מיל.

— ער איז געווען ביין? — האָט געפרעגט אָלע יאָהאַן און נאָכגעקוקט דעם הער האַלמענגראַא.

— איך רעכן אַזוי! — האָט לאַרס מאַנועלסען געענטפערט מיט איבערטריבענעם ברען.

— יאָ, גאַנץ רויק איז ער נישט געווען! — האָט געזאָגט דער טאָג-אַרבעטער און בשעת-מעשה זיך אַ וואָרף געטון.

די גאַנצע געשיכטע איז געוואָרן איבערדערציילט און אַרומגערעדט מיט אַלע פרטים. דער טאָג-אַרבעטער האָט נישט פאַרגעסן איבער-צודערציילן, וואָס ער האָט געענטפערט דעם גוטן באַלעבאָס:

— רעכט אין געזעץ אין לאַנד, — האָב איך אים געזאָגט.

— יאָ, איך בין געווען דערביי און איך האָב עס געהערט, — האָט געזאָגט לאַרס מאַנועלסען, וועלכער איז איצט געשטאַנען אויף

קאָנראַדס זייט, און אויפגעמונטערט פון דער דאָזיקער אונטערשטיצונג, איז קאָנראַד נאָך געוואָרן גרעסער ביי זיך.

— דו ווייסט דאָך, לאַרס, און דו אויך, אָלע יאָהאַן, אַז איך טו מיין אַרבעט און איך שלעפּ מיין משא. אָבער ווען ער גייט פאַרביי, ווי אַ טיראַן, אָדער ווי אַן אויפזעער איבער שקלאַפן, דעמאָלט, קען איך אייך זאָגן, בין איך נישט דער מענטש, וואָס זאָג שווייגן. דאָס מעג ער זיך פאַרשרייבן אין זכרון! ווייל אָדער איך זאָג אים מיין מיינונג אין די אויגן, אָדער עס קומט נישט קיין וואָרט אויף מיינע ליפּן.

— ניין, — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט. — נאָר וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, צי ווייס עמעצער, פאַרוואָס מעאָדאָר פון געוועלב האָט אַרויסגעהאָנגען די פלאַג?

קאָנראַד איז געווען באַליידיקט; ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אַ לענגערע ווײַלע קאָנען וועקן זייער אינטערעס. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן, איז פאַרבייגעגאַנגען בערטעלן פון סאַגוויקאַ, די וועלי־סאָפעין, וועלכע ער האָט בשעת מעשה געמיטלעך באַטראַכט, און איז געבליבן שטיין ביי דער גריפּע, וואָס האָט געבונדן די זעק.

אָבער אָלע יאָהאַן האָט זיך אַזוי שווער אַראָפּגעלאָזן אויף אַ מעל־זאַק, אַז דער מעל־שטויב האָט זיך אַרום אים אַ הויב געטון. אַזאַ חזיר! אָך, אָבער עס מאַכט נישט אויס, אַביסל מער מעל, אַ ביסל וויניקער, וואָס שאַדט עס זיין בגד? ער איז שוין פון פריער געווען שמוציק און מעליק, גאַנצע שטיקער זענען אויף אים געהאָנגען.

— פאַרוואָס ער האָט אויפגעהאָנגען די פלאַג? — איך האָב אים געפרעגט, צוואָס ער האָט אויפגעשטעלט אַ מענטשן, וואָס ווערט דאָרטן געפירן? דאָס וועט איר שוין זען, האָט ער געזאָגט.

— יאָ, אַזאַ ענטפער פּאַסט צו זיין גאַנצער נאַטור. — האָט לאַרס מאַנועלסען געענטפערט באַליידיקט.

אָלע יאָהאַן האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעטון דאָס רעקל, כדי זיך מכין צו זיין צו דער אַרבעט. אָבער זיין נייגעריקייט איז געווען צו גרויס, זי האָט אים ממש געלייחמט.

— ווען איך זאָל עס נאָר קאָנען דערגיין! — האָט ער געזאָגט, — ווי מיינסטו, לאַרס?

— איך מיין, אַז דאָס איז ווידער אַ חוצפּהדיק שפּיצל פון דעם דאָזיקן טעאָדאָר.

— ווייסט, וואָס איך רעכן, לאַרס? — האָט אַלע יאָהאַן געענטפערט. — איך גלויב, אַז אויך דאָסמאָל איז עס נישט מער, ווי חוצפּהדיק שפּיצל פון דעם דאָזיקן טעאָדאָר. טפוי זאָל ער ווערן!

אָבער אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך נאָר אַליין אָנגעקאָכט אַ קאַשע און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אַלע יאָהאַן האָט ביי דער אַרבעט נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר און פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגערופן:

— און אפשר איז עס גאָר דער פּרינץ פון דעם שוועדישן קעניג? אפשר דאַרף ער קומען אויף געיעג?

— אַך, וואָס דיר פאַלט איין!

דעמאָלט איז אַלע יאָהאַן געוואָרן אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט גענומען אַזש רייסן אויף זיך דאָס רעקל און געזאָגט:

— קום, מירן גיין פרעגן אַסלאַקן און די איבעריקע, וואָס מיינען זיי וועגן דעם.

אָט אַזוי איז אַוועק די צייט. די דאָזיקע מענטשן האָבן אויף זייער שטייגער געווירקט און געשאַפן מיטן קאָפּ און צוגעשטעלט שפּייז פאַר זייער האַרץ. אויך זיי האָבן געזען פּניטער, ווען זיי האָבן אַריינגעקוקט אין דער מלוכה פון דמיון.

אָבער די אַרבעט איז געשטאַנען אויף איין אָרט.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו אַסלאַקן און צו די איבעריקע, האָט מען ווידער איבערגעקייט די געשיכטע מיטן טאָג-אַרבעטערס מוטיקן אַרויסטריט און מ'איז געקומען צו אַ הסכם, אַז ס'איז פאַראַן געזעץ און רעכט אין לאַנד. און קאָנראַדס זכרון איז חלילה נישט שוואַך געוואָרן, נאָר פאַרקערט, איז נאָך געוואָרן שאַרפער; איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ וואָרף געטון דעם מילאייגנטימער אין צורה אַריין דאָס וואָרט שקלאַפן-אויפזעער און באַלד נאָכדעם דאָס וואָרט פריימויערער. זעקס דערוואַקסענע מענער זענען געשטאַנען און זיך צוגעהערט צום זיבעטנס רייד. און די אַרבעט האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דאָס זענען געווען די מאָדערנע אַרבעטס-מענטשן, וואָס פלעגן קומען מיט וועליסאָפּעדן און מיט לייוונטענע רעקלעך און מיט

זייגער-קייטלעך, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט; מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען שטאָל און אייזן פֿאַר זייערע פֿאָדערונגען און זענען געגאַנגען אין דער רעדאַקציע. אַלע האָבן געהאַט מיינונגען, געוווּסט זייער ווערט, און דאָס זענען גראָד געווען די, וואָס זענען טאַקע עפּעס ווערט געווען, ווייל זיי זענען געווען אַ סך. וואָס קאָנען די אַנדערע טון אָן זיי? און וואָס קאָן מען טון קעגן זיי? איר קאַפּיטאַליסטן, דער טאָג קומט-אָן!

אָלע יאָהאַן האָט זיי געפּרווּט אָנשטעקן מיט זיין נייגעריקייט: דער מאַן אויף דעם פֿלאַג-בערגל. ניין, אַסלאַק און די איבעריקע האָבן דערפֿון גאָרנישט געוווּסט, זיי זענען געוואָרן גלייכגילטיקע מענטשן, זיי האָבן נישט פֿאַרמאָגט קיין ביסל פֿאַנטאַזיע און האָבן זיך ווידער אומגעקערט צו קאָנראַדס ענין. אָך, קאָנראַדס מעשה, אָט דאָס איז עפּעס ווערט, עס דערקוויקט ממש דאָס האַרץ!

אָלע יאָהאַן האָט זיך דערפֿילט אַנטוישט און באַליידיקט; פּלוצלינג האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון, מיט גרויסע שפּרייזן איז ער אַוועק אויף זיין אָרט צוריק צו זיין אַרבעט; אונטערוועגס האָט ער אויסגעטון זיין רעקל און אַ געשריי געטון צום טאָג-אַרבעטער:

— איצט נעם זיך, קאָנראַד, צו דער אַרבעט!

לאַרס מאַנועלסען האָט זיך געלאָזט גיין זיין וועג.

— אַז דו וועסט זיך עפּעס דערוויסן קום מיר לטען השם זאָגן! — האָט אים נאָכגעשריגן יאָהאַן.

— כ'האָב שוין נישט מער וואָס צו טון! — האָט זיך געטראַכט לאַרס מאַנועלסען. — די דאָזיקע אַלטע חברים האָבן שוין פֿאַרגעסן, ווער עס טאַטע איך בין, — האָט ער זיך געטראַכט.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון בערגל און האָט זיך אונטערוועגס געריבן מיט דער האַנט דאָס רעקל.

קאָרנעליוס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפֿן פֿלאַג-בערגל און אויסגעקוקט. אונטן ביים געוועלב איז געווען די זעלבע לעבעדיקע באַוועגונג, ווי יעדן טאָג, קונים און צוקוקער, קינדער און הינט; און קנעכט, וואָס האָבן געקוילערט פֿעסער און קאַסטנס, האָבן איצט אויך געשלעפּט די סחורות פֿאַר די גרויסע פּראָווינץ-קראָמען צום לאַחדים-פֿאַרקויף.

אַזאַ גאָרנישט זאָל קאָנען ווערן אַזוי גרויס!

II

דאָס איז געווען דער זעלבער בנין, אין וועלכן דער אַלטער פֿער האָט מיט יאָרן צוריק געעפֿנט זיין קליין געוועלבל, אָבער שפּעטער איבערגעבויט אַ סאַך ברייטער און ווייטער. דאָס האָט געטון טעאָדאָר.

אויבן, אויפֿן גאָרן, איז געלייגן דער אַלטער פֿער און נישט געשטאָרבן. עס איז געווען אַ וווּנדער, ווי לאַנג עס דויערט ביי אים, הגם ער איז אויף דער געלייםטער זייט שרעקלעך מאָגער געוואָרן, און אַ־שטאָט די פיינע גלידער, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט אַ מאָל, האָבן זיין האַנט און זיין פוס אויסגעזען, ווי אַן איינגעטרוקנטע פּרויען־האַנט און פּרויענפוס. שטאַרבן? נאַטירלעך האָט ער געמוזט שטאַרבן, אָבער נישט איצטער, נישט פֿאַר דער צייט! שוין פֿון דערווייטן האָבן מענטשן באַמערקט, ווי שטאַרק עס ווילט זיך אים נישט שטאַרבן. ער איז געלייגן אין זיין בעט און ווען ער האָט עפּעס געוואָלט, האָט ער געקלאַפּט מיטן שטעקן אויף דער ערד, ער האָט געקלאַפּט גאַנץ אָפּט און גאַנץ שטאַרק און האָט זיך אריינגעמישט אין אַלץ, וואָס אַרום איז פֿאָרגעקומען. שטענדיק האָט ער געהאַט אויף זיך זיין וועסט, כדי ער זאָל יעדנפֿאַלס, מיטן אויבערשטן טייל, נישט אויסזען, ווי אַ קראַנקער, אָבער קראַנק איז ער יאָ געווען און דערצו שרעקלעך געליימט, מיט אַ לאַנגער באָרד און ווייסע לאָקן אויפֿן נאַקן. זומערצייט, אין וואַרעמע טעג, פֿלעגט מען אים אַרויס־טראָגן אויף דער פרייער לופֿט, און עס איז געווען פֿאַר אים אַ גרויסע הנאה צו באַטראַכטן די באַוועגונג אין געוועלב.

אָבער ווינטערצייט, בעת די קורצע טעג, האָט ער נישט גע־לייענט קיין צייטונגען, דערצו האָט בראַנאַייל געקאָסט צו טייער. נאָר ער איז געלייגן אין דער פֿינסטער און זיך צוגעהערט צום מייל־ווייטן געזאַנג פֿון די שוואַנען, און דאָס איז געווען אַן אומ־היימלעכער געזאַנג, פֿון וועלכן עס פֿלעגט אים אָנכאַפּן אַ שווידער. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ שטורם וואָלט זיך געריסן אויף אייזערנע ווענט, ווי די פֿליגל פֿון דער קירך־טיר וואָלטן זיך געוויגט אַהין און אַהער, און גרויסע טויערן וואָלטן געסקריפּעט אויף זייערע זאַוויסעס, הו! און פֿאַרוואָס האָבן די דאָזיקע ווילדע פֿייגל

אַזוי געשריגן אין דער גאַנצער וועלט? קיינער האָט זיי דאָך קיין שלעכטס נישט געטון!

אָבער אין זומער, אין די ליכטיקע נעכט, איז נאָך פֿער געווען אַ גאַנצער מענטש, ער איז געלייגן און געשמידט פּלענער און געמאַכט געשעפֿטן, אַך! דאָס איז נאָר געווען אַ קינדערשער שפּאַס, פּלוידעריי! ער האָט אַרויסגעדרונגען, אַז דער האַנדל און דאָס געשעפֿט ווערן נאָך געפֿירט געגנוי, ווי אין זיינע צייטן, נאָר אַלץ איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן. דאָס זעלבע האָט ער נאָך אַלץ געגלויבט אין זיין אַרטיקל, די וואַסער-בייגל, וואָס די פֿורמאַנעס פֿון ברעג פֿלעגן מיטברענגען מיט זיך אין פֿוסטע פֿעסער און קאַסטנס. ער האָט געגלויבט אין דראָט-טשוועקעס, אין קאַסטנס מיט דריי אָדער פֿיר-צאָליקע טשוועקעס, אין פֿעפֿערמינץ-פּלעצעלעך פֿאַר די שול קינדער, אין פּאַפּירענע קראַגנס און פֿאָרהעמדלעך — וואָס האָבן די מענטשן איצט געטון דער-מיט? פֿער פֿון געוועלב איז געווען אַ מענטש פֿון אַלטן שניט, קאַרג ביז שטותעריי, אַן אויסערגעוויינלעך פֿאַרזיכטיקער, איינגעשפּאַרטער קרעמער. יאָ! אָבער בעת ער איז דאָ געלייגן אויף זיין בעט און געהאַנדלט מיט טויטע סחורות, דעמאָלט ווייסט איין גאָט, אַז ער האָט געוווּסט, וואָס ער טוט, און ס'האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט געשינדן פֿון אַ קונה די הויט. וועמען האָט ער עס געשונדן? וועמען עס איז, אָדער זיך אַליין, אָדער אַנדערע. ער איז געווען ווי געבוירן זיך צו דינגען און צו האַנדלען, און זיין איינגעבוירענער טאַלענט האָט אים אַלץ שטאַרקער געטריבן דערצו; דאָס דרייען מיטן צינגל אין גע-שעפֿט האָט ער שוין לאַנג געלאָזט הינטער זיך, ער איז שוין אַריבערגעוואַקסן דעם גאַסן-שווינדל, איצט האָט ער זיך שוין אפשר אַ קער געטון צוריק: איצט האָט ער געשפּילט אַ שווינדלער, ער איז געווען אַ ביטרער, קאָמישער נפֿש

איצט האָט ער טאַקע אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן אָן דער ערד, אין אַ לאַנגע ווײַלע אַרום איז צוגעקומען זיין ווייב. ער האָט געהייסן רופֿן טעאָדאָרן, און ווען זיין ווייב איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע און זיך נישט צוגעאײַלט, האָט איר דער מאַן נאָכאַמאָל שטרענג איבערגעחזרט זיינע ווערטער. ער פֿלעגט רעדן מיט זיין ווייב נאָר דעמאָלט, ווען ער איז דערצו געצוווּנגען געווען, און ער פֿלעגט אויף איר קיין קוק נישט טון, ניין, זי איז אים אויסגעקומען, ווי אַ נאַרישע קו.

— עס ווענדט זיך, צי טעאָדאָר האָט צייט. — האָט זי געזאָגט.

— זאָל טעאָדאָר ארויפקומען! — האָט געשריגן פער.

אָבער טעאָדאָר פלעגט יאָ קומען, אָדער נישט קומען, עס האָט זיך געווענדט אָן צייט אָדער חשק. ווען דער טאַטע האָט געמוזט צו לאַנג ווארטן, פלעגט ער שיקן נאָך אים פון דאָס ניי, און זיין באַפעל פלעגט דעמאָלט קלינגען נאָך בייזער: גיט נאָר אַ קוק, דער אַלטער אָקסן-קארק פארמאָגט נאָך אַלץ אַ געוויסע מאכט, שוין נישט געריידט דערפון, וואָס דאָס גאַנצע געשעפט גייט אויף זיין נאָמען און הייסט פ. יענסען. טעאָדאָר האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די העזה זיך צו ווייזן פאר זיין פאָטער אין זיין גאַנצן הילוך, זיינע פינגערלעך לייגט ער ס'רוב אריין אין אַ וועסטל-טאַש. דאָס זעלבע טוט ער איצט אויך.

ער בלייבט שטיין פארן בעט, און מחמת איינגעוואָרצלטן דרך ארץ פונאַמאָל, זעצט ער זיך נישט אויף קיין שטול.

— האָסט נישט געקאָנט באַלד ארויפקומען צו מיר, ווען איך האָב דיך גערופן? — זאָגט דער טאַטע.

— איך בין געווען אין קעלער. — ענטפערט דער זון.

— איך גלויב עס נישט. עס זענען דאָ ביי אונז שוועבעלעך?

— שוועבעלעך? אוודאי...

— זיי ווערן נישט טייערער?

— די שוועבעלעך? ניין.

— מיר מוזן נאָך איינקויפן אַ טויזנט גראָס, וועט זייער פרייז שטייגן. — זאָגט דער אַלטער.

— טויזנט גראָס? דאָס איז דאָך אַ גאַנצע שיף. ווו וועלן מיר עס אהינטון?

— אין שיפער-הויז. דאָ זאָל מער נישט זיין קיין טאַנץ-זאַל, עס איז אַן עברה. איך האָב געהאַט וועגן דעם אַ שלעכטן חלום. זאָל די אויסגעלאַסנקייט אין שיפער-הויז באַקומען שוועבל.

מחמת איינגעוואָרצלטן רעספעקט צעלאַכט זיך טעאָדאָר נישט און טוט זיך נישט קיין פאַטש אויף די קני; אָבער דער טאַטע וויל גאָר אונטערברענגען די תאווה, פארטיליקן דעם טייוול מיט

שוועבעלעך! עס פעלט אים אפילו נישט איין, אז מען קאָן דערביי עפּעס פאַרלירן. ער וויל אויסקויפן די פאַבריק און ווערן דער איינציקער פון אַלע שוועבעלעך אין גאַנצן צפון-לאַנד. קינדערשע שטותּיי — דער פאָטער איז געוואָרן קינדעריש. טויזנט גראָס שוועבעלעך קאָן מען גאָרנישט לאָדעווען, זיי פאַרנעמען אַ מוראדיקן אָרט און וועגן גאָרנישט. און וואָס וואָלטן איינגעבראַכט טויזנט גראָס שוועבעלעך? גאָרנישט מיט נאָרנישט. יאָ, ווען דאָס וואָלטן געווען שפּאַציר-שטעקנס אָדער בלויע שטאָף!

— טויזנט גראָס שוועבעלעך. אזוי האָב איך באַשלאָסן. נו, און זאַלץ האָבן מיר? — פרעגט דער אַלטער ווייטער, און ער האָט בדעה דורך אַ שווער געוויכט אויפן שיף-באָדן איינצוהאַלטן די גלייכגעוויכט פון דער שיף.

— זאַלץ? מיר האָבן, וויפיל ס'איז נויטיק אויפן זומער.

— דאָס זאַלץ-פאַס איז פול?

— גאַנץ פול, קאָן מען נישט זאָגן, אָבער זאַלץ גייט חסר אין דער היץ.

— דו, שנעק איינער, דו ווילסט לערנען דיין טאַטן? הונדערט טאָן זאַלץ, דו הערסט? גיי און פאַרשרייב עס!

דאָס איז געווען אמתע פּלוידעריי. טעאָדאָר איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן און האָט עס נישט פאַרשריבן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק דעם טאַטן איז געגאַנגען אין לעבן צו קויפן די שוועבעלעך אויף צו להכעיס די אויסגעלאָסענע טענצער, דאָס געשעפט זאָל אפילו האָבן אַ גרויסן שאָדן אין זאַלץ; אָבער דער טאַטע איז נישט געווען פעיק צו באַרעכענען די זאַך. אין דעם שיפער-הויז האָט מען קיין זאַך נישט געדאַרפט ענדערן, דאָרט איז געווען דער טאַנץ-זאַל פון דער יוגנט, וואָס האָט געברענגט אויסערגעוויינלעכע הכנסות, פשוט אומזיניקע. פאַרשטייט זיך, אז מען האָט איצט צוגענומען פון געוועלב דאָס רעכט צו פאַרקויפן ווייַן; נאָר פונדעסטוועגן, אז עמעצער פלעגט קומען צו טעאָדערקען, איז ער אים שטענדיק אנטקעגנגעקומען מיט אַ פלאַש אויפן שבת-מאָלצייט. און ווען טעאָדאָר גופא פלעגט אמאָל אין אַ יובל קומען אין שיפער-הויז אין זיין גאַנצער פּראַכט און מיט שלייפלעך אויף די שיך, האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ שררה, פאַר אַ גרויסן פּריץ און

רייכן מאַן. און ביי די מיידלעך, וואָס זענען דאָ געווען, האָט ער אויסגעזען, ווי דער אידעאַל פון דער וועלט. איבעריקנס, האָט זיך דער יונגער טעאָדאָר געליבט אין אַ פּרינצעסין, און די מיידעלעך האָבן פאַר אים נישט עקזיסטירט. גאָט האָט מסתמא אַראָפּגעלייגט אויפן דעק פון זיין האַרצן די דאָזיקע שווערע יסורים, כּדי ער זאָל נישט משוגע ווערן פון שטותעריי און לייכטזין. אָבער דאָס איז געווען אַן אמתער קרייץ.

טעאָדאָר האָט ווידער אָנגעטון זיינע פינגערלעך און איז אַריין אין זיין געוועלב, אין זיין מלוכה. די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען ביים טאָמבאַנק און פאַרשטעלט אים דעם וועג, האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט; ער האָט אויפגעהויבן די קלאַפּע, אַריינגעגליטשט זיך דורך דעם שמאָלן דורכגאַנג און ווידער פאַרמאַכט די קלאַפּע הינטער זיך, איצט איז ער דער אָנפירער. דער יונגער מענטש האָט אונטער זיך צוויי משרתים, די שופליאַדן זענען פול, דער סופיט פאַרהאָנגען מיט סחורות, די פּאָדלאָגע אָנגעשטעלט מיט סחורות, דאָס איז אַ געוועלב פון כּל טוב: זיידנשטאָף, הייוון, פוטער-קיבל, טעאָדאָר פלעגט זיך אַנאָנסירן אין דער זעגלפּאָסער ציימונג, בלויז ווייל אַזוי האָט געפּאַסט, אָבער ס'איז געווען נישט נויטיק, ער האָט נישט געהאַט קיין שום קאָנקורענטן, נאָר ער האָט געפירט דאָס געשעפט אויף אַ מאָדערנעם שטייגער.

דער אַלטער פער האָט, אייגנטלעך, קיין אַנונג נישט געהאַט, וואָס עס קומט פאָר אין דער אמתן אונטער אים. שוועבעלעך, האָט ער געזאָגט, זאַלץ, האָט ער געזאָגט. צי מיינט ער, אַז היינט איז ווי אַמאָל, אין זיינע צייטן, ווען ער פלעגט דעם גאַנצן פריון פון טאָג אַריינשטאָפּן אין אַ לעדערנעם בייטל און ביינאַכט אים לייגן צוקאָפּנס אונטער דער קישן? איצט ווערט די הכנסה אַריינגעטראָגן אין גרויסע ביכער און מען לייגט דאָס געלט אין קאַנטאָר אין אַ פייערקאַסע, און אין קאַנטאָר זיצט טעאָדאָר אַליין אויף אַ הויכן דריי-שטול און שרייבט אין דער גאַנצער וועלט.

פריער, די ערשטע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען קליין, פלעגט ער זיך אונטערשרייבן „מיט גרויס דרך ארץ טעאָראָר פּעדערסען“. ווייל דער טאַטע האָט געהייסן פּער, אָבער איצט שרייבט ער זיך אונטער טעאָדאָר יענסען, ווייל דער טאַטע האָט

געהייסן יענסען. זיין מאַמע האָט עס געטויפט דעם טאַטן, זי האָט געטראָגן אַ הוט און געוואָלט זיין אַ מאַדאַם. אָט אַזוי איז אַלץ געגאַנגען באַרג-אַרויף איינס מיטן אַנדערן, און צום בעסטן איז געגאַנגען דער מסחר. שוועבעלעך און זאַלץ? ניין, קאָנסערוון און מאַקאַראָן און שווייצערקעז. דער איינגעשפּאַרטער קאַליקע דאָרט אויבן, אויפן גאָרן, האָט געוואָלט האַנדלען מיט ציגן-קעז, ווי אַמאָל — אַ נאַאיער מענטש. ציגן-קעז האָט מען בכלל נישט געקאָנט איינקויפן, ווייל קיינער האָט קיין ציגן נישט געהאָדעוועט. די דאָזיקע סחורה איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַזוי גוט ווי פּאַפּיר-קראַגנס און וואַסער-בייגל. דער אַלטער האָט געקאָנט אָנשטאָט ציגן-קעז קריגן עפּעס אַנדערש, ווי למשל שמאַנט-קעז, אָדער הויפּישן קעז — יאָ, זיינע רייד זענען געווען אַרויסגעוואָרפן. דער טאַטע איז געווען דער ערגסטער קונה, וואָס דאָס געוועלב האָט פאַרמאָגט, ווייל ער איז געווען אַזוי שרעקלעך אַלטמאָדיש. אויף מילך מיט לאָקשן איז ער געווען אַ מבין, אָבער מאַקאַראָן — וואָס איז דאָס פאַר אַ מאכל? ער האָט נישט מיטגעמאַכט די אַנטוויקלונג פון דעם אָרט און פון די מענטשן; איצט איז שוין נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל נישט עסן מאַקאַראָן געקאָכט אין וואַסער, און עס האָט דווקא געשמעקט ווי אַ קיכל, געשמעקט פּראַכטפול, און מען וואָלט באמת געדאַרפט דאָ האָבן אַזאַ צעבוואָלעטן מאַקאַראָן-וואַלד, ווי אין אויסלאַנד.

אָבער איבער אָט די אַלע נוצלעכקייטן איז געשטאַנען די באַקוועמע לייכטע ווירטשאַפט! פּוטער! מען האָט זיך איצט מער נישט צוגערירט צו קיין פּוטער, מען איז געגאַנגען אין געוועלב און געקויפט „פּעלערין”. די שפּייז-קאַמער און דער קעלער פול מיט פלייש און ווורשט און פיש? מען וואָלט געלאַכט אין די פויסטן, ווען אימיצער לייגט זיך נאָך איין זאַלץ-פלייש! עס זענען דאָך געווען פלייש-פּאָט-אַוועס אָן אַ שיר! זיי ווערן גוט געקאָכט, זיי ווערן באַלד צעקייט אין טאָפּ און מען קאָן זיי צו יעדער צייט בינדן אין אַ שמאַטקע און געבן די מענטשהייט צו זויגן. אַך, ווי די אָרימע באַלעבאָסטעס האָבן זיך אַמאָל געמוזט מאַטערן אין זייער ווירטשאַפט! צו וואָס דאַרף איצט דער מענטש האָבן ציין? ציין הענגען זיך גאַנץ פיין אַרויפגעשנירט אויף אַ בענדל אין קאַבינעט פון אַ דענטיסט און צו די דאָזיקע מאכלים דאַרף מען האָבן נישט מער, ווי אַ לעפל. די

געקאָכטע מאכלים זענען צוליב דעם געווען אומגעזאַלצן און האָבן געווירקט זייער איידל אויף די מענטשן, וואָס האָבן שוין דערפון געקראָגן מאָגן-געשווירן. נו, איז עס נישט געווען קיין אַנטוויקלונג אויף דער גאַנצער ליניע?

אָבער דער שוסטער נילס און זיין זון זענען געבליבן אָן ברויט. זיי, וואָס זענען אַ מאָל געווען די וויכטיקסטע מענטשן אין זעגלפאָס און אין דער גאַנצער אומגעגנט, און פלעגן נייען לעדערנע שיך, וואָס האָבן געהאַלטן אַ יאָר, אַפילו צוויי, און אַרויפזעצן אַ פּאָר זוילן, וואָס איז געווען אַ מחיה אָנצוקוקן, — זיי זענען געבליבן אָן ברויט. איצט האָט דער עולם געקויפט פאַרטיקע שיך אין געוועלב. אָט אַזוי איז עס. און די שיך האָבן גרויסאַרטיק געגלאַנצט, האָבן געהאַט שפּיציקע נעזלעך און האָבן אויסגעזען אַזוי פיין, אַז ס'האָט זיי געראָנען דאָס שפּייעכץ פון מויל.

ווען דער שוסטער נילס האָט זיך, נעבעך, אָנגעליטן אַ שיינע פּאָר יאָר און געוואָרן וואָס אַ טאָג דאַרער, ממש זיין אייגענער שאָטן, און לייכט אויף די פיס, ווי אַ גלח; בעת ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די הייזער און אויסגעקוקט, נעבעך, אַ שעלכל קאַווע מיט אַ פּענעצל ברויט, — און ווען ער האָט אויף יעדן מיסטקאַסטן געפונען די דאָזיקע פאַבריק-שטיוול, וואָס דער עולם האָט אָפּגעטראָגן אַ פּאָר חדשים און אַרויסגעוואָרפן, — יאָ, ווען דער שוסטער נילס, הייסט עס, האָט זיך נעבעך אָנגעליטן אַ שיינע פּאָר יאָר, האָט ער איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַוועקגעשיקט דעם זון קיין אַמעריקע, און ער אַליין איז געבליבן, ווי נאָך אַ שׂרפה, און געשטאָרבן צען מאָל אַ טאָג פון הונגער. צייטנווייז פלעגט ער אויך אָנטרעפן אויף אַ גוטע נשמה, דאָס מוז מען צוגעבן. ער פלעגט טרעפן דעם פאָרשטייער פון טעלעגראַפן-אַמט באַרדסען און פלעגט ביי אים כאַפּן אַ פּאָר גראָשן. צווישן זיי ביידן האָט געהערשט אַ גוט-פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס נילס איז איינמאָל געקומען צוגיין אין טעלעגראַפן-אַמט און האָט אים געמאַכט אַן אָנצוהערעניש אויף זיינע שטיוול און געבעטן, ער זאָל אים געבן צו לייגן זוילן.

ניין, — האָט געענטפערט באַרדסען — דאָס לוינט מיר נישט.

אָבער אַ שנאַפּס און אַ צוויי קראָן האָט ער יאָ ביי זיך, — האָט ער

געזאָגט, און — זינט דעמאָלט פלעגט דער שוסטער שטענדיק באַקומען פון באַרדסענען אַביסל שיריים.

יוליוס איז אויך טײלמאָל געווען גוט צו נילסן; דער האָטעל לאַרסען פלעגט אַ וואָרף טון אַ ביינדל דעם אויסגעמאַטערטן אָרעמען נפש.

— גיב נילסן אַ קיי צו טון, ער קומט פון אַ ווייטן וועג. — פלעגט זאָגן דער באַלעבאָס יוליוס צו זיין מאַמען, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַרום דער קיך.

— גיב אים אַ נישטקשהדיק שטיק פלייש, מאַמע, — פלעגט זאָגן יוליוס.

— און ווען דו וועסט זיך פון דאַגען לאָזן צום הויף און דו וועסט קומען צו פוילינען, זאָלסטו נישט אָוועקגיין פון האָטעל לאַרסען מיט אַ ליידיקן מאָגן, — פלעגט זאָגן יוליוס צום שוסטער נילס.

— ס'האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז איך זאָל פאַרבייגיין דעם האָטעל לאַרסען אָן אַ שיינעם כּיבוד. — פלעגט פון זיין זייט זאָגן דער שוסטער נילס, און גערעדט האָט ער מיט חניפה און הכנעה. אַ כּיטראַק קען !

די צווייטע קיך, ווו נילס איז געוואָרן גוט אויפגענומען, איז געווען ביי דער פרוי אַדוואָקאַט-ראַש. דעם אַדוואָקאַט גופא האָט דער שוסטער נילס קיינמאָל נישט אָנגעקוקט, ניין, ער איז געווען זייער פעט און דיק, רק געזעסן אין זיין קאַנטאָר, און שווער גע- אָטעמט און געפירט גרויסע געשעפטן; דערפאַר אָבער פלעגט דער שוסטער נילס זען די פרוי ראַש, די פשרע נשמה, זי, וואָס איז אין די צייטן פון דעם הער לייטענאַנט געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע אין זעגלפּאָס און שפּעטער געוואָרן אַן אָנגעזעענע פרוי. יאָ, אַנטקעגן פריער איז עס באמת געווען פאַר אַלעמען אַ דערהויבונג ! ביי די לייטענאַנטן האָט די באַלעבאָסטע נאָר פאַרדינט איר שבירות, אָבער מערקווירדיק, וואָס זי איז דעמאָלט געווען צופרידן און גליקלעך. איצט איז זי געווען פרוי ראַש, געהאַט אַ ממון מיט געלט און איז געווען אַ מוטער פון צוויי קינדער, וואָס האָט איר נאָך געפעלט ? און דאָך איז די פרוי פונם אַדוואָקאַט געווען עלנט, נערוועז און אויפגערעגט, אָפט געוויינט און אָנגעטון זיך זייער איינפאַך, הגם זי האָט זיך

געקאָנט אָנטון אין בגדי-מלכות. דאָס איז געווען שוין איינמאָל א מצב! האָט זי נישט געהאַט קיין כוח צו ווערן א מאַמע פון צוויי קינד'ער? אָדער זי האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם אויפזעער פון הער האַלמענגראַאַס מאַגאַזין, מיט וועלכן זי איז געווען פאַרקנסט, בעת אדוואָקאַט ראַש האָט זיך אַריינגעמישט און מיט איר חתונה געהאַט?

ווען דער שוסטער נילס פלעגט קומען צו גיין מיט א בעזים, וואָס ער האָט פאַר איר צוזאַמענגעבונדן, אָדער מיט א קינדערשן שיבל, וואָס ער האָט אַביסל אויסגעלאַטעט, פלעגט זיך פרוי ראַש צוזעצן צו אים און אים מיט עפּעס מכבד זיין; זי האָט אָפט גערעדט מיט אים מכּח די אַלטע צייטן און זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין זון אין אַמעריקע. יאָ, די דאָזיקע מערקווירדיקע פרוי ראַש האָט עס אויפגעגעבן דעם פּלאַן אַוועקצושיקן אים קיין אַמעריקע; אָבער געלט האָט זי אַליין נישט געהאַט, נאָר אַפּאָר קראָן, צוואַנציק קראָן, וואָס זי האָט צונויפגעקליבן דורך לאַנגע חדשים פון פאַרשידענע קליינע קניפּלעך, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון דער שטוב-הוצאה. די נאַרישע פרוי האָט זיך שיר נישט צעוויינט, בעת זי האָט אַוועקגעגעבן נילסן די צוואַנציק קראָן. די דאָזיקע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס פאַר זיין זון, און איר גאַנץ פּנים איז רויט געוואָרן פון בושה, וואָס זי גיט אים אַזוי ווייניק.

— נאָר גיב א קוק, אָט דאָ איז פאַראַנען מערער, דאָ האָסטו די גאַנצע נויטיקע סומע צו דער רייזע, דאָס איז פון יונגן ווילאַץ, דו ווייסט דאָך, ווילהעלם האָלמסען. — האָט זי געזאָגט.

און פרוי ראַש האָט ווייטער דערציילט, אַז זי האָט געשריבן צום יונגן ווילאַץ, וועלכער געפינט זיך ווייט, אין דער גרויסער וועלט. ווי ער טרעט-אויף מיט מוזיקאַלישע קאָנצערטן און איז א באַרימטער מענטש. נו, צו אים האָט זי עס געשריבן און באַקומען אַלץ, וואָס זי האָט געבעטן, אַפילו נאָך מער. געלט? — האָט דער יונגער ווילאַץ געענטפערט. — אדרבה! - האָט ער געענטפערט. ער האָט געטון, פונקט ווי אַמאָל זיין פאָטער, ווען צו אים איז עמעצער געקומען און אים געבעטן א טובה. אַך, די האָלמסענס אין הויף, אָט, דאָס איז געווען א הערשאַפט! און דער זון איז געווען פונקט ווי זיינע

עלטערן, איצט, זומערצייט, וועט ער אוודאי קומען אהיים און בלייבן א לענגערע צייט אינם גרויסן הויז.

פרוי ראַש איז מערקווירדיק גערירט, זי רעדט מיטן שוסטער זייער באַגייסטערט און קוקט זיך נישט אום דערויף, וואָס אירע דינסטמיידלעך הערן זיך צו. אָבער אינמיטן מאַכט עס פּלוצלונג דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געזעסן אויף שפּילקעס. זי דערמאָנט נילסן, ער זאָל גיכער אויפעסן דאָס ברויט מיט פּוטער, דאָס שטיקל קוכן, ווייל זי דאַרף אַראָפּרוימען פון טיש, ער זאָל נישט זיין אָנגעשטעלט. דערנאָך גייט זי אַריין אין שפּייזקאַמער, און ווען זי קומט אַרויס, פרעגט זי דעם שוסטער, צי ער וועט מיטנעמען צו פאַרריכטן אויך די אַנדערע קינדער-שיכלעך.

— איך האָב געמאַכט דערפון א גרויס פּעקל, כּדי איר זאָלט עס נישט אָנווערן, — זאָגט זי.

ווען דער שוסטער נילס שטייט שוין ווידער מיטן פּעקל אונ-טער׳ן אָרעם פאַרן טיר, ווערט פרוי ראַש רויקער און זי נעמט זיך ווידער אויספרעגן.

— ווי גייט עס דיר, אייגנטלעך? גייסט נישט גענוג וואָרעם אָנגעטון.

— וואָרעם אָנגעטון? — ענטפערט אָפּ נילס, און איצט, ווען ער איז זאַט, נעמט ער שפּאַסן און ער לאַכט מיט זיין אויסגעמאָגערטן פּנים. — איך דאַרף באמת נישט מער, ווי איך טראָג, און אויסערדעם לויף איך אַזוי געשווינד, אַז די קעלט קאָן מיך נישט דעריאָגן, כאַ, כאַ, יאָ, אַזוי טו איך. — זאָגט דער שוסטער נילס.

פרוי ראַש פרעגט וויטער:

— דיין זון האָט דיר גאָרנישט צוגעשיקט?

— נו, — ענטפערט נילס — אוודאי! דער עיקר, נאַטירלעך, בריוו, ווייל אַזוי גלענצנד גייט אים נאָך נישט, אָבער איך בין צופרידן, וואָס עס גייט אים כאָטש אַזוי.

— און מער ווי בריוו האָסטו פון אים גאָרנישט געקראָגן? — פרעגט פרוי ראַש.

— יאָ, א פאָטאָגראַ..יע.

— און מער נישט?

— ניי—ן, אָבער ער האָט מיר צוגעזאָגט דאָס צווייטע מאָל עפּעס

צו שיקן. ער שרייבט מיט גרויסע ווערטער און זייער דייטלעך, און מען קאָן עס גוט לייענען. און ער שרייבט זיך אונטער נעלסאָן.

— ווען דער הער לייטענאַנט וואָלט עס דערלעבט! — זאָגט פרוי ראש און ביילט צונויף די פויסט. — ביי אים וואָלט זיך דיין זון אַזוי אויסגעלערנט שרייבן, אַז ס׳וואָלט געווען נאָך לייכטער צו לייענען!

אויף דעם ענטפערט נילס נישט קיין איין וואָרט. נאָר ווען ער דאַנקט איר און וויל זיך לאָזן גיין, זאָגט פרוי ראש, אַז זי וועט זען, דער יונגער וויללאַץ זאָל שרייבן אַ בריוו צום דאָזיקן נילסאָן, צו זיין זון אין אַמעריקע. דער שוסטער, וואָס איז פאַרבלענדט בנוגע דער געטרייקייט פון זיין אַמעריקאַנער זון, ענטפערט:

— יאָ, אָבער... ניין, עס קומט אים אפשר אָן נישט אַזוי לייכט. אָבער זאָל גאָט אפהיטן, אויף דער פאָטאָגראַפיע זע איך, אַז ער מאַטערט זיך, נעבעך, גאַנץ פיין, ער האָט נאָר דאָס, וואָס ער דאַרף נויטיק, קליידער, אַ זייגער א. א. וויטער. ער שרייבט, אַז ער האָט בדעה צו קומען אביסל אַהיים; און וואָס שייך מיך, וועל איך שוין ביז דעמאָלט, ווי עס איז, דורכקומען. יאָ, און איך דאַנק אייך זייער, פרוי ראש.

— קום נאָך אַמאָל! — זאָגט פרוי ראש.

ווען דער שוסטער איז אוועקגעגאַנגען האָט זיך פרוי ראש אויסגערעדט פאַר אירע מיידלעך: זי וועט אים שוין ווייזן, דעם אַמעריקאַנער פריץ, דעם דאָזיקן נעלסאָן! אַ פאָטאָגראַפיע גאָר! דערפון, מיינט ער, וועט זיין אויסגעדאַרטער טאַטע זאַט ווערן.

— אָבער וואַרט, ביז דער יונגער וויללאַץ וועט קומען אַהיים.

און איצט דערמאָנט זי זיך פּלוצלינג, אַז זי מוז גיין קיין זעגלפאָס, אין זהויף אריין. זי וויל עס טאַקע באַלד טון, זי האָט עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג, אָבער איצט וויל זי מער קיין איין רגע נישט וואַרטן.

— גיב מיר מיין מאַנטל, פלאָרינאַ! און פאַרגעסט נישט, מיידלעך, אַז איינע פון אייך מוז למען השם אַריינגיין אין געוועלב און קויפן קאַווע.

אַך, די גוטע פרוי ראש, זי האָט צוגעזאָגט דעם יונגן וויללאַץ

צו כאַפּן אָפּט אַ קוק אין זיין הויז, און איצט איז זי טאַקע גע־גאַנגען אַהין, אין דעם הויף איז פוילינע געווען די באַלעבאָסטע. זי איז געווען אַ טיכטיק מיידל און געהאַט אונטער זיך עטלעכע דינסטן. אויסערדעם איז דאָרט אויך געווען דער קנעכט מאַרטין, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער לאַנדווירטשאַפט און געהאַט צו זאָגן איבער דעם שלימזל פעטער און איבער די אַנדערע קנעכט.

פרוי ראָש האָט שטענדיק אַלצדינג געפונען ריין און אין אָרדנונג. נאָר אין הערבסט און אין פרילינג האָט זי געוואָלט זען די זילבערנע כלים. יאָ, דאָס האָט זי פאַרלאַנגט, דאָס איז געווען איר חוב, ווייל זי האָט עס צוגעזאָגט, און אויסערדעם זענען עס געווען זילבערנע כלים, וואָס האָט געלוינט די טירחה זיי אָנצוקוקן! אַך גאָט מיינער, די טאַצן, די שיסלען מיט די עכט באַגילדטע אויערן, די בעקנס צו קיכל, די טעצלעך, די מעסער מיט די הירשן־קעפּ אויף די הענטלעך, זילבערנע וואַש־געשיר פאַר די צימערן פון דעם חשובן הער און דער חשובער פרוי. און אומעטום, נישט געווען קיין שטיקל אָרט אָן אויסערגעוויינלעכער עשירות, אייל־בילדער, מאַרמאָר־פיגורן, באַגילדטע הענגלייכטערס און צירונג־קעסטלעך.

פרוי ראָש האָט זיך געקוויקט מיטן גאַנצן האַרצן, פון איר דינסט אין הויף האָט זי געירשנט אַ שטאַרקן יראת־הכבוד פאַר אַלע זאַכן פון הויף, אָבער דאָרטן איז קיין זאַך נישט געווען אַזוי ווי דאָ, אַפילו אין די קאָרידאָרן און אין די טרעפּ.

— יאָ, איך ווייס נישט, פון וואָס דאָס איז געמאַכט, — האָט זי געזאָגט — אָבער עס גלאַנצט, ווי גאָלד.

און ווען זי האָט איינמאָל געלייענט אין אַ צייטונג וועגן אַ גאָלדענעם שפּייז־סערוויז, ביי איינעם אַ פירשט, האָט זי זיך אָנגע־רופן צו אירע מיידלעך אין קיך:

— אין הויף האָבן מיר געהאַט אַ טיש־געשיר, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט גענוצט.

— פון גאָלד? — האָבן די מיידלעך געפרעגט.

— פון גאָלד קאָן איך נישט זאָגן, — האָט פרוי ראָש גענט־פערט — אָבער פון זילבער אויף זיכער. מיר האָבן עס קיינמאָל נישט גענוצט, ווייל ס'איז געווען צו קאָסטבאַר. מען האָט עס קיינמאָל נישט אַרויסגענומען, נאָר שטענדיק געהאַלטן פאַרפּאַקט.

באקלערט נאַר, טעלער פאַר פיר און צוואַנציק מאַן!

— זילבערנע טעלער? — האָבן די מיידלעך אויסגערופן.

פרוי ראש האָט געענטפערט:

— יאָ, זיי זענען געווען אָדער פון זילבער, אָדער פון גאָלד; אָבער איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב איינמאָל געזען פיר און צוואַנציק טעלער.

נו יאָ, פרוי ראש האָט נישטקשהדיק איבערגעטריבן, זי האָט געזאָגט אַ ליגן און איז בכלל געווען גוט געשטימט. דעריבער איז זי געווען זייער אויפגערוימט, בעת זי איז געקומען קיין זעגלפאָס, און ווען זי האָט דערזען פּוילינען, האָט זי צו איר אַ געשריי געטון:

— עס קומט דער אינספּעקטאָר און וויל רעווידירן דאָס געווער!

פּוילינע האָט געענטפערט:

— גראָד גוט, ווייל מאַרטין האָט נאָר-וואָס דערהאַלטן אַ ידיעה.

— ער קומט?

— יאָ. אָט קומט ער באַלד, און איר מוזט אונז זאָגן, וואָס מיר זאָלן טון.

דאָס איז נישט געווען אַזוי גרינג צו זאָגן, מען האָט זיך געמוזט גענוי מישב זיין. דער יונגער ווילאַץ האָט אויסער דער דירה אין הויף געהאַט נאָך די צוויי צימערן אין מויער, ווו זיין טאַטע האָט געלעבט ביחידות. וווּ-זשע וועט איצט וועלן וווינען דער זון? ביידע דירות זענען געווען נישט אָנגערירט צוזאַמען מיטן מעבל.

— שרייבט ער נישט, וווּ ער וויל וווינען? נו, פּוילינע, דו מוזסט דאָ אַלץ מאַכן אין אָרדנונג. דו מיינסט, אַז אַ מענטש, ווי ער, וועט קאָנען וווינען ערגעץ אַנדערש, ווי אין הויף? גרייט צו די צימערן פון זיין פאָטער, דעם הער לייטענאַנט, דעם גאַנצן צפון-פליגל, דו ווייסט דאָך. קום, לאָמיר גלייך אַריבערגיין אַהין.

זיי זענען ביידע צוזאַמען אַריבערגעגאַנגען. אין יעדן צימער האָבן זיך ביי פרוי ראש אָפּגערופן זכרונות. זי איז אַרומגעגאַנגען און געגעבן באַפעלן, ווי אין די אַלטע צייטן, מיטגעשלעפּט מיט זיך פּוילינען, אָנגעוויזן איר דאָס און יענץ און אויסגעשטעלט די שטולן. דערנאָך

זענען זיי אַריין אין די צימערן פון דער חשובער פרוי; דאָ האָט מען אויך געמוזט אַלץ פּוצן און אָפּשטויבן, אויסקלאַפּן די קישנס און וואַשן די פאָרהאַנגען. דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צום זילבער-געשיר.

— אַך! — האָט געזאָגט פרוי ראַש, — און בײדע פרויען זענען געווען שטאַרק פאַרטון. זיי האָבן זיך אַלץ טיפער איינגעגראָבן אין זילבער-אוצר, אַרויסגענומען די חפצים, ווידער אַוועקגעלייגט און זענען געזעסן מיט גרויסע זילבערנע שיסלען אויפן שויס. איצטער דער קליינער שרייב-טיש, וואָס האָט אויסגעזען נעבעכדיק, הגם ער איז געשטאַנען אויף באַגילדעטע לייבן-פיסלעך. — די דאַזיקע שופלאָדן האָבן זיי נאָך נישט גענוי דורכגעקוקט — אַהער די שליסלען! יאָ. ווידער זילבער, געפּאַקט אין וואַטע, אָבער פון אַלטע זעלטענע פאָרמען, צעבראָכענע זאַכן, טיש-געשיר, פּױלינע האָט אַרויסגענומען אַ שאַכטל נאָך אַ שאַכטל, אַ פּעקל נאָך אַ פּעקל, גאָר אונטן איז געשטאַנען אַ קאַסטן.

— נעם דאָס אויך אַרויס, פּױלינע! גיב דעם גאַנצן קאַסטן, פּױלינע!

דער קאַסטן איז געווען זייער שווער, און ווען מען האָט אים געעפנט, האָבן זיך באַוויזן צוויי טוץ זילבערנע טעלער.

פרוי ראַש איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. דאָס, וואָס זי האָט אַליין געהאַלטן במעט פאַר אַ חלום, אַפילו פאַר אַ ליגן פון איר זייט, דאָס איז געווען ווירקלעכקייט!

— איך האָב עס נישט געזאָגט? — האָט זי געשריגן, — איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז געווען, און אַז כ'האָב עס מיט די אייגענע אויגן געזען. נאָר כ'בין נישט געווען זיכער, צי דער הער לייטענאַנט האָט עס סוף-כל-סוף נישט פאַרקויפט, צי ער האָט עס די לעצטע צייט, פאַרן טויט, נישט אויסגעביטן אויף געלט. אָבער איך וואָלט עס געוווּסט. אַזאַ מענטש, ווי ער! צוויי טוץ, אויב איך האָב נישט קיין טעות, צייל איבער פּױלינע! נאַטירלעך, זענען דאָ פאַראַן זילבערנע טעלער פאַר פיר און צוואַנציק מענטשן, נו, שטייען מיר אין אַ פריצישן הויז אָדער מיר שטייען נישט אין אַ פריצישן הויז? אַך, גאָט מיינער!

זי איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, ס'האָט איר פאַרדראָסן,

וואָס זי האָט נישט מיטגענומען מיט זיך די ביידע קינדער, זיי וואָלטן שוין איינמאָל געזען אביסל וואונדער. ווער ווייסט? אפשר וואָלט עס געווירקט אויף מיינע ליבע קינדער, אויף זייער גאַנץ לעבן! אָבער איך וועל זיי עס היינט און אָונט דערציילן פאַרן שלאָף; די ווייסט, פוילינע, וואָס פאַר א שיינע אויגן זיי האָבן, ביידע גלייך שיינע און גרויסע אויגן, זאָל זיי גאָט בענטשן! איך האָב נאָר געדאַרפט האָבן מערער קינדער! אָבער איצט ווער איך שוין באַלד צו אַלט און איך וועל שוין מער קיין קינדער נישט האָבן, און ווען די צוויי וועלן גרויס ווערן, וועט שוין מער נישט זיין קיין מלאבל אין שטוב. וועגן דעם טראַכט איך זייער אָפט. פוילינע, פאַרגעס נאָר נישט אַלץ געניי אַרומצוּווישן און אַרומוויקלען אין וואַטע. לייג עס ווידער אין די שופלאָדן און לאָז עס שלאָפן. שלאָפן, שלאָפן, דאָ ליגט אַן אוצר און שלאָפט! יאָ, געוויס מיין טייערע פוילינע, היינט האָבן מיר ביידע עפּעס געזען. איך מוז דיר איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן, ווי אזוי מען מוז דעקן אַ טיש מיט זילבערנע כלים, וואָס אויסער די ווענעציאַנישע גלעזער באַשטייט דאָס קלענסטע פּיצעלע פון זילבער. און אויסערדעם, איז פאַראַן אויף דער וועלט נישט נאָר פּוטערברויט מיט געהאַקטע ציגנפלייש, נאָר מען דאַרף דערלאַנגען דריי טעלער מיט אַלערליי סאָרטן פיש, אויסער אַ פינף ביז צען טעלער פאַרשידנערליי פליישן, און אויבסט און קעז און צום סוף קאַווע מיט ליקער פון די קעלערקרוגן. איך מוז דיר אַמאָל דערציילן, ווי אזוי דאָס איז, ווען די גרויסע לייט פייערן אַ יום-טוב. דעמאָלט טראָגט מען ביים דערלאַנגען שטייפע פאַרטוכער און ווייסע הייבלעך, אַז קיין האָר זאָל נישט אַריינפאַלן אין עסן. און די דאַמען טראָגן ביז דאַנען אויסגעשניטענע קליידער און גאָלדענע קייטלעך אויפן האַלז, און אַלע הערן טראָגן פראַקן, אפילו ווען מען עסט ביי טאָג. אזוי איז דער מנהג. דעמאָלט הויבט זיך אויף דער הער לייטנאַנט און האַלט פאַר אַלעמען אַ רעדע. ווען די קליינע מארגערעטע קאָלדעווין איז געטויפט געוואָרן, איז די צערעמאָניע פאָרגעקומען דאָ, און דעמאָלט האָט דער הער לייטנאַנט געהאַלטן פאַר אַלעמען אַ רעדע, וואָס איז געווען דאָס שענסטע, וואָס אַ מענטשלעכע צונג קאָן אַרויסברענגען. אָבער דעמאָלט בין איך נישט געווען דערביי. עס איז נישט געווען פאַר מיינע צייטן, אָבער דער קאָנסול פרעדעריק האָט עס מיר אַליין דערציילט. און דער קאָנסול

פרעדעריק, פּויליניע טייערע! ער האָט דערציילט מעשיות, וואָס אויף היינטיקן טאָג האַלט איך זיך נאָך ביי די זייטן פון געלעכטער. און ער האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, ווי זיין שטייגער, בעת ער האָט געוואָלט אַביסל שמועסן און באַצויבערן מיט זיינע רייד. אַזאַ מענטש, ווי ער, איז גאָר היינט נישטאָ. קיינער האָט נישט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן אַזעלכע קאָמישע זאַכן, ווי ער. „איך וואַרט אויף אייך", פלעגט ער זאָגן צו מיר, אָבער ער האָט זיך נאָר געמאַכט אַזוי, ווייל באמת איז ער שוין לאַנג געווען אַ באַווייבטער. ווען נישט דאָס, ווייסט מיין גאָט, וואָס צווישן אונז וואָלט פאָרגעקומען, ווייל ער האָט אונז אַלעמען געקאָנט פאַרדרייען די קעפּ. נאָר איך זיץ גאָר דאָ און פלוידער, ניין, איצטער קום, קינד מיינס, און לאָמיר גיין! כ'האָב געלאָזן די קינדער אין דער היים און כ'האָב פאַרגעסן וועגן אָונט-ברויט.

ווען פרוי ראש איז געשטאַנען אויף יענער זייט טיר, האָט זי נאָך פאַרן אַוועקגיין געגעבן דעם לעצטן באַפעל; זי איז נאָכאַמאָל אַריינגעגאַנגען אין קיך און געזאָגט צו פּויליניען:

— איך בין אויסער זיך, וואָס מיר האָבן פריער וועגן דעם נישט קיין טראַכט געטון. היים מאַכן אַן אָרדנונג אין די צימערן פון מויער. היים וואַשן די פאָרהאַנגען און אויסקלאַפּן די דיוואַנען און אומעטום אָפּווישן דעם שטויב. מען קאָן גאָרנישט וויסן, צו אַזאַ הער, וועט נישט איינפאַלן צו וווינען אין צוויי ערטער.

דערמאָלט איז פרוי ראש אַוועק אַהיים צו אירע קינדער. באַלד האָבן זיך אַלע דינסטמיידלעך געמוזט דערוויסן געניי, וועגן דער גרויסער איבערלעבעניש אין הויף, וועגן די אַלע זילבערנע זאַכן, וואָס זענען ביי איר אויסגעוואַקסן צו אַן אמתן בריליאַנטן אוצר. צו ריזיקע הויפנס, צו אַ גן-עדן.

— מיר האָבן אָפּגעווישט אויך דאָס גאָלד-געשיר, — האָט זי דערך אַגב געזאָגט — פיר און צוואַנציק טעלער.

— גאָלדענע? — האָבן די מיידלעך געפרעגט און פאַרבראָכן די הענט.

— דאָס האָב איך נעניי נישט געזען, — האָט געענטפערט פרוי ראש — אפשר זענען זיי זילבערנע. יעדנפאַלס זענען זיי גאַנץ עכט.

און יעדער טעלער איז געשטעמפּעלט, צווישן זילבער און גאָלד איז נישט אַזאַ גרויסע נפקא מנה. אַז מען האָט זילבערנע טעלער האָט מען גאָלדענע אויך, אָבער זילבערנע זענען זייער אָפּט פיינער. דער עיקר צום פרישטיק. די קינדער האָבן געקראָגן צו עסן?

די דינסט פלאָרינאַ האָט דערפאַר געקאָנט אָפּגעבן אַ באַריכט פון געוועלב. דאָרט איז געווען שוואַרץ פון מענטשן, ס'איז מיר אָנגעקומען מיט צרות צו באַקומען די קאַווע; אַלע האָבן גערעדט נאָר דערפון, וואָס ס'איז געשען, און וואָס עס קאָן באַווייטן, וואָס קאָרנעליוס שטייט אַ גאַנצן טאָג אויפן פלאַג-בערגל און קוקט עפּעס אויס. „איר וועט שוין זען פּאַרטיקערהייט” האָבן די משרתים פון געוועלב געענטפערט און טעאָדאָר אַליין אויך. מער האָבן זיי נישט געוואָלט זאָגן. אָבער פון דער גאַנצער געגנט זענען געקומען מענטשן צו הערן וואָס דאָ איז געשען.

— די גאַנצע מעשה איז פלוידעריי, — האָט פרוי ראַש געזאָגט. — זיי מאַכן איינפאַך אַן אָנשטעל, אַז עמעצער דאַרף קומען און זיי שטעלן אַרויס די פלאַג. איך גיב נישט דערפאַר קיין דרייער.

אָבער די מיידלעך זענען אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער נייגיריקייט, און אין אָוונט האָבן זיי געפרעגט ביי פרוי ראַש, צי מען וואָלט נישט געדאַרפט אַמאָל קויפן אין געוועלב אַרבעס און פערלקאַשע. יאָ יאָ, מען דאַרף עס טון, איז געווען דער ענטפער. און הגם איינע פון די מיידלעך, וואָס האָט געהייסן פלאָרינע האָט זיך לעצטנס געפילט נישט מיט אַלעמען און האָט געליטן אויף ברעכעניש, אַ נייגונג צו וויינען און צאָן וויטיק, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט מיטצוגיין, און מ'האָט זי נישט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט זיך נאָר אַרומגעבונדן דאָס פּנים מיט אַ וואָלענער טוך.

די מיידלעך האָבן זיך געלאָזט גיין, און ווען זיי זענען ווידער געקומען אַהין, איז קאָרנעליוס נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן בערגל, ער איז נאָך קיין איין מאָל נישט אַראָפּגעגאַנגען פון דאָרט.

— מיר האָבן געקראָגן שאָקאָלאַד פון די משרתים, — האָבן די מיידלעך דערציילט — און דאַווערדאַנאַ איז דאָרט אויך געווען און

באַקומען ווײַן, וואָס מעאָדאָר האָט איר אַלײן געשענקט. עס זעט אויס ווי עפּעס אַ חתונה, אָדער גלאַט אַ שמחה.

דעמאָלט איז שוין אויך פרוי ראַש אַרויס פון די כּלים; זי איז אויך געווען נישט מער, ווי אַ מענטש פון בלוט און פלייש, און זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז אויב זי וועט נאָך היינט נישט גיין קויפן אַ פּעקל זשעלאַטין און אַ האַלבן מעטער פליגן־פּאַפּיר, וועט זי עס מוזן טון אויף צו מאָרגנס, ווײַל איבערמאָרגן איז געווען זונטיק. אין דער אמתן האָט זי געמאַכט דערפון אַ קנאַפּן וועזן, זי האָט נאָר געוואָלט זיך אַרײַנכאַפּן, ווי זי שטייט און גייט, אין געוועלב אַרײַן, אָבער זי וועט דאָרט בלײַבן אַקורצע ווײַלע, כּדי זיי דאָרטן צו ווײַזן, אַז זייער גאַנצער טומל איז בײַ איר נישט ווערט קיין שפּיי.

ווען זי איז אַרײַן אין געוועלב, האָט זי יעדערער באַגריסט, ראשית, ווײַל זי איז געווען פרוי ראַש, און בכלל האָט זי געהאַט אויף דער וועלט סאַמע גוטע פרײַנט. ס'איז נאָר געווען שלעכט, וואָס דאָ האָט זיך געפונען דער אומזעער פון הער האָלמענגראַא, וואָס איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער חתן פון פרוי ראַש. ער האָט זי, פאַרשטייט זיך, געגריסט, ווי שטענדיק, און האָט גאָרנישט אַרויסגעוויזן, אָבער פרוי ראַש האָט זיך געפילט זייער נישט גוט, ווײַל זי איז געווען אָן אַ הוט און איז געווען אַביסל נאַכלעסיקי אָנגעטון.

— ווײַזט מיר נאָר אייער זשעלאַטין, — איז געווען אַלץ, וואָס זי האָט, אַ צעטומלטע, אַרויסגעבראַכט. — און גיט מיר אויך אַ האַלבן מעטער פליגן־פּאַפּיר. — האָט זי צוגעגעבן.

דער יונגער מעאָדאָר איז אַלײן צוגעגאַנגען און זיך פאַרנומען מיט איר; נאָר ווען ער האָט אויפגעהויבן די קלאַפּע פון טיש און געבעטן זי צוצוגיין נענטער האָט זי געזאָגט:

— ניין, איך דאַנק, איך אײַל מיך זייער.

דער יונגער מעאָדאָר האָט איר צוגעבראַכט צוואַנציק פּעקלעך זשעלאַטין, פּונקט ווי יעדעס פון זיי וואָלט געווען פון אַ באַזונדער סאָרט; ער האָט אויך אײַנגעוויקלט אַ גאַנצן באַל פליגן־פּאַפּיר און האָט אים ווײַט פונאַנדערגעוויקלט, כּדי אַלע זאָלן קאָנען זען די סחורה. דער יונגער מעאָדאָר איז בכלל געווען אויסערגעוויינלעך

העפלעך, און ער האָט געהאַט פלינקע הענט, נאָר ער האָט געטראָגן צו פיל פינגערלעך. נישט געפרעגטערהייט האָט ער גענומען דערציילן דער פרוי ראַש, וועמען ער וואַרט אָפּ און צוליב וועמען ער האָט געלאָזט אַרויסהענגען די פלאַג. אַזוי ווי ער האָט אַלעמען פאַר־פייניקט מיט דעם דאָזיקן סוד און אים אַנטפּלעקט נאָר איר אַליין, איז ער איצט מער געפעלן געוואָרן; זי איז דאָך אויך געווען נישט מער, ווי אַ מענטש, און טעאָדאָר האָט גערעדט מיט איר אַזוי פאַר־שטענדיק און פיין.

יאָ, ער מעג אים אָפּגעבן אַביסל כבוד און אַרויסהענגען די פלאַג, אים מקבל פּנים צו זיין; דאָס האָט געזאָלט זיין אַ גרויסער געשעפטסרייזנדער, דער רעפּרעזענטאַנט פון דער פירמע דידריקסען עט היברעכט און דער זון פון דידריקסען גופא. ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם דאַמפער און באַזוכט נאָר די גרויסע שטעט.

— איר ווייסט, פרוי ראַש, דער רעפּרעזענטאַנט פון דער פירמע דידריקסען עט היברעכט. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער טעלעגראַפירט, אַז היינט קומט ער, נאָר ער האָט זיך אַביסל פאַר־שפּעטיקט.

דערנאָך האָט טעאָדאָר ווייטער געזאָגט, אַז די קלענערע סוחרים אין דרום, וואָס שיקן נאָר אַרויס איין מענטשן מיט אַ האַנט־קופער זענען אים שוין נמאס געוואָרן. מען קאָן גאָר מיט זיי קיין גרויסע געשעפטן נישט מאַכן.

— ביי אונז איז אַן אומזאָץ אין גרויכן סטיל, — האָט ער גע־זאָגט — און מיר וועלן אויף פרילינג און זומער מאַכן אַ גרויסן איינקויף.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט, יאָ, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, אויס־געשטרעקטע העלזער! דאָ האָט דער האָטעל־אייגנטימער יוליוס, וואָס איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער, איבערגעשלאָגן דעם יונגן טעאָדאָר אין די רייד און געפרעגט:

— ער וועט וווינען ביי מיר?

— ניין, — האָט טעאָדאָר קורץ געענטפערט.

— אַזוי? ניין? וועט ער גאָר וווינען ביי אייך?

טעאָדאָר האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט, גיבער דער פרוי ראַש ווי יוליוסן:

— איך רעכן, אַז ער וועט וווינען ביי זיך אַליין, אין זיין אייגענעם גרויסן סאַלאָן.

די מענטשן זענען געווען אויסער זיך פון איבעררעשונג. יאָ, איז דער דאָזיקער מאַן געווען אַזאַ אוממענטשלעך-גרויסע פּערזענלעכקייט?

אָבער טעאָדאָר האָט ווייטער באַדינט די פרוי ראש און האָט זיך פונאַנדערגערעדט:

— מיר קויפן איצט איין סחורות צום סעזאָן, אונזער פירמע איז דאָס איינציקע גרויסע געשעפט אין דעם טייל פון לאַנד. מיר האָבן בדעה אַרויסצולאָזן אַן אָרדער אויף צוואַנציק ביז דרייסיק טויזנט קראָן. סאַמע מאַנופאַקטור, פיינע, מאָדערנע שטאָפן, עכטע שטרויספעדערן, פּאַרטיקע מלבושים פון פּאַריז און לאָנדאָן, אַלץ, וואָס איר וועט זיך נאָר ווינטשן, פרוי ראש. איך האָף, אַז איך וועל האָבן דעם כבוד אייך פרילינג-צייט ביי אונז צו זען, מאַדאַם ראש.

— און קינדער-אַנצוגלעך וועט איר האָבן? — האָט פרוי ראש געפרעגט.

— אַלץ, מאַדאַם אַדוואָקאַט, אַלץ!

זי האָט פריינדלעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, בעת זי האָט פאַרלאָזן דאָס געוועלב. נאָר איר אַליין און מער קיינעם איז די גרויסע ידיעה מיטגעטיילט געוואָרן, און אפילו אין דער קעגנוואַרט און נאָענטקייט פון דעם אויפזעער. ניין, דער דאָזיקער טעאָדאָר יענסען האָט דאָך געהאַט נישט קיין סאַמע נאַרישקייטן אין קאָפּ.

דאָס געוועלב איז ביסלעכווייז ליידיק געוואָרן, דער עולם האָט זיך דערוווּסט דעם סוד און איז זיך פונאַנדערגעלאָפן מיט דער ידיעה אין פאַרשידענע זייטן, געבראַכט זיי אַהיים און איבערגעגעבן די צופעליק באַגעגנטע. גיב נאָר אַ קוק, מען האָט גאָרנישט געוווּסט, אַזוי שטאַרק, הייסט עס, זענען געווען די דאָזיקע קרעמער, אָט דער יונגער טעאָדאָר פון געוועלב! מען שיקט אים גאָר אַן אייגענעם דאַמפער מיט זמוסטערן. ווי ווייט קאָן ער נאָך אַזוי גיין? אַז ער לייגט אַריין דרייסיק טויזנט קראָן בלויז אין שטרויספעדערן און נאָך אַזעלכע זאַכן, היינט

וויפל איז ער שוין בכוח אריינצוקלייגן אין גאַנצן געשעפט!

דאָס פיינע פעקעלע, וואָס פרוי ראש האָט געקויפט, איז איינעם אַ מענטשן שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט געפרעגט, וואָס דאָס איז.

— זשעלאַטין? צו וואָס נוצט מען עס?

דער דאָזיקער מענטש איז געווען פון אַ וויטער געגנט, דערצו האַלב שיכור. זיין פערד איז געשטאַנען אויף דרויסן און גע־פרוירן.

— גיט מיר אויך אַזאַ פעקל, — האָט ער געזאָגט.

ווען ער האָט געוואָלט באַצאָלן, האָט ער זיך שטאַרק פאַר־וווּנדערט איבערן קליינעם פרייז און געבעטן נאָך פיר פעקלעך, כּדי ער זאָל האָבן זשעלאַטין אויף אַ לענגערע צייט. ער האָט נאָך איינגעקויפט אַ פעקל סוכאַרעס און האָט זיך אָפּגעטראָגן מיט זיין רויב.

ס׳איז געוואָרן טונקל, און די דינער האָבן אָנגעצונדן ליכט. דער משרת קאָרנעליוס איז אַראָפּגעקומען פון בערגל און דערקלערט, אַז ער זעט שוין גאָרנישט פאַר זיך, ער איז געווען בלויז פון קעלט. אַז עמעצער האָט אים געמאַכט לאַבנדיק, איז ער געווען נישט צו דערקענען, און דער עולם האָט זיך איבער אים לוסטיק גע־מאַכט.

דאַווערדאַנאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין געוועלב און איינ־געקויפט. אירע רויטע האָר זענען געווען אָפּגעדעקט, און זי האָט אויסגעזען פּראַכטפול. ווען טעאָדאָר האָט איר געזאָגט, אַז ס׳איז שוין צייט, זי זאָל גיין אַהיים צו אירע קינדער, האָט זי זיך אַזוי האַרציק צעלאַכט, אַז טרערן זענען איר אָנגעלאָפן אין די אויגן. דאַווערדאַנאַ איז געווען לאַרס מאַנועלסענס טאָכטער, און זינט עטלעכע יאָר דאָס ווייב פונם געהילף אין הער האָלמענגראַאָס מאַגאַזין, און האָט גע־האַט נאָר איין קינד. וואָס־זשע האָט זי זיך גענדאַרפט איילן אַהיים צו די קינדער? זי האָט געהאַט נאָר איין קינד, הייסט עס, אַז נישט קיין עטלעכע קינדער, און אויסערדעם, איז עס געווען אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט זיך געקאָנט אַליין אַן עצה געבן, די יונגע מאַמע איז געווען, איבעריקנס, זייער פלייסיק, געניים זעק פאַר דער מיל און אַליין פאַרדינט געלט; איר מאַן איז געווען אין איר שטאַרק

איינגעגלויבט, און דער עולם אויך, ווײַל זי איז זייער שיין און זעט אויס שרעקלעך ליידנשאַפטלעך. אָבער איר מאַן גלויבט נישט אויף איר קיין שום בייז און איז טויב צו אַלע רכילותן.

וואָס זאָל ער גלויבן אַזוינס אויף דאָוועראַנאַ? האָט זי דען נישט חתונה־געהאַט און האָט דען נישט קיין אייגענעם מאַן?

III

דער פּאַרטרעטער פון דער פירמע דידריקסען עט היברעכט איז אויך אויף צומאָרגנס נישט געקומען. קאָרנעליוס האָט נאָך געמוזט גאַנצע דריי טעג שטיין אויפן בערגל, און אין משך פון די דריי טעג איז ער געפרווירן געוואָרן ממש נישט צו דערקענען, ביז דער גרויסער גאַסט איז לסוף געקומען. דעמאָלט האָט מען אויפגעצויגן די פלאַגן אי אויפן בערגל אי פאַרן געוועלב, און דער אַלטער פּער איז געלעגן אויף זיין געלעגער און נישט געקאָנט דערגיין, וואָס דאָ קומט פאָר איבער זיין קאָפּ. „דאָס איז אוודאי די מנוּוולטע, אָבער זאָל זי נאָר פּרוּוון מאַכן דאָ אירע שטיק!"

טעאָדאָר איז געווען ביים ברעג און האָט פון דערפרי ביזן אָוונט געטאַכט געשעפט. מען האָט אים, אייגנטלעך, געזען נאָר איין מאָל, ווי ער איז געגאַנגען צום געוועלב און געטראָגן אין האַנט גאַנצע פּעקלעך חשבונות. דער קליינער דאַמפער האָט אויך געצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, דעם גאַנצן טאָג האָט מען געהייצט די מאַשין, און דיקע רויך־וואָלקנס האָבן זיך געשטופּט דורכן קוימען. אַסאַך פון די איינוווינער האָבן זיך געלאָזט צום ברעג און האָבן זיך אַרומגעדרייט דאָ און דאָרט, נישט דערפּאַר, ווײַל מ'האָט געקאָנט אויסמעסטן די שיף מיט די קאָלאָסאַלע קאָרן־דאַמפערס, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער גרויסער וועלט פאַרן הער האָלמענגראַא, אָ ניין, ס'איז ווייט דערפון, נאָר דערפאַר, ווײַל דאָס איז געווען אַ דאַמפער פאַר איין איינציקן גרויסן מאַן.

דער דאָזיקער מאַן איז געווען הויך, האַרציק און יונג, אַן אונטערנעמער, וואָס האָט געטראָגן אַ פּעלץ און הויבע גומענע שיך. ער האָט זיך פאַרגויגט פאַר די יונגע מיידלעך ביים ברעג, צוגע־וואָרפן די קינדער קופּערנע מטבעות, אַ פריילעכער יונג, וואָס האָט

געמאכט זיין ערשטע רייזע צום צפון-לאנד. דער האפן-אויפזעער איז צוגעגאנגען צו אים צום ברעג, און דער רעדאקטאר מיטן זעצער פון דער זעגלעפאסער צייטונג זענען אויך געקומען צו אים צום ברעג, און דער לעצטער האט פארשריבן עפעס מיט זיינע מאגערע טיפאגראפן-פינגער. מען האט יעדערן מכבד געווען מיט א כוסה, אויך דער אלטער לארס מאנועלסען איז צוריקגעקומען צום ברעג און געפרעגט, צו דארף מען נישט צוטראגן עפעס אין שטאט אריין? ניין. ער האט דעמאלט געזאגט, ווער ער איז, דער טאטע פון ל. לאסען און געפרעגט, צי ער קאן נישט מיט עפעס באהילפיק זיין? הער דידריקסען האט באטראכט זיינע אויגן און זיין האלטונג און געענטפערט:

— צום טייוול, קומט און טרינקט אויס א גלעזל, איך האב שטארק חשק זיך מיט אייך צו באקענען.

זיי זענען צוזאמען אוועק אין א זייט און זיך נעענטער באקאנט, ווייל זיי האבן א לענגערע צייט געשמועסט צווישן זיך.

הגם די שיף האט געהאט גענוג פארע, האט דער הער דידריקסען דאך נישט געוואלט אוועקפארן אין אוונט, ווי ער האט פריער בדעה געהאט. ניין, ער האט געוואלט אביסל פארברענגען. דעם אמת זאגנדיק, האט ער געוואלט בלייבן אין זעגלפאס נאר אפאר שעה און באלד פארן ווייטער; אבער טעאדארס באשטעלונגען זענען געווען גרעסער, ווי ער האט זיך געריכט, און אט אזוי האט זיך דעם הער דידריקסען פארגלוסט, נאכן פארענדיקן דעם מסחר, צו מאכן א סעודהלע. ער האט זיך מישב געווען מיט טעאדארן, און טעאדאר איז גרייט געווען. טעאדאר האט געזאגט, אז ס'וואלט כדאי געווען איינצולאדן דעם הער האלמענגראאַ, נאר דערפון האט מען, נאטירלעך, נישט געקאנט טראכטן. אבער ווען דער הער דידריקסען זאל וועלן באלד אפגעבן א וויזיט דעם הער אדוואקאט-ראש, וואלט דער אפשר יא געקומען. דאס האט הער דידירקסען נישט געוואלט.

אבער עס זענען דארט דא יונגע דאמען? — האט ער געפרעגט.

— ניין, האט ער נישט געוואלט.

— אויסערדעם איז נאך דא דער קרייז-דאקטאר מואוס, — האט

טעאָדאָר געזאָגט — ער ווינט אפילו גאַנץ ווייט, אָבער ער וואָלט זייער גוט געפּאַסט. אָבער בארדסען מוז קומען. דער טעלעגראַפיסט טרינקט אפילו אַביסעלע צופיל, אָבער ער שפּילט טשעלאָ. נו, און ווער נאָך?

ביידע האָבן זיך מישב געווען און זיך באַקלערט און בשעת מעשה אַריינגעקערט איין גלעזל און אַ צווייטס און באַצייטנס אַריינגעבאַפּט די סעודה. ווען דאָס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט, האָט שוין הער דידריקסען בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן איינלאַדן סאַמע הערן.

— יאָ, פאַרוואָס? פאַרוואָס נישט עטלעכע הערן מיט זייערע דאַמען, דאָס הייסט, פאַר יעדערן אַ דאַמע? און וואָס איז עס פאַר אַ מענטש, דער בכבודיקער מענטש, וואָס טראָגט אַ פּאַרוק און איז דער פאָטער פון פּאַסטאָר לאַסען? — האָט דידריקסען פּלוצלינג אַ פרעג געטון, און לסוף דערקלערט, אַז ער וויל נישט קיין שטייפע, לאַנגווייליקע מענטשן. — מיר קאָנען זיי מוחל זיין, מיר זענען זאַלבעדריט, איר און דער מאַשיניסט און איך, און ווען עס וואָלטן געקאָנט קומען אַפּאָר מיידלעך צום ברעג, מיר זאָלן קאָנען אַריינכאַפּן אַ טענצל, וואָלטן מיר אַרויסגעפאָרן אַביסל אויפן פיאָרד. די שיף האָט גראָד פאַרע.

אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגער טעאָדאָר איז נישט פון דעם מין מענטשן, דאָס הייסט — ער איז גרייט אויף אַלץ, האָט ער געזאָגט, אָבער ער איז אַזוי גוט, ווי אַ חתן. האַ, דאָס איז גרויסאַרטיק, און זיי האָבן ווידער אָנגעקלאַפּט די גלעזלעך. אָבער, האָט געהאַלטן דידריקסען, צי וואָלט ער נישט געקאָנט פּראָסט פּשוט פאַרבעטן אַהער זיין דאַמע? ניין, האָט טעאָדאָר געענטפערט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, ניין, דערפון קאָן קיין רייד נישט זיין. זי איז צו אַריסטאָקראַטיש. און זי קאָן זיך נאָך אָפּזאָגן פון אים.

— מילא, דאָס לעצטע גלעזל האָט טעאָדאָרן צענומען. קיין טרינקער איז ער נישט געווען, און עס פלעגט אים באַלד נעמען מישן אין קאָפּ. דערנאָך פלעגט זיך אָנהויבן די עלעגיע. אין זיין קרעמערישן האַרצן האָט זיך געפונען אַ קליין ווינקעלע, וווּ קיין האַנדל און וואַנדל איז נישט פאַרגעקומען, דאָס איז געווען אַ טיף פאַרבאָרגענע וועלט מיט טרוימען, ריינקייט און אוצרות.

אָבער יענער, דער הער דידריקסען, האָט נישט געהאַט, צום טייוול, קיין שום מקלט, פון אַזעלכע זאַכן — פּלעגט ער אַנטלויפן. ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט געהאַט עגמת נפש צוליב טעאָדאָרן, און האָט מורא געהאַט, טאָמער פּטרט ער אים דעם אָוונט. אין דרויסן אויפן ברעג האָט געווימלט פון יונגע מיידלעך! ער האָט אָנגעהויבן צו טרייסטן זיין יונגן גאַסט, ווי מען נעמט-איין קליינע קינדער, כּדי צוצוגעבן מוט:

— וואָס רעדט איר, זי וועט זיך אָפּזאָגן פון אייך? אַזאַ מענטש ווי איר, אַזאַ גרויסער סוחר! אויף מיין גאַנצער רייזע האָב איך קיינעם נישט פאַרקויפט אַזוי פיל, ווי אייך, זי וועט עס גוט פאַרשטיין.

אָבער דאָ איז טעאָדאָר געוואָרן נאָך טרויעריקער. זי איז צו הויך. און חוץ דעם איז זי אומגעהויער רייך. ניין, זי וועט קיינמאָל נישט ווערן זיינע.

אויב אַזוי, זאָל ער מאַכן אַ סוף מיט איר!

— יאָ, קיין אַנדער אויסוועג האָב איך נישט. — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— גוט, שטייט דאָך נישט קיין זאַך אין וועג, אַז צו אונז זאָלן אַרויפקומען צוויי מיידלעך.

ניין, ניין, דאָס האָט טעאָדאָר נישט געוואָלט. דאָס וואָלט געהייסן לעסטערן זיך אַליין. ער איז געווען איינגעעקשנט און געבליבן ביי זיינס. דעם דאָזיקן יונגן מענטשן האָט קיינער נישט געקאָנט פאַררעדן די ציין. ער האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך, ער האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך גענוג יוגנטלעכן יראת הכבוד, ער האָט געהאַט צוויי הערצער אין זיין ברוסט. בראַוואָ.

— ברענג זשע מיט מיט זיך דעם טעלעגראַפיסט, — האָט הער דידריקסען געזאָגט. ער האָט אַ קלוגן געטון צו זיין קובער און אים געגעבן אָנווייזונגען וועגן דעם אָוונט ברויט.

יאָ, ווי דעם יונגן דידריקסען איז געגאַנגען אין לעבן זיך אַרויסצושטעלן פאַר אַ מאַנספּאַרשוין! ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גאָרנישט געקאָנט לעבן אָן טומל און אָן ווייבער, אַזוי דערפאַרן האָט ער זיך אַרויסגעוויזן. ער האָט אַרויסגענומען זיין בריוו-טעקע און געוויזן בילדער פון וואַריעטע-דאַמען, אויף איינעם פון זיי איז

געשטאַנען דער נאָמען און אַ ווידמונג. נאָר אפשר האָט ער עס אַליין אָנגעשריבן; וואָס דער ליבער יוגנט פאַלט נישט איין! דעם פּראָווינציאָנעלן טעאָדאָר פון געוועלב האָט ער אָבער דערמיט אימפּאָנירט; זיי זענען נאָך ביידע יונג געווען.

צום אָוונט האָבן נאָך מער מענטשן געשטראָמט צום ברעג, מענטשן, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער טאָג־אַרבעט, אַרבעטער פון מיל און פון שטוב. דאָרט אונטן שמייט איינער און רויבערט; טעאָדאָר ווינקט צו אים, ער זאָל צוקומען נעענטער; אָבער יענער רויבערט רויק ווייטער און רירט זיך נישט פון אָרט.

— דאָס איז דער טעלעגראַפיסט באַרדסען, — זאָגט טעאָדאָר — ער איז שוין אַבשר שיכּור.

— זעט, ער זאָל אַרויפקומען, — זאָגט הער דידריקסען.

טעאָדאָר ווינקט נאָכאַמאָל, אָבער ניין, באַרדסען רירט זיך נישט. פּלוצלונג לויפט אַראָפּ דער הער דידריקסען צום ברעג, נעמט אַראָפּ דעם הוט, שטעלט זיך פאָר און פאַרבעט דעם פאָרשטייער פון דער סטאַציע. און ביידע גייען אַרויף אויפן דאַמפּער.

באַרדסען איז אַ הדיבער מאַן אין אַן אָפּגעקראָכענעם בלויען אָנצוג, און בעתן גיין וויגט ער זיינע ברייטע אַקסלען. ער קאָן אַלט זיין אַ יאָר פערציק. ער איז ריין און געגאָלט, אָבער שלעכט אָנגעטון און אָן אַ מאַנטל, יאָ, ער טראָגט אַפילו אַן אָפּגעשפּילעטן רעקל און מען זעט אַרוים זיין וועסט, וווּ עס פעלט אַ קנעפּל. זיין נאָז איז רויט אָנגעלאָפן, דאָס נעמט זיך געווים נישט נאָר פון דער קעלט אויפן ברעג, ניין, באַרדסען זעט אויס נישטקשהדיק שיכּור.

— איך בלייב דאָ שטעקן ביז מאָרגן, און איך וויל אייך בעטן צו פאַרברענגען דעם אָוונט מיט אונז צוזאַמען, אויב איר האָט נישט עפּעס בעסערס צו טון, — האָט דידריקסען העפלעך געזאָגט.

— איך דאַנק אייך פאַר דער פריינדלעכער איינלאַדונג. — האָט געענטפערט באַרדסען.

— נו, איר קאָנט זיך דאָך מסתמא, מיינע הערן, וואָס זאָל איך אייך דערוויל פאָרלעגן?

באַרדסען האָט זיך געפילט אַביסל אומזיכער, ווייל ער איז

געקומען פון דרויסן, ווו ס'איז נאָך געווען ליכטיק, אין אַ טונקעלן צימער, ער האָט אַפילו דערזען פלעשער און גלעזלעך אויפן טיש, גאָר האָט געענטפערט:

— אַביסל מער ליכט.

הער דידריקסען האָט אַ קלונג געטון און געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— ליכט, איר זענט גערעכט, כאַ, כאַ, זייער טרעפלעך באַמערקט! ליכט! — האָט ער אַ געשריי געטון צום קובער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין טיר. יאָ, ער איז באמת געווען גאַסטפריינטלעך און ליבלעך צום שלעכט-אָנגעטועניעם גאַסט.

זיי האָבן זיך געזעצט, און דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן. באַרדסען האָט זיך, משמעות, געפילט גאַנץ בעקוועם; אויב ער האָט אײנאָנהויב אַביסל צוגעשוויגן, האָט ער זיך שפּעטער דערפילט בעסער און האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם יונגן וואָיאַזשאָר מיט פאַרגעניגן. טעאָדאָרן אָבער האָט ער נישט געהערט מיט אַזאַ פאַרגעניגן; ער האָט אים כמעט נישט געזען, כמעט נישט געהערט, און טעאָדאָר האָט פון זיין זייט געמיינט, אַז ער קאָן דעם טעלעגראַפיסט באַהאַנדלען מיט אַ גרויסער גוט-ברודערשאַפט; ער האָט אים שוין פאַרקויפט אַזוי פיל שלעכטן וויין און געקאָנט זיינע שוואַכקייטן. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגער טעאָדאָר איז געווען אומגערעכט און אַז ער מוז זיך אַביסל רעכענען.

— וואָלט איר נישט געקאָנט זיך איבערבאַפן געשווינט אַהיים און ברענגען אַהער אייער ווייאָלאָנטשעל? — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

— אפשר וואָלט איר אַליין געגאַנגען, — האָט באַרדסען געענטפערט.

— אַך, אַזוי! — האָט טעאָדאָר אויסגערופן מיט אַ געלעכטער. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום באַגרײַפט ער ערשט די גראָבקייט און ער גיט אַ זאָג:

— איר וועט זיך מאָרגן אויך האַלטן אַזוי גרויס?

— ס'פעלט מיר עפּעס איין, דאָ איז פאַראַנען אַ האָטעל, — רופט זיך אָן פלוצלונג הער דידריקסען — אַ האָטעל און אַ האָטעל-דינער, אַן אַלטער מאַנועלכען לאַרסען אָדער עפּעס ענלעכעס. ער איז דער פאָטער פון באַקאַנטן פאַסטאָר לאַסען.

דאָס איז געווען ריכטיק.

— איך האָב אים ליידער נישט געקאָנט אָנווייזן, וואָס ער וואָלט פאַר מיר געקאָנט טון, — האָט דידריקסען מיט אַ שמייכל גערעדט ווייטער. — נאָר כ'האָב אים צוגעזאָגט, אַז אַ צווייט מאָל וועל איך קומען צו אים אין האָטעל.

הער דידריקסען איז געוואָרן שטאַרק בגלופין, ער האָט זיך באַהערשט און געוווּסט, וואָס ער רעדט, און באמת זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ווילן. ער איז געווען יונג און עלאַסטיש און געוואָלט אַרויסווייזן דעם טעלעגראַפּיסט גרויס דרך־אֶרץ, דווקא דערפאַר, ווייל ער האָט געזען זיין שיכּורע נאָז און די וועסט אָן דעם קנאָפּ.

— אין זעגלפּאָס זענען פאַראַן שיינע ערמער, אויסער ביי לאַרס מאַנועלסען, — האָט דער טעלעגראַף־באַאַמטער ערקלערט — מיר האָבן דאָ אַ קעניג, הער האָלמענגראַאַ, ער איז אַן אַלמן און האָט אַ פּרינצעסין.

דער יונגער טעאָדאָר האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— מיר האָבן אויך אַ פּאַרלאָזענעם שלאָס — האָט ווייטער גערעדט דער טעלעגראַפּיסט.

— אַן אַדלמאַן, ווילאַץ האָלמסען האָט דאָרט געוווינט. אָבער ער לעבט שוין נישט. דער יונגער ווילאַץ, זיין זון, איז אין אויסלאַנד, ער קומט דעם פרילינג אַהיים.

— ווי? ער קומט פרילינג אַהיים? — האָט טעאָדאָר געפרעגט.

— אַזוי איז דאָס. אָבער איר דאַרפט נאָך נישט צוליב דעם פאַרלירן די האָפענונג.

— די האָפענונג? — וואָס הייסט?

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איר זענט עפּעס אַראָפּ פון מוט.

— נו, דאָ איז באמת זייער ווויל. — האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן הער דידריקסען.

— און דאָס, וואָס מען זעט דאָרטן און שטאָט, איז טאַקע דער שלאָס?

— יאָ, דאָס איז דער שלאָס.

— אַ פּראַכטפולע געביידע, איך האָב זי היינט געזען פון שיף. ווען מען האָט אזא שלאָס, קאָן מען געווינען די פרינ־צעסין אויך.

— איר האָט געהערט? — האָט באַרדסען געפרעגט און אַריינ־געקוקט טעאָדאָרן גלייך אין די אויגן אַריין. — דעם שלאָס מוז מען יעדנפאַלס האָבן.

— בלי ספק. — האָט טעאָדאָר אָפּגעענפערט.

ער איז רויט געוואָ־ן, אָבער נישט פאַרלוירן דעם קלאָרן שכל:

— דאָס גייט מיך נישט אָן, איך האָב אַן אָפענע קראָם, איך ווייס אייגנטלעך נישט, וואָס איר מאַכט מיר דעם גאַנצן אָוונט אַזעלכע אָנצוהערענישן. — האָט ער צוגעגעבן.

באַרדסען האָט גערעדט ווייטער:

— ווייטער האָבן מיר אַן אַלטע ציגל־פאַבריק ביים טייך־אויסגוס. מען מאַכט שוין נישט דאָרטן קיין ציגל, די פאַבריק איז אָפּגע־שטאָרבן און האָט איצט צוויי נייע שטובן. אָבער ווען דער עלטסטער סלופּ וואָלט געקאָנט דערציילן זיינע זכרונות!

דידריקסען האָט געזאָגט:

— יאָ, זעגלפּאָס איז אַ גרויסער, אַלטער ישוב, מען קאָן אים טרעפן אין שטענווינקלס בראָניק וועגן די נחלאות. און אין דער לעצטער צייט איז ער, משמעות, נישט קלענער געוואָרן, יעדנ־פאַלס האָב איך דאָ געמאַכט אַזעלכע גוטע געשעפטן, ווי אין קיין איינער פון די דרום־שטעט. הער יענסען, פאַר אייער געזונט!

— איך אויך! — האָט געזאָגט דער טעלעגראַפיסט. — איך טרינק פאַר די שיינע מעלות פון דער יוגנט!

— איר טרינקט צו מיר? — האָט טעאָדאָר געפרעגט.

— יאָ, צו אייך. דערוועקט עס אין אייך אומצוטרוי?

— יאָ.

דער טעלעגראַפיסט האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— פאַר אייערע גוטע מעלות.

— רערפאַר טרינק איך .נישט. — האָט געזאָגט טעאָדאָר און אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז.

ווידער איז אַריינגעפאַלן דער גאַסט־געבער און פאַרגעלעגט:

— אפשר ווילט איר, מיינע הערן, אַרויפגיין אַ ווײַלע אויפן דעק?

מיין הויף־קובער וועט שוין באַלד גרייטן מסתמא צום טיש. איר זענט אַוועק פון שטוב אָן אַ מאַנטל, הער באַרדסען, ביטע, נעמט מיינעם!

זיי האָבן זיך אָנגעטון און אַרויסגעגאַנגען. אויפן דעק איז געשטאַנען דער מאַשיניסט מיטן לאָטסמאַן און לעבעדיק זיך אונטער־געהאַלטן, יעדערער האָט געהאַלטן פאַר זיך אַ גלאָז גראָג, און נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר אין שטאָט, האָבן זיי איצט גערויכערט ציגאַרן.

דער אָוונט איז געווען ליכטיק און אָן אַ ווינט, אָבער נאָך גאַנץ קיל, פון וואַסער איז דערגאַנגען אַהער אַ ווייכער אומאויפהערלעכער גערויש. אויף יענער זייט, פאַרן וואַלד, איז געלעגן דער גרויסער זעגלפּאָסער הויף־בנין, מיט ווייסע זיילן און צוויי הויכע טעראַסן, אַ פּריצישער וווינאָרט, אַ שלאָס. די מיל האָט שוין נישט געאַרבעט, דער טאָג האָט זיך געענדיקט.

ווייט אויפן וואַסער האָט אַרויסגעטויכט אַ פיש־קוטער, וואָס דריי מענער האָבן אים צוגעשלעפּט צו אַ שיפל. נאָך אַ מענטש איז געשטאַנען אַליין ביים רודער.

— עס קומט מיין יאַכט, — האָט טעאָדאָר געזאָגט. — נישטאָ קיין ווינט.

— דאָס איז אייער יאַכט? אַהין האָט איר זי געוואָלט שיקן? — האָט געפרעגט הער דידריקסען. — לאָמיר איר פאָרן אַנטקעגן, מייסטער! — האָט ער אַ רוף געטון צום מאַשיניסט. — מיר ווילן יענע שיף דאָרט צושלעפּן אַהער, עס איז דעם הער יענסענס יאַכט.

עס האָט געדויערט אַ האַלבע און אפשר אַ שעה, זיי האָבן צוגע־שלעפּט זי ביז צום דער שיף, ווי מען האָט אַרויסגענומען די פיש און געוואָלט זיי אויפהענגען אין די פעלזן, און טריקענען זיי אויף קלעפּפיש. דעמאָלט איז דער דאַמפער אָפּגעפאָרן צוריק צום ברעג. דער טיש איז געווען געדעקט, די הערן זענען אַראָפּגעגאַנגען אין סאַלאָן.

— איר האָט באַמערקט אין שיפל אַ מענטשן מיט אַ געל־זיידן טיכל, וואָס האָט געפּלאַטערט אויף זיין האַלז? — האָט געפרעגט באַרדסען.

— דאָס איז געווען נילס פון וועלטא, — האָט טעאָדאָר געזאָגט, —

ער האָט זיך אַזוי אויסגעפּוצט צו באַזוכן זיין געליבטע היינט אין אָוונט. ווער איז מיט אים?

— איר זעט, הער דידריקסען, — האָט געענטפערט באַרדסען און געווענדעט זיך צום באַלעבאָס. — מיר מאַטערן זיך אַלע, איר און ער און איך. און קיין זאַך איז פאַר אונז נישט אַזוי וויכטיק, ווי אונזער אייגענע מאַטערניש. איינער מאַכט אַ געשעפט מיט איידערדווינען-פּוך, און אין אָוונט ליינט ער זיך אין בעט און רייבט זיך די הענט צוליבן גוטן מסחר; אַן אַנדערער שלעפּט זיך אַרום צוועלף וואָכן נאָך אַ שטיקל פאַרדינסט, און ווען ער קומט צוריק, ליידט שוין זיין געליבטע זינט דריי וואָכן אויף ציין-ווייטיק און ברעכעניש.

טעאָדאָר און דער באַלעבאָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז באַרדסען האָט דערביי עפּעס אַ באַזונדערע כוונה, עפּעס האָט אונטער דעם געמוזט שטעקן. זיי האָבן נאָכגעקלערט און געציילט: צוועלף וואָכן, דריי וואָכן, אָבער צי איז עס נישט געווען סוף-כל-סוף נאָר אַ פלוידעריי פון אַ שיכור? איבעריקנס, איז טעאָדאָר געוואָרן בייז און אַ זאָג געטון:

— צי מיינט איר נישט דערמיט מיין פּוך-מסחר?

— און די מענטשן, וואָס זענען מיט עטלעכע יאָר אָדער מיט אַ יאָר צוריק, אָדער ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן, זענען עס די, וואָס האָבן זיך פריער געמאַטערט, — האָט באַרדסען ווייטער גערעדט, — זיי האָבן געקויפט און פאַרקויפט און זענען אין אָוונט געווען גליקלעך, ווען אַ געשעפט האָט זיך גוט איינגעגעבן. יאָ, אָבער דערנאָך זענען זיי געשטאָרבן. צי איז זיי שפּעטער נישט געווען אַלץ איינס, אַ גוטער מסחר, צי אַ שלעכטער? דאָרטן, אויף אונזער קליינעם בית-עולם, האָב איך איבערגעלייענט די אויפשריפט אויף דער מצבה פון אַנדאָר נילסען ווילטאַ. דאָס איז געווען דער פאָטער פון דעם מיטן געל-זיידענעם האַלז-טוך אין שיפל. דער דאָזיקער פאָטער איז געשטאָרבן אומגעפער מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, און קיינער געדענקט אים שוין נישט, אפילו נישט זיין אייגענער זון; אָבער ער האָט פלייסיק געאַרבעט, געלייגט אויף זיין הויז אַ נייען דאַך; ווען ער האָט זיך אין אָוונט געלייגט אין בעט, איז ער געווען גליקלעך מיט זיין דאַך, דערנאָך איז ער געשטאָרבן און געמוזט לאָזן אַלץ הינטער זיך, איצט מאַטערט זיך זיין זון.

— יאָ, יאָ! — האָט געזאָגט דידריקסען און געוואָלט אַביסל פאַרגלעטן זיינע רייד, עס זאָל נישט קומען צו קיין סיבסוך. — אַזוי איז דאָס לעבן, וואָרן אַנדערש איז עס דאָך נישט?

— נאָר אַז מען בלייבט שטיין אַ ווײַלע און מען הערט זיך צו, דעמאָלט באַמערקט מען, ווי אומגעהויער פרעך און אומפאַרשעמט עס איז, צו זיין פאַרנומען שטענדיק נאָר מיטן אייגענעם האַנדל און וואַנדל און מיט דער אייגענער מאַטערניש. צי וואָלט עס נישט געקאָנט זיין גלייכגילטיק?

דערביי האָט דער טעלעגראַפיסט באַרדסען אַריינגעקוקט אין זיין גלעזל, אין זיין טייער גלעזעלע, און האָט אויסגעזען פאַרזונקען אין טיפע געדאַנקען.

יאָ, דער דאָזיקער טעלעגראַפיסט באַרדסען, דער דאָזיקער אויסוואורף, דער דאָזיקער!

ער האָט זיך באַנוצט מיטן געוויינלעכן פאָרטל פון אַ שיכור, כדי אונטער זיין שיכּרות צו לאָזן הערן זיינע גריבלעניש, איבערלעבונגען און אַנטוישונגען. אָדער צי ווייסט ער אַ צווייט מאָל נישט קוקן צו די שטערן און שווער אָטעמען, נישט געפינענדיק קיין ווערטער? זיינע יונגע צוהערער זענען דאָך געוועז שטאַרק איבערגענומען מיט זיינע רייד?

אָבער טעאָדאָר איז באַלד ווידער געקומען צו זיך, אפשר האָט ער שוין אַמאָל געזען זיינע שטיק, ער האָט געזאָגט אַפילו מיט אַ פולן מויל:

— איז עס נישט פיין, באַרדסען, וואָס מיר געפינען זיך דאָ און מיר האָבן אַזאַ פיינעם כּיבוד? איך האָב פריער געוווּנקען צו אייך, אָבער איר האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק.

אָבער דער יונגער טעאָדאָר איז שוין ווידער ביים מוט.

דער טעלעגראַפיסט האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, ווי פון אַ תהום אַרויס, ווי פון אַ ווייטן מרחק, און זיי פאַמעלעך אַנגעשטעלט אויף טעאָדאָרן.

— יאָ, איר האָט געווונקען, — האָט ער געזאָגט — אָבער איר האָט זיך שוין איצט אויסגעלערנט פון אונזער יונגן באַלעבאָס, ווי אַזוי מען דאַרף עס טון.

— נו, אויף אַזאַ אופן גאָר! — האָט טעאָדאָר געענטפערט און

געלאכט; אָבער דאָך איז ער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. — איך האָב גע-
מיינט, אַז איך קען אייך שוין גענוג גוט, כדי אייך צו רופן אויף
אַזאַ אופן.

— אַזוי, איר האָט געלייענט שטענווינקלען, הער דידריקסען? —
האָט באַרדסען פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

— יאָ, כדי זיך צו צוגרייטן דערצו, וואָס ס'איז מיר אויסגע-
קומען צו זען אויף דער רייזע.

— דאָס איז געווען ריכטיק, ווייל נאָר דעמאָלט קאָן מען משפּטן
די אומגעהויערע שנויים, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען זינט יענער צייט.
מיר לעבן גאָרנישט איבער אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס איז דעמאָלט
געווען. האַנדל אין וואַנדל? נאַרישקייטן, געלט-זיידענע האַלז-טיכער,
גאַנצע משאות. אונזער לעבן איז אַראָפּ פון די רעלסן. די פערד
זענען אָן אָנטרייבער, און אַזוי ווי די פערד ווייסן, אַז ציען באַרג-
אַראָפּ איז לייכטער, ווי באַרג-אַרויף, ציען זיי טאַקע באַרג-אַראָפּ.
אַ סוף מיט אונז, אויך! דאָס לעבן ווערט לעבערלעך. מיר
האַנדלען און וואַנדלען נאָר צוליב קליידער און עסן. מיר מאַכן
זיך נאַר, ווי מיר וואָלטן געלעבט באמת. אין די אַמאָליקע טעג
איז דאָ געווען דער גרויסער אינטערשיד, דאָ איז געווען אַ שלאָס
און אַ מדבר, איצט איז אַלץ גלייך; אַמאָל איז געווען די הצלחה,
היינט איז די טאָג-סחורה. גרויסקייט, וואָס איז עס? די פערד האָבן
זיך אַראָפּגעשלעפּט באַרג-אַראָפּ; גיב מיר אויך אַ קילאָ גרויסקייט,
וויפיל קאָסט עס? מיר קויפן זיך איין צין אין מויל אַריין און
מיר האָדעווען אין אונזער בויך נייע געדערים, אַלע אויפן זעלבן
אופן, אַלע גלייך אומעטום; מיר צעמיילן צווישן זיך דאָס לעבן,
מיר מאַכן זיך שיטער די לופט און לאָזן וואָס אַ דור ווייטער אָן
אומזיניקערע, מיאוסערע וועלט הינטער זיך. די פרינצעסין? זי פאָרט
וועליסאָפּעד, ווי די אַרבעטער פון איר פאָטער, דעם קעניג. זיי
טרעטן איר קוים אָפּ דעם וועג, זיי גריסן איר אָדער גריסן איר
נישט.

ס'איז געוואָרן שפּעט, און די סעודה האָט זיך געענדיקט,
אָבער דער טעלעגראַפיסט האָט ווייטער געפּלוידערט און גע-
טרונקען. דער באַלעבאָס איז נאָך אַלץ געווען העפלעך און זיך
צוגעהערט, אָבער טעאָדאָר האָט נישט פאַרבאָרגן זיין אומגעדולד,

ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין זייַנע רייד און געהאַלטן פֿאַר נישט מער, ווי שיכּרות; איז מען דען נאָך מחויב צו זיצן?

טעאָדאָר האָט אַ קוק געטון אויפֿן זייגער, אַ קלאַפּ געטון זיך איבערן קני און הויך אַ גענעץ געטון, פֿאַרלייגט די הענט הינטערן נאַקן און זיך איבערגעצויגן. אין דעם טאָג האָט ער אַרויסגעוויזן אַלע מעגלעכע שלעכטע מאַניערן! ער האָט יעדנפֿאַלס געמוזט וויסן, אַז זייַן רעקל איז אונטער די אַקסלען פֿאַרשמירט, הגם עס האָט אויסגעזען ניי; איצט איז ער געווען אין געפֿאַר, אַז באַרדסען וועט אים הייסן זיך גיין אַרומוואַשן. פֿאַרוואָס אַזוי דרייסט? ווען ער האָט גענומען אַ נייען ציגאַר און אויסגעצויגן די האַנט נאָך אַ שוועבעלע, האָט ער צוליב ריינער אומטאַקטישקייט אומגעוואָרפֿן זייַן גלאָז.

אָבער דער טעלעגראַפֿיסט האָט אים נישט אָנגעקוקט שטרענג, ער האָט בכלל אויף אים נישט געקוקט. ער איז נאָך אַלץ געווען אין אַ לירישער שטימונג און גערעדט ווייטער:

— זיי גריסן די פּרינצעסין, אָדער זיי גריסן זי נישט, און זי לאָזט עס גלייַכגילטיק צו, ווייל די פּרינצעסין אַליין איז אויך מיט באַרג־אַראָפּ, דאָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אַ מ אָ ל! אירע דינסט־מיידלעך וואָלטן אָפּגערוימט פֿאַר איר דעם וועג. אירע לאָקייען וואָלטן פֿאַר אירע רויטע דיוואַנע אויסגעלייגט. וואָס וואָלטן געזאָגט די אַרבעטער פֿון איר פֿאָטער׳ דעם —קעניג? זיי וואָלטן זיך געפֿרייט און זיי וואָלטן זיך געריםן מיט דער גנעדיקער שטראָף, אַן איבערלעבעניש וואָלט עס געווען, אַ גרויסע שעה, איצט פֿאָרן זיי ווייטער אויפֿן וועליסאָפּעד און שטעלן זיך נאָך אַרויס מיט זייער אומהעפֿלעכקייט, אָבער אומצופֿרידן זענען זיי פּונקט ווי פֿריִער. איר שמייכלט, הער טעאָדאָר? — האָט באַרדסען פֿלוצלונג אַ פֿרעג געטון, ער האָט פּונקט ווי צום ערשטן מאָל באַמערקט טעאָדאָרס קעגנוואַרט.

— ניין, — האָט טעאָדאָר געענטפֿערט איבערראַשט.

באַרדסען האָט גענומען רעדן צו אים, מיט אַ שטים פֿון אַ בעל־טובֿה:

— ווען איר וועט אַמאָל קומען אין שלאָס...

— איך ? וואָס וועל איך דאָרט טון ? — האָט אים איבערגעשלאָגן טעאָדאָר.

— ווען איר וועט ווערן איינגעלאַדן, ווען דער יונגער ווילאַץ וועט קומען אַהיים...

— איך וועל נישט ווערן איינגעלאַדן. — האָט טעאָדאָר זייער שאַרף געענטפערט און אַריינגעשטעקט די הענט אין די אַרבל. — הע, וואָס איז דאָס פאַר אַן איינפאַל ?

—וועט איר דאָרט זען אַפּאָר אַלטע בילדער, דאָס זענען די אבות. אין אָנהויב געפעלן זיי נישט, זיי זעען אויס גאווהדיק און פּראָסט. דער הער אין אַזאַ מין וואָפן זעט אויס ענלעך צו אַ מאַלפּע, דאָס איינציקע ווערטפולע אין אים איז זיין ווילן, ער איז פונ־דאַמענטאַל. און די דאַמע ? די דאַמע האָט געמוזט פּאָזירן פאר אירע מאָלער און פּאָרטרעטיסטן, זי האָט קוים אַריינגעשאָרכט דורך דער טיר, ווי אַ מבול פון זיידנשטאָף און גאָלדענע שנאָלן, און זיך גע־זעצט אויף אַ שטול. זי איז אַזוי צאַרט, זי מוז זיצן אויף אַ שטול און די פיס האַלטן אויף אַ קישן, די קישן האָט דריי רייען פּערל, וועלכע זי טרעט מיט די פיס. דעמאָלט הויבט זי אויף דעם קאָפּ, איר פּנים דריקט נישט אויס קיין הערשערישע מינע, אָבער איר גאווה איז אָן אַ שיר. איר דאַכט זיך, אַז די גאווה וואָלט גאָר נישט קענטיק געווען, ווען זי שטרייבט זי נישט אונטער. אָבער פון די דאָזיקע צוויי איינגעשאַפטן, ווילן און גאווה, קאָן — אויב עס איז דאָ געלט אויך — אַרויסוואַקסן אַ געשלעכט פון אַ העכערן קלאַס.

— יאָ, דאָס געלט. — האָט געזאָגט הער דידריקסען, כּדי נישט צו זיצן אינגאַנצן שטום.

— דאָס געלט טאַקע. אָבער עס רעדט זיך נישט וועגן קיין גראָשנס ; אַ גרויסע עשירות מוז עס זיין. גראָשנס זענען נויטיק אָפּצושוואַכן דעם דור, צו שיצן אים פון נאַסע פיס, גראָשנס זענען דערצו, מ'זאָל אַרויסציען אויף זיך נאַרישע חוצפּה. ניין, דאָ מיינט מען אמתע עשירות.

— איך גלויב, אַז עס איז שוין צייט צו גיין, — האָט טעאָדאָר געזאָגט און ווידער אַ קוק געטון אויפן זייגער.

איבערן פּנים פון טעלעגראַפיסט איז אַדורך אַ גרימאַסע פון אומצופרידנקייט ; ער האָט זיך באַהערשט און זיך געטאַכט, ווי ער

וואָלט גאָרנישט געהערט. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער האָט געוואָלט ווייטער רעדן. כאַ, כאַ! וועגן וואָס ער האָט נאָך אַלץ געקאָנט רעדן!

— עס איז נאָך נישט שפּעט. — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס.

אָבער אויב דער גאַנצער מאָלצייט איז געמאַכט געוואָרן לכּבוד דעם סוחר טעאָדאָר, איז עס דאָך אין אַ געווויסער מאָס נישט העפלעך פונם גוטן טעלעגראַפיסט, וואָס ער שטופּט זיך אַ גאַנצן אָוונט צום פאָדערגרונט. דער מאַשיניסט קאָן עפּעס אויפשפּילן אויף דער האַרמאָניע, — דאָס וואָלט געווען אַן אויסוועג! הער דידריקסען איז זיך מישב, ער שטעקט אַביסל אַרויס זיין שפּיץ צונג, רירט־אָן דערמיט זיינע קליינע וואָנסן, האַלט זיי פּעסט צווישן זיינע ציין און שטופּט זיי ווידער אַרויס מיטן שפּיץ צונג. ער איז שוין פאַרטיק מיט זיין ישוב, און ער לאָזט רופן דעם מאַשיניסט.

ווען דער מאַשיניסט איז אַריינגעקומען מיט זיין האַרמאָניע, האָט ער קודם־כּל געקראָגן אַ גלעזל, אַזוי אָנגעלייגט איז ער געווען. די האַרמאָניע האָט טרויעריק אויסגעזען מיט איר שטויב און מיט אירע אייל־פלעקן. אָבער זי האָט געקלונגען, אַרויסגעגעבן טענער, טעאָדאָר איז טאַקע געוואָרן לעבעדיקער. ער האָט געקאָנט די מוזיק פון שיפער־הויז. ער האָט איבערגעקערט זיין גלעזל ביזן דעק און אַ קלאַפּ געטון צום טאַקט פון אַ וואַלס. דער טעלעגראַפיסט האָט אים אָנגעקוקט; טעאָדאָר איז צוליב זיין באַגייסטערונג געווען אין אַ פאַרלעגנהייט.

— פאַרוואָס האָט איר אויך אייער וויאָלאָנטשעל נישט געבראַכט? — האָט ער געזאָגט.

— צו וואָס האָב איך עס געזאָלט ברענגען? איר האָט דאָך איצט אייער מוזיק. — האָט געענטפערט באַרדסען.

— איר שפּילט טשעלאָ? — האָט געפרעגט דער מאַשיניסט און אַ וואָרף געטון זיין האַרמאָניע אויף דער סאָפקע. ער האָט זיך געפילט אין סאַלאָן, ווי ביי זיך אין דער היים, און האָט זיך מכבד געווען מיט נאָך אַ גלעזל, אויסגעטרונקען און נישט געוואָלט ווייטער שפּילן.

— מיר וועלן בעסער מאַכן אַ קערטל. — האָט ער געזאָגט.

דידריקסען האָט אַ קוק געטון אויף זיינע געסט.

— יאָ, איך האַלט מיט. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

— ראַמש, נאָר אַ קליינעם קאָן, — האָט דער מאַשיניסט געזאָגט און גענומען די קאָרטן. אויף זיינע לאַנגע רייזעס פון סוחר צו סוחר, לענג-אויס די נאָרוועגישע ברעגעס, האָט ער נישט איין מאָל אין דעם דאָזיקן סאַלאָן געמאַכט אַ קערטל, ער האָט געקאָנט די שפיל אויף אויסנווייניק.

— זאַלבע-ווּיפיל זענען מיר? זאַלבעפערט! — האָט ער געזאָגט און צעטיילט די קאָרטן.

— איך שפיל נישט. — האָט באַרדסען געזאָגט.

אָבער יענע זענען אָנגעשטאַנען און געזאָגט, אַז זיי וועלן אים אויסלערנען די שפיל, ווייל ווייניקער, ווי זאַלבעפערט, קאָן מען נישט שפּילן.

— טוט אונז די טובה, — האָט דידריקסען העפלעך געזאָגט.

— אָבער גאָט מיינער, אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה, קאָן דאָך נישט שפּילן אין קאָרטן אין געלט! — האָט באַרדסען אָפּגעענטפערט.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן קאָנט איר זיך פאַרגינען צו פאַרשפּילן דאָס ביסל קליינגעלט. — האָט דידריקסען געזאָגט און בשעת-מעשה דערלאַנגט באַרדסענען אַביסל פאַפיר-געלט. — איר טוט אונז באמת אַ טובה דערמיט, אַזוי זענען מיר נאָר זאַלבעדריט.

דער מאַשיניסט האָט צעטיילט די קאָרטן, און די שפיל האָט זיך אָנגעהויבן. אַלע האָבן זיך איינגעקויפט שפּיל-מאַרקעס, כּדי דערמיט צו באַצאָלן. באַרדסען האָט געוואונען. מיט אַ שלעפעריקער גלייכגילטיקייט האָט ער אָפּגעגעבן דידריקסענען זיין פאַפיר-געלט און געשפּילט ווייטער, ווידער געוואונען און פאַרקויפט די אַנדערע די שפּיל-מאַרקעס פאַר מזומן. ער האָט שוין אַפילו געהאַט פאַר זיך עטלעכע באַנקנאָטן, אַלע האָבן שטאַרק געטרונקען; דער מאַשיניסט איז געווען אַ לוסטיקער חברה-מאַן, וואָס בעת ער האָט פאַרשפּילט, האָט ער געמאַכט שלעכטע וויצן; ביידע סוחרים זענען אָבער געווען צו רייך, כּדי זיך אויפצורעגן צוליב אַ קליינעם פאַרלוסט, אָבער לסוף האָט טעאָדאָרן אָנגעהויבן פאַרדריסן זיין שלימזל.

— אַזוינס איז מיר נאָך נישט פאָרגעקומען. — האָט ער געזאָגט.

— וויפל איז דער זייגער ? — האָט אויסגערופן דער מאַשיניסט. — פון איצט מאַכן מיר טייערער דעם קאָן, מיר מוזן דעם געווינער נעמען אַביסל אויפן צימבל, כאַ, כאַ !

הער דידריקסען האָט אַ קוק געטון אויף זיינע געסט, און טעאָדאָר האָט געזאָגט :

— טייערער דער קאָן ? פונמיינעטוועגן, אדרבה !

— און וואָס זאָגט דערצו דער געווינער ? — האָט הער דידריקסען געזאָגט מיט אַ שמייכל.

באַרדסען האָט געענטפערט :

— דער געווינער ? ער איז מסכים אויף אַלץ. אָט האָט איר צוויי באַנקנאָטן, מיר וועלן איצט זען, מיינע הערן, צי איר וועט מיך קאָנען נעמען אויפן צימבל.

— איז אייך דאָס געלט אַזוי גלייכגילטיק ? — האָט טעאָדאָר געפרעגט.

אָבער איצט איז די שפיל געוואָרן ווילד. באַרדסען האָט ווידער געוווּנען, און ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ כישוף. ער האָט אָפט גע- וווּנען מיט די לעבערלעכסטע קאָרטן. נאַטירלעך, האָט ער אין מיטן אויך טיילמאָל פאַרשפּילט, אָבער דעמאָלט האָט ער געקאָנט אָפט- מאָל זיינע חברים אויפרייצן איינעם קעגן אַנדערן, און אַזוי ווי דער קאָן איז געוואָרן וואָס אַמאָל טייערער, איז די סומע לסוף גאַנץ נישקשהדיק אויסגעוואַקסען, הגם ראַמש איז אַן אידיאָטישע שפיל און אויך אַן אָרעמע שפּיל.

— איר זעט, באַרדסען, עס האָט אייך שוין געלוינט צו קומען היינט צום ברעג. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

דער באַלעבאָס האָט נישט געקאָנט זיין געערטן קונד אונ- טערשטיצן מיט אַ דירעקטער באַטערקונג. אָבער דער מאַשיניסט האָט זיך אָפּגערעכנט ; ער האָט געטרונקען צו באַרדסען און געזאָגט :

— אַך, ווען מיר וואָלטן אייך דאָ געהאַט אַ גאַנצע וואָך, וואָלטן מיר, נישקשה, פון אייך נקמה גענומען !

און ער האָט זיך צעלאַכט אויפן גאַנצן קול.

באַרדסען האָט איצט געהאַט דעם גרעסטן טייל שפּיל- מאַרקעס, און דערצו אַ הויפן באַנקנאָטן אויפן טיש, ווען טעאָדאָר

האָט צום צווייטן מאָל געקויפט מאַרקעס, האָט ער געזאָגט אָן שום קונצן:

— אָבער אֶפשר קאָן מען די דאָזיקע פינף און צוואַנציק קראָן אַראָפּרעכענען פון אייער חשבון אין געווע̇לב?

— אדרבה. — האָט באַרדסען געענטפערט.

צו קיין סיכסוך איז נישט געקומען.

אפשר איז עס נישט געווען אַזוי איידל פון טעאָדאָרן, וואָס ער האָט אים אויף אַזאַ אופן אָפּגעצאָלט, אָבער די האַלטונג פון דעם טעלעגראַפיסט אין משך פון גאַנצן אָוונט איז געווען נאָך מערקווירדיקער: ער איז געווען דעם יונגן קרעמער שולדיק געלט, און דאָך האָט ער אים באַהאַנדלט פון אויבן אַראָפּ, אַפילו מיט חוזק. ער האָט אים בכלל נישט געזען. און דער בעל־חוב האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט און ער האָט זיך געפילט גוט. דער דאָזיקער טייוול באַרדסען האָט שוין ווידער געהאַט מסתמא עפּעס אַ כוונה, און ער וואָלט גטקאָנט אָפּגעבן וועגן דעם אַ לאַנגע און טיפזיניקע דערקלערונג, אָבער קיינער האָט אים נישט געפרעגט. מען האָט געשפּילט ווייטער. טעאָדאָר האָט ווידער געקויפט שפּיל־מאַרקעס און ער האָט געזאָגט:

— לאָמיר זאָגן, אַז די דאָזיקע פינף און צוואַנציק קראָן זאָלן אויך אַראָפּ פון חשבון?

— יאָ. — האָט באַרדסען געענטפערט.

— איך דערמאָן זיך נישט, אַגב, וויפל איר זענט מיר שולדיק; אָבער אויב איר האָט מיר איבערגעצאָלט, וועלן מיר עס מאָרגן אויסגלייכן.

— יאָ. — האָט באַרדסען געזאָגט.

דאָ האָט דער מאַשיניסט אוועקגעלייגט די קאָרטן און געזאָגט:

— ניין, היינט אין אָוונט וועלן מיר דעם מוצלח נישט אַריינגעקריגן. לאָמיר איבעררייסן און זיך אָפּרעכענען.

יעדערער האָט אויסגעלייגט זיינע שפּיל־מאַרקעס, דערביי האָבן זיי געטרונקען און געפּלוידערט. נאָר איין באַרדסען איז געזעסן שטיל און געדרייט זיינע באַנקנאָטן צווישן זיינע פינגער, לסוף האָט ער זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע, נישט איבערגעציילט זיי אַפילו. האָט ער זיך געוואָלט באַווייזן פאַר די אַנדערע און געמיינט, אַז דאָס איז

אָריגינעל? טאָ זאָל ער זיך עפּעס אַנדערש אַריינגעמען אין זינען. אַלע שלעפּער באַגייען זיך לייכטזיניק מיט געלט, דערפאַר טאָקע זענען זיי שלעפּער. קיינער איז נישט אַזוי נאַריש הפקר, ווי דער קבצן.

אַ באַנקנאָט איז געלעגן אויף דער ערד, דער מאַשיניסט האָט אים אויפגעהויבן און געזאָגט:

— דאָס איז מסתמא אייערס?

— איך דאַנק אייך. — האָט באַרדסען געענטפערט און אים אַריינגעשטעקט צווישן די אַנדערע.

איצט האָט דער מאַשיניסט אומגעבעטן אַ באַפּ געטון זיין האַרמאָניע, און גענומען שפּילן אַ מאַרש מיט אַ הילכיקן באַס. איי, האָט עס געקלונגען! ער האָט מיט אַלע כוחות געצויגן דעם בלאָזזאַק, זיין פּנים איז פאַרצערט געוואָרן, און ער האָט שווער געאָטעמט פון אָנשטרענגונג. פּלוצלינג האָט ער איבערגעריסן, אויסגעשאָסן אַ הילכיקן געלעכטער און געזאָגט:

— מאַכט עס נאָר נאָך!

די אַנדערע האָבן געבעטן, ער זאָל שפּילן ווייטער, און ער האָט זיי צוליב געטון.

און פון וואַנעט האָט זיך עס געקאָנט נעמען, — די טענער האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אויפן ברעג און אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די אָוונטיקע שפּאַצירגייער; עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלץ מער מענטשן, און אַפּאָר יונגע זענען אַרויף אויף דער שיף. די הערן אין סאַלאָן האָבן געהערט, ווי איבער זיי האָט מען געטרעטן אַהין און אַהער. אויפן דעק האָט מען געטאַנצט.

דאָס איז זיי אַ ווײַלע אַלעמען שטאַרק געפעלן געוואָרן; אָבער טעאָדאָר האָט זיך אַ הויב געטון און איז אַוועק אַהיים. דאָס טרינקען, די טענער און דער טאַנץ האָבן אים ווידער געמאַכט עלעגיש געשטימט און אים דערמאָנט, אַז ער איז פאַרליבט.

ווען דער טעלעגראַפיסט באַרדסען איז געגאַנגען אַהיים, האָט ער אין אַ ווינקל, לעבן הער האָלמענגראַאַס גרויסן קאָרן־שפּייכלער, דערהערט די שטימען פון אַ פאַרליבט פּאָרל, וואָס האָט זיך אַרומגעריסן: דער בחור האָט שאַרף אויפגעוואָרפן דעם מיידל, אַז ער האָט זיך וועגן איר זייער פיל אָנגעהערט, אַז זי איז אַן אויסוווּרף און

ווען ער איז נישטאָ, פאַרראַט זי אים. דאָס מיידל אָבער האָט גע־וויינט און געבליקט שטיין און ביין, זיי האָבן גערעדט אויך וועגן געלט, אַז זי פאַרמאָגט עטלעכע הונדערט קראָן; אָבער דער בחור האָט געזאָגט, אַז ער פייפט אויף דעם, ער דאַרף עס אויף כפרות, ער האָט אָפּגעשפּאָרט שבירות פון דריי חדשים.

— טו, וואָס דו ווילסט, — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— זע נאַר, דו זאָלסט קומען אהיים! — האָט דער יונג געענטפערט און איז אַרויס פון ווינקל.

דאָס איז געווען נילס פון וועלטאַ מיט דער פּאָכנדיקער געלי־זיידענער טוך אַרום דעם האַלז. ער האָט זיך מער נישט אומגעקערט און זיך געלאָזט אין זיין וועג. דעמאָלט איז אַרויס אויך דאָס מיידל: דאָס איז געווען פלאָרינאַ, די דינסט פון אַדוואָקאַט ראַש. זי האָט געטראָגן אַ גרויסע וואָלענע טוך אַרום דעם מויל און אַרום די באַקן, וועלכע זי האָט אַראָפּגערוקט בעתן רעדן און באַלד ווידער פאַר־שטעלט, בעת זי האָט געענדיקט. גיב נאָר אַ קוק, איצט דרייט זיך איר געליבטער ווידער אוים!

— נילס! — האָט זי געזאָגט

ער האָט נישט געענטפערט.

פלוצלינג האָט זי אויסגערופן:

— איצט גיי איך צום ברעג און איך וועל טאַנצן, דו וועסט שוין זען!

— אָ, ווייל זיך גוט! — האָט ער געענטפערט.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט זי נאָכגעקוקט דעם יונג, דער טעלעגראַ־פיסט איז פאַרבייגעגאַנגען, אָבער זי האָט אים נישט באַמערקט, נאָר צוויי גרויסע אויגן האָבן אַרויסגעגלאָצט פון דער וואָלענער טוך אַרויס. דערנאָך האָט זי זיך דורך דעם לאַנדונגס־פּלאַץ געלאָזט גיין צו דער שיף.

עס איז געווען שטיל צווישן די שמאָלע געסלעך און די הייזער. דאָס שטעטל האָט גערוט. די ווילדע שוואַנען האָבן פון ווייטן געזונגען זייער ליד, באַרדסען איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין, פאַר אים איז געגאַנגען נילס פון וועלטאַ. אַן אַנטשלאָסענער יונג, דער דאָזיקער געליבטער! אַ שטאַרקער חברה־מאַן, ער קוקט זיך קיין איין מאָל נישט אום, שטאַרק? יאָ, אין די צוואַנציקער יאָרן, מיט דער שבירות פון דריי חדשים אין קעשענע!

אָבער ווען באַרדסען איז אַ פערטל שעה געגאַנגען הינטער אים אויף זעלבן מרחק, דאָט ער פלוצלינג אַ טראַכט געטון:

— ווי? און אויב ער הערט די גאַנצע צייט מיינע טריט און מיינט, אַז דאָס איז זיין געליבטע?

— הם! — האָט באַרדסען גאַנץ הויך אַ ברום געטון.

צי גייט דער יונג ווייטער? ער דרייט זיך האַסטיק אויס, מאַכט כלומרשט נאָך אַפּאָר טרים און בלייבט שטיין. דער שטאַרקער מענטש איז פלוצלינג שוואַך געוואָרן, באמת, ער טאַפּט זיך אַרום, זוכט עפּעס אין זיינע קעשענעס — וואָס זוכט ער אַזוינס? אָך, ער מאַכט זיך נאָר, ווי ער וואָלט שטאַרק געזוכט אַ פאַרלוירענע זאַך, כדי צו האָבן אַן אויסרייד זיך אומצודרייען. דעמאָלט גייט ער דעם טעלעגראַפיסט אַנטקעגן, שמייכלט צעטומלט פאַרבייגייענדיק, שמייכלט ווי אַן אָרעם יינגל:

— כ'האָב פאַרגעסן...

האָט איר שוין געזען עפּעס אַזוינס?

דערנאָך לויפט ער געשווינט אַראָפּ צום לאַנדונגס-פּלאַץ. כדי צו פאַרשטעלן זיינע כוונות, זוכט ער נאָך אַלץ בשעת-מעשה אין די קעשענעס.

אָבער זע נאָר, דער דאַמפּער פאָרט-אָפּ פון ברעג און דרייט זיך פייערלעך אויס צום ים.

נילס פון וועלטאַ בלייבט האַסטיק שטיין און קוקט אַנטוישט פאַר זיך. דערנאָך נעמט ער לויפן אין גרויסע שפּרייזן צום פּלאַץ, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט צו פאַרהאַלטן די שיף. די שוואַנען האָבן ווייט געזונגען, ווי פריער.

דער טעלעגראַפיסט באַרדסען שלעפּט זיך ווייטער; ער גייט פאַרביי דאָס הויז פונם שוסטער נילס, קליינע הויפן, מענטשלעכע דירות, אויסגעהאַקטן וואַלד, דאָ און דאָרט געפינט זיך שוין אויף דרויסן שאָף, הגם די ערד איז נאָך באַדעקט מיט שניי. ער קערט זיך אום און גייט אַריין אין שוסטערס הויז.

— איך האָב געזען, אַז ביי דיר רויבערט דער קוימען, האָב איך געטראַכט, אַז מסתמא ביסטו שוין אויף. — האָט ער געזאָגט.

נילס ווישט אָפּ פאַרן גאַסט אַ שטול און אַ בענקעלע און איז

שטאַרק צעטומלט. אויפֿן טיש אין אַ גרויסן פּאַפּיר ליגט אַ הערינג און עטלעכע קאַרטאָפֿל.

— יאָ, — זאָגט נילסען — איך קאָך קאַווע. איך בין נאַר־וואָס גע־קומען פֿון דער שטאָט אהיים און זיך געוואָלט קאָכן קאַווע. יאָ, איך האָב ביי זיך אַ נישקשהדיק ביסל קאַווע. אָך, הער באַרדסען, איר קומט אריין אין אַזאַ שטוב, וווּ ס'איז נישטאָ אפילו, וווּ צו זיצן!

ער האָט אראָפּגערוימט פֿון טיש, אוועקגעלייגט דעם הערינג מיט די קאַרטאָפֿל אויפֿן בעט און אַ צעטומלטער געפּלוידערט:

— יאָ, דער קוימען רויכערט מאַקע, איך האָב געוואָלט קאָכן קאַווע, איך האָב זייער אַסאַך קאַווע. ווען איך קאָן אייך איצט בעטן צו אַ שעלכל, אָבער זי איז נישט אַזוי שטאַרק גוט...

— יאָ, איך נעם אָן אייער איינלאַדונג.

אַ גרויסע דערשטוינונג! איז עס געווען ערנסט?

— יאָ, ליבער גאַסט, ווען זי זאָל נאָר זיין גוט, אָבער... און איך האָב נישט, וואָס צוצובייסן; גראָד האָב איך נישט קיין צוקער, איך האָב אים היינט אין גאַנצן פֿאַרגעסן אין געוועלב. אָבער צום ערגסטן איז, וואָס אויך די קאַווע איז דאָרטן געבליבן ליגן, דאָס קאַווע־זעקעלע אויפֿן טאָמבאַנק. אָך, איך האָב געקראָגן זייער אַ שלעכטן זכרון! — האָט דער שוסטער נילס געזאָגט.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּאָרטרעט? — פֿרעגט באַרדסען, הגם ער ווייסט עס זייער גוט. דאָס איז דער זון א. נעלסאָן אין אַמעריקע. אויסגעפּוצט, זאַט און פֿריזירט, דער אַמאָליקער אולריך.

— און די דאַמע? — פֿרעגט באַרדסען.

— יאָ, דאָס איז נאָך דערוויילע אַ גרויסער סוד, — ענטפֿערט נילס — אָבער אויף ווייל איך פֿאַרשטיי, איז עס די, מיט וועלכער ער וויל חתונה האָבן. זיי וועלן וואַלט עס איינגעפֿאַלן, — דער קליינער אולריך, וואָס איז מיט מיר געגאַנגען איבער די הייזער און געמאַכט שיך. ווען ער האָט אָנגעהויבן, זענען נאָר זיינע הענט געווען גרויס, אָבער איצט! געוואָרן מיט לייטן גלייך! אָך יאָ, דאָס פֿאַרשטייט זיך!

דאָ האָט באַרדסען פּלוצלינג אויף אַ שיכּורן און גראָבן אופֿן אָנגעטון זיין הוט און געזאָגט:

— נעם צו דאָס נעבעכדיקע שעלכל, דאָס איז קיין קאַווע נישט.

אַזוינס טרינק איך נישט. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן — יאָ, נעם די דאָזיקע באַנקנאָטן און פאָר קיין אַמעריקע. שטיל, לאָז מיך אויסרעדן! די באַנקנאָטן, הייסט עס; פאָר דערמיט קיין אַמעריקע, דו אויך, הערסט! קאָנסט נישט שווייגן, ביז איך וועל ענדיקן? קויף זיך אַ בילעט און פאָר אַוועק, די באַנקנאָטן געהערן צו דיר, איך וויל מער נישט הערן דיין פּלוידעריי. זע, די זאָלסט פאָרן, הערסט? —

באַרדסען האָט פאַרלאָזט דאָס שטיבל, אָבער נאָך אַלץ גערעדט אין זעלבן טאָן. נילס איז געגאַנגען מיט די באַנקנאָטן הינטער אים און פּראָטעסטירט. לסוף האָט דער טעלעגראַפיסט דערהערט דעם שוסטערס אומזיניקע רייד:

— איך האָב פאַר אייך קיינמאָל גאָרנישט געטון!

ער, באַרדסען, מיט די שווערע ריזן-אַקסלען, וועט לאָזן דעם אַלטן אויסגעדאַרטן שוסטער עפּעס טון פאַר זיך!

אויפן וועג אַהיים האָט באַרדסען ווידער געזען דעם קליינעם דאַמפער, וואָס איז געפאָרן צום ברעג. ער האָט געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן וואַסער, מיט עטלעכע שטאָט-לייט, אַפאָר יונגע מענטשן, וואָס האָבן אין דער קילער נאַכט געטאַנצט אויפן דעק.

ווען באַרדסען איז אַריין אין טעלעגראַפן-אַמט, איז ביים טיש געזעסן דער קליינער גאָטפרעד און טעלעגראַפירט. דער קליינער גאָטפרעד בערטעלסען, דער זון פון בערטעל פון סאַגוויקאַ, האָט טעלעגראַפירט דעם סוף פון אַ ווייזיקער טעלעגראַמע צו דער פירמע, דידריקסען עט היברעכט; דער פאַרטרעטער פון דער פירמע, דידריקסען, האָט צוליב דער דאָזיקער טעלעגראַמע געהייסן עפענען דעם טעלעגראַפן-אַמט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם גרויסן מסחר, די גאַנצע באַשטעלונג פון דעם קרעמער מעאָדאָר. יאָ, דער דאָזיקער יונגער דידריקסען! דאָס עפענען דעם טעלעגראַפן-אַמט איז געווען אַ גרויסע רעקלאַמע און האָט ווייניק געקאָסט; דעם דאָזיקן פאָרטל האָט ער געמאַכט פאַר זיינע קונדן וועגן, וועלכע ער האָט געוואָלט צוחנפענען און אָנטון כבוד.

איצט איז גאָטפרעד פאַרטיק געוואָרן, ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— אַלע רעדן וועגן אייער מזל אין קאָרטן היינטיקע נאַכט.

באַרדסען האָט אַ געגעץ געטון.

— טעאָדאָר איז דאָ געווען אויפן וועג אהיים. ער האָט גע־זאָגט, אַז איר האָט געוואונען אומגעהויער פיל געלט.

— יאָ, יאָ, — האָט באַרדסען געזאָגט — דאָס איז גאַנץ ריכטיק. עס איז געווען, ווי אַ כישוף.

— דאָס פרייט מיר זייער, — האָט גאָטפרעד געזאָגט.

— אָבער אומגעהויער, דאָס קאָן מען נישט זאָגן, ווען מען רעכנט אָראָפּ די אויסגאַבן, אַביסל האָב איך, פאַרשטייט זיך, גע־וואונען. יאָ, עס איז באמת געווען, ווי פאַרכישופט.

— וויפל קאָן עס זיין ?

— אַך, גאָרנישט אַזוי פיל. איר האָט דעם גאַנצן אָוונט גע־אַרבעט, געבעך ?

— איך פריי זיך זייער מיט אייער געווינס, — האָט באַרדסען, ווייל דער אינספּעקטאָר קאָן אַ ליאַדע טאָג קומען, און דאָסמאָל וואָלט געווען נישט גוט, דאָס דאַרפט איר וויסן.

— אָבער צום טייוול, איר מוזט דאָך עס פאַרשטיין, אַז עס בלייבט נישט אַזוי פיל, ווען מען רעכנט אָראָפּ די אויסגאַבן ! — האָט באַרדסען אומגעדולדיק אויסגערופן.

— אויסגאַבן ? וואָס פאַר אַן אויסגאַבן ?

— מען דאַרף זיי דען נישט אָפּרעכענען ? איין באַנקנאָט אָדער אַ צווייטער פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, אַ שפּיל־מאַרקע פליט ערגעץ אַוועק, מען מוז אַלץ ברענגען אין אָרדנונג. איר קאָנט נישט שפּילן אין קאָרטן.

דער יונגער גאָטפרעד האָט געקוקט צו דער ערד און עפּעס נאָכגעטראַכט.

— יאָ, אָבער איר וועט דאָך יעדנפאַלס קאָנען ברענגען אין אָרדנונג די קאַסע ? — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, יאָ, אָבער איצט זענט איר מיד. אגב, איז עס מיין קאַסע און נישט אייערע. צום ערגסטן איז, וואָס איר זענט דאָ גע־זעסן אַ האַלבע נאַכט, בעת איך האָב זיך געווײַלט.

טרויעריקע געדאַנקען האָבן באַהערשט דאָס האַרץ פון גוטן, קליינעם גאָטפרעד, ער האָט פון פריערדיקע געלעגנהייטן געקאָנט באַרדסענס זאָרגלאָזיקייט בנוגע געלט־ענינים, און איז נישט געווען בכוח איינצוהאַלטן די באַמערקונג :

— צום ערגסטן איז, אויב איר קאָנט נישט גלייך איצט ברענגען אין אָרדנונג די קאַסע. איר ווייסט דאָך, וואָס עס וואַרט אויף אייך אין אַזאַ פאַל.

— נו, דעמאָלט וועט איר ווערן שעף אויף מיין אָרט, גאָטפרעד. און דעמאָלט וועל איך אפשר אָנקומען אויף אייער פּלאַץ.

— שפּאַסט נישט! — האָט גאָטפרעד געענטפערט. — איר זעט, דאָ איז דער חשבון. דעקט טאַקע דעם חסרון אין דער קאַסע.

באַרדסען איז צו צו זיין טשעלאָ אין ווינקל און געשאָקלט אויף ניין.

— איר ווילט נישט? — האָט גאָטפרעד געפרעגט.

באַרדסען האָט אויסגערופן:

— איר ווילט נישט? איר ווילט נישט? איך זאָג אייך, אַז איך קאָן נישט! נו, שוין רעכט? וואָס שטייט איר דאָ און באַקלאָגט מיך?

— איר קאָנט נישט?

— ניין, איך האָב גאָרנישט. קומט אַהער און באַזוכט מיך. איר זעט, איך האָב גאָרנישט. מיינע קעשענעס זענען פּוסט. ס'איז אין זיי קיין געלט נישטאָ.

— האָט איר, הייסט עס, דאָס געלט עמעצן אַוועקגעגעבן?

— יאָ. איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, עמעצן אַוועקגעגעבן. אומזין!

גאָטפרעד האָט ווידער אַ קוק געטון צו דער ערד און נאָכגעקלערט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אָרעמער, נעבעך!

אָבער דאָ האָט זיך באַרדסען געפילט באַליידיקט און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי אייך נישט, — איר מיינט, אַז איר האָט דאָס רעכט מיך שטענדיק צו באַדויערן...

— ווער האָט באַקומען דאָס געלט?

— גייט צו אַלדי רוחות, מענטש! — האָט אויסגעשריגן באַרדסען. — באַקומען דאָס געלט? דער שוסטער נילס האָט עס ביי מיר געליגן. ער פאָרט קיין אַמעריקע. צו זיין זון. דער שוסטער נילס. פע, איך גלויב, אַז איר זענט משוגע געוואָרן!

גאָטפרעד האָט אָנגענומען אַ האַסטיקן באַשלוס; ער האָט זיך געשוווירן ביי אַלץ, וואָס איז אים הייליק, אַז אָט גייט ער און נעמט

אָפּ אַ טייל געלט, ער האָט געבאַפּט דעם הוט און פאַרלאָזן דאָס ביוראָ. באַרדסען האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אָפן מויל, געמאַכט אַפּאָר שריט, אים צו רופן צוריק, געזען, אַז ס'איז שוין צו שפּעט און אַנטשוויגן געוואָרן. באַלד נאָכדעם האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביי זיין טשעלאָ און גענומען שפּילן, שיכור און אָן יעדן געפיל פון אחריות.

IV.

די פּאָסט-שיף האָט אויסגעלאָדן אַ ריזיקן ראָיאַל, דער קנעכט מאַרטין און פינף אַנדערע קנעכט האָבן געשטופּט און געהויבן דעם שווערן קאַסטן אויף אַ שליטן, כדי אים אוועקצושיקן מיטן שליט-וועג. דער אינסטרומענט איז געווען באַשטימט פאַרן יונגן ווילאַץ, דעם הער פון זעגלפאָס; ער אַליין איז אָבער נישט געקומען, און אויך קיין ידיעה פון אים איז נישט געווען. וווּ זאָל מען דעם ראָיאַל אהינטון? אין הויף אָדער אין די צוויי צימערן פון דער ציגל-פאַבריק? מאַרטין און די פינף אַנדערע קנעכט האָבן זיך שטאַרק געשעמט; זיי האָבן געשיקט אַ שליח צו פרוי אַדוואָקאַט-ראַש און געהייסן זיך אָנפרעגן ביי איר. זי האָט געזאָגט, אַז דער ראָיאַל מוז, נאַטירלעך, אַריינגעשטעלט ווערן אין הויף, אין הער האָלמסענס אייגענעם צימער, וואָרן וווּ דען? דער שליח האָט געדאַנקט פאַר דער אָנווייזונג און איז אַוועק. אָבער ער איז נאָך נישט געהאַט ווייט אַפּגעגאַנגען, ווען פרוי ראַש האָט אים גערופן צוריק; ניין, זאָלן זיי דעם קאַסטן שטעלן אין דער ציגל-פאַבריק, ווער קאָן וויסן, וווהין ער איז באַשטימט? אָבער דאָרט האָט דער אינסטרומענט אויך נישט גע-קאָנט שטיין, אַפילו אין ביידע צימערן צוזאַמען — ניין, זי ווייסט נישט, זי קאָן נישט באַשליסן; פרוי ראַש איז געווען צערודערט און איפּגערעגט.

דער שליח איז ווידער געקומען אויפן פּלאַץ, און מאַרטין מיט די פינף מענטשן האָבן זיך מישב געווען.

דעמאָלט איז דער הער האָלמענגראָ צוגעגאַנגען צו זיי און גע-זאָגט:

— שטעלט דעם קאַסטן אין מיין מאַגאַזין, ביז דער יונגער ווילדאַק וועט אַליין קומען.

דערמיט איז די פראַגע געווען אַנטשיידן; איינער פון די מענטשן האָט העפלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— דאָס וואָלט נישט געווען קיין קרומע זאַך!

אַ צווייטער האָט דאָך צוגעגעבן:

— אויב אַזוי, וועט דעם שליט-וועג דערווייל דער טייוול נעמען, און ווי אַזוי וועט מען דעמאָלט ווייטער שלעפּן דעם אינסטרומענט?

אָבער מאַרטין האָט באַפוילן:

— נו, פלוידערט נישט קיין שטותערייען, ווען הער האָלמענגראַאַ האָט אייך אַזוי געהייסן.

אָבער הער האָלמענגראַאַ האָט נישט שטענדיק געהאַט דעם קנעכט מאַרטין אונטער דער האַנט, און דעמאָלט האָבן די זעלבע מענטשן געקאָנט קריטיקירן זיינע באַפעלן און איינגעהאַלטנקייט. הער האָלמענגראַאַ האָט אָנגעהויבן מיד צו ווערן פון זיין טעטיקייט, פון זיין אַר-בעט, זיין שטעלונג. איצט איז ער קעניג אין זעגלפּאָס? דאָס איז געווען בטעט ערגער, ווי צו-זיין אַן אמתער קעניג — צו געבן אוידיענצן דעם אָדער יענעם פּאָל-רייזנדן, און אין אַל-דאָס איבעריקע אונטערצושרייבן נאָר דאָס, וואָס עס באַשליסט די מערהייט פון לאַנד. הער האָלמענגראַאַ האָט זיך געפרייט, וואָס עס קומט ווידער קיין זעגלפּאָס אַ ווילדאַק; ווען ער האָט דערהערט די דאָזיקע בשורה, האָט אַ פרייד־לעכע סטרונע אַ קלונג געטון אין אים; דאָס איז געווען זייער אָנגענעם, צו דערמאָנען זיך אָן די אַמאָליקע האָלמסענס און אין יענע שיינע ציימן, ווען ס'איז נאָך געווען אויף דער מאָג-אָרדנונג צו לאָזן באַמבלען זיך אויף דער וועסט אַ דיקע גאָלדענע קייט; גאָט ווייסט, וואָס דאָס איז געווען, אַ גרוס פאַר אַן עלנטן מענטשן, אַ מין שטיצע; צו האָבן לסוף ווידער אַ מענטשן, פאַר וועמען צו זאָרגן! —

וואָרן וועמען האָט ער דען געהאַט? קיינעם נישט. אַדוואָקאַט-ראַש? ער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שלעפּער, כּל זמן ער האָט נישט געהאַט קיין מיטלען זיך צו קויפן אַ מלבוש, און ווען ער האָט שוין געהאַט קליידער, האָט ער באַלד געקראָגן אַ בייכל און אַ גוידער און באַקומען חשק צו עפּעס אַנדערש, אויסער געלט. דער קרייז-דאָקטאָר

מואוס ? אַ מענטש אָן באַזונדערע פֿעיקייטן און מיט אַ גאַנץ קאַלטער נאַטור. ער האָט שטודירט זיינע ביכער און געגלויבט אין זיי. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט פֿיינט געהאַט צו באַגריסן דער ערשטער — גוט, הער האַלמענגראַא האָט זיך צו אים טריער געגריסט; ער האָט געהאַט אַ טבע צו רעדן וועגן מענטשן און וועלט, לעבן און טויט — גוט, האָט הער האַלמענגראַא געשוויגן. אָבער כמעט דאָס ערגסטע איז געווען דעם קרייז-דאָקטאָרס אויסזען, זיין דעגענערירט-קייט, דער נידריקער קאָפּ, מיט די אין דער זייט-פֿאַרקעמטע פּאַסמעס האָר, זיין קורצזיכטיקייט, זיינע גרויסע מיאוסע אויערן, עפּעס אַ פֿאַר-זעעניש האָט איינמאָל, משמעות, פֿאַרבלאָנדזעט אין זיין דור, וואָס איז אויסגעשטאָרבן נאָך אין פֿאָריקן יאָרהונדערט און איז ווידער מגולגל געוואָרן אין דעם קרייז-דאָקטאָר.

ווען אָט דיביידע פֿלעגן צוזאַמען אַריינקומען צו הער האַלמענגראַא אין שטוב אַריין — דער דאָקטאָר דער ערשטער, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גרעסערן יחסן, און דער אַדוואָקאַט דער צווייטער, ווייל דאָס האָט אים גאָרנישט געקאָסט, — ווען די ביידע הערן האָבן אָנגעטון האַלמענגראַאַן דעם כבוד, אים צו באַזוכן זונטיק אין אָוונט, זענען זיי ביידע שטענדיק אויפגענומען געוואָרן זייער גוט און אָרנטלעך באַהאַנדלט, אָפט פֿלעגן זיי פֿון דאָרט אַוועקגיין ערשט שפּעט אין דער נאַכט.

הער האַלמענגראַא אַליין האָט אויסגעזען זייער גערירט.

— עס איז זייער ליבנסווירדיק פֿון די הערן צו דערמאָנען זיך אין מיין ווינציקייט. — האָט ער געקאָנט זאָגן.

זיין באַלעבאָסטע; פֿרוי אירגענס, געבוירן געלמואידען, פֿלעגט אויסנוצן דעמאָלט די געלעגנהייט צו קאָכן און צו בראָטן, ווי צו אַן אמתן מאַלצייט; קאַלב-פֿלייש, און עוף און גאָלדענע יויכן האָבן זיך געוויזן אויפֿן טיש, קיכל און זיסע איינגעמאַכטס פֿאַרן דאָקטאָר, ממש מעדני מלך! ווען פֿריילן מאַריאַנע פֿלעגט קומען ווען-עס-איז צו פֿאָרן פֿון קריסטיאַנאַ אָדער פֿון אויסלאַנד, פֿלעגט זי זיך אויך זעצן צום טיש און מיטהאַלטן, זי איז געווען אַזוי אמתדיק יונג און לוסטיק און דערצו אייגנאַרטיק! אַ מיסטיצע פֿון מעקסיקע, מיט אַנדיאַנישע שטריכן, מיט אַ שלאַנקן גאַנג, גוט און בייז אין דער זעלבער צייט, מיילמאָל אַן אמתע מכשפה. דאָקטאָר מואוס האָט

דעם פאַבריקן יאָר גאָר ערנסט אַרומגעטאַנצט אַרום דעם מיידל, און עס איז אים אויסגעצייכנט געגאַנגען: ער איז אויך נישט מער, ווי אַ מענטש פון פלייש און בלוט, האָט ער געזאָגט, און אַזוי ווי ער האָט איר געקאָנט צום גליק אָנבאָטן זיין שטעלונג און זיין געשעצטן נאָמען, האָט ער עס טאַקע איצטער געוואָלט טון. זי האָט אים אויסגעזען זייער אייגנאַרטיק און געהאַט דערביי גלאַנציקע אינדיאַנישע אויגן.

— צי מיינט איר טאַקע, אַז מיר זאָלן חתונה האָבן? — האָט זי געפרעגט.

יאָ, אַזוי האָט ער געמיינט.

— חתונה האָבן? — האָט זי איבערגעפרעגט.

ער האָט נישט געזען קיין שום מניעות.

עס איז טאַקע געווען צווישן זיי אַ גרויסער אונטערשיד אין די יאָרן, אָבער ער האָט פאַרנומען אַן אָרט און געהאַט אַ גרויסן נאָמען, דאָס מוז מען אָנערקענען פאַר אַ געוויסע קעגנגעוויכט; ער האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז זיין אויסזען קאָן מען אויך נישט האַלטן פאַר אַזוי מיאוס. דאָ זענען זיי ביידע אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן.

— אָבער ווילט איר מיך טאַקע באמת האָבן פאַר אַ ווייב? — האָט מאַריאַנע ווידער אָנגעהויבן, אָט איז זי דערוואַקסן צו דער ערנסטער לאַגע.

— איך האָב שוין וועגן דעם אַסאַך געטראַכט. — האָט ער גע־ענטפערט. — ליידער בין איך נאָך נישט אינגאַנצן זיכער אין דער הסכמה פון מיין פאַמיליע, אָבער סוף־כל־סוף ווענדט זיך עס דאָך נאָר אין מיר, און איך בין דערצו אַנטשלאָסן.

דעמאָלט האָט זי אים געבעטן עטלעכע יאָר צייט זיך מישב צו זיין, כדי זי זאָל זיך קאָנען צו דעם צוגעווינען.

— אַ פינף יאָר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן נישט אָפּצו־דינגען — אייגנטלעך וואָלט מען געדאַרפט וואַרטן אַ יאָר אַכט. — האָט זי געזאָגט.

אָבער ביי די דאָזיקע אַכט יאָר האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געהאַלטן, אַז דאָס איז אַביסעלע צו לאַנג.

— אַכט יאָר, — האָט ער געזאָגט — ניין, וואָס רעדט איר, דאָס

וואָלט באמת געווען אביסל צו פיל. אָבער איך שעץ דאָס, וואָס איר אַליין און אויך איך וועלן האָבן גענוג צייט זיך צו באַקלערן.

— די זאַך איז, פאַרשטייט איר מיך, אביסל פאַרוויקלט, — האָט געזאָגט פרייליין מאַריאַנע. — מיין מאַמע האָט געהאַט אין אירע אָדערן אינדיאַניש בלוט, און איך אַליין ווייס אויך נישט, צי איך בין שוין אינגאַנצן פריי פון מיין שטאַט אין מעקסיקאָ. אויב איך בין מחויב צו וויסן צו געבן מיין פאָלק וועגן אייער פאַרשלאַג, וועט ער זיכער מוזן דורכמאַכן אַ גאַנצע פעלקער-וואַנדערונג, און עס קאָן אפשר אַריבערגיין פינף יאָר, ביז מיין שטאַט וועט זיך אָפּזוכן.

אָבער דאָקטאָר מואוס האָט געמענהט, אַז ער פייפט אויף אַזעלכע זאַכן, און אַז ער זעט נישט די שייכות, וואָס דער מעקסיקאַנישער פאָלקס-שטאַט האָט צום דאָזיקן ענין; אָבער פרייליין מאַריאַנע האָט עס אים אין פאַרשלייערטע, געהיימניספולע ווערטער געגעבן צו פאַרשטיין:

— דער שטאַט האָט זיינע געזעצן, ווי איז צו דעם, וואָס ברעכט זיי! דער שטאַט איז זיך נוקם, דערצו האָט ער פאַרסאַמטע פיילן! אויב די נקמה זאָל אפילו נישט גרייכן קיין זעגלפּאָס, האָב איך אָבער מיין ברודער פעליקס אין מעקסיקע, ער איז אַ מאַטראָס און פאָרט אַרום די ברעגעס. ער וואָלט זיך זיכער געפילט געטראָפן.

נאָכדעם, ווי דער דאָקטאָר האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט וועגן די דאָזיקע ווערטער, האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן:

— יאָ, אויב אַזוי, קאָן אייער שטאַט נישט האָבן קיין שייכות מיט מיין פאַמיליע, דעריבער מוזט איר מיר מוחל זיין!

מאַריאַנע האָט זיך פאַרנויגט.

— אָבער פונדעסטוועגן קאָנען מיר ווייטער בלייבן גוטע פריינד, — האָט דאָקטאָר מואוס געזאָגט.

— איך האָף אַזוי. — האָט דאָס פרייליין געענטפערט און זיך האַסטיק אַ לאָז געטון צו דער טיר, כדי פטור צו ווערן פון דער צוטשעפּעניש.

אויסער דעם אדוואָקאַט און דעם דאָקטאָר, פלעגט אָפטמאָל צום הער האָלמענגראַאַ קומען דער וואַיט פון אורא. ער איז געווען

אַ פריינדלעכער אַלטישטקער, וואָס פלעגט נישט מיטברענגען מיט זיך קיין שום אויפרעגונג. פריילין מאַריאַנע האָט געקאָנט שמועסן מיט אים לאַנגע שעהן, אַפילו הער האָלמענגראַאַ גופא האָט אים אויך איינגעלאַדן, נישט צוליב זיינע רייד אָדער מעשים, נאָר גיכער צוליב זיין פריינדלעכקייט און שיינע גרויע האָר. ער איז געווען אַ גוטער פעטער, אָבער נישט קיין פלוידערזאַק.

— קומט אינגיכן ווידער, — האָט פריילין מאַריאַנע געקאָנט זאָגן.

— אדרבה. — איז געווען זיין ענטפער; דערביי איז ער געשטאַנען אין קאָרידאָר מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ און נישט אָנגעטון דעם הוט, ביז דאָס פריילין איז אַריין צוריק אין שטוב.

דער גלח האָט געהאַט בלערליי טאַלענטן; ער האָט געקאָנט מאָקעריי, סטאָלעריי און שמידעריי, אָבער נאַטירלעך האָט ער נישט דערצויגן זיין געמיינדע מיט אַזעלכע טיפע גייסטלעכע זאַכן, ווי לאַרס מאַגנועלסענס גרויסער זון, ל. לאַסען, האָט עס געטון אין זיין וויקאַרי־צייט. אַך, דער איצטיקער גלח, ווי ווייט ער איז אַראָפּ פון דרך הישר! ער האָט געקאָנט אַלץ טון מיט די הענט, געקאָנט פלעכטן ווערבע־קאַרבן, ער האָט זיך אַפילו אַליין געמאַכט אַן אייגענעם שליטן. דאָ האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אמתן דערפינדער; דעם גאַנצן זיץ־קאַסטן האָט ער געמאַכט פון אַלטע זעק, וועלכע ער האָט געווייקט אין ליים און דאַן געפורעמט לויט זיין ווילן. ווען די פאָרעם איז געוואָרן שטייף, האָט ער איבערגעצויגן מיט גיפּס, און ווען דער גיפּס איז געווען טרוקן, האָט ער אים אָפּגעריבן מיטן רייב־שטיין, ביז ער איז געוואָרן גלאַט. לסוף האָט ער איבערגעשמירט דעם קאַסטן מיט דיקן לאַק, און דער שליטן איז געווען פאַרטיק. עס איז געווען אַ מחיה צו פאָרן, פונקט ווי אין אַ לייכטן, וווּנדערבאַרן, גלעזערנעם קאַסטן. פאַר דעם דאָזיקן קונקשטיקל איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון דער געמיינדע. דער פּאַסטאָר האָט געהייסן לאַנדמאַרק, ער איז שוין האָ געווען פיר יאָר, און ער איז אויך געווען דער ערשטער פּראָבאָשטש זינט זעגלפּאָס איז געוואָרן אַ באַזונדער פּאַראַפיע. די פרוי האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל אין דרום; אַלע גלחים־ווייבער האָבן געשטאַמט פון די דרום־שטעטלעך, זיי זענען געווען טעכטער פון

א צאָל-באַאמטן, קאַפּיטאַן, אָדער פינאַנץ-באַאמטן, און זיי האָבן התונה-געהאַט, ווען אַ גלח איז אַמאָל אָנגעקומען פאַר אַ לערער אין זייער שטעטל. אַזוי איז פאָרגעקומען מיט אַלעמען, אַזוי איז אויך פאָרגעקומען מיט דער פרוי לאַנדמאַרק. זי איז געווען די טאָכטער פון אַ פּאָליציי-שעף, פון אַ געדריקטער שטוב מיט אַסאַך קינדער. זי האָט התונה געהאַט מיטן לערער און האָט אַליין געבוירן קינדער; אָבער ווען די פאַמיליע איז אַלץ מער געוואַקסן, האָט דער לערער געמוזט אָנקומען אויף אַ פּאַראַפיע-שטעלע, הגם אַ גרויסער בעל-דרשן איז ער נישט געווען. אַזוי קומט פאָר מיט אַלע טעאָלאָגן, אַזוי איז אויך פאָרגעקומען מיטן פאַסטאָר לאַנדמאַרק. איצט איז ער באמת געזעסן פעסט אויף דער שטעלע פון אַ נשמה-פאַרזאָרגער, הגם ער איז אויף די דאָזיקע ענינים געווען אַ קנאַפּער מבין — אַ נאַרישע און אַ לאַנגווייליקע פּראָפעסיע פאַר אַ מענטשן, וואָס איז מסוגל עפּעס אויפצוטון מיט זיינע צען פינגער. ער האָט איינגעאָרדנט אין דעם פּאַראַפיע-הויז אַ סטאָליער-וואַרשטאַט און אַ שמידעריי, און פאַרבראַכט זיינע גליקלעכסטע שעהן ביי הובל-שפּענער און קוזשניע-ריח; עס איז אים נישט געגאַנגען אַזוי שלעכט, עס האָט געקאָנט גיין ערגער. פאַסטאָר לאַנדמאַרק האָט עס רויק אריבערגעטראָגן, אָבער די פרוי פאַסטאָר, זיין ווייב, געבוירן פּאָסט, האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט דאָס לעבן ביי אַ באַאמטן אַזוי אָרעם, דאָס איז נישט געווען פיל בעסער, ווי התונה צו האָבן פאַר אַ בעל-מלאכה. עס האָט געטראָפן, אַז איר מאַן האָט געמאַכט פאַר אַ שכן אַ ראָד צו אַ וועגל אָדער אויסגעשאַרפט אַ שפּיז, און מען האָט אים אָנגעבאָטן דערפאַר געלט; איינמאָל האָט ער אפילו פאַרטיק געמאַכט אַ קינדער-טרומנע. עס איז גאַנץ פיין ארויסצוהעלפן די מענטשן, צו וועלכע מען מוז אַמאָל אָנקומען, אָבער עס מוז דאָך זיין אַ גרענעץ. און ווי קאָן מען עס יענעם נאָכגעבן אַלע זיינע קאַפּריזן? די פרוי פאַסטאָר האָט געזאָגט — און ס'איז געווען אמת אויך — אַז זי איז נישט געבוירן צו האָבן געשעפטן מיט אַלע שכנטעס, וואָס קומען צו איר אין קיך אריין, מיט וואָס עס פעלט זיי נאָר איין, און זי האָט זיי פשוט נישט געוואָלט מער פאַרטראָגן.

— ניין, גייט געזונטערהייט, אַלינע און איר גייט אויך געזונטערהייט, מאַטעא און ליזבעט!

דאָס קומט אַלץ פון איר מאַנס מלאבענען, וואָס איז אַ חרפה און אַ בושה פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, און ווייטער האָט זי געטענהט — און דאָס איז אויך אמת געווען — אַז יעדנפאַלס איז עס צו אַ טייערער פאַרגעניגן איינצואָרדענען אַ שמידעריי און אַ סטאָליער-וואַרשטאַט אין אַ פאַראַפּיע-הויז, וואָס מען קאָן דאָך מיט דער צייט — ווען די פאָר יאָר אויפן צפון וועלן אַריבער, — ווען עס איז פאַרלאָזן. צי קאָן מען מיטנעמען מיט זיך אַ הויז, אַ שמידעריי? איצט זענען, גאָט צו דאַנקען, אַריבער פיר יאָר; און די ווייטערדיקע פיר יאָר קאָנען זיי דאָך גיין פאָרויס, זיי קאָנען אַריבער אין דרום — אפשר טאַקע ווידער אין אַ שטעטל, אָבער דאָך מער צו דרום צו, און דעמאָלט מוזן די וואַרשטאַטן בלייבן! אַ שיינער שפּאַס, כ'לעבן, עטלעכע הונדערט קראָן, וואָס האָבן פאַר קיינעם קיין ווערט נישט, אויסער פאַרן צווייטן פאַסטאָר פון זעגלפּאָס.

ביים הער האָלמענגראַא איז דער פאַסטאָר מיט זיין ווייב דורך די גאַנצע פיר יאָר געווען אָרום און אַרום צוויי מאָל. ביי זייער ערשטן באַזוך און שפּעטער נאָך איין מאָל. און אַט דאָס צווייטע מאָל איז נישט גאַנץ גלאַטיק אַ דורך; הער האָלמענגראַא האָט מיטגענומען דעם פאַסטאָר מיט זיך אין זיין מיל, כדי אים צו ווייזן די מאַשינען און באַזונדערע איינריכטונגען, און די פרוי פאַסטאָר איז געבליבן אַליין ביי פרוי אירגענס, געבוירן געלמואידען... ניין, ס'איז נישט אַזוי גלאַט אַדורך. ביידע דאַמען האָבן זיך געבלאָזן, און קיין איינע פון זיי האָט נישט איינגעזען, פאַרוואָס זי זאָל נאָכגעבן דער צווייטער, קודם-כל וועגן די בלומען: פרוי לאַנדמאַרק איז געוווינט געווען צו גאַנץ אַנדערע בלומען ביי זיך אין דרום, אין איר היימלאַנד; אָבער זי האָט עס נישט גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט, נאָר געגעבן אָנצוהערן, אַז אין דער היים, ביי אירע עלטערן, איז איינמאָל אין שטוב אויסגעוואַקסן אַן אַראַליע. פרוי אירגענס האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן. דערנאָך איז געקומען צו רייד וועגן פענסטער: פרוי לאַנדמאַרק האָט יעדן פרימאָרגן געהייסן אירע דינסטן אָפּוואַשן די פענסטער אין דער פאַראַפּיע ריין ווי גאָלד, אָבער די פלעקן זענען געווען איינגעגעסן אין גלאָז; עס איז זייער שווער דאָ אין צפון צו קריגן שיינעם שויבן-גלאָז. פרוי אירגענס האָט געהאַלטן, אַז אויך

אין צפון קאָן מען זען שיינע, ריינע שויבן. אָבער דאָ האָט פרוי לאַנדמאַרק אומפאָרזיכטיק אַ פרעג געטון:

— אַ שטייגער ווי?

— ני, איך מיין, אַז אָט די דאָזיקע שויבן זענען גאַנץ שיין, — האָט געענטפערט פרוי אירגענס.

פרוי לאַנדמאַרק האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— ניין, אויב אַזוי, האָט איר נאָך נישט געזען די פענסטער אין דרום, פרוי אירגענס.

דאָ זענען זיי ביידע אָנגעצויגן אַנטשוויגן געוואָרן.

— אָך, איר וועט דאָך מיך נישט שלעכט פאַרשטיין, — האָט ווידער אָנגעהויבן פרוי לאַנדמאַרק — עס איז נישט אייער שולד, עס זיצט שוין אַזוי אין גלאָז.

— אַ ניין, אויב די שויבן דאָ פעלט עפּעס, איז עס מיין שולד, — האָט געענטפערט פרוי אירגענס — דאָס גלאָז איז גוט, הער האָלמענגראַא איז דאָך אַ מענטש, וואָס קאָן זיך פאַרגינען צו האָבן שפּיגל-גלאָז אין זיינע פענסטער.

— אָט דאָס איז שפּיגל-גלאָז? — האָט דעם פּאַסטאָרס ווייב מיט אומגלויבן געפרעגט. — דערפאַר, וואָס די שויב איז גרויס, איז עס דאָך נאָך נישט קיין שפּיגל-גלאָז.

— אַוודאי נישט, אָבער אָט דאָס איז דווקא יאָ שפּיגל-גלאָז. — האָט געענטפערט פרוי אירגענס.

באַ, באַ, עס וואָלט געקאָנט קומען צו אַ גרויסער מחלוקת, ווייל איצט איז די פרוי אירגענס, געבוירן געלמואידען, געוואָרן אַביסל אויפגעבראַכט; אָבער פרוי לאַנדמאַרק האָט, ווי אַ פּאַסטאָרס אַ ווייב, געוואָלט נאָכגעבן און ערקלערן זיך פאַר באַזיגט, דאָס הייסט, אַז זי האָט לחלוטין נישט נאָכגעגעבן, נאָר זי האָט גערעדט פון אַנדערע זאַכן. וועגן דינסט-מיידלעך, זילבער-געשיר, און אַ גרויסער וועש, אָבער די פענסטער האָט זי נישט פאַרגעסן. זי וועט זיך לאָזן פון עמעם אַ צפון-דאַמע? זי איז געבליבן שטיין פאַרן לעצטן פענסטער אין צימער און געזאָגט:

— אָבער גיט אַ קוק, בעסטע פרוי אירגענס, צי האָט שפּיגל-גלאָז אַזעלכע שראַמען?

פרוי אירגענס איז צוגעגאַנגען נענטער און געזאָגט:

— אָט די שראַמען, ווייסט איר, וואָס דאָס איז? דאָס איז אַ נאָמען, וואָס עמעצער האָט אויסגעקריצט מיט זיין דימענט-פינגערל.

פרוי לאַנדמאַרק האָט אַ קוק געטון אויף פרוי אירגענס און האָט זי אַ לאַנגע ווײַלע אָנגעקוקט. צי וועלן אַזוי בסדר אירע גוזמאות אַלץ גרעסער ווערן, און זי וועט זיך אַזוי לאָזן איינ-רעדן?

— דימענט-פינגערלעך — האָט פרוי לאַנדמאַרק געזאָגט — וואַלגערן זיך עפּעס אַרום אין די גאַסן? צי ווייסט איר, וואָס איר רעדט, פרוי אירגענס?

דאָס האָט דער פרוי אירגענס באמת געקרענקט, און זי האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דער פרוי לאַנדמאַרק, ווער זי איז; דערויף האָט זיך פרוי לאַנדמאַרק אָנגערופן, אַז זי איז אַ געבוירענע פּאָסט, אָבער פונדעסטוועגן וואַרפט זי זיך נישט אַרום גלאַט צוליב פוסטער איינרעדעניש מיט קיין דימענטן.

— אוי גאָט מיינער, די אויסלענדישע קאַפּיטאַנען האָבן דאָ, זאָגט מען אייך, אויפגעשריבן זייערע נעמען! — האָט פרוי אירגענס געשריגן. — ווען זיי זענען געקומען מיט זייערע קאָרן-משאות, האָבן זיי עס אויפגעשריבן, פשוט אַראָפּגעצויגן אַ פינגערל פון דער האַנט און אויפגעשריבן. איר ווילט מיך סתם מאַכן פאַר אַ ליגנער, פרוי לאַנדמאַרק!

ביי פרוי אירגענס זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן, און אירע ליפּן זענען בלייך געוואָרן.

— טייערע פרוי אירגענס, איך וויל טון אַלץ, אייך צו באַ-רויקן! — האָט אויסגערופן דעם פּאָסטמאַרס ווייב. — איך וויל עס באמת אונטער אייך וועל מער נישט אָפּשפּאַרן, ווייל איר קאָנט עס, זע איך, נישט פאַרטראָגן. איר מוזט מיר מוחל זיין, איך הער דאָ ביי אייך צום ערשטן מאָל וועגן דימענטענע פינגערלעך; וואָס מיר פאַרמאָגן אין דרום — דאָס איז עפּעס אַנדערש. אָבער אויב איר זאָגט, אַז אויסלענדישע קאַפּיטאַנען האָבן עס אויפגעשריבן, איז עס אָפּשר מי..עך, ניין, ליבע פרוי אירגענס, איך וויל אייך באמת נישט מאַכן פאַר קיין ליגנער.

— הער האָלמענגראַאַ איז אַפילו געווען ביים צוליב דער

דאָזיקער קריצעריי אויף די שויבן, ווען ער האָט עס געזען, — האָט פרוי אירגענס גערעדט ווייטער; זי האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי גיך איינגעמען. — און ער האָט געבעטן פרײלין מאַריאַנע, זי זאָל אויך נישט קראַצן די שויבן מיט אירע דימענטענע־פינגערלעך. עס איז נישט פיין, האָט ער געזאָגט, און פרײלין מאַריאַנע האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט, אַז זי האָט באמת נישט געהאַט בדעה עפּעס צו קראַצן. אָבער פרײלין מאַריאַנע האָט אַ דריי פיר טייערע דימענטענע פינגערלעך, און זי וואָלט עס געקאָנט טון.

— אַך, אַזוי, — האָט געזאָגט פרוי לאַנדמאַרק, נאָר כּדי נישט אָפּצושפּאָרן פרוי אירגענס.

אָבער דער פרוי אירגענס האָט עס ווידער געקרענקט, זי האָט איבערגעחזרט איר: אַך אַזוי? און צוגעגעבן:

— איך זאָג דאָך נישט, אַז איך האָב די פינגערלעך, ווייל איך האָב זיי נישט. הגם, צוריקגעשמועסט, בין איך אויך נישט אינגאַנצן אָן צירונג, ווייל אירגענס האָט מיר געשענקט זייער טייער צירונג פון בעהמישע גראַנאַטן, בראַנזלעטן, פינגערלעך און אוירינגלעך, אַ האַלז־באַנד און אַ דיאַדעם צו די האָר. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט אויסגעגעבן אויף דעם אַסאַך הונדערטער קראָנען.

— אין דעם בין איך נישט מסופק, — האָט פרוי לאַנדמאַרק געזאָגט און זי איז ווידער אויף איר שטייגער געווען נאָכגיביק. — לויט מיין נאַרישן שכל, קאָסטן בעהמישע גראַנאַטן אפשר טויזנט קראָן.

צוואָס־זשע זאָגן עטלעכע הונדערט, פרוי אירגענס? נאָר ס׳זענען פאַראַן מענטשן, וואָס מיינען, אַז ס׳איז שענער צו זאָגן זעכציק מינוט, אָנשטאָט אַ שעה. וואָס שייך מיר, קאָן איך אַזאַ זאַך בשום אופן נישט פאַרשטיין.

די הערן זענען געקומען צוריק פון דער מיל און האָבן געמאַכט אַ סוף צו זייער שמועס. אָבער דעם פּאַסטאָרס ווייב האָט אויפן וועג אַהיים דערקלערט, אַז איר פוס קומט נישט מער צום הער האָלמענגראַא אין שטוב אַריין, זי גיט זיך אַ וואָרט.

און ביז איצט האָט זי געהאַלטן וואָרט.

עס איז נאָך געבליבן דער טעלעגראַפיסט באַרדסען — ניין, ער קומט נישט אַריין קיינמאָל, און הער האָלמענגראַא טרעפט אים נאָר

אונטערוועגס און אין טעלעגראַפן-אַמט. ביידע רעדן צווישן זיך קורץ און העפלעך, אָבער נישט מער, קיין שום נעענטערע באַציונג. אָבער ווען הער האָלמענגראַאַ האָט אָפּגעלעבט אין זעגלפאָס צען יאָר און געפייערט אַ מין יובילײ, האָט דער פאָרשטייער פון טעלעגראַפן-אַמט אַרויסגעהאָנגען די מלוכה-פאָן. וואָס איז ער דערמיט אויסן געווען? ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעהאָנגען די פאָן, אויסער בעת די פייערונגען פון זיין אַמט. אין אָוונט איז ער געווען איינגעלאַדן צום הער האָלמענגראַאַ; אָבער ער האָט זיך אַנטשולדיקט, אַז די איבערשעהן דערלויבן אים נישט צוקומען. אָבער גאָטפרעד, זיין קלײנער חבר פון אַמט, האָט געזאָגט, אַז באַרדסען האָט נישט געהאַט קיין גוטן אנצוג.

אַרום און אַרום איז, הייסט עס, דאָס לעבן פון הער האָלמענגראַאַ אין זעגלפאָס געווען איינטאָניק און איינזאַם; נישט געווען קיינער, מיט וועמען אויפצוהאַלטן אַ נעענטערע באַציונג און צו פירן אַ בעסערן שמועס. אויך די גאַנצע געשעפטס-סביבה איז נישט געווען מסוגל אויפצומונטערן; די אַרבעטער האָבן געברומט, און די מיל האָט אָפטמאָל געאַרבעט אָן שום רווח. צוויי מאָל האָט ער געמוזט העכערן די פרייזן; ביים צווייטן מאָל איז ער געוואָרן אָנגעגריפן פון דער זעגלפאָסער צייטונג, וואָס האָט געטענהט, אַז ער זויגט-אויס די באַפעלקערונג.

אַך, ניין, דאָס איז דעם מיל-אייגנטימער אָפטמאָל אָנגעקומען זייער שווער! זייער אָפט האָט אויך קיין שפּעקולאַציע נישט געהאָלפן. די קאָרן-תבואה אין אינדיען איז געווען בעסער, ווי מען האָט גערעכנט, און הער האָלמענגראַאַ האָט געשלאָסן צו טייערע אָפּמאַכן. ווען מ'האָט זיך עס דערוווסט, האָט די זעגלפאָסער צייטונג געשריבן, אַז דער מיל-אייגנטימער האָט געליטן אַ שטאַרקן פאַרלוסט, נאָר ער איז עס ווערט, זאָל ער נאָכאַמאָל נישט שפּעקולירן מיט אינדיענס נויט. נידער מיטן קאַפּיטאַל! עס האָט זיך געשאַפן אַ פיינלעכע לאַגע; אויסער דעם פאַרלוסט, וואָס דער מיל-אייגנטימער האָט געליטן, האָט ער נאָך געמוזט אָפּגעבן ערקלערונגען, געמוזט זיך באַרימען, אַז ער איז נאָך בכּוח, אַ דאַנק גאָט, צו שטיין אויף זיינע פיס, און אַז ער האָט נאָך אויף זיין טאָג-טעגלעכער הוצאה, כאַ, כאַ! און כּדי אַ סוף צו מאַכן מיט דער רכילות, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן

אויף אזוי ווייט, אז ער האט בעת זיין יובילייִ געשענקט פינף טויזנט קראָן לטובת אן ארבעטער־הילפס־קאסע.

די זעגלפאָסער צייטונג האט דעמאָלט געשריבן:

„ענדלעך האט מען צוריקגעצאָלט א קליינעם טייל פון דער עשירות, וואס די ארבעטער האָבן מיט דעם שווייס פון זייער פּנים אָנגעזאמלט פאר איין איינציקן מענטשן. הערט אויס דעם אמת, ארבעטער!"

נו, און די פינף טויזנט קראָן — וואס פאר א טרויעריקע קאָמעדיע איז דערפון ארויסגעקומען! די ארבעטער האָבן דער־מיט געעפנט א באנק, אן ארבעטער־באנק, „די זעגלפאָסער שפּאר־און לייַ־קאסע", און דער אדוואָקאט צוזאמען מיט נאָך צוויי מענטשן זענען געוואָרן דירעקטאָרן. א שיינע פאר וואָכן האָבן זיי געגעבן הלוואות, אלע מענטשן האָבן באקומען הלוואות, זיי האָבן פארמשכּנט זייערע הייזער, זייער ווירטשאפט און זייערע בהמות, אלצדינג צוזאמען. אויב יענעם האט באקומען געלט, האט יאקאב אויך געמוזט באקומען. ווי א מין מגפה איז עס געקומען אויפן עולם. איינער האט ערב געווען פארן צווייטן. דער קרעמער טעאָדאָר האט אין די דאָזיקע טעג גע־לייזט אסאך געלט אין מזומן, ער האט פארקויפט קליידער־שטאָף און קייטעלעך צו זייגערס און פיינע קעזן. סוף־כּל־סוף האט זיך אויסגעשעפּט דאס געלט אין דער זעגלפאָסער שפּאר־און לייַ־קאסע, און די דירעקציע האט צונויפגענומען דאס לעצטע ביסל געלט פאר איר שבירות. זיי האָבן אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן: נו, וואס־זשע? עס האט גענומען א סוף דערצו.

נאָר דעמאָלט איז ארויסגעטרעטן אדוואָקאט ראש.

— אויב איר וועט מיר געבן פרייע הענט, וועל איך ראטעווען די באנק, — האט ער געזאָגט.

מ'האט אים געגעבן פרייע הענט, און ער איז געוואָרן דער איינ־ציקער דירעקטאָר מיט א טאָפּעלער פּענסיע.

דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציעס, און אדוואָקאט ראש האט דערביי גוט פארדינט; ער האט אויפגעפאָדערט די מענטשן זיך צו שטעלן, ער האט צוגענומען די משכּנות און געמאכט ליקווידא־ציעס; דער קרעמער טעאָדאָר האט אסאך מאָל איינגעקויפט שחיטה־בהמות, וועלכע ער האט מיט דער פּאָסט־שיף אוועקגעשיקט צום

דרום, און דער אַדוואָקאַט גופא האָט זיך אויפגעבויט אַפּאָר הייזער, ווי די איינוווינער האָבן געמוזט צאָלן דירה־געלט. אַך, דאָס איז געווען אַן איבערקערעניש, אַן ערד־ציטערניש, גאָט אין הימל, קיינער וואָלט נישט געקאָנט פאָרויסזען, וואָס פאַר אַ גרויסע רעזולטאַטן עס האָט געקאָנט ברענגען די גוטע מתּנה פון פינף טויזנט קראָן.

און די באַנק האָט זיך געהאַלטן. דאָס איז געווען אַ וווּנדער, אָבער די באַנק האָט זיך מוטיק געהאַלטן אין די טעג פון נויט. ווי איז עס פאָרגעקומען? קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז די ישועה איז צו פאַרדאַנקען אַדוואָקאַט ראַשן. וואָלט דער דאָזיקער אייזערנער מענטש נישט געהאַנדלט אַזוי בליק־שנעל און קלוג, וואָלט אַלץ אונטערגעגאַנגען. ער האָט אין איין און דעם זעלבן טאָג אַרויסגעשיקט דרייסיק אויפמאָנונגען, ער האָט פאַרפליצט גאַנץ זעגלפּאָס און אָנגעפולט די שטאָט מיט שרעק. די מענטשן האָבן ממש נישט געקאָנט קומען צו זיך, ס׳איז זיי נישט איינגעפאַלן צו מאַכן וועלכן־עס־איז שווינדל, למשל איבערצושרייבן זייער האָב־און־גוטס אויף אַ קרוב אָדער סתּם אויף אַ גוטן־פריינט און אָפּצונאַרן. די מענטשן האָבן געקרעכצט און זיך אונטערגעגעבן, זיי זענען געווען קינדער, זיי זענען געווען שחיטה־בהמות. אָבער אַדוואָקאַט ראַש האָט גוט פאַרדינט. און די אַרבעטער גופא? די מערהייט איז געווען צופרידן. איבער די פאַמיליען־טאַטעס מיט זייערע שטיבער, הויז־געזינד און בהמות האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם; זיי האָבן אַליין נישט געבאָרגט, נאָר זיי האָבן ערב געווען פאַר אַנדערע, ס׳רוב פאַר טאָג־אַרבעטער, — פאַר די דאָזיקע פאַמיליעס זענען עס געווען ערנסטע קלעפּ, אָבער די מערהייט האָט געטענהט, אַז קיינער איז נישט מחויב מערער אויסצושטיין די צרות, ווי דער „באַזיצנדיקער קלאַס״ אין דעם אַרבעטער־שטאַנד, וואָס האָט געוואָלט נאָכמאַכן די קאַפּיטאַליסטן און איז אַראָפּ פון גלייכן וועג. עס זענען פאָרגעקומען עטלעכע שטורעמדיקע פאַרזאַמלונגען, דער אַרבעטער אַסלאַק האָט געהאַלטן אַ רעדע, דער טאָג־אַרבעטער קאָנראַד אויך, די זעגלפּאָסער צייטונג האָט אויפגעפאָדערט דעם טיל־אייגנטימער בייצוזיין די פאַרזאַמלונג און אויסצוהערן די רעדעס.

הער האָלמענגראַא איז אַרומגעגאַנגען אין אַ דיקן רעקל און מיט מעל־באַשטויבטע שטיוול און איז נישט געקומען; אָבער פון

זיין צדקה האָט ער געהאט וויניק נחת. ניין, ער איז נישט געקומען, אָבער צי איז שוין דערמיט דער ענין געווען פארענדיקט? מען האָט זיך אַפילו געגומען די פרייהייט צו שיקן אים פון דער פארזאמלונג אַ שליח, וועלכן ער האָט געהייסן זאָגן, אַז ער איז פארנומען און קאָן נישט קומען. דאָס איז געווען אַן אונטערהאנדלונג, ווי צווישן צוויי גלייכע מענטשן.

דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ לעבן פאַר דעם וונדערמענטש, פארן קעניג טאָביאַס פון דעם פאנטאסטישן גאָלדענעם לאנד! עס איז קיינמאָל נישט געקומען צו קיין קאטאסטראָפע, צו קיין מפּלה, נאָר עס זענען פאָרגעקומען טויזנטער פארדריסלעכע זאכן. עס איז נישט געווען אזא זאך, וואָס זאָל אים זיין בבות אינגאנצן אונטערצוגראָבן, אָבער עס איז געווען אָן אַ שיר קליייניקייטן, וואָס האָבן אים געקרענקט און געפייניקט. אך, ווי אנדערש דאָס האָט געקלונגען פריער, ווען די לעגענדע האָט אים געמאכט פארן מיליאָנער פון די קאָרדיליערן!

ניין, הער האָלמענגראַא האָט זיך נישט געקאָנט אויסבאהאלטן, דער עולם האָט גענומען קוקן מיט אַ חשד אויף זיין עשירות, — און אויב ער איז נישט רייך, איז ער גאָרנישט. ווי אזוי האָט עס אַ רייבער מאָן אַ מיל אין זעגלפּאָס, — און ווערט נישט דיק דערפון און טראָגט אַפילו נישט קיין פוטער? אָט גיט אַ קוק, אדוואָקאט ראש איז רייך געוואָרן, איז עס אויף אים קענטיק! הער האָלמענגראַא וואָלט געטין צום בעסטן, ווען ער נעמט זיך צו עפּעס אנדערש און מאכט זיך נישט קלענער, ווי ער איז. קאָן ער נישט ווידער ברענגען די הערלעכע טעג, ווען ער האָט מיט דער אומפארגלייכלעכער פראכט פון אַ זון־אויפגאנג ארויסגעטויכט פון דער לעגענדע? אך גאָט, יענע טעג! ער האָט געמוזט טון עפּעס לעגענדארישעס, ער האָט אָפשר געטראכט דערפון, אַ קליינער פּרווו איז געווען זיין רייזע אין שטאָט, פון וואַנען ער איז צוריקגעקומען אַ פריימוויערער.

— ווען דאָס זאָל נאָר העלפן! — האָט ער מסתמא געטראכט.

— און ווען איך געווין ווידער די אַמאָליקע אכטונג! — האָט ער מסתמא געטראכט.

היינט איז ער צופרידן און היינט איז ער פול מיט האָפנונג.

ווען דער יונגער ווילאַץ וועט קומען, וועט ער צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן ווידער האָבן אַ נאָענטן מענטשן; און אָט איז זיין פּנים פול מיט פרייד. עס באַהערשט אים אַ געפיל, ווי בעת אַ גרויסן גליק.

הער האָלמענגראַא גייט צום געוועלב. ער קומט אַהין זייער זעלטן, איינגעלעך, קיינמאָל נישט, און טעאָדאָרקע עפנט אויף פאַרן גרויסן מענטשן די קלאַפּע פון טאָמבאַנק. ער מעג עס טון, ווייל דער הער האָלמענגראַא האָט דעם גאַנצן געוועלב געלאָזט אויפבויען אויף זיין באָדן און געהאָלפן דעם אַלטן פער צו ווערן פ. יענסען. דער מיל-איינגנטימער איז פאַר די דאָזיקע קרעמער די גוטסקייט אַליין און פאַרלאַנגט נישט פון זיי קיין שום אָפּצאָל. טעאָדאָרס טאַטען געהער ער אָן אַ וויטער קרוב און האָט גאָרנישט קעגן דעם, וואָס טעאָדאָר איז געוואָרן אַ פּיפּיקער חברה-מאַן און פאַרמאָגט אַ קליינעם געוועלב פאַר זיין חיונה; אָבער ער אַליין קויפט דאָ גאָרנישט, נאָר ער הייסט זיך אַלץ ברענגען פון די גרויסע שטעט

— זייט אַזוי גוט, קומט אַריין, — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

הער האָלמענגראַא האָט געשמייכלט. מיטן דאָזיקן „איינלאַדן הינטערן טאָמבאַנק" פלעגט אַ קרעמער אָפּגעבן כבוד זיין קונה; די זעגלפּאָסער באַלעבאַטים האָט עס געקאָנט זיין זייער אָנגעלייגט, אָבער ביי אַ קעניג איז עס אינגאַנצן עפּעס אַנדערש.

— דיין טאַטע ליגט נאָך אַלץ אין בעט? — פרעגט הער האָלמענגראַא. — אויב אַזוי, מוזסטו עס אַליין מיט אים איבעררעדן. איך זע, אַז איר לאָדעוועט ווידער פיש און איר שפּרייט עס אויס אויף די פעלזן, שוין אַ מעשה פון אַ יאָר זעקס.

— די פעלז-אָפּהאַנגען געהערן דאָך צו ווילאַצן.

— דו מיינסט, אַז דאָס זענען דעם הער האָלמסענס בערג? יאָ גאַנץ ריכטיק, ווען זיי זאָלן זיין מיינע, וואָלט עס נישט אויסגעמאַכט; לויט מיין מיינונג מוזסטו איצט באַצאָלן דעם באַרג-אָפּצאָל פאַר די גאַנצע עטלעכע יאָר.

טעאָדאָר איז געווען אַ חוצפּהדיקער יונג און ער האָט געענטפערט:

— ווילאַץ — הער האָלמסען — איז דאָ איינמאָל געוועזן,

נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן כאַפּן פיש און געלייגט זיי טריקענען אויף די פעלזן, אָבער ער האָט וועגן קיין שום אָפּצאָל נישט גערעדט.

— גאַנץ ריכטיק! — האָט דער קעניג צוגעשטימט. — אָבער טאַקע דערפאַר מיין איך, אַז איר זאָלט אים איצט באַצאָלן.

— איך וועל איבעררעדן וועגן דעם מיט מיין טאַטן.

— גוט, זאָג דיין טאַטן, אַז איך וויל דורכוים, איר זאָלט באַצאָלן דעם דאָזיקן באַרג-אָפּצאָל.

טעאָדאָר האָט זיך אוודאי געוואָקלט, אָבער איצט האָט ער געפועלט ביי זיך צו זאָגן דעם אמת; אָפּשר האָט ער געוואָלט מאַכן וואָס אַ גרעסערן איינדרוק אויף דעם טיל-אייגנטימער, דעם קעניג, און ער האָט געזאָגט:

— איבעריקנס, געהערט די פיש-לאַדונג או [די יאַכט צו מיר און נישט צו אונזער פירמע.

אפשר האָט שוין הער האָלמענגראַא געוווּסט פריער דערפון און ער האָט געוואָלט דערנידעריקן די גאווה פון דעם יונגן חברה-מאַן, — דאָס איז נישט אויסגעשלאָסן, וויל ער איז צו אַלע מענטשן פון געוועלב נאָר פריינדלעך און פּאָטערלעך.

— אזוי, די פיש געהערן צו דיר, טעאָדאָר? — האָט ער געפרעגט. — נו, אַזאַ טיכטיקער מענטש, ווי דו, ווייסט דאָך מסתּמא, אַז מען מוז באַצאָלן דעם באַרג-שטייער, און לאָמיר מער נישט רעדן דערפון.

אָבער טעאָדאָר האָט, משמעות, ווייטער געוואָלט מאַכן אַן איינדרוק און האָט געזאָגט:

— די בעקעריי, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אונז, שטייט, אויף וויפל איך ווייס, אויף אייער באָדן.

— אַך, דאָס איז אַלץ איינס!

— מיר וועלן אייך באַצאָלן דעם ערד-שטייער.

— אַגב, אַרום-און-אַרום גייט גוט אייער געשעפט? — האָט הער האָלמענגראַא געפרעגט.

— יאָ, מיר קאָנען זיך נישט באַקלאָגן.

הער האָלמענגראַא האָט זיך פאַרנויגט און איז אַוועק.

עס איז אים געווען אַנגענעם ווידער אַביסל זיך צו ווייזן פאַר דער וועלט, צו האָבן אַ שטיקל דעה, אויף עפּעס אָנצווייזן. דער פּרילינג האָט אים אַביסל אויפגעמונטערט; יעדן יאָר אין מערץ האָט ער געפילט אין זיך אַן ענדערונג, ער האָט געמאַכט גרעסערע שפּרייזן און גערעדט זיכערער. דער פרילינג האָט אַמאָל געמאַכט מיט אים אַ בייזן שפּאַס און האָט אים פאַרשאַפן יסורים: אַ יוגנטלעכן דראַנג. ער פלעגט ווערן באַהערשט פון אַ יוגנט־לעכער קראַפט. דאָס האָט געהאַט נאַרישע, פאַרדריסלעכע רעזול־טאַטן.

ער האָט געטראָפן אויפן וועג אַ פורמאַן, דער מענטש האָט זיך צו אים געגריסט און געזאָגט, אַז ער איז מאַרציליעס טאַטע.

— אַזוי, — האָט ער האַלמענגראַא געזאָגט.

— יאָ, דער טאַטע פון מאַרציליע, וועלכע דינט ווידער ביי איַיך, — האָט דער מאַן געזאָגט.

— אַזוי. אָ, יאָ.

— יאָ, און איצט איז דאָס קינד שוין אַ גאַנצער מענטש. ער קאָן זיך שוין גליטשן.

— אַזוי. יאָ.

— אָבער ער האָט נישט קיין גליטשערס.

הער האַלמענגראַא נעמט אַרויס זיין פּאָרטפעל און זוכט אַ באַנקנאָט.

— אַזוי, טאָ קויף אים דערפאַר גליטשערס. אָבער צו וואָס דאַרף ער זיי איצט האָבן, ס'איז דאָך שוין באַלד פרילינג?

— יאָ, דאָס האָב איך דאָך געטענהט אַ גאַנצן ווינטער, נאָר ער קלאָגט, אַז ער וויל גליטשערס. און איבעריקנס, איז דאָ שניי אויף די בערג ביז יאַן.

— גוט, קויף אים גליטשערס! מאַרציליע איז אַ טיכטיק מיידל. זאָל איר יינגל באַקומען גליטשערס.

— איך האָב עס געוווּסט, — האָט דער מענטש געזאָגט — אַז איך וועל עס אייך זאָגן, וועט איר מער נישט לאָזן דאָס קינד וויינען. און איצט דאַנק איך אייך זייער פאַר דעם געלט אין זיין נאָמען. צי ווילט איר נישט מיט מיר מיטפאָרן, הער האַלמענגראַא?

— מיטפאָרן ?

— איך מיין פאַרקערעווען, אָפפירן אייך אהיים. איך וואָלט עס זייער גערן געטון, אויב אייך גלוסט זיך צו פאָרן מיט אַ הילצערנעם שליטן.

און דער מענטש האָט גענומען פאַרקערעווען דאָס פערד.

— פאָר זיך דיין וועג ! — האָט אויסגערופן הער האָלמענגראַא און זיך געלאָזט גיין.

יאָ, אוודאי איז מען אויסגעשטעלט אויף נארישע צופאַלן. דאָס איז אומפאַרמיידלעך. וואָס קאָן מען קעגן דעם טון ? אָט נאָר-וואָס האָט אים אַ מענטש פאָרגעלייגט צו פאָרן מיט אים אויף אַ הילצערנעם שליטן, גלייך ער וואָלט געווען אַן אמתער זעגלפאָסטער, למשל דער אדוואָקאַט אָדער דער קרעמער טעאָדאָר. ניין, דערצו מוז מען עפּעס טון. עס איז נישט געווען קיין שום דרך אֶרץ, קיין שום יראת הכבוד.

אָבער דער דאָזיקער ביטערער פוקס, דער פאָטער פון מאַרציליע און דער זיידע פון מאַרציליעס קינד, האָט מסתּמא געהאַט עפּעס אַ כוונה דערביי, אויב ער האָט געוואָלט פאָרן מיטן מיל-אייגנטימער, ער האָט אים געוואָלט אַרויפזעצן אויף זיין שליטן, כדי גאַנץ זעגלפאָס זאָל עס זען.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט, ווי עמעצער רופט, ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ מענטשן, וואָס האָט געמאַכט מיט די הענט. דאָס איז געווען קאָנראַד. דער טאָג-אַרבעטער, וואָס איז גע-גאַנגען פון דער מיל.

הער האָלמענגראַא האָט זיך פאַרקלערט, עס האָט זיך מסתּמא געהאַנדלט וועגן עפּעס וויכטיקס, און ער האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז קאָנראַד איז צוגעקומען נעענטער ; ער האָט גע-פרעגט :

— וואָס איז געשען ?

— גאָרנישט, — האָט קאָנראַד געענטפערט. — איך האָב נאָר גערופן דעם מענטשן מיטן שליטן, כ'האָב געוואָלט מיט אים מיטפאָרן.

הער האָלמענגראַא האָט, משמעות, נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

— וווהין ווילסטו דען פאָרן ? — האָט ער געפרעגט.

— אַך, איך וויל וואָס גיבער זיין אין געוועלב. דער טאַבאַק איז אונז אויסגעגאַנגען.

דעמאָלט איז אַ ציטער אַדורך איבער הער האָלמענגראַאַס פּנים, פּונקט ווי ער וואָלט געקראָגן אַ קנאַל מיט אַ בייטש, אָבער באַלד איז עס פאַרביי.

— איר קאָנט מיר אפשר שענקען אַ שטיקל טאַבאַק ? — האָט קאָנראַד געפרעגט.

אין דעם דאָזיקן אויגנבליק האָט זיך הער האָלמענגראַאַ אָפּשר דערמאָנט אָן זיין קרעפּטיקער מאַטראָסן-יוגנט. ס׳איז שלעכט צו זיין אַן אַלטער מאַן, הער האָלמענגראַאַ האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויף אַזוי ווייט איינגעהאַלטן, אַז ער האָט זיך אָנגערופן:

— היינט נאָך מיטאָג מוזן אָנגעפּולט ווערן די צוויי הונדערט זעק. דו האָסט מיך פאַרשטאַנען ?

עס קאָן זיין, אַז קאָנראַד האָט עס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, נאָר עס האָט אויף אים, משמעות, קיין איינדרוק נישט געמאַכט, און ער האָט זיך עם לחלוטין נישט גענומען צום האַרצן. ער האָט אַרויסגענומען אַ טאַשנטיכל און אָפּגעווישט די נאָז, פאַרבייגייענדיק גלייכגילטיק זיין באַלעבאָס.

הער האָלמענגראַאַ האָט זיך דערשראָקן, טאָמער האָט ער צו האַסטיק געהאַנדלט, און עס קאָנען דערפון אַרויסקומען רעזולטאַטן; ער איז געווען אַן אַלטער מאַן און ער האָט זיך אָנגערופן אין אַ מילדן טאָן:

— דו דאַרפסט נישט אָנהויבן די אַרבעט פאַר מיטאָג. דו האָסט שוין געגעסן ?

— צי איך האָב שוין געגעסן ? — האָט קאָנראַד געענטפערט מיט אַ שמייכל. — יאָ, נישט איינמאָל.

— איך מיין היינט, צי דו האָסט שוין היינט געגעסן מיטאָג ?

— אָט אַזוי האָט איר באַלד געדאַרפט זאָגן.

— דאָס איז שוין איבער דער טבע ! קיין איין טאָג בלייבסטו נישט מער אויף דער מיל.

אָבער קאָנראַד איז שוין פון פריער געווען אָפּגעזאָגט. דאָס

איז געווען פאַר אים אַ קנאַפּע שטראָף. גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט אַ געבענטשטן שכל, און ער האָט געוווּסט, אַז ער מיט זיינע חברים האָבן די מאַכט.

— איצטער וויל איך אייך עפּעס זאָגן, הער האַלמענגראַאַ. אַן עלטערער מענטש דאַרף נישט זיין אַזוי האַסטיק. מיר זענען צוואַנציק קעגן איינעם. און מיר זענען נישט קיין שקלאַפן.

— אָבער וויפיל מיינסטו זענען מיר? — האָט זיך הער האַלמענגראַאַ אַ וואָרף געטון, פאַרגעסנדיק זיך. — איך וועל אייך וויזן... איך וועל אייך אָנלערנען...

— נו, דו מיינסט די פּריימוויערער? — האָט אויסגערופן קאָנראַד. — אָך, קיינער גלויבט נישט אין זיי!

דערביי איז קאָנראַד אַוועק. ער איז אַרויף אויפן שליטן און אַוועקגעפאָרן אין געוועלב ברענגען טאַבאַק.

הער האַלמענגראַאַ איז געקומען אַהיים און געזאָגט צו זיין באַלעבאָסטע, פרוי אירגענס:

— איך פאָר מאָרגן אָפּ מיט דער פּאָסט-שיף, וואָס גייט קיין דרום, זייט אַזוי גוט, פּאַקט מיר איין דעם קופער! נאָר דאָס נויטיקסטע, אַ העמד אָדער צוויי, מיטן ערשטן דאַמפער קיין צפון קום איך צוריק.

פרוי אירגענס איז געוווינט געווען צו אַזוינע נסיעות. הער האַלמענגראַאַ האָט זיי גערופן „פאַרזאַמלונגען פון דער לאָזשע”; זי האָט געפרעגט, צי פריילין מאַריאַנע וועט מיטפאָרן. הער האַלמענגראַאַ האָט געענטפערט, אַז ניין, דאָס איז זייער אַ וויכטיקע רייזע, און ער מוז זיין אַליין.

— און דערווייל מוזסט איר אַכטונג געבן אויפן הויז, פרוי אירגענס.

— אַכטונג געבן אויפן הויז! — האָט פרוי אירגענס נידערגעשלאָגן געזאָגט. — איך בין אומגליקלעך, דער שליסל איז פאַרלוירן געגאַנגען און מען קאָן אים נישט געפינען. איך קאָן קיין אויג נישט צו טון צוליב דעם.

— דער שליסל?

— יאָ, דער שליסל צום שפּייז-קאַמער, ווי איך האָב אייך געזאָגט. מיר זוכן און זוכן און קאָנען נישט געפינען.

— נו, דאָס איז נישט אַזוי געפערלעך. — האָט הער האַלמענגראַאַ צערודערט געענטפערט.

— דאָך, דאָך...

פרוי אירגענס איז געווען זייער פאַרדאַגהט. דעם קליינעם שליסל האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט געפינען. ער איז אַריין אין דער ערד. זינט מען האָט געשאָכטן אין הערבסט, איז אין שפּייז־קאַמער געווען אַ גרויסער טומל. מען האָט געזוכט אין שטוב און אין דרויסן, איבערגעקערט איינער ביים אַנדערן די קעשענעס און נאָכגע־פרעגט זיך ביי אַלע מענטשן; דער שניי איז צעגאַנגען אין הויף, אָבער דעם שליסל האָט מען נישט געזען. דאָס איז אָבער געווען נישט קיין גרויסער, פיינער שליסל מיט אַ קונציקן צאָן, נאָר אַ פּשוטע זאַך, אַ קליין גלאַנצענדיק ניקל־שטיק, פלאַך ווי פּאַפּיר און קוים אַ צאָל די לענג, ווי דער שליסל צו אַ הענג־שלאָס, צו אַ שלעסל, וואָס מען טראָגט אַמאָל ביים קייטעלע פון אַ זייגער.

— און איצטער קאָנט איר נישט אַריין אין שפּייז־קאַמער? — האָט הער האַלמענגראַאַ גלייכגילטיק געפרעגט.

— נו, — האָט פרוי אירגענס געזאָגט, און אַ שמייכל געטון, וואָס ער פאַרשטייט נישט אַזאַ זאַך. — מיר זענען, פאַרשטייט זיך, דעם גאַנצן ווינטער געגאַנגען אין שפּייז־קאַמער אַריין און אַרויס, אָבער מיר מוזן גיין דורכן קעלער, דעם שליסל פון קעלער האָבן מיר, אַ דאַנק גאָט.

— איז עס דאָך נישט אַזוי געפערלעך. — האָט הער האַלמענגראַאַ געזאָגט און געטראַכט בשעת מעשה וועגן אַנדערע זאַכן.

אָ ניין, עס איז געפערלעך; פרוי אירגענס האָט מורא געהאַט, טאָמער געפינט עמעצער דעם שליסל, עפנט אויף די טיר און באַגנבעט זיי. אין שפּייז־קאַמער איז דאָ פון כל־טוב. פלייש, און ווורשט און פיש און קעז און פוטער און גאַלערעטע און בייגל און סוכאַרעס, הקצור, אַלץ וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. זי האָט געבעטן הער האַלמענגראַאַ צו קויפן אין שטאָט אַ נייען שלאָס, און ער האָט עס איר צוגעזאָגט.

— איך וויל אים שוין איצט טראָגן ביי זיך, בייטאָג און ביי־נאַכט, — האָט פרוי אירגענס געזאָגט.

הער האַלמענגראַאַ האָט געהאַט מזל מיט זיין באַלעבאָסטע.

זי האָט אים טריי געדינט, און אין משך פון אַלע יאָרן אין זעגלפּאָס האָט זי שטענדיק געהאַט אויפן אויג זיין האָב-און גוטס; אָן אַנדער פראַגע איז געווען, צי איז דאָס הויז געווען רייך און בכבודיק, מען זאָל קאָנען אויפנעמען דעם יונגן ווילאַץ. יאָ, דאָס איז געווען די פראַגע. די רולעטן ביי די פענסטער האָבן זיך שלעכט ארויפגע-צויגן, דאָ און דאָרט האָט מען זיי צוריי געלאָזן און זיי אינגאַנצן נישט ארויפגעצויגן. זיי זענען געבליבן הענגען קרום און נישט פאַר-רוקט. אין עס-צימער אויף דער שפּייז-שאַנק איז געשטאַנען געווען זילבער און געשליפן גלאָז, מאָדערנע וואַזן, יוגנט-סטיל. א געשניצטער דייטשער וואַנט-זייגער מיט קיימן און געוויכטן האָט אָן קיין צוגעגע-בענע גיוויכטן נישט געקאָנט גיין. פרוי אירגענס האָט מיט גרינעם זיידנס צוגעבונדן צו אים א שטיין. דאָס האָט אויסגעזען נישט גוט און נישט שיין. דער סאַלאָן וואָלט דורך אַפּאָר גרינטלעכע שינוים געקאָנט באַקומען א לייטישן אויסזען. גראָד איצט איז ער געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן; די גוטע מאַריאַנע האָט געהאַט א שלעכטע טבע ארויפצושלעפּן צו זיך אין צימער אַלץ נייע פּעק ביכער און פאַרגעסן זיי אַראָפּצוברענגען; דער האַלב-ליידיקער ביכער-אַלמער האָט טאַקע שלעכט אויסגעזען.

דער האַלמענגראַאַ האָט געלאָזט רופן זיין טאָכטער, א קלאַפּ געטון אין טיש און געמאַכט איר פאָרווורפן וועגן די ביכער און וועגן דעם שטיין ביים זייגער און וועגן די קרומע רולעטן. אָבער מאַריאַנע האָט נאָר געלאַכט, ווייל דער טאַטע איז שטענדיק אַזוי גוט און אַזוי אויפגעלייגט. דערנאָך האָט זי אים א צופּ געטון פאַר די האָר און געזאָגט, אַז אַזעלכע לאַנגע האָר האָבן נישט קיין פנים, און אַז ער מוז זיך צו דער רייזע אָפּשערן.

— יאָ, אָבער איך בין איצט פון דיר זייער נישט צופרידן, — האָט דער פאָטער ווייטער גערעדט מיט פאַרדרוס. — א שטיין ביים זייגער! איר האָט גאָר קיין אויגן נישט, דו און פרוי אירגענס? דו זעסט נישט, ווי קרום עס זיצן די רולעטן? און איך זאָג דיר, גיי באַלד און ברענג שוין אַראָפּ די ביכער!

— און איך זאָג דיר, אַז איך בין דיין קינד, — האָט מאַריאַנע געענטפערט — און ווען דו זאָלסט זיין א טאַטע, ווי איך פאַרשטיי, וואָלסטו מיר געהאָלפן אַראָפּטראָגן די ביכער.

— יאָ, איך וועל דיר שוין העלפֿן! — האָט ער אין שפּאַס געזאָגט. — דו מיאוסקייט, דו אינדיאַנערין, וואָס מען רופֿט דיך מאַריאַנע!

נאָר ער איז, נאַטירלעך, מיטגעגאַנגען מיט איר און אַפֿילו געשפּאַסט, הגם ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן. אָט אַזוי האָבן זיי געלעבט צווישן זיך. ער האָט טיילמאָל געפּרוווט, וואָס אַן אמת, זיין ערנסט און בייז און זיך צו מאַכן נישט הערנדיק, וואָס זי רעדט, נאָר צו זיין האַרט, אָבער עס האָט זיך שטענדיק געענדיקט דערמיט, אַז זי האָט אים גרויסאַרטיק גובר געווען.

הער האָלמענגראַאַ האָט געהאַט נאָר איר, נאָר מאַריאַנען. דער זון פֿעליקס איז נאָך אַלס יונגער יינגל אַוועק קיין מעקסיקע. איצט איז ער געווען אַ מעקסיקאַנער און אַ וואַסער-מענטש און שוין אַליין געפֿירט אַ שיף. עס איז אים געווען פּונקט אַזוי גוט, ווי אַמאָל זיין טאַטן: לעגענדאַריש-גוט, איין גאָט ווייסט! אָבער אַזוי-ווי מאַריאַנע איז געווען אַליין אין שטוב, איז זי געווען, ווי זי האָט געזאָגט, איר פֿאָטערס „קינדער".

זי איז ווייט נישט געווען קיין שיינהייט מיט איר שיינער הויט און מיט די שוואַרצע, אין שטערן-אַריינגעוואַקסענע האָר. די נאָז האָט געהאַט עפּעס מגושמדיקס, זי האָט געשנאַפּט, יאָ, זי איז געווען העפֿלעך און גרויס. אָבער מאַריאַנע האָט געהאַט אין זיך פֿיל גוטס, שלעכטס און גוטס, ווי אַלע מענטשן; אָבער מאַריאַנע האָט געהאַט אַ באַזונדערע טבע, אַ רגע ביטערע און באַלד אָן אַ שיור צערטלעך. נישט געקוקט אויף איר פֿריער יוגנט, איז זי שוין געווען דערוואַקסן, יאָ, זי האָט אַזוי פֿיל געירשנט פֿון איר אינדיאַנישע מוטער — דעם גרויסן שלאַנקן קערפּער און דעם שוועבעדיקן גאַנג — אַז זי איז געווען אַן אמת שיין קינד. זעט נאָר אירע העל-ברוינע אויגן — אייגנטלעך זענען זיי אויך נישט געווען שיין, אָבער זיי האָבן געהאַט די פֿאָרם פֿון מאַנדלען און זייער געגלאַנצט. און זעט נאָר די גרויסע גאָלדענע האַלבע לבנות, וואָס זי האָט אָנגעהאָנגען אָן די אויערן — זיי האָבן דווקא נישט געפּאַסט, אָבער מאַריאַנע איז נישט געווען קיין געוויינלעך זעגלפּאָסער מיידל אין הוט און מאַנטל. האָט זיך איר טאַטע נישט געמעגט מיט איר זייער שטאַרק פֿרייען? ער אַליין איז געווען פֿון דער נאַטור אַ שפּילער, אַ וועלט-וואַנדערער, אָבער דער גורל האָט

אים געמאכט פאר א געשעפטס-מאן. ער האט זיין טאָכטער נישט געקאָנט איינשפאנען אין דער באַלעבאַטישקייט, אָבער ער האט געקאָנט זיין פאר איר א לוסטיקער פריינט און גלייכצייטיק א סוד.

אין אָוונט האט מאריאנע באגלייט דעם פאָטער צו דער שיף און געגאנגען מיט אים צום ברעג. אסאך מענטשן זענען גע-בליבן שטיין, אנדערע האבן זיי געגריסט און אנדערע האבן זיי נישט געגריסט, אָבער אלע האבן נייגיריק אויסגעדרייט די קעפ, ווען די הערשאפט איז פארבייגעגאנגען.

ווען מאריאנע האט זיך געלאָזן צוריק אין שטאָט, האט זי מער נישט געשפאסט מיט איר פאָטער אין דער קעגנוואַרט פון דעם גאנצן עולם, נאָר זי האט צו אים געשאָקלט מיטן קאָפ; דערנאָך איז זי אוועק.

— דאָ ליגט א צוויי-קראָנען-שטיק. ווער האט עס אָנגעווירן? — האט זי, פארבייגייענדיק, הויך געזאָגט און אָנגעוויזן אויף דעם מיט דער האנט.

דער קרעמער טעאָדאָר איז צוגעלאָפן, גענומען דאָס גאָלד-שטיק, אויפגעהויבן עס אין דער הויך און אויסגערופן מיט א געלעכטער:

— הו, עס ברענט, ווער רופט זיך אָפּ?

קיינער האט זיך נישט אָפּגערופן. יעדער איינציקער האט זיך א כאפּ געטון פאר די קעשענעס, נאָר קיינער האט זיך נישט געמאָלדן פארן אייגנטימער. לארס מאנועלסען האט עפּעס געמורמלט און פלייסיק גענישטערט אין די קעשענעס, פונקט ווי דאָס גאָלדשטיק וואָלט אפנים געווען זיינס.

טעאָדאָר האט געזאָגט:

— קיין אייגנטימער רופט זיך נישט אָפּ. די צוויי קראָן גע-הערן צו אייך, פרייליין האָלמענגראָא.

— ניין — האט מאריאנע געענטפערט און געגאנגען רויק ווייטער.

— אָבער איר האט עס דאָך געפונען! — האט טעאָדאָר אומזיסט נאָכגעשריגן.

אויב טעאָדאָר האט אליין אראָפּגעלאָזן די מטבע, כדי מיט איר צו פארבינדן א שמועס, האט ער קיין מזל נישט געהאט. ער האט

אַפילו אויסגעזען אַביסל פאַרלעגן, ווען ער האָט אַריינגעשטעקט די מטבע אין טאַש. אָבער לאַרס מאַנועלסען האָט געהאַלטן, אַז דאָס געלט געהער צו אים און ער האָט געזאָגט:

— כ'האָב געהאַט אַ צוויי-קראָנשטיק, און גיט אַ קוק, אין מיין בייטל איז עס נישטאָ.

אָבער טעאָדאָר איז נישט געווען פון די מענטשן, וואָס זאָלן גלאַט אַזוי, מיר-נישט-דיר-נישט, געבן געלט, ער האָט געהערט צו די, וואָס האָבן געשאַנעוועט דעם גראָשן.

— איך קאָן עס דערווייל האַלטן ביי זיך, — האָט ער געזאָגט.

— אָבער געהערט עס דען צו דיר? — האָט לאַרס מאַנועלסען געפרעגט.

טעאָדאָר האָט זיך, ווייזט אויס, מישב געווען, ער האָט זיך דערפילט צוגעדריקט צום וואַנט. זיי מיינען, סוף-כל-סוף, די מענטשן, אַז ער האָט נישט-אַנדערש געוואָלט פאַרבינדן מיט מאַריאַנען אַ שמועס?

— ניין, דאָס געלט געהער נישט צו מיר, — האָט ער זיבער גע-זאָגט — אָבער איך האָב עס אויפגעהויבן.

און לאַרס מאַנועלסען האָט זיך אָפּגערופן אַ באַליידיקטער:

— איך האָב נישט קיין חשק זיך אַרומצוריייסן מיט דיר צוליב צוויי קראָן. איך בין דיר מוחל.

V.

לעבעדיק און מונטער האָט די סראָקע סיורא געגומען צונויפ-טראָגן צווייגעלעך אין איר נעסט אַריין.

— און גאָט האָט געגעבן סיוראַן די דאָזיקע מונטערקייט, כדי מיר זאָלן זי אָנקוקן און צופרידן זיין. — אַזוי פלעגט שטענדיק זאָגן די אַלטע קאַטערין, די מוטער פון דער קליינער פּוילינע און דעם קליינעם גאַטפריד.

ווען ס'איז געוואָרן מערץ, און די ערגסטע פרעסט זענען אַריבער, האָט די אַלטע קאַטערין געהויבט אויף די שויבן און צע-וואַרעמט דאָס אייז:

— אַ דאַנק גאָט, אַט איז שוין באַלד דער ווינטער דורך, סיורא הויבט אָן צונויפצוטראָגן צווייגלעך!

איבעריקנס האָט סיורא צוזאַמענגעקליבן נישט בלויז צווייגלעך אַליין, זי האָט געקליבן אַלץ, וואָס האָט אויסגעזען גלאַנציק, פעט און ווייך. איר נייגיריקייט און געשמאַק זענען געווען אַזוי גרויס, אַז עס זענען איר געפעלן געוואָרן די מערקווירדיקסטע זאַכן. צו וואָס דאַרף זי, אַ שטייגער, לאַרס מאַנועלסענס ברילן? זי דאַרף זיי דאָך נישט האָבן צו לייענען די פּאָסט, ווי לאַרס מאַנועלסען, זי דאַרף דאָך נישט זען נאָך בעסער, ווי ביז איצט. לאַרס מאַנועלסען האָט אָנגעווירן זיינע ברילן אויפן וועג צום האָטעל, ער האָט אַפילו געוווסט גענוי ווו, און ער איז געגאַנגען צוריק זיי זוכן, אָבער די ברילן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

– דאָס האָט געטון סיורא. – האָט געזאָגט לאַרס מאַנועלסען.

אָבער איצט איז סיורא ווידער געקומען צופליען פון העך האַלמענגראַאַס גרויס הויז און געהאַלטן עפּעס גלאַנצנדיקס אין שנאָבל; אָבער וואָס דאָס זאָל נישט זיין, יעדנפאַלס איז עס נישט געווען נישט קיין צווייגל, נישט קיין שטרוי. ווען זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ שטיק פּאַפּע, וואָס דרייט זיך אַרום אין אַ קרייז. אָבער די אָרעמע סיורא איז דאָך גלייבצייטיק ווייס אין שוואַרץ און שיין, אַ געבוירענע שיינהייט, און אירע שוואַרצע פלעקן האָבן נאָך דערצו אַ גרינלעכן מעטאַל-גלאַנץ. אַפילו ווען זי זיצט אויף דער ערד און וויגט איר קערפּער אַהין און אַהער, איז אַ מחיה זי אָנצוקוקן, זי באַשיינט די גאַנצע לאָנקע אַרום און אַרום. סיורא איז זייער קלוג. זי האָט מסתמא פון הינטן אייך אַפּאָר אויגן, ווייל ביי דער מינדסטער געפאַר הויבט זי זיך אויף. אָבער ווען זי איז זיכער, הויבט זי אָפּטמאָל אָן צו לאַכן, אַזוי פריילעך איז זי. ווען זי דערזעט אַ קאַץ אָדער אַ הונט, הויבט זי זיך אָן מיט זיי צו רייצן, און דאָס טוט איר שטאַרק הנאה. זי האַלט זיך נישט נאָענט צו מענטשלעכע וווינונגען, נישט סתם פון פאַרגעניגן וועגן, נאָר פון קלוגשאַפט, כדי צו זיין באַשיצט פון אירע שונאים. אָט אַזוי איז סיורא.

אָבער ס'טרעפט, אַז די מענטשן אַליין זענען אירע שונאים.

– דו קאָנסט נישט זען, וואָס זי האַלט אין שנאָבל? – פרעגט לאַרס מאַנועלסענס ווייב.

– לאָז מיר צורו מיט איר! – ענטפערט לאַרס מאַנועלכען. –

זי גנבעט אלץ, וואס זי זעט, מיינע ברילן האט זי אויך צוגעגנבעט. אבער זאל זי נאר אויפבויען איר נעסט און לייגן אייער און האבן עופהלעך, וועל איך שוין מיט איר א שמועס טון!

— זאלסט זיך מיר נישט דערוועגן אנצורירן איר נעסט! — זאגט זיין ווייב.

יעדן פרילינג קומט פאר די זעלבע מחלוקת. לארס מאנועלסען וויל אראפרייסן די נעסט פון דער סראקע, די אלטע נעסט אויף דער בעריאזע פארן הויז, און זיין ווייב לאזט אים נישט. יא, זי האט ריכטיקע סיבות דערצו:

— סורא איז זיך נוקם, סורא האט מיטהעלפער איבער דער ערד און אונטער דער ערד; די לאפן באנוצן סוראן פאר זייער שליח; סורא איז דורך־און־דורך גוט און גלייכצייטיק בייז.

לארס מאנועלסען קוקט זיך לחלוטין נישט אום אויף איר נארישער פלוידעריי. דאס אייגענע זאגט ער אויך צו סורא און דראט איר בשעת־מעשה מיט דער פויסט. אין דעם זעלבן אויגנבליק טוט זיך סורא א הויב פון דער ערד און פליט אוועק צו דער בעריאזע; זי זיצט א ווײַלע שטיל און קוקט אראין, ווי א רוח, אין איר נעסט. ווען זי קומט ווידער ארויס, האלט זי אין שנאבל עפעס גלאנצנדיקס און זי קוקט אראפ צו לארס מאנועלסען און חוזקט פון אים. ס'איז נישט צו באגרייפן — ס'האט אויסגעזען, ווי זי וואלט פול געווען מיט גיפט און גאל. איצט שפרינגט זי אריבער אויף א צווייטן צווייג, כדי נאך מער אפצולאזן פון לארסן, און שפעטער אפילו אויף א דריטן צווייג; דארט פארדרייט זי דאס קעפל און שרייט אראפ צו לארסן, אבער דאס ווערט שוין אומדערטרעגלעך. סורא האט זיך צו פיל דערלויבט, און ווען לארס מאנועלסען וואלט נישט גערופן צו הילף זיין שכל, וואלט ער איר א ווארף געטון א האק.

— דו זאלסט סוראן גארנישט טון, זאג איך דיר! — ווארנט אים פרוי מאנועלסען.

— איצט וויל איך דיר זאגן איינס, — ענטפערט לארס מאנועלסען מיט וויכטיקייט. לארס מאנועלסען רעדט זייער אפט וויכטיק, זינט ער איז געווארן דער טאטע פון א גרויסן מאן און האט גענומען טראגן א פארוק און פארדינט געלט ביי די געסט פון האטעל. א חוץ דעם איז לארס מאנועלסען געזעסן אויף זיין אייגענער נחלה, א קליין

שטיקל ערד, וואָס האָט געקאָנט פיטערן צוויי קי, און ער האָט גע־קאָנט אויפנעמען זיין גרויסן זון, ווען ער איז צו אים געקומען, און גאָט ווייסט, צי דער זון האָט נישט געהאַלטן די סיוויר־נעסט פאַר אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך אין הויף. דעריבער זאָגט איצטער לאַרס מאַנועלסען מיט באַטאָנונג:

— ווו זענען מיינע ברילן?

דאָס ווייב האָט נישט געוווּסט.

— פרעג ביי סיוראַן, — זאָגט לאַרס מאַנועלסען. — און דו ווייסט וואָס נאָך? — זאָגט ער. — האָסט שוין געזען איינאיינציקן לייטישן הויף מיט אַזוי פיל סראָקע־עסטן, ראָבן־נעסטן און קאָמעדיע־שפילעריי?

— דאָס אַלץ איז דאָך דאָ נישטאָ, — האָט דאָס ווייב געענטפערט.

— נו, זאָלסט זיך מערנישט דערוועגן מיט מיר צו רעדן וועגן דעם! — פאַרענדיקט לאַרס מאַנועלסען.

אויך אַנדערע, אויסער סיוראַן, גרייטן זיך צום פרילינג; למשל אַדוואָקאַט ראַש. ער האָט געהייסן באַשיטן מיט זאַמד אַלע שניי־פלעקן אויף זיין נחלה, כדי דער שניי זאָל גיכער צעגיין. אַדוואָקאַט ראַש האָט אין אַ קורצע פאַר יאָר איבערגעאַרבעט זיין באָדן און אים פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן גן־עדן. פריער איז עס געווען אַן עלנטע לאָנקע מיט פּאַשע פאַר צוויי קי, איצט איז שוין נישט געווען קיין פּאַשע־לאָנקע, אומעטום זענען געווען פאַרפלאַנצט קוסטעס און ביימער און געוויקסן, די מענטשן פאַר אַ פרייד און זיין הויז אין גאַנץ זעגלפּאָס פאַר אַ צירונג. אַדוואָקאַט ראַש האָט אויפגעטון גרויסע זאַכן, זינט ער האָט אַריינגעקראָגן געלט און די הענט אַריין. צו וואָס דאַרף ער לאָנקעס מיט קי? אַ מילך־מויד איז געווען אַ דינסט־מויד מער אין שטוב, ער האָט געקאָנט קויפן זיין מילך אין זעגלפּאָסער גוט, ווי אַלע אַנדערע מענטשן; די גאַנצע פּלוידעריי וועגן דער דערהויבונג פון דער לאַנדווירטשאַפט אין נאָרוועגיען איז געווען גאַנץ פיין, אָבער עס האָט נישט געלוינט. דאָ איז אַ דאַנק זיין אַרבעט אַנטשטאַנען עפּעס ממשותדיקס, ער האָט געפלאַנצט סיבירישע אַרבעס און אַמעריקאַנישע יאָדלעס, ער האָט געלאָזט ברענגען יאַלאָוויעץ־קוסטעס און פעדער־גראָז און ווערבעס פון וואַלד און זיי פאַרפלאַנצט, אין זיין פאַרק, ווו זיי האָבן זיך פונאַנדערגעבליט, דער עיקר דער סיבירישער אַרבעס. וואָס האָט געשאָסן אין דער הויך

און געשאַפן אַ גאַנצן וואַלד. ווי אָפט דער קרייז-דאָקטאָר מואוס פלעגט קומען צו גיין, פלעגט ער זיך אַרומדרייען אין אַדוואָקאַטס פּאַרק, אַלץ באַטראַכט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז דאָס איז גרויסאַרטיק.

— אויב איר וועט אַזוי אַרבעטן נאָך אַפּאָר יאָר, וועלן נאָך קומען נאַכטיגאַלן אין אייער וואַלד. — האָט ער געזאָגט.

דאָס האָט דער דאָקטאָר מואוס געזאָגט מער אין שפּאַס, ווייל ווען ער האָט נאָר געוואָלט, איז ער געווען אַ געבילדעטער הער מיט פיינע רייד, אָבער אַדוואָקאַט ראַש האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ער איז געווען דער מענטש, וואָס פאַר אים איז אַלץ געווען מעגלעך, אַפילו צו ברענגען נאַכטיגאַלן. ער האָט געבראַכט דערצו, אַז די מענטשן פלעגן אים ברענגען צוטראָגן פלערליי מושלען און זעלטענע שטיינער, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט אַרומזעצן זיינע שטערן-בלומען און מאָן-ביימן, פּונקט אַזוי, ווי דאָס טוען די בעסערע לייט אין דרום. האָפן און ווילדער וויין האָבן יעדעס יאָר געקלעטערט צו דער דרום-זייט פון זיין הויז און האָבן זיך שוין דערקליבן כמעט ביז צום דער דראָזן-נעסט; ביי די שפּיצן און אויפן דאַך-געזימס האָבן געגענעצט נאַטור-טרייע דראַכן-קעפּ, וואָס האָבן געהאַט אין די פּיסקעס סיי ציין און סיי צונגען. יאָ, אַפילו דער גראָז-פלאַץ אין מיטן דעם גאָרטן האָט געהאַט זיין צירונג, דהיינו, אַ קליינעם צעמענט-בעקן, וואָס האָט געהאַלטן אַפּאָר טאָן וואַסער, דערפון האָט זיך געצויגן אַ רער מיט אַן אַרויפשטייגנדיקן וואַסער-שטראַל. עס האָט געקאָסט צוויי הונדערט קראָן צוצופירן אַהער די וואַסער-ליטונג פון גרויסן טייך; דאָ האָט קיינער נישט געפרעגט, וויפיל אַ זאַך קאָסט. ווייטער אין גאָרטן איז געשטאַנען די פלאַג מיט אַ זילבערנעם קאָפּ. אַדוואָקאַט ראַש האָט זיך בעסער נישט גע-קאָנט ווינטשן אויף דער וועלט, נישט פאַר זיך און נישט פאַר זיין פאַמיליע. נאָר איין זאַך האָט געפעלט: די פייערונג לכבוד דעם גאָרטן און דעם פּאַרק, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער דאָזיקער לאַנקע. יעדעס יאָר האָט ער געוואָלט פייערן דעם יום-טוב, אָבער שטענדיק איז ער געוואָרן אָפּגעלייגט, ווייל די קוסטעס האָבן זיך נאָך געדאַרפט מער פונאַנדערוואַקסן. איז דאָס לעבן צו אים שלעכט געווען? ער האָט געהאַט אַ ברירה, אָנצונעמען זיינע גוטע מתנות אָדער נישט אָנצונעמען; ער האָט זיי אָנגענומען. דאָס לעבן האָט אים

מזכה געווען מיט אמתן גליק, אָן שום פאָדערונגען, אָן שטייערן, ווי ער האָט אפשר אַליין געזאָגט; ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו אָנערקענען די מתנה און אָפּצוצאָלן דערפאַר, — און אין דעם דאָזיקן יאָר האָט באמת געדאַרפט פאָרקומען די פייערונג.

בכלל איז געווען אַ קאָלאָסאַלער אונטערשיד צווישן דעם יונגן יוריסט, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין זעגלפאָס אָרעם און נאַקעט און איז געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער ביים הער האָלמענגראָא, — און דעם מעכטיקן אַדוואָקאַט, וואָס האָט פאַרמאָגט געלט, אַ בייכל און אויטאָריטעט. עס איז געווען אַ צייט, ווען ער פלעגט ארויסהענגען אין קאָרידאָר זיינע ביידע מאַנטלען און היט, כדי די מענטשן, וואָס פלעגן קומען צום אַדוואָקאַט, זאָלן מיינען, אז ביים שעף זענען שוין פון פריער דאָ עטלעכע אינטערעסאַנטן. זיי זענען דעמאָלט געזעסן אַ קורצע ווײַלע אין פאָדערצימער און געוואַרט, זיי האָבן געהערט אפילו שטימען פון אינעווייניק, און דערנאָך האָבן זיי געהערט, ווי דער שעף עפנט די טיר צו די טרעפ, ווי ער באַגלייט ארויס זיינע קונדן און ער זאָגט צו זיי זייער פריינדלעך:

— אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג! יאָ, מיר וועלן שוין די זאַך דורכפירן, איר קאָנט זיך פאַרלאָזן אויף מיר.

דערנאָך איז דער אַדוואָקאַט אריין אין פאָדערצימער און ווידער געגריסט זייער ליבנסווירדיק:

— גוטמאָרגן, גוטמאָרגן! אַנטשולדיקט, וואָס איר האָט געמוזט וואַרטן, איך בין געווען זייער שטאַרק פאַרנומען.

ער האָט געהאַט פולע הענט מיט פראָצעסן. דערצו איז ער אויך געווען באַנק־דירעקטאָר און אין דער שטיל — אויך אַ מיטאַרבעטער פון דער זעגלפאָסער ציימונג. איצט איז שוין נישט געווען אזוי לייכט אָנצוקומען אין זיין פריוואַט־קאַבינעט, מ'האָט געמוזט געמאָלדן ווערן. אַ שרייבער פלעגט אָנקלאַפן אין זיין טיר און פרעגן, צי דער הער אַדוואָקאַט וויל עמעצן אָננעמען.

— באַלד! — האָט הער ראַש געקאָנט ענטפערן.

— איין רגע. — האָט ער געקאָנט זאָגן.

— ווער איז עס? לאַרס מאַנועלסען? איך בעט אייך, מאַנועלסען, וואַרט אונטער אַ רגע.

הער ראַש האָט אייגנטלעך אין דער רגע גאָרנישט געטון. ער

האָט בלויז געקנייטשט דעם שטערן און געטראַכט. דערנאָך האָט ער געעפנט די טיר און באַגריסט מאַנועלסענען:

— גוטמאָרגן, גוטמאָרגן! זייט אַזוי גוט, איר וואַרט שוין לאַנג?

— ניין!

לאַרס מאַנועלסען איז גרויסמוטיק, דעריבער זאָגט ער, אַז ער האָט נישט לאַנג געוואַרט. ער דאַרף עס נישט האָבן.

— זעצט זיך, מאַנועלסען! איר האָט עפּעס געהערט לעצטנס וועגן אייער זון?

— אָך, ניין, שוין לאַנג נישט.

— ער איז אין דער הויפּט־שטאָט זייער פּאָרנומען און שרייבט.

— יאָ, גאַנץ גוט אַזוי.

— זיינע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען רופן אַרויס גרויס אינטערעס. איצטער זעצט ער איבער אויף שוועדיש, ווי איך זע.

— אַזוי? אויף דער שוועדישער שפּראַך?

— יאָ, אויף דער שוועדישער שפּראַך. יאָ, ער איז אַ גרויסער מענטש און וועט זיכער נאָך ווערן אַמאָל אַ בישאָף.

— אַזוי גלויבט איר?

— זיכער.

- ער שיקט גאָרנישט אַהיים. — זאָגט דער טאַטע פון דעם גרויסן מענטשן.

— ניין? דאָס וווּנדערט מיך אַביסל, ער האָט מסתמא פאַרגעסן.

— ער האָט שוין אָבער געהאַט גענוג צייט זיך ווידער צו דערמאָנען.

— דאָס הייסט, ער ליגט עס מסתמא אָפּ פון איין מאָל אויפן צווייטן, ווייל די אַרבעט פאַרשלינגט אים. איך קען עס פון אייגענער דערפאַרונג.

— אָך, וואָס רעדט איר, אויסצושטעלן אַ וועקסל אויף פינף אָדער צען קראָן, וואָלט דאָך אים קיין סאַך צייט נישט פאַרנומען.

— ניין, אָבער דער באַשלוס גופא, מאַנועלסען; אגב, וווּנדערט עס מיך טאַקע. ער האָט נישט צוגעשיקט אַפילו דאָס בוך פון זיינע דרשות?

— פאַרשטייט זיך! נאָר גראָד האָב איך פאַרלוירן די ברילן און איך קאָן דעריבער נישט לייענען. די פאַרשאָלטענע סיורא האָט זיי אַוועקגעטראָגן.

— סיורא, כאַ, כאַ!

— דאָס איז נישט קיין געלעכטער, — זאָגט לאַרס מאַנועלסען
אַ געקרענקטער, — איך ווייס, אַז עס איז געווען סיורא. נאָר וואָס
האָב איך געוואָלט זאָגן: עס איז רעכט, וואָס טעאָדאָר האָט
אויפגעהויבן אַ צוויי־קראָן־מטבע אויפן ברעג און אַריינגערוקט צו זיך
אין קעשענע?

דאָ האָט לאַרס מאַנועלסען דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון
אָנהויב ביזן סוף און געטענהט, אַז די מטבע געהער צו אים. דער
אַדוואָקאַט האָט אים צוגעזאָגט איבערצורעדן מיט טעאָדאָר, דעם
יונגן יענסען.

— אגב דאַכט זיך מיר, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַזאַ מענטשן,
ווי איר, מאַנועלסען, צו מאַכן דערפון אַ טענה. — האָט דער אַדוואָקאַט
געזאָגט. — צוויי קראָן, וואָס פאַר אַ צורה האָט עס?

— די פּאַרדינסטן זענען לעצטנס נישט געווען אַזוי, ווי אין די
פריערדיקע יאָרן, — האָט געענטפערט לאַרס מאַנועלסען. — אין האָטעל
קומען זייער ווייניק געסט. דער לעצטער וואָיאַזשאָר איז געקומען מיט
זיין אייגענער שיף און איז בכלל אויפן ברעג נישט אַראָפּ. איך האָב
דערפון גאָרנישט געהאַט, פאַרשטייט זיך.

— איך האָב געהערט וועגן דעם דאָזיקן וואָיאַזשאָר. — האָט
דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

— ער הייסט דידריקסען, און ביים ברעג איז עס פאָרגעקומען
אַ שפּיל און אַ טאַנץ און אַ זויפעריי! פאַר אונז איז עס אַן אמתער
סקאַנדאַל.

— איז עס געווען, הייסט עס, אַ פריילעכער יונגערמאַן. — האָט
געזאָגט הער ראש און במעט צעטומלט גענומען אויף זיין טיש
אַ בינטל אַקטן.

— דאָס קאָן שוין זיין! אין דער נאַכט האָט ער אָפּגעשטעלט
דעם טאַנץ און איז אַרויסגעפאָרן מיט צוויי מיידלעך אויפן ים. איינע
פון זיי איז געווען אייער פלאָרינאַ.

— פלאָרינאַ? נו, מילא. די יוגנט לאָזט זיך ווילגיין. אַזוי,
פלאָרינאַ?

— איך זאָג מער גאָרנישט און איך וויל מער נישט זאָגן. —
האָט גערעדט ווייטער לאַרס מאַנועלסען. ער האָט אָנגעקוקט ראשן
און האָט זיך צו אים אָנגערופן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— אָבער איך בין זיכער, אַז פלאָרינאַ האָט זיך דאָרטן אויס־געהיילט פון איר ציין־ווייטיק.

דער אַדוואָקאַט האָט נישט געמאַכט קיין שום באַוועגונג אויף זיין שטול און האָט נישט קיין וואָרף געטון אויף לאַרס מאַנועלסען קיין האַסטיקן בליק; אָבער די אויגן האָבן זיך אים אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכט, ווי בעת אַ גרויסער איבעררעשונג. וואָס האָט דער מענטש מיטן פאַרוק געוואָלט געבן אָנצוהערן? וואָס האָט ער אַזוינס געוווסט?

— אַזוי, — האָט אַדוואָקאַט ראַש געזאָגט — קלאָגט זיך דען פלאָרינאַ אויף ציין־ווייטיק?

— יאָ, און אויף ברעכעניש אויך. — האָט מאַנועלסען געזאָגט.

— דאָס אויך? יאָ, מען דאַרף אין פרילינג אַזוי היים נישט מאַנצן, ווייל מען קאָן זיך לייכט פאַרקילן.

— איצט האָט נילסען פון וועלטאַ מיט איר איבערגעריסן.

— אַזוי, יאָ, איינס שלעפּט נאָך נאָך זיך דאָס צווייטע.

— איר זאָלט עס וויסן, הער אַדוואָקאַט. — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט.

הער ראַש האָט געמוזט אַ שמייכל טון; ער איז באמת נישט געווען נישט פאַרראַטן און נישט פאַרקויפט, וואָס מיינט ער זיך, דער אַלטער תּרח?

— אין אַזאַ הויז, ווי אונזערס, האָט די באַלעבאָסטע צו טון מיט די מיידלעך, זיי געהערן נישט צו מיין דעפּאַרטאַמענט. — האָט ער געזאָגט.

לאַרס מאַנועלסען האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אויך אַ שמייכל געטון. אַ שוואַכן, קרומען שמייכל, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און איז אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט.

— וואָס שייך, די צוויי קראָן, קאָנט איר דערווייל נעמען ביי מיר, מאַנועלסען. — האָט ער געזאָגט און אים בשעת־מעשה דער־לאַנגט אַ מטבע. — אַזוי זיכער בין איך, אַז דער יונגער יענסען וועט אייך אומקערן, וואָס אייך קומט.

— איך דאַנק אייך. — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט. — און אויב איר קאָנט עפּעס דרוקן אין בלאַט וועגן מיין זון לאַסן, וועט דאָך עס אָנקומען צום עולם.

— דאָס קאָן איך נישט, — האָט ראַש געענטפערט — איך רע־גאַגיר נישט די זעגלפאַסער צייטונג.

טיילמאַל האָט דער אַדוואָקאַט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, וען מ'האָט אים געהאַלטן פאַר ריכטיקן באַלעבאָס פון דער צייטונג, אָבער טיילמאַל האָט עס אים נישט געשמעקט. אין אָט איז איצט געשטאַנען דער וואַגאַבונד לאַרס מאַנועלסען און ער איז אַפילו נישט געוועזן געגנוג באַשיידן און איידל; ער האָט, משמעות, געמיינט, אַז ער האָט פאַרדינט אַ שבר — אָבער פאַר וואָס? און ווען ער האָט באַקומען די צוויי קראָן, האָט ער געזאָגט אַ דאַנק און אַריינגערוקט אין קעשענע. אָהאָ, אַדוואָקאַט ראַש איז נישט געווען דער מענטש, וואָס מען זאָל אים קאָנען דרייען אַ ספאָדעק!

אָבער לאַרס מאַנועלסען איז מיט די יאָרן געוואָרן ביי זיך אַ תקיף און האָט קיינעם נישט געשוינט.

— און דערביי, — האָט ער געזאָגט — מעגט איר בשעת־מעשה דערמאָנען, ווער עס זענען לאַסענס עלטערן.

דער אַדוואָקאַט האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און גע־בלעטערט אין זיינע אַקטן.

דעמאָלט איז לאַרס מאַנועלסען אַוועק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער ווידער געקומען.

— איך בין פאַרנומען, זאָל ער וואַרטן, — האָט ראַש געזאָגט צו זיין שרייבער.

לאַרס מאַנועלסען האָט אַ שפּאָר שטיקל צייט געוואַרט אין פאָדערצימער; אַז מען האָט אים לסוף אַריינגעלאָזן, האָט דער אַדוואָקאַט אַ קוק געטון אויף אים און געזאָגט:

— מאַכט עס היינט קורץ, לאַרס, איך האָב זייער אַסאַך אַרבעט.

— הם. אין בלאַט איז גאָרנישט געשטאַנען, — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט.

דער אַדוואָקאַט האָט געמאַכט אַ בייזע באַוועגונג, דער גאַנצער קאָפּ איז אים רויט געוואָרן, און ער האָט אויסגעגלייכט אויפן שטול זיין דיקן קערפּער.

— איך וויל מער נישט הערן וועגן דער דאָזיקער פּלוידעריי מיט דיין צייטונג, — האָט ער געזאָגט. — גיי זיך אַליין אין דער צייטונג, דער רעדאַקטאָר הייסט קאָפּערוד, איך הייס ראַש.

— איך וויל זיך מיט אייך נישט קריגן, איך דאַרף עס נישט האָבן. — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט און איז אַרויס דורך דער טיר.

דער אַדוואָקאַט האָט געקנייטשט דעם שטערן און אַרומגעלאָפן איבערן צימער; ביי דער וואַנט איז ער געבליבן שטיין און נאָכגעקלערט. פּלוצלינג האָט ער אַ רוף געטון אין פאָדערצימער:

— מאַנועלסען איז אַוועקגעגאַנגען? ער איז אַוועק?

— יאָ, זאָל איך אים רופן?

— יאָ, זאָגט אים, ער זאָל אַריינקומען.

דער אַדוואָקאַט שטייט אין זיין קאַבינעט און הערט, ווי דער שרייבער רופט לאַרס מאַנועלסענען, דערנאָך הערט ער, ווי מאַנועלסען זאָגט:

— איך דאַרף עס נישט האָבן.

די זאַך איז, הייסט עס, געשען. האָט דען דער אַלטער וואַגאַבונד געוואָלט מלחמה? אָרעמער מענטש, מלחמה מיטן אַדוואָקאַט ראַש! אָבער דער טאָג איז שוין געווען פאַר אים אַ דערהרגעטער; האָט ער געקאָנט פירן אַ מלחמה מיט אַן אָרעמען וואַגאַבונד? וואָלט נישט געווען בעסער זיך צו באַהערשן? דער טאָג איז שוין סיי־ווי־סיי געווען אַ פאַרפאַלענער, נישט געקוקט אויף דער אויפרעגונג.

— איז היינט נישט אָנגעקומען קיין געלט פונם וואָיט? — האָט ער אַ פרעג געטון דעם שרייבער. — ער האָט גענומען אַ הלוואה פון עטלעכע הונדערט קראָן און האָט נישט אָפּגעשיקט דאָס געלט, וואָס זאָל דאָס הייסן?

דער שרייבער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דער גוטער וואָיט פון אורא מוז זיך היטן מיט די ביינער.

דער אַדוואָקאַט איז אויך ביים מיטאָג נישט געווען געשטימט פריינטלעך און באַרעדעוודיק. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ מאַסע אַרבעט, אַן אומגעהויערן הויפן אַקטן.

— איך גיי דעריבער גלייך צוריק אין קאַבינעט, זאָל מיר פלאָרינאַ ברענגען אַהין קאַווע.

— זאָג מיר, צו וואָס האָסטו אַרומגעבונדן דאָס מויל מיט אַט דער שרעקלעכער טוך? — פרעגט דער אַדוואָקאַט, ווען און ער

בלייבט אליין מיט דער דינסט פלאָרינאַ אין זיין קאַבינעט.

— די ציין טוען מיר ווי. — זאָגט פלאָרינאַ.

— עס איז גאָר קיין חידוש נישט, אויב מען גייט טאַנצן אין אַזעלכע קאַלטע נעכט, ווי היינט, און מען פאָרט אַרויס אויפן ים.

— אַזוי, איר ווייסט עס שוין? ווייסט איר אויך, פאַרוואָס איך האָב עס געטון?

דער אַדוואָקאַט האָט געענטפערט קורץ, אַז ניין און אַז ער וויל דערפון נישט וויסן.

דעמאָלט האָבן זיך ביי פלאָרינען אַרויסגעכאַפּט מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, אַנצוהערענישן, שטילע ווערטער:

— גאָט איז מיין עדות! וואָס וועט מיט מיר זיין?

דער אַדוואָקאַט האָט אַביסל האַסטיק, האַלב־לאַכנדיק געזאָגט:

— אָהאָ! — האָט ער געזאָגט. — לאַז נילסען פון וועלטאַ לויפן, ווילסט אפשר האָבן ביי יעדן פינגער אַ געליבטן? האָסט נישט עפּעס אַ נייען, ווי הייסט ער דאָרט — דידריקסען?

— אַזוי, דאָס ווייסט איר אויך, — האָט פלאָרינאַ געזאָגט — ווייסט איר אָבער אויך, פאַרוואָס איך האָב עס געטון?

— ניין — ענטפערט ראש — אָבער יעדנפאַלס דאָ אין שטוב נעם אַראָפּ דאָס טיכל. אַזאַ זאַך איז מיר נאָך נישט פאָרגעקומען, אַ שיין, יונג מיידל, אַ ביכל פון דער שפּאָר־קאַסע און אַלץ מיט אַנאַנדער! ווער נאָר נישט אָן דאָס ביכל פון דער שפּאָר־קאַסע.

— איך וואָלט עס בעסער קיינמאָל נישט געוואָלט האָבן! — האָט געזאָגט פלאָרינאַ.

— פאַרוואָס? נילס פון וועלטאַ איז גליקלעך דערמיט, ער וועט דיך נעמען צוזאַמען מיטן ביכל פון דער שפּאָר־קאַסע.

אָבער ווען דער אַדוואָקאַט האָט גענומען אין דער האַנט אַ בינטל אַקטן און האָט געוואָלט דערמיט געבן אָנצוהערן, אַז פלאָרינאַ זאָל אַוועקגיין, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אָ, פלאָרינאַ האָט נאָך זיבער נישט געהאַלטן ביים סוף, זי האָט זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיט דער שטאָט זעגלפאָס און געקאָנט געפינען אַן אויסוועג.

— שטיל, וויין נישט אַזוי הויך!

פלאָרינע האָט געוואָלט פֿאַרלענגערן די רגע, ווייל דאָס האָט איר לייכטער געמאַכט; זי איז געווען איינגעעקשנט און צעבראָכן און זי איז באַלד אַריבער אין דעם לשון פון אַ דינסט-מיידל; זי האָט געטעהנט, אַז דאָס באַווייזט, ווי ווייניק האַרץ עס פֿאַרמאָגט דער מענטש, וואָס האָט „צעריסן אירע בלומען".

בלומען? — האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט און איז אויפגע-שפרונגען אַ צעקאָכטער, — דער טייוול זאָל איר נעמען — בלומען?

— אָט איז דאָס ביכל פון דער שפּאָר-קאַסע. — האָט פלאָרינע געזאָגט און עס אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש.

— איך וויל עס גאָרנישט האָבן.

אַן אויגנבליק האָט אַדוואָקאַט ראַש אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט דאָס מיידל, דאָך האָט ער זיך פלוצלינג צעלאַכט און געזאָגט:

— איצט לייג איך דיר צו נאָך עפּעס, פון היינטיקן טאָג אָן וועסטו האָבן גאָר אַ נישקשהדיקע סומע, און איצט ווייז עס אַמאָל נילסן פון וועלטאַ!

דער אַדוואָקאַט האָט אַריינגעשריבן עפּעס אין ביכל און געגעבן עס צוריק פלאָרינען מיט אַ בעוועגונג, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ פֿאַרנייגונג. זי האָט עס גענומען אין האַנט און האָט עס — אָפשר מחמת צעטומלטקייט, אפשר מחמת נייגעריקייט — אָן עפן געטון, און איבערגעלייענט, וואָס דאָרט איז געשטאַנען. דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעבונדן מיט דער טוך, אַריינגעשטעקט דאָס ביכל צו זיך אין בלוזע און אַרויסגעגאַנגען.

פֿאַרטיק! דורכגעפירט! דער אַדוואָקאַט האָט אַריינגעטראָגן די סומע אַלס פּאָזיציע אין די באַנק-ביכער און ווידער פֿאַרזונקען אין געדאַנקען, אַז אַלץ איז געווען אין אָרדנונג. אָבער יעדנפֿאַלס וואָלט געווען גלייכער זיך צו באַציען צו לאַרס מאַנועלסענען פֿריינדלעכער. דער אַלטער שלעפער האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן קיין האַרטע באַהאַנדלונג, ווער ס'האָט געהאַט שכל, דער האָט זיך געמוזט מיט אים באַנוצן.

דער אַדוואָקאַט שטייט ביי דער טיר און דיקטירט זיין שרייבער:

„צום וואָיט פון אורא. איר ווערט געבעטן אַריינצוטראָגן אין דער זעגלפאָסער שפּאָר-און-ליי-קאַסע די פֿאַרפאַלענע און אויסגעצאָלטע סומע אין משך פון 8 — אַכט — טעג. מיט אַכטונג..."

דער טאָג איז אַ געפּטרטער. ראַש האָט גענומען זיין הוט און שטעקן און איז אַרויס פון שטוב. ער האָט געהערט, ווי מען קלאַפּט אין מען אַרבעט אין דרויסען, און ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהין. טעסלער האָבן געאַרבעט אין שיפּער-הויז, אינם טאַנץ-זאַל, וואָס טעאָדאָר האָט געהייסן איינריכטן, דאָס שיפּער-הויז איז געוואָרען פאַרברייטערט, עס איז געוואָרן אַן אומגעהויערער בנין, מען האָט איינגעאָרדנט אַ בינע, מען האָט געמאַכט בענק.

— וואָס איז דער מער ?

— מען מאַכט אַ טעאַטער. — האָבן די אַרבעטער געענטפערט. יאָ, די אויסגעלאַסנקייט האָט באַקומען ברען-מאַטעריאַל ; אַ טעאַטער גאָר.

דער אַדוואָקאַט איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט. דער טעלעגראַפיסט באַרדסען איז געקומען צוקריכן, ער האָט, משמעות, געהאַט אַ שייכות מיטן נייען בנין, ווייל ער האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן. דער אַדוואָקאַט האָט געוואַרט, דער טעלעגראַפיסט זאָל אים גריסן, — עס הויבט זיך גאָרנישט אָן, דער טעלעגראַפיסט מעסט אוים אַ וואַנט מיט זיין מעטער און גיט אַרויס נאָך אַ באַפעל. האָט דען דער אַדוואָקאַט ראַש געקאָנט דערלאָזן, מען זאָל אים באַהאַנדלען, פּינקט ווי לופט ? דער דאָזיקער טעלעגראַפיסט איז שוין פון לאַנג אומפאַרשעמט, ער גריסט אים נישט, אָדער ער טרינקט און שפּילט אין טשעלאָ און פירט זיך אויף חוצפּהדיק מיט מיידלעך, אָט דער געמיינער יונג !

אַדוואָקאַט ראַש לאָזט זיך גיין צום געוועלב, די קלאַפּע פון טאָמבאַנק הויבט זיך אויף, און ער קריכט מיט זיינע שווערע טריט דורכן געוועלב אין קאַנטאָר אריין, דאָ איז געווען טעאָדאָרס קאַבינעט מיט אַ שטענדער, קאַסע און דריי שטולן, טעאָדאָר האָט געשריבן.

דער אַדוואָקאַט נעמט רעדן וועגן דעם ענין מיט די צוויי קראָן, דאָס איז געווען גאָר אַ קלייניקייט ; אָבער ראַש האַלט עס נישט קלענער, ווי אַנדערע זיינע ענינים. פאַרוואָס זאָל ער צוליב לאַרס מאַנועלסענען פאַרלירן צוויי קראָן ? זיין גאַנץ פאַרמעגן איז אויפגעבויט געווען אויף קליינע צוויי-קראָן-מטבעות.

ווען טעאָדאָר האָט דערהערט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, איז ער לכתחילה געבליבן אָן לשון, זיין פּנים האָט, משמעות,

קאָמיש אויסגעזען פֿון פֿאַרווונדערונג. נאָר אַזוי־ווי ער האָט געהאַט אַ קלוגן קאָפּ, האָט ער זיך באַלד געכאַפּט, אַז ס'איז כדאי זיך צו שפּאַרן.

— ביטע, — האָט ער געזאָגט — איך האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן די דאָזיקע צוויי קראָן, יאָ, איך האָב זיי פֿאַרגעסן אויפֿן ברעג.

— איך דאַנק אייך, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט — איך האָב באַלד געזאָגט, אַז ווען איר וועט זיך דערמאָנען, וועט איר אָפּגעבן. און ווי גייט עס אייך בכלל, יענסען ?

— גאַנץ גוט.

אָבער אויך דער קרעמער טעאָדאָר האָט נישט געהאַט קיין גרויסן חשק אַרויסצוּוואַרפֿן געלט; ער איז נישט באַשאַפֿן געוואָרן צו אַזעלכע זאַכן.

— אָבער איר דאַרפֿט נישט גלייבן, אַז דאָס געלט געהערט צו לאַרס מאַנועלסען, — האָט ער געזאָגט.

אָבער איצט, ווען דער אַדוואָקאַט ראַש האָט זיינס אָפּגענומען, האָט ער בלויז געענטפֿערט.

— איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס איר מאַכט אַזאַ ליאַרם אַרום אַזאַ קליינע מטבע. איר, וואָס איר אָפּערירט מיט אַזעלכע גרויסע סומעס.

— איך מאַך נישט קיין ליאַרם, איך זאָג עס בלויז.

— יאָ, איך האָב מיר באַלד אַזוי געטראַכט. אגב, זאָגט מיר, וואָס איז עס דאָרט ? איר בויט אַ טעאַטער ?

טעאָדאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ :

— רעדט נישט וועגן דעם — יאָ, איך בוי אַ טעאַטער.

אָבער דער אַדוואָקאַט האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין. ער האָט געפֿרעגט, וואָס זאָל עס באַדייטן.

אַלזאָ אַ טעאַטער. — האָט טעאָדאָר געענטפֿערט, — די קינסטלער טרייבן צו מיר, ווי צום באַקאַנטסטן מענטשן אין דער שטאָט, און זיי בעטן מיר די ערלויבעניש דאָ צו שפּילן, מוזן זיי דאָך האָבן אַן אָרט.

אַדוואָקאַט ראַש האָט זיך באמת געפֿילט באַליידיקט פֿון זיינע ווערטער.

— זענט איר, הייסט עס, דער באַקאַנטסטער מענטש אין

שטאָט ? — האָט ער זיך אָנגערופן — דאָס האָב איך נישט געוווסט.

אָבער אָפשר האָט דער קרעמער טעאָדאָר געהאַט אַ טעות אין די רייד, ער האָט אָפשר געמווזט זאָגן, אַז ער איז דער מענטש, וואָס קאָן צום בעסטן די שטאָט, אַ געלערנטן מענטשן האָט ער דאָך געמווזט אָפּטרעטן, ער האָט טאַקע אָפּגעטרעטן, ווען הער ראַש האָט געזאָגט:

— איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי עמעצער קאָן שרייבן צו אייך וועגן אַזאַ ענין, דאָס איז דאָך אַ זאַך, וואָס איר הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין.

— איך האָב געבעטן דעם טעלעגראַפיסט באַרדסען, ער זאָל זיך פאַרנעמען דערמיט. — האָט טעאָדאָר פריינדלעך געענטפערט.

— ער טויג זיך אויך צו אַזעלכע זאַכן! — האָט ראַש געחוזקט. — אַזאַ זאַך האָב איך נאָך נישט געזען.

— ער שטאַמט פון אַ פיינער משפחה און איז אַסאַך מאָל געווען אין טעאַטער.

— אַזוי, איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון דער פאַמיליע באַרדסען.

— דאָס איז אַ בכבודיקע, רייכע, סוחרישע משפחה.

— יאָ, יאָ, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט — עס מוזן דאָך זיין אויך סוחרישע פאַמיליעס, מילא, מיר איז עס אַלצאיינס, אָבער צי האָט איר זיך פאַרזיכערט פאַר אייער אַרבעט די זעגלפאָסער ציימונג?

טעאָדאָר האָט נישט פאַרשטאַנען.

— און אַקטיאָרן האָבן זיך געווענדט צו דער זעגלפאָסער ציימונג וועגן זייערע פאָרשטעלונגען?

— איך ווייס נישט.

— מילא, מיר איז עס אַלצאיינס. — האָט הער ראַש געזאָגט.

ער איז אַרויס, אָבער דאָך איז ער געווען טיף געקרענקט. גיב נאָר אַ קוק, דער באַקאַנטסטער מענטש אין זעגלפאָס איז געווען דער קרעמער טעאָדאָר! גליקלעכע נאַיוויטעט הייסט עס אויף לאַטיין, און וועגן טעאַטער-ענינים האָט מען נישט געשריבן צו אַן אַדוואָקאַט ראַש, אָדער צו אַ קרייז-דאָקטאָר מואוס, נאָר צו עפּעס אַ ק־עמער טעאָדאָר גאָר!

דערווייל האָט מסתמא טעאָדאָרן גענומען פאַרדריסן אויף זיינע

דרייד, ווייל ער איז נאָכגעלאָפן דעם אַדוואָקאַט און האָט אים געוויזן דעם בריוו פון די אַקטיאָרן.

— אדרבה, גיט אַליין אַ קוק.

און דאָ איז באמת געשטאַנען, אַז הער טעאָדאָר יענסען איז דער באַקאַנטסטער מענטש אין זעגלפּאָס. טעאָדאָר האָט נאָר איבערגעחזרט די ווערטער.

— אפשר וואָלט איר אַליין איבערגענומען דעם בנין? — האָט טעאָדאָר מיט פאַרדרוס געפרעגט.

— איך? וואָס רעדט איר? איך וויל נישט איבערנעמען קיין בנינים.

— איך האָב געמיינט אַזוי, ווייל איר האָט זיך אַזוי אַריינגעמישט.

ניין, דאָס איז שוין צופיל, אַט די דאָזיקע מויז וויל אים דווקא ווייזן אירע ציין?

רעכן זיך מיט די ווערטער, מענטשעלע! — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

— רעכנט זיך אַליין מיט די ווערטער! — האָט געענטפערט טעאָדאָר.

און פּלוצלונג איז ער ווידער געוואָרן דעם אַלטן קרעמערס אַ זון, בייז און שטרענג, אויפגערעגט דורכן פאַרלוסט פון צוויי קראָן און פון יענעמס גאווה.

אָבער וואָס טוט זיך דאָ, איז טעאָדאָר באמת געשטאַנען און אַזוי אָפּגעענטפערט ראשן? דער אַדוואָקאַט איז זיך געגאַנגען זיין וועג און האָט זיך געהאַלטן אַזוי, פּונקט ווי דאָס געוועלב מיט אַלע זיינע מענטשן, קונדן, מיט גאַנץ זעגלפּאָס וואָלטן געווען אַ ווינקל פון זיין מלוכה, אַזוי וויבאַטיק האָט ער פון דאָרטן אַוועקגעשפּרייזט. אָבער ער האָט זיך געקאָנט שפּרייזן, וויפיל ער וויל; דער באָדן אונטער זיינע פיס איז נישט געווען אַזוי זיכער. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַלע מענטשן וואָלטן היינט עפּעס געוווסט פון אים.

דעטאָלט האָט טעאָדאָר עפּעס אַ זאָג געטון הינטער זיין רוקן, עפּעס וועגן די צוויי קראָן. הייסט עס, טעאָדאָר האָט נאָר די דאָזיקע קלייניקייט געוויסט וועגן אים, מער גאָרנישט! איצט האָט דער אַדוואָקאַט ווידער דערפילט אַ פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס, אָבער

טעאָדאָרקע האָט געוווּסט אַ סך מער; אַ קליינער און אַ געקרעגקטער און נקמה־גיריק איז ער געשטאַנען און ביטרע געשמייכלט הינטער דעם אַדוואָקאַט. ער וואָלט סיי־ווי־סיי גאָר נישט גערעדט הינטער אים וועגן נילסן פֿון וועלטאַ און וועגן פֿלאָרינעס שפּאָר־ביכל.

טעאָדאָר האָט זיך אומגעקערט אין זיין געוועלב, פּונקט ווי אַ הונט, וואָס האָט זיך אָן שום בושה אַרויסגעריסן און אָנגעבילט אויף אַ דורכגייער, ער האָט באַלד אָנגעהויבן פֿאַר זיינע קונדן זיך אַראָפּצורעדן פֿון האַרצן און געזאָגט, אַז ער האָט אויפֿגעשטעלט אַ ניי בערגל מיט אַ בלאַנקענדיקער פֿאָן, און איצט בויט ער אַ טעאַטער פֿאַר קינסטלער, וואָס וועלן דאָ שפּילן, שפּעטער וועט ער אַראָפּברענגען אַהער עפּעס אַ גוטן פֿאָטאָגראַפֿיסט, ער האָט זיך שוין אויף איינעם נאָכגעפֿרעגט, וואָס טוט אָבער אויף דער אַדוואָקאַט ראַש? ווייטער האָט ער געוואָלט אויפֿהענגען פֿאַר זיין קראָם אַ גרויסן שילד „מיטן נאָמען פֿון אונזער פֿירמע", דער וואָיאַזשאָר דידריקסען האָט אים צוגעזאָגט, אים צו באַזאָרגן אַ שילד מיט גאָלד און מיט אַ סך פֿאַרבן. ביים עולם קאָן עס אויסזען, ווי אַ קלייניקייט, אָבער עס איז דאָך וויכטיק, אַז זעגלפּאַס זאָל אויסזען, ווי אַנדערע שטעט. וואָס טוט אָבער אויף דער אַדוואָקאַט ראַש?

— נו, און די הייעריקע מאַי־גלעקלעך האָט איר שוין געזען? — האָט טעאָדאָר געפֿרעגט. — גיט אַ קוק דאָ און דאָרט, צען ערעם אַ שטיק. די הכנסה איז לטובת דער געמיינדע. איך האָב איבערגענומען דעם פֿאַרקויף, כדי מיר זאָלן זיך אַלע קאָנען איינקויפֿן מאַי־גלעקלעך און זיי טראָגן, ווי די מענטשן פֿון אַנדערע שטעט.

און אַזוי־ווי ער איז אַריין אין קוראַזש, האָט ער אַ געשריי געטאָן צום משרת קאָרנעליוס און צום צווייטן משרת אויפֿן קול:

— מאַכט אַן אָרט אין לאַגער, חברה! היינט אין אָוונט קומען אָן אונזערע פֿרילינגס־אַרטיקלען!

יוליוס דער האָטעל־אייגנטימער, וואָס פֿלעגט זיך אָפּטמאָל אַריינכאַפּן אין געוועלב אויף אַ קורצן שמועס, איז דאָ אויך געווען, ער האָט דערשנאַפּט אַ פֿאַרדינסטל, אַ געשעפֿט, און ער האָט זיך נישט געהאַלטן אַזוי גרויס און האָט זיך נישט געשעמט אויסצוציען די האַנט צו וואָס־עס־איז. יוליוס גרויס ביי זיך? ער האָט טאַקע נישט געהאַט קיין גאָט אין האַרצן, ער איז געווען געזונט און גראָב.

אָבער נישט געמיין, נישט פֿאַרדאָרבן, זיין טאַטע איז געווען דעמאָראַליזירט און האָט נישט געקאָנט אַרבעטן צוליב זיין פֿאַרוק. די מאַמע האָט זיך געמאַכט אַביסל לעבערלעך, ווייל זי האָט ווינטערצייט געטראָגן אַ מופֿקע, אָבער געפּלאָגט און געמאַטערט האָט זי זיך ווי פֿריער, כאָטש זי איז געווען ל. לאַסענס מאַמע. אָבער יוליוס האָט אויסגעקוקט אַ פֿאַרדינסטל, ווו ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, און דערצו האָט ער פֿאַרמאָגט אַפּאָר ידים! איצט האָט ער געזאָגט:

— קריגט איר, הייסט עס, אַסאַך סחורה היינט אין אָוונט?

— יאָ, עס קומען אַ הונדערט קאָלי פֿאַר אונזער פֿירמע. — האָט טעאָדאָר געענטפֿערט.

— איר דאַרפֿט האָבן מענטשן צו הילף?

— איך האָב שוין באַשטעלט מענטשן. — האָט טעאָדאָר קורץ געענטפֿערט.

יוליוס האָט נישט געוווּסט, אַז טעאָדאָר האָט דעם דאָזיקן טאָג פֿאַרלוירן צוויי קראָן צוליב זיין טאַטן, פּשוט אַרויסגעוואָרפֿן צוויי קראָן פֿאַר אַ מנוול, דאָס האָט יוליוס נישט געוווּסט. ער האָט געטראַכט נאָר וועגן דעם פֿאַרדינסט, וואָס האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פֿון די הענט.

— הונדערט קאָלי? -- איך גלויב עס נישט. — האָט ער געזאָגט.

אַפּאָר קונדן, וואָס זענען פֿריער געשטאַנען ביים וויין-טיש, האָבן איצט צוגעשטימט און געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— הונדערט קאָלי! אַך, דאָס איז נאָר באַרימעריי.

— לאָמיר זאָגן, עס וועלן זיין קאַסטנס, אַ צען קאַסטנס. — האָט יוליוס צוגעוואָרפֿן.

— איך האָב מיט דיר אַן עסק! — האָט טעאָדאָר בייז געזאָגט.

אָט דאָ איז געשטאַנען דער דאָזיקער יוליוס און גערעדט צו אים העזהדיק אין קעגנוואַרט פֿון אַסאַך מענטשן. פֿון דער צווייטער זייט האָט ער אים גאָרנישט געקאָנט טון, ער האָט דאָך אים נישט געקאָנט אַרויסוואַרפֿן הינטערן טיר. אָבער ער האָט געהאַט אַ מיאוס מויל.

— עס גייט אַריין זייער אַסאַך אין צען קאַסטנס. — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, — האָבן צוגעשטימט די אָנגעטרונקענע קונים. — מיר

וואָלטן געווען גליקלעך, ווען מיר האָבן צען קאַסטן, דעמאָלט וואָלט טעאָדאָר געקאָנט האָבן די איבעריקע ניינציק.

און זיי האָבן זיך צעלאַכט אויפן קויל.

— איר פאַרשטייט עס נישט! איך באַקום אַליין אַ גאַנצן קאַסטן פול מיט האָר-קעמלעך, — האָט טעאָדאָר געענטפערט און איז אַריין צו זיך אין קאַנטאָר, כדי מער נישט צו הערן.

— האָר-קעמלעך? וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט יוליוס געפרעגט? — שיטערע קעמלעך, געדיכטע קעמלעך?

דאָ האָט זיך דער משרת צעלאַכט אויף אַ קול.

— אוי, דו, יוליוס! ניין, דאָס זענען קעמלעך, וואָס מען שטעקט אַריין אין די האָר, האַלז-קעמלעך, וואָס זענען היינט זייער אין דער מאָדע. אין לאָנדאָן זעט מען שוין היינט קיינעם נישט אָן קיין קאַם, דאָס הייסט, זיי זענען נישט פאַר קיין אַלטע לייט, נאָר פאַר יונגע מיידלעך, און זיי מוזן האָבן ברוינע אָדער געלע קאַמען, לויט דער פאַרב פון זייערע האָר, מיר באַקומען זייער אַ גרויסן אויסוואַל.

— וואָס קאָסטן זיי? — האָט מען זיך פון ווייַן-טיש געפרעגט.

— דאָס וועט אַרויסווייזן דער חשבון, מיר האָבן נישט אויסגערעכנט.

אָבער ווען ס'איז געוואָרן אָונט, און די שיף פון דרום איז אָנגעקומען, איז זי געבליבן שטיין אַ ווײַלע, אַראָפּגעלאָדן אַביסל גאַנץ געוויינלעכע זאַכן און פּאַרטיק, זי האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן. די הונדערט קאָלי פאַרן געוועלב זענען נישט אָנגעקומען. אַ גרויסער עולם מענטשן האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן ברעג, דער עיקר יונגע לייט, וואָס האָבן אויסגעקוקט די פרילינגס-אַרטיקלען; זיי האָבן געלאַכט און געפלוידערט, כדי צו באַהאַלטן זייער אַנטוישונג. טעאָדאָר גופא מיט די שלייפן אויף זיינע שיך האָט אויסגעזען אַביסל נידערגעשלאָגן; אפשר האָט ער זיך אַליין אויך נישט גערעכנט יענעם אָונט אויף זיינע פרילינגס-אַרטיקלען, נאָר ער האָט סתם געוואָלט צווויסן געבן. דער חוצפהדיקער יונג האָט שוין לאַנג געוואָלט הנאה האָבן פון אַן אַלגעמיינער אויפרעגונג.

— ווו זענען די הונדערט קאָלי? — האָט יוליוס געפרעגט. — און ווו זענען די צען קאַסטן מיט די האָר-קעמלעך? — האָט ער פרעך געפרעגט.

אָבער עפּעס איז דאָך פאָרגעקומען דעם אָוונט: הער האָלמענגראַא איז געקומען צוריק. וווּ איז ער געווען און וואָס האָט ער אויפגעטון? ער איז געווען שטיל און געהיימניספול, נישט געשמייכלט און ווייניק גערעדט. עפּעס אַן ענדערונג איז אין אים פאָרגעקומען, דאָס האָט יעדערער באַמערקט. זיין אַנצוג איז געווען עלעגאַנט און ניי און אַרומגעניית מיט זייד, אָבער דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען הער האָלמענגראַאַס בליק. וואָס האָט ער פּלוצלינג גענומען קוקן קרום? עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַסאַך טעג געפאַסט.

ווען ער איז אַרויף אויפן ברעג, איז אַדוואָקאַט ראָש גע־שטאַנען דאָ מיט זיין פרוי. אַדוואָקאַט ראָש האָט געוואָלט ווייזן דעם עולם, אַז ער נעמט מיט זיין פרוי אויף אַ שפּאַציר, ווי אָפּט זיינע וויכטיקע געשעפטן דערלויבן עס אים. היינט איז ער געקומען צו־קריכן מיט איר צום ברעג, און עס איז נישט געווען נאַריש פון זיין זייט, ווייל עס איז היינט גראָד געווען אַ גרויסער עולם. ער האָט באַגריסט דעם הער האָלמענגראַאַ, אָבער יענער האָט אים נישט גע־ענטפערט, ער האָט נאָר לייכט אַראָפּגענומען דעם הוט — און גיט נאָר אַ קוק! אויפן מיטלסטן פינגער האָט ער געטראָגן אַ מערקווירדיקן גאָלדענעם רינג.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט.

דערויף האָט הער האָלמענגראַאַ נישט געגעבן קיין ענטפער, נאָר ער איז פאַרבייגעגאַנגען ראָשן מיט אַ קרומען בליק, ווי ער וואָלט דערזען לעבן אים עפּעס אַ מערקווירדיקע זאַך.

— דאָס איז געווען גאַנץ אומהיימלעך. — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט צו זיין ווייב. ער האָט עס געזאָגט אויפן קול, כדי זיך צו מאַכן וויכטיק און אויסצווזען, ווי ער וואָלט עפּעס נאָכגע־קלערט.

דער עולם אַרום האָט זיך צוגעהערט, און פרוי ראָש האָט אומשולדיק געפרעגט:

— וואָס איז געווען אומהיימלעך?

— דו האָסט געזען דעם רינג אויף זיין פינגער?

— אַ רינג?

דאָ האָט יוליוס געלאָזט הערן זיין שטים. יוליוס איז געווען

א בעל-העזהניק, וואָס האָט זיך נישט געשעמט צו שטעלן די אָדער יענע פראַגע. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב אויך געזען דעם רינג. וואָס איז דאָס געווען פאַר א רינג?

דער אדוואָקאַט האָט זיך געמאַכט שרעקלעך וויכטיק און האָט א קוק געטון אויף יוליוסן, צי ער וואַרט אויף זיין ענטפער. דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו זיין ווייב און געפרעגט:

— און זיין פאַרנעפּלטן קרומען בליק האָסטו באַמערקט? ער האָט געוויס א לאַנגע צייט געפּאַסט.

צו וואָס אָט די אַלע פראַגן? וואָס האָט דער אדוואָקאַט געמיינט דערמיט? ער האָט עס דאָך נישט גערעדט צוליב אָבער-גלויבן און, נאָך וויניקער, מחמת איראָניע. צי האָט ער עס אָבער געטון, כדי צו שטיצן הער האָלמענגראַא און אים אָנצוטון כבוד? אדוואָקאַט ראש האָט קיינעם קיין כבוד נישט אָפּגעגעבן, אויסער זיך אַליין. ער האָט גערעדט, כדי צו גלאַנצן, כדי זיך וויכטיק צו מאַכן, כדי אָנצוזאָגן אביסל שרעק אויפן אַלטן וואַגאַבונד לאַרס מאַנועלכען, כדי צו אימפּאָנירן דעם קרעמער טעאָדאָר, וואָס איז געשטאַנען אביסל ווייטער און זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט זיך נישט אומגעקוקט אויפן גאַנצן אדוואָקאַט.

— אָבער צי קאָנט איר אונז נישט זאָגן, וואָס פאַר א רינג דאָס איז געווען? — האָט יוליוס געפרעגט.

דער אדוואָקאַט האָט געענטפערט:

— פרעגט זיך בעסער נישט, יוליוס, ווייל עס שטייט איבער דיין השגה; דאָס איז געווען דער אמתער, ריכטיקער פריימויערער-רינג.

איצט וואָלט זיך דער אדוואָקאַט צום ליבסטן צוריקגעצויגן פון המון; אָבער זיין פרוי איז געווען אומפאָרזיכטיק און געזאָגט.

— דער פריימויערער-רינג? איז עס עפּעס אויסערגעוויינלעכעס?

און דער אדוואָקאַט האָט פייערלעך באַלערנט זיין ווייב:

— איך האָב עס נישט איינמאָל געהערט, קריסטינע, ביי מיינע עלטערן אין שטוב הענגט אויף דער וואַנט א פּאָרטרעט פון מיין מאַמעס זיידן, וואָס איז געווען א גאַנץ ראַל-אַגענט; ער האָלט אָט אַזוי

זיין רעכטע האַנט, און אויף זיין מיטלסטן פינגער שטעקט אַ רינג, אַ פּריימוויערער-רינג. איך ווייס בכן עפּעס וועגן דעם.

— אָבער וואָס פאַר אַ צוועק האָט דער דאָזיקער רינג? — האָט יוליוס געפרעגט.

אָ, דער פאַרשאָלטענער יוליוס, ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט האַלטן דאָס מויל!

דער אַדוואָקאַט האָט שוין מער נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם פאַר דער עפנטלעכקייט, ניין, ער האָט נישט געוואָלט; דערפאַר האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי און ער האָט געזאָגט:

הער האַלמענגראַאַ שטייט איצט אומגעפער אַזוי הויך, ווי הויך אַ שטערבלעכער קאָן נאָר שטיין.

און דאָס פאָר-פאָלק איז אַוועק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקער שמועס וועגן דעם, וואָס מען האָט געהערט. מען האָט אַרומגערעדט דעם רינג פון אַלע זייטן. מען האָט אָנגעקוקט דעם הער האַלמענגראַאַ מיט אַ ווייסטע נייגיריקייט און געשאָקלט מיט די קעפּ: יאָ, איצט האָט עס געווייס געהאַלטן ערנסט מיטן פּריימוויערער! ער איז געגאַנגען, פאַרזונקען אין זייער טיפע געדאַנקען, מיט קרומע בליקן, ווער ווייס, צי ער האָט נאָך בכלל געזען ערדישע זאַכן? דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָ אין דעם עפּעס אומהיימלעכעס, און לאַרס מאַנועלסען האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן:

— איך וועל שיקן אַ בריוו צו מיין זון לאַסען און זיך אָנפרעגן וועגן דעם.

אָבער איינער פון דעם עולם האָט אויסגעדריקט זיין ספק, צי אפילו לאַסען וועט עס וויסן, און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז קיינער ווייסט נישט גענוי, וואָס די פּריימוויערריי איז.

לאַרס מאַנועלסען האָט אַ שמייכל געטון — דאָס איז געווען דער איינציקער שמייכל, וואָס האָט זיך באַוויזן ביי דעם דאָזיקן ערנסטן עולם — און ער האָט געזאָגט:

— דאָס, וואָס לאַסען ווייסט נישט, ווייסט שוין קיינער נישט.

אַלע זענען געווען דורכגענומען, עס האָט אויסגעזען, ווי זיי

וואלטן געשטאנען פאר אן אייביקייט, פאר א רעטעניש, א פאלשע שבועה, אדער א בלוט-באזיגלטן אפמאך אויף לעבן און טויט.

V.

די סיורא האט זיך אויפגעבויט א נעסט, געלייגט אייער און זיי אויסגעזעסן; עס איז איצט געווען אן אמת פאמיליען-לעבן אויף די בעריאזע-שפיצן, און די עלטערן האבן אין זייערע היימען דערפילט זייערע פליכטן.

לארס מאנועלסען איז געגאנגען צו בערטעלן פון סאגוויקא. בערטל אליין איז געווען אין דער מיל, אבער די אלטע קאטרינע איז געווען אין דער היים און גענייט זעק. לארס מאנועלסען האט געפרעגט, צי ער קאן נעמען דעם לייטער.

יא, קאנסט נעמען, — האט קאטרינע געזאגט — אבער וואס ווילסטו טון אזוינס?

— איך וויל ארויפקריכן אויפן דאך און פאררייכטן מיין קוימען, האט לארס מאנועלסען געענטפערט.

ער האט אוועקגעטראגן דעם לייטער א היים, און אזוי ווי זיין ווייב איז געווען אין האטעל, איז ער געווען איינער אליין אין שטוב. דער לייטער איז געווען זייער שווער, און ער האט זיך מיט זיין טאשן-טיכל געווישט דעם פנים און דעם פארוק; א סראקע איז ארויסגעפליגן פון דער גרויסער נעבט פארביי אים, און באלד נאך איר איז ארויסגעקומען די צווייטע סראקע און אראפגעפליגן אויף דער ערד.

ער האט געוואלט א קוק טון, ווו עס זענען זיינע בריליאן, אבער ווען ער האט אריינגעקוקט אין זיין נעסט, האט ער דערזען די יונגע עופהלעך.

ווי עקלדיק ס'האבן אויסגעזען די דאזיקע נאקעטע ברואימלעך! זיי האבן נאך נישט געהאט קיין פעדערן, און זיי האבן אויסגעצויגן זייערע אומנאטירלעך-גרויסע שנאבלען, העכער נאך ווי די אלטע. זיי האבן זיך באלד צעשריגן, גענומען פישטשען, און לארס מאנועלסען האט נישט געקאנט פועלן ביי זיך זיי אנצונעמען און זיי ארויסצווארפן, אבער ער האט געוואלט די זאך מאכן גענוי, אראפנעמען

און אַראָפּוואַרפֿן די גאַנצע נעסט. זי איז געזעסן פֿעסט אויף אַ צווייג, און דאָס צענעמען זי איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט פֿאַר לאַרס מאַנועלסען. לסוף האָט ער דאָך אַרויסגעבראָכן אַ גרויסן שטיק, אומגעפֿער אַ העלפֿט, און עס אַראָפּגעוואָרפֿן אויף דער ערד. ער האָט אַ קוק געטון אויפֿן אָפּגעריסענעם שטיק, די צוויי סראָקעס זענען געזעסן אונטער אים. אָבער זיינע ברילן האָט לאַרס מאַנועלסען נישט געפֿונען; די עופֿהלעך האָבן געהויבן די שנאָבלען און האָבן געשריגן און זיך געריסן ווי קליינע שדים. לאַרס מאַנועלסען האָט מיט כּעס, אַראָפּגעריסן דעם צווייטן טייל נעסט און האָט עס אַראָפּגעוואָרפֿן מיט די איבעריקע עופֿהלעך און מיטן איבעריקן אינגעווייד, עס איז געבליבן ליגן אויף דער ערד.

די פּאָר סראָקעס זענען געזעסן אונטן און זיך צוגעקוקט.

לאַרס איז אַראָפּ פֿון לייטער און גענומען פֿונאַנדעררייסן די נעסט. שמאַטקעס, ביינער, שטיקלעך גלאָז, אַ גלאַנציק שטיקל ניקל, וואָס איז דאָס? די ברילן האָט ער נישט געפֿונען, דערפֿאַר אָבער האָט ער געפֿונען אַ הויפֿן ריינע וואָל, און נאָך אַ גאַנץ גוטע מעשענע קאַם. לאַרס מאַנועלסען האָט ביידע זאַכן אַריינגעשטעקט צו זיך אין קעשענע, עס איז נאָך געבליבן ליגן דאָס שטיקל ניקל; לאַרס מאַנועלסען האָט עס גענויער באַטראַכט און אַ קלער געטון:

— דאָס איז געווים דער קליינער שליסל. וואָס האָלמענגראַאַס פֿרוי אירגענס האָט אָנגעווירן! דעם גאַנצן ווינטער האָט זי אַלעמען אויסגעפֿרעגט וועגן דעם שליסל, און לסוף איז ער גאָר דאָ!

לאַרס מאַנועלסען האָט פֿאָרזיכטיק אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין קעשענע און ווידער געזוכט אין נעסט, ניין, מער האָט ער גאָרנישט געפֿונען. די אונטערנעמונג האָט ער פֿאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט צעטרעטן די יונגע עופֿהלעך איינס נאָכן צווייטן, און אויף אַזאַ אופֿן אויסגעראָטן דעם קיום פֿון די סראָקעס, די סראָקעס זענען געזעסן דערביי און זיך צוגעקוקט.

ווען לאַרס מאַנועלסען האָט געבראַכט דעם לייטער קיין סאַגוויקאַ און האָט געדאַנקט, האָט די אַלטע קאַטרינע געזאָגט:

— נישטאָ פֿאַרוואָס. דיין קוימען איז שוין איצט אין אָרדנונג?

— יאָ, האָט לאַרס מאַנועלסען געענטפֿערט.

ער איז אַוועק אַהיים און אָפּגעוואָרפֿן די נעסט אָן אַ זייט.

דערנאך האט ער זיך געלאזט גיין צום האטעל. דער האטעל איז געווען זיין צווייטע היים; זיין ווייב האט דארט געקאכט עסן, און ער אליין האט געטראגן די פעק פון די געסט. יוליוס איז געווען פאר זיין מאמען א מין פארזארגער, און דערפאר האט זי געארבעט פאר אים; דער טאטע האט געלעבט פון טרינק-געלט.

יוליוס איז געווען נישט קיין שלעכטער געשעפטסמאן. ער האט זייער שוואך געלייענט און געשריבן פאר זיין אייגענעם געברויך מיט פארשידענע סימנים; אבער ער האט געהאט שכל און אן אויסער-געוויינלעך גוטן זכרון; די האטעל-חשבונות האט ער צו יעדער צייט געדענקט זייער גענוי, איז עס נישט ממש א כישוף, וואס דעם דאזיקן האטעל האט ער געשאפן מיט ליידיקע הענט? נאטירלעך, האט ער אין אנהויב געמוזט נעמען א גמילת-חסד. ביי דער זעגלפאסער ליי-און-שפאר-קאסע, ווי אלע אין יענער צייט, אבער דאס געלט האט ער פארטון נישט אויף קיין פוץ אדער פיינע קליידער, נאר אויף זיין הויז, אויף בוי-מאטעריאל און איינריכטונג; ער האט, וואס אן אמת, נישט באקומען די קליינע פוילינע פון זעגלפאסער הויף, וואס וואלט אזוי גוט געפאסט פארן האטעל; ניין, ער האט זי נישט באקומען, דאס נארישע מיידל האט אים נישט ליב געהאט, אבער בכלל האט יוליוס באמת געהאט מזל. ווען דאס ערשטע הויז האט אפגעברענט — ער האט עס פיין און גליקלעך אפגעטון — האט ער דערביי גאר-נישט פארלוירן. אהא! ער האט אפילו פארדינט דערביי, דאס איז געווען א גוט געשעפט. יוליוס האט באקומען א ניי הויז און דערצו א נייע איינריכטונג מיט רווח, ווייל פריער האט ער געהאט בלויז צוויי בעטן, אבער איצטער זעקס, די שרפה איז באמת געווען א גליק, א גליק פון א חזיר.

און אין הארבסט זענען אנגעקומען די ערשטע געשעפטס-רייזנדע. דער ערשטער איז אנגעקומען מיט דער פאסט-שיף און איז אריין אין געוועלב מיט זיין פעלץ אויפן ארעם און א קופערל מיט מוסטערן אין דער האנט. שפעטער איז געקומען א צווייטער, וואס האט נאך מער אויסגעזען ווי א געשעפטס-רייזנדער; ער האט אין דער האנט געטראגן א קופער מיט מוסטערן, און יוליוס איז צו אים צו-געגאנגען און צוגענומען ביי אים דעם קופער. נאר ס'האט נישט לאנג געדויערט, און עס האבן אנגעהויבן צו קומען גרויסע געשעפטס-

דייזנדער מיט אייזן-באַשלאָגענע קופערס, און זיי האָבן נישט געקאָנט אויספּאַקן די סחורה אין געוועלב, מען האָט געמוזט קומען צו זיי אין האָטעל, אין גרויסן זאַל. פון דעמאָלט אָן איז יוליוס געוואָרן אַן אמתער האָטעל-אייגנטימער. ער האָט זיין טאַטן געמאַכט פאַרן געפּעק-טרעגער און זיך אַליין פאַר'ן אַדמיניסטראַטאָר. אָבער אין די טויטע חדשים, אין מיטן זומער און אין מיטן ווינטער, האָט זיך יוליוספאַרנומען מיט אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט, און ער איז געווען דערביי אייפעריק, ווי אַ ראָב, בעת קיין אַנדערע פאַרדינסטן זענען נישט געווען. יאָ, ער האָט אַפילו צוגעהאָלפן טעאָדאָרן ביים טריקענען פיש.

אָבער בכלל איז יוליוסן געגאַנגען זייער גוט און אויך די איבעריקע קינדער פון לארס מאַנועלסען איז געגאַנגען זייער גוט. דאַוועדראַנאַ האָט געהאַט איר אייגן הויז און אַ זיכערע פּרנסה; ווען אין האָטעל זענען געווען אַסאַך געסט האָט זי אויך צוגעהאָלפן. דריי אַנדערע קינדער זענען געווען פאַרזאָרגט אין אַנדערע שטעט, אַ שוועסטער האָט חתונה געהאַט אין טראָנטהיים, אַ ברודער האָט דער פּאַסטאָר לאַסען געמאַכט פאַר אַ לייכט-טורם-וועכטער און נאָך אַ ברודער האָט ער אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע. אָרום און אַרום האָט, הייסט עס, דער ברודער לאַסען געטון זיין חוב לגבי זיין פאַמיליע, און ער גופא איז געווען אַ גרויסער מענטש, וואָס האָט באמת געקאָנט עפּעס אויפטון. ווער וואָלט עס געקאָנט לייקענען! אָבער ער האָט נישט געטון מער, ווי זיין פליכט. אַזוי, למשל, האָט זיך יוליוס געוואָלט אויף אַ ביליקן אופן איינשאַפן אַ שילד פאַר זיין האָטעל. קאָרנעליוס האָט געוואָלט אומזיסט אויסמאָלן דעם נאָמען מיט דרוק-שריפט אויף אַ בלעך, און יוליוס האָט געשריבן צו זיין ברודער און אָנגעפרעגט, צי ער קאָן אויסמאָלן אויפן שילד דעם נאָמען לאַסען. אָבער דאָס איז נישט געגאַנגען. ווי מען האָט געקאָנט פאָרויסזען, האָט פּאַסטאָר לאַסען לחלוטין נישט געוואָלט שטעלן זיין נאָמען אויף אַ שילד פון אַן האָטעל.

„שטעל אַוועק דעם נאָמען לאַרסען, און איך וועל זיכער פאַרפאָרן צו דיר, ווען איך וועל אַמאָל קומען קיין צפון!"

ווייטער האָט ער געשריבן, צי הער האָלמענגראַאַ טרייבט נאָך זיין גרויסע מיל און איז נאָך אַלץ דער זעלבער עושר, ווי אַמאָל.

אין לסוף האט ער נאך געשריבן וועגן מאריאנען, אז ער האט זי אפאר מאל צופעליק געטראפן אין קריסטיאניא און אז זי איז געווארן זייער שיין.

„גרים איר פון מיינטוועגן!"

— לארס מאכט זיך לעבערלעך! — האט יוליוס מיט פאראכטונג געלאכט.

אבער דער טאטע, וואס איז גראד געווען דערביי, האט זיך גענומען זידלען, און געזאגט, אז לאסען איז נישט דער מענטש, פון וועלכן מען קאן לאכן.

— זאל ער גיין צו אלדע רוחות! — האט יוליוס געזאגט. — שטייט נאך עפעס אין בריוו?

דאווערדאנא, וואס איז געבראכט געווארן, כדי אים פארצולייענען דעם בריוו, האט איבערגעלייענט דעם סוף:

„פארגעס נישט ברודער יוליוס: די רייזנדע לאזן אפט מאל איבער ביכער אין די האטעלן, אדער זיי ווארפן זיי אוועק נאכן איבער־לייענען; קלויב אויף אזעלכע ביכער, אויב דו וועסט געפינען, זיי אזוי גוט און שיק זיי מיר צו, כדי זיי זאלן פארבלייבן אין מיין ביבליאטעק און נישט זיין פארמשפט צום אונטערגאנג."

— יא יא, לארס מיט זיינע ביכער! — האט די מאמע געמורמלט שאקלענדיק מיטן קאפ.

— יא, איך וועל עס טאקע באלד טון! — האט יוליוס מיט חוזק געזאגט. — ער שרייבט נישט, וואס ער וועט מיר באצאלן דערפאר.

— דו מעגסט זיך שעמען, אלס א גוטער קריסט. — האט אויסגערופן לארס מאנועלסען, אונטן אין זאל ליגן גראד צוויי ביכער, און איך וועל זיי טאקע באלד ברענגען.

— לאסען קאן מיך נאך באגנבענען. — האט יוליוס ער־קלערט.

לארס מאנועלסען איז געקומען צוריק מיט די ביכער און געזאגט:

— אויב דו ווילסט זיי נישט נעמען פאר לאסענען, וועל איך עס טון.

דאווערדאנא האט איבערגעלייענט די טיטלען: „די מארד־שרפה

אין טעטערוויק״, „דער בלוטיקער הונט אויף דער רייזע״, און האָט געזאָגט:

— גיט עס מיר!

— דאָס וועלן זיין צוויי גוטע ביבער, ווען איך וועל זיי לאָזן איינבינדן. — האָט יוליוס געזאָגט, כּדי צו צוערדן דעם טאַטן. — איך גיב זיי נישט אַוועק פאַר קיין צוויי קראָן. די קאָנסט עס צוויישן געבן לאַטענען, טאַטע.

אָבער פּלוצלינג האָט ער אויפגעהערט צו חוזקן, דורכן פענ־סטער האָט ער דערזען דעם אָנקומענדיקן וואָיט.

יוליוס איז נישט געווען אַזאַ צדיק, ווי ער האָט זיך געמאַכט, און ער האָט דעם וואָיט נישט גערן אויפגענומען ביי זיך אין האָטעל. יוליוס איז בנוגע אַלע מענטשן געווען אומפאַרשעמט, נאָר דווקא דעמאָלט, ווען ער האָט געוואָלט אויסזען האַרציק, פלעגט ער ווערן פריינדלעך און מאַכן אַ פאַרדאגהט פּנים. אַזוי איז ער שוין געווען פון די קינדער־יאָרן אָן. דער וואָיט איז אַריינגעקומען, ער האָט געטראָגן זיין היטל מיטן גאָלדענעם פּאַס, און איבערן אַקסל זיין אַמט־זעקל.

— גוטמאָרגן! — האָט ער געזאָגט.

קיין רויקערער מענטש פון אים איז גאָרנישט געווען. ער איז שוין דאָ אַמאָל געווען, ווען לאַרס מאַנועלסען האָט גע־דאַרפט אָפּגעבן זיין חוב, אָדער ווען לאַרס מאַנועלסען איז באַ־שולדיקט געוואָרן אין דער גנבה פון אַ שעפּס. אָבער שטענדיק האָט ער ביים אַריינקומען געזאָגט „גוט מאָרגן״ און ביים אַוועקגיין „זייט געזונט״. ער איז געקומען צו יוליוסן וועגן עפּעס אַ פאַלשן בייט צווישן זיין זייגער מיט האַסלאַקס; האַסלאַק פון דער מיל האָט פאַר־לאַנגט, יוליוס זאָל אים אַלס שטראָף צוריק אָפּגעבן דעם זייגער. אָבער דער וואָיט האָט דורכגעפירט דעם בייט פון די זייגערס און ביידע מענער האָבן זיך איבערגעבעטן. יאָ, אָט אַזאַ איז ער געווען, דער דאָזיקער וואָיט פון אורא.

ער האָט זיך געזעצט און געשמועסט מיט די שטוב־לייט וועגן פאַרשידענע זאַכן; ערשט נאָכדעם איז ער אַרוים מיטן געשעפט־לעכן ענין.

— איך קים וועגן דעם חשבון פון דער ליציטאַציע, — האָט ער געזאָגט — אָבער איך ווייס נישט, צי עס פּאַסט פאַר דיר.

יוליוס איז געווען אַ בייזער מענטש, ער האָט קיין גוטסקייט נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אַזוי ווי דאָ האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן אַ פאַרפאַלענעם חשבון פון אַ ליציטאַציע, איז ער געוואָרן פרעך און חוצפּהדיק.

— צוליב דעם האָט זיך נישט געלוינט מטריח צו זיין אַהער. — האָט ער געענטפערט. — איך וואָלט געקומען אין אמת און וואָלט געבראַכט דאָס געלט.

— איך האָב געהאַט דאָ־נישט־ווייט עפּעס צו באַזאָרגן.

— אָבער היינט האָב איך קיין געלט נישט ביי זיך. — האָט יוליוס געזאָגט. — איך וועל עס ברענגען די נאָענטסטע טעג.

— אָבער די באַנק וויל עס האָבן דווקא איצט. — האָט דער וואַיט געטענהט. — דער אַדוואָקאַט האָט מיר געשיקט אַ פרישע מאָנונג.

יוליוס איז געוואָרן נאָך חוצפּהדיקער, נאָך פרעכער און געזאָגט:

— וויפיל באַטרעפט עס דאָרטן? עס לוינט זיך נישט מטריח צו זיין, אַגב, וואָלט איך געוואָלט וויסן, צי אַלע אַנדערע האָבן שוין באַצאָלט.

— ניין, — האָט דער וואַיט געענטפערט. — ס׳רוב ענטפערט מען אַזוי, ווי דו, אַז מ׳וועט קומען שפּעטער.

— איך וועל זען צו קומען נאָך היינט אין אָוונט, — האָט יוליוס דערקלערט — איך וועל מיר ערגעץ באָרגן אַפּאָר גראָשן.

ווען דער וואַיט איז מיט מזל אַרויס אין דרויסן, האָט זיך יוליוס אָפּגעשאָקלט און האָט זיך ווידער דערפילט גוט.

— ער... ניין, וואָס גייט ער מיך אָן! די שיפער טראָגן אויך אַזעלכע גאָלדענע פאַסן אויף די היטלען.

— דו האָסט אים נישט געדאַרפט צוזאָגן קיין געלט אויף היינט אין אָוונט, — איז די מאַמע געווען אויסער זיך — ווו וועסטו עס געמען?

יוליוס האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. דערפאַר אָבער האָט ער אַנטוויקלט אַ געדאַנק, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין.

— איך וויל קויפן זעקס קליינע שטאַנט־קענדלעך, כּדי יעדער גאַסט זאָל קאָנען האָבן זיין אייגנס. ווען זיי נעמען אַלע פון איין טעפּל, נעמט זיך דער ערשטער אַראָפּ ביז די מילך, און ווען ס'קומט דער צווייטער, קלאַפּט ער פּשוט אין טיש און פאַרלאַנגט מער שמאַנט. ניין, דאָס בין איך דיר מוחל!

— יאָ, אַזוי איז עס. — האָט די מאַמע צוגעשטימט.

— אָבער לענגער וועט אַזוי נישט זיין, — האָט יוליוס געזאָגט, און די ביכער, ווו זענען אַהינגעקומען די ביכער, דאַווערדאַנאַ?

דער טאַטע האָט זיי ערגעץ אַוועקגעלייגט; יוליוס האָט זיי אויפגעזוכט און זיי מער פון די הענט נישט אַרויסגעלייגט. און אָט פילט זיך יוליוס אַזוי גוט, אַז ער וויל זיך נאָר אַ ביסל רייצן מיטן טאַטן.

— ווען זיי וועלן זיין געבונדן, קאָן זיי לאַרס ביי מיר אָפּקויפן, — האָט ער געזאָגט.

— דו ביזט אַ געמיינער יונג. — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט.

— הע, הע! וואָס גייט עס מיך אָן! זאָל ער זיך נישט דערוועגן עס אָנצורירן. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר ער קומט מיר שטענדיק אויס זייער נאַריש.

— ווער איז נאַריש?

— לאַרס! יאָ, איך מענה עס פעסט. וואָס מיינסטו, טאַטע?

— אָך, דו האָסט נאָר אַ גרויס מויל.

— הע הע־הע! יאָ, דו וועסט אפשר באַלד גיין צו אים און עס אים איבערגעבן? דאָס איז פּשוט נישט צו גלויבן, לאַרס טראַכט באמת וועגן אַ פּאָר נאַרישע ביכער, וואָס די רייזנדע וואַרפן אַוועק אין ווינקל פון אויוון און לאָזן זיי ליגן! איז עס נישט גרויסאַרטיק?

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דאַווערדאַנאַ.

— טאָ זאָל אפשר פּולינאַ באַקומען די ביכער?

— פּולינע? און אַז טאַקע יאָ?

— דו, לאָז עס בעסער צורו! זי וויל נישט וויסן פון דיר.

דאָס האָט אים געטראָפן; יוליוס איז אַרויס פון די כּלים.

— איך האָב איר אין דער ערד, פּולינע! אַלע ווייבער טויגן צו אַלדי רוחות! דו מיינסט, אַז כ'האָב מיט זיי אַ דאגה! אָבער די ביכער קריגסטו נישט, דאַווערדאַנאַ.

— יאָ, איך וויל זיי גאָרנישט.

— דו וועסט זיי קיינמאָל נישט קריגן. — האָט פאַרזיכערט יוליוס.

— נו, יאָ, דו ביסט עפּעס היינט פאַרריסן ביי זיך! אָבער דו וועסט מיך נאָך ווידער דאַרפן.

— ניין, איך דאַרף דיך נישט, צו וואָס דאַרף איך דיך דען? איך וועל מיר אַראָפּברענגען אַ באַלעבאָסטע פון שטאָט, וואָס וועט מיר אַלץ באַזאָרגן. וואָס מיינסטו וועגן דעם מאַמע? דעמאָלט מעגסטו שוין זיצן אין דער היים.

די מאַמע האָט גענומען וויינען.

— יאָ, יאָ, דער אויבערשטער האָט מיך ביז היינט נישט פאַר־לאָזן, וועט ער מיך ווייטער אויך נישט פאַרלאָזן. — האָט זי גע־שלוכצט.

— גאַנץ ריכטיק. — האָט זיך אָנגערופן לאַרס מאַנועלסען.

— דער אויבערשטער וועט אונז ווייטער אויך נישט פאַרלאָזן, ווי ביז איצט.

— יאָ, און לאַרס! — האָט זיך יוליוס געריסן. — דער גרויסער לאַטען! — האָט ער זיך געריסן.

דאָ האָט זיך לאַרס מאַנועלסען מיט צאָרן אַ הויב געטון פון אָרט און געזאָגט מיט באַטאָנונג:

— מיין פוס וועט מער נישט קומען צו דיר אין שטוב, דו קאָנסט זיין זיכער אין דעם. מיין זון לאַטען איז אַ הייליקער מאַן, אָבער דו, — איך שעם זיך מיט דיר פאַר גאָט און פאַר לייט. דו זאָלסט נאָר זיין אַזוי זיכער אין עולם הבא, ווי ער.

— וואָס האָט ער דיר געשיקט? — האָט יוליוס געפרעגט. — איר וואָלט שוין ביידע געהאַט אויסגעצויגן די פיס, ווען נישט איך.

די מאַמע האָט געוויינט, לאַרס מאַנועלסען איז געשטאַנען מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע. אַך, וואָס! דאָס איז געווען איינע פון יענע מחלוקתן, וואָס האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיט שלום. דאַווערדאַנאַ איז געווען באַליידיקט, צוליב דער נייער באַלע־באָסטע.

— אַזוי, דו ווילסט זיך ברענגען פון שטאָט אַ ווירטין?

— און ווען איך טו עס טאַקע ?

— און זעקס שטאַנס-קענדלער, דו ווערסט אַלץ גרויסאַרטיקער.

— זעקס שטאַנס-קענדלער. — האָט צוגעשטימט יוליוס. — איך וועל זיי נאָך היינט אין אָוונט קויפן.

— אָבער דו ווייסט דאָך נישט קאָנען באַצאָלן דעם וואָיט !

— שטעק נישט אומעטום אריין דיין נאָז, דו הערסט ? — האָט אויסגערופן יוליוס. — איך וועל נישט קאָנען באַצאָלן דעם וואָיט ? ער האָט נאָר געדאַרפט ארויסנעמען דעם חשבון, וואָלט איך אים באַלד אויפן אָרט באַצאָלט.

דאַווערדאַנאַ האָט זיך צעלאַכט, און ביידע אַלטע האָבן אויך געלאַכט. יוליוס האָט אריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, ארויסגעשלעפט אַ קאָנווערט און פון דאָרטן ארויסגענומען באַנקנאָטן, אַ מטמון מיט געלט. באַרימעריש האָט ער געוואָרפן יעדן באַנקנאָט אויפן טיש, אַז ס'האָט ממש געקנאַקט, און ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דעם לעצטן באַנקנאָט, האָט ער ווי אַ דונער אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט.

— נו, וואָס זאָגט איר איצט ? איך וואָלט געקאָנט באַצאָלן דעם וואָיט ?

זיינע אויגן זענען ארויסגעלאָפן פון איינעם צום אַנדערן, אַלע זענען געבליבן אָן לשון. דער פאַרשאָלטענער יוליוס, ער האָט אָנגעשאַרט געלד, געטראָגן עס אויף דער ברוסט און איז געווען רייך ! דאַווערדאַנאַ האָט זיך געמאַכט, ווי דאָס געלט וואָלט גאָרנישט באַטראָפן אַזוי פיל, זי האָט עס געגעבן אָנצוהערן און געזאָגט:

— אָך, דו מיינסט, אַז איך ווער נתפּעל פון די דאָזיקע באַנקנאָטן ? איך האָב שוין געזען אַמאָל דריי טויזנט.

דער טאַטע האָט אָבער אַראָפּגעלאָזן פון מאָן.

— זאָלסט גאָרנישט רעדן אויף יוליוסן, דאַווערדאַנאַ, איך וויל עס נישט הערן. אויף יוליוסן איז זיך נישטאָ וואָס צו באַקלאָגן, איך האָב עס שטענדיק געזאָגט, און דיין מאַמע ווייסט עס אויך. און אויב דו האָסט אַזוי פיל געלט, יוליוס, דאַרפסטו נישט לאָזן דיין אַלטן טאַטן פאַרשוואַרצט ווערן, דאָס איז אַן עוולה פון דיר.

— פאַרשוואַרצט ווערן ? שרייב צו לאַרסן ! — האָט יוליוס געענטפערט.

— אָך, אַ קראָן אָדער צוויי, יוליוס, וועסט דאָך דערפון אָרעמער נישט ווערן.

— אפילו קיין פרוטה נישט! שרייבּ צו לאַרסן.

— לאָז אים אָפּ מיט זיינע באַנקנאָטן! — האָט אויסגערופן דאַווערדאַנאַ און איז אויפגעשטאַנען זייער אויפגערעגט. — עס רוט אויף זיי קיין ברכה נישט.

ביים אַרויסגיין האָט זי נאָך אַ רוף געטון צו יוליוסן איבערן אַקסל:

— זאָל דיר נישט איינפאַלן, אַז איך וועל ווידער קומען אַהער!

אָבער נאַטירלעך, האָט לאַנג נישט געדויערט, און יוליוס האָט ווידער געשיקט נאָך דאַווערדאַנאַ, און דאַווערדאַנאַ איז ווידער געקומען. אין פלוג האָבן זיי געלעבט נישט שלעכט צווישן זיך, די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אויף איר אופן געהאַלטן צוזאַמען, און יוליוס אָפּשר מער פון אַלע. אַנדערע האָבן עס אויך געטון. צי האָט זיך יוליוס פריער אַרויסגעוויזן פאַר אַ קליגערן? ער האָט געהאַט חובות אין געוועלב, ער איז שולדיק געווען דעם וואַיט, — האָט ער אָפּשר געדאַרפט אָפּצאָלן זיינע חובות און זיך אינגאַנצן אוסבייטלען, רוינירן? אַהאַ! יוליוס האָט געוווּסט, וואָס ער טוט, ער האָט געהאַט דערביי זיינע כוונות: די שטייערן. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, מען זאָל אים וואָס-מעגלעך אָרעמער שאַצן. דאָס האָט פאַרשטאַנען די גאַנצע פאַמיליע, וואָס האָט אַ דאַנק דעם געמאַכט אַ לעבן. שטייערן, וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש?

— קיינמאָל האָט מען נאָך נישט אַרויסגעפּרעסט קיין געלט פון דעם אָרעמאַנס מאַרך און ביינער, אַזוי ווי איצט. — האָט יוליוס געזאָגט.

שטייערן זענען געווען פאַר די רייכע, פאַר די פּריצים; אָבער זינט זעגלפאַס איז געוואָרן אַ זעלבּסשטענדיקע פּאַראַפיע, האָבן די שטייערן קיין שיעור נישט געהאַט. ער האָט געוואָלט העלפן אויסראָטן די הערן, יאָ, ער וואָלט אַליין דער ערשטער געשאָסן צו זיי.

לאַרס מאַנועלסען האָט געהאַלטן מיט זיין זון; ביים איצטיקן מאָמענט האָט ער קיין אַנדער מיינונג נישט געקאָנט האָבן, וויילגראַד זענען געווען די טויטע חדשים, אָן טרינק-געלד אין די

קעשענעס, און ס׳איז געווען זייער גוט, וואָס די קיך און האָטעל־לאַרסען איז געשטאַנען פֿאַר אים אָפֿן, אַט אַזוי האָט יוליוס שטענדיק אויסגעפֿירט, און דער טאַטע מיטן זון זענען געווען די בעסטע גוטע־פֿריינט.

אַ חברה־מאַן, דער דאָזיקער יוליוס, ער האָט געקאָנט אַסאַך מענטשן, וואָס האָבן זיך באַרימט מיט זייער געלט, אָבער יוליוס, וואָס איז דערצו געשטאַנען אין שידוכים, ער האָט עס באַהאַלטן אין זיין קעשענע, און מיט זיין גרויסן פֿאַרשטאַנד האָט ער געוווּסט אָנצומאַכן דאָ און דאָרט חובות. אַט וואָלט ער, אײַגנטלעך, געקאָנט האָבן אַ פּלאַג אויפֿן האָטעל, דער ברעג, ווו די שיפֿן שטעלן זיך אָפּ, האָט געהאַט זיין פֿאָן, דאָס געוועלב האָט געהאַט זיין פֿאָן, די זעגלפֿאָסער צייטונג האָט געהאַט אַ פֿאָן, אָבער צי האָט יוליוס געהאַט געלט דערויף?

יאָ, ער איז געווען אַ פּחדן און אַ נעבעכל, אָבער אַ דורכגע־טריבענער יונג!

אָבער דער וואָיט פֿון אורא, וואָס האָט קיין געלט נישט באַקומען? אָ, דאָס איז געווען זיין אייגענע שולד, ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען זעגלפֿאָס, מ׳האָט געמוזט דעם עולם ווייזן די נעגל, אָבער דאָס איז דעם וואָיט נישט איינגעפֿאַלן. אַזאַ מענטשן, ווי אַדוואָקאַט ראַש, איז נישט לייכט געווען אַ דורכצודרינגען. באַצאָלט דעם חשבון פֿאַר דער ליציטאַציע — גוט; אָבער אויב יענער האָט קיין געלט נישט? דער וואָיט און זיין ווייב זענען אַפֿילו געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויפֿן אַדוואָקאַטס חתונה, זענען זיי דאָך, משמעות, היימישע מענטשן, גוטע־פֿריינט? ווי די צייטן האָבן עס געענדערט די מענטשן! שכנים האָבן זיך אַרומגעריסן צוליב אַ שטיקל ברעג, די אַרבעטער פֿון דער מיל האָבן איינער אויפֿן אַנדערן אָנגערעדט פֿאַרן וואָיט און פֿאַרמסרט די אָנפֿאַלן און מעסער־שטעכערייען בעת די טענץ; אַ בחור, וואָס האָט ווייט אין די פֿרייע ברעג געשאָסן שניי־הינער, איז אויסגעגעבן געוואָרן דערפֿאַר, וואָס ער איז געגאַנגען אויף געיעג אָן דערלויבעניש, אַלץ האָט זיך געענדערט. און איצט איז דער וואָיט אַליין אין געפֿאַר. ווען ער איז לעצטנס געווען ביים אַדוואָקאַט ראַש, האָט ער נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין גאַנץ גענייען

חשבון און ער האָט זיך אַליין געפונען אין אַ סכנה. קאָן מען דען פאַרשטיין אַזאַ זאַך?

דער וואָיט פון אורא האָט, ליידער, אָפגענומען דעם גרעסטן טייל חובות פון דער באַנק און דאָס געלט אַליין פאַרנוצט, יעדנפאַלס איז געווען זיכער, אַז ער איז הינטערשטעליק, מען האָט אים שוין פריער נישט איינמאָל אויפגעפאָדערט אָפצונעמען דאָס געלט. נאָר אַזוי ווי ער האָט קיין נעגל נישט געהאַט, האָט ער גאָרנישט באַקומען. דאָס אַרומגיין אין זיין קרייז, ווי אַ געוויינלעכער אינקאַסענט, האָט אים געבראַכט נאָר אַנטוישונגען. עס איז אים געווען טרויעריק. ער האָט געהאַט אַ גוט-אויסגעפיטערטן אָקס, און עס איז געווען אַ שאָד אים אַוועקצוגעבן איצט, פאַרן זומער; אָבער הער האָלמענגראַאַ וועט אים אפשר קויפן, ער איז שטענדיק גרייט געווען מיט עפּעס אַרויסצוהעלפן, די פאָר הונדערט קראָן וועלן זיין פאַר אים אַן אמתע ישועה. דער וואָיט האָט אויך פאַרמאָגט אַ פראַכטפול פערד, ער האָט זיך געקאָנט באַנוגנען מיט אַ ביליקערן.

— איר זענט היינט אַזוי קאַרג אין ווערטער און פאַרדאגהט, הער וואָיט — האָט פריילין מאַריאַנע געזאָגט צו אים אין שפּאַס, — וואָס האָב איך אייך אַזוינס געטון?

-- נאָר גוטס, היינט אַזוי ווי שטענדיק. — האָט דער וואָיט געענטפערט.

— ניין, אַזוי ביטער אויפגעבראַכט האָב איך אייך נאָך קיינמאָל נישט געזען, הגם איך האָב זיך פון פריינטשאַפט צו אייך קיינמאָל נישט אָפגעזאָגט. — האָט זיך מאַריאַנע מיט אים גערייצט.

דערויף האָט דער וואָיט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר אַ שמייכל געטון און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אירע המצאות.

דערנאָך האָבן זיי גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, און מאַריאַנע איז ווייטער געווען אויפגעלייגט צו שפּאַסן.

— אינגיכן וועט קומען דער יונגער ווילאַץ, וועל איך אים שוין זאָגן, אַז ער זאָל זיך אויף אייך נישט פאַרלאָזן. — האָט דער וואָיט פון זיין זייט געזאָגט.

— זאָל אייך נאָר איינפאַלן דאָס צו טון! — האָט געדראָט מאַריאַנע. — איר ווילט מיר צונעמען דעם איינציקן, וועלכן איך קאָן באַקומען?

— עס וועט נאָך הײ־יאָר עפּעס ווערן דערפון ? — האָט דער וואָיט געשפּאָסט.

— דאָס ווייס איך נישט. — האָט זי געענטפערט. — אַגב, ליגט אייך אין קאָפּ די חתונה, ווייל איר וועט קאָנען זיצן אַ גאַנצע נאַכט און רויכערן און טרינקען, כאַ־כאַ־כאַ, ליידיק גייער זענט איר, איר און מיין טאַטע.

— קאָן איך רעדן מיט אייער פאָטער ?

— כדי איר זאָלט קאָנען אויספּויקן אַלץ, וואָס איך האָב אייך געזאָגט ? איבעריקנס, פאַרדריסט מיך אויפן טאַטן, מער ווי אויף אייך; ער האָט, מסתמא, חתונה געהאַט אין שטאָט, ווייל ער איז געקומען אַהיים מיט אַ רינג אויפן פינגער.

— כ'האָב עס געהערט.

— מיט אַ קאָמישן רינג, ווו עס זיצט נישט אַפילו אַ שטיין. איך האָב אים באַלד געזאָגט, אַז איך וועל אים נישט טוישן אויף קיין איינעם פון מיינע פינגערלעך.

— פרײלין מאַריאַנע, ווי מיינט איר, איך וואָלט געקאָנט רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט פרוי אירגענס ?

זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרחידושט און געפרעגט:

— וועגן וואָס גייט דאָ ?

— אָך, עס גייט וועגן דעם. — האָט ער געענטפערט. — ניין, ס'איז גאָרנישט. כ'האָב נאָר געוואָלט פאַרקויפן אַן אָקס.

מאַריאַנע האָט נאָכגעקלערט. זי האָט געזען, ווי דער אַלטער מאַן שמייכלט, אָבער קיין צוטרוי האָט זי צו דעם דאָזיקן שמייכל נישט געהאַט. אָ, מאַריאַנע איז שוין נישט געווען קיין קליין מיידעלע. וואָס פאַרשטייט גאָרנישט !

— דאָס וואָלט אייך אַרויסגעהאָלפן ? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט געשוויגן און פאַרוואונדערט זי אָנגעקוקט. ווען זי האָט איבערגעחזרט איר פראַגע, האָט ער געענטפערט:

— אַרויסגעהאָלפן ? יאָ.

— ווייל מיר דאַרפן גראָד האָבן אַן אָקס. — האָט זי געזאָגט. — טאַקע היינט האָבן מיר וועגן דעם גערעדט, אַז מיר מוזן זיך אַרומקוקן אין דער געגנט וועגן פלייש. אָט קומט אַהיים דער יונגער זוילאַץ, וואָס ברענגט ס'רוב מיט מיט זיך נאָך עמעצן; ווען עס וועט

קומען צום עסן, וועלן זיי אַלע האָבן אַן אויסגעצייכנטן אַפּעטיט.
און דעמאָלט וועט איר אויך קומען, הער וואָיט, און פּאַרזוכן דעם
אָקס – יאָ, איך קאָן אייך.

– כאַ, כאַ! איך מוז לאַכן, ווייל איר האָט געזאָגט: אַרויס-
געהאָלפן. דער אָקס איז נאָך נישט אַזוי פעט. איך וואָלט אים
געקאָנט האַלטן ביזן האַרבסט, נאָר אויב איר דאַרפט אים אַזוי
נויטיק האָבן...

– וועל איך אַריינרופן פרוי אירגענס.

הער האָלמענגראַאַ האָט זיך נישט באַוויזן. ניין, כמעט קיינער
האָט אים נישט געזען. ער איז כסדר געזעסן אויבן אין זיין שלאָפ-
צימער. ווי פריער, פלעגט ער איצט אויך גיין יעדן טאָג אין קאַנטאָר
פון זיין מאַגאַזין, וווּ דער אויפזעער האָט געאַרבעט, פון דאָרטן אין
דער מיל, און דאַן אין שפּייכלער. ער פלעגט אָנטרעפן אַ ריי מעל-
וואָגנס, וואָס זענען פול-באַלאָדענע געפאָרן צום ברעג, אָבער ער
האָט מיט קיינעם נישט גערעדט. ניין, ער האָט זיך געמאַכט אַ נייע
מאָדע, – באמת אַ גוטע מאָדע! ער האָט צו די אַרבעטער קיין וואָרט
נישט גערעדט, גערעדט האָט ער נאָר צו בערטעל פון סאַגוויקאַ,
דעם מיל-אויפזעער, און צו אַלע יאָהאַן, וועלכן ער האָט געהעכערט
די שכירות און געמאַכט פאַר אַן עלטסטן איבער די אַרבעטער. דאָס
הייסט, אַז צו אים האָט ער אויך גערעדט זייער ווייניק און נאָר
אַרויסגעגעבן קורצע באַפעלן:

— דער גרויסער טראַנספּאָרט מוז היינט אָוונט אַריבערגעטראָגן
ווערן אין דער פּאָסט-שיף, וואָס גייט קיין צפון. פאַרגעסט עס
נישט!

— מיר מוזן עס צואיילן, בערטעל.

– זאָלסט זען, אַז אַלץ זאָל צוגיין גלאַטיק, דערצו האָסטו
ריינע מענטשן, אַלע יאָהאַן!

און אַלע יאָהאַן, וואָס האָט געשטיגן סיי אין זיין אַרבעט, סיי
אין זיין שכירות, האָט געאַרבעט מיט אַלע כוחות. נאַטירלעך, איז
ער געווען שרעקלעך נאַריש, אָבער אַ בעל-כוח, אַן אַרבעטס-אָקס,
מיט פאַרמעלטע קליידער, גוטמוטיק, מיט לאַנגע אָרעמס. ער האָט
געאַרבעט אין דער מיל פון דעם ערשטן טאָג אָן און האָט פאַרשטאַנען יעדע
אַרבעט; ווען ער איז געוואָרן אַן עלטסטער, איז ער זיך נאָך פעסטער

צונויפגעוואַקסן מיט דער מיל, און אַפילו זונטיק פלעגט ער אַהין גיין און באַטראַכטן זי מיט אַ מין הנאה, ווי ער וואָלט געווען אַ שותף דערצו.

— מיר, — פלעגט ער רעדן וועגן דער מיל.

— מיר אַרבעטן אויס מעל, — פלעגט ער זאָגן.

יאָ, אַלע יאָהאַן וועט שוין זען, אַז אַלץ זאָל זיין גוט.

ווען הער האַלמענגראַאַ האָט פאַרלאָזן די מיל, איז ער ווידער געגאַנגען גלייך אַהיים. דאָס איז געווען זיין נייער שטייגער. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געפּאָלגט עמעצנס עצה, ווי ער וואָלט זיך עס אויסגעלערנט, בעת אין פלוג איז עס אים גופא געווען לאַנגווייליק. זיין פיינער, מיט זייד־באַשלאָגענער אנצוג האָט אים נישט געלאָזט זיך פריי באַוועגן, דאָס איז געווען פאַר אים אַ שטראָף און אַן אָפּקומעניש, און די איינזאַמע שעהן אין זיין שלאָפצימער זענען אים געווען זייער צום האַרצן. וואָס האָט ער געזאָלט טון? עס איז שוין געווען פרילינג, די ערד איז ווידער יונג געוואָרן, די גאַנצע נאַטור איז ווידער משוגע געוואָרן, אַפילו דער אַלטער מיל־אייגנטימער האָט נאָכאַמאָל דערפילט אין זיך דעם ווונדער. אַמאָל פלעגט ער זיך אַרומשלעפּן איבער זיינע אייגענע הייזער און איבער פרעמדע, וווּ זיין האַרץ האָט געגלוסט, און אויף אַזאַ אופן פלעגט ער איבערלעבן טיילמאָל אַן אומגערעכטע געשעעניש, אַהאָ! אַפילו געגנבעט גליק, אַן אמתע מציאה! איז עס אַוועק, זיין נייער שטייגער האָט אים געפּענטעט.

ניין, עס איז געווען אָן שום צווייפל, הער האַלמענגראַאַ האָט געפּרוווט לעבן אויף אַ נייען שטייגער. כדי ווידער צו געווינען רעספּעקט ביי לייטן, האָט ער נישט געוואָלט מיט זיי לאַנג פאַרברענגען, נאָר פלעגט זיך זייער זעלטן באַווייזן, זיך אָנטון לייטיש און האַלטן זיך שטענדיק אין דער זעלבער ווייטקייט. ער האָט אויך געטראָגן דעם געהיימניספולן רינג אויפן פינגער, אפשר האָט ער אים געקאָנט נוצלעך זיין, זיינע מענטשן האָט ער פאַרשטאַנען, ווייל ער אַליין איז געווען פון געבורט איינער פון זיי, אַ גביר, וואָס איז אויפגעקומען פון דער טיפעניש פון פאָלק, אַ וועלט־קענער, וואָס האָט געשטאַמט פון דער גאַנצער וועלט. ווען ער פלעגט פריער טרעפן איינעם פון זיינע אַרבעטער, פלעגט ער מיט פאַרבאָרגענעם צער אַ טראַכט טון:

— וועט ער גריסן? וועט ער נישט גריסן?

איצט האָט זיך דער צושטאַנד פאַרבעסערט, די אַרבעטער האָבן געצויגן די היטלען. דאָס איז שוין עפּעס געווען. דער רינג און זיין נייער שטייגער האָבן געווירקט, איצט האָט זיך אים איינגעגעבן צו זיין קלוג! אויף ווי ווייט זאָל ער ענטפערן אויף די באַגריסונגען? אפשר האָט ער אין דעם פאַל אויך געפאָלגט עמעצנס אַן עצה: ער האָט אייגנטלעך נישט געוואָלט גריסן, כמעט לחלוטין נישט, נאָר אַ נויג טון דעם קאָפּ, און אַפילו נויגן דעם קאָפּ אויך נישט, נאָר אַ קוק טון אויף דעם מענטשן, פאַרבייגיין און זיין פאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען. אַנדערע מענטשן האַלטן, אַז צום שטאַרקסטן דאַרף מען זיך שעמען אין דעם כאָג־שיין, אַזוי האָט אָפּשר הער האָלמענגראַאַ נישט געהאַלטן, איין גאָט ווייסט עס; אָבער ער האָט זיך נישט געשעמט אַרומצושלעפּן זיך איבער זיינע אייגענע הייזער און פרעמדע.

אונטן אויפן וועג זענען דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געפאָרן צום ברעג וואָגנס, באַלאָדן מיט מעל. שפּעט אין אָוונט האָט די פּאָסט־שיף אַ פייף געטון און האָט זיך דערנענטערט צום ברעג. הער האָלמענגראַאַ האָט זיך נישט אַריינגעמישט און האָט אַפילו אַהין קיין קוק נישט געטון. אַלץ איז געגאַנגען אָן אים. זיין אויפזעער האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן און אַליין אַכטונג געגעבן אויפן לאָדעווען, כאָטש ער האָט געהאַט דערצו אָנגעשמעלטע. און פאַרוואָס פאַרנעמט זיך עפּעס דער ברעג־אויפזעער מיט אַזאַ אַרבעט? דאָס האָט ער קיינעם נישט געזאָגט, אָבער אָט איז די פּרוי פונם אַדוואָקאַט ראַש שוין דאָס דריטע מאָל געקומען צום ברעג, בעת די פּאָסט־שיפן גייען אַוועק, און זיך צוגעקוקט, ווי מען לאָדעוועט, און אַלע דריי מאָל האָט דער אויפזעער אַליין אַכטונג געגעבן אויפן לאָדעווען. איצט איז זי ווידער געשטאַנען, און עס איז באמת געווען אַ בילד צו זען, ווי דער גרויסער אויפזעער איז אַרומגעלאָפן איבערן לאָדונגס־פּלאַץ אַהין און אַהער און מיט אַ הויכער שטים אַרויסגעגעבן באַפעלן וועגן די זעק מעל. נו, ער האָט געהאַט לפּחות אַ גוטע, קלינגענדיקע שטים; מיט יאָרן צוריק האָט ער געגרינדעט דעם זעגלפּאָסער געזאַנג־פאַריין און איז נאָך געווען אַפילו זיין ערשטער זינגער.

און פרוי אַדוואָקאַט ראש, — וואָס האָט זי דאָ געהאַט צו טון אויפן ברעג אַזוי שפּעט? זי האָט געוואָלט זען, צי ס'איז נישט אָנגעקומען דער יונגער ווילדאַק, דאָס איז געווען איר צוועק. אויסער איר איז מער קיינער נישט געקומען אים מקבל פּנים זיין. ניין, האָלמסען איז שוין נישט געווען קיין גרויסער יחסן אין זעגלפּאָס, איצט זענען אַלע גלייך געווען גרויס, און אַלע גלייך זענען געווען קליין. פאַרשטייט זיך, הער האָלמענגראַא איז געווען גרויס, אָבער מער קיינער נישט, און אַפילו הער האָלמענגראַא איז שוין אויך נישט געווען דער אייגענער, וואָס אַמאָל. ווען פרוי ראש איז אַזוי געשטאַנען ביים ברעג, כדי צו באַגריסן דעם לעצטן האָלמסען, איז זי געווען נאָר ווי אַ קליינער פעלז אויפן וואַסער, ווי אַ גאָרנישט אַנטקעגן די אַלע אַנדערע. די מענטשן האָבן געהאַט צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן אירע כוונות. דאָ נישט לאַנג איז אַרויס דער לעצטער נומער פון דער זעגלפּאָסער צייטונג, און דאָרט איז געווען אַ גינסטיקער אַרטיקל וועגן דעם פּאַסטאָר ל. לאַסען; דער אַרטיקל האָט געשטאַמט פונם אַדוואָקאַט ראש, ווייל ער איז געווען וווּנדערבאַר אָנגעשריבן, און אין דעם מאָמענט האָט דער עולם גערעדט וועגן דעם מיט ברען. פּאַסטאָר ל. לאַסען, דער שטאָלץ פון זעגלפּאָס, האָט גענומען ביסלעכווייז אַריינדרינגען אין שכנותדיקן לאַנד, אין שוועדן; זיין וויסנשאַפט איז באַקאַנט געווען אין די אַרומיקע לענדער. ער וועט נאָך זיכער ווערן בישאָף. און דאָ אין זעגלפּאָס האָבן געלעבט זיינע אַלטע, חשובע עלטערן און געלייענט אַלץ אין די צייטונגען וועגן זייער באַרימטן זון. וווּנדערבאַר אָנגעשריבן, קיינער האָט נישט געקאָנט זיין דער מחבר דערפון, אויסער דעם אַדוואָקאַט ראש. דערצו איז נאָך ביים סוף געשטאַנען, אַז הער טעאָדאָר יענסען, דער קרעמער, וואָלט געדאַרפט האָבן אַ קאָנקורענט אין זיין מסחר.

אָט אַזוי האָט אַדוואָקאַט ראש אַרויסגעבראַכט אויף דער וועלט אַ גאָלדענעם געדאַנק.

אָבער זיין ווייב, פרוי ראש, איז צו זיין גרויסער חרפּה געשטאַנען אויפן ברעג און זיך צוגעהערט צו דער שטים פון דעם אויפזעער, און אירע אויגן זענען געווען אומבאַוועגלעך אָנגעשטעלט אויפן שיף און האָבן אויסגעקוקט דעם יונגן ווילדאַק; קיין אַנדער

זאָך האָט איצט נישט באַשעפטיקט איר קליין קעפל. און דעמאָלט איז לסוף אָנגעקומען דער יונגער ווילאַק, ער איז באמת געקומען, יונג, גרוי אָנגעטון און מיט אַ גאַנץ געוויינלעכן אויסזען. יאָ, ער איז גאַטירלעך געווען אַ רייכער און עלעגאַנטער מאַן. דאָס האָט ער נאָך געהאַט פון אמאָל. זיינע לאַקירענע שיך זענען געווען שפּיציק, דער פּערל אין זיין שניפּס האָט געהאַט אַ פּיילבל-בלויען גלאַנץ, ער איז נישט געווען פון ווייסער עמאַליע, ווי אַנדערע, זיינע געלע רייזע-קופערס זענען אויך געווען אַן אמתע צירונג; אָבער ער איז נישט געגאַנגען אַנדערש, ווי די אַנדערע מענטשן, און צו פרוי ראַש האָט ער גע-זאָגט „גוטמאָרגן”, אַראָפּגעצויגן די הענטשקע און אַראָפּגענומען דעם הוט.

זעט, דאָס איז נישט געווען קיין אַריינפאַר, וואָס האָט געריסן די אויגן, ווי זיין פאָטער וואָלט אים אמאָל מקבל-פּנים געווען פון אַ לאַנגער רייזע. דער יונגער ווילאַק, יאָ, אַ פיין קינד, ער טראָגט אַ שטעקל מיט אַ גאָלדענעם קנאָפּ אונטערן אָרעם. דער שטעקן איז אַגב אַ פיין ירושהלע! אָבער אַזוי? און דערפאַר איז ער געווען אַ באַקאַנטער מענטש אין לאַנד. נאָכדעם, ווי ער האָט ווידער אָנגע-טון זיין הענטשקע, האָט ער באַגריסט יוליוסן, וואָס איז געשטאַנען פון דער וויַיטן:

— גוטמאָרגן, יוליוס!

דאָס האָט יוליוסן שטאַרק הנאה געטון.

— זיי באַגריסט. — האָט יוליוס געענטפערט און געפאָכעט מיט דער הענטשקע.

אָבער באַלד האָט זיך דער יונגער ווילאַק ווידער גע-ווענדט צו פרוי ראַש און ווייטער גערעדט מיט איר אין אַ לייכט-שפּאַסיקן טאָן.

— ענדלעך זענט איר געקומען, — האָט פרוי ראַש געזאָגט. — מיר האָבן אייך אָפּגעוואַרט ביי יעדער שיף.

— איך דאַנק אייך, ליבע פרוי קריסטיניע, — האָט ער געענט-פערט — איר זענט באמת די בעסטע נשמה אויף דער וועלט.

— און ווען איצט וואָלט נישט געווען אַזוי שפּעט, וואָלט איר געמוזט פריער אָפּטרעטן צו מיר און אויסטרינקען פריער אַ גלאָז טיי: פאַרוואָס זענט איר געקומען אַזוי שפּעט?

— שפּעט ? — האָט ער איבערגעחזרט און זיך האַרציק צע־לאַכט. — איך קום צו אייך, קריסטינאַ, אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה. איך קום צו מיין טייערסטער און איך פליסטער: לאָז מיך אַריין! אַזאַ זאַך טוט מען דאָך נישט פאַרן פרישטיק. קומט, איך גיי מיט אייך.

— און אייערע פּעק ? — האָט זי געזאָגט.

— דערפאַר וועט זאָרגן דער ברעג־אויפזעער.

— יאָ, אָבער ביי מיר — ראַש איז שוין זיבער געגאַנגען שלאָפן.

— איז נאָך בעסער, מיר וועלן אַריינגיין אין קיך.

עס איז נישט געווען פון אים פּטור צו ווערן.

עס איז געקומען דער קנעכט מאַרטין מיט פערד־און־וואָגן צו־נעמען זיינע פּעק. און דאַן זענען זיי ביידע צוזאַמען אַוועק: פרוי ראַש, אַ גוטהאַרציקע פרוי אָן אַ הוט און אָן אַ שאַל, און ווילאַץ האָלמסען פון זעגלפּאָס, אַ הערשער און אַ בחור, אַ מענטש, וואָס איז געקומען צופאָרן מיט דער שיף צו זיך אַהיים, דאָס איז נישט געווען קיין אַריינפאָר.

דער עולם איז נאָך געשטאַנען אויפן ברעג און געשמועסט צווישן זיך. דאָס מאָל האָט מען אַרויפגעלאָדן, צו פּופּצן זעק מיט אַמאָל; אָבער דער ברעג־אויפזעער האָט איבערגעגעבן די השגחה אַ צווייטן, זיין שטים איז פאַרשטומט געוואָרן, ווייל פרוי ראַש איז אַוועקגעגאַנגען. לאַרס מאַנועלסען האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און אַהער און גערעדט וועגן זיין זון און וועגן דעם אַרטיקל אין דער זעגלפּאָסער צייטונג; יעדעס וואָרט איז געווען אמת, די מענטשן האָבן זיך געדאַרפט דערמאָנען, ווער לאַסען איז און ווער זיינע עלטערן זענען.

— דאָס איז געקומען דער יונגער ווילאַץ, — האָט יוליוס גע־זאָגט — איך האָב אים באַגריסט.

— יאָ, דאָס איז ווילאַץ. — האָט דער עולם געזאָגט. — ער איז געראָטן אין טאַטן, ער טראָגט נישט קיין באָרד, אָבער ער איז העכער אין וווקס.

— ער איז אומגעפער אין מיין גרויס. — האָט יוליוס גע־זאָגט.

לאַסען איז אַסאַך דיקער, ווי איר דאָ, — האָט זיך אָנגערופן לאַרס מאַנועלסען — איר זענט קעגן אים גאָרנישט.

לאַרס מאַנועלסען איז ווידער אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער און געטראַכט נאָר איין זאַך: ווילאַנג פון דעם גוט איז היינט אָונטגעקומען, אָבער עס זענען געווען פיל געשעפטסרייזנדע, וואָס האָבן געהאַט ביי זיך מער געלט, ווי ער.

— יאָ, זאָג איך עפּעס אַ ליגן? אַ מוזיקאַנט, אַן עולם-הזהניק און אַלץ! ניין, לאַסען! דאָ איז ער אַרומגעגאַנגען און זיך קינדווייז געשפּילט. די מענטשן האָבן אים גערופן לאַרס, אויף די דאָזיקע וועגן האָט געטראָטן זיין פוס. אויף אָט [?] די אַלע פעלזן און שפּיצן האָבן גערוט זיינע אויגן. עס שטייט נאָך דאָס הייזל פון זיינע קינדער-יאָרן, דאָרט וווינען זיינע עלטערן.

אַך, עס איז געווען שיין צו טראַכטן וועגן אַלץ אין צוזאַמענהאַנג מיט לאַסען.

די פּאָסט-שיף איז אָפּגעפאָרן, עס איז געווען שפּעט אין דער-נאַכט. אויפן ברעג זענען געשטאַנען צען קאַסטן, אַדרעסירט צום קרעמער פער, אָבער טעאָדאָרן האָט מען אין ערגעץ נישט געזען. נאַטירלעך, זענען עס געווען די אָפּגעוואַרטע פרילינגס-אַרטיקלען. אָבער טעאָדאָר האָט זיך נישט געוויזן, אָפשר דערפאַר, וואָס דאָס זענען געווען נאָר צען קאַסטן און נישט הונדערט. יוליוס האָט געטראָפן דעם משרת קאַרנעליוס און געזאָגט:

— די האָר-קעמלעך זענען אָנגעקומען, פולע צען קאַסטן.

— בהמה! — האָט קאָרנעליוס מיט כעס געזאָגט.

אָבער אין די שפּעטע נאַכט-שעהן האָט זיך אין דרויסן באַוויזן הער האָלמענגראַא, ער האָט זיך אויך געגויטיקט אין זון און ליכט, ווי אַנדערע מענטשן, און אין אָוונט, ווען אַלע זענען געווען ביים ברעג, און אויף די וועגן האָט מען קיין מענטשן נישט געזען, איז ער אַרויס שפּאַצירן. איין גאָט ווייסט, פון וואַנעט ער איז געקומען, ער איז גע-גאַנגען אַהיים. די זון איז אויפגעגאַנגען.

VII.

דאָס איז געווען אַ הערלעכע צייט, דער פרילינג איז אַריבער

גוט און שיין, לאָנקעס זענען געווען גרין, עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטורעמס, רעגנס און ווארעמקייט. די גרויסע באַרג-זייטן אין זעגלפּאָס, דער גאָרטן מיט די אַלטע ביימער און וועלדער אַרום די פּריצישע בנינים זענען געלעגן איינער לעבן אַנדערן, ווי אַ וועלט פון שפּעדיקע געוויקסן און רחבות. וואָס האָבן נאָך די מענטשן געקאָנט מער פאַרלאַנגען?

דער יונגער ווילאַץ האָט נישט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין געזעלשאַפט, אָבער ער אַליין איז געווען ווי אַ גרויסע געזעלשאַפט, און אינם גוט איז געווען אָן אַן ערך לעבעדיקער, זינט דער אייגנטימער איז געקומען אַהיים. קודם-כל דאָס עסן! וואָס האָט מען געדאַרפט קאָכן? אין זעגלפּאָס האָט פון אייביק אָן געווימלט פון דינערשאַפט, אַפילו איצט אויך. מ'האָט געהאַט עסן לרוב און בעטן צום שלאָפן, און גרויסע דירות צו וווינען; אָבער איצט האָבן זיך די דאָזיקע משונהדיקע מענטשן געבראָכן די קעפּ, וואָס הער האָלמסען האָט ליב צו עסן אָדער צו טרינקען. ער האָט געגעסן און געטרונקען, וואָס מען האָט אים געגעבן, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און זיך נישט אַריינגעמישט.

— עס איז נישט איצט קיין צייט צו הוליען, — האָט ער געזאָגט.

אין די קינדער-יאָרן האָט ער געהאַט אין שטאַל אַ רייט-פערד און דערצו נאָך דעם קליינעם גאָטפּרעד פון טעלעגראַפן-אַמט, ער זאָל האַלטן דאָס פערד זויבער; אָבער איצט האָט ער נישט געהאַט קיין רייט-פערד און נישט געוואָלט האָבן, און ווען דער קנעכט מאַרטין האָט דערהערט, אַז עס פעלט אין שטוב וואָס צו עסן און ער האָט זיך אָנגעבאָטן צו גיין אויף פייגל-געיעג פאַר הער האָלמסענס טיש, האָט ער באַקומען אַ בייזן ענטפער, און ער איז אַנטשטומט געוואָרן.

— יאָ, גיב נאָר איין שאָס, וועל איך דיר באַלד אָנקלאָגן, פאַרשטייסט?

מיטן אייגנטימער פון זעגלפּאָס האָט מען נישט געקאָנט שפּאַסן, אָבער גלייבער אַזוי! ער איז נאָר אָנגעקומען אַהיים, און באַלד האָבן אים אַלע מענטשן ליב געקראָגן; בכלל האָט ער זיך באַנומען זייער פיין און זיך נישט אַריינגעמישט אין יעדער קלייניקייט.

אָבער ער האָט אויך געקאָנט אמאָל נעמען דונערן, ווי עס דאַרף צו זיין. און וואָס פאַר אַ כּוח ער האָט פאַרמאָגט אין זיך! די שניטעד האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן, ווען זיי זענען איינמאָל געוואָרן אויסגע־ריסן, שלעפנדיק אַ ריזיקן שלייפשטיין, און דער יונגער ווילאַץ האָט אים פלוצלונג, אומגעריכט אַ נעם געטון אונטערן אָרעם.

— אַך, איך דאַנק אייך זייער! — האָט מאַרטין געזאָגט אַביסל פאַרשעמט. ער האָט באַטראַכט די הענט פון זיין באַלעבאָס — ווי פעסט ער האָט אַ כאַפּ געטון, סאַראַ אייזערנע געלענקען.

יונג־ווילאַץ איז אַוועק צום הער האָלמענגראַא און איז דאָרטן געוואָרן זייער האַרציק אויפגענומען. ער האָט שוין דעם הער האָלמענגראַא לאַנגע יאָרן נישט געזען, און ער האָט זיך אַביסל געוווּנדערט אויף די סימנים פון דער אָנקומענדיקער זקנה אויף זיין פּנים. די אויגן זענען געווען אַביסל מאַט, און דער קאָפּ איז אַביסל אַראָפּגעזונקען. דער אַלטער הער האָט אַרויסגעוויזן אָמתע פרייד, זיין גאַנץ גומטוטיק, געוויינלעך פּנים האָט אויפגעשטראַלט; ער האָט געהייסן אויפנעמען דעם יונגן ווילאַץ אויפן סאַמע פריינדלעכסטן אופן. איז ער טאַקע געווען גליקלעך? ער האָט אַוועקגעזעצט זיין גאַסט אויף אַ גוטן שטול און אָנגעקלונגען. יאָ, ער איז געווען גליקלעך. זעט נאָר, אָט איז דער יונגער מענטש געקומען קודם־כּל צו אים, דער באַ־רימטער מוזיקער, ווי ס׳איז געשטאַנען אין די ציימונגען; דער יונגער ווילאַץ, דער זון פון לייטנאַנט האָלמסען, איז געקומען פריער צו אים, נישט צום אַדוואָקאַט ראַש אָדער צו פאַסטאָר לאַנדמאַרק. ניין, צו אים, צום קעניג איז ער פריער געקומען, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין.

— איך האָב זיך ערלויבט אייער אינסטרומענט אַריבערצו־טראָגן אין מיין מאַגאַזין, ביז איר וועט קומען אַליין, — האָט ער געזאָגט.

— איך דאַנק אייך, אויסגעצייכנט, — האָט ווילאַץ געענטפערט.

— און איצט דאַרפט איר נאָר באַשטימען, ווו איר ווילט אים האָבן, וועל איך נעמען אַ פופציק פון מיינע מענטשן און זיי הייסן פאָרזיכטיק אַריבערטראָגן אַהין. וואַרשיינלעך ווילט איר אין דער ציגל־פאַבריק?

— אַ טייערן דאַנק אייך! — האָט ווילאַץ געזאָגט. — אַלץ האָט

זיך דאָ געענדערט, נאָר אייער פריינדלעכקייט איז געבליבן די אייגענע, וואָס אמאָל.

און דער יונגער ווילאַץ האָט נישט קיין טראַכט געטון, אַז די דאָזיקע פּופּציק מענטשן זענען נאָר באַרימעריי און אַז הער האַלמענגראַא האָט שוין נישט מער קיין פּופּציק אַרבעטער.

פרוי אירגענס איז אַריינגעקומען אין צימער, און הער האַלמענגראַא האָט געוואָלט העלפן זיין גאַסט צו דערמאָנען זיך, ווער זי איז; אָבער ס'איז געווען איבעריק. דער גאַסט האָט זי באַגריסט מיט דרך-ארץ און גלייכצייטיק, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, און פרוי אירגענס איז באמת געווען גליקלעך, וואָס זי האָט אָנגעטון עפּעס פון איר צירונג, זי האָט געבראַכט וויין און קיכל, פון יענע באַרימטע קיכל, וואָס צעגייען אין מויל.

— איך וואָלט אייך אָפּגעוואַרט ביים ברעג, — האָט הער האַלמענגראַא געזאָגט — און מאַריאַנע וואָלט אויך מיטגעקומען, מיר האָבן אַפילו אַוועקגעשטעלט אַן אויסקוקער, אָבער ער איז געקומען מיט דער ידיעה צו שפּעט.

—דאָס וואָלט באמת געווען צופיל.

— ניין, ניין, דאָס וואָלט נישט געווען צופיל. — האָט הער האַלמענגראַא ערנסט געזאָגט.

— איז פרייליין מאַריאַנע דאָ אין שטוב?

— זי איז אויבן, פרוי אירגענס? — האָט הער האַלמענגראַא געפרעגט.

— איך וועל גיין אַ קוק טון.

— שטערט נישט דער פרייליין מאַריאַנע! — האָט נאָכגערופן דער יונגער ווילאַץ. — מיר זענען זיך אַזוי אויך נישט אינגאַנצן פרעמד, ווייל איך האָב זיך אין די לעצטע יאָרן נישט איינמאָל געטראָפן מיט אייער טאָכטער.

— יאָ, מאַריאַנע האָט מיר געשריבן דערפון, — איר זענט געווען אַזוי פריינדלעך און זי באַגלייט אין טעאַטער און אויף קאָנצערט.

— און פעליקס איז אין מעקסיקע?

— יאָ, פעליקס איז און בלייבט אין מעקסיקע. ער איז אַ וואַסער-מענטש און איז שוין אַסאַך מאָל געווען אין אייראָפּע, איינמאָל איז

ער אַפילו געווען אין קיל. אָבער אַהער איז ער נישט געקומען, איצט פירט ער אַליין אָן מיט אַ שיף.

— כ'האָב דרך-ארץ! איך בין נישט קיין מבין אויף די וואַכן, אָבער דאָס איז דאָך, מסתמא, אַ הויכע דערגרייכונג אין זיינע יאָרן?

— אָ, יאָ, אַ דערגרייכונג.

— מיר דערגייען אָבער נישט דערצו. — האָט דער יונגער ווילאַץ געזאָגט.

— נו, איר זענט דאָך געוואָרן אַ באַרימטקייט, — האָט הער האָלמענגראַא געענטפערט — מיר לייענען וועגן אייך כסדר אין די צייטונגען.

דער יונגער ווילאַץ האָט קוים אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— דאָס האָט קיין באַדייטונג נישט. עס פאַרגייט אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און איך האָב גאָרנישט אויפגעטון. אגב, הער האָלמענגראַא, צי בין איך מיט אייך אינגאַנצן קוויט? צי בין, אייך שוין מער נישט שולדיק?

— ניין, איר זענט מיר מער גאָרנישט שולדיק, לײדער. — האָט הער האָלמענגראַא געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— אַ דאַנק גאָט! — האָט דער יונגער ווילאַץ אויך מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— אגב, איז לחלוטין נישט געווען נויטיק מיר אַלץ אויסצוצאָלן — האָט הער האָלמענגראַא דערויף געזאָגט, און איז בשעת-מעשה געווען די גוטסקייט אַליין. אפשר האָט אויך דער וויין, וואָס ער האָט געטרונקען, געגומען ווירקן, ווייל ער האָט צוגעגעבן:

— יעדנפאַלס, כל-זמן איך בין נישט אין קיין נויט.

און דער יונגער ווילאַץ האָט געענטפערט:

— אויב אַזוי וואָלט איך געמוזט לאַנג וואַרטן. ניין, אַזוי איז צום בעסטן, ווען אַלץ איז אין אָרדנונג. נאָר איין זאַך, הער האָלמענגראַא, אויף וואַלד-אַרבעט בין איך אַ קנאַפּער מבין. צי קאָן איך ווידער הייסן האַקן האָלץ אין מיינע וועלדער?

הער האָלמענגראַא האָט זיך מישב געווען און האָט געענטפערט מעשה-פּאַבמאַן:

— איך רעכן, אַז אין געוויסע גרענעצן, קאָנט איר שוין הייבן האַקן. פון אייער פּאָטערס צייטן אָן איז נאָך דער וואַלד נישט גע־רירט געוואָרן.

— איך וואָלט געווען צופרידן, איך זאָל עס קאָנען טון.

— איך וויל גערן אויסמעסטן דעם וואַלד און זען וואָס מען וועט קאָנען אין האַרבסט אויסהאַקן.

— איך קאָן שוין הייבן האַקן? —

— איצט? ניין, נאָר אין האַרבסט און איןווינטער.

— אַזוי? — האָט דער יונגער ווילַאַק געזאָגט. — נו, דאָס מאַכט מיר נישט אויס. אָבער ס׳קאָן דאָך זיין, אַז איך וועל ביזן האַרבסט און ווינטער נישט בלייבן.

— דאָס מאַכט גאָרנישט אויס. דער וואַלד איז דאָ. מען וועט אים פאַרקויפן און אָפּנעמען דאָס געלט. יאָ, און יואָס שייך דעם לעצטן פונקט, דהיינו — דאָס האַנט-געלט, קאָן מען עס גלייך באַקומען, ווען מען וויל. אַזוי איז עס אין האָלץ-מסחר. ווען איינער פון די וואַלד-באַזיצער פון דער געגנט וואָלט געקומען צו מיר, וואָלט ער באַקומען פון מיר, וויפל זיין האַרץ וואָלט געגלוסט, אַזוי אויסערגע-וויינלעך זיכער איז דער האָלץ-מסחר.

דער יונגער ווילַאַק האָט אַ קוק געטון אויפן הער האָלמענגראַאַ און פאַרשטאַנען זיינע איידעלע כוונות. הער האָלמענגראַאַ האָט צוגעגעבן:

— אַגב, וואָלט איר געקאָנט אומעטום קריגן געלט, למשל, אין דער היגער באַנק. איך האָב געשאַפן אין זעגלפּאָס אַ קליינע באַנק און געמאַכט דעם אַדוואָקאַט ראש פאַר איר דירעקטאָר, דאָרט איז פאַראַן גענוג געלט. אָבער דאָס אַלץ זאָג איך אייך, כדי איר זאָלט נישט מיינען, אַז איר מוזט פערזענלעך זיין ביים האַקן דאָס האָלץ. נאָר מיר פאַרלירן אייך ווידער אין האַרבסט, ווילַאַק?

— איך ווייס נאָך נישט. נאָר יעדנפאַלס וועל איך מוזן אַוועקפאָרן. איך אַרבעט עפּעס, נאָר איך ווייס נאָך נישט, צי איך וועל עס דאָ פאַרענדיקן. אָך, איך וועל עס אפשר קיינמאָל נישט פאַרענדיקן!

— זייט מוחל, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, ווילַאַק.

— פאַרקערט, איך דאַנק אייך דערפאַר.

— איך האָב געקענט אייער פאָטער און אייער מוטער, און אייך האָב איך געקענט, ווען איר זענט נאָך געווען קליין און איר זענט, אַלס יונגער הער, געקומען פון ענגלאַנד אהיים.

— ווען איך האָב באַקומען פון אייך אַ רייט־פערד.

— פון מיר? נו, יאָ; אַ קליין, ברוין פערדל, איר געדענקט עס נאָך? אַך, איך האָב זינט יענער צייט אַסאַך איבערגעלעבט. איר ווילט דאָ אַרבעטן? טאָ פאַרגעסט אונז נאָר נישט צו באַזוכן. ביי אונז איז נישט אַזוי פיין, ווי ביי אייך אין הויף. אָבער מיר וועלן זיך זייער פרייען, ווען איר וועט קומען.

די הערן האָבן אַ קלוגן געטון מיט זייערע גלעזער און אויסגעטרונקען. ס'איז קיין שום ספק נישט, הער האָלמענגראַא איז געווען גערירט. דער אַלטער מאַן האָט אַזוי לאַנג געשוויגן, אַז ער האָט איצט דערפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש צו רעדן. ער איז געווען איבער דער טבע פריינדלעך; די קליינע באַרימעדיי מיט די פופציק אַרבעטער, מיט דער באַנק, וואָס ער האָט געשאַפן, האָט אים געמאַכט אָן אָן ערך באַשיירענער, און ער האָט זיך מער נישט גערימט. אָרעמער קעניג אין זיינע שיינע קליידער, אָרעמער, לעגענדאַרער מענטש, ער האָט אויסגעזען אַזוי אָפּגעלעבט און איינגעבויגן, און דער יונגער ווילאַץ האָט נישט ווילנדיק געמוזט אַ טראַכט טון וועגן די אַמאָליקע צייטן, מיט יאָרן צוריק, בעת הער האָלמענגראַא איז געווען אַרומגעהילט מיט אַ גאָלדענעם וואָלקן פון התפעלות! וואָס איז פאָרגעקומען זינט יענער צייט? גאָרנישט, נישט ער אַליין, נישט אַנדערע וואָלטן נישט בכוח געווען אָנצווייזן אויף אַ באַשטימטער סיבה, אָבער די לעגענדע איז שוין געווען געענדיקט.

— היינט אינדערפרי איז געקומען צו מיר איינער און געוואָלט מיר ברענגען געלט, — האָט דער יונגער ווילאַץ געזאָגט — יענסען, טעאָדאָר יענסען, טעאָדאָר פון געוועלב, ער איז שוין געוואָרן אַ דערוואַקסענער מאַן. ער איז היינט געקומען זייער פרי.

הער האָלמענגראַא האָט זיך איינגעהערט פאַרחידושט.

— ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געטרונקט פיש אויף מיינע פעלזן, און ער האָט מיר געוואָלט באַצאָלן דערפאַר. ער איז מיר שולדיק פאַר זעקס יאָר, האָט ער געזאָגט.

— אזוי! יאָ, דער קליינער טעאָדאָר איז נישט קיין נאַר. — האָט הער האָלמענגראָא געזאָגט.

— איך האָב אים געפרעגט, צי ער האָט אזוי שטארק אויסגע־נוצט מיינע פעלזן, אז אין זיי זענען געוואָרן לעכער? ניין, דאָס איז בשום אופן נישט געשען. נו, אויב אזוי, איז נישטאָ פארוואָס צו רעכענען, — האָב איך געזאָגט.

— פארשטייט זיך. — האָט הער האָלמענגראָא אויך געהאַלטן. — אָבער בכלל ווערט געצאָלט אַ בארג־אָפּצאָל, און אין דעם פאַל איז טעאָדאָר גערעכט.

— ער האָט אויך געוואָלט ביי מיר קויפן ערד. ער האָט נישט קיין שפּאַן אייגענעם באָדן, האָט ער געזאָגט, זיין געוועלב און זיין בעקעריי שטייען אויף אייער ערד, אַ שפּייכלער האָט זיין טאַטע גע־בויט אויף מיין באָדן. ניין, ער האָט נישט קיין שפּאַן אייגענע ערד, סיידן ער וועט קויפן ביי מיר. איך וועל זיך מישב זיין, האָב איך געזאָגט. נאָר איר ווייסט, הער האָלמענגראָא, איך וויל מער נישט פארקויפן מיין ערד.

— זאָל אייך טעאָדאָר בכלל נישט פארדרייען דעם קאָפּ מיט אזעלכע זאַכן, איך וועל עס אים זאָגן.

— ס'מאַכט נישט אויס, און אגב האָט דער בחור געטאַכט אויף מיר אַ גוטן, אָרנטלעכן איינדרוק. דער אדוואָקאַט וויל אים שאַפן קאָנקורענטן, האָט ער געזאָגט, נאָר אין אזאַ פאַל, וועט קיינער פון זיי מיט קיין פרנסה נישט אויסקומען. דעריבער וויל ער קויפן ערד און אַ שטיק ברעג, כדי אוממעגלעך צו מאַכן די קאָנקורענץ.

הער האָלמענגראָא האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטון.

— דאָס איז איבער זיינע כוחות. — האָט ער געזאָגט. — דער גוטער טעאָדאָר רעדט זיך שוין צופיל איין. אָבער זיין געדאַנקען־גאַנג איז גאַנץ ריכטיק, פאַר צוויי געוועלבן וועט קיין פרנסה נישט זיין.

מאַריאַנע איז אַריין אין צימער — אין צימער איז אַריין מאַריאַנע.

ביידע הערן זענען אויפגעשטאַנען, און דער יונגער ווילאַק איז איר געגאַנגען אנטקעגן; ס'האָט אויסגעזען, ווי דאָ וואָלט גענדאַרפט פּאַרקומען עפּעס אומגעווינלעכס. אָבער ס'איז גאָרנישט געשען. די

יונגע מענטשן זענען געווען גוט באַקאַנט, האָבן זיך געדוצט, ווי אין די קינדער־יאָרן, און האָבן רויק און פריינדלעך געפּלוידערט; דאָס טונקל מיידל איז געווען שלאַנקאון ווייס אָנגעטון, און ווילאַץ האָט געזאָגט, אַז זי זעט אויס, ווי אַ נעגעלע אין אַ זילבערנער פלאַש. אלע האָבן זיך האַרציק צעלאַכט.

— אין אַ זילבערנער בראַנפן־פלאַש, — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— דו קומסט אַליין? — האָט געפרעגט מאַריאַנע, — האָסט גאָר־נישט מיטגעברענגט מיט זיך קיין גרויסע געזעלשאַפט?

— עס מוז אייך קלאָר ווערן, אַז איך אַליין בין אַ גאַנצע אַרמיי. אָבער אַנטאָן קאָלדעווין וועט קומען שפּעטער.

— מיר האָבן געקויפט אַן אָקס פאַר אייך צום עסן, — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— הער האַלמענגראַא, אייער טאָכטער צווינגט מיך שטענדיק צו אמתער שקלאַפן־אַרבעט. נו, איך מוז פאַר איר כסדר באַאַרבעטן דעם קלאַוויר.

הער האַלמענגראַא האָט אַ שמייכל געטון צו זיי ביידן, ער האָט אַ שמייכל געטון צו די קינדער.

מאַריאַנע האָט אים דערציילט וועגן די קליינע שטוב־געשעענישן:

— מעגסט מיר גלויבן, עס גייט דאָ צו לעבעדיק, צען עופהלעך אונטער אַ הון, נאָר די עלפטע איי איז געווען פאַר־פוילט.

וואָס לענגער זי האָט גערעדט, אַלץ מער איז זי אַריינגעפאַלן אין דעם זעגלפאַסער דיאַלעקט און נישט איבערגעקליבן קיין אויסדרוקן. איז עס געווען נאַבלעסיקייט אָדער שפּיצל? זי האָט גע־זאָגט צום פאָטער:

— יאָ, איך האָב ענדלעך געגעבן די הינער די קערנדלעך, וואָס זיי האָבן נעכטן געדאַרפט קריגן.

באַלד האָט זי זיך געווענדט צו ווילאַצן און געפרעגט:

— וועסט עסן אויבסט?

— אַך, מיר איז אַן אויבסט אויך זייער אָנגענעם.

— יאָ, נאָר אַביסעלע אויבסט, דעמאָלט וועט פרוי אירגענס קאָנען אַריינקומען מיט אַ זילבערנער שאָל, דאָס וועט זיין איר גרויסער

מאָמענט. און, פּאַפּאַ, היינט האָט זי ווידער געקלאָגט איבערן שליסל. ווייל דו מוזסט וויסן, ווילליאַק, אַז ביי פרוי אירגענס איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ קליין שליסעלע פון שפּייז-קאַמער און צוליב דעם מאַכט זי זיך דעם טויט.

פריילין מאַריאַנע האָט אַ קלונג געטון נאָך אויבסט.

— נו, און מיר וועלן דאָ האָבן אַ טעאַטער. — האָט ווילליאַק געזאָגט. — דער יונגער טעאָדאָר האָט מיר דערציילט, אַז ער בויט אַ טעאַטער, ער האָט זיך אויך אַנטשולדיקט, פאַרוואָס ער בויט דאָס אויף מיין באָדן.

— יאָ, דער דאָזיקער טעאָדאָר, — האָט הער האָלמענגראַאַ געזאָגט, — אַוודאי איז עס ויכטיק, וואָס ער פאַרוואַנדלט דאָס שיפער-הויז אין אַ מין פאַרוויילונגס-לאָקאַל. דאָס הויז שטייט אויף אייער ערד.

— דער דאָזיקער טעאָדאָר איז געוואָרן אַ גאַנצער מענטש איך געדענק אים נאָך אַלס אַ קליינעם מזיק.

— ער איז אַ גאַנץ טיכטיקער יונג. און ער האָט, משמעות, מזל אין זיינע אונטערנעמונגען. — האָט הער האָלמענגראַאַ געזאָגט.

— אַגב, פאַרוואָס זאָל ער אייך, אייגנטלעך, נישט קאָנען קויפן קיין באָדן, כדי צו קאָנען אוממעגלעך מאַכן די קאָנקורענץ. דער באָדן איז דאָך דאָ נישט טייער.

— אָ, ניין, דאָס איז אַ טייערער באָדן, אַ ווערטפולער באָדן. די נחלאות דאָ אין זעגלפאָס קאָסטן איצט פיל מער, ווי פריער.

— דאָס האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען, הער האָלמענגראַאַ, אָבער איך וויל נישט פאַרקויפן.

דערווייל האָט מען געבראַכט די אויבסט, וויינטרויבן און עפל אויף אַ זילבערנער טאַץ.

מאַריאַנע האָט שעלמיש געזאָגט:

— פרוי אירגענס, דער פּאַפּאַ זאָגט, איר זאָלט זיך נישט נעמען צום האַרצן וועגן דעם שליסל.

— אָך, ניין ניין, — האָט פרוי אירגענס געענטפערט אויס-מיידנדיק.

— ניין, ווייל עס איז דאָך נישט מער, ווי אַ שליסל.

אָבער דאָס איז שוין געווען צופיל. פרוי אירגענס איז אַרויס מיט לשון:

— הער האַלמענגראַא, איר זאָגט שטענדיק, איך זאָל זיך נישט נעמען צום האַרצן וועגן דעם שליסל, אָבער מאַקע דערפאַר איז די זאַך פאַר מיר אַזוי טרויעריק. און דערצו פאַלט מיר גאָרנישט איין, ווו ער האָט געקאָנט אַהינקומען!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אַפילו פרוי אירגענס גופא האָט אויך געמוזט מיטלאַכן, און הער האַלמענגראַא האָט זי געטרייסט דערמיט, וואָס אין זעגלפאַס זענען נישטאָ קיין גנבים.

— מאַכט נישט קיין שפאַס! — האָט זי אים געוואָרנט, — און, אַגב, זענט איר, הער מילאַייגגבים[?] צו גוטמוטיק. עס זענען דאָ צווישן אונז געוויסע מענטשן, וועלכע איך קאָן נישט פאַרטראָגן. מען דאַרף זיי פאַרטרייבן פון דאַנען.

— וועמען מיינט איר?

— קודם כל קאָנראַדן.

הער האַלמענגראַא האָט זיך דערפילט נישט אָנגענעם. קאָנראַד איז געווען דער טאָג-אַרבעטער, דער דאָזיקער יונג, וועלכן מען האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן, ווייל די מיל-אַרבעטער האָבן זיך אַלע איינגעשטעלט פאַר אים.

— עס איז דאָך שוין אַ געוויסע צייט געגאַנגען בעסער, — האָט הער האַלמענגראַא געענטפערט.

— יאָ, אָבער איצט, ווייזט אויס, הויבט זיך אַלץ אָן פונסניי.

הער האַלמענגראַא האָט זיך געצוווּנגען צו ווייזן אַ פרייליכן פנים, אָבער ער איז בלי ספק אומרויק געוואָרן. ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעקלערט. דערנאָך האָט ער געבעטן, מען זאָל אים אויף אַ רגע מוחל זיין, ווייל ער דאַרף עפּעס זאָגן דער פרוי אירגענס.

די יונגע מענטשן זענען געבליבן אַליין.

דער יונגער ווילאַק האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט געמיינט, אַז ער קאָן ווייטער, פונקט ווי ביז איצט, פירן אַ גלייכגילטיקן שמועס; אָבער ער האָט זיך אָנטוישט, מאַריאַנע האָט געפרעגט דירעקט, און איר פנים איז דערביי בלאַס געוואָרן:

— פאַרוואָס האָב איך פון דיר מער נישט געהערט? זאָל עס הייסן, אַז דו ביסט אַ שלעכטער מענטש?

ער האָט זיך אָפשר געריכט אויף אַזאַ פראַגע, דאָך איז אים שווער געווען באַלד צו ענטפערן, און ער האָט אָנגעקוקט מאַריאַנען איבערראַשט.

— נאַר קאַלטבלוטיק! — האָט ער געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען. — איך האָב זיך געהאַלטן ביי דיין לעצטן וואָרט.

— ביי וועלכן וואָרט? אַז איך וויל נישט?

— יאָ, אַז דו ווילסט נישט.

— אַך, אַזוי הייסט עס, — האָט זי געזאָגט — אָבער דו ביסט אַליין געווען שולדיק, וואָס איך האָב עס געזאָגט, דו האָסט מיר אָנגעטון צער.

— און דאָס איז געווען דיין אייגענע שולד, וואָס איך האָב דיר אָנגעטון צער; דו האָסט מיט מיר געשפּילט.

— ניין, דאָס זאָגסטו אַ ליגן, — האָט זי אַרויסגעצישעט, און איר אינדיאַניש פּנים איז געוואָרן אויסגעקרימט פון צאָרן.

וויללאַץ האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— עס איז זייער שווער נאָכצומאַכן געפילן, דו ביסט לחלוטין נישט בייז.

מאַריאַנע האָט זיך באַהערשט. אָ, יאָ, איר געפיל איז געוויס געווען עכט, אָבער ביי זיינע ווערטער איז עס שוואַכער געוואָרן.

— אָבער איך בין בייז, — האָט זי געזאָגט, — שרעקלעך בייז; דאָס האָב איך נישט פאַרדינט. און וואָס איז, אויב איך האָב עס געזאָגט? שוויינ נאַר! איך דערמאָן זיך אפילו נישט, ווי ער האָט געהייסן, דו ווייסט נישט? וואָס פאַר אַ מענטש איז ער געווען?

— דו מיינסט דער לעצטער?

— זענען דען געווען מערער? באמת, הער אויף! דו ביסט שרעקלעך, איך האָב קיינמאָל נישט געשפּילט, קיינמאָל נישט. דו ביסט אייך נישט דער מענטש, וועלכן מען קאָן מאַכן פאַר אייגנס.

— דאָס איז אמת. — האָט ער געענטפערט.

אָבער ער האָט אַזוי נישט געטראַכט. דער יונגער וויללאַץ האָט זיך דערפילט פון אויבן און ער איז געווען באַליידיקט. ער האָט געהאַט אין זיך געטאַכטע רויקייט, און זי איז געווען האַסטיק און נישט נאָכגיביק.

— דו ביסט באמת נאך אייפערזיכטיקער פון א מיידל, — האט זי געזאגט — איך זיך, ווי אויף נאדלען, ווען איך בין מיט דיר צוזאמען. נו, וואס איז דאס געווען פאר א מענטש, פרעג איך.

דער יונגער וויללאץ האט געהויבן מיט די אקסלען. ער האט אגב גענומען איינזען, אז ער האט זי געקרענקט. ער האט פריער נישט געמיינט אזוי ערנסט. איצט האט ער ווידער געוואלט פארריכטן, ווייל ער האט זיך ווידער אנגערופן:

— עס לוינט נישט וועגן דעם צו רעדן.

— וועגן דעם צו רעדן? וואס האב איך געטון אזוינס, וואס מיר?

— געטון? אך, לאמיר נישט איבערטרייבן! דו מוסט אלצדינג; דו רינגלסט זיך ארום מיט א קרייז מענטשן נאר דורכדעם, וואס דו רעדסט מיט זיי און דו קוקסט זיי אן, ביי וואס, פארלאנגסטו, זאל איך דיך כאפן? זאל איך דיך כאפן ביי עפעס ממשותדיקס?

— איך רעד און איך זע. קומט מיר עפעס דערפאר?

— א, יא, דו וואלסט געקאנט טון פארקערט. — האט ער אסאך ווייכער געענטפערט. — אויב דו ווייסט, אז דו ביסט אזוי אלמעכטיק, דארפסטו נישט ארויסווייזן דיין ווונדער צו יעדער צייט.

— איך וועל עס פרווון נאכצולאזן, — האט זי געענטפערט און פול מיט חרטה א שמייכל געטון.

— ווייל דורכדעם פארלירסטו פאר מיר זייער פיל.

— איך וועל עס פרווון, וויללאץ.

— יא, טו עס! — האט ער געזאגט.

ליבע-פלוידעריי און מער גארנישט, א געוויינלעכע זיסע מחלוקת, וואס האט זיך איצטער געענדיקט אזוי ווי אלע מאל. זיי זענען געווים געוווינט געווען צו אזעלכע מחלוקתן, דאס איבערבעטן זיך איז זיי אנגעקומען גאנץ לייכט. לסוף האט מאריאנע ערקלערט, אז זי אליין איז אייפערזיכטיק.

— א, לייזער, — האט זי געזאגט, — ווען דו שפילסט פאר אזוי פיל דאמען-אויגן, און קיינער לאזט פון דיר קיין אויג נישט אראפ, און אלע זיצן דא, און קאנען דיך האבן. יא, דאס האב איך געזען. אבער דעמאלט האב איך אויך געמוסט עפעס טון!

דאס איז געווען א פארקערטע אומצייטלעכע שפראך. זיי האבן

געגומטען זייערע גלעזער, און ווען דער יונגער ווילאַץ האָט געטרונקען, האָט ער נישט אויפגעהויבן די אויגן; אָבער פרייליין מאַריאַנע האָט אכטונג געגעבן און גיך געכאַפּט אַ קוק איבערן ראַנד פון גלאָז, — אַ אַזוי גיך! — און אירע אויגן זענען דערביי געווען כמעט פאַרמאַכט. אין אירע האָר האָט געשטעקט אַ קליין זילבערן קעמל, דאָס איז געווען דורכויס נישט מאָדערן, דאָס קעמל האָט געהאַט נאָר צוויי ציין און דערצו קליינע, בלויז אַ שפּאַלט אין רעמל, אַ שלאַנגענצונג.

דערנאָך איז ווילאַץ אַוועק און צוגעזאָגט באַלד צו קומען צוריק. ער איז אַוועק אין טעלעגראַפן-אַמט, כדי צו טרעפן דעם פאָרשטייער. דער קליינער גאָטפרעד איז דאָ אויך געווען אָנגעשטעלט; גאָטפרעד איז געווען אַ פיינער יונג, אָבער צום שטאַרקסטן האָט ווילאַצן אינטערעסירט באַרדסען. ער איז געווען אַביסל פאַרעלטערטער און אָרעמער, ווי שטענדיק, אָבער וואָס פאַר אַן אימפּאָזאַנטער מענטש! און דערביי האָט ער נאָך אַלץ געהאַט די זעלבע ברייטע אַקסלען. דער וויאָלאָנטשעל איז געשטאַנען אין ווינקל. באַרדסען האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגיין, נאָר ער האָט ווידער אַראָפּגענומען דעם הוט און געבעטן ווילאַצן זיצן.

— זייט מוחל פאַרן הילצערנעם שטול.

דער באַזוך איז אים געווען אָנגענעם, ער איז געווען העפלעך און האָט גערעדט, אַ פיינער מענטש.

— הילצערנע שטולן זענען נישט די ערגסטע, — האָט ער געזאָגט — און די זענען פונקט ווי אַלע אַנדערע. זיי סקריפּען און שאָקלען זיך אַביסל, די גאַנצע צייט, וואָס איך בין דאָ, האָבן זיי זיך שטענדיק אַביסל געשאָקלט, און זיי סקריפּען אין די פוגעס, בעת מען זעצט זיך אויף זיי. אָבער זיי ווערן, אייגנטלעך, נישט ערגער און נישט בעסער; זיי זענען גאַנץ פריילעך.

— אייער קאַריערע האָב איך אָפּסערווירט מיט גרויס אינטערעס, הער האָלמסען. איך בין נישט, וואָס אַן אמת, קיין מבין אויף אייער קונסט, אָבער איך האָב געלייענט וועגן אייך אין די צייטונגען.

— איר פאַרנעמט זיך דאָך אַליין מיט דער דאָזיקער קונסט. איך דערמאָן זיך, אַז איר זענט געווען אַ פּראַכטפולער וויאָלאָנטשעליסט.

באַרדסען האָט אַ וואָרף געטון אַ בליק אויף זיין אינסטרומענט, אָבער באַלד האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

— איר וועט דאָ בלייבן דעם זומער, הער האָלמסען?

— יאָ, און איר מוזט ווידער קומען צו מיר, וועלן מיר צוזאַמען שפּילן. איצט קאָן איך אַביסל מער, ווי דאָס פֿאָריקע מאָל.

— יאָ, אדרבא, איך דאַנק אייך.

— און איר אויך גאָטפרעד!

גאָטפּרעד איז געווען באַשיידן און ער האָט קוים געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרנייגונג. ער איז די גאַנצע צייט געבליבן שטיין.

— קאָן איך ווידער זען אייער וויאָלאָנטשעל? — האָט ווילאַץ געפֿרעגט.

— יאָ, ער קאָן זען דעם וויאָלאָנטשעל.

ער האָט געפּרוווט אַ טאָן און האָט באמת באַוווּנדערט.

— דאָס איז אַ פּראַכטפֿולער אינסטרומענט!

— ער איז מיר אַלץ איינס, ווי אַ לעבעדיקער מענטש, — האָט באַרדסען געזאָגט און גערעדט מיט ליבע און מענטשלעך וועגן זיין וויאָלאָנטשעל. — אַ טעלעגראַפּיסט און אַ טשעלאָ, — האָט ער געזאָגט און געחוזקט פֿון זיך אַליין. — אָבער אַזוי איז עס דאָך. מיר זיצן דאָ ביידע און העלפֿן איינער דעם צווייטן אין אנזער גליק, און אונזער גוטער גאָטפּרעד גלויבט אין אונז און הערט אונז אויס און באַוווּנדערט אונז. זיצן מיר זיך דאָ, און מיר זענען גרויס, און די זיבן מזלות שפּילן עפּעס אויף פֿאַר דעם נעפּל אין אָריאָן. די פֿעלדער און לאָנקעס האָבן ביי אייך פּראַכטפֿול אויסגעזען, הער האָלמסען.

ערשט איצט האָט ווילאַץ באַמערקט, אַז באַרדסען דריקט זיך אויס אַביסל מערקווירדיק. ער האָט געענטפֿערט, אַז יאָ; דאָס יאָר איז טאַקע באמת געווען זייער גוט.

— אָבער אייער טאַטע וואָלט זיכער אַליין געווען אויף די פֿעלדער.

באַרדסען האָט זיך פֿאַרטראַכטערהייט געשפּילטמיט זיין מעסערל, איינס פֿון יענע וווּנדער-מעסערלעך, וואָס זייער קלינגל זעט מען נישט אַרויס פֿון הענטל. ווען ער האָט באַמערקט, אַז ווילאַץ איז געוואָרן טרויעריק, האָט ער ווידער אַוועקגעלייגט דאָס מעסערל אויפֿן טיש.

— יאָ, און אייער מוטער, — האָט ער ווייטער גערעדט — זי איז גרויסאַרטיק געזעסן אויף אַ פערד. בכלל איז עס געווען אַ צייט! — האָט איר שוין געזען דעם פּאַסטאָר לאַנדמאַרק?

— נאָך נישט.

— איך האָב זיך גראַד אָן אים דערמאָנט. ער איז עפּעס אַנדערש, ווי די איבעריקע מענטשן, יאָ, אַזוי אַז ער מוז אָנקומען צו דער טובה פון דער געמיינדע. מיר געפעלט זייער, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט טישלעריי. ער איז אַ מעכאַניקער און אַ פּאַסטאָר. האָט איר שוין געהערט פון אַזאַ געמיש? אַגב צי ווייסט איר, צו וואָס מיר דאַרפן זיך אויסמישן איינער מיטן צווייטן? די אַריסטאָקראַטן זענען אויסגעשטאָרבן. נישט מער, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק האָט מען אַרויפגעקוקט צו די אַריסטאָקראַטן, איצט קאָן מען זיי גאָרנישט דערזען, זיי זענען נישטאָ אין דער לאַנדשאַפט. די מיטלייד מוז זיי אויפזוכן. איך ווייס נישט, אפשר איז עס גוט פאַר דער וועלט, דאָס אַרט מיך נישט, אָבער אפשר מ׳יז דער ספּאַרטאַקוס ווידער באַזיגט ווערן. דאָס איז נישט אוממעגלעך, נאָכאַמאָל באַזיגט ווערן. דאָס וואָלט אפשר געווען בעסער פאַר דער וועלט. אָבער פּאַסטאָר לאַנדמאַרק, אַלס געמיש, איז יעדנפאַלס אַן אמתע מערקווירדיקייט.

דער יונגער ווילאַץ איז אויפגעשטאַנען, כּדי אַוועקצוגיין.

— נו, איר וועט מיך, הייסט עס, באַזוכן, מיינע הערן. — האָט ער געזאָגט — איך וווין ס׳רוב אונטן, אין דער ציגלפאַבריק.

באַרדסען האָט אים באַגלייט אין פאָרן הויז האָט ער אָנגעטון דעם הוט.

איך מוז גיין אַ קוק טון צו מיינע אַרבעטער, — האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט — טעאָדאָר יענסען בויט אַ טעאַטער, און איך בין זיין אַרכיטעקט.

ער האָט זיך געזעגנט און האָט זיך אין זיין גאַנצער גרויס געלאָזט גיין מיטן וועג צום שיפער-הויז.

ווען דער יונגער ווילאַץ איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס געוועלב, איז טעאָדאָר אַרויסגעשוואומען פון זיין שפּייכלער און האָט אים, משמעות, געוואָלט עפּעס זאָגן. דאָס איז אין דעם טאָג געווען שוין

דער צווייטער פאַל, און ווילאַק האָט געוואָלט גיין ווייטער. מיט איבערראַשונג האָט ער איבערגעלייענט דעם נייען שילד איבערן געוועלב. פ. יענסען, מאַנופאַקטור און קאָלאָניאַל-סחורות, די אותיות זענען געווען באַגילדט.

— איך קאָן אייך, אפשר, בעטן אָפּצוטרעטן צו אונז אין געוועלב, כּדי איר זאָלט קאָנען זען אונזער געשעפט? — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

ווילאַק האָט אַביסל אַ קנייטש געטון דעם שטערן, אַ קוק געטון אויפן זייגער און געזאָגט:

— אַן אַנדערש מאָל.

— איך האָב געמיינט... כּדי איר זאָלט זען, ווי נויטיק עס איז פאַר אונז אַריבערצוטראָגן ווייטער דאָס געשעפט; אָבער מיר האָבן נישט קיין ערד, קיין באָדן. ווען איר זאָלט זיין אַזוי פריינדלעך און נאָר אַ קוק טון אויף די טרעפּ, מער נישט.

— איך ווייס נישט, אייגנטלעך, פאַרוואָס זאָל איך עס טון — האָט ווילאַק אָפּגעענטפערט, ער האָט אָבער נאָכגעגעבן און איז אַריין.

אָ, דער דאָזיקער טעאָדאָר! ער איז געווען כּיטרע און האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען ער האָט דערזען דעם יונגען הער האָלמסען, דעם גוט-באַזיצער, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים. האָט ער שוין געוווּסט, אַז קיינמאָל וועט ער נישט האָבן אַזאַ גינסטיקע געלעגנהייט, ווי איצט. די נייע סחורות זענען שוין אָנגעקומען, אָ, סאַראַ פיינע און טייערע סחורות! אָבער דאָ איז פאַר זיי קיין פּלאַץ נישט געווען, זיי זענען געלעגן צעוואָרפן דאָ און דאָרט איבער די הויפן, און דאָס געוועלב איז געווען פול מיט מענטשן. איז נישט געווען דורכויס נויטיק, אַז טעאָדאָר זאָל פאַרגרעסערן זיין געוועלב?

— זייט אַזוי פריינדלעך, און גיט אַ קוק, למשל, דאָ; — האָט טעאָדאָר געזאָגט און אָנגעוויזן מיטן פינגער — די מאַנופאַקטור-אָפּטיילונג, וווּ עס זענען פאַראַן די שטאָפן און די קליידער, איז אומעטום צו ענג! — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

די מענטשן האָבן זיך אויסגעדרייט צו דער טיר און זיי ביידן באַטראַכט. ווילאַק האָט דאָך נישט געקאָנט בלייבן שטיין און אַריינקוקן קרום דורך דער טיר. ער האָט געמוזט אַריינגיין, און טעאָדאָר

האָט געמאַכט פאַר אים אַ וועג; ער האָט אויפגעהויבן די קלאַפּע פון דער טאָמבאַנק, — ניין, ווילליע האָט געדאַנקט און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר.

יאָ, געוויס איז דאָס געוועלב געווען צו ענג, די פרילינגס־אַרטיקלען האָבן אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז, דאָס הויז איז געווען אָנגעשטאָפּט, און דאָס געלט האָט געקלונגען ביי די קונים אין די הענט. די ווייבער האָבן געמאַכט אַ טומל מיט די נייע שטאָפן און בלוזקעס, פרויען און מיידלעך, אַלע זענען געווען אַנטציקט, אַלע גלייך צערייצט פון דער שיינקייט פון דעם טושלין און די אַזוי געראָפענע שווייצאַרישע זיידנס. דאָס איז געווען אַן אָמתע אָרגיע, אַ יום־טוב פון דינסטמיידלעך, יאָ, טעאָדאָר האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט צו טון, ער האָט עס אַראָפּגעבראַכט קיין זעגלפֿאָס! וואָס זענען עס געווען פאַר אַ זאַכן, וואָס האָבן דאָרט געגלאַנצט אין איין שורה אין צען אָנגעפילטע שאַכטלעך האָר־קעמלעך פון פאַרשידענע מינים, פלעראלליי פוץ־זאַכן פון צעללולאָיד צו צוגענגלעכע פרייזן. און חוץ דעם — האַנט־ביימלען מיט אויערן פון באַזילבערטע קייטלעך און געלע שיך פון נאָכגעמאַכטן לעדער מיט גרויסע גאָלד־בראָנזירטע שנאָלן אין דער קרום. האַלז־קעלנער! האַ! אַלערליי מינים, און אַלערליי פאַרבן: מאַריאַ סטואַרט און זעטעמאַלער־קעלנער, אַ יונגער גלח האָט געקויפט אַ שרייבגעצייג, מיט אַסאַך זילבער און מיט מלאכים, וואָס האָבן געטראָגן דעם געשטעל פון דעם פעדערהאַלטער. דער טינטער האָט געהאַט אַ באַזילבערטן פוס מיט אַ באַזונדער אָרט, ווו ס'האָט געקאָנט ווערן אויסגעגראַווירט דער נאָמען פון דעם אייגנטימער.

די מענער האָבן, זיך מחמת אַלטער געוווינהייט, געהאַלטן ביים ווײַן־טיש. איצט איז ווײַן און ביר געווען פאַרווערט; אָבער עס איז נישט געווען פאַרווערט קיין האָר־וואַסער צום איינגעמען, און עס איז אויך נישט געווען פאַרווערט צו טרעפן ביים ווײַן־טיש אַ גוטן־פרײַנט און אים מכבד צו זיין מיט אַ טראָפּן פון אַ באַהאַלטענער פלאַש. אָבער עס איז שוין ווייט נישט געווען אַזוי, ווי אין די פריערדיקע צייטן, עס איז נישט געווען קיין רום, זיך אַביסל מחיה צו זיין, און דאָס רוב קונים איז באַשטאַנען פון ווייבער.

מען האָט זייער היציק איינגעהאַנדלט האָר־קעמלעך, דאָ איז געווען איין האָר־קעמל מיט אַ רויטן גלאָז־פּערל, יאָ, דאָס איינציקע קעמל מיט אַ פּערל, וואָס איז אַהער אָנגעקומען, אַהער פאַרבלאָנזעט; דער משרת קאָרנעליוס האָט עס אוועקגעלייגט אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג.

— פאַרוואָס? וואָס קאָסט ער? יאָ, אָבער איך וויל אים קויפן.

הגם דער יונגער טעאָדאָר געפינט זיך צווישן אָרנטלעכע מענטשן, דאָך קוקן זיינע אויגן אומעטום, און ער רופט אויס:

— די קאַם מיטן רויטן שטיין וועל איך נישט פאַרקויפן!

דער יונגער ווילאַץ דרייט אויס דעם קאָפּ, ווער איז עס דאָרטן די פרוי מיט די רויטע האָר? ער דערקענט דאַווערדאַנאַ, וואָס האָט אַמאָל אין איר פריער יוגנט געדינט אין הויף — זי, מיט די שיינע קופּער־רויטע האָר, זי איז שטאַרק אריינגעטון אין האַנדל.

— איך וואָלט נישט געקאָנט קויפן די קאַם? — זאָגט זי.

— צו וואָס דאַרפסטו עס? — פרעגט קאָרנעליוס, — דאָס איז אַ געלע קאַם, זי וועט דיר נישט קליידן.

— יאָ, אָבער זי האָט אַ רויטן שטיין.

קאָרנעליוס האָט אוועקגעלייגט די קאַם.

— אויב אַזוי, וויל זי טעאָדאָר עמעצן שענקען? — האָט דאַווערדאַנאַ געזאָגט.

טעאָדאָר האָט עס אויסגעהערט, און זיין פּנים האָט זיך געביטן. אפשר וויל ער ווייזן, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, און אַז אַ האָר־קעמל איז פאַר אים אַ זאַך פון אַ קנאַפּער באַדייטונג; און אפשר האָט ער מורא געהאַט פאַר דאַווערדאַנאַס צינגל, ווייל זי, איז טיילמאָל געווען פונקט אַזוי אומגעצוימט, ווי איר ברודער יוליוס.

— יאָ, יאָ, גיב איר די קאַם. — האָט ער אויסגערופן.

אָט אַזוי האָט דאַווערדאַנאַ איינגעהאַנדלט די קאַם מיטן רויטן גלאָז־פּערל.

— אונזער פירמע טוט אַלץ, כּדי צופרידנצושטעלן אירע קונדן. — האָט טעאָדאָר געזאָגט צו ווילאַצן. — מיר האַלטן, אַז דאָס איז דאָס בעסטע מיטל צו אַ לאַנגער עקזיסטענץ. און איך וואָלט

איך שטאַרק געבעטן, איר זאָלט זיך מישב זיין וועגן מיין בקשה. ווי איר זעט, איז עס אַן אמתע עוולה פונם אַדוואָקאַט ראש, אַוועקצוזעצן דאָ אַ קאָנקורענט און אונטערצוגראָבן מיין בליענדיקן האַנדל.

טעאָדאָר האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן. עטלעכע יונגע מיידלעך האָבן זיך געדונגען וועגן אַ געלער קלייד פון שווייצאַרישן זיידנס מיט שוואַרצע שלייפן און גאָלדענע פּראַנזן, אַן אמת פּראַכטפולע קלייד, אַ מחיה אָנצוקוקן, לופטיק און דין, ווי אַן איבערערדישער מלבוש פון זייד-פּאַפּיר, אָבער דאָך צום טאָגטעגלעכן געברויך. אַ מיידל, וואָס האָט מחמת ציין-ווייטיק געטראָגן אַ וואָלענע טוך אַרום דעם מויל, האָט דווקא געוואָלט קויפן די מציאה; אָבער די אַנדערע האָבן איר דערפון אָפּגערעדט, ווייל דאָס קלייד איז געווען שרעקלעך טייער און דערצו, וואָס אַן אמת, אַביסל צו עלעגאַנט.

— ווי מיינסטו, פלאָרינאַ?

אָבער פלאָרינאַ האָט געהאַט וועגן דעם איר אייגענע מיינונג, און וואָס שייך דעם פּרייז, האָט זי נישט געמאַכט קיין סוד, אַז זי איז ביכולת צו באַצאָלן אַפילו מער. זי האָט אַראָפּגערוקט פון מויל די וואָלענע טוך און געפרעגט:

— ווען טראָגט מען, אייגנטלעך, אַזאַ מלבוש?

קאָרנעליוס האָט זיך צעלאַכט. ווען מען טראָגט אַזאַ מלבוש? אוודאי איז עס נישט קיין נאַכט-העמד, אַ געל-זיידענער מלבוש איז, פאַרשטייט זיך, אויף זומער, אויב די ווינטערדיקע מלבושים זענען צו וואַרעם; און דער דאָזיקער בגד איז פון אַ גאַנץ אַנדער שניט, ווי די קליידער פון די אַנדערע דאַמען.

— נישט דאָס פרעגט זי! — האָט טעאָדאָר מיט אַ וויכטיקער מינע זיך אָנגערופן, — איך מיין, אַז דו ווילסט וויסן, ווען דו קאָנסט עס טראָגן, פלאָרינאַ! נו, דו קאָנסט עס טראָגן צו יעדער צייט, אַבי נישט צום אָונט-מאָל, ווען דו מוזסט זיין אָנגעטון אין שוואַרצן. אָבער אַזוי קאָנסטו עס טראָגן צו יעדער צייט, דאָס איז אַן עלעגאַנטע זאַך, און דו ביסט די איינציקע אין דער געגנט, וואָס האָט אַזאַ מאַנטל. — אָבער איר ווערט טאַקע באמת נישט אַריינגיין, הער האָלמסען?

סוף-כל-סוף ווערט ווילאַך אַרומגערינגלט פון די מענער ביים

וויין-טיש, און איינער נאָכן אַנדערן קומען זיי צו אים צו באַגריסן און צו געבן די האַנט. ווילאַק מוז בלייבן שטיין, און עס איז גוט, וואָס ער טראָגט גראָד הענטשקעס. זיי רעדן וועגן זיין טאַטן, אַ גרויסאַרטיקער הער געווען, אַביסל היציק, אָבער אין דער זעלבער רגע ווידער גוט — אַ הער. זיי פלעגן דעם הערן לייטענאַנט אָפט באַגריסן, און ער האָט שטענדיק געענטפערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ער פלעגט שטענדיק רייטן, און זיין פערד איז געווען ברוין, מיט אַ געלער גריווע. און זיין מאַמע, די גנעדיקע פרוי, האָט געזונגען אין דער קירך, אַזאַ געזאַנג האָט מען זינט דעמאָלט שוין מער נישט געהערט. און דאָס זעגלפּאָסער גוט, אָ, דאָרטן האָט מען געמעגט אַריינקומען און מען פלעגט יעדן איינציקן אַרויסהעלפן, יאָ, אַזוי איז עס געווען. און איצט האָט גאָט ביידן גערופן צו זיך...

— ווען מיר וואָלטן באַקומען אַ שטיק ערד פון געוועלב ביז צום שיפער-הויז, וואָלט געקומען אויף אונז אַ ישועה, — זאָגט טעאָדאָר.

— און איצט רוען זיי אין קבר, — זאָגן די מענער. — אָ, אָ, אַזוי קומט עס פאָר מיט אונז מענטשן. און איר אַליין, איר מאַטערט זיך אויך גענוג.

ווילאַק פאַרנויגט זיך פאַרן עולם און גייט אַרויס. ער האָט כמעט קיין וואָרט נישט גערעדט. און איצט לאָזט ער זיך גיין צו דער ציגל-פאַבריק מיט די צוויי צימערן, וואָס זענען געשטאַנען גרייט אים אויפצונעמען, אַ דאַנק אַ גרויסער טרחה. אָ, ער האָט נישט גע-האָט ברעה דאָ צו בלייבן און פון דער פּרי ביז דער נאַכט אַרומגיין ליידיק. ער האָט געוואָלט שאַפן עפּעס רעכטס! דעם אינסטרומענט האָט מען שוין געהאַט אַריבערגעטראָגן, זיינע קליידער האָט פּויליגע אויסגעפּאַקט פון די קופערס, די קלאַוויאַטור און דער טראַפּעז זענען נאָך געווען פון פאַריקן מאָל, אַלץ איז געווען אין אָרדנונג. אויף די ווענט זענען געהאַנגען ביקסן און רעוואָלווערן, ווענדקעס און מעסערס, זעלטענע מוזיק-אינסטרומענטן, פליייטן, קאַרינעס, מושלען מיט לעבער אינעווייניק, אַלערליי מושלען, אויף וועלכע מען האָט געקאָנט שפּילן. איצט האָט ווילאַק אַליין אַרויסגעפּאַקט זיינע איבעריקע זאַכן פון די קופערס, ער האָט מיטגעבראַכט די פאַרשידענע נעגל-בערשטלעך

און אַ דריי טוץ פּאָר זיידענע זאָקן און אַנדערע זאַכן, וואָס אַ, אויך בּדאַי געווען אָנצוטון. עטלעכע זאַכן פון אָניקס האָט ער געזאָלט אַוועקשטעלן אויפן טיש, אַ פלאַקאָן פון געלן אייז-גלאָז האָט דאָ נישט געפּאַסט און האָט געמוזט בּלייבּן שטיין אויף דער עטאַזשערקע. ער האָט אויך מיטגעבּראַכט מיט זיך צייכן-מכשירים, אַפּילו אַ פּענזל און פאַרבּן, פאַרוואָס טאַקע נישט? זיין מאַמע האָט אויך מסתמא געצייכנט, דאָס האָט געהערט אַהער. לסוף איז אַלץ געווען איינגעאָרדנט, יעדע זאַך איז געשטאַנען אויף איר אָרט, און ווילאַק האָט זיך אַריינגע-קליבּן אין די צימערן, די צוויי צימערן פון זיין טאַטן, ווו דער יונגער ווילאַק האָט געקאָנט שפּילן און קאָמפּאָנירן און אַרבּעטן, וויפיל זיין האַרץ האָט געגלוסט. און אויבּ ער וועט דאָ גאָרנישט אויפטון, וועט ער שוין קיינמאָל גאָרנישט אויפטון.

VIII,

קאַטערינע פון סאַגוויקאַ האָט עפּעס איבּערגעלעבּט. איינמאָל האָט זי געזען, ווי אַ פרעמדע פּאָר סראָקעס זענען אַרומגעפלויגן אַרום אירע אַלטע בּעריאָזע-בּוימער. זיי האָבּן אַרומגעפלאַטערט, גע-פלוידערט, אויסגעקליבּן זיך אַ בּוים און מיט דער גרעסטער אײַלעניש גענומען בּויען זיך אויף אים אַ נעסט. אָבּער עס איז שוין געווען אַזוי שפּעט, אַז אַנדערע סראָקעס האָבּן שוין לאַנג פאַרטיק געמאַכט זייערע נעסטן און אויסגעבּריט זייערע אייער. וואָס זשע זאָל עס בּאַ-דייטן? קאַטערינע האָט געהערט וועגן לאַרס מאַנועלסענס סראָקעס, אַז זייערע קינדער זענען פאַרטיליקט געוואָרן און זיי זענען געבּליבּן היימלאָז; זי וועט, פאַרשטייט זיך, דער וואַנדערנדיקער פּאָר סראָקעס נישט אָפּזאָגן קיין דאַך איבּערן קאָפּ אויף איינער פון אירע בּעריאָזעס, אַלץ איינס צו וועלכער נאַציע זיי געהערן. זי האָט איבּערגעשמועסט וועגן דעם מיט בּערטעלן, אָבּער בּערטעל איז נישט געווען אַזוי שטאַרק אַנטציקט, אַריינצונעמען צו זיך עפּעס ווילד-פרעמדע סראָקעס, בּפרט ווען זיי האָבּן שוין פריער געהאַט אַ נעסט; אָבּער ער האָט זיך אַביסל בּאַרויקט, ווען די סראָקעס האָבּן מיט אומגלויבּלעכער אײַלעניש געלייגט אייער און בּאַקומען עופהלעך און זיך בּאמת דערפילט היימיש.

יאָ, זיי האָבן שוין אמאָל געהאַט אַ נעסט אין סאַגוויקאַ. דאָ האָבן די סראָקעס געקאָנט לעבן אין פרידן, און דאָס זעלבע פּאָרל פלעגט קומען יעדעס יאָר צוריק צו זייער נעסט. אויסגעריייניקט זי פון פאַרפוילטע צווייגן, אַריינגעלייגט נייע און געבליבן וווינען. כל זמן די קינדער זענען געווען אין דער היים, דער קליינער גאָטפרעד און די קליינע פּוילינע, איז געווען פאַר זיי אַן אָמתער פאַרגעניגן צו האָבן אַרום זיך די סראָקעס מיט זייער פרישן, פרייליכן לעבן, און האַרבסט־צייט בעתן שעכטן בהמות, האָט זיך זיי זייער געוואָלט אָבסערווירן די סיורא, וואָס איז אַרומגעפלויגן איבערן פעלד מיט אַ לאַנגער קישקע.

אָבער דאָס איז געווען אַמאָל.

— און איצט איז גאַנץ אַנדערש, ווען מיר גייען אַריינגעמען צו זיך לאַרס מאַנועלסענס סראָקעס, — האָט בערטל געזאָגט. — איך רעכן זיי היינט צו פאַרמיליקן — האָט ער געזאָגט.

קאַטערינע איז געזעסן אין דער זייט און, ווי שטענדיק, געניית זעק פאַר דער מיל. זי האָט אויפגעבראַכט אַ קוק געטון אויף בערטעלן; זי האָט אים זייער זעלטן געזען אַזוי אויפגערעגט.

— און ווו איז ערגעץ אַהינגעקומען די זייף? — האָט בערטעל נאָך אַלץ בייז געפרעגט.

אַך, אָט דאָ האָט זיך קאַטערינע געמוזט מודה זיין, אַז זי האָט די שטיק זייף געלאָזט ליגן ביים טייך, און ווען זי איז ווידער געקומען עס נעמען, איז עס שוין נישט געווען.

— הם! — האָט בערטל געזאָגט, כמעט קריצנדיק מיט די ציין. — די סיוריא האָט עס צוגעלקחנט. יאָ, דו האָסט געקריגן אַ פּאָר פיינע סראָקעס, און איך גיי שוין נעמען אַ מעסער, — האָט ער געזאָגט.

— אַך, וואָס רעדסטו! — האָט קאַטערינע געזאָגט.

— וואָס איך רעד! איך קום פון דער אַרבעט אַהיים און וויל זיך אַרומוואַשן, — אָט האָסטו דיר, די סיורא האָט גאָר צוגענומען די זייף.

בערטעל גייט אַרום אָנגעבלאָזן אויף זיין אַלטער ווייב און ער זאָגט:

— אין אפשר קענסטו מיר זאָגן, וואָס ווערט דאָרטן מאַכן די־

סיורא מיטן זייף? זי פּרעסט עס אויף? אָדער זי באַנוצט עס פאַר אַ קישן צום קאָפּ?

און אַזוי ווי בערטעל איז נישט געווען קיין זויבערער מענטש, נאָר פאַרקערט, אַ האַריקער, בערדיקער מאַן, דעריבער זענען ביי אים די ווערטער אַרויסגעקומען פון מויל זייער ערנסט. אָבער די פרוי האָט פאַרלוירן דעם צוטרויען; זי האָט ווידער אַ קוק געטון אויף אים, און ווען בערטעל האָט געמוזט אָפּווענדן זיין בליק, איז זי פּלוצלונג געוואָרן זיכער, אַז די זאַך איז אַ געוווּנענע. זי האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו לאַכן, יאָ, זי האָט אַזוי געלאַכט, אַז זי האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן און אָן אויפהער איבערגעחזרט:

— אַ קישן צום קאָפּ, אַ קישן צום קאָפּ!

אָבער בערטעל האָט אַ ברום געטון, זיך געלאָזט גיין צו דער טיר און איז באַלד צוריק נישט געקומען.

גאָט אין הימל, וואָס פאַר אַ וויציקער מענטש בערטעל איז געוואָרן לעצטנס! און דאָס איז זיכער געקומען דערפון, וואָס ער האָט געהאַט אַ פעסטע אַרבעט, אַ פיינע פּרנסה און אַ גוט לעבן. קודם כּל איז עס אָבער געקומען דערפון, וואָס די קינדער איז געגאַנגען גוט, און זיי זענען געוואָרן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

און אָט איז פּוילינע נאָך איר אַרבעטס-טאָג געקומען פון הויף אַ ביסל אַ שמועס טון. זי האָט איבערגעגעבן, אַז אין שיפער-הויז האָט מען אין אָוונט געטאַנצט; אָבער דאָס שיפער-הויז איז שוין מער נישט קיין שיפער-הויז, נאָר אַ טעאַטער און אַ פאַרווײַלונגס-לאָקאַל, און איצט וועט מען דאָרט כּסדר טאַנצן. טעאַדאָר האָט געוואָלט מאַכן דאָס הויז פאַר אַ פאַרווײַלונגס-אָרט, ער האָט אַפילו אַרויפגעצויגן אַ פלאַג, און זי פלאַטערט דאָרט אויבן אַ גאַנצן טאָג. נאַטירלעך, האָט די מאַמע דערציילט וועגן דער שטיק זייף, און איצט האָט בערטעל אַליין געלאַכט דערפון.

ווען פּוילינע איז אין אַ ווײַלע אַרום געגאַנגען אַהיים, האָבן זי באַגעגנט בחורים און מיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען טאַנצן. און פלאָרינע אין איר געל-זיידענעם מאַנטל איז אויך געווען: מיט איר איז געגאַנגען נילס פון ווערטא, און מאַרציליוס, וואָס האָט איצט ווידער געדינט ביים הער האָלמענגראַא, איז געווען אין דער באַגלייטונג פון דעם טאָג-אַרבעטער קאָנראַד.

— דו גייסט נישט מיט ,אונז טאנצן, פּױלינע? — האָבן זיי געפרעגט.

— ניין, — האָט פּױלינע געענטפערט.

— אָך, דו ביסט געוואָרן אַזוי גרויסאַרטיק. — האָבן זיי זיך לאַכנדיק אָנגערופן. — דו מיינסט, אַז ווילאַק קאָן זיך אַ שעה אָן דיר נישט באַגיין? — האָבן זיי צוגעגעבן.

אַזוי איז עס נישט געווען, ווילאַק האָט איר אַליין פאָרגעלעגט צו גיין טאַנצן, ווען ער האָט דערפון געהערט.

— אָבער דאָס האָט הער ווילאַק מסתמא געזאָגט אין שפּאַס, — האָט זיך אָנגערופן פרוי ראַש, — ווייל עס פּאַסט נישט צו גיין סתם אַזוי טאַנצן, ווען מען איז אַ ווירטין אין זעגלפאַס און מען האָט אַזאַ ברודער, ווי גאָטפרעד דער טעלעגראַפיסט. עפּעס אַנדערש, ווען מען שפּילט טעאַטער. דעמאָלט קאָנסטו גיין. ווייל איך מיט ראַשן גייען אויך; און דאָקטאָר מואוס און עטלעכע פון דער פּאַראַפיע און אפשר אויך הער ווילאַק.

פרוי ראַש האָט נאָך ,איצט אויך באַלערנט איר אַמאָליקע שילערין, און דאָס איז פאַר דער קליינער פּױלינע געווען זייער גוצלעך.

די גאַנצע נאַכט האָבן זיך מענטשן אַרומגעשלעפּט אויפן ברייטן וועג אַהין און צוריק. ווילאַק איז געווען אויבן אין זיין שלאָף-צימער און האָט געזען, ווי זיי גייען פאַרביי, בחורים און מיידלעך, פאַרליבטע פּאָרלעך צוזאַמען מיט זייערע קאָנקורענטן, אַלע זענען געגאַנגען אויפן וועג צום טאַנץ-זאַל, אָדער צוריק. טיילמאָל האָט ער געהערט געשרייען, האַסטיקע אויסרופן, ווילאַק האָט זיך נישט געקאָנט דער-מאַנען, צי ער האָט אויך אין די צייטן פון זיינע עלטערן געהערט אַזעלכע געשרייען אויפן וועג. אויפן צווייטן טאָג האָט דער קנעכט מאַרטין געקאָנט דערציילן וועגן אַ געשלעג צווישן די בחורים און אַ פּאָר מיל-אַרבעטער, וואָס איינער פון זיי האָט געוואָרפן שטיינער. דאָס מיידל האָט געהייסן פּאַלעסטינאַ, מען האָט געבראַנגט צו פירן דעם וואָיט פון אורא; ווען ער איז געקומען, דער אַלטער פאַרשול-דיקטער פריץ, וואָס אין קאָפּ זענען אים געלעגן גאָר אַנדערע זאַכן, האָט ער געמאַכט שלום צווישן די יונגען, אין געבראַכט דערצו, זיי זאָלן זיך איבערבעטן; און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט

באַאומרויקן דעם עולם אין מיטן דער נאַכט, איז ער אַרומגעגאַנגען ביז אינדערפרי אין דרויסן און נישט אָנגעקלאַפּט צו קיינעם וועגן איבערנעכטיקן. ערשט אינדערפרי האָט ער זיך געלאָזט גיין צום אַדוואָקאַט.

ער האָט געבראַכט מיט זיך געלט, וויפל ער איז נאָר געווען בכוח צונויפצושאַרן, דער אַדוואָקאַט וועט דאָך זיכער האָבן איינזען און נישט פאַרלאַנגען קיין אומטעגלעכע זאַכן, דער וואָיט איז דאָך געווען אויף זיין חתונה. ער האָט אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס היטל מיטן גאָלדענעם פּאַס און איז געבליבן שטיין. און אַדוואָקאַט ראַש איז, משמעות, צוליב דער דאָזיקער הכנעה געוואָרן נאָכגיביקער. אַדוואָקאַט ראַש איז נישט געווען קיין אוממענטש, בעת ער איז געווען פון אויבן.

— איך נעם אָן די דאָזיקע סומע, — האָט ער געזאָגט — אָבער פאַר דאָס איבעריקע מוזט איר באַצאָלן צינזן.

—יאָ, — האָט דער וואָיט געענטפערט.

— גלייכצייטיק מוז איך אייך אָבער זאָגן, אַז איך בין נישט די באַנק, און די באַנק גיט אייך אַ חודש צייט, אָפּצוגעבן דעם חוב.

— יאָ, איך דאַנק אייך.

אַדוואָקאַט ראַש איז געזעסן ברייט אין זיין שטול, און דער וואָיט איז געשטאַנען. אָבער אַדוואָקאַט ראַש האָט באַמערקט זיין הכנעה, ער איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— קומט מיט מיר אויף פרישטיק, וואָיט! איר זענט געוויס הונגעריק.

און די הערן זענען אַריין עסן פרישטיק, אָבער ווען דער וואָיט האָט באַקומען קאַווע און איז געקומען אַביסל צו זיך, איז ער געוואָרן אַביסל חוצפּהדיק, ער האָט רויק און גלייכצייטיק העפלעך גערעדט מיט מאַדאַם ראַש.

— ווען איך בין געווען אויף אייער חתונה, — האָט ער געזאָגט.

הא, ער האָט שוין מסתמא פאַרגעסן זיין פריערדיקע הכנעה? אַדוואָקאַט ראַש האָט געזאָגט:

— כּדי איך זאָל נישט פאַרגעסן; ווען דער קאַסע-רעוויזאָר וועט קומען באַזוכן די קאַסע, וואָיט, וואָס וועט דעמאָלט זיין? איר האָט וועגן דעם אַ טראַכט געטון?

אך, דער וואָס האָט אין די לעצטע צייטן וועגן קיין אַנדערע זאַכן גאָר נישט געטראַכט, אָבער דאָך איז ער געווען איבער־ראַשט פון זיין גראָבער שאלה; און ווידער האָט עס פרוי ראָש נישט באַמערקט. זי האָט באַלד דערלאַנגט דעם וויאָט נאָכאַמאָל קאַוו.

— דער קאַסע־רעוויזאָר איז שוין ביי מיר פריער אויך געווען, — האָט ער געזאָגט.

— און ער האָט געפונען די קאַסע אין אָרדנונג? נו, אויב אַזוי... און איך האָף, אַז אויך דאָסמאָל וועט ער קיין טענות נישט האָבן, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט מיט קרענקונג — ווי געזאָגט, קאָן די באַנק וואַרטן נאָר איין חודש, נישט מער.

דער אַלטער וויאָט פון אורא איז, אַגב, געווען אַ מענטש, אַ ביסל אַ צו זאָרגלאָזער, דאָס איז דער אַדוואָקאַט געווען גערעכט. ער וואָלט זיינע פאַרשיידענע קאַסעס געהאַלטן אין אָרדנונג, ווען ער זאָל זיך בעסער פאַרשטיין אויף זיין פרנסה, און ווען ער קען אויסזויגן דעם עולם. פיל פון די הויפן און הייזער, וועלכע ער איז אין דעם דאָזיקן פאַרטיטאַג, אויפן וועג אהיים, פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער געקאָנט זייער גוט. עס האָבן דאָ געוווינט זיינע בעלי חובות, און ער האָט זייער גוט געוווסט, אַז ווען זיי וואָלטן געוואָלט, וואָלטן זיי אים געקאָנט ברענגען אַ שעפּס אָדער אַ ציג אַלס דעקונג פון זייער חוב; אָבער זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט. אָט אַזוי זענען די מענטשן געוואָרן. מען איז אים שוין פון לאַנג שולדיק געווען געלט; אָבער פריער האָבן זיי נישט געקאָנט באַצאָלן און איצט האָבן זיי נישט געוואָלט. דער האָלמענגראַא און זיין מיל האָבן זינט לאַנגע יאָרן געאַרבעט און אַריינגעבראַכט אין שטאָט מזומנים. אָבער דאָס געלט איז געווען צו באַוועגלעך, עס פלעגט שטענדיק פאַרשווינדן אויף פּערס טאָמבאַנק פאַר פּלערליי סחורות. די יוגנט האָט איצט אויסגעגעבן אויף קליידער און פאַפּיראָסן צען מאָל אַזוי פיל, ווי אַמאָל, און איז געוואָרן מאָדערן אין שלעכטן זין, אָבער די כאַראַקטער־בילדונג איז כסדר געגאַנגען אויף צוריק. און וואָס האָט ער געקאָנט טון? אך, ליבער גאָט, דער וויאָט וואָלט געקאָנט אויסזאַפּן דעם עולם, פאַרדינען געלט! יאָ, ער וואָלט געקאָנט גאַנץ אָפט באַשטראָפן דעם קרעמער טעאָראָר פאַר אומגעזעצלעכן מסחר און אַליין אַריינשטעקן אַ העלפט אין קעשענע!

דער וואָיט לאָזט זיך גיין צום שוסטער נילס, און נילס איז גראָד געווען אין דער היים, אָבער ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טון און ער האָט געפּטרט די צייט אויף אַ הילצערנעם שטול אָדער אין בעט. יאָ, דער אַלטער שוסטער איז אויך געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער צייט! אין לעצטן פרילינג האָט פּלוצלונג אַראָפּגערעגנט אויף אים פון הימל אַ ממון מיט געלט, און ווען עס קומט נישט גאָטפרעד פון טעלעגראַפן-אַמט און פאַרלאַנגט נישט פון אים אַ טייל געלט פאַר דער קאַסע פון טעלעגראַפן-אַמט, וואָלט דער שוסטער נילס געזעסן איצט אין אַמעריקע און דריי מאָל אין טאָג געקאָנט עסן פלייש. אָט אַזוי, ווי עס איז געגאַנגען, איז, פאַרשטייט זיך, פון דער רייזע קיין אַמעריקע גאָרנישט געוואָרן, און דער שוסטער האָט אָנגעהויבן זיך קויפן אַביסל בעסער עסן, כדי צו באַקומען אַביסל מאַרך אין זיינע ביינער. אַפילו דער אָרעמסטער קאָן עס אַמאָל דאַרפן. אָבער דאָס אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געוואָרן פאַרדאָרבן, און האָט זיך וואָס ווייטער גענויטיקט אין בעסערע מאכלים; איינס האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך דאָס אַנדערע, און איצט האָט ער גאָר געדאַרפט נישט אַנדערש, ווי שטאַרקערע קאַווע, און ער איז גאָר פּלוצלונג געוואָרן אַ מבין אויפן אויסלענדישן קעז פון טעאָדאָרס געוועלב. ער איז געווען אמת משוגע, ער איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן ווי אין אַ ווירבל-טאַנץ, ער האָט מער נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז אויך דעמאָלט, ווען פאַר אים האָבן נאָך קיין קאָנסערוון נישט עקזיסטירט, האָט ער ווי-עס-איז אויסגעהאַלטן. איצט האָט מען זיך פאַרגונען קלוסקעס מיט פיש אין מיטן זומער, מיט אויסגעצייכנטע פיש. נילס האָט זיך געמעגט לאָזן איבערן וואַסער אַ פּאָר הונדערט מעטער פון ברעג און שלעפּן די פיש פון ים אַרויס, שעלפיש און פלאָנדרעס, — אָבער צוואָס דאַרף מען עס? אין געוועלב זענען געווען פיש און קאָנסערוון, דעליקאַטעסן, וואָס זענען אַ דאַנק דעם ליגן אַ לאַנגע צייט געוואָרן געשמאַק אינם אייל, אַזוי צו זאָגן דרייף. דער שוסטער נילס האָט צוויי פּעריאָדן פון זיין לעבן דורכגעמאַכט אין דחקות, אָבער אין צופרידנקייט; איצט האָט אים די צייט באַשאָנקען מיט אירע חסדים און געמאַכט אים פאַר אַ קאַריקאַטור פון זיך אַליין, עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט מער נישט געמאָלט אַליין זיין קאַווע, נאָר געקויפט אין טוטלען

גוט איינגעפּאַקט און צעמאָלט. פאַרוואָס זאָל ער, צום טייוול, זיך זעצן אַליין מאָלן זיין קאַווע, ווען ער קאָן קויפן געמאָלענע קאַווע אין זילבער-פּאַפּיר מיט אַסאַך שטעמפּלען דערויף? אַזוי ווייט איז עס דערגאַנגען, עס האָט פּשוט געשריגן צום הימל. נילס האָט העלדיש געמאַכט אַ תּל פון דעם ביסל געלט.

— איך וואָלט דיך מיטגענומען מיט זיך אַהיים, — האָט דער וואָיט געזאָגט — ביי מיר קריכן שוין אַרויס די פינגער פון די שטיוול.

— מען קאָן קריגן אַלע סאָרטן שטיוול אין געוועלב — האָט נילס געענטפערט — און זיי זענען אַסאַך עלעגאַנטער.

— אָבער איך בין אַזוי אַלטמאָדיש, אַז איך האַלט דיינע שיך פאַר די בעסטע, נילס, — האָט דער וואָיט געזאָגט.

— איך זיַ שוין נישט אַזוי גוט, — האָט זיך נילס אָנגערופן.

— פּ… דער אַרבעט, וואָס איך דאַרף דיך האָבן, זעסטו נאָך גאַנץ גוט.

— ניין.

דער וואָיט האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט נילסן. ער האָט אים פּשוט נישט דערקענט. לויט זיין שטייגער, האָט ער גענומען רעדן צו אים הויך, רויק און פאַרשטענדלעך; אָבער דער שוסטער האָט נישט געוואָלט. לסוף האָט ער געזאָגט:

— און אויסערדעם פאַרקויף איך איצט בילעטן אין טעאַטער.

דאָ האָט זיך דער שוסטער איינגעקשנט און איז געבליבן ביי זיינס. ווען טעאָדאָר האָט אים פאָרגעלייגט צו פאַרקויפן בילעטן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט שוין אַרבעט אויף זיין גאַנץ לעבן, און אַז ער דאַרף שוין נישט פאַרשווענדן זיינע כּוחות אויף אַנדערע זאַכן. נעכטן אין אָוונט איז ער געזעסן ביי דער קאַסע און פאַרקויפט בילעטן אויף דער טאַנץ-פאַרווייַלונג; עס איז געווען גרויסאַרטיק, דער עולם איז געגאַנגען צו אים, ווי צו אַן אמתן סוחר; ער האָט אַרויסגעגעבן בילעטן און גענומען דערפאַר געלט, און היינט אינדערפרי, ביים אָפּגעבן די קאַסע, האָט טעאָדאָר אַ וואָרף געטון אויפן טיש צוויי קראָן און געזאָגט:

— אָט דאָ האָסטו פאַר דיין אַרבעט. און ווען מען וועט שפּילן טעאַטער, קאָנסטו ווידער קומען.

דעמאָלט איז טעאָדאָר געשווינט אוועקגעגאַנגען, ווייל ער האָט געהאַט אַסאַך אַרבעט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס טעאַטער האָט באמת געפאָדערט אַסאַך אַרבעט. אַ פּאָר מאָל זענען שוין געווען אַנאָנסן אין דער זעגלפּאָסער צייטונג, און מאָרגן האָט ווידער געזאָלט זיין; געדרוקטע פּלאַקאַטן זענען געהאָנגען אין געוועלב; די פלאַג האָט טאָג און נאַכט געפלאַטערט אויפן טעאַטער-בנין; מען האָט אָפּגעדרוקט רויטע, גרינע און ווייסע בילעטן, טעאָדאָר גופא האָט אויפגעמונטערט דעם עולם מיט פיינע ריידעלעך:

— הערט, היינט שפּילט מען „די גיפטיקע שלאַנג אין דער הייל", אַ טייערע זאַך, דאָס האָט פּאַרפּאַסט ביערנסאָן אָדער אַן אַנדערער, יעדנפאַלס איז עס אַן אויסגעצייכנט שטיק. און די גיפטיקע שלאַנג איז גאָר נישט קיין גיפטיקע שלאַנג, דאָס זאָלט איר נישט גלויבן, נאָר די גיפטיקע שלאַנג איז אַ מענטש, פּונקט ווי דו און ווי איך. איך האָב אויפגעבויט דאָס הויז, כדי מען זאָל עס קאָנען זען; אַלע מוזן קויפן בילעטן, מיר ווילן דאָך נישט בלייבן הינטער-שטעליק לגבי אַנדערע שטעט.

אָבער אין דער צייטונג האָט נאָך עפּעס געפעלט. עס זענען טאַקע געשטאַנען דאָרט די אַנאָנסן, אָבער עס האָט געפעלט דער קליינער, צוגרייטנדיקער אַרטיקל. טעאָדאָר איז אַוועק אין דער רעדאַקציע און געפרעגט, וואָס זאָל עס באַדייטן, צי אַנאָנסירט ער נישט שטענדיק זיין פירמע אין דעם בלאַט? דער רעדאַקטאָר האָט זיך דערפילט צוגעדריקט צו דער וואַנט; אַ קליין אַרטיקעלע, יאָ, יאָ, עס וועט זיין, אָבער עס איז נישט געווען. טעאָדאָר איז ווידער אַוועק אין דער רעדאַקציע.

— דאָס אַרטיקעלע, יאָ, אָבער דער אַדוואָקאַט האָט נישט קיין צייט עס אָנצושרייבן.

— דער אַדוואָקאַט האָט עס געזאָלט אָנשרייבן?

— יאָ.

און ער האָט געמיינט, אַז די אַקטיאָרן מוזן אים פריער אָפּגעבן אַ וויזיט.

טעאָדאָר איז מער נישט געקומען, ער האָט זיך געהאַלטן העכער פון דער מאַכט. ער האָט געקאָנט אויסלאַכן דעם רעדאַקטאָר, ער

האָט געקאָנט צוריקציִען די אַנאָנסן פון זיין פירמע אויף אייביק, ס'וועט גאָרנישט העלפן! אָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַדוואָקאַט ראַש איז דער אייגנטימער פון דער נייער צייטונג. זאָל־זשע דער טייוול נעמען דעם אַדוואָקאַט, וואָס כאַפּט אַריין אַלץ אין די הענט!

טעאָדאָר האָט פאַרביסן די ליפּן; ער איז געווען יונג און ער האָט נאָך פאַרמאָגט אַלע זיינע ציין, ער האָט אַלזאָ גוט געביסן. אויסער דעם איז ער בשום אופן נישט געווען אומבאַהאָלפן, און איין אויגנבליק איז אַ קליינע אידעע געקומען אין זיין היציקן קאָפּ; ער האָט געוווּסט וועגן עפּעס אַ מיידל מיט אַ וואָלענער טוך אויפן קאָפּ, דאָס מיידל האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון איר ביכל פון דער שפּאָר־קאַסע, אָבער פון וואַנעט האָט זי עס? עס יאָגט נישט, וואַרט נאָר, דער אַדוואָקאַט מעג שרייבן דעם אַרטיקל אָדער נישט, די ברירה איז ביי אים!

אייגנטלעך איז טעאָדאָרן די מעשה נישט געגאַנגען אַזוי שטאַרק אין לעבן; ער האָט פאַרדונגען דעם לאָקאַל און אָפּגענומען דערפאַר אַפּצאָל, ער איז אַליין געווען פאַראינטערעסירט. עס איז לכל הדעות געווען צום גלייכסטן צו לעבן מיטן בלאַט בשלום צוליב די שפּעטערדיקע טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

די אַקטיאָרן זענען אָנגעקומען, טעאָדאָר האָט אַרויסגעהאָנגען די פלאַג. די טרופּע האָט זיך אַריינגעצויגן אין האָטעל לאַרסען, זאַלבע־זיבעט; יונגע און אַלטע, איין פּרימאַדאָנע, איין דירעקטאָר, איין קאַסירער. יוליוס האָט געוואָלט וויזן, אַז די דאָזיקע איידעלע געזעלשאַפט איז געקומען צו פיינע מענטשן, אין אַ באַוווּסטע שטוב. דאָס בילד פון זיין ברודער ל. לאַסען איז געוואָרן איינגערעמלט און אויפגעהאָנגען אין סאַלאָן. גיט נאָר אַ קוק, עס האָט זיך גראָד געמאַכט גוט, וואָס זיין בילד איז אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג פון דער ליטעראַנער געזעלשאַפט, און דער פּאַסטאָר האָט באַלד אַריינגעשיקט צו זיין משפחה אַן עקזעמפּלאַר מיט זיין אונטערשריפט. און אָט איז עס געהאָנגען אונטער אַ גלאָז און אונטער אַ ראַם, דער פּאַסטאָר האָט געטראָגן אויף זיך זיין טאָגע און דעם פּריז, די אַקטיאָרן האָבן באַטראַכט דאָס בילד, און לאַרס מאַנועלסען, וואָס האָט געבראַכט די פּעק, האָט געזאָגט, ווי אַלעמאָל:

— דאָס איז מיין זון.

— או וואַ! — האָט אויסגערופן איינער פון די אַקטיאָרן.

און ווען די אַנדערע האָבן דערהערט דעם דאָזיקן אויסרוף, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און געביסן זיך די פינגער, און די דאַמען האָבן געביסן זייערע טאַשן-טיכלעך. זיי האָבן זיך געהאַלטן זייער פיין.

— איר האָט געהערט פון לאַסען? — האָט לאַרס מאַנועלסען געפרעגט.

— יאָ, יאָ, נאַטירלעך, ווער האָט עס פון אים נישט געהערט? אַ קליינינקייט, לאַסען!

דערנאָך זענען די אַקטיאָרן אַרויס. זייער גאַנג, זייערע קליידער און זייער גאַנצער הילוך איז געווען מאָדנע אויסטערליש פאַר די מענטשן אויף דער ערד און פאַר די פויגל אונטערן הימל. די הערן האָבן געטראָגן זייערע היט אויף אַ זייט קאָפּ, זיי האָבן זיך אונטער-געזונגען עפּעס אַ לידל פון גרויס זאַטקייט און מונטערקייט, יאָ, און דער דירעקטאָר האָט געטראָגן אַ רויט-גרינעם שניפּס און ער האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ ליכטיקייט פון פיינע מאַנירן און וועלט-לעבקייט. איינער פון זיי האָט געזונגען:

„— — — מיט זיין האָריקער לאַפּע

און מיט בראָנפן-פייער אין זיין מויל".

נאָר לוסטיק-פריילעך און ווייטער גאָרנישט. לעבעדיק, מוטיק און פריילעך! זעגלפּאַס האָט דערשטוינט אָנגעקוקט די דאָזיקע חברה.

אָבער די פּרימאַדאָנע איז נישט געווען שענער, ווי די איבעריקע צוויי דאַמען. פּאַרקערט, אַ הויך, ברוין מיידל, מיט אַ טיפער שטים, איז געווען די שענסטע פון אַלע; ווי אַ שטאָלצע קעניגן איז זי אַריין אַהער, מיט אַן עטוואָס אויפגעהויבן קלייד, און די אונטערקלייד האָט געהאַט אונטן זיידענע שפּיצן, וואָס האָבן געשאָרכט. אויפן פּלאַקאַט האָט זי געהייסן פריילן סיבילע ענגעל, דאָס איז געווען איר קינסטלערישער נאָמען, און זי איז געווען די שענסטע פון אַלע. אָבער די פּרימאַדאָנע איז ווידער געווען אַסאַך שענער אין אַן אַנדער זין, אין דער קונסט, אין דער גרויסער סצענישער קונסט, און דאָס איז געווען דער עיקר. זי האָט געטראָגן אַן אומגעהויער גרויסן הוט און האָט געהייסן פרוי לידיאַ, נישט מער. יאָ, יאָ, די פּרימאַדאָנע איז, אַגב, אויך געווען הויך און שיין.

קודם־כל האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין געוועלב אריין,

— דאָ וווינט עס דער הער יענסען?

פול מיט דאנקבארקייט זענען זיי אריין אין געוועלב. אזוי ווי זיי זענען געווען אין א גרויסער צאָל, האָט טעאָדאָר נישט געקאָנט איפהויבן פאר זיי די קלאפע, אָבער ער האָט אראָפגענומען דעם הוט און איז געווען זייער העפלעך. זיי האָבן אים פשוט נישט געוואוסט ווי אָפצודאנקען פאר זיין הילף, און זיי האָבן געפרעגט, ווי אלץ איז צוגעגאנגען, צי אלץ איז אין אָרדנונג? אזוי, קיין שום מעלדונג? און די ציימונג גייט ערשט ארוים נאָכמיטאָג? אָך יאָ, אויב אזוי מוזן זיי דאָך גיין צום אדוואָקאט, צום דאָזיקן פארשאָלטענעם אדוואָקאט, וואָס הייסט, דאכט זיך, ראש. די פרימאדאָנע און דער דירעקטאָר זענען אוועק, ביני לביני זענען די איבעריקע פון דער טרופע אוועק מיט טעאָדאָרן אין טעאטער אריין.

— עס הענגט דאָ א פלאג, פארוואָס הענגט זי? — האָבן זיי געפרעגט.

— פאר אייערטוועגן, צוליב דער פאָרשטעלונג — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— זאָלן מיר אייך נאָכאמאָל דאנקען? — האָבן זיי געזאָגט.

טעאָדאָר איז נישט געוועזן קיין פחדן, ער איז געווען א טיפּ־טיקער מענטש און געמאכט א גוטן איינדרוק. די שלייפן אויף זיינע שיך האָבן אפשר אויך געהאָט זייער באדייטונג; אָבער די גרויסע גאָלדענע צוואָנציק־קראָן־מטבע, וואָס איז געזעסן אין זיין שניפּס, האָט געהאָט מסתמא נאָך א גרעסערע באדייטונג.

— אונזער פירמע. — האָט ער געזאָגט.

— דאָס, וואָס איר זעט דאָ אויף דרויסן, דאָס איז מיין יאכט און מיינע פיש. — האָט ער געזאָגט.

— אָך גאָט, כ'האָב זיך ווידער אָפּגעטרעטן א פוס! — האָט געיאָמערט פרייליין סיבילע ענגעל און אָנגעכאפּט טעאָדאָרן פארן אָרעם. — איך בעט אייך, דערלאנגט מיר אייער אָרעם. — האָט זי געבעטן.

טעאָדאָר האָט נאָך קיינמאָל נישט דערלאנגט קיין דאמע זיין אָרעם און ער האָט פשוט נישט געוואוסט, ווי מען טוט עס; אָבער די

דאַמע סיבילִיע האָט געמאַכט אַ קליינע באַוועגונג און געבראַכט אַלץ אין אָרדנונג.

— דאָס איז אַ שלעכטער וועג, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַנטשולדיקונג — אָבער ער וועט ווערן אויסגעבעסערט.

— דער וועג איז אין דעם נישט שולדיק — האָט סיבילִיע געזאָגט.

די איבעריקע האָבן זיך נישט באַקלאָגט, נאָר זיי האָבן געלאַכט, וואָס די פרײַלין סיבילִיע — בעת ס'איז איר נויטיק — טרעט זיך אַליין אָן אויפן פוס, איינמאָל און נאָכאַמאָל, כּדי זיך אָנצוכאַפּן אָן אימעצנס אָן אָרעם.

זיי זענען אַרויף אויף די טרעפּ. דער שוסטער נילס איז געזעסן אין דער בודקע. ער האָט געמאַכט אַ פּרוּוו, צי אַלץ וועט גיין כּשורה.

— דאָס איז דער בילעטן-פאַרקויפער, — האָט טעאָדאָר געזאָגט — אָבער היינט איז נישט קיין פאָרשטעלונג, נילס.

— ניין, איך בין נאָר אַזוי אַריינגעגאַנגען.

— דו האָסט די בילעטן אין שאַנק? יאָ, זאָל זיך נאָר דאָ אַריינקריגן אָן איינברעכער, — האָט טעאָדאָר געזאָגט און אויסגעזען בשעת-מעשה זייער ווייטיק. — דו האָסט פאַרשטאַנען, נילס? די רויטע בילעטן צו אַנדערהאַלבן קראָן, די גרינע — צו איין קראָן און די ווייסע צו פינף און זיבעציק. און גיב נישט אַמאָל קיין צוויי פאַר איינעם.

זיי זענען אַריין אין זאַל.

— גרויסאַרטיק! — האָבן געזאָגט די קינסטלער. — די בינע איז גענוג הויך, די רייען בענק, די ווענט, אַלץ אַרום און אַרום איז ווי עס דאַרף צו זיין, איר עהאָט געהאַט, משמעות, פּעיקע מענטשן, הער יענסען! און הינטער דר בינע צוויי זאַלן! אַך, גאָט, הער יענסען, איר זענט אַ הערלעכער מענטש. איך וועל אייך ליב האָבן ביזן קבר! צוויי זאַלן! מיר מוזן זיך צופרידנשטעלן כּמעט אומעטום מיט איין פאָרהאַנג. און איר קאָנט גאָרנישט וויסן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָבן פאַר אונז צוויי זאַלן, און לאָמפּן, רעפלעקטאָרן, איך פאַרשטיי גאָרנישט, ווו איר האָט עס אַלץ געקראָגן! נו, אויב מיר וועלן דאָ נישט קאָנען שפּילן, וועלן מיר אין ערגעץ נישט קאָנען!

אלע האבן צוגעשטימט, און טעאָדאָר איז פון הנאה געוואָרן בריִיטער, ווי לענגער: יאָ, ער האָט געטון אלץ, וואָס מען האָט גע־קאָנט, און געמאַכט אלץ אויפן בעסטן אופן. די איינציקע זאַך איז אָט דאָ, ביי די זייטן, ווי הייכט עס דאָרט...

— קוליסן?

— קוליסן, יאָ. איך האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. אָט דאָס איז אפשר צו קליין. אָבער מיר וועלן עס מאַכן. און דער עיקר די דעקאָראַציעס. עס איז גוט, וואָס אייער פיעסע קומט פאָר נאָר אין איין צימער.

— איר קאָנט די פיעסע?

טעאָדאָר האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— אָ יאָ. אַביסל. די גיפט־שלאַנג איז נישט קיין שלאַנג, נאָר אַ מענטש.

— אָבער נישט אלץ קומט פאָר אין איין צימער, — האָט געזאָגט איינער פון די אַקטיאָרן, וואָס האָט געהייסן מאַקס. עס איז אים אפשר נישט געווען צום הארצן, וואָס פריילין סיבילִיע האַלט אַזוי לאַנג דעם אָרעם פון אַ פרעמדן מאַן.

טעאָדאָר האָט זיך געכאַפּט:

— ניין, איך קאָן נישט די פיעסע, דאָס האָט מיר געזאָגט באַרדסען. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַ טייל פון דער שטיק קומט פאָר אויפן וועג פאַרן הויז. מיר האָבן דערצו דעם הינטערגרונט, אָט דאָ!

— אָט דעם? יאָ, ער איז אויסגעצייכנט. ווער איז באַרדסען?

— באַרדסען איז דער פאָרשטייער פון טעלעגראַפן־אַמט.

— מיר האָבן אַליין אויך מיטגעבראַכט עטלעכע דעקאָראַציעס, — האָט דער אַקטיאָר מאַקס ווידער גענומען דאָס וואָרט — און מיר וועלן זיך אַן עצה געבן דאָ, אַזוי גוט ווי אומעטום.

נאַטירלעך איז דער מענטש געווען אייפערזיכטיק.

אויפן וועג צוריק צום האָטעל האָבן זיי באַגעגנט די פרימאַדאָנע און דעם דירעקטאָר. זיי האָבן גערעדט מיטן אַדוואָקאַט ראַש און גע־פועלט ביי אים, אַז ער וועט דערמאָנען דעם רעדאַקטאָר וועגן אַ מעלדונג אין דער ציַיטונג. ער, דער אַדוואָקאַט, רעדאַגירט נישט אַליין די זעגלפאָסער ציַיטונג, אָ ניין, נאָר ער וועט עס זאָגן דעם רעדאַקטאָר.

דערנאָך זענען די אַקטיאָרן אַוועק צוזאַמען צוריק אין טעאַטער, צו די ברעטער, צו זייער וועלט, כּדי זיי צו ווייזן די הערלעכקייטן, וועלכע זיי האָבן נאָך נישט געזען. טעאָדאָר איז מיטגעגאַנגען. עס האָבן זיך נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די זעלבע ליוב-ווערטער, און ער האָט געענטפערט:

— איך האָב געטון, וואָס כ'האָב געקאָנט!

אָבער די צוויי, וואָס זענען געווען ביים אַדוואָקאַט, האָבן זיך פּלוצלינג נאָכגעפרעגט אויף באַרדסענען און געזאָגט, צי ס'וואָלט נישט געווען כּדאַי אויך צו באַזוכן דעם אויפזעער באַרדסען און אים דאַנקען? אָ יאָ, טעאָדאָר האָט נישט קעגן דעם. באַרדסען? אדרבה, ער איז אים געווען באַהילפיק; ער גופא, טעאָדאָר, האָט נישט שטענדיק געהאַט גענוג צייט אַליין צו זיין בעתן בויען.

אָט דער ביזוויליקער אַדוואָקאַט!

דערנאָך זענען זיי אַוועק אַהיים; אָבער טעאָדאָר האָט שוין מער נישט געקוואָלן פון שטאָלץ. די אַנדערע האָבן עס באַמערקט, אָ, זיי האָבן עס גוט באַמערקט, און כּדי עס צו פאַרריכטן, האָבן זיי באַגלייט דעם הער טעאָדאָר אַהיים, ביז צו זיין געוועלב. סיביליע האָט זיך אָנגעהאָנגען אָן זיין אָרעם און ענערגיש צוגעהינקט. אָבער זעט נאָר, אין געוועלב איז געשטאַנען דער טעלעגראַפיסט און גע־קויפט אַ קליין פּעקעלע טאַבאַק — יאָ, דאָ איז געשטאַנען באַרדסען גופא!

אָט מיט אַזעלכע צופאַלן און שפּיצלעך איז פול דאָס לעבן!

ער איז געשטאַנען ביים טאָמבאַנק און אַרויסגענומען פון זיין װעסטל-קעשענע אַ פּאָר קליינע מטבעות, וועלכע ער האָט אַוועקגע־לייגט אויפן טיש; טעאָדאָר האָט זיך אָנגערופן:

— די קינסטלער ווילן אייך דאַנקען, באַרדסען.

באַרדסען האָט זיך פאַמעלעך אויסגעדרייט אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט געקאָנט זען די געזעלשאַפט. די זיבן פרעמדע מענטשן, פול מיט לעבנס-לוסט, מיט די היט קרום אויף די קעפ און מיט די שאַרבנדיקע, זיידענע קליידער. דער דירעקטאָר איז צו נעענטער און גענומען דאָס וואָרט, נאָך אים זענען צוגעקומען די ביידע בכבודיקע דאַמען און לסוף די הערן; אַלע האָבן גערעדט און געשמייכלט

אין געדריקט באַרדסענען די האַנט. טעאָדאָר איז אַריין אין זיין קאַנטאָר. נאָר דאָ האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן איינע פון די אומ־וויכטיקסטע אַקטריסעס, וואָס האָט נאָך ביז איצט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

— אָבער פון וואַנען וועלן מיר נעמען דעם קלאַוויר?

אַ טויטע שטילקייט. דעם קלאַוויר האָט מען פאַרגעסן.

— ביסט גערעכט, קלאַרע, — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט.

ער האָט זיך אָנגערופן צו באַרדסענען:

— דאָס איז פרייליין קלאַרע, די פּיאַניסטין.

באַרדסען האָט אויף איר אַ קוק געטון, אויף איר יונג, היציק פּנים און אירע לאַנגע קלאַוויר־הענט מיט די בלויע אָדערן.

— די צייט איז געוועזן צו קורץ, — האָט באַרדסען געזאָגט. — אָבער הער טעאָדאָר וועט שוין שאַפן אַ קלאַוויר, איידער איר וועט קומען נאָכאַמאָל. ער טויג זיך דערצו.

אַ שאָטן איז אַריבער איבער פרייליין קלאַרעס פּנים. זי איז געוועזן אַן אומפאַרשטענדיקע דאַמע און האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז זי איז די אומוויכטיקסטע פון דער גאַנצער טרופּע. באַרדסען האָט גערעדט מיט איר אַביסל וועגן מוזיק, און ער האָט זיך דערוווּסט, ביי וועמען זי האָט זיך געלערנט, און אַז איינמאָל האָט מען באַשטימט פאַר איר אַ סטיפּענדיע. גיט נאָר אַ קוק! אַגב, איז זי אויך געוועזן אַן אַקטריסע, אפילו פון די ערשט־קלאַסיקע.

טעאָדאָר איז ווידער אַרויס פון קאַנטאָר און האָט געפאָכעט מיט אַ בריוו, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. אַ טיכטיקער מענטש, ווען ער וואָלט נאָר נישט געוועזן אַזאַ גראָבער־יונג! און אָט קומט ער אַרויס מיטן בריוו אין דער האַנט און לאָזט אַלעמען זען, אַז דער בריוו איז געשריבן צו פרייליין מאַריאַנע האָלמענגראַאַ. צי האָט ער געוואָלט דערמיט אימפּאָנירן דער טרופּע? אָבער די טרופּע האָט, משמעות, נישט געקאָנט בעסער דעם נאָמען האָלמענגראַאַ, ווי דעם נאָמען לאַסען; מען האָט ווידער גערעדט וועגן קלאַוויר, און טעאָדאָר האָט צוגעזאָגט ביזן צווייטן מאָל איינצושאַפן. דעמאָלט איז די טרופּע אַוועקגעגאַנגען.

— טראָג אַוועק דעם בריוו! — האָט טעאָדאָר געזאָגט צו זיין קליין שיק־יינגל, אָבער איצט איז שוין מער נישט געוועזן קיינער,

וועמען צו אימפּאָנירן, און פּונקט ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט, האָט ער זיך אָנגערופן צו באַרדסענען:

— איר טראַכט, מסתּמא, אַז עס איז מאָדנע, וואָס איך שרייב צו פרײלין האַלמענגראַא; עס איז אָבער נישט קיין בריוו, עס האַלט נישט דערביי, איך האָב איר נאָר געשיקט אַ בילעט.

— איר שיקט איר אַ בילעט? — האָט באַרדסען געפרעגט שמייכלענדיק.

— יאָ, שיקן אַ דאַמע אַ בילעט איז אָנגענומען אין אַנדערע שטעט אויך.

צי באַרדסען האָט געוואָלט שוינען דעם יונגנמאַנס נאַיווקייט, צי נישט — געשמייכלט האָט ער שוין נישט מער, ער האָט אים נאָר געבעטן אויפצוגעבן דעם דאָזיקן פּלאַן. אויב הער האַלמענגראַא אָדער זיין טאָכטער וועלן האָבן חשק צו קומען אויף דער פאָרשטעלונג, וועלן זיי צושיקן אַ שליח און הייסן קויפן בילעטן.

— זיי מעגן זיך עס פאַרגינען, ווי מיינט איר?

— עס איז, נאַטירלעך, אַ רוימער בילעט, אויפן בעסטן אָרט. — האָט טעאָדאָר געזאָגט, — איך האָב געמיינט, אַז מען קאָן אַזוי טון.

— טוט עס נישט. — האָט באַרדסען געראָטן. — נאָר אויב איר ווילט דווקא טון עפּעס וועגן דעם, גייט-זשע אַליין אַרויף מיט אַ געוויסער צאָל בילעטן און שטעלט זיך אַוועק אין קאָרידאָר און לייגט אַרויס אייער ענין, זאָגט דער פרײלין מאַריאַנע, אַז ס'איז פאַר אייך זייער וויכטיק, דער הער האַלמענגראַא זאָל זיך ווייזן אויף דער עפענונג פון אייער טעאַטער, און אַז איר וועט זיין זייער דאַנקבאַר, אויב די בילעטן וועלן ווערן אויסגענוצט.

— וויפל בילעטן זאָל איך מיטנעמען? — האָט טעאָדאָר געפרעגט.

— איך ווייס נישט, וויפל מענטשן זענען דאָרטן פאַראַן. נעמט מיט אַ האַלבע טוץ.

— ניין, דאָס וועל איך נישט טון. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

באַרדסען האָט ווידער אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— ריכטיק! איר זענט ביטרע, איר זענט שוין איינמאָל ביטרע. צומאָרגנס נאָך דער פּראָבע זענען די אַקטיאָרן געוואָרן פריי

ביזן אָוונט; זיי האָבן זיך ארומגעשלעפּט אין דרויסן, געוויזן זיך אויף דער ליכטיקער שיין און דערוועקט אין דעם עולם די נייגיריקייט צו דער פּיעסע. אין שמועס האָבן זיי געהערט וועגן וויללאַץ האַלמסען אין גוט, דעם פּריץ, וואָס פאַר זיין הויז שטייען זיילן, נאָר וואָס האָט נישט קיין באַרימטן נאָמען, אָבער די פּיאַניסטין האָט זיך אָנגעכאַפּט:

— האַלמסען? דער קאָמפּאָזיטאָר! גרויסער גאָט, דער מוזיקער האַלמסען? יאָ, ווען איך קאָן אים זען!

— און ווען איך קאָן אים אויך זען! — האָט געזאָגט דער קינסטלער מאַקס, וועלכער איז געווען אַ בייזער שפּאָטישער מענטש און האָט אַלעמען מקנא געווען.

— דו ביסט אַ מאַלפּע, מאַקס, — האָט פרייליין קלאַרע געזאָגט — ווילאַץ האַלמסען האָט שוין קאָמפּאָנירט זייער אַסאַך, אַ קאַנטאַטע, לידער, טענץ; ער איז אַ גרויסער מוזיקער, — האָט זי געזאָגט און זיך געריכט מיט ווילאַצן, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט אים געקענט פון הערן.

אָבער נאַטירלעך האָט פרייליין קלאַרע נישט געקאָנט רעדן מיט קיין מאַלפּעס וועגן מוזיק; זי האָט עס געזאָגט און זיך באַלד געלאָזט גיין אין טעלעגראַפן-אַמט צו באַרדסענען.

אָט אַזעלכע צופאַלן ברענגט דאָס לעבן!

באַרדסען איז געזעסן אין זיין ביוראָ און האָט אויסגעזען אימפּאָזאַנט, אָבער גינציק. ער איז אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט דער דאַמע דעם הילצערנעם שטול.

— מיר האָבן אויך אַ סאָפקע, — האָט ער געזאָגט — אָבער זי איז פאַרלייגט מיט פּאַפּירן. ביז אייער צווייטן באַזוך וועט זי ווערן אָפּגערוימט.

זיי האָבן גערעדט וועגן ווילאַץ האַלמסען. גאַנץ ריכטיק, ער וווינט דאָ, ער איז געקומען אַהיים, כדי צו אַרבעטן, און ער איז זיכער זייער באַשעפטיקט.

— ווי שיין עס וועט זיין, אויב ער וועט קומען היינט אין אָוונט.

— איר שפּילט אויך, פרייליין קלאַרע?

— גאָט מיינער, איך בין דאָך טאַקע די גיפּטיקע שלאַנג.

— איך האָב געגלויבט, אַז איר זענט דער מלאך.
— ניין, דעם מלאך שפּילט די פּרימאַדאָנע.
— אָבער איר פאַרמאָגט די ריכטיקע אויגן דערצו. דעם הימלישן קאַראַט אין די אויגן.
— איר מיינט עס באמת? — האָט פרייל׳ין קלאַרע געזאָגט דערפרייט.

צום ערשטן מאָל האָט מען וועגן זיך אַזוי פיל נישט גערעדט. דער קליינער גאָטפרעד איז געווען איבעריק און האָט זיך געהאַלטן אין הינטערגרונט. אָבער דער פרייל׳ין קלאַרע איז אויפּפאַלנד געוואָרן די פּראַכטפולע שפּראַך פון דעם טעלעגראַפיסט, און זי האָט אים געזאָגט מיט אָנערקענונג:

— אייער שפּראַך איז אויסערגעוויינלעך, הער באַרדסען, דער הימלישער קאַראַט, אַזאַ שפּראַך הערט מען נישט צווישן אונז. איך וויים נישט, נאָר מסתמא ווירקט עס אויך, וואָס איר מאַכט אַזאַ גרויסאַרטיקן איינדרוק.

מערקווירדיק, — דער גוטער טעלעגראַפיסט, וואָס איז שוין געווען אָפּגעלעבט און געטרונקען און פילאָזאָפירט און געקוקט אויפן לעבן פון אויבן אַראָפּ, ער האָט שוין מער נישט געקוקט איצט פון אויבן אַראָפּ, נאָר ער איז באמת אַביסל באַאיינפלוסט געוואָרן פון פרייל׳ין קלאַרעס ליב-ווערטער. לסוף האָט ער אַליין גענומען רעדן מיט איר וועגן מוזיק, יאָ, ער האָט אַפילו גענומען זיין וויאָלאָנטשעל און געשפּילט. נאָך קיינמאָל האָט זיך באַרדסען נישט באַנומען אַזוי נאַריש. און דער קליינער גאָטפרעד האָט אים אָנגעקוקט העכסט פאַרוווּנדערט. און ווי האָט עפּעס באַרדסען היינט געשפּילט? גאָטפרעד האָט געזען, ווי באַרדסענס בליקן פאַרזינקען אַלץ טיפער אין פרייל׳ין קלאַרעס אויגן, בעת אירע אויגן ווערן אַלץ גרעסער, און זי זיצט מיט אַן אָפענעם מויל.

— ברוסט-טענער, — האָט באַרדסען געזאָגט און דערביי אויפגעהערט צו שפּילן — אָט דער אַלטער טשעלאָ איז אַ מענטש.
אָבער דאָס איז דאָך וווּנדערבאַר! — האָט פרייל׳ין קלאַרע שטיל געזאָגט. — איך האָב פאַר אייך קיין ווערטער נישט.
און איידער זי איז אַוועק, האָט זי געזאָגט נאָך מער אין דעם

זעלבן זין; זי האט געטוזט זיין זייער גערירט און גערעדט אוי-ריבטיק.

ווען פרייליין קלארע איז ארויס, האט זיך גאטפרעד אנגערופן:

— איך גלויב, אז איר זענט אין איר פארליבט.

באררסען האט זיך אנטשולדיקט:

— איך טרעף זיך אזוי זעלטן מיט דאמען. די דאזיקע פרוי איז, אגב, מוזיקאליש.

און אט האט מען גענומען אין די העלע זומערנעכט שפילן אויף די ברעטער „די גיפטיקע שלאנג אין דער הייל". דאס איז געווען א גרויס געשעעניש. די צייטונג האט געבראכט א גענויע מעלדונג. פון שטאט און פון דער גאנצער געגנט איז אנגעקומען א ריזיקער עולם, דער שוסטער נילס האט פארקויפט אלע בילעטן; דער משרת קארנעליוס, וואס איז געשטאנען ביי דער טיר, האט אים געגעבן א האלבן הונדערט בילעטן צוריק. און ער האט די אויך פארקויפט. עס איז דא געווען דער אדוואקאט מיט זיין פרוי, דאקטאר מואום און עטלעכע פון דער פאראפיע, פון די האלמענגראאס איז געווען פרוי אירגענס, פון דער גאנצער פאמיליע; אביסל שפעטער איז, וואס אן אמת, געקומען פרייליין מאריאנע און ווילאץ האלמסען, קיינער איז נישט געבליבן אין דער היים, אבער דער אומגעצוימטער בילעטן-פארקויפער האט געבראכט דערצו, אז דער זאל איז געווען איבער-געפולט, און דער דאקטאר מואום האט געשאלטן די שווערע לופט.

— דער ערשטער באדינג אין א טעאטער איז לופט, — האט ער געזאגט צו טעאדארן.

די פארשטעלונג איז געגאנגען אומגעריכט זייער גוט; דאס ערגסטע אין דער פיעסע איז געווען דער טיטל, דאס האט זיך באלד ארויסגעוויזן, דער אינהאלט איז געווען פריש און ליידנשאפט-לעך; דער עולם האט פארגעסן, אז מען זיצט אין א געשטיקטער, שלעכטער לופט, נאטירלעך, האט דאקטאר מואום נישט אפלאדירט. אדוואקאט ראש האט אויך נישט אפלאדירט, אבער דער בייפאל איז דאך געווען זייער שטארק; זייער אפט זענען פרייליין מאריאנע און איר באגלייטער געווען די ערשטע, וואס האבן גענומען פאטשן, באלד איז די פאטשעריי איבערגעכאפט געווארן פון טעאדארן, דעם טעאטער-אייגנטימער, דאס גליק-קינד, און צעטראגן ווייטער. דאקטאר מואום

איז לסוף געוואָרן אמת געקרענקט צוליב דעם דאָזיקן בייפאַל, ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פובליקום און געזאָגט:

— פסט!

בכלל איז עס געווען אַ גרויסער אָוונט.

אָבער וואָס איז געווען גרעסער, די פּיעסע, צי די פּרימאַדאָנע, צי דער קינסטלער מאַקס? די פּרימאַדאָנע! ווען דער דאָקטאָר מוּאוס האָט איינמאָל ציגעשאָקלט מיט אָנערקענונג צו איר שפּיל און האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, איז באַלד דערביי געשטאַנען דער אַדוואָקאַט ראַש און אויפן קול געזאָגט:

— דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געזען אין דער טעאַטער-קונסט.

יאָ, אָבער בכלל איז די הערן צום בעסטן געפעלן געוואָרן דאָס פרייליין סיביליע, און ס'איז נישט קיין חידוש, ווייל זי האָט אויסגעזען אויסערגעוויינלעך שיין, אויב אָבער באַרדסען איז געווען קעגן דעם, האָט מסתמא געמאַכט אויף אים אַ מערקווירדיקן איינדרוק דאָס פרייליין קלאַרע, די גיפטיקע שלאַנג: זי האָט אָפטמאָל אַרויסגעוויזן אַן אמתן תהום פון אומשולדיקער פאַרדאָרבנקייט, קיינער האָט זי נישט געקאָנט באַגרייפן, זי האָט געקאָנט די ערגסטע צווייִדייטיקע ווערטער אַרויסזאָגן מיט אַ ריין מויל. זי האָט איבערגעדרייט די זאַך און זי געשפּילט גאָר אין אַן אַנדער זין, זי האָט זיכער געהאַט טאַלענט צו אומפאַראַנטוואָרטלעכע כאַראַקטערן, דאָס איז געווען ביי איר: נאַטור. אָבער באַרדסען איז נישט געווען און האָט זי נישט געזען. ער האָט בלומרשט געהאַט עפּעס עקסטרע אַרבעט.

דעם צווייטן אָוונט, ווען עס איז אָנגעקומען די שיף, וואָס גייט קיין צפון, איז די טרופּע ווידער געווען פריי; די קינסטלער האָבן געמוזט פאָרן קיין צפון, דאָרט, ווו אַלץ ענדיקט זיך, אין דעם טאָג האָט דער טעלעגראַפיסט באַרדסען באַזוכט פרייליין קלאַרע אין האָטעל; זי האָט אים איינגעלאַדן אין צימער, כאָטש ער איז געקומען אומגעריכט, און זי האָט אים פרייגטלעך געבעטן זיצן, הגם די דאַמע איז געווען אַליין און געלעגן אין בעט.

וואָס איז? און ווו זענען די איבעריקע? ווידער אַ צופאַל! עס איז געווען עלף דער זייגער, און אַלע זענען געהאַט אַרויסגעגאַנגען. כדי צו פאַרלייכטערן די מערקווירדיקע לאַגע, האָט זיך באַרדסען

געוואַלט אַרויסוויזן פאַר אַ דערפאַרענעם מאַן. אַ קליינע אומאָרדנונג האָט נישט קיין באַדייטונג, ער האָט גערעדט חבריש.

— ווען איר וואָלט איצט אויפגעשטאַנען און געווען אָנגעטון, וואָלטן מיר געקאָנט גיין צו ווילאַץ האָלמסען.

— וואָס זאָגט איר? — האָט זי געזאָגט און זיך אויפגעזעצט.

— ער האָט עס מיר דערלויבט, דאָס הייסט, ער פאַרבעט אייך ווייער העפלעך צו זיך.

— אויף דער פאָרשטעלונג זענט איר געווען? — האָט זי געפרעגט.

— ניין.

— ווייל איך וואָלט אייך געפרעגט, ווי ס'איז אייך געפעלן געוואָרן.

— ווי מען זאָגט, האָט איר געהאַט גרויס דערפאָלג.

— נישט איך.

— איר אַלע.

— ניין, איך גיי נישט צו ווילאַץ האָלמסען, — האָט זי פּלוצלינג געזאָגט.

— ער האָט אַן אינסטרומענט, איר וועט קאָנען שפּילן אויף פיר הענט, — האָט באַרדסען געזאָגט — און אויב אייך איז ניחא, קאָן איך מיטנעמען מיין וויאָלאָנטשעל, אָבער האָלמסען שפּילט אַליין.

— דאָס איז דאָך די מעשה, — האָט פרייליין קלאַרע געזאָגט — איר שפּילט אַליין, איר שפּילט פּראַכטפול! ווען איך האָב אייך געהערט, בין איך געוואָרן דורכגענומען. איך האָב עס פריער געוווּסט און איך ווייס עס איצט: איך קאָן נישט שפּילן, ניין, איך גיי נישט צו ווילאַץ האָלמסען.

שטיל.

— זי איז שיכור? — האָט געטראַכט באַרדסען. — אָבער אַלנפאַלס ליגט זי דאָ, יונג און אויפגערעגט, — האָט ער מסתמא געטראַכט.

דאָס געהערט נישט צו די זאַכן, וואָס גייען ליכט פאַרביי, אָבער ער האָט נישט-ווילנדיק געזאָגט:

— איך וועל נישט איבערטרייבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז איר זענט אומפאַרגלייכלעך.

— דערצו האָט איר קיין שום סיבה נישט. — האָט זי געענטפערט. — איר זענט נישט געווען אויף דער פאָרשטעלונג. איך שפּיל שוין נישט מער קיין קלאַוויר, נאָר איך פאַרנעם זיך גאָר מיט אַן אַנדער שפּיל. אַך גאָט, איך וועל אייך אַ געוויסן טאָג ווייזן, אַלעמען ווייזן...

— מיינט איר, הייסט עס, אַז דאָס איז אייער ריכטיקער באַרוף?

— יאָ!

זי האָט זיך פּלוצלינג אויפגעזעצט און איז געבליבן ליגן אין בעט אויף די קני.

— ווייל איר וועט מיר מסתּמא נישט גלויבן, אַז איך קאָן די פרוי לידיאַ פאָרשטעלן אין אָרבל?

— ניין.

— ניין, דער עולם באַוווּנדערט זי, ווייל זי קאָן ווערן בלאַס. אָבער דאָס בלאַס־ווערן איז גאָר קיין קונץ נישט, איך קאָן זיך אפילו אונטערנעמען צו ווערן גרוי. יאָ, דאָס איז מיין באַרוף, איך וויל זיי אַלעמען פאָרשטעלן אין אָרבל. איך קאָן גאַנץ לייכט חתונה האָבן. אָבער צו וואָס? ער איז רייך און יונג און וויל מיך האָבן, אָבער איך וואָלט מסתּמא משוגע געוואָרן! איך מוז פריער ווייזן דער גאַנצער וועלט, וואָס איך קאָן. אָבער איצט מוז איך פאָרן אין עק נאָרוועגיען און ווידער באַמבלען, — האָט זי טרויעריק צוגעגעבן.

באַרדסען האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָ טוט זיך; ניין, זי איז נישט געווען שיכּור, דאָס האָט ער פאַרשטאַנען, אַלס מענטשן־קענער.

— איר זענט, הייסט עס, נאָך נישט געקומען אויף אייער ריכטיקן אָרט, פרייליין קלאַרע, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, דאָס הייסט, אַז אפשר יאָ. אָבער מיין צייט איז נאָך נישט געקומען. יאָ, איך בין געקומען אויף מיין ריכטיקן אָרט, און איר נישט! איר שפּילט דאָך וויאָלאָנטשעל, ווי אַ גאָט!

און ווידער האָט דער שבח פון דעם מיידל געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם טעלעגראַפיסט און אים הנאה פאַרשאַפט.

— איך האָב אַן אויסגעצייכנטן אינסטרומענט. — האָט ער געזאָגט. — און איר ווילט טאַקע נישט גיין צו וויללאַק האָלמסען?

— ניין, איך זאָג זיך אָפּ. איך וויל שפּילן נאָר טעאַטער.

— הם! אַבי איר זאָלט נאָר נישט שפּילן אייער אייגענע מפּלה.

— אַ ניין, אָבער איר, איר שפּילט דאָך נישט אייער אייגענע מפּלה? — האָט פריילין קלאַרע געזאָגט. — איר זיצט דאָ בסדר און טעלעגראַפירט און שפּילט טשעלאָ און זענט צופרידן, נישט אמת?

— נו, פריילין!

— זייט מיר מוחל און האָט נישט קיין פאַריבל פאַר מיינע רייד. מען קאָן זיך אויסגעצייכנט מיט אייך אונטערהאַלטן, הער באַרדסען, אָבער איר מוזט דאָך דאָ אויסגיין, איר שמייכלט, אָבער איר גייט דאָ אויס.

— כאַ, כאַ! איר מיינט, אַז איך בין דאָ באַגראָבן? איר האַלט מיך פאַר אַ קרבן פון די פאַרהעלטענישן! ניין, פריילין, דאָס איז נאַיוו פון אייך. איך ווער נישט געטריבן פון קיין שום העכערע זאַך, ווייל די אַנדערע זאַך איז לחלוטין נישט העכער. איך האַנדל לויט מיין אייגענעם ווילן, דאָס איז דאָס העכסטע. איך האָב נישט צופיל; אָבער איך פאַרמאָג, וואָס איך דאַרף, איך האָב אַ שטוב, קליידער, עסן און טרינקען.

— איר האָט עס בביזיון געזאָגט, טרינקען?

— הם! איך האָב עס נישט געזאָגט קעגן מיין ווילן.

— כאַ, כאַ! אָבער דאָס איז דאָך די מעשה, איך מוז לאַכן פון אייך, און עס וועט אפשר קומען אַ טאָג, ווען איר וועט נישט האָבן נישט קיין הויז און נישט קיין קליידער, נישט קיין עסן און נישט קיין טרינקען.

— דעם טאָג וועל איך אויפנעמען, פונקט ווי אַלע אַנדערע טעג. רערשיין פאַר מיר, געטהע, אין יענעם טאָג, וואָס וועט זיין בכוח מיך צו קרענקען!

— דאָס איז געווען אַ גרויס וואָרט! — האָט די קליינע דאַמע געשמייכלט און איז געווען אויסער זיך.

באַרדסען איז אויפגעשטאַנען און שטרענג געפרעגט:

— צום לעצטן מאָל, פריילין, איר ווילט באַזוכן ווילליאַק האָלמסען, און צי דערלויבט איר, אַז איך זאָל אייך באַגלייטן?

— איך וועל אים נישט באַזוכן. דרייט זיך אויס אַביסל, וועל איך אויפשטיין.

— איך וועל גיין.

— איצט זענט איר אומצופרידן מיט מיר.

באַרדסען האָט עס נישט דורכגעלאָזן און האָט געענטפערט מיט אַ דערהויבענער שטים:

— אין דעם טאָג, ווען איך וועל מיט אייך זיין אומצופרידן, וועל איך זיך וואַרפן אין ים אַריין!

און דערביי האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט פאַר איר מער גאָרנישט געקאָנט טון.

די דאַמע קלאַרע האָט זיך ווידער געלייגט און געזאָגט:

— איך שטיי נישט אויף.

— עס איז אַן עוולה, צו האַלטן די שיינהייט אין בעט. — האָט באַרדסען געזאָגט.

— איר ווייסט גאָרנישט, ווי שיין איך בין. — האָט זי געזאָגט. — לאָמיר רעדן אויפריכטיק: איר האַלט עס באמת פאַר אַן עוולה פון מיר, וואָס איך פאַרלאָז אַ קונסט, אין וועלכער איך בין אַ גאָרנישט, און איך גיי איבער צו אַן אַנדערער, וווּ איך וויל דערגרייכן זייער פיל? איר ווילט מיר, סוף-כּל-סוף, נישט געבן ענטפערן דערויף.

— זעט איר, פרײַלין, עס פּאַסט נישט פאַר מיר אויפצוטרעטן פאַר אייך, ווי אַ בעל-מוסר, און צו געבן די מענטשן קלוגע עצות. אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס איר ווילט בכלל פאַרלאָזן די קונסט...

— יאָ, און איבערגיין צו אַן אַנדערער.

— ניין.

— ווי, ניין?

— אַלזאָ, צו פאַרלאָזן די קונסט. און דאָס דאַרף טון נאָר דער, וואָס קאָן איר נישט דינען.

— איר האַלט נישט, הייסט עס, די סצענישע קונסט, פאַר קיין קונסט?

— ניין, ניין, זי געהער צו די קונסטן.

— קיינער וואָלט אייך נישט געגעבן גערעכט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט.

עמעצער איז אַריין אין שכנותדיקן צימער, די טרופּע איז מסתמא געקומען צוריק. מען האָט געהערט וועגן זיין האַריקער לאַפּע

און בראָנפן־פייער אין זיין מויל, געלעכטער, גוט־מאָרגן, פּאָסטאָר ל. לאַסען.

— איר האָט מיך נישט געזען שפּילן, — האָט פרייליין קלאַרע געזאָגט.

— ניין, — האָט באַרדסען ווידער געענטפערט.

פלוצלונג האָט פרייליין קלאַרע גענומען לאַכן און געזאָגט:

— דאָס איז אַלץ נאָר גערעדט. זאָל איך עס באמת נעמען ערנסט?

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם. — האָט ער געענטפערט.

דעמאָלט האָט זיך פרייליין קלאַרע נאָך מער צעלאַכט און געענטפערט:

— ניין, דאָס זענען נאָר טרעפלעכע ענטפערס, פונקט ווי אין די פּיעסעס. הער באַרדסען, איך וויל אייך נאָך זען! אפשר וועט איר צו מיר קומען היינט נאָכמיטאָג?

ער האָט זי באַזוכט נאָכמיטאָג אין איר צימער; זי איז געווען בסדר אַליין האַלב אָנגעטון. פריש געוואַשן און שיין. און צווישן זיי האָט עפּעס געמוזט פּאַרקומען, עפּעס, אויף וואָס ער האָט זיך נישט גערעכנט, בעת ער איז געקומען, און ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, בעת ער איז אַוועקגעגאַנגען, — ער, דער טעלעגראַפן־שעף באַרדסען, איז געווען צעטומלט און צעשרויפט, ער איז געוואָרן אַ לייכטזיניקער נאַר, — אַך גאָט, וואָס פאַר אַ מצב! ער איז געווען, ווי דורכגעלויכטן פון אַ שיין, ווייל ער האָט געהאַלטן הויך פּאַרריסן דעם קאָפּ און האָט אים געטראָגן, ווי גאָרנישט, ווי אַ לויכטנדיקן גאָרנישט. וואָס פאַר אַ מצב!

ווען ס'איז געוואָרן אָוונט, איז ער אַוועק אויפן קליינעם בית־עולם און גענומען פון די קברים פונם לייטענאַנט ווילאַץ האָלמסען מיט זיין פרוי אַ פּאָר בליענדיקע בלומען. די דאָזיקע בלומען אין טעפּ האָט די פרוי פון אדוואָקאַט ראָש אוועקגעשטעלט, כדי צו פאַרשאַפן פרייד דעם יונגן ווילאַץ; און אָט האָט זיי באַרדסען צוגענומען, אַזוי צעטומלט איז ער געוואָרן. און ער האָט אוועקגעטראָגן די בלומען צום ברעג און געוואַרט, ביז די טרופּע איז געקומען.

— פּסט! — האָט ער געזאָגט צו פרייליין קלאַרע און אַראָפּגענומען דעם הוט.

— אָך, פון וואַנעט האָט איר גענומען אַזעלכע הערלעכע ויזן? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב זיי באַקומען אויפן בית-עולם. — האָט באַרדסען געענטפערט.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער זאָגט דעם אמת, ווייל ער האָט מער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. אָך! דאָס איז געווען פאַר די אַקטיאָרן אַן ענין! זיי האָבן געלאַכט איבער דער טבע און זיך זייער געוויילט דערמיט.

— ס'איז נאָך דאָ צייט צו גיין אין שטאָט אַריין? — האָט געפרעגט דער קינסטלער מאַקס און האָט אויסגעזען זייער פאַר-דאַגהט!

— ניין. — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט.

— ווי שרעקלעך! — האָט אויסגערופן מאַקס. — איך האָב פאַר-געסן לאַסענס בילד, — האָט ער געזאָגט.

— מיר וועלן זיך אַזוי איינאָרדנען, אַז מיר זאָלן נאָכאַמאָל קאָנען קומען קיין זעגלפּאַס. — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר, און דאָס אייגענע האָט געזאָגט אויך די פּרימאַדאָנע.

אויפן שיף שטייען אַ פּאָר רייזנדע, וואָס באַטראַכטן באַרדסענען, און איינער פון זיי קאָן אים, משמעות.

— ווי הייסט דער מענטש? — האָט ער געפרעגט איבערן ברעג. — אַזוי, באַרדסען?

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריקע רייזנדע און געזאָגט:

— ביי אונז איז געווען איינער אַ באַרדסען, אַ שיף-הענדלער, אַן אָנגעזעענער מענטש, ער האָט געהאַט אַ זון, וואָס האָט נישט גע-וואָלט ווערן עפּעס רעכטס, דער יונגערמאַן האָט געפּרוווט זיין מזל אין דער סצעניישער קונסט, אָבער — און ער האָט געשריבן טעאַטער-שטיק — ער האָט אומעטום געהאַט אַ דורכפאַל. זאָל עס זיין דער זעלבער?

אָבער באַרדסען איז געשטאַנען אויפן ברעג און גאָרנישט גע-הערט, און ער איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין און נישט געקאָנט זאָגן קיין שום וויכטיקס.

— קומט בשלום צוריק! — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

דאָס לעצטע, וואָס ער האָט געזען פון פריילין קלאַרע, איז געווען דאָס, אַז זי איז געשטאַנען אויפן דעק פון פאַרויבערטן דאַמפער און אָנגעטון ווייסע הענטשקעס, וועלבע זי האָט זיך געקויפט אין געוועלב. און ער האָט געפרעגט ביי זיך, ווו זי האָט געקאָנט אוועקלייגן דערוייל די רויזן.

די דאָזיקע רויזן, צוליב וועלכע ער האָט, מיט דער דערלויבעניש פון דער גוטהאַרציקער פרוי ראַש, באַרויבט אַ קבר, וועלכן זי האָט אַ יסגעפוצט.

IX

דער קרייז-דאָקטאָר מואוס איז געבליבן עטלעכע טעג אין ועגלפּאָס, און געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט, צו באַזוכן דעם הער האָלמענגראַאַ; ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם אַדוואָקאַט ראַש.

— דאָס איז זייער ליבנסווירדיק פון די הערן, — האָט הער האָלמענגראַאַ געזאָגט.

— איך נעם מיר שטענדיק צייט צו דריקן אייך די האַנט, ווען איך בין אין דער געגנט, — האָט דאָקטאָר מואוס געזאָגט — און ווי גייט עס אייער טאָכטער? און צי דאַרף איך אייך ווינטשן גליק? — האָט ער צוגעגעבן און דערביי אַ בליק געטון אויף הער האָלמענגראַאָס רינג.

אָ, דער דאָקטאָר מואוס איז געווען אַ סאַלאָן-מענטש, די ווערטער זענען אים געפאַלן אַזוי לייכט פון די ליפּן, ער האָט געקאָנט פּראָטעזשירן מענטשן און זיין צו זיי פריינדלעך. אַדוואָקאַט ראַש האָט זיך באַוועגט אַביסל פּאַמעלעכער, נאָר ער איז געווען קרעפטיק און פעסט, אַן אמתער מאַן, ער האָט באַוווּנדערט זייער דעם קרייז-דאָקטאָר און איז געווען זיין פריינט. צום ערגסטן איז געווען ביים אַדוואָקאַט, וואָס ער איז געווען אַזוי דיק, אַזוי אויסגעפּאַשעט; ער פלעגט קלינגען מיט אַ גרויסן בינטל שליסלען אין זיין קעשענע, טיילמאָל פלעגט ער עס אַרויסנעמען און האַלטן אין דער האַנט; אָבער די פינגער, מיט וועלבע ער האָט עס געהאַלטן, זענען געווען קורץ און גראָב, אַן אמתע מערקווירדיקייט. זיין חתונה-רינגל האָט ער שוין געטוזט אָנטון אויפן קלענסטן פינגער, אָבער אויך

אויף דעם איז דער רינג געוואָרן צו ענג; איצט האָט ער אים שוין זינט לאַנגע יאָרן נישט געטראָגן און, משמעות, נישט באַמערקט, אַז ער פֿעלט אים.

ער האָט באַלד גענומען רעדן וועגן דער פֿאָרשטעלונג, וועגן דער טעאַטער-פֿאָרשטעלונג.

— איר זענט דאָרטן נישט געווען, הער האָלמענגראַאַ? אַך, ס'איז קענגן אייער נאַטור! אָבער דאָסמאָל איז עס באמת ווערט געווען דאָס געלט. פֿרעגט ביים דאָקטאָר!

גיט נאָר אַ קוק, דער אַדוואָקאַט איז געווען אַזוי איבערגענומען פֿון דער זאַך, ווייל זי האָט געהאַט צו אים אַ שטיקל שייכות, ער האָט געוואָלט שרייבן אַ באַריכט אין דער זעגלפֿאָסער צייטונג, ער האָט אים שוין אַפֿילו אָנגעשריבן.

— הם! — האָט דער דאָקטאָר מואוס געזאָגט. — האָט איר שוין געהערט, וואָס פֿאַר אַן ענדערונג איך האָב בדעה צו מאַכן מיט מיין נישטיקער פּערזאָן, הער האָלמענגראַאַ?

— ניין.

— ניין, עס איז נישט דאָס, וואָס איר קלערט, אָבער אַלנפֿאַלס איז עס נישט קיין חתונה.

— וואָס-זשע דען?

— איך וויל אַוועק פֿון דאַנען.

— וואָס רעדט איר? ווען עס וואָלט כאָטש געווען אַן אַנדערער. — האָט געענטפֿערט הער האָלמענגראַאַ.

— אַך, וואָס שייך דאָס, קאָנט איר קריגן אַן אַנדער דאָקטאָר, אַסאַך אַ בעסערן פֿון מיר.

— מיר האָבן זיך שוין אָבער צו אייך צוגעוווינט! אַזוי, איר ווילט טאַקע אַוועקפֿאָרן?

— יאָ, איך האָב שוין לאַנג דערפֿון געטראַכט, דאָ איז, אייגנטלעך, נישט קיין אָרט פֿאַר מיר. און אַ חוץ דעם, איז געקומען אַהער די פֿרוי פֿונם פֿאַכטאָר לאַנדמאַרק, אַ געבילדעטע דאַמע, אַן אמת קינד פֿון מזרח-לאַנד, און זי האָט מיך געבראַכט צו דעם דאָזיקן באַשלוס. נאָך עטלעכע געשפּרעכן מיט איר, איז דער פּלאַן פֿאַרטיק געוואָרן.

— נו, איך וועל אייך אַ געוויסן טאָג מסתמא עוקר זיין פֿון

דאנעט. — האָט דער אדוואָקאט געזאָגט און צעשפּרייט זיינע פיס.

— איר אויך, הער אדוואָקאט? דאָס צפון־לאַנד וועט בלייבן גאַנץ איינזאַם!

— מיר מעגן מסתמא ביידע זאָגן, אַז מיר האָבן דאָ אונזער צייט אויסגעהאַלטן, אין דעם פּרט קאָן מען נישט האָבן צו אונז קיין שום טענות. – האָט דער דאָקטאָר מוֹאוס געזאָגט און גערעדט ווייטער זייער ביטרע וועגן דעם ענין.

אָבער הער האַלמענגראַא האָט זיי נישט אָפּגערעדט און נישט געענטפערט, זיי האָבן געמוזט ביידע אַליין רעדן ווייטער, אָט אַזוי איז עס געגאַנגען. די הערן זענען געווען אפשר אַביסל צו זיכער, אויב זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן מיט זייערע סודות קאָנען חנפהנען דעם הער האַלמענגראַא. ער האָט נאָר אַ קלוגג געטון און פאַר־געלייגט די געסט אַ גלאָז וויין.

— ווען איך וואָלט נאָר געמעגט! — האָט דער אדוואָקאט געזאָגט.

— אין אייער מאָגן איז עפּעס אַ שרייפל קאַליע געוואָרן? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

— קאַליע? ניין, פאַרקערט, גראָד געזונט.

— אויב אַזוי, דאַרפט איר געניסן אַ גלאָז וויין ביים הער האַלמענגראַא.

— גוט, איך פאַרלאָז זיך אויף אייך. — אָבער וואָס איר זענט נישט געווען ביי דער פּרעמיערע, הער האַלמענגראַא! איך קאָן נישט זאָגן, אַז די אויפפירונג איז געווען אַ מוסטערהאַפטע, ניין, דאָס קאָן איך נישט זאָגן, אָבער עס זענען געווען מאָמענטן, וואָס האָבן שטאַרק געווירקט.

— יאָ, די פּרימאַדאָנע האָט מאָמענטנווייז דערגרייכט אַן אויסערגעוויינלעכע מדרגה. – האָט אויך צוגעגעבן דער דאָקטאָר.

— נישט אמת? און אויסערדעם, דאָס פרײַלין סיביליע. זי איז געווען באַזונדערס רייצנד. איר קאָנט עס פאַרשטיין, פאַרוואָס זי האַלט זיך אַזוי פעסט אָן דעם קרעמער טעאָדאָר, הער דאָקטאָר?

— איר ווייסט דאָך, דער געשמאַק איז פאַרשידן.

— יאָ, אָבער אין טעאַטער אַריין און צוריק אַהיים. דאָס איז שוין צו נאַריש.

— קלוגער קאַדי, מיר האָבן נישט אַלע די זעלביקע באַציונג. — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צום אַדוואָקאַט. — די סיבה, פּאַרוואָס מיר, דאָ פּאַרזאַמלטע, פילן זיך גוט אין אונזער געזעלשאַפט, קאָן אויף אַנדערע מאַכן דעם איינדרוק פון אָנווארפן זיך אָדער באַגרע־נעצטקייט, סיבילע האָט מסתמא אין — ווי הייסט ער דאָרט? — אין דעם קרעטער טעאָדאָר געפונען איר פּאַסיקע געזעלשאַפט, וואָס איז אָנגענעמסטן פאַר איר פערזענלעכן געשמאַק און פאַר איר סאָציאַלער שטעלונג. וואָס וועט איר זאָגן דערויף, קלוגער קאַדי?

— איר זענט גערעכט. — האָט דער אַדוואָקאַט ראַש געזאָגט. — וואָס עס חידושט מיר אָבער, איז דאָס, וואָס פונם וואָיט זענען אויך געווען עטלעכע פּאַרשוין אויף דער פּאָרשטעלונג; פונוואַנען האָט דער מענטש געלט דערויף?

— אויב מיר רעדן שוין דערפון, זענען געווען געווים אַסאַך אַזעלכע, וואָס האָבן דערויף קיין געלט נישט געהאַט. אייער האַפּ־אויפזעער, הער האַלמענגראַאַ, האָט, למשל, אַן אָנגעשטעלטן, נו, קאָן ער זיך דערלויבן אויסצוגעבן אַסאַך געלט? איך קען אים, איך האָב אים איינמאָל באַטראַכט, ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון דעם מעשה־לאַנד, וואָס הייסט דאַווערדאַנאַ. דאָס פּאָרל איז געזעסן אין דער ערשטער ריי.

— יאָ, ערשטע ריי, צוזאַמען מיט אונז, אָן שום קונצן. — האָט דער אַדוואָקאַט ראַש געזאָגט און אַ קוק געטון אויפן מיל־אייגנטימער.

— איך געהער נישט צו די חשובסטע, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — מיין לעבנס־פּאָזיציע ברענגט דערצו, אַז איך מוז מיך צוגויפמישן מיטן פאָלק. אָבער אַ געוויסע גרענעץ היט איך אָפּ, נישט בלויז צוליב רעכט, נאָר אויך צוליב פליכט.

— נאַטירלעך. — האָט הער האַלמענגראַאַ געזאָגט.

— נישט אמת? — האָט געערדט ווייטער דער אַדוואָקאַט, וואָס איז געוואָרן זיכער לעבעדיק צוליב דער דאָזיקער צושטימונג. — איך ווייס נישט, וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער זעגלפאָסער צייטונג האָט בדעה צו טון, אָבער עס וועט מיך נישט וווּנדערן, אויב ער וועט אַ געוויסן טאָג אָנווייזן אויף דער דאָזיקער פאַרהעלטעניש. די פרוי לאַנדמאַרק פון דער פּאַראַפיע און אירע ביידער טעכטער האָבן זיך געמוזט זעצן אין דער צווייטער ריי. וואָס זאָגט איר נישט

דערצו? דאווערדאנא אין דער ערשטער ריי, מיט א קאם אין די האָר, פונקט ווי א דאמע, און דערצו נאָך מיט א רויטן שטיין אין מיטן. א דאמע, וואָס פעלט איר נאָך דערצו?

— עס פעלט איר נאָך א פעכער און א לאָרנעט.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און עס איז אַריין דער יונגער ווילאַץ. עס האָט אים, משמעות, אַביסל געוווּנדערט אויף די חשובע געסט, ער האָט געבעטן אנטשולדיקונג, וואָס ער איז אַהער אַריינגעגאנגען, ער האָט נאָר באַגלייט די פריילין מאַריאַנע אַהיים.

— וואָס פאַר א זעלטענער גאַסט! — האָט הער האָלמענגראָא הארציק געזאָגט און דערלאַנגט אים בעת־מעשה די האַנט. — איר וועט נעמען א גלאָז ווייַן? הייַנט אויך נישט? אַך, אמת, פּאַרמיטאָג טרינקט איר דאָך נישט.

— פאַרוואָס נישט פּאַרמיטאָג? — האָט דאָקטאָר מוֹאוס געפרעגט.

— הער האָלמסען אַרבעט פאַר מיטאָג.

— אַך, די אַרבעט! — האָט דער יונגער ווילאַץ געזאָגט. — אָבער אויסער דעם, וויל איך זיך בכלל נישט אַרומדרייען צווישן מענטשן מיט א פאַרנעפּלטן קאָפּ.

— איר מוזט טון, מסתמא, זייער אַן איידעלע אַרבעט. — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

דורך א צווייטער טיר איז אַריינגעקומען מאַריאַנע; אויך זי איז, דערזעענדיק די געסט, געבליבן שטיין פאַרחידושט און צוגעמאַכט מיטן רוקן די טיר הינטער זיך.

איך האָב זיך דערלויבט צו פרעגן, וואָס איר מאַכט. און אַט קומט איר אַזוי געזונט און פריש, ווי נאָך קיינמאָל נישט! — האָט דער דאָקטאָר מוֹאוס געזאָגט און דערלאַנגט מאַריאַנען די האַנט.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צום פריערדיקן שמועס.

— זייער אַן איידעלע אַרבעט, יאָ, אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז אויך מיין אַרבעט איז נישט קיין פּשוטע. איך שטיי טיילמאָל פאַר אַזעלכע דיאַגנאָזן, וואָס זענען אַזוי איידל, ווי האָר, אָבער א גלאָז ווייַן האָט מיר נאָך קיינמאָל נישט געשטערט.

— דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס מיר זענען געזונטע מענטשן. —

האָט זיך אָנגערופן דער אַדוואָקאַט. — און איצט זענט איר, הייסט עס, ווידער אין דער אַלטער היים־שטאָט, הער האָלמסען.

ווילאַק האָט זיך פאַרנייגט און זיך געווענדט צו מאַריאַנען.

— אָפּשר וואָלטן מיר צוזאַמען געשפּילט אַ פּאָר טאַקטן? — האָט ער געפרעגט.

— אַדרבה!

דער דאָקטאָר איז געווען אויסער זיך.

— איי, דאָס איז זייער פיין פון אייך, הער ווילאַק האָלמסען, וואָס איר ווילט אונז ווייזן, ווי ווייט איר זענט שוין דערגאַנגען.

מאַריאַנע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. עס איז איר אָנגעקומען אַ ביסל שווערלעך צו שפּילן די ראָל פון אַ דאַמע.

— פּסט! קלינגט נישט אַזוי מיט אייערע שליסלען, הער אַדוואָקאַט! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך צוגע־הערט צו דער מוזיק אין צווייטן צימער. — איבעריקנס — דאָס זענען דאָך נאָר איבונגען, זיי רעכנען אונז דערמיט צו פּטרן?

— זיי פּרוון מסתמא עפּעס, וואָס הער האָלמסען האָט קאָמפּאָנירט. — האָט הער האָלמענגראַא געזאָגט.

— דערצו וואָלט הער ווילאַק האָלמסען, אָפן גערעדט, געמעגט אויסקלייבן אַן אַנדער געלעגנהייט. ער האָט דאָך פריילין מאַריאַנע געצוווּנגען דערצו, מילא. פונמיינטוועגן — אַדרבה. ווי האַלט עס? עס וועט עפּעס אַרויסקומען פון דעם יונגנמאַן?

— איך האָב נישט איינמאָל געלייענט זיין נאָמען אין די צייטונגען. — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט.

— נו, דאָס איז נאָך אַ קנאַפּער באַווייז! ניין, לאָסען, דער פּאַסטאָר לאָסען, וואָס שטאַמט פון דאַנען, ער איז אַ מערקווירדיקער מענטש.

— יאָ.

— אַ גרויסער מאַן! באַרעכנט נאָר, וואָס דאָס הייסט, דורכצו־מאַכן אַלע עקזאַמענס, אָנצוהייבן פון סאַמע אָנהייב, צו שטודירן אַלע שפּראַכן און וויסנשאַפטן, און צו שטיין אַזוי הויך? דאָס קאָן מען נאָר רופן באַגאַבונג!

— ער וועט אפשר ווערן בישאָף.

— נאַטירלעך, און איך האָף, אַז די רעגירונג פאַרמאָגט נאָך

אַזוי פיל ערלעכקייט, אַז זי וועט אים באַלד געבן אַ בישאָף-פּאָסטן אין דרום. לאַסען האָט שוין גענוג לאַנג פאַרבראַכט דאָ אין צפון, זיין גאַנצע קינדהייט און יוגנט, ביז צום מענלעכן עלטער, עס וווּנדערט מיך, וואָס איר קאָנט דאָ אויסהאַלטן, הער האָלמענגראָא, בעת איר זענט לחלוטין נישט געצווּנגען דערצו.

— איך האָב דאָך דאָ מיין געשעפט. — האָט הער האָלמענגראָא אויסמיידנדיק געענטפערט.

— בלי ספק, אָבער דאָך. וואָס שייך מיך, למשל, וואָלט איך צום בעסטן געוואָלט זיין אין אַ שטאָט. אין דאָרף איז גאַנץ פיין, אָבער ווען מען האָט נאָך אַנדערע אינטערעסן, קולטור-אינטערעסן! — פונדעסטוועגן, וואָלט איך בשום אופן נישט געווינטשט אין ערשטן בעסטן שטעטעלע. און ווען מען שטאַמט פון קריסטיאַניאַ, געפינט מען זיך באמת און כמעט אין אַלע אַנדערע שטעט אין לאַנד.

— אָבער איר שטאַמט דאָך נישט פון קריסטיאַניאַ. — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

דער דאָקטאָר האָט געקנייטשט דעם שטערן:

— אָבער אין אַ געוויסער מאָס. נאַטירלעך בין איך געבוירן דאָ אין צפון-לאַנד, ווי מיר אַלע כמעט, קינדער פון באַאַמטן, אָבער דערנאָך בין איך אַוועק ווייטער צו דרום, און לסוף האָבן מיר זיך באַזעצט און עסטערדאַליען. עלווערום און האַמאַר זענען געווען אונזערע פּראָווינץ-שטעט. אָבער קריסטיאַניאַ איז געווען אונזער הויפּט-שטאָט. און שפּעטער, דאָס ווייסט איר אויך, הער אַדוואָקאַט, זענען מיר דאָך אין משך פון אונזערע גאַנצע שטודיען געווען אין קריסטיאַניאַ. זענען מיר, אַלזאָ, אַזוי צו זאָגן, נישט געבוירן געוואָרן דאָרטן? נאַטירלעך, האָבן מיר אונזער יסוד באַקומען אין געבילדעטן הויז פון אונזערע עלטערן, אָבער אונזער אַנטוויקלונג און לעבנס-באַנעם אין דער פּאָליטיק, טעאַטער, קונסט, וויסנשאַפט — דאָס אַלץ האָבן מיר פון דער גרויסער קריסטיאַניאַ. פון דאָרטן זענען מיר.

— יאָ יאָ, פון דאָרטן זענען מיר.

פרוי אירגענס האָט געמאָלדן, אַז ס'איז גרייט צום טיש. מאַריאַנע און ווילאַץ זענען אַריינגעקומען צוריק. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

— איר האָט אונז נישט געשפּילט קיין העכערע מוזיק, אָבער דאָך דאַנקען מיר אייך. קאָן איך אייך בעטן?

דערביי האָט ער פאָרגעלייגט מאַריאַנען זיין אָרעם.

— און אָפשר איז אייך נישט ניחא ?

— ניין, פאַרוואָס ?

— מיר דאַכט זיך, אַז דער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון אייער־פנים.

— איך באַהערש נאָר די פרייד, וואָס נעמט מיך אַרום.

— יאָ, יאָ, פרײלין מאַריאַנע, איר וועט שוין באַלד פון מיר אינגאַנצן פּטור ווערן, — האָט ער געזאָגט, בעת ער איז מיט איר געגאַנגען אין עס צימער.

— דאָקטאָר מואָס וויל אָוועק פון דאַנעט, מאַריאַנע, — האָט איר ערקלערט דער פאָטער.

— איר מיינט עס דאָך נישט ערנסט, הער דאָקטאָר ?

— גאַנץ ערנסט.

דערויף האָט מאַ־יאַנע נישט געענטפערט. דער דאָקטאָר האָט געשעצט איר שווייגן און איר נישט געשטערט. ער האָט זיך געווענדט צו ווילּלאַצן און אַרויסגעזאָגט עטלעכע באַמערקונגען וועגן מוזיק, און וועגן געזאַנג און וועגן אָפּערעס.

— ווען וועלן מיר זיך ענדלעך דערוואַרטן אַן אָפּערע אויך ביי אונז אין שטאָט, הער ווילּלאַץ ?

— ווען די שטאָט וועט גרעסער ווערן, — האָט ווילּלאַץ געענטפערט.

עס איז אים אויפגעפאַלנד געוואָרן, וואָס דער דאָקטאָר רעדט אַרויס זיין נאָמען עפּעס צו דייטלעך, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן, צי דאָס איז אַ באַליידיקונג, צי נישט.

— ווען איר וואָלט געווען אָרעם, וואָלט איך צו דער ערעפענונגס־פייערונג באַשטעלט ביי אייך אַן אָפּערע. — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט ראַש, כּדי צו זאָגן אַ וויץ.

ווילּלאַץ האָט געענטפערט :

— אויב איר זענט דערצו גענוג רייך.

— אַך, אַזוי, דאָ האַנדלט זיך וועגן סומעס ! — האָט ראַש בלומרשט מיט אַ שמייכל געענטפערט.

— אַזוי אויסגעצייכנט, ווי ביי אייך, פילט מען זיך זייער זעלטן, הער האַלמענגראַאַ. — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

– דאָס איז דאָך מיין מיינונג, — האָט געזאָגט ראַש ; ער איז געווען אַ גרויסער פיינשמעקער.

– באַזונדערס גוט מאַכט די פרוי אירגענס סאַלאַטן, — יאָ פרוי אירגענס, פון דעם סאַלאַט וואָלט אייער מאַן נישט געדאַרפט אַזוי יונג שטאַרבן.

פרוי אירגענס האָט געדאַנקט מיט אַ שמייכל.

– אַזוי מיינט איר טאַקע, הער דאָקטאָר ? עס פרייט מיר זייער.

זי האָט שוין געקענט די הערן און האָט געטון אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט. בעת זי האָט געמאַכט דעם קאַשטאַנען-קאָמפּאָט, האָט זי אַפילו געמאַכט אַ דערפינדונג, וואָס אַן אמת, דורך אַ טעות, דורך פּאַרטשוישן וואַניליע מיט ציטרין. אָבער דער קאָמפּאָט האָט געשמעקט פיי און אייגנאַרטיק.

און אַזוי ווי פרוי אירגענס האָט אויף אַזאַ אופן באַקומען דאָס וואָרט, האָט זי נישט געקאָנט דורכלאָזן די געלעגנהייט, אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם הער האַלמענגראַא אויף אַ נייען שפּיצל מצד איינער פון זיינע אַרבעטער.

– און ווי לאַנג וועט איר עס פאַרטראָגן ? ווייל איצט גייט עס שוין צו ווייט, — האָט זי געזאָגט.

– וואָס איז ווידער געשען, פרוי אירגענס ? – האָט געפרעגט מאַריאַנע.

– איך וויל עס אייך טאַקע איצט דערציילן, הגם ביז איצט האָב איך עס נישט געוואָלט אַרויסזאָגן. דאָס איז פאָרגעקומען מיט אַפּאָר טעג צוריק, בעת דער קרעמער טעאָדאָר האָט איינגעאָרדנט אין שיפער-הויז דעם באַל. נו, איז אַהער צו אונז געקומען אַ פּאָרל און אויפגעפאָדערט די אַנדערע צו גיין מיט זיי אויפן באַל. דאָס איז געווען דעם אַדוואָקאַטס פלאָרינאַ און נילס פון ווערלטאַ, און פלאָרינאַ האָט געטראָגן אַ געלן מאַנטל. אונזער מאַרציליע וואָלט גערן מיטגעגאַנגען, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין בחור, זי וואָלט געקאָנט גיין מיט קאָנראַדן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין שטיוול, דעמאָלט איז קאָנראַד אַרויפגעגאַנגען און גענומען דעם הער האַלמענגראַאַס אַ פּאָר שטיוול.

– וואָס האָט ער געטון ? – האָט מאַריאַנע געפרעגט.

— ער איז אַרויפגעקומען אַהער אין שטוב אַריין. די נייע שטיוול מיט די לאַקירטע שפּיצן, וואָס דער האָט צום לעצטן מאָל געבראַכט פון שטאָט.

אַלע שווייגן.

דער דאָקטאָר פרעגט:

— ווער איז קאָנראַד?

— איינער פון אונזערע טאָג־אַרבעטער. און דעמאָלט איז מאַרצילע געגאַנגען מיט אים אויפן באַל. זיי האָבן געטאַנצט ביז אינדערפרי. ווען זיי זענען געקומען אַהיים, איז קאָנראַד געווען שיכור. ער האָט אַוואָרף געטון די שטיוול צוריק אויף זייער אָרט, און זיי ליגן נאָך דאָרטן, אַשיינעם פּנים האָבן זיי! זאָל איך זיי ברענגען?

— ניין, — האָט האָלמענגראַא געזאָגט.

— ווען איך קוק זיי איצטער אָן און איך גיב אַטראַכט, ווי נייַ און גלאַנצנדיק זיי זענען געוועזן פריער, איז... און אויב איר לאָזט אַזוי ווייטער גיין, איז...

דער אַדוואָקאַט האָט פאַרגעלייגט אַראָפּצושלאָגן דעם טאָג־אַרבעטער פון זיין שכירות אַזוי לאַנג, ביז ער וועט באַצאָלן פאַר די שטיוול.

— יאָ, נישט אמת? וואָס זאָגסטו דערצו, וויללאָק? — האָט מאַריאַנע געפרעגט אויף איר כיטרען שטייגער.

— אָ, יאָ, — האָט ווילאָק געענטפערט — נאָר עס שטעלט זיך די פראַגע, צי הער האָלמענגראַא וויל ווערן אַשטיוול־הענדלער.

אַלע האָבן אַקוק געטון אויפן הער האָלמענגראַא, וועלכער האָט נאָר אַשמייכל געטון און געזאָגט:

— איך מיין, אַז מען דאַרף אים אָוועקשענקען די שטיוול, פרוי אירגענס.

— יאָ! — האָט אויסגערופן פרוי אירגענס מיט אַגעקרענקטן שאָקל מיטן קאָפּ. און אַצווייטן מאָל וועט ער פּשוט אַראָפּנעמען די קליידער פון הענגער; אָבער עס איז שטענדיק אַזוי, ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל.

— עס איז נישט כדאי זיך צו קרענקען צוליב דעם, פרוי אירגענס, — האָט הער האָלמענגראַא גלייכגילטיק געזאָגט.

הער האלמענגראא האט יעדנפאלס ארויסגעוויזן אסאך זעלבסט-באהערשונג, בעת ער איז דא אזוי גלייכגילטיק געזעסן און דערפילט די פליכטן פון א באלעבאס און געטרונקען צו זיינע געסט. ווען פרוי-אירגענס האט דערציילט די מעשה מיט די שטיוול, האט פריער זיין מויל א צוק געטון, ווי ער וואלט דערפילט א שטאך; אפשר האט אים געקרענקט, וואס זיינע שיינע שטיוול, די פריימויערער-שטיוול און די זייד-באשלאגענע קליידער האבן מער נישט ארויסגערופן קיין אכטונג.

דער אדוואקאט האט געהאלטן, אז עס דארף דעם טאג-ארבעטער אזוי גלאטיק נישט אפגיין.

— איך בין אינגאנצן מסכים מיט פרוי אירגענס, ווייל אויב מיר וועלן זיך לאזן, וועלן די חברה אונז נעמען קריכן אויפן קאפ.

דער מיל-אייגנטימער האט גאנץ גוט געוווסט, ווי גיפטיק די-וועגלפאסער צייטונג איז אן אויפהער קעגן אים ארויסגעטראטן, און אז דער אדוואקאט האט עס דערלאזט. אבער ער האט עס נישט ארויסגעוויזן.

— נאך א גלעזעלע, הער אדוואקאט? מיר וועלן זיך דאך נישט פארביטערן דאס לעבן צוליב אזא קלייניקייט.

מאריאנע האט א קלאפ געטון אין פאטערס גלאז און געהאלטן פאלגנדיקע רעדע:

— פאפא, אלס דיינע קינדער, וויל איך איצטער זאגן: דו ביסט דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט!

דערנאך האט מען גענומען רעדן וועגן דעם טומל מיט די פלאגן אין זעגלפאס, און דער אדוואקאט האט ווידער גענומען דאסווארט. יעדן טאג ציט מען ארויף די פלאג, איין גאט ווייסט פארוואס. היינט האט מען ווידער ארויפגעצויגן די פלאג אויף א הויז, דהיינו, ביים נאר-וואס געקומענעם פאטאגראפיסט. וויפיל פלאגן זענען פאראן ביי לייטן?

דער אדוואקאט האט געציילט אויף זיינע פארמלאזע פינגער:

— אכט שטיק, ניין שטיק, — זעגלפאס איז רויט געווארן פון אזוי פיל פלאגן. עס איז גאנץ פשוט, אז מיר, וואס זענען, אזוי צו זאגן, געבוירן געווארן מיט פלאגן און אויפגעוואקסן מיט פלאגן, זאלן

פלאַגן בעת אַ געבורטס-טאָג אָדער אַ פאַמיליע-שמחה ; אָבער שטעלט איך פאָר, אַז דער קרעמער טעאָדאָר ציט אַרויף די פלאַג, בעתן געבורטס-טאָג פון דעם אַלמן פער.

דער ווײַן האָט געמאַכט דעם עולם אויפריכטיקער און אָפּנ-הארציקער. דאָקטאָר מואָס האָט געזאָגט :

— איר האָט מיר פריער גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן, אַז איך בין גישט פון קריסטיאַניאַ. נו, הער אַדוואָקאַט, האָט איר דען נישט קיין צייטונג, ווו מען וואָלט געקאָנט אַרויסטרעטן קעגן די דאָזיקע עוולות ? און וואָס טוט די צייטונג ?

דער אַדוואָקאַט האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דאָקטאָר מואָס האָט זיך דערווײַל אַרומגעקוקט אַרום טיש און איינגעמאָנט דעם שכר פאַר זײַן גערעכטיקייט. דאָס איז געווען כמעט אַ פייערלעכע שעה, ער האָט באַזיגט זײַן גוטן-פרײַנד.

— איך באַזיץ בלי ספק דעם גרעסטן טייל פון דער זעגלפּאָסער צייטונג, אָבער איך רעדאַגיר זי נישט. — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

— ווען איר האָט גערעדט וועגן דעם מיסברויך מיט די פלאַגן, בין איך מיט אייך אײַנגאַנצן מסכים געווען. — האָט דאָקטאָר מואָס געזאָגט און זיך נאָכאַמאָל געררייצט מיט זײַן פרײַנד אויף זײַן שטייגער. — ווען איך האָב באַקומען אַ פלאַג פאַר מײַן דאָקטאָר-הויז, בין איך געווען דער איינציקער, אָבער איצט האָבן אַלע פלאַגן. דער גלח, דער שמיד, דער געהילף יאַקאָב, אַלעס פון גרענוואָלד, אַלע פלאַגן ביי טאָג און ביי נאַכט. דעריבער האָב איך עס אָפּ-געשטעלט.

— איך נוץ אויס די געלעגנהייט צו דערקלערן, אַז איך רעדאַגיר נישט די זעגלפּאָסער צייטונג. — האָט אַדוואָקאַט ראַש דער-קלערט פייערלעכער, ווי ס'איז נויטיק געווען. ער האָט בשעת-מעשה אויסגעזען אויפריכטיק, אַ געוויסע אויפריכטיקייט, עפּעס אַן אומ-גאַטירלעכע אמתדיקייט איז געווען אויף אים אויסגעגאָסן. — איך האָב גענומען דעם בלאַסן ליטאָגראַף, דערביי האָב איך געהאַט אַ קליינע פּערזענלעכע כוונה, אַ פּלאַן אויף דער צוקונפט ; אָבער דערפון בין איך קיינעם נישט מחויב אָפּצוגעבן קיין דין וחשבון. איך האָב, הייסט עס, אָנגעוויזן דעם מענטשן די וועגן, אָבער ער אַליין זעצט

אין רעדאגירט די ציימונג. אין א פאר פאלן האב איך אליין אויך עפעס געשריבן אדער אים מיטגעהאלפן, דאס איז אלץ. איך בין אפט אליין זייער אומצופרידן דערמיט, וואס דאס בלאט שרייבט. אבער איך קאן מיך נישט אריינמישן ביי יעדער געלעגנהייט, דערצו האב איך צו ווייניק צייט.

— נאטירלעך, — האט הער האלמענגראא געזאגט.

דורך די דאזיקע רייד האט ער אפשר געהאפט, אז דער אדוואקאט וועט אין דער צוקונפט ענדערן דעם טאן פון דער ציימונג. דעם דאזיקן אדוואקאט ראש האט דער מיל־אייגנטימער אליין איינגעארדנט אין זעגלפאס און אים געעפנט א וועג, פארגעשטעלט אים אפילו דער הערשאפט אינם גוט, זאל ער אין זיך גאר קיין ביסל בושה נישט האבן? זאל ער דערלויבן, אז זיין ציימונג זאל אויפרייצן קעגן אים די ארבעטער?

— איך האב אייך גארנישט געהאט בדעה א־צוגרייפן, ליבער פריינד, — האט דער דאקטאר געזאגט — לחיים!

— לחיים! איך בין אייך דאנקבאר, וואס איך האב געקאנט אויפקלערן א מיספארשטייעניש. — האט דער אדוואקאט פייערלעך געזאגט. — איך שטיי אויסער דער רעדאקציע פון דער זעגלפאסער ציימונג.

דערנאך האט מען גערעדט וועגן אלגעמיינע זאכן, וועגן נייעס אין שטאט און אין לאנד. פאסטאר לאנדמארק האט פארענדיקט א קליינעם וואגן, וועלכן ער האט אליין פון אלף ביז תיו פארטיק געמאכט.

— יא, דאס איז אלץ גאנץ פיין, — האט דאקטאר מאוס געזאגט. — אבער א באאמטער, א גלח — צו וואס וועט עס דערפירן! ווען איך שטעל זיך פאר, למשל, מיין טאטן אדער מיין זיידן מיט א הובעל!

די מלחמה אין מזרח, דאס פאלן פון פארטארטור, זענען מיט קיין אייןווארט נישט באריררט געווארן.

דער וויין האט אפשר אויך מיטגעווירקט, געטריבן די טווייגנדיקע מענטשן צו עפענען דאס מויל. דער יונגער ווילאץ האט פלוצלינג איבערגעגעבן דעם מיל־אייגנטימער וועגן אנטאן קאלדעווין, אז ער וועט באלד קומען. יא, אז ער איז שוין אונטערוועגנס.

זיין מאַמע, דער קאָנסול, איז געווען קראַנק, אַנישט וואָלט ער שוין געקומען פריער.

— איך געדענק זייער גוט דעם קאָנסול קאָלדעווין, — האָט הער האָלמענגראַא געזאָגט. — ער איז געווען דער פּאַרמיטלער, בעת איך האָב געקויפט ביי אייער מאַמען ערד; דעם מסחר האָבן מיר געשלאָסן ביינאַכט אין העלן לבנה־שיין. דער קאָנסול איז געווען זייער פריינדלעך און שטענדיק אויפגעלייגט צו שפּאַסן.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— אַ שאָד, וואָס איך בין נאָך דאָ דעמאָלט נישט געווען. — האָט ער געזאָגט. — אַ נישט וואָלט איך געוואָרן דער פּאַרמיטלער.

— אוודאי.

— יאָ, יאָ, הער האָלמענגראַא, אַ דאַנק אייך האָב איך באַקומען מיין נחלה און מיין השפעה, זאָגט מיר, אַגב, צי האָט איר לעצטנס געזען מיין וואַלד? הערלעך, פּשוט נישט צו גלויבן, נישט אמת, הער דאָקטאָר?

— גרויסאַרטיק! ווי געזאָגט, פעלן דאָרט נאָר נאַבטיגאַלן. ווען וועט איר איינאָרדנען די גאָרטן־פייערונג, הער אַדוואָקאַט?

— אינגיכן. באַלד נאָכן זומער. דעמאָלט וועלן די ביימער זיך מער נאָך פונאַנדערוואַקסן. איצט האָב איך אויך אַ פּאַנטאָן, הער האָלמענגראַא, און איך אונטערהאַנדל מיט אַן אייזנגיסעריי וועגן אַ פּאָר קונסטווערק. ווייסט איר, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? אַז דער פאָטאָגראַפיסט איז דאָ אויפן ריכטיקן פּלאַץ. ער וועט באַלד קאָנען פאָטאָגראַפירן מיין פייערונג און דערביי מאַכן גוטע געשעפטן; אַלע באַטייליקטע וועלן, נאַטירלעך, קויפן דאָס בילד.

פריילין מאַריאַנע האָט אַ קוק געטון אויפן דאָקטאָר מיט פאַר־זשמורעטע, ביטערע אויגלעך און געזאָגט:

— אָבער פריער וועט ער מסתמא פאָטאָגראַפירן די קאָנפירמאַנטן.

ווען מען האָט אָפּגעגעסן און אויסגעטרונקען די קאַווע, האָט זיך איינגעגעבן דעם דאָקטאָר מואוס צו בלייבן אַליין מיט פריילין מאַריאַנע. ער האָט גערעדט וועגן דער ענדערונג, וואָס שטייט פאַר זיין נישטאיקער פּערזאָן, וועגן זיין אוועקפאָרן, וועגן זיין פעסטן באַשלוס צו פאַרלאָזן זעגלפאָס...

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? די מענטשן טרעפן זיך און צעשיידן זיך! מיר האָב זיך געטראָפן, פרײלין מאַריאַנע, און איצט...

— ציז, ה, ע, הער דאָקטאָר, ווייך און זייער רויק, אַזוי: ציז, ה, ע.

דער דאָקטאָר האָט זי דערשטוינט אָנגעקוקט דורך זיינע דיקע ברילן:

— וואָס באַדייט דאָס?

— ראָמאַנסן.

— האַ, מיר זענען ווידער אַ קינד! — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט. — אָדער אָפשר איז די הידרע אַרויסגעקראָכן פון איר קאַסטן?

— פון אייער קעסטל שוועבעלעך, הער דאָקטאָר, איר דאַרפט מיר נישט זאָגן, אַז איר פלעגט די לעצטע צייט זייער אָפט קומען צום פאַסטאָר.

— אַך, אַזוי!

ער האָט זיך פאַרענטפערט און געפרווווט זיך ריין צו וואַשן. וואָס מיינט זי דערמיט? די פאַסטאָרין איז אַ מערקווירדיקע פרוי, פיינע מאַניערן, פיינע קולטור.

— אָבער וואָס מיינט איר — די מיידלעך זענען ערשט קאָנפירמירט געוואָרן, די לעצטע אין פאָריקן יאָר. לאָמיר זיין ביים קלאָרן פאַרשטאַנד!

— פונדעסטוועגן, וואָס שייך דער קאָנפירמאַציע, זענען זיי ביידע הויך און שיין.

— דאָס לייקן איך נישט, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — נאַטירלעך, נעמט מען מיך אויף אין דער פאַמיליע זייער גערן, און איך בין שוין דאָרט געווען עטלעכע מאָל. ביידע יונגע דאַמען מיט זייער מוטער לעבן גאַנץ אָפּגעזונדערט, דער פאַסטאָר פאַרברענגט מיט זיי זייער ווייניק, ער האָט זיין וואַרשטאַט. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז די באַגעמונג פון אַ געבילדעטן מענטשן איז זיי נישט דערווידער. אָבער פון דעם ביז עפּעס מערער איז אַ ווייטער שפּרונג.

— איר וועט שוין דעם שפּרונג מאַכן, הער דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרנויגט און געזאָגט:

— דאָס קלינגט, ווי איר וואָלט עם מיר אַליין געראָטן. האָט

איר, הייסט עס, קיין שום אינטערעס נישט, אַז איך זאָל דעם שפּרונג נישט מאַכן?

— ציז, ה, ע...

דעמאָלט האָט זיך דער דאָקטאָר נאָכאַמאָל פאַרנויגט און איז אַוועק פון דעם קינד.

הער האָלמענגראַא האָט באַגלייט זיינע געסט ביז דער גאַס און זיך מיט זיי געזעגנט, ווייל ער האָט נאָך געמוזט גיין אין דער מיל אַריין.

— צי קאָן איך אייך באַגלייטן? — האָט ווילאַץ געפרעגט.

צי האָט זיך הער האָלמענגראַא גערירט אויף דעם פאָרשלאָג, אָדער ער האָט עס אַליין פאַרלאַנגט? דערצו איז ער געווען גענוג קלוג און שאַרפזיניק. זיין ליבע צום יונגנמאַן, די פרייד צוליב זיין צוריקקומען, צוליב זיין געזעלשאַפט, האָבן געהאַט זייער נאַטירלעכע סיבה; דער יונגער ווילאַץ האָט אים דערמאַנט יענע צייט, ווען ער איז, ווי דער קעניג פון דער מעשה, געקומען קיין זעגלפּאָס, ווען ער איז געווען אַ שטענדיקער איינגייער ביים לייטענאַנט, דערנאָך זיך אויפגעבויט און זיך באַזעצט. דאָס זענען געווען שוין איינמאָל טעג! איצט האָבן זיך די צייטן געביטן, דער קעניג איז געווען אַראָפּגע־זעצט. אָפשר וועט נאָך קומען אין זיין לעבן אַ האָלמסען און אים שטיצן!

די הערן זענען געגאַנגען פאַמעלעך לענגאויס דעם וועג. עס איז געווען גאַנץ וואַרעם; דאָ און דאָרט האָבן זיי באַגעגנט איינעם פון הער האָלמענגראַאס אַרבעטער, וואָס פלעגן זיך אין יענער צייט אַרויסכאַפּן פון דער אַרבעט אויף אַ קורצע שעה. צי האָט דער מיל־אייגנטימער דערפון געטראַכט און געוואָלט דייטלעך אָנווייזן ווילאַצן די דאָזיקע אומאָרדנונג?

אָבער דער יונגער ווילאַץ האָט דערווייל, משמעות, גאָרנישט געזען.

— קאַמישע פּאַפּוגייען, אָט די צוויי! — האָט ער געזאָגט וועגן דעם אַדוואָקאַט און וועגן דעם דאָקטאָר. — בעת זיי רעדן, ווערט מיר פלוצלינג קלאָר, פאַרוואָס די בינעזער עסן מיט שטעקעלעך!

וואָס האָט ער בשעת־מעשה געטראַכט? וועגן זייער ענגהאַר־ציקייט, באַגרענעצטקייט, וועגן זייער נישטיקייט? דער אַדוואָקאַט איז

בלי־ספק געווען א קאריעריסט, אָבער דאָקטאָר מואוס, וואָס איז גע־שטאַנען העכער פון אים, איז אים נאָך אפשר געווען עקלדיקער. צי איז אין דעם יונגנמאן געבליבן עפּעס פון די אַריסטאָקראַטישע איינרעדענישן, פון זיינע שול־יאָרן אין ענגלאַנד? און צי האָט זיך צו דער ירושה פון זיינע עלטערן צוגעמישט אין זיינע פאָרשטעלונגען אַביסל הערלדיק? ער האָט אָפּשר געטראַכט דערפון, אַז דער דאָקטאָר, וואָס שטאַמט פון אַ גוטער פאַמיליע, טראָגט נאָך אַלץ שטיוול און אַז אויף זיין רעקל זעט מען די שפּורן פון דעם שטול־אָנלען? און וואָס פאַר אַ העמדער ער האָט עס געטראָגן, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פאַר פיינע? אָבער דאָס אַלץ וואָלט נישט אויס־געמאַכט, ווען עס וואָלט זיך אים נישט געלייגט אַזוי שווער אויפן האַרצן, וואָס ער אַליין זעט אויס אַזוי.

דער שטאַרקער געפינט שטענדיק אַ שטאַרקערן. צי האָט ווילאַק האַלמסען ווען־עס־איז אויך אַ טראַכט געטון, ווער ער איז אַליין? זיינע חברים האָבן עס אים טיילמאָל דערמאָנט און פאַר־געוואָרפן. באמת, טיילמאָל האָט ער געשפּאַסט דערפון, וואָס ער איז דער לעצטער שפּראָץ אין דעם אַלטן שטאַם פון זיין ראַסע. ער האָט געקאָנט זאָגן, אַז ער איז אַ אַלט בילד, וואָס האָט צעבראָכן זיין ראַם.

– אָבער — האָט ער געזאָגט – אַביסל פוק, אַביסל פּראַנטישקייט, אַביסל ירושה־געלט, אַ נחלה, צי דאָס אַלץ צוזאַמען גיט אַ באַנאַלע פּערזענלעכקייט?

ער געווייס, האָט ער צוגעגעבן, ער איז ערשט אַרום און אַרום אַלט צוויי הונדערט יאָר. און זיין ראַסע? אירע פאַרטרעטער וואָלטן געוואָרן משרתים, וואָס וואָלטן געשטאַנען אונטער דער שטול, דער־נאָך וואָלטן זיי געוואָרן עקאָנאָמען, אויפזעער, דערנאָך וואָלטן זיי פאַרכאַפּט די מאַכט, געוואָרן אויפגעקומענע, דערנאָך וואָלט צוגע־קומען די עשירות. פיר דורות האָבן געלעבט אין אַלץ גרעסערן לוקסוס, אין איידלקייט — איצט שטאַרבט די ראַסע אויס. דאָס איז דער גאַנג פון לעבן.

— זאָגט, וואָס איז דערביי פאַראַן מערקווירדיקס? איז דען נישט גוט, וואָס די לעבער זענען אויפגעעפנט געוואָרן, כדי אַנדערע זאָלן זיך קאָנען אַריינגליטשן, אַנדערע שווינדלער און אַנדערע פּאַראַזיטן?

יאָ, דער ווײַן בינדט אויף דעם צונג, ווילאַץ האָט גערעדט
און אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן:
— זיי שלאָגן אײַנערגעץ נישט קיין וואָרצלען, זיי שטרעבן
שטענדיק צום דרום, — האָט ער געזאָגט און ווידער דערמיט אויסנ-
געווען דעם אַדוואָקאַט און דעם דאָקטאָר. — וואָס זענען עס פאַר
אַ מענטשן! טיפּן פון באַאַמטן! יאָ, באמת, איך זע אַלץ מערער,
ווי גערעכט מײַן טאַטע איז געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער
טיפּ פון באַאַמטן איז דער ערגסטער אין אַ פאָלק, ער איז אַ פאַבריק-
פּראָדוקציע. בײַם סוחר, בײַם געשעפטסמאַן איז אַלץ אין געפאַר;
ער בויט זײַן עקזיסטענץ, אײַנשטעלנדיק אַלץ אין קאָן, ער איז אין
קיין זאַך נישט זיכער, יעדע רגע ריכט ער זיך אויף אַ געווינס. זײַן
לעבן איז געווידמעט דער אַרבעט, דער שפּעקולאַציע און די גע-
שעענישן, ער גייט אַנטקעגן זײַן גורל: הצלחה אָדער אונטערגאַנג.
וואָס מאַכן דורך די באַאַמטן? העכסטנס די ענדערונג פון דעם אָרט,
די אַלטע השפּעה אויף אַ נײַען באָדן. נו, און די אַריסטאָקראַטן?
זייער שטאַרקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט
ערד-נחלאות און אַ היים, און זיי זענען געווען הערשער איבער
אַ קלענערער אָדער אַ גרעסערער וועלט. זיי זענען אַרויסגעפאָרן מיט
זייערע פערד צו זייערע טויערן און איבער זייערע אייגענע וועגן און
פעלדער. אַ מאַסע מענטשן האָבן געלעבט פון זייער ערד. זיי האָבן
נישט נאָר געשאַפן אַ דור, זיי האָבן אים פעסט אײַנגעפלאַנצט אין
באָדן. ווען די אַריסטאָקראַטיע איז אויסגעראָטן געוואָרן, האָבן די
באַאַמטן פאַרנומען זייער פּלאַץ. פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן געהאַט
קראַנקע הענט, מיט וועלכע זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט שאַפן. זיי
זענען נאָר געזעסן אין דער פאַרוואַלטונג און געשריבן. עס האָט
געגאָלטן פאַר זייער פּײַן צו שרײַבן אַזעלכע פּראָסטע זאַכן, ווי
אותיות. אין באַאַמטן-שטאַנד קאָן אין זייער אַסאַך פאַלן דער זון
ירשענען דעם אַמט פון זײַן פאָטער, דערבײַ שטייען זיי נישט אין
קיין שום געפאַר. העכסטנס קאָן אויסקומען אַמאָל צו האַלטן אַ פאַר-
שפּעטיקטן עקזאַמען. אָט אַזוי קאָנען זיי ווײַטער ציען די פּשוטע און
אויספּירבאַרע אַרבעט, וואָס זיי האָבן געירשנט און וואָס גיט זיי
אַ קליינע חיונה. דאָרט, ווו די אָבות הערן אויף צו ווירקען, פאַר-
נעמט דאָס אָרט דער נײַ-אויפגעקומענער דור, זײַן פאַרגאַנגענהייט

באשטימט די צוקונפט, דער וועג איז באקאנט, עס האנדלט זיך נאר אין דורכמאכן דעם וועג ביזן סוף. אט זעט איר, ביי אויסער־געוויינלעכע מענטשן איז גאנץ אנדערש: די עשירות גייט נישט בירושה אן א סוף, זי שעפט זיך אויס אין דריטן אדער אין פערטן דור; דער זשעני שטארבט צוזאמען מיטן אייגנטימער, אפשר שטייט ער נאך אויף אמאל און אפשר נישט. גרויסע מענטשן שעפן אויס די גאנצע קראפט פון דער גענעראציע, אויב עס איז מעגלעך, דארפן זיי האבן נאר טעכטער. דאס דארף זיין א געזעץ. אדער די באַ־אמטן קאנען אן שום סכנה ארויסברענגען זין און מיטלמעסיקייטן, וויפיל זיי ווילן.

אך, ווי דער יונגער וויללאק האט זיך צערעדט, ווי דער ווײַן האט עס אים פונאנדערגעבונדן די צונג און געמאכט זי נאַכ־גיביק!

לכוף האט ער געזאגט:

— די באאמטן ווילן זיך דא נישט איינוואָרצלען, זיי שטרעבן נאר צום דרום פון לאנד. זיי האבן אינערגעץ נישט קיין היים. זיי וווינען אויף פרעמדן באדן אין הייזער פון פרעמדע מענטשן. גיט נאר א טראכט, א דור נאך א דור איז אן א היים, דאס דויערט שוין אזוי לאנג, ווי גאטס שטראף! די קינדער בלייבן נישט אין דער היים, ווו זיי זענען געבוירן און דערצויגן געווארן, זיי ווערן ארויס־געריסן פון זייער ערשטן, צווייטן אדער דריטן וואָרצל־שטאם, ווייל די עלטערן שטרעבן אלץ צו דרום; ווען זיי באזעצן זיך, שניידן זיי אונטער די וואָרצלען אונטער זיך. דאס טוט מיר וויי, דאס זענען קינדער, אבער זייערע וואָרצלען ווערן אונטערגעשניטן פון וואנדער־וואגן. אין פיל, פיל יארן ארום וועלן זיי אפשר ווידער אנקומען אין אזא ארט. זיי זענען אויף א לוסט־רייזע און באטראכטן די ערטער אן טרערן אין די אויגן. זיי דערמאנען זיך אפשר אמאל קליינע איבערלעבונגען ביי אט דעם שטיין, ביי יענעם דעמב: דארט אין טייכל האבן זיי געלאזט שווימען שפענער. זיי קוקן זיך א ווײַלע אן, דערנאך גייען זיי אוועק. זיי וואנדערן ווייטער, גיט א קוק אויף די דאזיקע מענטשן! זיי זענען אזוי לאנג געזעסן געבויגן איבער א טיש, זיי האבן באקומען קרומע רוקנס, זיי זענען אומפעיק צו טון עפעס מיט די הענט, זייער אפט טראגן זיי ברילן אויפן נאז. דאס

איז אַ סימן, אַז די געלע־נטקייט, וואָס האָט אַריינגעשטראָמט אין זייער מוח האָט אויסגעצויגן די ראיה פון זייערע אויגן, זיי זעען נישט מער, די דאָזיקע מענטשן זענען געוואָרן די אַריסטאָקראַטיע פון לאַנד. אָט גייען זיי דאָרט!

דער יונגער ווילאַץ האָט איצט פריי גערעדט, קיינער האָט אים נישט אָפּגעשפּאַרט. אָבער ווען ער איז געזעסן צוזאַמען מיט חברים, איז ער שטענדיק געווען אין דער געפאַר צו כאַפּן אַ פּאַרדינטן אָפּשניט:

— האַ! דער יורש רעדט, דאָס יחוס־קינד. ער קאָן זיין לעקציע, ווין טאַטע און פיר אָבות האָבן אים אויסגעלערנט! מיין טאַטע איז געווען אַ ריכטער, זיין טאַטע איז געווען אַ לייטענאַנט, אָבער ווער איז געווען גרעסער? און ווער איז ער אליין, דער זון? אַ גוטבאַזיצער אין לאַנד! וואָס קאָן ער ווערן? פרעגט אַ וואָרזאָגער! ווען מען מוז זיך נישט מאַטערן צוליב אַן עקזאַמען, גייט זיך אַלץ פיין, מען גיט עס אויף, מען קערט זיך אום צום הויף. דאָרט האָט מען עפּעס אַן אַלטע דינערין, וואָס באַזאָרגט אַלצדינג, דער יורש, דאָס יחוס־קינד האָט נישט וועגן וואָס צו דאַגהן; ער האָט זיין דינערין, וועלכע ער האָט געירשנט, זי האָט בלאָנדע האָר און פריינדלעכע אויגן; בלייבט ער אַ פרימאָרגן צו לאַנג ליגן אין בעט, קומט זי צולויפן און פרעגט, צי איז ער, חלילה, נישט קראַנק; זיצט ער צו לאַנג אויף אַ שטול, מונטערט זי אים אויף אויפצושטיין, כדי דאָס צולאַנגע זיצן זאָל אים, חלילה, נישט שאַדן, דערנאָך שטאַרבט ער, דעמאָלט לייגט די דינערין בלומען אויף זיין קבר; דאָס איז דער סוף. און מען דאַרף באַמערקן: די, וואָס שטאַרבן, זענען די בעסטע פון די יורשים און פון די אדל־קינדער, דאָס זענען די רעזיגנירטע און אומדרייסטע! הער ווילאַץ האָלמסען, די ערגסטע און אומנוצלעכסטע זענען די, וואָס שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם טויט און קאָנען לעבן ווייטער!

אָבער יעדער האָט זיינע אייגענע געדאַנקען, און הער האָלמענגראַא האָט מסתמא אויך זיינע. אפשר האָט ער דערקענט אין די רייד פון דעם יונגנמאַן עפּעס פון זיין טאַטנס רייד, וואָס אין יעדן וואָרט זיינעם און אין יעדער טאַט זענען געקומען צום אויס־דרוק די זעלבע כוונות. הער האָלמענגראַא האָט נאָך אַלץ געהערט

די שטים פון דעם אלטן לייטענאנט, זיינע ווערטער זענען געווען ביטער און עכט; אין מויל פון דעם זון זענען זיי געוואָרן אומשעדלעכער. אפשר איז עפּעס געווען אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אז גרויסע מענטשן דאַרפן נישט האָבן קיין זין.

הער האָלמענגראַא האָט אפילו געענטפערט: — יאָ, ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך צוגעהערט, אָבער ער האָט געטראַכט וועגן זיך אליין. צי האָט דער יונגער ווילאַץ געזען די ליידיקגייער, זיינע אַרבעטער, אָט די גאַנצע אומאָרדנונג? זיין טאַטע, דער לייטענאַנט, וואָלט זיכער אָנגעשטעלט אויף זיי זיינע גרויע אויגן און זיי געשטעלט אַ קורצע פראַגע.

ביידע הערן זענען שווייגנדיק געגאַנגען ווייטער.

— זענען עס געווען אייערע אַרבעטער, וועלכע מיר האָבן אונטן געטראָפן. — האָט ווילאַץ געפרעגט.

— יאָ.

— זיי האָבן זיך נישט געגריסט?

— יאָ, טיילמאָל, — האָט הער האָלמענגראַא געענטפערט — אָ יאָ, אַנדערע האָבן זיך געגריסט.

— אָבער פון וואָס נעמט זיך עס, וואָס נישט אלע האָבן געגריסט? איר זענט דאָך זייער באַלעבאָס?

— דאָס קומט מסתמא דערפון, וואָס די נאַטור, בעת זי האָט געשאַפן באַלעבאַטים, האָט זיי נישט שטענדיק באַשאָנקען מיט די העכסטע מעלות. — האָט הער האָלמענגראַא געזאָגט.

— אָט דאָס איז די סיבה? — האָט ווילאַץ געפרעגט.

— אייער פאָטער, ער איז געווען דער אמתער האַר. איך מוז אים כסדר דערמאָנען, אים און זיין פערד. ווען ער האָט געהייסן, האָבן זיינע מענטשן געפאָלגט.

— עס האָט נאָך געפעלט, זיי זאָלן אים נישט פאָלגן!

— און דאָך איז ער געווען אַ גוטהאַרציקער מאַן. ער איז געשטאַנען פעסט, ווייל ער האָט געוווסט, אז אַסאַך מענטשן זענען פון אים אָפּהענגיק. ער האָט געוווסט, אז אויב ער וועט פאַלן, וועלן באַלד פאַלן הונדערט.

— יאָ, אזוי איז עס געווען, — האָט ווילאַץ געזאָגט — נאָר אָט קומט נאָך איינער, מיר וועלן זען, צי ער וועט גריטן.

הער האָלמענגראַא האָט אַ קוק געטון, ווי ער וואָלט דעם מענטשן נאָר-וואָס דערזען, און געזאָגט:

— דאָס איז קאָנראַד, ער וועט זיכער נישט גריסן.

— וואָס פאַר אַ קאָנראַד, דער אייגענער, וואָס האָט אַמאָל גענומען אייערע שטיוול?

הער האָלמענגראַא האָט טרויעריק געשמייכלט.

— יאָ, דאָס איז געווען איינס פון זיינע שפיצלעך.

— און איר האַלט אים?

— יאָ איך האַלט אים, ווייל זיינע חברים וואָלטן זיך גע־שטעלט אויף זיין זייט און צוזאַמען אַרויסגעטרעטן.

— טאָ לאָזט זיי צורו! — האָט ווילאַק געזאָגט.

קאָנראַד איז פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט פאַרקנעפּלט זיין העמד און זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט דערמיט געווען שטאַרק פאַרנומען.

— ער האָט נישט געגריסט. — האָט ווילאַק געזאָגט. — ווי גייען עס אַלע אייערע אַרבעטער?

— איך ווייס נישט. זיי האָבן זיך געמאַכט אַ הפסקה אין דער אַרבעט. זיי האָבן עס אַליין איינגעפירט. אַנדערע פון זיי זיצן, ווי איך זע, דאָרטן אין וואַלד.

ווילאַק האָט אַ קוק געטון אויפן הער האָלמענגראַא און פּלוצלינג איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דער קעניג פון דער מעשה איז שוואַך געוואָרן, זיינע ליפּן האָבן לייכט געציטערט, דער אירים אין זיינע אויגן איז געוואָרן פאַרבלאַז און אָן אַ גלאַנץ. יאָ, ער איז געווען פאַרעלטערט.

ווילאַק איז געבליבן שטיין און געזאָגט:

— רופט-זשע דעם מענטשן צוריק! פרעגט אים, וווהין ער גייט!

הער האָלמענגראַא האָט אים געפאָלגט און אַ רוף געטון:

— קאָנראַד, אַך, קום נאָר אַהער אַ ווײַלע!

ווילאַץ איז דערשטוינט געוואָרן פון זיין בעטנדיקער שטים, און אויך דערפון, וואָס דער מיל-אייגנטימער איז אנטקעגן געגאַנגען זיין אַרבעטער עטלעכע טריט. האָט ער געמיינט, אַז דאָס וועט אים עפּעס העלפן? פונדעסטוועגן איז קאָנראַד געשווינד נישט געגאַנגען. און ווען ער איז לסוף זייער געלאַסן צוגעקומען, האָט ער נישט געוואַרט שווייגנדיק אויף אַ דערקלערונג, נאָר ער האָט געפרעגט:

— וואָס איז?

הער האָלמענגראַא האָט געפרעגט:

— אַוו גייסטו?

— אַוו איך גיי? — האָט קאָנראַד געענטפערט. — אין ערגעץ נישט.

— איצט איז דאָך די אַרבעטס-צייט.

— אַלע זענען אַוועק אָפּבאַפּן דעם אָטעם. בין איך אויך אַוועק.

— גיי צוריק צו דער אַרבעט! — האָט האָלמענגראַא געזאָגט.

ביי קאָנראַדן האָט די גאַנצע מעשה אויסגעזען מאָדנע און אומגעווײנלעך; עפּעס מערקווירדיקעס האָט געמוזט פּאַרקומען, אַ נייע ווענדונג, דער מיל-אייגנטימער האָט גערעדט מיט אַ פולער שטים, ער האָט נישט געפּטרט די זאַך מיט אַ פּאָר ווערטער און האָט זיך נישט אויסגעדרייט, ווי זיך צו באַהאַלטן. אויסער דעם איז ער נישט געוועזן אַליין, נאָר צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן פּריק. וואָס זאָל עס באַדייטן?

— איך וועל גיין, ווען אַלע וועלן גיין. — האָט קאָנראַד געזאָגט און זיך אויסגעדרייט.

— וואָס איז מיט דיר, קאָנראַד? — האָט מען גערופן פון וואַלד.

— מיר זאָלן באַלד גיין צוריק צו דער אַרבעט. — האָט קאָנראַד געענטפערט.

— קומט חברים, מיר זען! — האָט אַרויסגעהילכט פון וואַלד.

און פון וואַלד איז אַרויס אַטלאַק, אַ גרויסער, ברייטפּלייציקער מאַן מיט אַ פּיפּקע אין מויל. ער האָט געטראָגן אַ ברייטן הוט פאַר דער זון און אַ גרין רעקל, און זיינע פיס האָבן געשטעקט אין הויכע שטיוול מיט שנאָלן ביי די לידקעס. צוויי אַנדערע אַרבעטער זענען

מיט אים געקומען צוזאַמען אַן די רעקלעך מיט שטרויענע הימ אויף די קעפּ, רויבערנדיק פּאַפּיראָסן.

דער צוג האָט זיך געלאָזט גיין צו דער מיל. קאָנראַד איז צוגעגאַנגען צו די חברים, און ס'האָט זיך פאַרבונדן צווישן זיי אַ היציקער שמועס.

— מיר וועלן זען! — האָט אסלאַק געזאָגט.

הער האָלמענגראַאַ איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט באַטראַכט דעם ענין. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ? אַזוי דאַרף זיך דאָך אַ קעניג נישט האַלטן!

אפשר האָט ער בשעת מעשה עפּעס געפּלאַנעוועט און געוואָלט שמידן דאָס אייזן כּל זמן ס'איז נאָך הייס. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער מיל, האָט ער געפרעגט בערטעלן פון סאַגוויקאַ:

— דו דאַרפסט די מענטשן נישט האָבן, בערטעל, וואָס דו לאָזט זיי גאָר אין מיטן פוסט־און פאַסטעווען?

— אוודאי דאַרפן מיר זיי, — האָט בערטעל געזאָגט.

אָלע יאָהאַן, געטריבן פון זיין שטאַרקער נייגירקייט, איז אויך צוגעקומען.

— אַ וודאי דאַרפן מיר זיי, — האָט ער געזאָגט.

— זיי לויפן דאָך אָבער אַרום!

— יאָ, זיי טוען גאַנץ אָפּט אַזוי.

— הם. יאָ, מיר טוען עס גאַנץ אָפּט. — האָט אַ קלונג געטון אסלאַקס שטים.

הער האָלמענגראַאַ האָט זיך געווענדט צו די אַרבעטער און געזאָגט:

— נו, וועלן מיר עס שוין מער נישט טון.

— ניין? — האָט אסלאַק געזאָגט. — איר מיינט, אַז נאָר איר אַליין האָט איבער דעם די דעה?

— יאָ.

— נו, מילאַ, און איך האָב זיך איינגערעדט, אַז מיר האָבן אויך אַ שטיקל דעה.

— ניין.

— כאַ כאַ! יאָ איר זענט אַ גאַנצער מענטש!

— פון היינט אָן האָבן מיר שוין מער קיין שום דעה נישט,

איר הערט, חברים ? – האָט געזאָגט קאָנראַר.

אַ געמורמל. וואָס ווייטער, האָבן אַלץ מער אַרבעטער איבער־געריסן זייער רו און זענען זיך צונויפגעקומען. זיי האָבן באַמערקט, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר, אַסלאַק האָט גערויבערט און געשפּיגן ; ווען ער האָט אויסגערויבערט די פּיפּקע, האָט ער אָנגעצונדן עטלעכע שוועבעלעך מיט אַ מאָל און האָט זי ווידער פאַררויבערט. ער איז געווען גרויס און שטאַרק, אפשר האָט ער זיך אויך געפילט זיכער.

— גייט צו דער אַרבעט, מענטשן ! – האָט באַפוילן דער באַלעבאָס – ווער עס וויל אַרבעטן, זאָל זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט. די איבעריקע זענען אָפּגעזאָגט.

אַ קורצע שטילשווייגעניש.

— הע, מיר זענען גאָר געוואָרן שקלאַפן, חברים ? – האָט אַסלאַק געפרעגט.

דער מיל־אייגנטימער האָט אים געוואָלט איינשטילן און האָט זיך אָנגערופן :

— דו ביסט יעדנפאַלס אָפּגעזאָגט, אַסלאַק.

קיינמאָל האָט נאָך אַסלאַק נישט געהערט אַזעלכע ווערטער פון דעם מיל־אייגנטימער ; ער האָט פאַרגעסן צו רויכערן, עס איז געשען אַן אומגלויבלעכע זאַך : ווען ער איז ווידער געקומען צו זיך, האָט ער גענומען טענהן, בכן אַז די פרייע צייט איז שוין איינגעפירט עטלעכע יאָר, און זיי וועלן עס בשום אופן נישט אויפגעבן. לסוף האָט ער געזאָגט, אַז אויב ער ווערט אָפּגעזאָגט, וועלן אַלע וואַרפן די אַרבעט.

— מיר וואַרפן אַלע די אַרבעט. – האָט מען פון אַלע זייטן צוגעשטימט.

די דאָזיקע אונטערשטיצונג מצד די יונגע מענטשן האָט אַסלאַקן צוגעגעבן מוט ; ער איז געוואָרן זיכער ביי זיך און בייז, ער האָט חוצפּהדיק גערעדט מיט זיין באַלעבאָס, געדוצט אים און גערופן אים טאַביאַס.

– מיר ווייסן פון וואַנען דו שטאַמסט — האָט ער געזאָגט — דו קומסט אַרויס פון די האַלטס און דו הייסט טאַביאַס, און דו ביסט נישט דער פויפסט אין רוים, וואָרן אויב דו זאָגסט נאָך איצט איין וואָרט, גיי איך אַוועק. – האָט אַסלאַק געזאָגט.

— יאָ יאָ, קאָנסט שוין גיין צום מאַגאַזינער און זיך הייסן אויסצאָלן די שבירות. — האָט הער האָלמענגראַאַ צוגעשטימט.

אָבער אַסלאַק האָט געמוזט שטיין און האַלטן אַ גוטע קאָרט פון הינטן, אַ גרויסע קאָרט; אַ בייזער, באַליידיקטער שמייכל האָט זיך אַרויסגעריסן אויף זיינע ליפּן, ער האָט אַ קוק געטון אויפן יונגן ווילאַק, וועלכער איז ביז איצט נישט אָנגערירט געוואָרן און איז געשטאַנען אָן אַ זייט, און זיך אָנגערופן:

— מסתמא מאַכט דיך היינט יענער אַזוי מוטיק, טאַביאַס!

— איר גייט גלייך צו אייער אַרבעט, אָדער איר זענט אַלע אָפּגעזאָגט! — האָט זיך דער מיל-אייגנטימער צעשריגן אויפן גאַנצן קול. — און דו, קאָנראַד, ביסט יעדנפאַלס אָפּגעזאָגט.

אָבער קוים האָט אַסלאַק איינמאָל אַריינגעשלעפּט אין דער קאַטאַסטראָפע דעם יונגן ווילאַק, האָט ער אים שוין מער נישט אָפּגעלאָזט.

— אפשר איז ער דיין איידעם? — האָט ער געפרעגט דעם מיל-אייגנטימער. — ברענג אים אַ הער. כדי מיר זאָלן אים קאָנען באַגריסן.

לסוף האָט אים אָבער משמעות פּאָרט אַ דרוק געטון אין האַרצן וואָס ער און קאָנראַד זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן, און אויף זיין פּנים האָט זיך העל צעשפּילט אַ הינטער-געדאַנק און אַ נצחון, און ער האָט געזאָגט:

— אַהאַ! עס גייט וועגן אונז ביידן, קאָנראַד!

דער פּסק איז, הייסט עס, געקומען, הער האָלמענגראַאַ און זיין באַגלייטער האָבן זיך ווידער געלאָזט גיין צום וועג. דער מיל-אייגנטימער האָט נישט אויסגעזען באַזונדערס באַפרידיקט פון זיין שטאַרקן אַרויסטריט, ער האָט נאָך אַלץ געשפּרייזט מיט אַ געבויגענעם רוקן, עס איז געווען אומבאַגרייפלעך, ווייל אַ קעניג דאַרף שפּרייזן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ; דער אַלטער וואַסער-מענטש און אַוואַנטוריסט האָט זיך דאָך נישט געקאָנט צופרידנשטעלן אָן אַ פּאָר רעוואָלווער-שאָסן, ער האָט אַ קוק געטון אויפן יונגן ווילאַק מיט זיינע וואַסער-בלויע אויגן און געזאָגט:

— כ'האָב שוין לאַנגע יאָרן נישט געהאַט קיין ביסל פרייד. איז עס געווען אויפריכטיקייט מצד דעם באַשולטן חשובן מאַן?

איצט האט אים אסלאק נאכגעשריגן פון הינטן:

— איך זע, אז די קאנסט קאנראדן נישט פארטראגן, ער האט געגומען דיינע שטיוול צום טאנצן, כא כא, דאס איז טאקע אומדערהערט! אבער אוו גייסטו אליין ביינאכט טאנצן, טאביאס? דו מיינסט, אז מיר שאנעווען דיך, דו פריימויערער! דו גייסט אין די הייזער און אויף די בוידעמס, עס זענען דא גענוג מענטשן, וואס האבן דיך געזען! דיין טאנץ איז זנות!

אסלאק האט זיך אן אויפהער געזידלט, דאס איז געווען זיין שטארקע קארט, די ארבעטער ארום אים האבן ארויסגעפלאצט מיט א הילכיקן געלעכטער. הער האלמענגראא האט משמעות געוואלט גיין געשווינטער, כדי זיך צו דערווייטערן, ער האט הכנעהדיק געשמייכלט און צוגעשאקלט מיטן קאפ, גלייך ווי ער וואלט געוואלט זאגן:

— האט איר שוין געהערט אזעלכע באשולדיגונגען?

אבער ווילאץ איז בלאס געווארן און געבליבן שטיין.

— איין רגע! — האט ער געזאגט און זיך אויסגעדרייט.

ער האט זיך געלאזט גיין אויף צוריק און גייענדיק האט ער אויסגעטון זיינע הענטשקעס.

— אט קומט דער איידעם! — האט אסלאק געזאגט.

— קומט, מיר וועלן באגריסן דעם איידעם! — האט ער געזאגט.

ווילאץ איז צו אים צוגעגאנגען, א קלאפ האט א הילך געטון אין דער לופטן, און אסלאק איז אומגעפאלן. וואס? — ער האט אים צעהרגעט מיט דער האנט? גאט, וואס פאר א רויע, ענגלישע פויסט, דער קרבן האט אפילו קיין געשריי נישט ארויסגעלאזט, נאר זיין קערפער איז איינגעזונקן און אומגעפאלן.

איצט האט זיך די מחנה אפגערוקט, עטלעכע האבן זיך צוריקגעצויגן הינטערווייטלעכץ.

— איר האט זיך אנגעזעצט אויף מיר, אבער איצט גיי איך אוועק, — האט קאנראד טרויעריק געזאגט.

ווען די חברים האבן דערהערט די דאזיקע ווערטער, האבן זיי זיך דערמאנט אין וואס דא האנדלט זיך אייגנטלעך; מ'האט זיי באפוילן צו גיין גלייך צו דער ארבעט, א נישט זענען זיי אפגעזאגט, און דא איז צוגעקומען אויף דער מיל-אייגנטימער, דער באלעבאס, אלץ

האָט איצט געקאָנט זיין ווי פריער, זיי האָבן זיך נאָר געדאַרפט אומקערן אויף זייערע ערטער. דער מיל-אייגנטימער האָט אַליין נישט געשלאָגן, דער מיל-אייגנטימער פלעגט קיינמאָל נישט שלאָגן...

זיי האָבן זיך צונויפגעדריקט און צוזאַמען געפּליסטערט, פאָרנווייז זענען זיי אַוועק צוריק צו דער אַרבעט. קאָנראַדן דעם לײדיקגייער האָבן זיי געלאָזט אָן אַ זייט. און קאָנראַד האָט ווידער אַסלאַקן געלאָזט אָן אַ זייט, די גאַנצע נעבעכדיקע קלײנקייט איז אין דעם געלעגן: זיי פאָרן וועלאָסאָפּעד, זיי גייען אין שטיוול מיט שנאָלן און טראָגן קלײדער לויט דער מאָדע, וואָס טעאָדאָר האָלט אין זיין געוועלב, זיי האָבן איבערגענומען דאָס גאַנצע אויסערלעבע און ווערטלאָזע פון דעם אויפגעקומענעם ישוב, אָבער זייער כאַראַקטער האָט זיך נישט געביטן. יאָ, די גאַנצע נעבעכדיקע קלײנלעכקייט איז געווען אין דעם.

הער האָלמענגראַא האָט אייגנטלעך אויסגעזען זייער פאַרוווּנדערט, אָבער ער וואָלט געווען אַ נאַר, ווען ער זאָל דערמיט זיין אומצופרידן. הער האָלמענגראַא אַ נאַר! אַלץ, נאָר נישט דאָס, אָבער ער האָט אויסגעזען פשוט נאַריש.

— זייט מוחל, וואָס איך האָב אייך געמאַכט פאַר אַן עדות פון דער דאָזיקער סצענע. — האָט ווילאַק צו אים געזאָגט.

איצט האָט זיך אַסלאַק גענומען באַוועגן; ער האָט זיך אויפגעזעצט, געכאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, אויפגעשטאַנען, אויפגעזוכט זיין הוטל און זיך געלאָזט גיין, נאָך אַ פּאָר שריט האָט ער זיך אומגעדרייט און באַטראַכט דיביידע הערן, דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן וועג באַרג-אַראָפּ, אונטן האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט קאָנראַדן, זיי זענען ביידע אַוועק צום מאַגאַזינער אָפּצונעמען זייער שבירות.

— יאָ, אַזוי איז עס, — האָט הער האָלמענגראַא געמורמלט צו זיך — אָדער... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן — האָט ער געזאָגט — איצט האָב איך אייך באַפוילן, וואָס כ'האָב עס שוין לאַנגע יאָרן נישט געטון, און זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. בערטעל, ווו זענען זיי איצט? זענען זיי אַוועק צו דער אַרבעט?

— יאָ אַזוי דאַכט זיך. —

— זיי האָבן מורא פאַר דער בייטש. — האָט ווילאַק מיט אַ געקנייטשטן שטערן געזאָגט.

דער האָלמענגראַא האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דער מאַטראָס אין אים האָט זיך אפשר געפרייט, אָבער דער מאַן האָט געקוקט ווייטער: אין דריי טאָג אַרום וועט זיך אפשר איבערחזרן די זעלבע געשיכטע נאָך אַמאָל, אַסלאַק איז נישט געווען טויט. זיין גייסט איז נישט געווען טויט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין באַרג אַראָפּ מיטן וועג, און ווילאַק האָט געזאָגט:

— יאָ, זייט מיר מוחל, מיט דער זאַך גופא האָב איך קיין שום שייכות נישט. דער דאָזיקער מענטש האָט עטלעכע מאָל אויסגעדריקט זיין ווונטש זיך צו באַקענען מיט מיר, און איך בין געגאַנגען צו אים אויף מיין אייגענעם חשבון, איך האָב זיך אים פאַרגעשטעלט.

— יאָ, יאָ, — האָט הער האָלמענגראַא געזאָגט.

צי איז ער געווען געבעכדיק אָדער כיטרע? צי האָט ער נישט געהאַט קיין מוט אים צו שטיצן? אָדער ער האָט נישט געוואָלט? עס איז נישט גוט פאַר אַ מעשה־קעניג זיך צו פיל צו אַנטפּלעקן, צום בעסטן איז, ער זאָל בלייבן אַ מעשה, אָבער אויפפאַלנד איז געווען, וואָס הער האָלמענגראַא האָט זיך פּלוצלינג גענומען קאָכן און רימען זיך.

— די דאָזיקע מענטשן מיינען, אַז איך בין שוין נישט ריידערעריבער האָבן זיי פאַרלוירן פאַר מיר דעם דרך־ארץ. איך האָב אַביסל באַגרענעצט די באַוועגונג און אַ פּאָר מאָל געהעכערט דעם פּרייז פון מעל; דאָס אַלץ האַלטן זיי פאַר שלעכטע סימנים. נו יאָ, — האָט ער געזאָגט, און אין דער זעלבער רגע איז ער געוואָרן יונג און ענערגיש, — איך קאָן מיר דערלויבן מיין גאַנץ לעבן דאָ צו ליידן הזיק, אָבער זיי קאָן איך עס נישט זאָגן, און דאָך קאָן איך עס מיר פאַרגינען.

ווידער קעניג! אָך, דער דאָזיקער האָלמענגראַא, ער איז געווען רער, וואָס האָט געקאָנט לויכטנדיק אַרויסטויבן פון דער מעשה און דאַן ווידער אַרונטערטויבן, לאָזנדיק אונטער זיך אַ גאָלדענעם שפּיר

— עס איז איצט מלחמה אין מזרח, — האָט ער געזאָגט — יאַפּאַן לאַדעוועט געלד אויף די שיפן.

ווילאַץ האָט אַ קוק געטון אויפן הער האַלמענגראַא — איז דער מענטש געווען אינגאַנצן ניכטער? און ער האָט מחמת העפלעכקייט אַ פרעג געטון:

— איר האָט מיט יאַפּאַן אויך צו טון?

— איך האָב לאַנגע אָרעמס, — האָט הער האַלמענגראַא מיט אַ שמייכל געענטפערט, אַמאָל האָב איך געהאַט צו טון מיט קובאַ, מיט פּוערטאָ ריקאָ, מיט די פיליפּינען, אַנטיליען, יאַמייקאַ.

די מעשה, הער האַלמענגראַא איז טאַקע געווען קעניג, ער האָט צוגעגעבן:

— אָבער דאָס אַלץ קאָן איך די מענטשן נישט דערציילן, און דעריבער מיינען זיי, אַז זיי דאַרפן מיך גרינגשעצן! נאָר אַזוי ווי ס'איז געקומען צו רייד, איז טראָג איך זיך שוין לאַנג אַרום מיט אַ פּלאַן, וועגן וועלכן איך קאָן מיט אייך רעדן, אָבער היינט, נאָך די סצענע, וויל איך אייך דערמיט נישט באַלעסטיקן.

— פאַרקערט, עס אינטערעסירט מיך...

— דער פּלאַן שטאַמט נאָך פון די צייטן, פון אייער פאָטער, נאָר מיר איז נישט אויסגעקומען צו רעדן מיט אים וועגן דעם פאַר זיין טויט, איר פאַרמאָגט גרויסע לאַנד-שטחים, גרינע לאָנקעס, מייל-ווייטע שטחים. אויב איר ווילט, קאָנט איר מיר זיי פאַרדינגען אָדער פאַרקויפן.

— עס זענען דאָרט גאָר קיין חיות נישטאָ, — האָט ווילאַץ געענטפערט.

— ניין, חיות נישט, און דעריבער האָט עס פאַר אייך קיין ווערט נישט, איך וויל דאָרט פּאַשע שאָף, אמתע שאָף-סטאַדעס.

ווילאַץ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, די אַלטע קאָלדעווינס האָבן געוויס אויך אַ פּאָר הונדערט פּאַשע-שאָף.

— איך וואָלט אויפגעטון נאָך מער, איך וואָלט אָנגעהויבן אין קליינעם מאַסשטאַב, בלויז מיט אַ פּאָר טויזנט, אָבער דערנאָך וואָלט איך עס פאַרמערט. נו, אפשר וואָלט איך גאָר אָנגעהויבן מיט טויזנט, אָבער דאָס וואָלט אויך געווען נאָר אין קליינעם מאַסשטאַב.

אין מעקסיקאַ האָב איך געזען גאַנץ אַנדערע פּי-סטאַדעס, אָבער ווי איר זאָגט, זענען די בערג אָן חיות, אָן וועלף, אָן בערן, די בהמות וואָלטן זיך געקאָנט, הייסט עס, פּאַשען אָן פּאַסטוכער. עס איז אויך דאָ וואַסער, זיי וועלן זיך קאָנען פונאַנדערשפּרייטן זייער ווייט, ביז צום וואַסער. דאָרט וועלן די בהמות געפינען וואַסער-גראָז; דאָרט, צווישן די בערג זענען אויך פאַראַן קליינע בערגלעך, און זיי וועלן דאָרט געפינען שוץ. יאָ, דאָס איז דאָס ריכטיקסטע אָרט, זייט זיך מישב וועגן דעם ענין און גיט מיר צו וויסן אייער באַשלוס

— גוט, איך וויל זיך מישב זיין.

די הערן האָבן זיך געזעגנט, און ווילאַק האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין הויף. איצט האָט ער אים געזען אין פּראָפיל, אַלע זיינע שפּיצן פון מערב-זייט און די ערד-שטחים, אַזש ביז צום וואַסער, אַ מאָל, אין דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט איז גאַנץ זעגלפּאַס געווען זיין היים-שטאָט.

X

— „לויט אונזער מיינונג — האָט געשריבן דער זעגלפּאַסער טאָג-בלאַט — זענען אַנפּאַלן און געשלעגן אַ דורכאויס אומדערלאָזבאַרער אופן פון אומגאַנג, אָן אופן, וואָס האָט אָן אָרט נאָר אין אונזער שטאָט. ווי מיר דערוויסן זיך, איז פאָרגעקומען אָט אַזאַ אַנפּאַל, און דער אַנפּאַלער איז גראָר אַ הער, וואָס קיינער וואָלט עס אויף אים נישט געגלויבט. דער ענין איז אַריבער אין געריכט. מיר חזרן דאָ איבער די גאָלדענע ווערטער, וואָס אונטער זיי וועט זיך חתמענען יעדער דענקענדיקער מענטש, דהיינו, אַז אין לאַנד איז נאָך דאָ, אַ דאַנק גאָט, רעכט און געזעץ, און אַז די קלאָרע ווערטער פון געזעץ גילטן גלייך סיי פאַר הויכע, סיי פאַר נידריקע, און קיינער קאָן זיי נישט אויסמיידן”.

ווילאַק איז געוואָרן אויפגעפאָדערט פון עפּעס אַ מין געריכט, וואָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין פּשרה-געריכט און נישט קיין פּאָליציי-פאַרהער. יעדנפאַלס האָט ער געטראָגן דעם נאָמען אונטערזוכונג, אין דער אמתן אָבער, האָט דער ענין אויסגעזען אַזוי, אַז דער אַלטער וואָיט פון אורא איז געווען דער פּאָרזיצער, און ער

איז געווען פריינדלעך און ליטזעליק פאַר ביידע צדדים און האָט געשטרעבט צו שלום. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען זיין גאַנץ לעבן, און דאָס איז טאַקע געווען דער בעסטער אופן, און אַט איז באמת געקומען צוגיין אַסלאַק מיטן טאָג-אַרבעטער קאָנראַד מיט נאָך אַנדערע עדות, און דער ענין איז געוואָרן ערנסט, דער עדות-פאַרהער איז אייגנטליך געווען אינגאַנצן איבעריק, ווייל דער הער ווילאַק האָלמסען האָט זיך באַלד מודה געווען אינם קלאַפּ און האָט געפרעגט וואָס עס קאָסט. דער וואָס האָט איבער די ברילן אַ קוק געטון אויף אַסלאַקן, אַסלאַק האָט זיך מישב געווען און אָנגערופן זיין פּרייז.

— דאָס איז צו ווייניק, — האָט דערקלערט הער ווילאַק האָלמסען, און דעם וואָס האָט זיך פּלוצלינג געדאַכט, אַז ער הערט די שטים פון זיין פאָטער, דעם הער לייטענאַנט.

ווילאַק האָט באַצאָלט צוויי מאָל אַזוי פיל, דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער מסחר, אַ קניה פון קעפּ צו שלאָגן.

— אָבער, — האָט דער יונגער ווילאַק געזאָגט, בעת ער האָט באַצאָלט דאָס געלט — אַ צווייט מאָל, אַז דער דאָזיקער מענטש וועט פאַרדינען צו פאַרזוכן מיין פויסט, וועל איך קלאַפּן שטאַרקער.

— יאָ — האָט געזאָגט דער וואָיט, וועלכער האָט געוואָלט שלום און נישט קיין מחלוקת — יאָ, יאָ, אָבער דאָס וועט ווידער קאָסטן שטראָף.

ווילאַק האָט געענטפערט:

— וועל איך ווידער באַצאָלן.

דער דערמאָנטער נומער פון דער זעגלפּאָסער ציטונג איז געווען העכסט-אינהאַלטסרייך, — ער האָט אויך אַנטהאַלטן אַן אַרטיקל פון דעם אַדוואָקאַט ראש וועגן טעאַטער. דער דאָזיקער אַרטיקל איז געווען קלוג און שאַרפזיניק.

„אוודאי איז נישט כדאי צו פאָדערן, בפרט נאָך פון אַ וואַנדער-טרופּע, אַן ערשט-ראַנגיקע פאָרשטעלונג פון אַזאַ גרויסער פּאַראַנט-וואָרטלעכער פּיעסע ווי „די גיפטיקע שלאַנג אין איר הייל“, — האָט געשריבן דער אַדוואָקאַט.

דערנאָך איז ער אַריבער צו דער פּיעסע גופא, און צו די גרויסע איבעראַשונגען, וואָס זי האָט אַרויסגערופן.

„אָבער — האָט ער געזאָגט — דער ערשטער וואָרעמסטער דאַנק

פאר דער דאַזיקער, אין אַלגעמיין-גוטער אויפפירונג קומט דער פרי-מאַראַנע לידיע. זי איז אַן אומפאַרגלייכלעכע שוישפילערין און זי האָט איר ראָלע אויסגעפירט אויף אַזאַ אופן, אַז דער גאַנצער זאַל האָט געהילכט פון בייפאַל. אין אַ סאַך סצענעס, דער עיקר אָבער אין דער סצענע מיטן גיפט-בעכער, האָט זי זיך דערהויבן צו אַן ערלעכער טראַגישער הויך, וואָס האָט דערמאָנט אָן ענלעכע סצענעס פון די באַרימטסטע קינסטלערינס. פון די איבעריקע אַקטיאָרן מוז מען קודם כל דערמאָנען פריילין סיביליע ענגעל, וואָס פאַרדינט אַנערקענונג סיי פאַר איר פראַכטפולן אויסזען, סיי פאַר איר שפּילן. דעם גענע-ראַל האָט געשפּילט דער דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט גופא. ער האָט געשאַפן אַ מוסטער-געשטאַלט לויט דער גוטער אַלטער שולע. אַ ביסל וויניקער באַרימטע וואָלט זיכער נישט געשאַדט, אָבער ער איז אין אַ סאַך ערטער באמת געווען אויסגעצייכנט. די איבעריקע העלדן און דאַמען זענען נאָך ביז איצט נישט אויפגעטרעטן אין קיין וויכטיקערע ראָלן, ווי זיי זאָלן קאָנען אַרויסווייזן זייערע מעגלעכ-קייטן, אָבער די אויסגעצייכנטע קינסטלער זענען, האָפן מיר, נישט דאָס לעצטע מאָל ביי אונז צו גאַסט, דער געבילדעטער עולם וועט זיי אויפנעמען מיט פרייד!"

און דאָ האָט דער אַדוואָקאַט ראַש אַרויסגעלייגט זיין קריטיק בנוגע דעם טעאַטער גופא: אַ טעאַטער דאַרף זיך נישט געפינען אין די פאַרוואָרפענע גאַסן פון שטאָט, דאָס איז אין ערגעץ נישט צו טרעפן, אויסער דעם איז נישט אויפן אָרט צו מאַכן פון אַן אַזוי גערופע-נעם שיפער-הויז אַ טעמפּל פון טאַליאַ. דער אייגנטימער פון הויז, הער טעאָדאָר יענסען, וואָלט געדאַרפט האָבן מערער חוש פאַר אַ זעלבע זאַכן. וועגן דעם בנין גופא איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט ער יאָ אַנטשפּראָכן די פאָדערונגען, אָבער אַ סאַך פעלערן מוזן פאַרריכט ווערן, די לופטערונג פון זאַל איז באַלד אויפן אָרט באַמערקט געוואָרן פון מבינים; מען מוז אויך צוגעבן, אַז די בענק זענען גאַנץ גוטע, אָבער בענק מיט אָנלענס וואָלטן געווען בעסער. און איצט נאָך אַ פאָר ווערטער בכלל: די טעאַטער-באַזוכער פון אונזער צייט נויטיקן זיך זייער אין טעאַטער-פּראָגראַמען, אַ סאַך טעאַטערן אין אויסלאַנד, שטעלן ספּעציעלע יינגלעך, וואָס פאַרקויפן צו צען ערע אַ פּראָגראַם. און דער עולם קויפט עס זייער גערן. די

זעגלפּאָבער צייטונג וועט צו דער נאָענסטער פאָרשטעלונג דרוקן צו דער באַשטימטער צייט די נויטיקע פּראָגראַמען. און וואָס וועט זיין ווייטער מיט דער מוזיק? עס איז דאָך אַ פּחיתת הכבוד פאַר דאָס מוזיקאַלישע לעבן פון זעגלפּאָס נישט צו הערן דעם גאַנצן אָוונט קיין צווישן-מוזיק. אויב מען זאָל צוגעבן, אַז אין טעאַטער זענען געזעסן געבילדעטע מענטשן, וואָס האָבן שוין אפשר געהערט מוזיק-אָרקעסטערס ביז צוואָנציק מאַן, ווערט קלאָר, אַז איין קלאַוויר קאָן נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט, אפילו ווען ער שפּילט זייער גוט. אָבער יעדנפאַלס איז עס בעסער ווי גאָרנישט, און פאַר אַ זעלבע באַזוכער צווישן דעם עולם, וואָס באַציען זיך, אפשר צוליב רעליגיעזע סבות, אויסגעצייכנט צו מוזיק, זענען די פּוסטע צווישן-אַקטן געווען באמת פּיינלעך.

„לויט ווי מיר הערן, טראָגט אויך אין דעם פאַל די שולד הער טעאָדאָר יענסען, און מיר ראַטן אים, צו שאַפן צו דער צווייטער פאָרשטעלונג אַ קלאַוויר. דער אייגנטימער פון טעאַטער האָט געמאַכט אַ גוטן אָנהויב, אָבער דאָס אַנטשפּרעכט נאָך ווייט נישט די ערוואַרטונגען. הער טעאָדאָר יענסען איז דער איינציקער קרעמער אין שטאָט, אָבער מיר האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זיך עס ענדערן, און אַז ער וועט פון זיך אַליין שטרעבן צו פאַרבעסערן די פעלערן פון זיין טעאַטער, כּדי עס זאָל זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון דער שטאָט, און נישט אָפּשטויסן די געזעלשאַפטן, וואָס ווענדן זיך צו אים מיט צוטרוי וועגן דינגען דעם לאָקאַל".

די לעצטע ווערטער זענען געווען געווענדט צום פאָלק, צו די מענטשן פון זעגלפּאָס און דער סביבה.

„עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס רופן נאָך אַלץ די דאָזיקע קונסט-היים — שיפער-הויז. מיר מוזן פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס דער עולם איז מזכה אונזער טעאַטער מיט אַ צונאָמען. דאָס וועט זיך שטאַרק נוקם זיין אין דעם באַזוך פון טעאַטער. געבילדעטע מענטשן וועלן זיכער מוותּר זיין אויפן דראַמאַטישן געניס, אַבי נישט צו באַזוכן קיין שיפער-הויז".

דאָס איז געווען דער אַרטיקל פון דעם אַדוואָקאַט ראַש.

אַרום און אַרום איז עס אייגנטלעך געווען אַן אָנפאַל אויפן קרעמער טעאָדאָר, אויף דעם דאָזיקן יונגנמאַן, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט

אַהער די אַקטיאָרן און געשאַפֿן פֿאַר זיי אַ היים, און ווי האָט ער אויפגענומען טעאָדאָרן? ער האָט זיך פֿאַרטיידיקט פֿאַר די מענטשן אין געוועלב, ער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט מיט זיין ענערגיע, מיט זיין טיכטיקייט, ער האָט געוואַרט, ביז דאָס געוועלב איז פֿול געוואָרן מיט מענטשן, און האָט דעמאָלט געענטפֿערט אויף אַלע טענות. נאַטירלעך, איז ער אין די ערשטע טעג געוואָרן זייער שווייגנדיק און צוריקגעהאַלטן, אָבער דערנאָך האָט ער אַ זעץ געטון מיט אַלע כּוחות.

— וואָס איז ער, דער דאָזיקער ראָש? אַן אָנגעפּרעסטער אַדוואָקאַט! — האָט ער געזאָגט.

צום שטאַרקסטן האָט אים געקרענקט, וואָס אין דעם אַרטיקל האָט מען אים אָנגערופֿן „קרעמער”.

— ס'זענען פֿאַראַן קלענערע געשעפֿטן, ווי אונזער פֿירמע, און פֿונדעסטוועגן רופֿט מען זיי סוחר, — האָט טעאָדאָר געטענהט.

און אָט וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז געבליבן אָן אַ גראָשן, איז עס אַ גרויסער טעות: ער האָט נאָך טאַקע נישט באַקומען קיין געלט פֿאַר זיינע קלעפּפּיש, און פֿונדעסטוועגן האָט ער פֿאַר די פֿרילינגס-אַרטיקלען, צען גרויסע קאַסטנס, אָנגעשטאָפּט מיט סחורה, באַצאָלט מיט מזומן געלט, נאָך מער, ער האָט נאָך דערצו אויפגעבויט דאָס טעאַטער. ניין, טעאָדאָר איז נישט געווען געדריקט. אין אַ שיינעם אָוונט, אין געוועלב זענען געווען אַ סאַך קונים, איז ער אַרויסגעקומען פֿון קאָנטאָר און געפּאָכעט מיט אַ באַנקנאָט; דער טעלעגראַפֿיסט באַרדסען איז אויך געשטאַנען דערביי און האָט פֿאַר זיינע פֿאָר אָרעמע גראָשן געקויפֿט טאַבאַק. טעאָדאָר האָט זיך אויפֿן קול אָנגערופֿן צו באַרדסענען:

— איר האָט שוין געזען די נייע טויזנט-קראָן-באַנקנאָטן?

— איך האָב שוין געהערט רעדן וועגן די טויזנט-קראָן-באַנקנאָטן, און דווקא מיט גרויס דרך-ארץ. — האָט באַרדסען געענטפֿערט. — אָבער געזען האָב איך זיי נאָך נישט.

— קאָן איך אייך ווייזן איינעם. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

אגב, איז דער באַנקנאָט גאָרנישט געווען אַזוי שפּאָגל-ניי, אָבער ער איז געווען אויסגעגלעט און האָט געקאָנט גילטן פֿאַר אַ נייעם. אַהאַ! דער פֿיפֿיקער טעאָדאָר האָט מסתּמא געבעטן זיין מאַמען,

זי זאָל מיטן פּרעס-אייזן עטלעכע מאָל דורכפּאָרן איבערן באַנקנאָט, כּדי ער זאָל אויסזען, ווי ניי. יאָ, פֿאַר טעאָדאָרן איז קיין זאַך נישט געווען צו שווער! דאָס האָבן טאַקע געמיינט אַלע, וואָס זענען געשטאַנען דערבײַ און מיט די אייגענע אויגן געזען דעם טויזנט-קראָן-באַנקנאָט.

צוואָס קערט ער ווענדן, אָט דער טעאָדאָר? וואָס איז געווען זיין ציל? ער איז נישט געווען אַזוי גייציק, ווי זיין פֿאָטער, און ער האָט זיין געלט נישט באַהאַלטן אין קיין שפּאַרעס. נאַטירלעך, האָט ער געוואָלט ווערן אַ גרויסער מענטש, אָבער דווקא אַ גרויסער סוחר. צי האָט ער איצט נישט באַקומען די אַגענטור פֿון דער מאַרגאַרין-פֿירמע „גושן" אויפֿן גאַנצן שטח ביז צו טרעמזע? דאָס איז געווען כּמעט אַ גענעראַל-אַגענטור, און אַלע סוחרים פֿון גאַנצן צפֿון האָבן זיך געמוזט ווענדן צו טעאָדאָרן וועגן „גושן". פּוטער פֿון דעם לאַנד גושן, וואָס האָט די שענסטע פֿאַשע-ערטער. פֿון די פֿאַבריקן האָבן שטראַלנדיק אַרויסגעקוקט שיינע רעקלאַמע-שילדן, און די אַלע פֿאַרבן צוזאַמען האָבן געמאַכט די פֿאָדערשטע זייט פֿון געוועלב פֿאַר אַ גן-עדן אויף דער ערד.

נו, מסתּמא איז דאָך דער קרעמער טעאָדאָר געווען צופֿרידן?

עס זענען געקומען די אָוונטן, עס זענען געקומען די נעכט, און טעאָדאָר האָט געזוכט איינזאַמקייט און געטרוימט. דעמאָלט, איידערער איז נאָך קאָנפֿירמירט געוואָרן און נישט געפֿאָרן אין קיין וועלט-לויף-שליטן, איז אפֿשר געווען זיין גליקלעכסטע צייט. זינט דעמאָלט האָט ער זיך פֿון אַ גאָרנישט נישקשהדיק אַרויפֿגעאַרבעט, אָבער דאָ האָט זי זיך אים פּלוצלינג אַרויסגעריסן פֿון די הענט. ער האָט זיך גענוי דערמאָנט אָן דעם לעצטן מאָל, ווען ער האָט געמוזט שלעפּן איר שליטן אַהיים; זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסן מיידל.

— אַ דאַנק, שטעל אַוועק דעם שליטן דאָרטן! — האָט זי געזאָגט.

אַ טיר האָט זיך געעפֿנט און זיך ווידער פֿאַרמאַכט. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל. זינט דעמאָלט זענען שוין פֿאַרבײַ יאָרן, ער האָט איר שוין נישט געקאָנט צייכענען קיין בילד און נישט דיכטן קיין ליד, ער איז געווען הילפֿלאָז. ווען ער וועט אַמאָל זיין

א גרויסער סוחר — האָט ער אָפט געטראַכט — וועט ער איר שענקע־
עפּעס א טייערע מתּנה פון זיין געוועלב; אָבער מיט איינעם א ריין
וואָלענעם שאַל האָט ער געהאַט א שווערע מפּלה, מ׳האָט אים דעם
שאַל צוריקגעשיקט מיט דער פראַגע: וואָס זאָל עס באַדייטן? אָבער
טעאָדאָר האָט זיך אַלע מאָל אַן עצה געגעבן, ער איז געווען
א געשעפטס־מאַן! ער האָט געענטפערט, אַז ער וויל איינפירן אין זעגל־
פּאָס ערשט־קלאַסיקע טיכער, און אַז צום בעסטן וועט עס אים
געלינגען, אויב זי וועט די ערשטע טראָגן אַזאַ טוך. זי האָט אים
געענטפערט, אַז זי דאַנקט אים זייער שיין, נאָר זי איז נאָך צו יונג
און נאָך נישט גענוג חתונה־געהאַט צו טראָגן אַזאַ שאַל. דער דאָזיקער
מיינונגס־אויסטויש איז פאָרגעקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון איר
דינסטמיידל.

נאָך דעם דאָזיקן פּאַטש אין פּנים וואָלט טעאָדאָר געווען
א בהמה, ער זאָל איר ווייטער שיקן מתּנות. טעאָדאָר א בהמה? בשום
אופן נישט! אָבער פון צייט צו צייט האָט ער געקאָנט אוועקלייגן
אָן א זייט עפּעס א באַזונדערס פיינעס אַרטיקל און טרוימען, אַז ער
שיקט עס איר אַוועק, געוויקלט אין זייד־פּאַפּיר; און ערשט נאָכדעם,
ווי די זאַך איז אָפּגעלעגן א שטיק צייט, האָבן די געוועלב־יינגלעך
באַקומען א באַפעל צו פאַרקויפן. דאָס איז געווען טעאָדאָרס אָנגעווי־
טיקטע און טרויעריקע ליבע.

לסוף אָבער האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט געפונען
א פיינעם אופן צו ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט: אַז מען וועט
נעמען שפּילן טעאַטער, וועט ער איר קאָנען פון צייט צו צייט צו־
שיקן א בילעט. יאָ, ווען נישט די דאָזיקע כּוונה, וואָלט ער זיך אפשר
איינגעאַנצן נישט גענומען בויען א טעאַטער. אָבער אויך דאָ האָט זיך
אים דער שלימזל געטווזט אַריינמישן! א האַלבע טוץ בילעטן צו דער
ערעפענונגס־פייערונג — גוט! אָנגענומען. אָבער אויב ער זאָל זיך צופרידנ־
שטעלן בלויז דערמיט, וואָלט די זאַך געהאַט פאַר אים א קנאַפּן
ווערט. אויב ער זאָל אויף ווייטער צו יעדער פאָרשטעלונג צושיקן
א האַלב טוץ בילעטן, איז עס דאָך איבער דער טבע. אהא, טעאָדאָר
איז געווען א חברה־מאַן! אויסער דעם האָט ער מסתּמא געטראַכט,
אַז פינף די פון די זעקס בילעטן זענען פּראָסט־פּשוט אַרויסגעוואָרפן,

ווייל זיי וועלן אויסגענוצט ווערן פון פינף אומגעבעטענע געסט. ניין, אַ שיינעם דאַנק!

אָט אַזוי האָט ער געטרוימט און געזאָרגט, זיצנדיק ביים פענ־סטער און אַרויסקוקנדיק צו אַ״ה. זיינע טעג זענען געווען אויסגעפולט מיט האַנדל און וואַנדל, אָבער זיינע אָוונטן זענען פול געווען מיט טרויער און אייפערזיכט.

„לעבט זיך געזונטערהייט, מיין פריילין, געזונטערהייט! איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין מיין אייגענעם צימער, כדי צו וואַכן, בעת דו שלאָפסט. אויב איך בין אַפילו קלענער פון אים, וועל איך דיך פאָרט טריי און ערלעך ליב האָבן ביז מיין לעצטער שעה. וואָס עס זאָל מיר נישט באַשערט זיין אויף מיין לעבנס־וועג, בין איך דאָך צו אָרעם און צו קליין, זיך אַנטקעגנצושטעלן מיין גורל. אַך, הויכע דאַמע, טרעט נישט אויפן וואָרעם, וואָס ליגט פאַר דיר אין שטויב, דאָס קאָן נאָך שלעכט ווירקן אויף דיין געזונט, און איך ווינטש עס דורכויס נישט. און וואָס שייך אים, בין איך גענוג גרויסמוטיק, זאָל ער עס נישט פאַרגעסן. איך וועל זיך אומדער־מידלעך אַרויפאַרבעטן אין מיין בראַנזשע, און ער וועט זיך אפשר דער־וויסן ווען־עס־איז, ווער עס איז דערדאָזיקער מאַן, וועלכן ער האָט אויף אייביק אומגליקלעך געמאַכט, זאָל מיך דער טייוול נעמען!"

און אויף צומאָרגנס איז ער ווידער געווען דער אַלטער טומיקער יונג.

קוק אים נאָר אָן, זיינע ביידע הענט זענען באַפוצט מיט פינגער־לעך. און ער טראָגט אַ פראַכטפולן, גרויען זומער־אַנצוג! יאָ, עס דערגייט אַפילו אַזוי ווייט, אַז ער שטעלט אַרויס יעדן טאָג זיינע שיך צו פוצן און קומט אין געוועלב פריש און בלאַנק, דער טאַטע אויבן אין זיין צימערל הויבט נישט אָן צו וויסן וועגן די אַלע שנוים. עס טרעפן טעג, ווען ער זעט אינגאַנצן נישט דעם זון; און ווען ער נעמט שטאַרק קלאַפן מיט זיין שטאָק אין דער ערד, קומט דער זון אַרויף אַמאָל, ווען ער האָט צייט. אָט אַזוי זעט עס אויס. דער אַלטער פער איז טאַקע געווען אַ מענטש אָן קונצן. צוואָס זאָל מען טאַקע טראָגן זומער העלע קליידער און ווינטער טונקעלע? מען דאַרף טראָגן, וואָס מ'האָט. אָבער דער אַלטער פער האָט געהאַט ביי זיין זון אַ קנאַפּע דעה. בעת טעאָדאָר האָט זיך געגריסט, האָט ער

אראָפּגענומען דעם הוט, אַזוי גוט, ווי מ'טוט עס אין אַנדערע מקומות, אָבער ער האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט און נישט געזאָגט „גוטמאָרגן", ווייל מ'פירט זיך נישט אַזוי. איצט האָט טעאָדאָר גענומען שרייבן אויף זיינע רעכענונגען ס. ע. עט אָ., ער האָט עס אפילו געשריבן אויף זיינע בריוו.

— וואָס באַדייטן די דאָזיקע אותיות? — האָט געפרעגט דער האָטעל-אייגנטימער יוליוס, וואָס האָט אומעטום אַריינגעשטעקט די נאָז.

— ווייסט עס נישט פאַרשטיין, — האָט טעאָדאָר געענטפערט — דאָס איז לאַטייניש, און אַלע גרויסע פירמעס באַנוצן די דאָזיקע אותיות.

דערויף האָט זיך אָנגערופן לאַרס מאַנועלסען:

— ווען דאָ זאָל זיין מיין זון לאַרסען, וואָלט ער אונז שוין זיכער געגעבן צו פאַרשטיין.

טעאָדאָר האָט באַקומען אַ קאָפּיר-בוך, יאָ, ער האָט אפילו באַקומען אַ פייער-קאַסע, איינע פון דעם מין, וואָס ווערן נישט פאַרברענט בעת אַ שרפה, דאָרטן האָט ער באַהאַלטן די פירמע-ביכער. ווען זיין טאַטע זאָל עס וויסן, ווען ער זאָל וויסן, אַז זיין געוועלב איז גאָר געוואָרן אַ פירמע, און די פירמע פירט גאָר ביכער! פונדעסטוועגן האָט דער אַלטער פּער געוווסט, אַז די צייט האָט אַראָפּגעפירט זיין געשעפט און זיין זון פון גוטן וועג; ער האָט, נאַטירלעך, געוווסט וועגן טעאָדאָרס קלעפּ-פּיש, וואָס זענען איצט געוואָרן אַ שטענדיקער מסחר, ער האָט זיך אויך ערשט נישט לאַנג דערוווסט, אַז פון דעם שיפער-הויז איז געוואָרן אַן אויסגעלאַסענער טאַנץ-זאַל, ער האָט געמערקט לויט אַלע סימנים, אַז אין זיין שטוב און אין זיין פאַמיליע האָט זיך אַריינגעכאַפּט פאַרדאָרבנקייט און אויסבערענגעריי. עס האָט שוין מער נישט געהערשט ביי אים דער אַלטער סאָלידער, טאָג-טעגלעכער האַנדל.

פּער האָט אַ וואָרף געטון זיין שטעקן אויף דער ערד.

פון צייט צו צייט פלעגט אַרויפקומען זיין פרוי, פלעגט אַרויפקומען די קרעמערקע פרוי פּער. זי איז מיט דער צייט דיק געוואָרן און זיך באַדינט מיט צוויי מיידן. אַזוי איז אין די אַלטע צייטן נישט געווען, דעמאָלט האָט זי אַלע אַרבעטן געטון אַליין און נאָך דערצו

געמוזט פאַרזאָרגן אַ שטוב קליינע קינדער, צוויי קליינע יינגלעך זענען איר אַוועקגעשטאָרבן פון שקאַרלאַטינע, און פון די צוויי דערוואַקסענע טעכטער איז קיין איינע נישט געווען אין שטוב – איינע איז געווען בײַם סוחר הענריקסען אין אוטווער, און די צווייטע בײַם קאָנסול קאַלדעווין אין פעסטלאַנד. — פאַרשטייט זיך, בײדע באַלעבאָסטעס און געוואַלדיק פײַנע דאַמען. די קרעמערקע פרוי פער האָט איצט געהאַט אין דערהיים נאָר איין טעאָדאָרן, און וואָס שייך כּבוד, האָט ער אַלעמען איבערגעשטיגן. זי האָט זיך איצט שטיל און געלאַסן ארומגעשלעפּט איבער דער שטוב און זיך איבעריק נישט געאײַלט, אפילו דעמאָלט, ווען איר מאַן האָט אַ וואָרף געטון דעם שטעקן אויף דער ערד. אָט אַזוי איז עס. זי האָט זיך נאָר פאָרזיכטיק געהאַלטן ווייט פון זיין שטעקן און אפילו געהאַלטן פאַר נויטיק אים צו פרעגן, וואָס ער וואַרפט זיך אַזוי און וואָס ער מאַכט בכלל אַן אַזאַ גרויסן טומל?

דער אַלטער פער איז נישט געווען גענייגט צו פאַרטרויען זיך, ער האָט זיין גאַנץ לעבן קיינמאָל מיט זיין ווײַב נישט גערעדט. און ווען ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, פלעגט זיין בליק באַקומען אַ געוויסע שטרענגקייט.

— זאָל טעאָדאָר אַרויפקומען!

— עס ווענדט זיך, צי טעאָדאָר האָט צייט, – האָט דאָס ווײַב געענטפערט.

אָך, די נייע צייט האָט אויך אָנגעשטעקט די קרעמערקע, פרוי פער, זי האָט גערעדט פײַנער, ווי אַמאָל, און זיך באמת מיט אַלע כּוחות צו מאַכן איר שפּראַך וואָס אײדעלער. פונדעסטוועגן זענען די אויגן פון דעם קרעמער פער צוליב איר פײַנער שפּראַך נישט געוואָרן מילדער.

— איך וועל אים שוין מאַכן צייט! – האָט אַ געשריי געטון דער טאַטע און אַ נעם געטון דעם שטעקן.

ער איז נאָך אַלץ געווען בכּוח אַ וואָרף צו טון דעם שטעקן; די דאָזיקע מעגלעכקייט איז נישט געווען אויסגעשלאָסן, אָט דעם אויסוועג האָט ער נאָך אַלץ געהאַט, דעריבער האָט זיך פרוי פער געלאָזט צו דער טיר.

און אָט איז דער מאַן ווידער געלעגן, אָט אַזוי איז ער געלעגן

אומענדלעכע יאָרן, געלייטט אויף אַ זייט, קראַנק און געקרענקט, טיילמאָל אויסער זיך, טיילמאָל אינגאַנצן נידערגעשלאָגן, דעם לעצטן זומער איז אים ערגער געוואָרן, זיין גייסט איז געוואָרן קראַנקער, זיינע שטימונגען ערגער. די ביז־איצטיקע קאָסטן האָבן שוין נישט געקלעקט צו דערהאַלטן אים ביים לעבן. וואָס טויג אים עסן און טרינקן? דאָס קאָן נאָר פאַרלענגערן זיין מצב, צום בעסטן וואָלט געווען צו מאַכן אַ סוף דערמיט. דער קרעמער טעאָדאָר וואָלט עס, אגב, זיכער געוואָלט, ווען זיין לעבן וואָלט באמת געהאַלטן ביים אויסגיין. צי האָט דאָס לעבן געהאַט פון אים צרות? פּינקט פאַרקערט! ווי לאַנג ער האָט נאָך בכלל געשפּירט אין זיך אַ פונק לעבן, האָט ער געוואָלט לעבן. לעבן פון יאָר צו יאָר, זאָלן זיין פרוי, אפילו זיין זון, געבויגענערהייט גיין אין דער ערד אַריין, איידער ער וועט שטאַרבן, נעמט זיך עס אין זינען! ער האָט געוואָלט זיגן און אַרויסלאָזן אַ נצחון־געשריי; דאָס וואָלט געווען אַן אומגעהויערער שפּאַס, ווען ער זאָל אין הונדערט יאָר אַרום ווידער אַרויסקומען און ווידער איבערנעמען דאָס געוועלב. דער זון איז געוואָרן אַלט און שוואַך.

ער האָט געהאַט גענוג סיבות צו וויינען.

אָך, גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל קיין טרער נישט פאַרגאָסן! אָט איז פון דעם געוועלב געוואָרן אַ קרעטשמע, און ער קאָן גאָרנישט טון. ווער גיט אַכטונג אויפן סיראָפּ אין קעלער, ווער מאַכט ריין די געוויכטער, כּדי זיי זאָלן נישט פאַרזשאַווערט ווערן און זאָלן נישט ווערן שווערער, ווי זיי דאַרפן זיין? אז אָך און וויי צו אים, וואָס ער דאַרף דאָ ליגן מיט אַ געשטאָרבענער זייט און קאָן נישט אַרבעטן אין זיין פאַך! עס וואָלט שוין געווען בעסער אים אָפּצונעמען און צו באַגראָבן די זייט און פּטור ווערן פון איר, ווייל איצט איז זי פאַר אים אַ לאַסט און קאָסט אים אָפּ אַ ממון מיט געלט. דער אַלטער פעטער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז די טויטע זייט קומט אים אויך צו נוץ; ער וואָלט זיך געמעגט באַרעכענען, אַז מיט איר איז ער אין בעט געלעגן אַ סאַך רויקער, ווי ווען ער וואָלט זי נישט געהאַט. און אַז בעת ער וועט אויפגעריכט ווערן און זיך וועלן זעצן, וועט זי אים זיין אומבאַדינגט נויטיק.

— טעאָדאָר קומט נישט. נו, ער האָט נישט קיין צייט! מירן זען!

דער קרעמער פֿער האָט געהאַט גענוג קראַפֿט אין זיין געזונטער האַנט, ער האָט אָנגעכאַפּט אַ שטול און מיט כּעס אַ וואָרף געטון אין דער ערד. דאָס האָט מען אין געוועלב דייטלעך געהערט, יאָ, מ׳האָט עס אַפילו געהערט אויסערן געוועלב, און כּדי אַ סוף צו מאַכן דערמיט, נעמט זיך טעאָדאָר צייט און גייט אַרויף צו זיין טאַטן. ער טוט שוין מער נישט אויס זיינע רינגען, נאָר ער קומט אַריין אין זיין פֿולער פּראַכט; דעם טאַטנס בליקן ווערן דערפֿון נישט מילדער.

— נו, דו ביסט אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען, אַז דו קאָנסט שוין נישט אַרויפֿקומען?

טעאָדאָר ענטפֿערט מיט פֿאַדרוס:

— איך פֿאַרשטיי נישט, פֿאַרוואָס דו צעלייגסט די שטוב. וואָס ווילסטו אייגנטלעך?

דער טאַטע בלייבט אַ ווײַלע שטום, ער איז נישט ראַזירט און פֿליכעוואַטע, כּמעט היהש. ער הויבט אויף די אויבערשטע ליפּ און קריצט מיט די ציין, אַך, ער איז מיאוס.

— האַ, האַ, האַ! וואָס איך וויל? איך ליג דאָ אין געהאַקטען צרות און קלאַפּ אָן דער ערד, מיין הינדעלע, אויסוואָרף איינער! כ׳האָב דיך איבערגעשראָקן? ווייז נאָר דיין צירונג — דאָס געשעפֿט צאָלט! איך וויל רעדן אַ פּאָר ווערטער מיטן גנעדיקן הער, מיט דעם הינטישן זון, דו ביסט אַזוי פֿיין, יאָ, איך וויל דיר ווייזן, אַז דו ביסט מיר נישט ווערט אונטערצוווישן. און דיין מאַמע האָט זיך מסתּמא אויך דערשראָקן? איך האָב געקלאַפּט אין דער ערד, כ׳האָב איבערגעשראָקן דיין הערצעלע! וואָס שטייסטו דאָרט ווי אַ גולם, זעך זיך שוין אַנידער! פֿע טייוול!

אָבער טעאָדאָר האָט זיך נישט געזעצט, דער טאַטע איז געווען חסר־דעה, און ס׳איז נאָך אַלץ געווען מעגלעך, אַז ער וועט אים אַ וואָרף טון דעם שטעקן. טעאָדאָר גייט צו צום פֿענסטער, דאָ איז ער צום זיכערסטן, ווייל דער טאַטע וועט נישט איינשטעלן די שויבן. איבעריקנס, איז טעאָדאָר נישט געווען אַזוי דערשראָקן, ער איז נישט געווען קיין פּחדן, מ׳וועט אים קיין לעבעדיקן נישט כאַפּן!

דער טאַטע האָט נאָך אַ מאָל אַ שפּיי געטון און געזאָגט:

— פֿע, טייוול! די שוועבעלעך זענען אָנגעקומען? — האָט ער געפֿרעגט.

טעאָדאָר האָט לחלוטין נישט געטראַכט וועגן דעם קינדערישן פּלאַן פון טויזנט גראָס שוועבעלעך און ער האָט איינפאַך טרוקן געענטפערט:

— ניין!

— כ'האָב עס באַלד באַמערקט! — האָט דער טאַטע צוגעשטימט. — שוועבעלעך נישט, אָבער זאַלץ האָסטו באַשטעלט?

— ניין!

אין דעם מאָמענט האָט דער אַלטער פער אויך איינגעזען, אַז ער איז אויף אייביק געליימט אויף אַ זייט. זיין זון שטייט שוין נישט פאַר אים, ווי ער וואָלט אים געהאַט בדעה צו פאָלגן. נו! ער טוט אַ האַסטיקן זעץ מיט זיין געזונטער האַנט אין דעם ראַנד פון בעט און ער צעשרייט זיך אויפן קול; ער צעקלאַפּט זיך די האַנט, זי ווערט אים אין דער זעלבע רגע געל, און אויך די געזונטע האַנט שטאַרבט אים אָפּ פון די פינגער ביזן געלענק, דורכן גאַנצן אָרעם. ער דערפילט, אַז זיינע ביידע זייטן זענען איצט פון בליי. וואָס — וואָס איז עס? זאָל עס קומען פון דעם צעקלאַפּטן אָרט אין דער האַנט, פון דעם דאָזיקן האַסטיקן קלאַפּ? ס'איז גאָרנישט, אַ קלייניקייט! ער טוט זיך אַ בויג פאָרויס, ער וויל, ווי אין משוגעת, אַ ביס טון זיך אין האַנט, אָבער ער דערלאַנגט נישט, ער קוקט אויף דער וואַנט, ער פאַרבייסט די ליפּן און ברומט עפּעס. ער איז משוגע, ווילד, דער אַלטער פער איז הילפלאָז. גוט, אָבער זאָל קיינער נישט שטיין דערביי און צוזען! ער וויל פאַרשטעלן זיין הילפלאָזיקייט מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג פון די אַקסלען, גלייך ווי ס'וואָלט אים נישט געווען באַקוועם צו ליגן, און ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט העלפן. ער רירט צו איין טויטע האַנט צו דער צווייטער, זי איז ווייך און נאָכגיביק, זי לאָזט זיך קנייטן, ווי טייג. אַ וועלט מיט צאָרן שפּאַרט אַרויס פון אים, אָבער ער קאָן זיך באַהערשן. ער רעדט — ער רעדט, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט צו עלעמענטן, צום ים און צום דונער:

— איך וויל צעטיילן דעם פאַרמעגן, כדי די מיידלעך זאָלן באַקומען זייער חלק, איידער דו וועסט אינגאַנצן מאַכן דערפון אַ תל.

אַך, צום טײוול, די טעכטער זענען נישט געווען זײנע. אָבער איצט איז אים אײנגעפאַלן זײ צו פאַרזאָרגן.

— און איך אַלײן נעם זיך מײן חלק, — האָט ער געזאָגט. — און דאָס זאָל אַלץ אָפּגעשריבן װערן.

טעאָדאָר האָט נישט געענטפערט קײן װאָרט.

— דו הערסט נישט? — האָט זיך דער אַלטער געריסן. — זאָל קומען דער אַדװאָקאַט!

טעאָדאָר איז אַרױס.

שטותערײ, מ'װעט דעם אַדװאָקאַט בשום אופן נישט ברענגען! ירושה? װאָס נאָך? — צעטײלן דאָס געװעלב, צעברעקלען עס, חרוב מאַכן אַ בנין, ? אדרבה, פאַרקערט, מיר װעלן נאָך צוקױפן פרישע ערד, מיר װעלן דעם געשעפט אַנטװיקלען! צום אַדװאָקאַט װעט מען נישט שיקן. און דער טאַטע איז געװען געלײמט. און אַלײן ברענגען האָט ער אים נישט געקאָנט. אײדער װאָס-װען װעט פאַרבײ אַ שטיק צײט.

פונדעסטװעגן האָט אָבער דער טאַטע געקאָנט נעמען שרײען, און סוף-כל-סוף קאָן נאָך אַ פאַרבײגײיער דערהערן זײן געשרײ און ברענגען דעם אַדװאָקאַט, דאָס איז מעגלעך. גוט, אױב אַזױ, װעט טעאָדאָר איבעררעדן מיטן הער האָלמענגראַא, ער איז דער ריכטיקער, װאָס איז בכוח שטענדיק אײנצוהאַלטן דעם אַלטנס משוגעתן. און אױב קײן זאַך װעט נישט העלפן, מעג זיך דער טאַטע היטן פאַרן משוגעים-הױז!

און אָט אַזױ האָבן זיך געצױגן די טעג.

טעאָדאָר האָט אױסגענוצט דאָס לעבן, װי אַ לאָנקע, װי אַן אָרט פאַר געיעג, ער האָט געאַרבעט מעשים און האָט אומעטום אױסגענומען מיט זײן פלײסיקײט. דאָס טעאַטער איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ טאַנץ-זאַל, די שבת-צונאַכטן זענען געװאָרן פאַרװײלונגס-אָװנטן, און די יוגנט איז געװען געזונט. דאָס טריקענען פיש אױף די פעלזן האָט זיך גלענצנד אײנגעגעבן, אין צװײ װאָכן האָט מען געקאָנט לאָדעװען די גאַנצע משא און אװעקשיקן; דאָס האָט אײנגעבראַכט אַסאַך געלט, אַפילו נאָכן אָפּרעכענען דאָס האַנט-געלט, — געלט צו דער אַנטװיקלונג פונם געשעפט און צו דער שײנקײט און באַקװעמלעכקײט פון לעבן. טעאָדאָר האָט זיך אײנגעשאַפט

אַ גרויסן גראַמאָפאָן. אין אָנהויב האָט ער אים געלאָזט שטיין אין טעאַטער און דאָרטן געשפּילט, און אַ גאַנצע וועלט מיט צער איז געלעגן אין דעם „קרוינונגס-מאַרש" און אין „פאַרגעס מיך נישט"! זיין דראַנג צו אַרבעט האָט אים געטריבן צו עפּעס גרויסעס; וואָלט אַ קאַרוסעלע געווען אַ פיינע זאַך, וואָלט ער זיך איינגעשאַפט הוידאַווקעס מיט אַ קאַטערינקע און מיט פערדלעך, און דאָס וואָלט שוין אַריינגעבראַכט אַביסל געלט! אָבער אַ קאַרוסעלע איז געווען אַ פּראָסטע זאַך, אַ גאַסן-זאַך. ניין, ער האָט זיך אָבער פאַרמאָסטן אויף אַ קינאָמאַטאָגראַף, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט, אָט דאָס וואָלט געווען אַ פיינער ענין און וואָלט איינגעבראַכט נאָך מער. אַך, וואָס מ'וואָלט אַלץ געקאָנט מאַכן פון זעגלפּאָס! ווען ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דער אַדוואָקאַט ראש מאַכט הכנות צו אַ גרויסער גאָרטן-פייערונג, האָט דער קרעמער טעאָדאָר געזאָגט, אַז ער פייפט אויף דער גאַנצער גאָרטן-פייערונג און אויף דעם ביסל הנאה, וואָס מ'קאָן דערפון האָבן, ניין, ער האָט געהאַט אַן אייגענעם פּלאַן מיט אַ הייזל, און אַהין האָט מען געקאָנט מאַכן אַן אויספלוג מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיטן גראַמאָפאָן און מיט אַ געוואַלדיקן כבוד. ווען ער קאָן נאָר צוציען דערצו עמעצן פון די גרויסע לייט!

איינמאָל האָט זיך טעאָדאָר צו ווייט אַוועקגעלאָזט.

ווען ער האָט אָנגעשטעלט אין טעאַטער דעם גראַמאָפאָן, האָבן זיך אין דרויסן צונויפגעקליבן מענטשן, וואָס זענען צוגעפאַלן מיט די פּנימער צו די פענסטער. אייגנטלעך האָט נישט געהאַט קיין שום זין און קיין צוועק צו געניסן פון גראַמאָפאָן איינער אַליין, אַפילו אויב ער האָט געהאַט בדעה אַ גאַנץ צו טון דערמיט פאַר דער גאַנצער שטאָט. וואָלט דען נישט גלייבער געווען מיטצונעמען דעם גראַמאָפאָן צו זיך אין געוועלב? דאָס וואָלט צוגעצויגן דעם עולם און פאַרגרעסערט דעם פדיון. דערצו וואָלט ער געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן אַן אָנצוהערעניש, אַז דער גראַמאָפאָן קאָסט אים אַ פאַרמעגן און אַז ער איז בכוח צו ערקלערן דעם מעכאַניזם. דער עולם וואָלט אויפגעשטעלט מויל און אויער.

ער האָט מיטגענומען דעם גראַמאָפאָן צו זיך אַהיים, אָפּגעשרויפט די טרובע און אָנגעשטעלט.

דער עולם האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן, אָבער באַלד

איז איבן געוואָרן אומרויִק און אַ שטעקן האָט אַ פאַל געטון אויף דער ערד.

וואָרן דעם אַלטן פעטער איז די האַנט נישט אָפּגעשטאָרבן, זי איז נאָר איינגעשלאָפן און האָט איצט ווידער אויפגעוואַכט, און ער האָט געקאָנט קלאַפּן פּונקט אַזוי שטאַרק, ווי פריער. ער האָט שוין מער נישט געשווינט זיין ווונד, און האָט זי אַפילו נישט ארומגעבונדן מיט אַ שמאַטקע. — אָט האָסטו דיר! – נאַטירלעך האָט זיך די ווונד ווידער געעפנט און גענומען בלוטיקן, ווי נאָר ער האָט גענומען קלאַפּן מיטן שטעקן, אָבער ווען זי האָט זיך געהאַלטן ביים עפענען, אָט האָסטו דיר!

הער נאָר, וואָס איז עס דאָרטן פאַר אַ מוזיק אונטן אין געוועלב? אָ, דאָס איז אַ ריכטיקע סיבה צו נעמען קלאַפּן! אַזוי-ווי דער שטעקן האָט נישט געווירקט, האָט גענומען אַרבעטן דער שטול. געענטפערט האָט בלויז די מוזיק. און דאָ איז עפּעס געשען: דער אַלטער פעטער האָט גענומען שרייען. יאָ, פאַר איין איינציקן מענטשן איז עס געווען אַ מוראַדיקער געשריי, אַ געברילף פון אַ ריזן-אָקס!

אָבער פעטער איז שוין אַזוי פיל יאָרן נישט געווען אין געוועלב, אַז קיינער האָט זיך אָן אים נישט דערמאָנט, און קיינער האָט פאַר אים קיין רעספּעקט נישט געהאַט. ווען טעאָדאָר האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ און אָפּגעשטעלט די מוזיק, איז דער עולם געווען זייער געקרענקט און צוגעוואָרפן באַמערקונגען, אַז אַנדערע מענטשן קאָנען נישט פאַרטראָגן קיין מוזיק, יאָ, אַפילו אַנדערע הינט ווערן דערפון משוגע.

— דער טאַטע איז נישט ביים קלאָרן זינען! — האָט טעאָדאָר געהיימנישפול באַמערקט.

טעאָדאָר האָט, הייסט עס, ריכטיק פאָראויסגעזען די מעגלעכ-קייט, אַז דער טאַטע קאָן נעמען שרייען. פריער אָדער שפּעטער וואָלט זיין געשריי צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרביי-גייער. מ'וואָלט געבראַכט דעם אַדוואָקאַט, און טעאָדאָר וואָלט געמוזט אָננעמען די צוואה צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע אומבאַקוועמ-קייטן, אַ חלוקה וואָלט איצטער פּשוט געמאַכט פון אים אַ תל. אַפילו ווען די שוועסטער זאָלן לאָזן ליגן זייער חלק אין געשעפט, וואָלט ער ביים עולם שטאַרק פאַרלוירן, ער וואָלט געוואָרן אַ פּשוטער

געשעפטס-פירער. חוץ דעם וואָלטן די שוועסטער זיבער פאַרלאַנגט באַלד זייער געלט, זיי האָבן עס גאַנץ נויטיק געדאַרפט, דער הארבסט אין דער פרילינג זענען פאַר ביידע דאַמען געווען זייער טייערע צייטן. דעמאָלט פלעגן זיי אָפּשיקן אַהיים זייערע אָפּגעטראָגענע קליידער, וועלכע די אַלטע, דיקע מוטער האָט שוין נישט געקאָנט טראָגן, און האָט מיט שטאָלץ אַוועקגעגעבן די דינסטמיידלעך פון דער געגנט.

טעאָראָר האָט געקלערט, צי זאָל ער זיך נישט אַ נעם טון צום טאַטן מיט ביין.

— הער נאָר דו, אַלטער, — האָט ער געזאָגט און האָט זיך נאָך איינגעחזרט די ווערטער אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אין דער הויף — הער נאָר דו, אויב דו וועסט נאָך אַמאָל מאַכן אַזאַ געוואַלד, מעגסטו זיין זיכער, אַז איך וועל דיך אַוועקשיקן אין משוגעים-הויז.

אָבער בעת ער איז אַריין אין טאַטנס צימער, האָט ער אַזוי נישט גערעדט. שוין אויף דרויסן ביים אַריינגאַנג האָט ער גענומען צווייפלען, צי וועט ער בויגן דעם טאַטן מיט ביין; ער האָט דאָך דאָ נישט געהאַט צו טון מיט אַ מענטשן, נאָר מיט אַ שטיק חסר דעה, אַ שטיק משוגעת מיט מענטשלעכע גלידער, וואָס איז געלעגן אין בעט; יאָ, ער האָט בעסער געוואָלט פאַרבייגיין רויק און קניטשן דעם שטערן.

— דו מאַכסט אַזעלכע געוואַלדן, אַז פון שרעק אַנטלויפן מענטשן פון געוועלב.

דער אַלטער האָט אייגנטלעך נישט אויסגעזען אומצופרידן.

— איך האָב דיר אָנגעטון עגמת נפש? — האָט ער געפרעגט.

— דער עולם פרעגט זיך, צי דו האָסט בדעה אַריבערצוגיין אין משוגעים-הויז.

אַ שטאַרקער שוידער איז אַדורך איבערן אַלטנס קערפּער, ער האָט באַקומען אַ מין אָנפאַל. — יאָ, אָבער אַן אָנפאַל פון לוסטיקייט, פון ריינער הנאה. טעאָראָר האָט גוט באַמערקט, אַז דעם טאַטנס מויל האָט זיך האַסטיק פאַרצויגן אין אַ שמייכל, און ער האָט טאַקע איינגעזען, אַז זיין באַמערקונג וועגן דעם משוגעים-הויז איז געווען צו דער זאַך.

דער טאַטע איז אָן שום קונצן אַריבער צום געשעפט.

— וועסט קויפן די שוועבעלעך, צי נישט?

נו, מילא, אפשר וועט ער זיך דערפון בארויקן! די דאָזיקע שפּעקולאַציע איז געווען אַלטמאָדיש און אומזיניק. אָבער אויב טאַטע דאַר האָט געוואָלט עפּעס דערגרייכן, האָט ער געמוזט אַביסל נאָכגעבן. דעריבער האָט ער געענטפערט:

— פונמיינטוועגן קאָן מען הייסן שיקן שוועבעלעך, אויב דו האַלטסט, אַז דאָס איז אַ גוט געשעפט.

— און די זאַלץ אויך?

— יאָ. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

יאָ, יאָ, זאַלץ אויך, אַזוי־ווי ס'איז נאָענט צו ווינטער, איז עס גראָד נישט געווען אַזוי נאַריש, דעריבער האָט ער אים גלייך נאָכגעגעבן. ער האָט געקאָנט די זאַלץ שיקן צו די פישער, ער האָט זי אָבער אויך געקאָנט לאָזן ליגן ביז פרילינג און שפּעטער אַוועקשיקן קיין פינמאַרק.

אָבער אויב ער האָט געמיינט, אַז מיט זיין נאָכגיביקייט וועט ער ביים טאַטן עפּעס פּועלן, האָט ער זיך שטאַרק טועה געווען.

— און איצט ברענג מיר דעם אדוואָקאַט! — האָט דער אַלטער געזאָגט.

אַך, דער אַלטער פּער איז געווען זייער בייז און זיבער אין זיך, ער האָט מיט נצחון אָנגעקוקט זיין זון: ער האָט איצט געהאַט זיין געשריי, דאָס גרויסע מיטל איז געפונען געוואָרן, און איצט וועט אַן ערשטקלאַסיקער געשריי ליגן אין זיין ברוסט, גרייט יעדע מינוט אויסצוברעכן. די מאַמע מיטן זון מעגן ציטערן מיט די ביינער, זיי מעגן וואַרטן און מורא האָבן.

— הם, — האָט טעאָדאָר געזאָגט, כּדי צו געווינען צייט — אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועל איך לאָדעווען די פיש, דעמאָלט וועט מען קאָנען צוריקברענגען די זאַלץ. אויב ס'וועט זיין אַ גוטער וועטער, וועלן מיר די שוועבעלעך לייגן אויפן דעק.

— איך וויל מער נישט הערן די דאָזיקע מוזיק. — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— ניין, ניין.—האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— מאָרגן זאָל קומען דער אַדוואָקאַט.

די לעצטע אַנטשיידונג. ניין, מיט אַזאַ משוגענעם וועט מען בשום אופן נישט דורכקומען. בעת דער אַלטער פּער איז ווייטער געלעגן אין זיין בעט און געקייכט, איז דער זון מיט שווערע געדאַנקען אַראָפּ אין געוועלב. אָבער זאַלץ און שוועבעלעך וועט ער בשום אופן נישט קויפן. ניין, צום טייוול, דאָס נישט.

און אָט איז גאָר געלעגן כּאַר אים אַ טעלעגראַמע. — פון דידריקסענען? יאָ, ריכטיק, וואַיאַזשאָר דידריקסען עט היבערכט, דער אייגענער, וואָס איז אַרומגעפאָרן מיט אַן אייגענער שיף. ער האָט געהאַט אין וועג סאַמע מניעות און שאָדנס אויף זיין צוריקרייזע צו דרום; ער האָט דעריבער געמוזט בלייבן שטעקן אַ לענגערע צייט אין אוטווער און ער האָט געמוזט תּיכּף ומיד רעדן מיט טעאָדאָרן וואָס-מעגלעך פריער.

אַזוי! יאָ אָבער טעאָדאָר איז געווען שלעכט געשטימט, און דער וועג איז געווען ווייט, פריער מיטן וועלאָסיפּעד, דערנאָך מיטן דאַמפּער. דערווייל האָט אים אָבער די דאָזיקע טעלעגראַמע לעבעדיק געמאַכט. פּונקט ווי די רייזע וואָלט אים געקאָנט אַרויסהעלפן. וואָס זאָל עס זיין? לאָמיר אַזוי וויסן פון בייז. יעדנפאַלס אָבער וועט דער ענין מיטן אַדוואָקאַט, וואָס קאָן אָן אים גאָרנישט מאַכן, אָפּגעשלעפּט ווערן אויף עטלעכע טעג. ער האָט אַרויפגעשיקט דעם משרת קאָרנעליוס מיט דער טעלעגראַמע צום טאַטן, און האָט אים געהייסן זאָגן, אַז דער ענין איז אַ וויכטיקער.

נאָכדעם ווי ער איז געפאָרן אַ שעה צייט אויפן וועלאָסיפּעד, האָט ער געטראָפן פלאָרינאַן, דעם אַדוואָקאַטס דינסטמיידל. זי האָט זיך אים געשטעלט אויפן מיטן וועג, ווי זי וואָלט אים געוואָלט פאַרהאַלטן. ווען ער איז געבליבן שטיין, האָט זי אים געפרעגט.

— איר דאַרפט עפּעס צו מיר?

— איך? ניין! — האָט ער פאַרחידושט געענטפערט.

אָ, די דאָזיקע פלאָרינאַ איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט זעגלפאָס און האָט געהאַט מיט אַלעמען צו טון. זי איז אָבער געווען טעאָדאָרס אַ קונה און האָט געקויפט ביי אים כּלערליי שמאַכטעס.

— ניין, — האָט ער נאָך אַ מאָל געענטפערט — איך וויל פון דיר גאָרנישט, ווו ביסטו געווען?

— כ׳האָב געמאַכט אַ קליינעם אויספֿלוג קיין אָטוועך.

— ווי איז דער וועג?

— אַזוי ווי דאָ. — האָט זי געענטפֿערט. — איר פֿאָרט אויך קיין אָטוועך?

— יאָ, פֿון וואַנען ווייסטו עס?

— אַך, איך פֿאַרשטיי אַליין. — האָט זי געענטפֿערט.

אין דערביי האָט זי פּלוצלינג אַ צי געטון איר וואָלענע טוך איבערן מויל, וואָס איז ביז איצט נישט געווען פֿאַרדעקט.

טעאָדאָר האָט אָנגעהויבן מאַכן הכנות ווייטער צו פֿאָרן.

— איך פֿאַרשטיי אַליין, צו וועמען איר פֿאָרט קיין אָטוועך. — האָט זי געזאָגט.

מיטאַמאָל איז דעם ביטרען יונג איינגעפֿאַלן, אַז פֿלאָרינאַ האָט געמוזט דערשמעקן דידרי׳קסענס אָנקומען קיין אָטוועך, און אַז זי וויל אים מסתמא אויפֿזוכן. צווישן זיי ביידן איז, משמעות, פֿאָרגעקומען אַ קליינע באַגעגעניש. יאָ, זי איז נעבעך געווען אַן אומגליקלעך מיידל, וואָס איז נכשל געוואָרן, און איצט, אַז זי האָט געטראָפֿן טעאָדאָרן, וויל זי עס אים אויסזאָגן, וואָרן אַנדערש האָט עס נישט געקאָנט זיין. זי האָט נישט געהאַט קיינעם, אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן, אויסער אויף זיך אַליין, און אויב עמעצער האָט צעבראָכן איר בלום אין מיטן בליען...

— דו האָסט דאָך דאָס ביכל פֿון דער שפּאָר־קאַסע. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

... צעבראָכן איר בלום אין מיטן בליען, דאַרף ער אַליין פֿאַרשטיין, ווי שלעכט עס איז איר. און אָט האָט זי געוואָלט בעטן טעאָדאָרן, אַזאַ גוטן און איינפֿלוסרייכן מענטשן, ווי ער איז, אַז ער זאָל זאָגן פֿאַר איר אַ גוט וואָרט.

— איך וויל בעסער אָפּנעמען מיינס פֿאַר איינמאָל, — האָט זי געזאָגט — ווייל דעמאָלט ווייס איך כאָטש, וואָס איך פֿאַרמאָג, ווייל אַזאַ רייזנדער איז פּונקט ווי אַ וואַנדער־פֿויגל, קיינער ווייסט נישט, ווו מען קאָן אים פּאַקן. און חוץ דעם, קאָן ער גאָר אינמיטן דרינען אַוועקשטאַרבן און פּשוט נעלם ווערן.

— יאָ, אָבער דו האָסט דאָך אַ ביכל פֿון דער שפּאָר־קאַסע, —

האָט טעאָדאָר געזאָגט — און ווי איז עס דאָרטן, דו ביסט נישט פאַרקנסט מיט נילס פון ווענטאַ?

— מיט נילסן? ניין, ער האָט מיך אוועקגעוואָרפן.

— ער איז אַ נאַר! — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

— יאָ, ער מעג זיך זיין וואָס ער וויל, אָבער איך פון מיין זייט האָב קיינעם נישט, וועמען ס'זאָל מיר העלפן. איז אויב איר פאַרשטייט מיין עלנט אויף דער וועלט און איר ווילט זיך איינשטעלן פאַר מיר...

— איך וועל עס אים איבערגעבן, — האָט טעאָדאָר געזאָגט. — אָבער איך ווייס נישט, וואָס ער דאַרף מיך, מסתמא האַנדלט זיך עס וועגן געשעפטן.

אין פלוג איז ער גאָרנישט געווען אומצופרידן מיט דער דאָזיקער שליחות, עס איז געלעגן אין דעם דרך-ארץ און צוטרוי, אפשר אויך אַ געוויסע פּראָוויזיע, — יאָ, עס איז דאָך געווען גאַנץ מעגלעך. ער איז געפאָרן ווייטער, געטראָפן אַ פור קיין אוטווער און שפּעטער זיך געלאָזט צופירן צו דידריקסענס שיף.

הער דידריקסען האָט געהאַט געסט, דער זאַל איז געווען פול מיט יום-טובדיקייט און געלעכטער, מיידלעך פון דער געגנט, אַ פּאָר מענער, ער אַליין איז געווען נישקשהדיק בגלופין. ער האָט אויסגעפּוצט זיין קעבער אין אַ פראַק און אין ווייסע באַוולנע הענטשקעס, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט אָנשטענדיק אויפנעמען די געזעלשאַפט.

— איר האָט נישט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם טעלעגראַפיסט? — האָט ער אויסגערופן. — טאָ זייט אַליין באַגריסט! נו, נעמט, איך בעט אייך, אַ גלעזל אָדער צוויי. אָבער דער טעלעגראַפיסט? איר האָט פון אים גאָרנישט געהערט? מייסטער, איר האָט דאָך געשריבן די דעפּעשע און איר האָט פאַרגעסן — ווי הייסט ער דאָרט, באַרדסען? זאָל אייך דער טייוול נעמען, מייסטער! דער מענטש איז מיר זייער אינטערעסאַנט, כאַפּט זיך אַריבער קיין זעגלפּאָס און ווערט דאָרט איינגעזונקען. אָבער זייט אַליין באַגריסט, הער יענסען! איך דאַנק אייך זייער, וואָס איר זענט געקומען! מיר האָבן געוואַרט נאָר אויף אייך, דער מייסטער האָט מיט מזל צוזאַמענגעלייט די מאַשין, און מיר פאָרן אָפּ מאָרגן גאַנץ פרי.

טעאָדאָר האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך, אין דעם הער

דידריקסען איז אײַנגעפאַלן זיך צו דערמאָנען, אַז ער האָט געוואָלט מיט אים רעדן. ער האָט אים אַרויפגעפירט אויפן דעק און גענומען רעדן האַסטיק.

— מײַן רײַזע קײן זעגלפּאָס איז געווען אַ טײַערער שפּאַס. דאָס מײדל איז הײַנט געקומען צולויפן מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ וואָלענער טוך אַרום דעם מויל. וואָס איז געשען? האָב איך געפרעגט. אַזוי און אַזוי! יאָ, יאָ, האָב איך געזאָגט, דאָ וועט שוין גאָרנישט העלפן. יאָ, האָט זי אויך געזאָגט, אָבער איך זאָל איר ווײניקסטנס נישט לאָזן אומקומען אין איר עלנט. נײן, און איך זאָל נישט צונעמען פון איר מײַן הילף. נײן, יאָ, אָבער צי קאָן זי באַקומען פון מיר אַ קלײניקײט? פאַרשטײט זיך. אויב דאָס קאָן זײַן נישט נאָר אויף אײן מאָל, האָט זי געהאַלטן, וועט די זאַך נישט דערגײן צו דער מאַכט. יאָ, דו ביסט אַ פאַרשטענדיק מײדל, האָב איך געענטפערט, אָבער אויב אַזוי וועלן מיר שריפטלעך קײן זאַך נישט אָפּמאַכן, און איך וועל פּטור ווערן פונם גאַנצן ענין. וויפיל וועלן מיר מושווה ווערן? צוויי טויזנט קראָן, האָט זי געזאָגט.

הער דידריקסען האָט אַ קוק געטון אויף טעאָדאָרן, כּדי צו זען, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק די ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט.

— אומזין! — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

— אומזין, דאָס האָט דער מאַשיניסט אויך געזאָגט, איך האָב אים אַלץ דערצײלט. יעדנפאַלס האָב איך זיך געוואָלט בעסער מיט אײַך מישב זײַן, און איך דאַנק אײַך זײער, וואָס איר זענט געקומען. די זאַך איז אַזאַ, אַז איך קאָן דאָך נישט געבן דעם מײדל אַזאַ גרויסע סומע געלט אָן אַ שום זיכערקײט, און אין זעגלפּאָס האָב איך זיך נישט געוואָלט ווײַזן. און דעריבער האָב איך געמוזט טעלעגראַפירן צו אײַך, און איך דאַנק אײַך נאָכאַמאָל, וואָס איר זענט געקומען.

— ס'האָט מיך זײער דערפרײט.

— איך דאַנק אײַך, אָבער דער ענין איז אַביסל פאַרפּלאָנטערט. איר זאָגט: אומזין. אמת, אָבער איך קאָן דאָך עס נישט לאָזן פאַרעפנטלעכן, מײַן כּלה קאָן זיך נאָך דערפון דערוויסן.

— איר האָט דען אַ כּלה?

— נאַטירלעך. איך האָב זיך פאַרקנסט מיט דער טאָכטער פון

דעם קאָנסול — ווי הייסט ער דאָרט? איך מיין דעם דאָזיקן גרויסן, רייכן מאַן אין פינמאַרק, וואַלפיששפעק, אַ בת־יחידה, אָט גיט אַ קוק!

און הער דידריקסען האָט אַרויסגענומען פון זיין פּאָרטפעל אַ בילד פון אַ פרוי און געוויזן טעאָדאָרן. עס איז געוועזן אונטער־געשריבן „דיין רות".

— יאָ, אָט זעט איר, האָט הער דידריקסען געזאָגט, — דאָס איז, הייסט עס, זיין טאָכטער, איך קאָן זיך בשום אופן נישט דערמאָנען זיין נאָמען. אָבער זי קאָן זיך נאָך סוף־כל־סוף דערוויסן וועגן דער מעשה, און דאָס טאָר בשום אופן נישט געשען.

— זי וועט זיך דערפון נישט דערוויסן, — האָט טעאָדאָר פאַר־זיכערט.

— יאָ, זעט איר, דאָס איז נישט אויסגעשלאָסן. בפרט נאָך, אַז דאָס מיידל — דאָס מיידל פון זעגלפאָס... די מעשה איז אַזוי: זי געפעלט מיר באמת זייער שטאַרק, ווייל זי איז געווען זייער פאַר־שטענדיק, און איך האָב איר געוויזן די פאָטאָגראַפיע. איז עס נישט געווען זייער נאַריש פון מיין זייט?

— איך ווייס נישט.

— דער מייסטער זאָגט, אַז ס'איז טאַקע געווען נאַריש. אָבער איך האָב איר דערלאַנגט אַ גלאָז וויין, ווייל זי איז געווען אַזוי פיין און פאַרשטענדיק, און דערנאָך האָב איך איר געוויזן דאָס בילד. רות! — האָט זי געזאָגט, און האָט זי אָנגעקוקט. יאָ, רות, האָט זי איבערגעחזרט, און איצט דאַרפט איר זען, האָב איך געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע הערלעכע מיידל זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן. זי האָט מסכים געווען און געהאַלטן, אַז דער ענין דאַרף טאַקע נישט דערגיין צו דער מאַכט. אָבער איך מוז פריער רעדן מיטן הער יענסען, האָב איך געזאָגט.

טעאָדאָר האָט געהאַלטן, אַז אַ העלפט, טויזנט קראָן, וועט אויך זיין איבערגענוג.

— יאָ, אָבער אויב אַזוי, קאָן דאָך די מעשה אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט, און דעמאָלט וועט מען אָנהויבן זיך אַריינצומישן אין מיינע געשעפטלעכע ענינים און מען וועט מיר צופסקענען זייער אַ הויכע שטראָף. איבעריקנס, וויל איך גאָרנישט זיין קיין שלעכטער.

טויזנט קראָן פאַר די גאַנצע פופצן יאָר, דאָס באַטרעפט אפילו נישט קיין צוואַנציק ער טעגלעך אויף קליידונג און עסן.

טעאָדאָר האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין יונגן פריינד: דער דאָזיקער לייכטזיניקער זון פון אַן אַלטן, אָרנטלעכן סוחר האָט פאַרמאָגט אַזעלכע מעלות, וואָס טעאָדאָר האָט זיי אפילו נישט רעכט פאַרשטאַנען, זיין אייגענער גייסטיקער פאַרמעגן איז געווען, ווי דער שטייגער איז, פון דעם מין, וואָס פּרוווט אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ יאָר נאָך אַ יאָר אויסצוזוכן און אָפּצוהיטן ביי זיך אַליין דאָס ביסל גוטס, וואָס ער זעט ביי אַנדערע.

— פאַרשטייט זיך, איר זענט גאַנץ גערעכט! — האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגערופן, פּונקט ווי ער וואָלט אויך אַזוי געטראַכט. — און איצט קאָן איך אייך שוין זאָגן דעם אמת: אונטערוועגס האָב איך טאַקע געטראָפן דאָס מיידל, און זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל זיך איינשטעלן פאַר איר.

— אַזוי. אָבער איר זעט, די זאַך איז דאָך נאָך אַביסל פאַרפּלאָנטערט. ווען מיר זענען צוזאַמען געזעסן יענעם אָוונט אין זעגלפּאָס — איר געדענקט? — ווי הייסט ער דאָרט? באַרדסען, דער טעלעגראַף-באַאַמטער, ער האָט דעמאָלט גערעדט וועגן איינעם אַ מאַן, וואָס איז צוועלף וואָכן נישט געווען אין דער היים און איז צוריקגעקומען, אָבער זיין געליבטע האָט שוין דריי וואָכן געטראָגן אַ וואָלענע טוך און געליטן אויף ציין-ווייטיק. איר דערמאָנט זיך?

— יאָ.

— אָפשר האָט ער געמיינט דאָס מיידל טאַקע? דאָס איז מיר היינט איינגעפאַלן.

— עס איז מעגלעך, אַז ער האָט טאַקע געמיינט זי, — האָט טעאָדאָר געזאָגט, ווייל ער האָט געוואָלט בלייבן ריין און אָרנטלעך — אָבער איך ווייס נישט, איר קאָנט דאָך די זאַך גענויער נישט דערגיין?

— ניין, אָבער אויב מען זאָל ביידע צוזאַמענשטעלן, איז עס אַ נאַרישע געשיכטע. דעריבער האָב איך געוואָלט איינלאַדן צוזאַמען מיט אייך אויך דעם טעלעגראַפיסט. איצט בין איך שוין צופרידן, וואָס ער איז נישט מיטגעקומען, ווייל איך וואָלט דאָך אים סוף כל

ס'ף געפרעגט. אָבער איר דאַרפט נישט מיינען, אַז אַ דאַנק אים וואָלט דער ענין קלאָר געוואָרן.

— וואָס רעדט איר?

— דער מייסטער זאָגט, אַז דעם מיידל איז גאָרנישט.

— וואָס רעדט איר? — האָט טעאָדאָר באמת פאַרחידושט געפרעגט?

— דער מייסטער איז, פאַרשטייט איר מיך, אַן אומגעהויער-דערפאַרענער חברה-מאַן. ער איז שפּעטער געזעסן צוזאַמען מיטן מיידל — אַגב, האָט ער איר געשענקט דאָס קייטל פון זיין זייגער, — און ער זאָגט, אַז ס'איז איר אַזוי געשען עפּעס, פּונקט ווי מיר אָדער אים.

זיי שווייגן. טעאָדאָר קלערט נאָך און ער לאָזט הערן:

— יאָ, אָבער צו מאַכט זי זיך נאָר אַזוי? זי האָט דאָך צוליב דעם פאַרלוירן איר געליבטן.

— פאַרשטייט זיך, — האָט הער דידריקסען לאַכנדיק געענטפערט — דאָס האָט זי מיר אויך דערציילט. אָבער אויב אַזוי, מוז מען דאָך וויסן, צי איז איר דאָס געלט נישט טייערער, ווי איר געליבטער. און דעריבער קאָן זיך נאָך דער געליבטער צוריק אומקערן צו איר.

— זי האָט אַ ביסל פון דער שפּאַר קאַסע, — האָט טעאָדאָר געטראַכט — זי איז אַ טייוול פון אַ מויד.

ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן:

— איר באַצאָלט נישט קיין פּרוטה!

אָבער ער איז נישט זיכער און ער פילט זיך נאָך נישט גוט מיט די פיינע געדאַנקען, וואָס ער וויל צוזאַמענגעמען, דעריבער גיט ער באַלד צו:

— איך וואָלט געהאַנדלט אַזוי ווי איר: אַנשטענדיק באַצאָלט און אַ סוף; אָבער אויב דאָס איז ליגן און בלוט-זויגעריי איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

— אָבער איך קאָן דאָך נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל פאָרקומען אַ פּראָצעס.

— ניין, — האָט טעאָדאָר מסכים געווען — דאָס קאָנט איר נישט.

און טעאָדאָר האָט נאָכגעקלערט ווייטער, אָבער פּלוצלינג האָט אים דאָס קאָמישע פון דער גאַנצער מעשה א שלאָג געטון אין די אויגן און ער האָט געזאָגט:

— אָבער איר קאָנט דאָך נישט באַצאָלן, צום טייוול, איידער ס'איז געבוירן געוואָרן דאָס קינד. און אפשר וועט עס גאָר אינגאַנצן נישט געבוירן ווערן.

— זייער ריכטיק, — האָט הער דידריקסען געענטפערט, — און דעריבער האָב איך אייך טאַקע פאַרבעטן אַהער. אפשר איז זי גאָר נאָר א פּיפּיק מיידל — ווי הייסט זי דאָרט?

— פלאָרינאַ.

— פלאָרינאַ. פּיפּיק, זאָג איך, דורכגעטריבן, אויב אַזוי וועל איך ביי אייך, הער יענסען, איינלייגן די סומע, וואָס איך האָב איר צוגעזאָגט, אָבער זי זאָל עס נישט קריגן פאַר דער צייט. איך האָב זיך בעראָטן מיטן מייסטער, ער איז א דורכגעטריבענער יונג. און אויב זי וועט עס וועלן עס איז קריגן, איז נאָר בתנאי, זי זאָל צוזאָגן אומבאַדינגט צו מאַכן א שוויג. זי זאָל עס צוזאָגן שריפטלעך און פאַר עדות, א נישט קאָן זי קומען ווידער. אַלץ מוז געמאַכט ווערן שריפטלעך.

— גרויסאַרטיק! — האָט טעאָדאָר מיט בליצנדיקע אויגן אויסגערופן.

וואָס האָט אים אין דער רגע אַזוי באַגייסטערט? איז אין זיין מוח געלעגן באַהאַלטן עפּעס א פּלאַן, וואָס האָט באַקומען ליכט און לופט?

— גוט! — האָט ער געזאָגט צו הער דידריקסען, — איך וועל באַהאַלטן דאָס געלט, און איך וועל שוין אַדורכפירן די זאַך מיט פלאָרינאַן, איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

— יאָ, טאַקע דערפאַר האָב איך אייך געוואָלט בעטן. איר מוזט איר גלייך אַלץ דערקלערן און פאַרשטאָפּן דאָס מויל, — האָט הער דידריקסען געזאָגט.

טעאָדאָר האָט געענטפערט:

— איך וועל עס טון, איך וועל אַלץ אָפּהיטן.

ער איז געבליבן ביז באַגינען אויפן ברעג און נישט געשלאָפן, בעת די אַנדערע האָבן זיך געוויילט. דער יונגער הער דידריקסען

האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט באַצאָלט געגוג רבי-געלד. ער האָט ליב געהאַט די פרייד, ער האָט זי געזוכט און געפונען. יונג און שיין, ווי אַ פּרינץ, האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן זיינע געסט, און די גאַנצע נאַכט געווען אַ גאַסטפריינדלעכער באַלעבאָס. אַ זייגער פיר האָט מען דערלאַנגט אַ וואַרעמען פרישטיק.

— איך בעט אייך, נעמט עס פאַר ליב! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט העפלעך און אויפמערקזאַם, ווי שטענדיק.

דער קעכער האָט באַקומען נייע, ווייסע הענטשקעס. דער מייסטער האָט געשפּילט אויף דער האַרמאָניע, אַלס מאַלצייט-מוזיק. יאָ, אַלץ איז געווען פול מיט הנאה און מיט לוסטיקע איינפאַלן.

דעמאָלט האָט זיך די געזעלשאַפט אויפגעהויבן, די געסט זענען אַראָפּ אין זייערע שיפלעך און געשוואומען צום ברעג. זיי זענען געווען יונג און פול מיט פייער און זיי האָבן גאָרנישט מיטגענומען מיט זיך פון דער לוסטיקער נאַכט — נאָך דאָס האָט זיי געפעלט! פון ברעג האָבן זיי נאָך פייערלעך געפּאָכעט.

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער וועלן זיי זיך אפשר דערמאָנען אין דער דאָזיקער נאַכט און שמייכלען. אָין אין דרייסיק יאָר אַרום וועלן זיי זיין שטאַרק געערגערט, ווען אַנדערע יונגע-לייט וועלן אָפּהוליען אַ נאַכט...

— לאָמיר אָננעמען, אַז איר וועט נישט דאַרפן באַצאָלן, וואָס זאָל איך טון דעמאָלט? — האָט טעאָדאָר געפּ עגט.

— נו, זי איז דאָך אייגנטלעך געווען אויף איר שטייגער פאַרשטענדיק, און האָט מיך געוואָלט שיצן פאַר דער מאַכט. — האָט הער דידריקסען מיט אַ לייכטן שמייכל געענטפערט. — מיר דאַרפן זי נישט באַעוולהן. איבעריקנס, איז זי דאָך נישט געווען באַזונדערס צניעותדיק — צאָלט איר אויס אַ העלפט.

ווען טעאָדאָר איז אָנגעקומען אַ היים, איז ער אַרויף צו זיין פאָטער און געזאָגט — ער האָט געהאַט אַזאַ דיק אָנגעפּאַקטע טעקע, אַז ער האָט זיך עס זיכער געקאָנט דערלויבן:

— דער אַדוואָקאַט איז נאָך נישט געווען דאָ?

דער טאַטע איז געווען פאַרחידושט, אָבער ער האָט געמעגט טראַכטן, אַז די פראַגע איז נישט גאַנץ אויפריכטיק.

— כ'האָב נעכטן געמוזט אַרויספאָרן, — האָט טעאָדאָר געזאָגט —

זאָל דער אַדוואָקאַט איצטער קומען, עס זענען נישטאָ קיין שום מניעות, אויב ער איז נאָך נישט געווען דאָ.

דער טאַטע האָט ביטרע און קרום אַ קוק געטון אויף זיין זון און געזאָגט:

— דו רשע איינער!

דער אַלטער פּער האָט דערשמעקט עפּעס, האָט ער שוין אינגאַנצן פאַרלוירן זיין דעה? מירן נאָך זען! די דאָזיקע לאַנגע פּאַסקודנע יאָרן האָבן אים בשום אופן קיין נחת נישט פאַרשאַפט, נאָר זיי האָבן אים וואָס-וויטער אַלץ מער דערדריקט. איצט איז שוין באמת געגאַנגען באַרג אַראָפּ. נאָך אַ קורצע צייט, און ער וועט ווערן אינגאַנצן בייז און בייסיק, זיינע נאַטירלעכע כוחות האָבן אָנגעהויבן אומגעשטערט זיך אַריינצוריסן אין דער בליענדיקסטער מעטיקייט, ער איז אַוועק צוריק אין זיין טיפסטער אורצייט, צו קלאָגעניש און געשרייען, צו ביטרעקייט און אָנפאַלן. דעם דאָזיקן וועג איז ער העלזעריש געלאָפן פאָרויס, עס האָבן אים גערופן שטימען פון דער טונקלקייט.

— וואָס ווילסטו? — האָט טעאָדאָר געפרעגט. — איך האָב עפּעס מער וואָס צו טון, ווי צו שטיין דאָ. אויב דו ווילסט טיילן, אדרבה, איך וועל אייך אַרויסצאָלן.

דאָס איז ווערט אָנערקענונג, וואָס דער בחור האָט זיך צערעדט אַזוי אָפנהאַרציק, נישט צוקנדיק צומאָל מיט קיין ברעם. אָבער דער טאַטע איז אויך געווען אַ טיכטיקער מענטש; ער האָט פאַרלייגט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, ווי ער וואָלט געהאַט צו טון מיט עפּעס אַ גאָרנישט, און גערעדט, ווי צו דער וואַנט:

— טאַקע, הינדעלע מיינס, אונז אַרויסצאָלן? אָבער דו זאָלסט איך אַרויסציען פון דאַנעט, הינדעלע דו!

דאָ האָט ער האַסטיק קרום אַ קוק געטון אויף זיין זון.

— וואָס? — האָט טעאָדאָר געפרעגט, און דורך זיין העלן קאָפּ איז אַדורך ווי עפּעס אַ קלאַפּ. ער האָט געהערט, ווי דאָס בלוט רוישט אין זיינע אויערן.

— איך וועל דיר אַרויסצאָלן! — האָט דער טאַטע געשריגן הייזעריק פון ווילדן כעס. — אַרויס פון דאַנען! וואָס פרעגסטו? אַרויס פון מיין שטוב, אַרויס אויף דער גאַס, דו וואָרעם!

אָבער אין דעם דאָזיקן סאַמע-לעצטן דרינגענדן מאָמענט האָט זיך טעאָראָר ווידער באַהערשט.

— דאָס איז, הייסט עס, דיין מיינונג ? — האָט ער געפרעגט און האָט שפּאָטיש געשמייכלט.

ער האָט געקאָנט זיין געשעפט דורך און דורך; די יאָר־יערלעכע קלעפּ־פּיש־משאות און די קניה און דער פאַ־קויף פון שיפן — אָט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט אַ דאַנק ריין פּריוואַטע שפּעקולאַציעס, האָט געשטעקט אין געשעפט, און דאָס געוועלב האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסצאָלן און בלייבן גאַנץ. ער האָט שפּאָטיש געשמייכלט. ער האָט נישט איינמאָל געטראַכט וועגן דעם פּלאַן, וואָס האָט בכלל נישט געקאָנט צעטיילט ווערן, ווייל ער וואָלט אים בשום אופן נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט.

די איינציקע פראַגע איז געווען, צי דער טאַטע האָט באמת געוואָלט אונטערברענגען דאָס געשעפט און ברענגען צופירן די טעכטער, כדי עס ווייטער צו פירן, דער אַלטער האָט נאָך געהאַט דערצו גענוג קרעדיט.

— ווי ער וויל זיך, — האָט טעאָדאָר געטראַכט — ווי ער וויל זיך. איך וועל זיי אונטער דער נאָז פטרן זייער געשעפט, אויב איך וועל באַקומען אַ שטח ערד.

דער שמייכל האָט נאָך געשפּילט אויף זיינע ליפּן, בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען.

דער אַלטער פער האָט עפּעס דערשמעקט. ער האָט פאַרנומען אויף זיין זונס פּנים עפּעס אַ מערקווירדיקן שמייכל — צו האָט ער גענומען נאָכגעבן ? ער האָט נישט נאָכגעגעבן — ער האָט זיך געריסן. מ'האָט געבראַכט דעם אַדוואָקאַט ראַש, וועלכער האָט איבערגענומען די חלוקה; ער האָט אַ לענגערע צייט געשריבן, געשריבן זייער גערן, דורכגעקוקט די געשעפטס־ביכער, טעלעגראַפירט נאָך די טעכטער, טעלעגראַפירט זייער גערן נאָך די דאָזיקע „קליינע" און געפאָדערט זייערע רעכט. דאָס זענען געווען צוויי קליינע מיידלעך און אַ לאָמער מאַן, וואָס האָבן אַלע דריי געקוקט אויף אים מיט פולן צוטרוי, זאָל ער פאַרראַטן אַזעלכע בליקן ? זיין לעבנס־אויפגאַבע איז דאָך געווען אַרויסצוהעלפן די מענטשן אין יורידישע פאַלן, אויב אין לאַנד איז געווען יושר. דער אַלטער קרעמער האָט פאַר זיין טויט געוואָלט

אין אָרדענונג ברענגען זיינע ערדישע ענינים, און זיינע גוט־דערצויגענע טעכטער האָבן זיך נישט געוואָלט אנטקעגנשטעלן. דער זון האָט זיך אויך נישט אנטקעגנגעשטעלט – אדרבה, האָט ער געזאָגט, וואָס קאָן אן אדוואָקאט אויפטון מער, ווי פאַרלייגן זיין הילף!

– אדרבה! – האָט טעאָדאָר געזאָגט און שפּאָטיש געשמייכלט.

און לסוף איז אים געלונגען צו קויפן דעם שטח ערד, וואָס ער האָט געדאַרפט. דער פּלאַץ איז געלעגן א וואַנט לעבן א וואַנט מיטן געוועלב, א גרויסער פּירעקיקער פּלאַץ אויף א קראָם מיט א שפּייכלער, א פעסטער בוי־פּלאַץ, און בוי־מאַטעריאַל האָט געזאָלט מיטברענגען די שיף אלס צוריק־משא, ווען זי וועט אוועקפירן די פיש – נישט קיין שוועבעלעך, נישט קיין זאַלץ.

טעאָדאָר האָט אין דער דאָזיקער צייט זייער טיכטיק געאַרבעט און נישט פאַרשלאָפן די צייט. שוין זיין ערשטער שריט איז געווען א שפּיצל, הער ווילאַץ האָלמסען האָט אים נישט געוואָלט פאַרקויפן דעם בוי־פּלאַץ. פאַרוואָס נישט? האָט טעאָדאָר געטראַכט. צוויי מאָל האָט ער זיך געפּרוווט אומזיסט, דאָס דריטע מאָל האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט א הינטערוועג, און ער האָט אויסגעפירט. ער איז אוועק נישט צו קיין אנדערן, ווי צו דער פרוי ראַש. איי, דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער טעאָדאָר! אלץ האָט ער געוווסט, אפילו דאָס, אז די דאָזיקע גוטהאַרציקע פרוי ראַש קאָן אים העלפן ביים הער ווילאַץ האָלמסען קעגן דעם אדוואָקאַט.

– וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? – האָט פרוי ראַש געפרעגט.

וועגן דאָס און דאָס. מ'נעמט אים צו דעם געוועלב, זיין געשעפט, זיין גאַנצע פּראַצע, מ'זאָגט אים אָפּ, מ'וואַרפט אים אַרויס, דער אדוואָקאַט העלפט נאָך צו.

– העלפט מיר!

– איך קאָן דאָך נישט טון קעגן מיין מאַן, – האָט פרוי ראַש געזאָגט.

– נאָר עטלעכע קוואַדראַט־מעטער שטיין־באָדן פון הער ווילאַצעס ערד, נישט דערפאַר, ווייל ער מוז מיר פאַרקויפן, נאָר ווייל ער קאָן מיר העלפן. איך וויל בויען און פּרוון זיך ווידער אַרויפאַרבעטן, בדי דער הער אדוואָקאַט זאָל באַקומען אין זעגלפאָס די קאָנקורענץ. נאָך וועלכער ער בענקט אזוי.

— איך קאָן דאָך נישט אַרבעטן קעגן מיין מאַן. — האָט פרוי ראש געזאָגט.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט טעאָדאָר באַקומען אַ פּאָר שורות פון ווילאַץ האָלמסען, אַז ער קאָן באַקומען דעם בוי-פּלאַץ.

„מארטין, וואָס וועט ברענגען דעם דאָזיקן בריוו, וועט אויסמעסטן דעם פּלאַץ. דער פּרייז איז צוויי הונדערט קראָן, און דער באַטרעף זאָל ווערן אויסגעצאָלט אין שפּייז, צו צען קראָן פאַר אַ מאָל, דעם אַרבעטער קאָנראַד, דעם געוועזענעם טאָג-אַרבעטער ביים הער האָלמענגראָא. דעם אָפּמאַך זאָל צונויפשטעלן דער וואָיט פון אורא...

אָט אַזוי ווייט האָט טעאָדאָר געוווּנען.

ער האָט געלאָזט אָנהויבן די בוי-אַרבעט מיט גראָבן קעלערס און מיטן לייגן דעם פונדאַמענט. ער האָט געריסן מיט דינאַמיט, אַ וואַנט לעבן אַ וואַנט מיטן געוועלב, נישט דווקא כּדי דעם טאַטן צו דערגיין די יאָרן, אָבער געשוינט האָט ער אים אויך נישט. דער אַלטער האָט ווידער אָנגעהויבן צו שרייען, אָבער ווען דער אַדוואָקאַט האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין די זאַך, האָט ער אויפגעהערט צו קאַפּריזעווען. ער וועט קאַפּריזעווען? דאָס הינדל און די מאַמע האָבן אַ טעות, אויב זיי מיינען, אַז ער וועט זיך איבערבעטן!

דערפאַר אָבער איז דער אַדוואָקאַט געקומען צו טעאָדאָרן און אים אָנגעבאָטן אַ מין פּשרה. דער אַדוואָקאַט האָט זיך מסתּמא בּני לבני אַרומגעזען, אַז דאָס געשעפט קאָן נישט אויסצאָלן טעאָדאָרן, סיידן עס וועט אונטערגיין, ער האָט געזאָגט:

— דאָס געלט, וואָס איר האָט איינגעבראַכט צוזאַמען מיט אייער געזעצלעכן חלק.....

טעאָראָר האָט גוט געדענקט דאָס גוטע, וואָס ער האָט געזען ביי אַ צווייטן. ער האָט אַ קלער געטון, וואָס וואָלט דער יונגער הער דידריקסען אין אַזאַ פאַל געטון, דעריבער האָט ער איבערגעריסן דעם אַדוואָקאַט און געזאָגט:

— איך זאָג זיך אָפּ פון יעדן חלק.

אַדוואָקאַט ראש האָט די דאָזיקע אומגעריכטע עידיעה אויפגענומען, ווי אַ קלאַפּ. ער איז געווען פאַראומערט, וואָס די דאָזיקע אויפגעקומענע

מענטשן מאַכן נאָך די אמתע. ווען טעאָדאָר וואָלט כאָטש געווען אַ מענטש פון שיינעם יחוס!

— איר דאַרפט נישט האַנדלען אַזוי גרויסמוטיק, יונגערמאַן! — האָט ער געזאָגט.

— גרויסמוטיק, צי נישט, ס'איז נישט אייער עסק, — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— דאָס איז נאָר געווען אַ פריינדלעכע עצה.

— איך דאַרף נישט קיין עצות.

— מילא, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט — נישט אין דעם האַנדלט זיך עס. די לאַגע איז, הייסט עס, אַזאַ, אַז דאָס געשעפט קאָן זיך זייער גוט אויסצאָלן און ווידער פירן זיך, ווי אַ מאָל...

— טאָ זאָל מען מיר אויסצאָלן! — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

— איך האָב אייך, פון מיין זייט, צו מאַכן אַ געוויסן פאָרשלאַג. איר זאָלט מיך לאָזן אויסרעדן און נישט איבעררייסן: הערט, דאָס געשעפט קאָן אייך זייער גוט אויסצאָלן, בפרט ווען איר האָט זיך אויף אַזאַ יוגנטלעכן אופן, און אפשר אַ ביסל צו איילִיק אָפּגעזאָגט פון אייער חלק.

— דאָס איז נישט אייער עסק.

— פאַרשטייט זיך, נישט דירעקט.

— און אומדירעקט אויך נישט, בשום אופן נישט. עס איז נישט מיין בראַנזשע, אַרויסצוגעבן ביכלעך פון דער שפּאָר-קאַסע, אָבער איך לייַ גאָרנישט. — האָט טעאָדאָר צערייצט דערקלערט. — האַלט ס'מויל און גייט זיך אייער וועג, איך נעם אייער פאָרשלאַג נישט אָן, פאַרשטאַנען?

דער אַדוואָקאַט האָט אים אויפן העכסטן אופן מיטגעפילט און איז געווען אויסער זיך:

— דאָס איז פאַר אייער אייגענער טובה און פאַר אַלעמענס טובה, וואָס איך זיץ דאָ, און ס'איז אַ שרעק צו הערן, ווי איר דריקט זיך אויס.

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך קאָן פאַרמשכונען די חובות און די סחורות פון געשעפט, ביז מ'וועט מיר דעקן! — האָט טעאָדאָר געשריגן, אויסער זיך פון כעס, ער איז געווען דער זון פונעם קרעמער פער און האָט געקאָנט ברומען. — איר ווייס דאָך אויך, אַז די קראָם

וועט דערמאָלט אונטערגיין. און אויב איר ווייסט עס נישט, דערלויבט עס מיר אייך צו זאָגן, איך פאַרשטיי עס בעסער פון אייך, איך האָב זיך פון געבוירן אָן פאַרנומען מיט מסחר.

צי האָט דער אַדוואָקאַט טאַקע איינגעזען, אַז ער איז גערעכט, אָדער ער האָט בכיוון געוואָלט פאַרהערן די באַרימעריי. ער האָט געזאָגט:

— מיין פריוואַטער פאָרשלאַג איז אַזאַ: צום בעסטן פאַר אייך אַלעמען וועט זיין, אַז דאָס געשעפט וועט גיין ווייטער, איר זאָלט עס אָנפירן, אָבער אייערע שוועסטער זאָלן זיין שותפים. איר זענט דערויף מסכים?

— ניין. — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— אָבער איר וועט עס דאָך אָנפירן! איר ווילט נישט איינגיין צו זיין דער שעף ווי פריער?

— ניין. — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— הם, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט — איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז בפירוש מיינער און נישט קיינעמס. עס איז אפשר מעגלעך, אַז מיין פאָרשלאַג וועט נישט אָנערקענט ווערן נישט פון אייער פאָטער און אויך נישט פון אייערע שוועסטער. די דאָזיקע מעגלעכקייט קאָן שוין נישט פאַרקומען. אויב איר אַליין וואַרפט אים אָפּ, הם! און וואָס פאַר אַ פאָרשלאַג האָט איר, כדי דורכצוקומען?

טעאָדאָר האָט געענטפערט:

— איך האָב בכלל נישט קיין שום פאָרשלאַגן, איר און יענע ווילט מיך אַרויסוואַרפן, און איך זאָג: אדרבה.

— גוט, טאָ זאָל עס בלייבן אַזוי. דאָס געשעפט וועט ווייטער גיין, ווי פריער, נאַטירלעך, אונטער אַ קאָנטראָל.

— אַ קאָנטראָל?

— פון אייערע עלטערן און פון אייערע שוועסטער. אָדער פון מיר, אַלס באַפולמעכטיקטן.

דאָ האָט זיך טעאָדאָר צעלאַכט חוצפהדיק אויפן קול און געזאָגט:

— אויב איר קומט, כדי צו קאָנטראָלירן מיין מסחר, וועט איר

זיבער געפינען די טיר פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט מיטן וואַטס זיגל, ביז מ'וועט מיר אויסצאָלן. דאָס איז אייער כּוונה?

— ניין, איך וויל נאָר, עס זאָל זיין צום בעסטן פאַר אַלעמען, יונגערמאַן. גיט זיך נישט אונטער דער פאַרביטערונג, איר וועט ווערן אויסגעצאָלט. די זעגלפּאַסער ליי־און שפּאָר־קאַסע וועט זען ווי וויט מעגלעך צו העלפן, דאָס געשעפט איז גענוג קרעדיט־פעיק.

— דאָס איז אויסגעצייכנט! - האָט טעאָדאָר אויסגערופן. — זאָל נאָר אייער באַנק צוהעלפן, בעסער היינט, איידער מאָרגן!

ווען דער אַדוואָקאַט איז מיט ליידיקן אַוועק, איז אין געוועלב אַריינגעקומען פלאָרינאַ און געזאָגט, אַז זי קאָן שוין לענגער נישט וואַרטן. אָבער טעאָדאָר איז געווען געשטימט זיך צו קריגן און ער האָט איר אויסגעזאָגט:

— דאָס געלט וועט זיין, ווען דאָס קינד וועט זיין.

— וואָס? פריער נישט?

— ניין.

אַ קורצער ישוב. פלאָרינאַס אויגן זענען כמעט געשלאָסן.

— אויב אַזוי, שרייב איך אַוועק צו זיין געליבטער און איך דערצייל איר אַלץ, זי הייסט רות, איך ווייס.

— יאָ, פּרווו עס נאָר טון, פלאָרינאַ! דעמאָלט וועט דיר דער דאָקטאָר אונטערזוכן, און דו וועסט באַלד אַרעסטירט ווערן, פּרווו עס נאָר טון.

פלאָרינאַ האָט געלאַכט.

— איך וועל אַרעסטירט ווערן! וואָס טוט זיך עס, איר זענט דאָך אַ ביסל צעדרייט, זאָל זיך עס נעמען דערפון, וואָס איר מוזט אַרויס פון געשעפט?

טעאָדאָר האָט אין דעם דאָזיקן מאָמענט פאַרגעסן דעם גוטן קונה, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, און ער איז ווידער געוואָרן גראָב:

— דו זע נאָר, דו זאָלסט אַרויס מיט גאַנצע ביינער, און טראַכט בעסער וועגן זיך און נישט וועגן מיר, וואָרן עס קאָן דיך כאַפּן דער טייוול. דו האָסט געהאַט שוין צייַן־וויטיק, נאָך איידער דידריקסען איז געקומען אויף דער רייזע, אויף דעם זענען דאָ גענוג עדות, די מאַכט וועט זיך דערפון דערוויסן, דעמאָלט וועט אויך

קלאָר ווערן, פאַרוואָס דער אדוואָקאַט האָט דיר געשענקט אַ ביכל פון דער שפּאַר־קאַסע.

דער דאָזיקער מאָן לגבי אַ גוטן קונד! עס איז געווען קלאָר, אַז טעאָדאָר האָט געקעמפט נישט בלויז פאַר רעכט און גערעכטיקייט, ער האָט געקעמפט, משמעות, פאַר די גרויסע באַנקנאָטן, וואָס האָבן אין דער רגע אָנגעפולט זיין פאָרטפעל און ער איז געווען זייער באַלעבאָס. פלאָרינאַ האָט בעת זיין כעס געמאַכט אַ מאָדנע מינע, מסתמא דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ פרוי און האָט, הייסט עס, געהערט צום ווייכהאַרציקן און שוואַכן מין. די אויגן זענען איר פול געוואָרן מיט טרערן, און זי האָט געזאָגט:

— איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז איר קאָנט זיין אַזוי נבזהדיק.

— אויב דו וועסט נאָך איין איינציק מאָל עפענען דיין מויל, וועסטו זען, וואָס ס'וועט זיין! — האָט טעאָדאָר געשריגן און אויסגענוצט זיין מאַכט. — איך וויל מער קיין וואָרט נישט הערן דערפון.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעשנייצט די נאָז, באַנוצנדיק זיך דערצו מיט אַ זיידן טאַשנטיכל, וואָס ער האָט באַלד דערנאָך אַריינגעשטעקט אין בוזים־קעשענע, אָבער אויף אַזאַן אופן, אַז אַ גרויסער שפּיץ האָט אַרויסגעשטעקט.

— נו יאָ, דער הער אדוואָקאַט וועט מיר שוין העלפן. — האָט געזאָגט פלאָרינאַ און זיך אויסגעווישט די טרערן.

— דער הער אדוואָקאַט? דעם בעסטן דאַנק אייך! דער הער אדוואָקאַט קאָן זיך אין דער זאַך אליין נישט העלפן.

— זייט נאָר נישט ביי זיך אַזוי זיכער! — האָט פלאָרינאַ געזאָגט.

און נאָך דער דאָזיקער סצענע האָט דער קרעמער טעאָדאָר באַקומען ערשט די ריכטיקע שטימונג, צו גיין אין זעגלפאָסער גוט און צו דאַנקען הער ווילאַץ האָלמסען פאַר דער טובה. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם אָפּמאַך. ער האָט, אגב, מיט זיך מיטגעבראַכט דאָס געלט, די צוויי הונדערט קראָן; עס וואָלט געווען פשוט אַן עבירה, צו שטיצן אַזאַ מענטשן, ווי קאָנראַד, וואָס האָט עס פשוט נישט פאַרדינט.

דער יונגער ווילאַץ האָט אַ ביסל געקנייטשט דעם שטערן.

אגב, איז ביי אים אין ציטער געזעסן אַ פרעמדער מענטש, אַזוי אַז ווילאַק האָט נישט געקאָנט טון קיין אַנדערע זאַך, ווי קוקן דעם שטערן, בעת מ'האָט נישט געפאָלגט זיינע באַפעלן.

— איר האָט נישט געלייענט מיין ווונטש בנוגע די צוויי הונדערט קראָן? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, — האָט טעאָדאָר מיט פאַרדרוס געענטפערט — און אויב דאָס איז אייער ווונטש...

— יאָ, דאָס איז מיין ווונטש.

דער פרעמדער מאַן איז געווען ווילאַקס האָלמסענס אַ פריינד. ער האָט געהייסן אַנטאָן קאָלדעוויין, משמעות, אויך אַ חשובער הער. אָבער ער איז דאָ געזעסן און גאַווהדיק באַטראַכט טעאָדאָרן, און דאָס איז נאָך געווען ערגער, ווי ווילאַקס באַפעלנדיקער טאָן.

— איך האָב געטראַכט — ווייל איך קאָן דאָ די מענטשן אַסאַך בעסער — אָבער נאַטירלעך! פאַרבלייבט געזונט, און איך דאַנק אייך זייער, וואָס איר האָט מיר פאַרקויפט דעם בוי-פּלאַץ, מ'וועט שוין אויף אים אַרבעטן. ניין, איך בעט אייך, באַמיט זיך נישט, איך קאָן גיין דורך דאַנען.

טעאָדאָר איז אַראָפּ דורך די הינטער-טרעפּ, דורך וועלכע ער איז אַרויפגעקומען.

XI

די ביידע פריינד זענען ווידער געבליבן אַליין.

— דו האָסט זיך נישט געגעבן קיין גרויס מי, אַרויסצופירן אים דורך די פראָנט-טרעפּ. — האָט אַנטאָן קאָלדעווין מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— דאָס איז דער היגער קרעמער, משמעות — אַ טיכטיקער מענטש. האָט ווילאַק געענטפערט. — ער האָט טאַקע ביי מיר אָפּגעקויפט אַ קליינעם בוי-פּלאַץ.

— און איר זענט נישט דורכגעקומען בנוגע דעם פּרייז?

— ניין, איך האָב אים שוין מיין באַשלוס געזאָגט.

ווילאַק איז מסתמא אַליין נישט געווען צופרידן מיט זיך, דעריבער האָט ער מער גאָרנישט געזאָגט, וואָס איז דאָס געווען

פאַר אַן איינפאַל, צו שטיצן אַזאַ מין געזינדל, קענן דער אייגענער בעסערער איבערצייגונג? אָבער נאַטירלעך האָט ער געמוזט האַלטן וואָרט, אפילו אויב ער האָט אָפּגעטון אַ גרויס נאַרישקייט.

וואָס האָט ווילדאַק אייגנטלעך אויפגעטון? קאָנראַד האָט זיך אַרומגעשלעפּט, ער האָט געוויס געלעבט אין דחקות. ווילדאַק האָט אים געהאַט איינמאָל אין אָוונט געזען, בעת ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די קלעפּ־פּיש־בערג מיטן קעסעלע אין דער האַנט, שפּעטער האָט ער אים שוין מער נישט געזען. די פּיש זענען געווען געטריקנט, און קאָנראַד — אַרבעטסלאָז. ווילדאַק האָט זיך מסתמא גאַנץ ריכטיק געטראַכט:

— וואָס גייט ער מיך אָן?

ער האָט געהאַט אַ חבר, מיטן נאָמען אַסלאַק, וועלכן ווילדאַק האָט געגעבן אַרבעט, אָבער קאָנראַד האָט קיין אַרבעט נישט געפונען. נו, גוט, האָט ער טאַקע גאָרנישט פאַ־דינט. אָבער דעמאָלט האָט דער מאַן זיך ווידער באַוויזן אויפן וועג, און ווילדאַק האָט אים באַגעגנט; דאָס איז געשען צופעליק עטלעכע מאָל, און יענער האָט פאַר יעדעס מאָל הכנעהדיק געגריסט. קאָנראַד האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל אין געגריסט. ווילדאַק האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע גרויע אויגן און דעמאָלט געטון מיטן קבצן דאָס, וואָס איז אים איינגעפאַלן, — דאָס זעלבע, וואָס עס וואָלט, איבעריקנס, געטון זיין טאַטע און זיין זיידע: ער האָט אים געשענקט צוויי הונדערט קראָן, צו צען קראָן פאַר אַ מאָל.

אָבער דער דאָזיקער שלעפּער וואָלט נאָך אויך געקאָנט קומען, אויסציען די האַנט און דאַנקען — דאָך האָט אים נאָך געקאָנט איינפאַלן!

— אַ בוי־פּלאַץ? — האָט אַנטאָן געזאָגט. — ווי וואָלט געווען, ווען איך זאָל, אַ שטייגער, אויך קויפן ביי דיר אַ בוי־פּלאַץ און זיך דאָ באַזעצן?

— דעמאָלט וואָלסטו נישט געקאָנט ווערן קיין קאָנסול, ווי דיין טאַטע.

— ווער קאָן דען ווערן אַזוי ווי זיין טאַטע? אפשר ליידסטו אין דעם פּרט פון איינרעדעניש? — האָט ער געפרעגט.

וואָס פאַר אַ טאָן! פריינד מעגן זיך זיין זייער נאָנטע פריינד, זיי קאָנען שפּאַסן, זיי קאָנען אין אַ געלעכטער אפילו זיך אויסקראַצן די אויגן. די צוויי זענען געבליבן אין די באַציונגען פון אַ באַלעבאָס

מיט אַ גאַסט. שוין פון ערשטן טאָג אָן איז דער טאָן געווען אַזאַ און מ'איז געוואָרן אַלץ פרייער, דאָס איז געגאַנגען וואָס אַמאָל ווייטער און ווייטער, ביז עס איז דערגאַנגען צו אַ דערשטוינלעכער און גרויסאַרטיקער פריינדשאַפטלעכער גראָבקייט; דער גאַסט האָט כסדר מיטגעשלעפּט דעם באַלעבאָס.

פּוילינע איז אַריין מיט קאַווע. עס איז נישט שווער צו זען, ווּהין עס פאַלן פּוילינעס בליקן, און דעם פרעמדן, יונגן הער ענטפערט זי נישט קיין איין מאָל, הגם ער פּרוּווט מיט איר גאַנץ לעבעדיק שמועסן.

— איצט בין איך דאָך שוין דאָ אַ גאַנצע וואָך, און עס איז צייט, דו זאָלסט מיר אויך שענקען אַמאָל אַ בליק, פּוילינע. — האָט ער געזאָגט.

און ווען פּוילינע איז אַרויס, האָט ער געפּלוידערט ווייטער:

— וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע אויגן דאָס מיידל האָט!

אַרום און אַרום איז אַנטאָן קאָלדעווין געווען אַ לוסטיקער יונגערמאַן, פריש און פריילעך און מיט אַן עטוואָס נישט איידעלער דרייסטקייט, ער איז דערצויגן געוואָרן סוחריש אין סען-ציר און האָט פאַרשטאַנען זיינע עסקים. דערנאָך איז ער אַריינגעטראָטן אין זיין טאַטנס געשעפט און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טיכטיקן מענטשן. דער טאַטע האָט איצט געקאָנט אָן שום דאגות שוינען אַביסל זיינע קרעפטן און זיך אַ ביסל אָפּרוען.

אַנטאָן און ווילאַץ האָבן זיך, זינט זייערע שול-יאָרן, בעת זיי האָבן דאָ, אין זעגלפּאָס, צוזאַמען פאַרבראַכט זייערע פעריען, נישט קיין סאַך מאָל געזען. איינער איז דעמאָלט געקומען פון פראַנקרייך, דער אַנדערער פון ענגלאַנד. זיי זענען געווען אין איין עלטער, פון גלייכן יחוס,ביידע גוטע ייִנגלעך, אָבער דאָך פאַרשידן. זיי האָבן דורך בריוו אויפגעהאַלטן זייער פריינדשאַפט, און ווען ווילאַץ איז איצט אין פרילינג געפאָרן אַהיים, האָט ער פאַרבעטן זיין פריינד צו זיך. אַנטאָן האָט געענטפערט, אַז ער וועט קומען — און פרוּוון צונעמען ביי אים דעם גאָלדענעם פיש.

— דעם גאָלדענעם פיש?

זיין טאָן האָט שוין דעמאָלט געקלונגען אַביסל גרינגשעצנדיק, און ווילאַצן האָט שוין אַליין פאַרדראָסן אויף זיך, וואָס ער האָט

איינגעלאַדן זיין פריינד. „גאָלדענער פיש״ איז געווען דער נאָמען פון דעם נייען אייזערנעם שיפל פון דער פירמע קאָלדעווין. דאָס האָט געקאָנט פאַסן דאָרטן, אָבער נישט דאָ; אַלס דערוואַקסענער, האָט שוין אַנטאָן פאַרביילויפנדיק געזען עטלעכע מאָל דאָס פריילין האָלמענגראַא אין כריסטיאַניאַ. זאָל ער טאַקע אַזוי געשעפט־מעסיק טראַכטן וועגן איר געלט?

— מ׳נעמט זי נישט, מ׳באַקומט זי. — האָט ווילאַק געענטפערט.

— איך ווייס נישט פון אַזאַ, וואָס מ׳זאָל זי נישט קאָנען נעמען. — האָט אַנטאָן צוריק געענטפערט.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַזביידע פריינד האָבן זיך שטאַרק אונטערגעשיידט צווישן זיך, ביי זייער גאַנצער פריינדשאַפט זענען באַלד פאָרגעקומען צווישן זיי רייבונגען, און ס׳איז געווען אַ גליק, וואָס אַנטאָן איז באַפרייט געוואָרן פון זיין געשעפט העבסטנס אויף פערצן טעג. אָבער אין משך פון דער קורצער צייט, וואָס איז זיי געבליבן, האָבן זיך די פריינד אָריינגעזאָגט איינער דעם אַנדערן אַסך גראָבקייטן.

אין אָנהויב איז אַנטאָן ביים הער האָלמענגראַא אין שטוב געווען שטיל און אָרנטלעך, און אפילו אויף אַזוי ווייט צוריקגעהאַלטן, אַז פריילין האָלמענגראַא האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אים צו קומען צו הילף און צו דערמאָנען אים, אַז זיי זענען אַלטע גוטע פריינד. דאָס האָט גלייך געווירקט.

— איר באַטראַכט מיינע פינגערלעך? וואָס קלערט איר וועגן זיי? — האָט זי מונטער געפרעגט.

— ער טראַכט מסתמא, וואָס זיי קאָנען קאָסטן. — האָט ווילאַק אַ טראַכט געטון אין האַרצן.

— איך באַטראַכט אייער האַנט. — האָט אַנטאָן געזאָגט.

— וואָס ווילט איר אַזוינס זען אויף מיין האַנט, צי איך בין פאַרקנסט?

— אָהאָ, איר מיינט מסתמא, ווי אָפט פאַרקנסט?

— ניין, פע!

— יאָ, אָט האָסטו אים! — האָט ווילאַק געזאָגט. — איך האָב דיר אַ פיינעם גאַסט פאַרבעטן אין שטוב אריין.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. אַנטאָן אַביסל געצוווּנגען.

— איך צערייס זיך נישט, כּדי צו זיין פיין, — האָט ער געזאָגט — אָדער צו זיין אַ געבוירענער, — האָט ער געזאָגט — אָדער צו זיין ענגליש, איך בין אַ פראַנצויז, איך בין נאַטירלעך.

— איך בין אַ נאָרוועגערין, — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— דערפאַר האָבן מיר אייך ליב, פריילין.

תחילת האָט ווילאַץ זיך באַמיט צו פאַרגלעטיקן, ווי ווייט מעגלעך, אַנטאַנס ווערטער, ער האָט געקענט אַנטאָנען און האָט געוווּסט, וואָס מ'קאָן זיך פון אים ריכטן. אָבער ווילאַץ האָט עס באַלד אויפגעגעבן. עס איז געווען אַנטאַנס עסק, אויב ער איז אַוועק צו ווייט.

— איר האָט זיך איצט ביידע אַזוי פיין פונאַנדערגערעדט, אַז איך קאָן שוין גיין, — האָט ער געזאָגט.

מ'האָט זיך ווידער צעלאַכט, אָבער מאַריאַנע האָט זיך אומצופרידן אָנגערופן:

— די פּאַרטיטור, די דאָזיקע אייביקע פּאַרטיטור.

— ווילאַץ איז אַ וווּנדער־קינד. — האָט אַנטאָן דערקלערט. — ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ מזלדיקער שעה און האָט שוין כּמעט דעמאָלט געשפּילט קלאַוויר. אָבער מיט אים קומט פאָר, ווי מיט אַלע וווּנדער־קינדער, ווען דאָס קינד וואַקסט אויס, גייט דער וווּנדער אַוועק. נישט אמת, ווילאַץ?

דאָס איז שוין געווען כּמעט אַביסל צו פיל. מאַריאַנע האָט טיף אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו איר שויס, און ווילאַץ האָט געענטפערט:

— אָהאָ, ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז דו ביסט גערעכט, דערווייל אַ גוטן! זייט אָרנטלעכע קינדער.

אָבער ס'האָט נישט געדויערט לאַנג, און אַנטאָן האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט בעסער געדאַרפט אַוועקגיין מיט ווילאַצן. מאַריאַנע האָט אים נאָכגעקוקט דורכן פענסטער, און איר גאַנצע מונטערקייט איז אַוועק, עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס אַנטאָן איז אויף זיין אופן געווען זייער ליבנסווירדיק, געזאָגט אַסאַך ווילע זאַכן און געטענהט, אַז ער איז געקומען אויסשליסלעך, כּדי זי ווידער צו זען. מאַריאַנע האָט געענטפערט:

— ס'קאָן נישט זיין! זענט איר באמת צוליב דעם געקומען?

— אוודאי, איך האָב שוין מיט צען צוועלף יאָר געפּרוווט צו מאַכן אויף אייך אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק.

אַנטאָן האָט טאָג־טעגלעך באַזוכט הער האָלמענגראָאס שטוב און האָט אַריינגעבראַכט אַהין זיין פרישע יוגנט און זיין רירעוודיקייט, ער האָט באַלד באַמערקט, אַז ווילּאַק שטייט אים אין וועג, דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט מער נישט פאַרמאָגט, ווי אַ נחלה און זיין מוזיקאַלישן טאַלענט. ער אַליין ווידער האָט געהאַט אַ געשעפט, דאָס איז דאָך אַלץ געווען שטותעריי, עס איז דאָך פון ווילּאַצן גאָרנישט אַרויסגעקומען. פאַרוואָס־זשע זאָל מען אים האַלטן העכער? איז עס דען ערגעץ געשטאַנען געשריבן, אַז אַזוי מוז זיין? איינמאָל האָט מאַריאַנע אַראָפּגענומען אַ פעדערל פון זיין אַקסל, בעת זיי האָבן אַלע געשמועסט, און ס׳האָט אויסגעזען, ווי דאָס פעדערל וואָלט געלעגן אויף איר אייגענעם אַקסל, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט זי עס אַראָפּגענומען.

מיר זענען מוחל דעם, וואָס שטייט העכער פון אונז, יאָ, דעם וועגן מיר מוחל. אָבער מיר זענען נישט מוחל דעם, וואָס איז אונזערס גלייכן, בעת מ׳האַלט אים העכער פון אונז. אַנטאָן איז געווינט געווען אומעטום זיך דורכצושלאָגן, דאָ איז ער געשטאַנען פאַר אַ וואַנט. קיין זאַך האָט דאָ נישט געהאָלפן. ער איז געווען אין די בעסטע באַציונגען מיטן באַלעבאָס, מיטן הער האָלמענגראָאַ; זיי האָבן מיט אינטערעס געשמועסט צווישן זיך, וועגן דער מלחמה אויפן מערב, וועגן דער שיף־רייזע קיין דרום און צענטראַל־אַמעריקע, וועגן שיף־אָפּצאָל, און דערביי איז ווילּאַק געזעסן, פּראַקטיש גערעדט, ווי אַ גאָרנישט, און זיך צוגעהערט. און אויב ער איז געווען אַ נול, האָט עס אים דאָך געדאַרפט שאָדן ברענגען, דאָס האָט דאָך געדאַרפט פאַרקלענערן זיינע אויסזיכטן — הויבט זיך גאָרנישט אָן. עס איז גאָר נישט צו באַגר יפן! און הער האָלמענגראָאַ פלעגט דאָך מיט אָנערקענונג זאָגן נאָך זייער שמועס:

— איר וועט מסתמא מאַכן זייער גוט אין דרום אַמעריקע, הער קאָלדעווין, אויב איר האָט הצלחה!

אַנטאָן האָט געענטפערט:

— די שיף וועט שוין ברענגען גליק, זי הייסט „דער גאָלדענער פיש”.

אזוי איז אַריבער די ערשטע וואָך.

און אָט זיצן דאָ די ביידע פריינד, און זייער פריינדשאַפט איז אַבּיסל אָפּגעקילט געוואָרן, אַנטאָן חזרט איבער, אַז פּוילינע האָט וווּנדערבאַרע אויגן, אָבער ער גיט באַלד צו, אַז דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס זי פאַרמאָגט.

— דו קלערסט אויך וועגן איר נדן ? — האָט ווילאַק בייסנדיק געפרעגט.

— זי קאָן פירן די באַלעבאַטישקייט ? — האָט אים אַנטאָן געענטפערט. — מיר פירן אין דער היים אַ שטיקל לאַנדווירטשאַפט. מיר האָבן קי און אַ סעפּאַראַטאָר. עס איז די גרעסטע קאָמעדיע : אין אָוונט, ווען דאָס מיידל האָט צייט, סעפּאַרירט זי אַזוי לאַנג, ביז זי שלאָפט איין, אָבער צומאָרגנס, בעת די אַרבעט יאָגט, דרייט זי זיך אַרום, ווי משוגע, כּדי פאַרטיק צו ווערן. איך וויל וויסן, צי פּוילינע קאָן אויך אַזוי אומגעפער טון.

— ניין. — האָט ווילאַק געזאָגט.

אַנטאָן האָט אים אָנגעקוקט און געשמייכלט.

— זיי מוחל, וואָס איך לאַך, ווייל באַשטימטע זאַכן טוסטו פּונקט אַזוי, ווי דיין טאַטע, דו קרימסט אים נאָך.

ווילאַק האָט זיך געגרייט אַוועקצוגיין. אַנטאָן איז געוועזן פאַרחידושט, ווי אַזוי אַ באַלעבאָס קאָן זיך אַזוי שטרענג באַציען צו זיין הויף-געשטעלטן גאַסט און לאָזן אים אַליין. וואָס זאָל ער דערמאָלט טון, דער גאַסט ?

— ווען דו זאָלסט איצט, למשל, ווידער אַריבערגיין צום הער האָלמענגראַאַ — האָט ווילאַק געזאָגט — וואָלסטו מיר איינגעשפּאָרט צו זיצן דאָ און צו הערן דיינע גראָבע רייד.

— מסתּמא איז עס די פאַרטיטור ?

— יאָ, די פאַרטיטור.

— די דאָזיקע אייביקע פאַרטיטור, ווי פרייליין מאַריאַנע האָט געזאָגט. ניין, איך גיי נישט צום הער האָלמענגראַאַ. דו גיסט מיר אַזאַ ברייטהאַרציקע אָנווייזונג אויף הער האָלמענגראַאַס הויז, פאַרוואָס ? ווייל איך בין אינגאַנצן אומשעדלעך ?

— אינגאַנצן אומשעדלעך ביסטו נישט, דו ברענגסט זיך אַליין אַ שאָדן.

אזוי מיינסטו. דו ווייסט וואָס ? דעם לעצטן טראָפּן ליקער וועל איך מיט דיר צוזאַמען נישט אויסטרינקען, איך וועל אים אויסטרינקען אַליין.

— שעם זיך ! איך בין דאָך דיין באַלעבאָס.

— ניין, איך וויל איצטער נישט גיין צום הער האָלמענגראַא, — האָט אַנטאָן געזאָגט — דאָס וועל איך טון שפּעטער, אָבער פריער מוז איך גיין ערגעץ אַנדערש. ווי הייסט דער יונגערמאַן, וואָס איז דאָ געוועזן ?

— דו מיינסט טעאָדאָרן ? טעאָדאָר יענסען, דעם קרעמער יענסען ?

— גוט, איך האָב זיך מיישב געווען, און עס קרענקט מיך ווייער, וואָס דו האָסט אים באַהאַנדלט פון אויבן אַראָפּ, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער דיר געטון ?

— גאָרנישט.

— דער דאָזיקער יונגערמאַן איז אַ סוחר, אַ געשעפט-מאַן אויף זיין שטייגער, אַ מין קאָלעגע מיינער, נאַטירלעך, אין אַ קלענערן און אַ באַגרענעצטערן מאַסשטאַב. איך פיל זיך באַליידיקט אין זיין נאָמען, דו האָסט אים נישט אַרויסבאַגלייט.

— ניין.

— פאַרוואָס נישט ?

— ווייל איך האָב אים דאָ נישט געוואָלט האָבן.

— דו האָסט אים אַליין אָנגערופן : אַ טיכטיקער בחור, נאַטירלעך, איז ער אַסאַך מערער ווערט פון דיר, אַ יונגערמאַן, וואָס פאַרשטייט עפּעס. דו ביסט דאָך גאָרנישט.

— מיין מאַנגל אין סוחרישער בילדונג לאָזט מיר נישט ענטפערן. — האָט ווילאַץ געזאָגט. — גאָרנישט ! וואָס פאַר אַן אומזין, עס קלינגט מערקווירדיק, אָבער אַפילו די מינדסטע קלייניקייט איז דאָך נאָך עפּעס, נעם למשל דעם סוחר, דעם מעקלער ! ער קויפט, אָבער נישט, כּדי די זאַכן אַליין צו געברויכן, נאָר כּדי די זאַכן ווייטער צו פאַרקויפן מיט ריוח. זאָלן נאָר אַלע מענטשן קויפן דאָס, וואָס זיי דאַרפן פאַרן אייגענעם געברויך, און דער פאַרמיטלונגס-מסחר וועט אונטערגיין. אַזוי גרינג איז אים אויסצולעשן. דו און טעאָדאָר יענסען, איר האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. איר זענט אָט דער דאָזיקער גאָרנישט, וועגן וועלכן דו רעדסט. אָבער פונדעסטוועגן זענט איר

דאָך אַלץ עפּעס, איר זענט למשל באַשאָנקען מיט דער איינגעשאַפּט צו האַלטן איינעם אין אייער שטוב, און דעם צווייטן אויסער אייער שטוב.

— איך גיי צו אים מיט אַ וויזיט. — האָט אַנטאָן געזאָגט. — זיי מוחל, וואָס איך ענטפער דיר נישט קיין וואָרט אויף דיין גאַנצער פילאָזאָפישע פּלוידעריי. האָסטו דען נישט אַליין געזאָגט, אַז דו ביסט באַשאָנקען מיט דער מעלה, אַרויסצוּוואַרפן פון דיין שטוב דעם, וואָס דו ווילסט נישט האָבן? גילט עס דען נישט פאַר אַלעמען גלייך?

— פּלוידעריי!

— אויב עס איז חל אויף מיין קאָלעגע יענסען, איז עס חל אויף מיר אויך.

— דו ווילסט מיר געבן אַ געלעגנהייט זיך צו קריגן? דאָס ביסטו אויסן? — האָט ווילאַץ זייער שטיל געפרעגט.

— ס'איז מיר אַלץ איינס, וואָס דו וועסט טון, — האָט אַנטאָן אָפּגעענטפערט. — קום מיט, וועלן מיר גיין אַ שטיקל צייט צוזאַמען. איך גיי צו מיין קאָלעגע יענסען. רעד דיר נאָר נישט איין, אַז איך האָב זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

און אַנטאָן קאָלדעווין איז באמת אַוועק אין געוועלב; ער האָט זיך איינגעקויפט טאַבאַק און געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט טעאָדאָרן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס געשעפט האַלט ביים צעטיילט ווערן און אַז צוויי שוועסטער צוזאַמען מיט אַן אַדוואָקאַט ווילן דאָ פירן מסחר, בעת טעאָדאָר אַליין האָט בדעה צו עפענען אַ געשעפט אין שכנות. אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט און אַ זעלבסטמאָרד, נאָר מען קאָן עס נישט ענדערן. אַנטאָן איז געווען צו טעאָדאָרן זייער פריינדלעך, און טעאָדאָר האָט אויף זיין שטייגער שיר נישט געפּלאַצט פון שטאָלץ.

ער האָט געוואָלט איינאָרדענען אַ האַרבסט-פייערונג, האָט ער געזאָגט, אַן אויספלוג מיט מוזיק און פאַרוויילונגען אויף זיין דוינען-פּלאַץ.

— איר האָט אַן אייגענעם דוינען-פּלאַץ?

— אָך, יאָ, מ'האָט דאָס און יענץ, אַ שיף מיט קלעפּפּיש, אַ דוינען-פּלאַץ, די גענעראַל-אַגענטור פון „גושן", פּוטער, טעאַטער...

— גיט נאָר אַ קוק! אַ דוינען-פּלאַץ, מיט איידער-פייגעל, מיט איידער-דוינען?

מעאדאר האט צוגעשטימט.

— פיין, פרימא סחורה. קיין עין הרע א הייזל אויפן אינזל. און צי קאן ער האפן, אז אזא חשובער הער, ווי הער קאלדעווין וועט אויך קומען אויף דער פייערונג.

א דאנק, יא, דאס איז נישט אויסגעשלאסן. א פייערונג אויף א דווינעך-אינזל, דאס איז אין א געוויסער מאס, אזוי ווי דימענטן, ארייגעבראקט אין עסן. ווען וועט די פייערונג פארקומען?

גאר בקרוב, עס קאן דאך נישט פארקומען פריער, ווי אין הארבסט, ווען די פייגל וועלן אוועקפליען פון אינזל.

— איך וועל זען, צי פריילין האלמענגראא וועט זיך באטייליקן אין דער פייערונג.

איבעריקנס, האט אנטאן באזוכט זיין קאלעגע מעאדאר נישט בלויז צוליב אים אליין, נאר אויך צוליב זיין שוועסטער, וואס איז געווען די באלעבאסטע ביים קאנסול קאלדעווין אין מערב-לאנד.

אנטאן האט דאך פשוט צוליב העפלעכקייט געמוזט באגריסן אירע קרובים, ער האט עס אבער געטאבט אן שום קונצן.

— איך קאן אייך אפגעבן א גרוס פון אייער שוועסטער. — האט ער געזאגט.

— א דאנק. — האט מעאדאר געענטפערט. — זי וועט מסתמא בקרוב קומען אהער, ווייל זי געהערט אויך צו די, וואס ווילן מיך ארויסוואַרפן.

דערנאך איז אנטאן אוועק צום הער האלמענגראא און געטראפן דארטן ווילאצן. הייסט עס, אז ווילאַץ איז אוועקגעגאנגען אהער, אנשטאט צו גיין צו זיך, צו זיין פארטיטור! אזא שלעפער, צו אלדי רוחות! אנטאן האט נישט געוואלט מאכן מיט אים קיין שהיות און אפפארן פאר דער צייט. ווילאַץ וואלט אים נאך געקאנט מיט א פאר ווערטער אפהאלטן, אבער ניין, ער האט גארנישט גערעדט. ער וואלט געקאנט זאגן — וואס איז, אייגנטלעך, געווען אמת — אז ער האט געפרואווט ארבעטן, נאר ס'איז אים נישט געגאנגען, נאר כדי זיך אביסל אפצופרישן, האט ער געזוכט מענטשן. ער האט אבער גאר נישט געזאגט. דאס דאזיקע שווייגן איז אויך געווען אן ענגלישע עובדה. אנטאן האט פיינט געהאט די דאזיקע ענגלישע קונצן.

— איך האב באזוכט דעם סוחר יענסן, — האט ער געזאגט. —

ער האָט מיך איינגעלאַדן צו דער האַרבסט-פייערונג אויפן אינזל. דאָס וועט געוויס זיין זייער אינטערעסאַנט. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען. איך וועל דאָ ספּעציעל קומען, כּדי ביי צו זיין די פייערונג.

— גוט, ווּעסטו דאָך ווידער קומען צו אונז, — וואָלט דאָך ווילאַק געקאָנט זאָגן.

— נעמט מיך אויך מיט אויף דער פייערונג. — וואָלט פריילין האָלמענגראַס געקאָנט זאָגן.

זיי האָבן אָבער ביידע געשוויגן.

— דער אדוואָקאַט וויל אויך איינאָרדענען אַ האַרבסט-פייערונג, — האָט זיך פריילין האָלמענגראַס לסוף אָנגערופן — ווּעסט קומען, ווילאַק?

— ער וועט מיך איינלאַדן?

זיי שווייגן.

— עס זעט אויס, ווי מ'וואָלט דיך געדאַרפט איינלאַדן, נאָר כּדי דו זאָלסט זיך קאָנען אָפּזאָגן. — האָט מאַריאַנע פלוצלינג געזאָגט.

אַנטאָן האָט זיי ביידן פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. זיי האָבן, הייסט עס, נישט געלעבט בשלום, זיי האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך.

אַנטאָן האָט זיי ביידן נישט מקנא געווען, אָבער ער האָט מער נישט געוואָלט הערן.

— זייט מיר מוחל, פריילין מאַריאַנע, איך האָב אייגנטלעך געוואָלט רעדן עפּעס מיט אייער טאַטן. — האָט ער געזאָגט. — ווי רעכנט איר, ער וועט האָבן פאַר מיר עטלעכע מינוט צייט?

— וואַרט דאָ אונטער אַביסל, ער וועט מסתּמא באַלד קומען. — האָט ווילאַק געזאָגט און זיך געגרייט אַוועקצוגיין.

— מיין טאַטע איז אין מיל. — האָט מאַריאַנע געזאָגט. — איך ווייס נישט, ווען ער וועט קומען אַהיים. מיר וואָלטן זיך געקאָנט צוזאַמען איבערשפּאַצירן אַהין, אפשר וועלן מיר אים טרעפן אויפן וועג.

אַזוי האָבן זיי געטון, ווילאַק נישט זייער גערן. ער האָט פריער אַ קוק געטון אויפן זייגער.

זיי זענען אַרויס אויפן גרויסן וועג, וואָס האָט פאַרבונדן די מיל מיטן ברעג, און דאָ איז געשטאַנען אַ מענטש און געוואַרט. דאָס איז געווען קאָנראַד. ער האָט זיי באַגריסט, און האָט געמאַכט אַ באַוועגונג עפּעס צו זאָגן. אַנטאָן איז געבליבן שטיין, די איבעריקע זענען געגאַנגען ווייטער.

— צוואָס האָסטו עס געזאָגט ? — האָט וויללאַץ מיט אַ שמייכל געפרעגט. — ער האָט געמוזט האָבן דעם איינדרוק, אַז מיר קריגן זיך אַרום.

מאַריאַנעס אויגן זענען געוואָרן לאַנג און שמאָל און זענען במעט פאַרשווונדן געוואָרן.

— אויב ער האָט אפילו געהאַט אַזאַ איינדרוק, וואָס מאַכט עס אויס ? — האָט זי געזאָגט.

דערנאָך איז זי אַריבער צו עפּעס אַנדערש :

— עס מאַכן זיך ווידער סכסוכים מיט די אַרבעטער.

— שוין ווידער ?

— איך ווייס נישט געניי די סיבה. אויף וויפיל איך פאַרשטיי, איז עס עפּעס אַ שיין, צוליב וועלכן מ'האָט זיך געקריגט, עפּעס אַ פּאַפּיר-שיין פאַרן געוועלב. זיי פלעגן דאָרטן נעמען סחורה און דעם רעכענונג פלעגט צאָלן די מיל. איצט האָט דער טאַטע איינגעפירט, אַז נאָר דער מיל זאָל מען נישט אַרויסגעבן קיין שום סחורות, סיידן אויף אַ צעטל פונם מייסטער אָדער פון דעם אויפזעער. דעם דאָזיקן צעטל ווילן די אַרבעטער אָפּשאַפן ; עס איז, זאָגן זיי, אַ חרפּה, עס זעט אויס, ווי מ'וואָלט זיי אָנגעהאָנגען עפּעס אַ שאַנד-צייכן, זאָגן זיי.

— יאָ, זיי זענען געוואָרן זייער איידל. — האָט וויללאַץ געענטפערט.

— אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך ווידער בארויקט און אויך צוליב אַ סיבה. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַלע יאָהאַן קאָן גאָר נישט שרייבן, און די אַרבעטער האָבן אַנשטאָט אים אַליין געשריבן די צעטלען און געטון דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט. כאַ כאַ כאַ ! מיר ווילט זיך לאַכן ! קיינער איז נישט געגאַנגען נעמען קיין צעטלען ביי בערטעלן פון סאַגוויקאַ, ווייל ער קאָן יאָ שרייבן, נאָר אַלע זענען געגאַנגען צו אַלע יאָהאַן. און צום סוף האָבן זיי בכלל אויפגעהערט צו גיין, נאָר זיך אַליין געשריבן, וואָס זיי האָבן געוואָלט, ביז טעאָדאָרן איז געוואָרן פאַרדעכטיק, און די זאַך איז קלאָר געוואָרן. היינט נאָכמיטאָג זענען געקומען צוויי מענטשן צום טאַטן און געזאָגט : לאָזט די שולדיקע באַצאָלן די סחורות, וואָס זיי האָבן גענומען ! איך וועל זיי אָפּזאָגן, האָט דער טאַטע געענטפערט. ניין, אויף דעם האָבן זיי נישט מסכים געווען, דער טאַטע מוז נאָך אַרויפגיין מיט זיי אין מיל, כדי אונטערצוהאַנדלען.

— און ער איז געגאַנגען מיט זיי אונטערהאַנדלען ? — האָט ווילאַק געפרעגט.

— וואָס האָט ער געקאָנט מאַכן ?

— איך גלויב נישט, אַז דיין טאַטע זאָל נאָך לאַנג פירן די מיל.

— מסתמא האָט ער דאָך זיינע סיבות. יעדערער האָט זיך זיינע סיבות. אייגנטלעך וואָלט איך אים געדאַרפט שאַפן אַן איידעם, וואָס זאָל אים העלפן. נאָר איך טו עס נישט. — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— פּרווו נאָר ! — האָט ווילאַק אין שפּאַס אויסגערופן.

— איך דאַרף בכלל שאַפן אַן איידעם, — האָט מאַריאַנע איבער-געחזרט — אָבער איך וועל עס נישט דורכפירן.

ווילאַק האָט זיך צעלאַכט אויפן קול, זיכער אין זיך, ווי אַן אייגנטימער.

— וואַרט נאָך אונטער אַ ביסל, אפשר אַ חודש און אפשר נאָך אַ מאָל אַזוי פיל, נישט יעדן טאָג גייט מיר שלעכט.

— מיר וואַרטן אויף אַ פּאַרטיטור. יאָ, אויף דעם וואַרטן מיר.

— איך וואָלט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט זיין עפּעס מערער, איידער דו נעמסט מיך פאַרשטיי נישט שלעכט די דאָזיקע איידעלע כוונה פון דיין הבנעהדיקן דינער.

מאַריאַנע איז אפשר נישט געווען בכוח אַריינצופאַלן אין דעם ראָזיקן וויציקן טאָן ? און אפשר האָט זי דערפון קיין ווען נישט געטאַכט. זי האָט געמוזט פאַרשטיין, אַז ווילאַצעס מונטערקייט איז געווען קינסטלעך, און אַז זיינע לייכטע ווערטער האָבן געקלונגען נישט אויפריכטיק. האָט זי דען נישט געזען דעם ציטער אין זיינע אויגן ? וואָס אַפּענער ז האָט גערעדט, אַלץ ערגער איז געווען. עס האָבן אים זיכער אָפּגעשטויסן די דאָזיקע אָפן-אַרויסגעזאָגטע כוונות, — זי איז געווים נישט געווען אינערלעך אויף אַזוי וויט פויל, אַז זי זאָל זיך דאַרפן אַליין פאַרזאָרגן, אָך, די דאָזיקע אויסדרוקן, ווען זי קאָן זיך פון זיי באַפרייען ! ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז איר אינערלעכע נאַטור איז נישט אומצאַרט, אויך היינט איז זי נאָך געווען לאַשטשענדיק און רייצנד, ווי אַ קינד, ווען זי האָט אים געבעטן, ער זאָל זי קושן „אַ לאַנגע ווילע". ער האָט אָבער אויך געוווסט, אַז אירע רייזעס און באַקאַנטשאַפטן האָבן אַ ביסל געענדערט איר השגה. זי איז צייטנווייז געווען דרייסט, ווי אירע נאַרוועגישע חברים.

זי האָט באַקומען אַ פּרעמדע השפּעה. דער ערפאָלג, וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט אין דער געזעלשאַפט צוליב איר פרישער און פרייער באַוועגונג, איז אים טיילמאָל געווען אמת פּיינלעך: דאָס האָט זיי אַלע מאָל דערווייטערט פון זיך און פלעגט זיך ענדיקן מיט אייפערזוכט־סצענעס און איבערבעטן זיך.

אָבער מאַריאַנע, אַך, זי איז געווען ביטרע, ווי איר אינדיאַנישע באָבע, און האָט גוט געוווּסט, וואָס זי טוט. בויגן אָדער ברעכן — האָט זי מסתמא געטראַכט.

מאַריאַנע האָט געזאָגט:

— אַט קומט אָן אַנטאָן. ניין, עס איז טאַקע אַזוי, אַז ווען דו געמסט זיך עפּעס אַריין אין קאָפּ, קאָן מען עס פון אָרט נישט רירן. — האָט זי ווייטער גערעדט.

— יאָ, איך בין אַ לאַנגווייליקער בחור. — האָט ער איר איינגערוימט.

נאָר דאָ האָבן זיך איר אַרויסגעכאַפּט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— איך גלויב, אַז מיר זענען די גאַנצע יאָרן געווען אַביסל צופיל באַשטימט איינער פאַרן אַנדערן.

דאָס האָט געמוזט האָבן זייער אַ שטאַרקע ווירקונג, ווייל ער האָט בסדר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַנטאָן איז געקומען צולויפן מיט גרויסע שפּרייזן.

— זייט מוחל, וואָס איך בין געבליבן הינטערשטעליק! — האָט ער געזאָגט. — ווילאַץ, איך האָב דיר איבערצוגעבן אַ דאַנק.

ווילאַץ האָט געקניטשט דעם שטערן. ער האָט אַוודאי באַמערקט, וואָס קאָנראַד האָט געוואָלט, און האָט אים בכיוון אויסגעמיטן.

— איך דאַרף דיר, הייסט עס, איבערגעבן אַ דאַנק. — האָט אַנטאָן גערעדט. — אָבער אָן קוויטירונג וועל איך דיר אים נישט געבן. דו קוקסט מיך אָן?

— יאָ איך קוק דיך, אַזוי צו זאָגן, אָן.

— דו מעגסט זיך טון, וואָס דו ווילסט. — האָט אַנטאָן גערעדט ווייטער. — אָבער ביי אונז אין דער היים, אין אונזער געגנט, וואָלסטו זיך אַזאַ פאַרגעניגן נישט געקאָנט פאַרגינען. דאָ קומט צוגיין אַ מענטש און וויל דיר פאַר עפּעס דאַנקען, און דו הערסט אים נישט. ווילסט צומאָל קיין קוק נישט טון אויף אים.

ווילאַק האָט געענטפערט:

— אַבי דו האָסט געהאַט אַ געלעגנהייט, אַריינצוכאַפּן אַ שמועס. די ביסט אַ מענטש פון פאָלק.

— גאָט מיינער! סתם אַזוי; עס זאָל זיך אין לעבן געפינען אַזאַ מענטש! — האָט אַנטאָן אויפריכטיק אויסגערופן. — איך פאַרשטיי גאָרנישט, ווי אַזוי דו ביסט עס בכוח צו טון! דיין טאַטע האָט עס געקאָנט טון, ווייל ער האָט עס געהאַט אין זיך. אָבער דו — דו האַנדלסט מיטן כוח פון טאַטנס כוח.

דאָ האָט זיך אַריינגעריסן מאַריאַנעס שטאַרקער געלעכטער און איבערגעריסן אויך ווילאַצן.

— אָט אַזוי רעדט אַ פריינד און אַ גאַסט! — האָט ער אויסגערופן. — ער שטייט ווי אויף נאָדלען מחמת שרעק, טאָמער וועט ער נישט קאָנען געגוג גראָב זיין.

— אַ מענטש פון פאָלק, — האָט אים אַנטאָן נאָכגעקרימט. — יאָ, וואָס קאָן מען העלפן? איך בין דיר נישט מקנא דיין איינרעדעניש, וואָס זי פאַרשטעלט דיר דאָס לעבן מיט כלערליי שטותרייען און אַריסטאָקראַטישקייט. גיב אַ קוק, אָט דאָס איז לעבן! — האָט ער געזאָגט און אָנגעוויזן אויפן וועג.

אַנטקעגן זענען אים אָנגעקומען אַ פּאָר לאַסט-וואָגנס; די פורמאַנעס האָבן אַלע געהאַט צו טון מיט מעל, און זייערע פנימער האָבן געהאַט אַ לעבערלעך-ענלעכן אויסדרוק.

— וויאָ! — האָבן זיי געשריגן צו די פערד.

די וואָגנס האָבן געסקריפּעט אונטער דער שווערער משא, די מענטשן זענען געגאַנגען ביי דער זייט, אַ טאָג ווי אַלע טעג, שטענדיק ביי דער זייט. ווען זיי זענען צוגעקומען צום ברעג-פּלאַץ, האָבן זיי אַראָפּגעלאָדן דאָס מעל און אַרויפגעלאָדן קאָרן, אַוועקגעפירט די תבואה אין מיל אַריין און פון דאָרטן ווידער מעל אין שטאָט אַריין. אַ טאָג ווי אַלע טעג.

— איך זע דיך אין גייסט, ווי דו באַטייליקסט זיך אין דעם דאָזיקן לעבן. — האָט ווילאַק געזאָגט.

— איך באַטייליק זיך אויף מיין אופן, — האָט אַנטאָן דערקלערט — טאַקע דערפאַר זוך איך איצט דעם הער מיל-אייגנטימער, גאָר אויף אַ פּאָר ווערטער, אויף אַ ווונק. איך טרייב אויך מסחר,

הגם נישט מיט קיין מעל, גיי אהיים וויללאַק און האָב חתונה מיט סיננעווא סאָלבאַקען!

און ווידער האָט זיך מאַריאַנע צעלאַכט, אָבער דאָס מאָל איינע אליין.

— ניין, ער לאַכט נישט, — האָט זי געזאָגט — דו לאַכסט נישט, וויללאַק?

— סיידן אויב דו באַפעלסט, אויב עס טוט דיר הנאה. — האָט ער געענטפערט.

דער האָלמענגראַא איז זיי פריינדלעך באַגריסנדיק אנטקעגנגעקומען, רויק, ווי אַ גליקלעכער טאַטע, פשוט אַ מייסטער־ווערק פון אינערלעכער גלייכגעוויכט. מאַריאַנע האָט געפרעגט, צי ער האָט אָפּגעזאָגט די פאַרשולדיקטע; אָבער דער טאַטע האָט נאָר געשמייכלט און געענטפערט, אז ס׳זענען געווען צופיל פאַרשולדיקטע.

— נו, דו מיט דיין לעבן, גיב אַ קוק, אדרבה! — האָט וויללאַק געזאָגט צו אַנטאָנען.

אַלע האָבן זיך אים באַמיט אַריינצוזאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם ענין, און אַנטאָן האָט זיך לסוף אָנגערופן:

— הייסט עס, אז ס׳האָט געפעלט די קאָנטראָל.

דאָ האָט זיך וויללאַק צעלאַכט אויף אַ קול:

— ריכטיק! — האָט ער געזאָגט. — די שולד ליגט אויף ביידע זייטן, אזוי וועט שטיין אין אַלע צייטונגען; און אז דער ענין וועט אַריבער אין געריכט, וועלן אַלע משפטן דאָס זעלביקע. איך גיב דעם אַרבעטער אַרבעט און שבירות, און ער באַגנבעט מיך, טראָגן מיר ביידע די שולד; איך וואָלט געדאַרפט געבן אַרבעט און צאָלן שבירות אַנדערע, וואָס זאָלן אַכטונג־געבן אויפן אַרבעטס געבער, און ווידער אַרבעט און שבירות די, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף די אַכטונג־געבער. און גלייכצייטיק פאַרלאַנגט דער אַרבעטער אַן הוספה פאַר גוט אויסגעפירטער אַרבעט, אַ נישט בונטעוועט ער זיך.

— וואָס וואָלסטו מיט זיי געמאַכט?

— ווען אויף דער וועלט זאָלן זיין ווייניק מענטשן, וואָלט איך זיי געלאָזט לעבן און זיך פּרובירן.

— איך אויף אייער אָרט וואָלט געהאַלטן פאַרן בעסטן איבערצוגעבן אַ שייד־געריכט. — האָט אַנטאָן געזאָגט צום הער האָלמענגראַא.

ווידער האָט זיך ווילאַך צעלאַכט אויפן קול, פאַרוואָרפנדיק דעם קאָפ אויף הינטן.

— לאַנגווייליק! — האָט ער געזאָגט. — אָ, אַנטאָן פרעדריק קאָלדעווין, — אַזוי הייסטו דאָך? — דו ביסט ניט אָפּצושאַצן, דו פאַרשטייסט די צייט, ווי קיינער נישט!

— איך האָב נאַטירלעך נישט געמיינט קיין שייד-געריכט איבער דעם פאַרברעכן גופא. — האָט אַנטאָן געזאָגט באַליידיקט. — אָבער אויב מ'זאָל די זאַך שטעלן אויפן שפּיץ-מעסער, וועלן זיך אַלע אַרבעטער צוזאַמענעמען און די מיל וועט בלייבן שטיין. איך גלויב, אַז דער הער מיל-אייגנטימער גיט זיך אָפּ דערפון אַ קלאָרן חשבון. אַז די אַרבעטער זאָלן אַליין אַרויסגעבן ווענן זיך אַ פּסק, אַזאַ פאָרשלאָג וועלן זיי נישט אָפּוואַרפן. דאָס שייד-געריכט האָב איך פאָרגעלעגט נאָר בנוגע די צעטלען, כדי מען זאָל אַנטשיידן, צי די דאָזיקע צעטלען זאָלן בלייבן אָדער אָפּגעשאַפט ווערן.

— פּאַפּאַ, וויפל פאַרשולדיקטע זענען געווען? — האָט געפרעגט מאַריאַנע, וואָס דער גאַנצער שמועס איז איר שוין געווען איבער דער טבע.

— אָ, אַ סאַך. דאַכט זיך, אַז אַלע, אויסער בערטעלן פון סאַגוויקאַ און אַלע יאָהאַן.

— הייסט עס אַלע, אויסער די קאָנטראָלערן, אָבער וועלכע מינים סחורות האָבן זיי זיך געהייסן געבן?

הער האָלמענגראַא האָט אַ שמייכל געטון.

— כלערליי, אפילו זעגל-לייוונט, אפילו פּעטראָלעום.

— און איך האָב קיינמאָל נישט...

— דעם קרעמער טעאָדאָר האָבן זיי אָפּגענאַרט, אַז אונזער פּאָסטאַמט איז פּוסט, און זיי האָבן זיך געהייסן געבן אַן אַנדערע און זיך צעטיילט צווישן זיך. דאָס לייוונט, האָבן זיי געטענהט, איז צום זייען. די מאַרגאַרין-פּוטער איז צום שמירן, בעת זיי אַרבעטן איבערשעהן, דעטמאָלס גיט מען זיי עסן, האָבן זיי געטענהט. כאַ כאַ כאַ! יאָ עס איז אויסערגעוויינלעך. אַזוי ציט זיך שוין אַ לאַנגע צייט.

אַנטאָן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, און ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט דערצו אַזאַ ריכטיקע סבה. דער דאָזיקער מאַנגל אין השגחה איז שוין געווען איבער דער טבע.

— וואָס האָסטו בדעה איצטער צו טון, פּאַפּאַ ?

— מ׳קאָן גאָרנישט טון, דאָס וואָלט געמוזט טרעפן צו פּיל מענטשן, און די שווערד איז צוויי־שאַרפיק.

— דאָס האָט דאָך אייער בוכהאַלטער באַלד געדאַרפט באַמערקן ? — האָט אַנטאָן געפרעגט, במעט ציטערנדיק פון געשעפטלעכן חוש און פון גרויס געשעפטס־פאַרשטאַנד.

ער האָט פאַרגעסן, אַז דער מיל־אייגנטימער לייגט אפשר נישט אַזוי פיל אכט אויף זיין אַריינמישן זיך אין דעם ענין.

— איז דען נישט אָנגעקומען צו אייך קיין שום איינצלנער חשבון פון געשעפט ? — האָט ער געפרעגט.

— ניין ! — האָט הער האָלמענגראַא קורץ געענטפערט.

— יאָ, אָבער... — האָט אַנטאָן געגומען רעדן, ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן, דערזעענדיק, ווי מאַריאַנע לאַכט פון זיין התפעלות.

— איך זע, אַז איך וועל מוזן אַרויסלייגן אויפן טיש אַלע קאָרטן — האָט הער האָלמענגראַא ווידער שמייכלענדיק געזאָגט. — איך האָב געהאַט געזאָגט טעאָדאָרן, אַז קיין איינצלנע חשבונות זענען נישט נויטיק, ווייל עס קאָנען זיין זייער ווייניק פּאָזיציעס.

ער האָט געוואָלט אַרויסווייזן טעאָדאָרן צוטרוי, און דער יונגערמאַן אַליין האָט זיך אויך געפירט אָרנטלעך. דער דאָזיקער טעאָדאָר איז, אגב, געווען זיינער זייער אַ ווייטער קרוב. זיין מאַמע איז געווען זיינס עפּעס אַ גליד־שוועסטער־קינד. הער האָלמענגראַא האָט זייער משפחה געשטיצט פון אָנהויב אָן.

— אַך אַזוי ! — האָט אַנטאָן געזאָגט. — אָבער מ׳מוז דאָך באַמערקן, אַז דאָס איז דאָך אַ באַזונדערער אופן פון געשעפטס־פירונג, דאָס קאָן זיך דאָך נאָר פאַרגינען אַ גרויסער עושר.

און אָט זענען זיי געשטאַנען ביים קרייץ־וועג, ווי ווילאַץ האָט געוואָלט אַוועקגיין צו זיך אַהיים און צו זיין פאַרטיטור. ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט.

— ס׳איז מיר איצט איינגעפאַלן, הער האָלמענגראַא, אפשר ווייסט איר פון עפּעס אַ וואַלד־וועכטער פאַר מיינעטוועגן.

— אַ וואַלד־וועכטער ? — האָט דער מיל־אייגנטימער געפרעגט, אַרויסשווימענדיק פון זיין אייגענער געדאַנקען־וועלט, נו, מ׳וועט שוין

אַ קוק טון. איך האָב פון אייער וואַלד באַקומען דעם בעסטן איינדרוק, און איך מיין, אַז מ'וועט קענען אַ טייל פאַרנוצן.

— איך דאַנק אייך! — האָט ווילאַק געזאָגט און איז אַוועק.

משמעות די גאַנצע געשיכטע אין דער מיל איז אַזוי ווייניק אָנגעגאַנגען דעם הער האָלמענגראַ, אַז ער האָט אַפילו געקאָנט געבן אַ ריכטיקן און אַ העפלעכן ענטפער וועגן אַ גאַנץ אַנדער ענין. אָבער מאַריאַנע האָט דאָך דערפילט אין זיין ענטפער עפּעס זייער אַ סובטילן אונטערטאָן פון אומצופרידנקייט. — וואָס זאָל עס באַדייטן? זי האָט נישט געוווּסט, אַז איר פאָטער וואָלט זיך געוווּנטשן אין אַן עצה וועגן אייגענע ענינים. די בערג־שטחים, וואָס ער האָט געוואָלט קויפן אָדער דינגען די לאַנקע פאַר טויזנט שעפּסען, וואָס וועט ווערן דערמיט? ער האָט עס מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט, מאַריאַנע האָט געטראַכט:

— ער האָט מסתמא עגמת נפש, וואָס ווילאַק קאָן אַליין נישט האַקן זיינע וועלדער, צו יעדער זאַך, דאַרף ער האָבן הילף.

זי האָט אַריינגעשטעקט איר אָרעם אינם טאַטנס, און נישט קוקנדיק אויף אים, גלייך ווי זי וואָלט בכלל נישט גערעדט, זיך אָנגערופן:

— אַלס דיינע קינדער מוז איך דיר מאַכן דעם פאָרוווּרף, וואָס צוליב ווילאַצן ווערסטו אויסער זיך.

— אַך דו ליבע, קליינע אינדיאַנערין, — האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט.

ניין, ער איז צוליב קיינעם נישט אויסער זיך. ווען זיי זענען געקומען אַהיים, האָט ער אַריינגערופן אַנטאָנען אין זיין קאַבינעט און גערעדט מיט אים אַ האַלבע שעה וועגן די דרום־אַמעריקאַנישע פאַר־העלטענישן און געגעבן אים קלאָרע אינפאָרמאַציעס. אַנטאָן איז געווען זייער צופרידן פון אַ זעלכע אינפאָרמאַציעס. יאָ, אויב מ'זאָל משפּטן לויט אַלע סמנים, האָט אַנטאָן, לויט הער האָלמענגראַס מיינונג, זייער ריכטיק איינגעאָרדנט זיין „גאָלד־פיש" אָבער אַ ביסעלע מזל מוז מען אויך אַריינרעכענען אין חשבון. אַנטאָנס שפּעקולאַציעס האָבן, משמעות, דעם אַלטן קעניג טאָביאַס פון דער מעשה זייער פאַראינטערעסירט.

— שיקט מיר צו א פאר ווערטער, ווי עס האט זיך אויסגעלאזט. — האט ער געזאגט.

ער איז געבליבן אין זיין קאבינעט, בעת ער איז אריין און זיין וווין־שטוב.

מאריאנע האט פלוצלינג איינגעפונען, אז זי איז צופיל באלאדן מיט צירונג. זי האט אין משך פון דער דאזיקער האלבער שעה אראפגענומען די דאזיקע גרויסע האלבע לבנות און אנשטאט זיי אנגעטון פערל־אוירנגלעך. אנטאן האט עס באלד באמערקט און געטראכט, אז זי זעט איצטער אויס שענער. די דאזיקע באמבלענדיקע האלבע לבנות וואס זענען געהאנגען אין וווּנדער־שיינע קייטעלעך, זענען טאקע געווען אינדיאנישע אדער, וואלט ער געזאגט, מוזיקאלישע צירונג. די פערל האבן זי געמאכט מער אייראפעיש. זי האט אויסגעהערט זיין מיינונג און געענטפערט:

— אזוי מיינט איר? עס פריוט מיך.

— עס האט דען פאר אייך עפעס א באדייטונג, וואס עס געפעלט מיר?

— געוויס.

— אזוי, אבער איך קאן עס נישט פארשטיין. — האט אנטאן האסטיק א זאג געטון.

ער האט גערעדט דערפון, אז ער וויל די טעג אפפארן.

— ווען פארט אפ די נאענטסטע שיף קיין דרום? פרייטיק?

— יא, וויל ער טאקע אוועקפארן. אבער ווען די איידער־פייגל וועלן אוועקפליען קומט ער צוריק.

— וועמען מיינט ער דערמיט? ווער זענען עס די איידער־פייגל?

— אוי גאט מיינער! — האט אויסגערופן אנטאן. — וואס רעדט איר? די איידער־פייגל? דאס הייסט, ווען די איידער־פייגל וועלן אוועקפליען פון זייערע ערטער, ווען זיי וועלן פארלאזן זייערע נעסטן, די פייגל אויפן קרעמער יענסענס פלאץ.

— אמת, ס'איז מיר גראד ארויס פון זינען, איר קומט, הייסט עס, צו דער פיערונג אויפן אינזל.

— בפרט אויב איך און די פיערונג דארפן האפן, אז איר וועט אויך קומען.

— איך? זייט מוחל!

און אַ שפּאָרע ווײַלע אַרום האָט זיך אַנטאָן מיישב געווען און האָט זיך ווידער געפּילט באַלײדיקט: יאָ, ער האָט טאַקע בדעה צו קומען אויף דער פײַערונג פון זײַן קאָלעגע, דעם סוחר יענסען. אַ רירעוודיקער מענטש, אַ מאָדערנער מענטש, דער דאָזיקער קרעמער טעאָדאָר.

— גיט נאָר אַ קוק, ווי רירעוודיק ער איז, ווי ער פאַרשפּרייט אַרום זיך אַלץ גרעסערע קרײַזן! דאָס איז דער צוקונפטס־מענטש! — אַנדערע מענטשן זעען אויס צו לעבן נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט. זיי זענען בלינד, אָבער זיי גייען מיט פאַרשטאַרטע אויגן, וואָס האָבן נאָך דערצו אַן אויסדרוק פון קלוגשאַפט, ווײַל זיי זענען אַזוי פאַר־גליווערט געוועגדט נאָר אין איין ריכטונג. אַזעלכע מענטשן דאַרפן זיצן אויף זייער אייגענעם אינזל, אין מיטן ים. זיי ווייסן נישט, אַז דאָס לעבן איז אַזוי גוט, ווי טאָג־ליכט און האַנדל און אַרטילעריע. — וואָס אַרט אײַך, פרײַלין מאַריאַנע, אַז איר וועט באַזוכן אַ פײַערונג, וואָס אַלע אירע אָנטייל־נעמער וועלן זיך מיט איר פרייען.

נאָר דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן. ער האָט גערעדט צו דער וואַנט, מאַריאַנע האָט געזאָגט, אַז זי וויל מער דערפון נישט הערן.

— ניין, ניין, — האָט ער געזאָגט — אָבער אין האַרבסט וועל אַך ווידער קומען, איך וועל וווינען אין האָטעל, — ווי הייסט ער דאָרט? אין האָטעל לאַרסען.

ווען אַנטאָן איז אַוועק, האָט מאַריאַנע אַרויסגענומען אַן אַלטע האַנט־אַרבעט, באַטראַכט עס און אַוועקגעלייגט צוריק. זי האָט גענומען אַ בוך און איבערגעלייענט עטלעכע שורות, דערנאָך האָט זי גענומען אַ טעשל קאָרטן און אָנגעהויבן זיי טאַשן. מיטאַמאָל האָט זי אויפ־געעפנט די טיר צום קאַבינעט און געזאָגט, אַז זי וויל זיך נאָך אַ ביסל איבערגיין.

— גוט, קאָנסט גיין! — האָט איר דער טאַטע, ווי שטענדיק פרײַנדלעך געענטפערט.

ער איז געבליבן איינער אַליין אין דעם פליגל פון הויז. עפּעס איז מיט אים פאָרגעקומען, זינט דעם מאָמענט, ווען אַנטאָן איז אַרויס פון זײַן צימער. צי קאָן אַ מענטש אַזוי פּלוצלינג אַלט ווערן? אָדער דאָס זענען גאָר געווען שווערע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געבויגן און אים געמאַכט פאַר אויס קעניג. ער האָט נישט געהאַלטן פאַר זיך

קיין פּאַפּירן און האָט נישט געאַרבעט איבער קיין חשבון. ער איז גאָר געזעסן און מיט פאַרנעפּלטע אויגן באַטראַכט זיינע הענט; ניין, דער פּריימוויערער-רינג האָט אים שוין איצט נישט געראַטעוועט, קיין שום זאַך האָט אים שוין איצט נישט געראַטעוועט, אַפילו נישט דאָס וואָס ער האָט געהיימניספול געקוקט אין אַ זייט און געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אומגעזעענע כּוחות — די אַרבעטער האָבן אים אויסגעלערנט. זיי האָבן אים אָן שום קונצן אָנגעהויבן דוצן און גערופן אים טאָביאַס, דאָס איז אים אַריין אין דער זיבעטער ריפּ. זיי האָבן אָנגעווירן צו אים יעדן רעספּעקט, זיי האָבן אים ווידער געזען באַנאַכט נאָכיאָגן זיך נאָך מיידלעך. יאָ, ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט געגאַנגען באַזוכן ווילאַך האָלמסענס וועלדער, ער איז אָוונט-צייט דערגאַנגען צו אַ מענטשלעכן ישוב און געבעטן נאַכטלעגער.

— אַהאַ, דו ביסט אַ פיינער חבֿרה-מאַן, טאָביאַס, אַ פּריימויערער, דו ביסט אַלץ איינס ווי יעדערער פון אונז, קיין האָר נישט אַנדערש! און איצט האָסטו אונז געפּאַקט מיטן ביסעלע מעל, דו האָסט אונז נאָך נישט גענוג אויסגעזויגן, מיר האָבן נאָך אין אונז אַ טראָפּעלע בלוט. ווי שעמסטו זיך נישט פאַר זיך אַליין? און אַז מיר שרייבן זיך אָן אַ צעטל און גייען אין געוועלב, כּדי צו נעמען נויטיקע לעבנס אַרטיקלען, קריכסטו אונז נאָך, ווי אַ שקלאַפן-אויפזעער און ציילסט אונז נאָך יעדע פּרוטה. פע, אַ חרפּה!

עטלעכע פון די אַרבעטער זענען געווען רויקער און האָבן אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש. זיי האָבן אים די ערשטע געגריסט און אַביסל געגעבן רעכט דעם מיל-אייגנטימער.

— דאָס איז נישט געווען אַזוי נאַריש. — האָבן זיי געזאָגט.

— ער איז אויך נישט אינגאַנצן משוגע. — האָבן זיי געזאָגט.

און דאָס איז נאָך געווען ערגער, ווי אַלץ דאָס איבעריקע, אַסלאַק איז שוין טאַקע אין דער מיל נישט געווען אָבער אַסלאַקס גייסט איז געבליבן.

ניין, דאָס איז נישט אויסצוהאַלטן. ער איז טאַקע נישט געבוירן געוואָרן צו זיין אַ פּריץ. נאָר צו קומען און אַוועק צו גיין, ווי אין אַ מעשה, די מענטשן האָבן זיך, איין גאָט ווייסט וואָס פאַר, השגות אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ וועגן זיין עשירות! ער האָט שפּעקולירט, ער האָט

פֿאַרדינט געלט, ער האָט פֿאַרלוירן געלט, אפשר האָט ער שוין נישט געהאַט קיין מיליאָן צו פֿאַרלירן. דאָס איז ביים עולם געווען דער עיקר. פֿאַרוואָס זשע האָט ער ווידער געמאַכט אַן עסק מיטן מעל? גאָט אין הימל, אויב ער האָט עס געטון מחמת נויט, איז ער דאָך נישט געווען אַנדערש, ווי יעדער מענטש אין זעגלפּאָם, טאָ פֿאַר־וואָס־זשע זאָלן זיי אים אויף אַ באַזונדער אופֿן שעצן? פֿע!

וואָס טראַכט ער, און וואָס גריבלט ער זיך, און פֿאַרוואָס קוקט ער אַזוי אָן זיינע הענט? צי איז אים היינט צו חלום געקו־מען, אַז דער נייער אופֿן, וואָס ער האָט איינגעפֿירט די לעצטע וואָכן, איז געווען אַ פֿאַלשער גאַנג? וואָס קאָן ער איצטער טון? ער איז אַ געבוירענער פֿויער, היינט אַזוי ווי נעכטן, זיין פֿאַנטאַזיע האָט אים נאָך נישט אינגאַנצן איבערגעדרייט די ווירקלעכקייט. ער איז געבליבן אויף דער ערד, אפֿילו ווען ער איז געפֿלויגן. אויב ער האָט אין דער פֿריקער וואָך ווידער געהעכערט די פּרייזן אויף מעל, איז עס געשען נאָך אַ גוטן ישוב הדעת. ער האָט נאָך אַלץ געקאָנט אָנבאָטן די אַנדערע מילנער אַ מסחר, וואָס האָט אומגעפֿער אַנטשפּראָכן די פּראַכט, זאָל ער עס נישט טון? אַיי די מענטשן? עס האָט זיך אויסגעלאָזט, ווי אַזוי די מענטשן משפּטן אים: איז ער נישט געווען רייך, איז ער געווען אַ גאָרנישט! זיי האָבן זיך אוממענטשלעך טועה געווען. דער לעבנס־לויף פֿון געוויינלעכע מענטשן, און פֿאַרגלייך מיט זיינעם, איז געווען ווי אַ וואָכענדיקער טאָג אַנטקעגן דעם גורל! זיין עשירות? פֿאַרוואָס האָט מען עס דווקא געוואָלט וויסן? אפֿשר איז ער געווען רייך די מענטשן אונטערן נאָז, און אפֿשר נישט? אפֿשר האָט ער אפֿילו נישט פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל, וויפֿיל אַ גאָלד־גראָבער געפֿינט אין איין איינציקן טאָג – טאָ וואָס זשע איז? אפֿשר האָט ער פֿאַרמאָגט אַסאַך מער, קיינער האָט נישט געוווּסט. און דערצו האָט נאָך די ביטרע און קלוגע מאַריאַנע געוואָלט דווקא וויסן, וואָס עס שטייט אין די פֿאַרשידענע בריוו און טעלעגראַמעס, וואָס דער טאַטע באַקומט.

— זאָג מיר, פּאַפּאַ, — האָט זי געקאָנט זאָגן אין שפּאַס — פֿאַרוואָס האָסטו צוריקגעשיקט דיין זון קיין מעקסיקע אַלס קינד און האָסט אים געהייסן לערנען, ווי צו פֿאַרוואַלטן איבער גיטער און ווי צו פֿירן אַ שיף?

— כּדי עס זאָל אויסזען און דיינע אויגן, גלייך ווי איך וואָלט

און מעקסיקע געהאַט שיפֿן און גיטער. — האָט ער געהיימניספֿול געענטפֿערט.

אָבער אויב הער האָלמענגראַא איז געקומען קיין זעגלפֿאָס צוליב עפּעס אַ קאַפּריז, איז געווען פּשוט אָן אומזין צו זיצן אַזוי לאַנג צווישן טורמלענדיקע אַרבעטער און אַ כּסדר פֿאַלנדיקן אָנזען. צי האָט ער נישט געקאַנט ווינען ווו ער וויל, וואָס עפּעס דווקא דאָ? קיין זאַך האָט אים דאָ נישט געקאָנט צוהאַלטן, נישט פֿרוי אירגענס און נישט אירע געקעכצן, נישט די אַרבעטער אָדער די מיל, די וועגן, דער ים אָדער דער פּאָרט — גאָרנישט. און אפשר איז עס געווען זיין בענקשאַפֿט צו לעבן אין זיין היים, די דאָזיקע נאַטור־קראַפֿט, אַ גורל אַזאַ, אַ קרייץ? אין אַזאַ פֿאַל, ליבע מענטשן, וואָלט ער בעסער געדאַרפֿט פֿון אייך אַוועקפֿאָרן און זיך גיין זיין וועג, און אייך אָן שום קונצן צעטרעטן אונטער די פֿיס, ווי שטרוי.

ער האָט קיינעם נישט געטראָטן, ער האָט עס נישט געקאָנט, קיין הערשער איז ער נישט געווען, אַ הערשער? ער האָט צומאָל נישט געקאָנט איינהאַלטן זיין פֿאַרמעגן און אפֿילו נישט געקאָנט רעאַגירן אויף דער גאווה פֿון אַן אַרבעטער. זיצט ער דען נישט איצט אין זיין קאַבינעט און קלאָגט נישט אויף דער רשעות פֿון דער וועלט? עס איז געגאַנגען גוט כּל־זמן ער איז געווען אַ קעניג אין אַ מעשה, אַזוי לאַנג איז עס געגאַנגען פּראַכטפֿול, די ברואים האָבן זיך פֿאַר אים גענייגט; דערנאָך האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט. ער איז געווען פֿון האָלם. ער האָט זיך אַביסל דערווייטערט פֿון די פֿייערים, ער איז געווען דער ערשטער אויס־פֿייער, וואָס נאָך האָט מען זיך געקאָנט ריכטן פֿון אים? און דאָך — איז ער געווען די מעשה פֿון זעגלפֿאָס, ער איז געווען דער שטערן איבער דער געמיינער באַנדע שלעפּער.

ער לויפֿט אַרויס אין עס־צימער און קומט באַלד אַריין צוריק. ער האָט זיך פֿאַרגנבעט און אונטערגעהערט הינטער די טירן, און אָט זעצט ער זיך ווידער גלייך, ווי ער וואָלט געווען אַ געראַטעוועטער. דער באַלעבאָס פֿון הויז האָט זיך געראַטעוועט. און איצט זעט אויס זיין געמיט צו ווערן וואָס אַמאָל העלער. ער שמייכלט. וואָס האָט ער זיך אַזוי צו גריבלען? אויב מ'זאָל אים באַטראַכטן אין דער ליכט, זעט ער שוין נישט אויס אַזוי משוגע און נישט אַזוי יונג. די

מיידלעך קאָנען נישט אויפהערן צו רעדן וועגן דעם מיל-אייגנטימערס מעשים, זיי פרעגן איינער די צווייטער:

— מיט דיר איז עס אויך פאַרגעקומען? ווו? ווי אָפט? אַך, דער דאָזיקער בעל עברהניק, דער וואַסער-מענטש, דער דאָזיקער משונהדיקער חברה-מאַן, דער דאָזיקער גרויער יינגל.

צי האָט זיך פרוי אירגענס נישט באַמיט אַלע יאָרן צו באַקומען דינסט-מיידלעך אין שטוב אַריין? עס זענען געווען ווייט פון דאַנעט לענדער און בערגעס, ווו עס האָט געבליט דער קאַווע-בוים, באַנאַנען, און צוקער-ראָר האָבן פאַרשפרייט זיסע ריחות און ווו די נעבט האָבן געהערט צו די וואַסער-מענטשן און צו משוגעים. עס זענען געווען אינזלען מיט געלע, שוואַרצע און ווייסע מיידלעך, אין פלוג האָט ער גאָרנישט געהאַט בדעה צו באַטראַכטן ווילדאַק האָלמסענס וואַלד, בשום אופן נישט. די הויפן אין די בערג זעגען גאָר נישט געווען אינטערעסאַנט, נאָר דאָס מיידל מאַרצעליע האָט געהאַט אַ יונגע שוועסטער, איר פאָטער האָט אים אַ שטיק וועגס געפירט אויף זיין פור, איר פאָטער האָט אים שטענדיק געוואָלט פירן.

אויב די אַרבעטער פון מיל האָבן אים געהאַלטן פאַר זייערס גלייכן, האָבן זיי אַ טעות געהאַט. ער איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער. ער האָט געהאַט אין קאָפּ אידעען און וויכטיקע פלענער. באַרג-לאָנקעס פאַר טויזנטער שאָף זענען נאָר געווען אַן אָנהויב פון אַ לאַנגער ריי געדאַנקען וועגן אַ קאָנסערוון-פאַבריק און וועגן עקספּאָרט פון אירע פראָדוקטן. ער האָט געקאָנט אַריינציען עלעקטרישע ליכט און אַריינשטעלן אַ מעכאַנישן וואַרשטאַט. ער האָט געקאָנט אַקערן מיט פערע. אָבער ער האָט אויך געקאָנט ברענגען קיין זעגלבאָם אַן אַפּטייק און אַ בוכהענדלער, אָדער ער האָט אַליין געקאָנט עפענען אַ געוועלב און פאַרדינען אַ יאָר דריי טויזנט און עס וויל באַקומען. הע הע, ער האָט אַלץ געקאָנט — ער האָט פלוצלינג געקאָנט ווערן מעאָדאָרקעס אַ קאָנקורענט! אויב עס זאָל נישט גיין גוט אויפן נייען אופן, קאָן ער פרווון אַנדערש, ער קאָן אַלץ, אָבער זיי רויק, מעאָ-דאָרקע, עס האַלט נאָך נישט אַזוי ווייט, אַז מיר זאָלן באַאומרויקן דיך און דיין געשעפט. וווין זיך רויק אויף דיין ערד און זיי דער גאַנצער שטאָלץ פון דיין מאַמען. מיר האָבן עטלעכע אַנדערע פלע-נער לעך און איינס פון זיי פאַרווירקלעכן מיר נאָך הייער אויף דעם

שטילן אקעאן, אט איז די טעלעגראמע! די מלחמה נויטיקט זיך אין אונזער קליינער שיף, די טייערע קליינע שיף, די סאווע, וואס לאזט זיך ביטאג נישט זען. ניין, זי זעגלט ביינאכט, זי זעגלט אין טויזנט־און־איין־נאכט באלאדן מיט דימענטן, שיק עס אונז אריבער, זאגט די מלחמה. נאט אייך צוויי הונדערט צוואנציק טויזנט! ליבער טעאדאר, אונז האט די שיף געקאסט זעכציק טויזנט. אבער אויפן מסחר האבן מיר נישט קיין חרטה, דאס איז געווען א גוטע שיף און געפארן מיט דימענטן, א יינגל האט זי געפירט, סעניאר פעליקס, היינט פירט ער אן אנדער שיף, סעניאר פעליקס איז א פראבטפולער מעשה־העלד.

הער האלמענגראא לויפט נאך א מאל ארויס אין עס־צימער און קומט צוריק מיט א פול־געשטאפטער בוזים־קעשענע. מאטראזן שטופן אן זייערע בוזים־קעשענעס, ווען זיי קומען אויף דער יבשה. דער אוונט איז צוגעפאלן, הער האלמענגראא גיט א קוק אויף זיין זייגער און גייט ארויס. אויף די טרעפ טרעפט ער זיין טאכטער און זאגט צו איר אין שפאס:

— עס פרייט מיך דיך צו זען!

— מיך אויך! — ענטפערט זי לאבנדיק.

זיי זענען צו יעדער צייט גוטע פריינד און חברים. און נישט ער פרעגט זי, פון וואנעט זי קומט, און נישט זי פרעגט אים, וווהין ער גייט.

ער האט פארבראכט די צייט אין זיין קאנטאר, פארנומען זיך מיט דאס און מיט יענץ, געגעבן דעם געהילף פון דעם ברעג־אויפזעער עפעס א נויטיקע ארבעט, וואס האט געדארפט פארנעמען אסאך שעהן. דערווייל איז די נאכט געווארן אזוי טונקל, ווי ווייט זי האט בכלל געקאנט טונקל ווערן אין דער דאזיקער העלער צייט פון יאר. די ווינקלען און געסלעך צווישן די זעגלפאסער הייזער האט מען דייטלעך דערקענט.

דער שעף פון דער סטאציע קומט ארויס פון טעלעגראפן־אמט און ער וויגט פאמעלעך זיינע ברייטע אקסלען אויפן וועג צו די פעלדער. יעדערער האט באמערקט, אז דער דאזיקער נישט רעגל־מעסיקער מענטש איז אין איין פרט יא רעגלמעסיק: אין ארויסגיין ביינאכט. ער טראכט, ער פילאזאפירט, ער שמייכלט איבער עפעס אבאמערקטע זאך, ער קנייטשט דעם שטערן צוליב עפעס א גערויש.

וואָס ער באַמערקט. גוט, וואָס ס'איז זומער, דאַרף ער נישט האָבן קיין מאַנטל! ער האָט מסתמא וויכטיקע זאַכן אין קאָפּ, ווייל ער זאָרגט אַזוי ווייניק וועגן דעם אויסזען פון זיינע קליידער. בעת ער גייט, האַלטן זיך אים די הויזן בסדר אין איין אָראָפּגליטשן. דער שטאָף איז אויסגעריבן, דאָס איז אַ שלעכטער שטאָף, און די הויזן זענען אים אונטן אויסגעדריוולט. נאָר דער פּאָ־שטייער פון טעלעגראַפן־אַמט באַרדסען זאָרגט נישט וועגן זיינע הויזן, ער איז גוט געשטימט, און ווען ער גיט אַ קוק אויף די פראַנזן פון די הויזן, זאָגט ער, אַז ער איז משמעות קלייִנער געוואָ־ן. אַרום און אַרום זאָגט ער אַסאַך טיפ־זיניקע און דרייסטע ווערטער, אין אַ שמועס זאָגט ער אַרויס אַ סאַך פיינע מיינונגען.

ער לויפט אַרום אַ ווײַלע איבערן ברעג, ער קאָן יעדן קאַסטן אין יעטווערן טאָן, ביז צום לעצטן טשוואָק. דעמאָלט דערהערט ער אַ גערויש, קניטשט ער דעם שטערן און גייט נאָך נאָכן גערויש. די נאַכט איז שטיל, מ'רעדט נאָך ערגעץ אין אַ שטוב, אין דער שטוב, וווּ עס וווינט דער געהילף פון דעם ברעג־אויפזעער; דאָס איז די שטים פונם געהילף גופא, ער שעלט, ער איז עפּעס זייער אויפגערעגט און ער טרייבט אַרויס עמעצן. גיב נאָך אַ קוק, דער געהילף איז דער ערשטער באַס אין דעם געזאַנג־פאַריין פונם ברעג־אויפזעער, ער וואָלט דאָך געקאָנט רעדן מיט אַ סאַך אַ העכערער שטים; אָבער איצט פליסטערט ער, אייגנטלעך ברומט ער:

— דעריבער, הייסט עס, האָט איר מיר געגעבן די נאַכט־אַרבעט, איר זענט אַ נבזההדיקער חזיר. וואָס האָט איר דאָ אָנגעווירן, איר ווילט דאָ מסתמא עמעצן פאַרטשעפּען? אָבער צום גליק איז דאַוועדאַנאַ נישט פון דעם מין און זי עבגט נישט. איר קאָנט זיך דערויף פאַרלאָזן.

ער טרייבט אַוועק פון זיך דעם מענטשן און פליסטערט ווייטער:
— וואָס שטעלט איר זיך אַנטקעגן? ווען איך זאָל מיר וועלן נעמען מיין רעכט, וואָלט איך אייך מיטן שטעקן געגעבן איבערן קאָפּ.

האַר און קנעכט, האָט באַרדסען מסתמא געטראַכט, בעת ער איז פאַרביי־געגאַנגען. ער האָט זיך פאָרזיכטיק אומגעקוקט איבערן אַקסל אויף הינטן און געזען, אַז דער באַלעבאָס באַמיט זיך צוריקצוציען און ער שמייכלט קלאָגנדיק. וואָס האָט ער געקאָנט טון, אויב נישט

שמייכלען קלאָגעדיק און אויסזען פאַרלעגן ? באַרדסען האָט געוואַלדיק פילאָזאָפירט. ער וואָלט גערעטעוועט דעם האַר פון דעם קנעכט, ווען ס'וואָלט נאָר מעגלעך געווען ; ער וואָלט זיך אייגנטלעך געקאָנט אַריינכאַפּן צו דאַוועררדאַנאַ און באַרויקן זי בנוגע דעם גערויש הינטער אירע פענסטער אין מיטן דער נאַכט — און דאָ האָט באַרדסען באמת געשמייכלט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ שטאַרק, פילאָזאָפירט. אָבער איצט האָט דער פאַריאָגטער באַלעבאָס אָנגענומען אַ באַשלוס : פּלוצלינג, ווי ער וואָלט זיך אויסגעזוכט אַן אָרט און נישט געוואָלט האָבן קיין באַגלייטער, האָט ער זיך בליק-שנעל פאַרנומען אָן אַ זייט, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, גענומען לויפן און גלייך פאַרשווונדן געוואָרן. דער געהילף האָט אים פאַמעלעך און שווייגנדיק נאָכגעקוקט און זיך ווידער אומגעקערט צו זיין אַרבעט.

האַר און קנעכט, יאָ, די טויזנט-יעריקע געשיכטע, און אויך היינט האָט באַרדסען נישט געקאָנט זען קיין סוף. ער האָט נאָר געזען דעם אָנהויב פון אַן איינצלנעם פאַל : אַ גרויען האַר אין דעם שטאַנד פון אַן אַלטן. ניין, אין דעם צושטאַנד פון אַן אַלטן. אַמאָל האָט ער זיך זייער גוט געקאָנט באַהערשן, אָבער איצט האָט ער זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן. הער זיך נאָר צו צו דער נאַכטיקער קבר-שטילקייט, זי רוישט, זי ברומט, זי איז פונקט ווי ער ! אייגנטלעך איז דערביי נישט געווען קיין שום גנבהשעס אָדער הינטישעס : אַווו קיין דינער האָט נישט געטאָרט זיין דערביי, האָט ער געדאַרפט געהאַלטן ווערן פון דער וויטען, אַלץ איז דויערהאַפט און גראָב, דאָס איז אַ פּשוטע געמיינקייט, אָבער צי איז דער האַר אַזוי אויך געווען געמיין ? פאַרקערט, ער איז געווען פיין און פאַרשטענדיק און טיפזיניק. אַך, מ'האָט גאָר נישט געקאָנט אויסקליגלען ! באַרדסען האָט זיך אַליין געטרייסט דערמיט, וואָס קיינער וואָלט דאָ נישט געקאָנט אויסקליגלען ! דער ווינט בלאָזט אויך נישט לויט אַ מוסטער, אָבער ער איז דאָ, מ'קאָן דאָך נישט רעדן וועגן זאָקן פון אַ דונער-פאַרב.

איידער באַרדסען האָט זיך געלאָזט גיין אין דער נאַכט אַריין, האָט ער געמוזט זיצן אַ ווײַלע אין טעלעגראַפן-אַמט, ווייל ער האָט געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר אַרום טעאַדאָרס טעאַטער, איידער ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז געגאַנגען צוריק מיטן זעלבן וועג. ער איז געווען

גוט אויפגעלייגט און געקאָנט אַלץ קלאָר באַטראַכטן, אָבער בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען די דירה פון דעם לאַגער־געהילף, איז ער אַ ווײַלע שטאַרק צעטומלט געוואָרן, ווײַל דאָ איז ווידער געשטאַנען דער אוועקגעטריבענער באַלעבאָס! ער באַהערשט זיך נישט, האָט מסתמא באַרדסען געטראַכט, ער האָט נישט קיינעם אין זעגלפּאָס, פאַר וועמען ער זאָל דאַרפן מורא האָבן! דאָס קאָן באַגרייפן נאָר דער טייוול אַליין! אָבער באַרדסען האָט אייגנטלעך אין דער דאָזיקער נאַכט אויך נישט פאַרלאַנגט קיין אַנדער זאַך פון אָט דער שטוב, איצט האָט זיך געקאָנט האַנדלען וועגן ראַטעווען דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט ראַטעווען, קודם כּל דעם באַלעבאָס. נישט זאָגנדיק צומאָל קיין גוט־מאָרגן, איז ער אָן שום הקדמות און אָן שום קונצן צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס און געזאָגט:

— איך האָב אויף אייער טעלעגראַם פון אייערנעכטן פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז די שעה איז געווען נישט גענוי אָנגעגעבן.

האָט ער זיך נישט איינגעקאָרטשעט פון שרעק? ניין, דער באַלעבאָס האָט עס אויפגענומען זייער רויק.

— אַזוי. — האָט ער געזאָגט.

— די צייט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן מיט אייער הסכּמה אָדער אָן איר. די שעה איז געקומען מיט אַ קרייץ. דאָס איז געווען אַ וויכטיקע טעלעגראַמע, איך וואָלט אומבאַדינגט געוואָלט באַמערקן, אַז די שעה פון פּורטאָ ריקאָ איז אָנגעגעבן געוואָרן נישט גענוי.

— איך האָב גוט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם קרייץ. — האָט דער האַר געזאָגט.

— אַזוי. — האָט באַרדסען קורץ און גוט געזאָגט און זיך געקליבן צו גיין ווייטער.

— קומט מיט אַ ביסל! די נישט ריכטיק אָנגעגעבענע שעה קאָן האָבן די באַדייטונג, אַז אייער הייניקער ענטפער זאָל אָנקומען צו שפּעט. עס איז מלחמה, יעדע שעה איז וויכטיק.

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, אויב מיין ענטפער איז אָנגעקומען צו שפּעט. — האָט דער האַר געזאָגט.

— עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ גרויסע סומע, וועגן אַ פאַרמעגן?

— יאָ. — האָט דער האַר געזאָגט.

שמועסנדיק צווישן זיך, זענען זיי געגאַנגען ווייטער. דער גע־

הילף איז זיי אַנטקעגנגעקומען. ער האָט מסתּמא עפּעס דערשמעקט. ער האָט גענומען לויפן, ווי גיך ער האָט געקאָנט, אָבער ווען ער האָט זייביידן באַגעגנט, איז ער פּאַמעלעך פאַרבייגעגאַנגען און באַגריסט.

ביז דאַנען איז דער באַלעבאָס געווען צוריקגעהאַלטן, אָבער איצט האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז דער טעלעגראַפיסט האָט אים געטון אַ טובה, און ער האָט אים אויף דעם האַרציקסטן אופן אַרויס־געוויזן זיין דאַנקבאַרקייט.

— אָבער איך האָב זייער גוט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם קרייץ, — האָט ער געזאָגט. — אויב דער מסחר וועט צושטאַנד קומען, וועל איך האָבן מיט איין שיף וויניקער. דאָס איז אַ גוטע שיף, זי פלעגט פאָרן מיט סחורות, וואָס האָבן געהאַט דעם ווערט פון דימענטן. קומט ווידער דער מסחר נישט צושטאַנד, פאָרט זי וויטער מיט סחורות. אַזוי איז עס, אָבער דער מסחר איז מסתּמא געשלאָסן, אַנישט וואָלט איך היינט דערהאַלטן אַ נייע טעלעגראַמע.

זיי האָבן גערעדט פון אַנדערע זאַכן און דערביי געגאַנגען בסדר וויטער, איצט האָבן זיי שוין געקאָנט אונטערשיידן די דראַכנקעפּ אויף דעם הויז פון אַדוואָקאַט ראַש, און זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען זיין גאָרטן. דער האַר האָט זיך אַלץ מער צערעדט, און באַרדסען האָט מסתּמא באַמערקט, אַז ער רעדט מער ווי געוויינלעך און רעכנט זיך נישט מיט די ווערטער. איצט האָט מען געזען פון דערווייטנס הער האָלמענגראַבאָס הויז.

— לאָמיר זיך אַ ביסל צוזעצן. — האָט דער האַר געזאָגט.

יאָ, געוויס, ער האָט זיך איצט צערעדט, ער האָט גערעדט וועגן די אינזלען מיט די פאַבריקע מיידלעך, ער האָט געפּלוידערט, באַנוצט באַגייסטערטע ווערטער וועגן אַלטע און באַקאַנטע זאַכן, איבערגעחזרט פון צייט צו צייט די זעלבע רייד, וואָס באַרדסען וואָלט זיי אָן אָן ערך בעסער אויסגעדריקט:

— איז עס דען נישט אַזוי ווי איך זאָג, אַז די ליבע איז אַ צופעליקע קראַנקהייט? מ'מוז דעריבער אַרויס און געפינען זיך דורך זיך אַליין, ווי מיינט איר?

דער הער איז נישט געווען קיין טרינקער און נישט קיין אויס־וורף, זיינע אומרעגלמעסיקייטן האָבן נישט קיין שום שייכות

מיט קיין קראַנקהייט. אָבער ער איז געוועזן אַן אומגעשעצטער טיפּ, טיילכאַל איז ער אַראָפּ פון די רעלסען און אין אַ געוויסן שיינעם אָוונט האָט ער געקאָנט ווערן אַ פּשוטער פּאַיאַץ. באַרדסען האָט אין זיין פלווידעריי געפילט עפּעס אַ וויימיק, אָבער דאָ האָט דער הער פלוצלינג אַרויסגעצויגן אַ פלאַש און זי אים פאַרגעלייגט...

דער מאַטראָס, וואָס אויף דער יבשה, האָט פאַרגעלייגט; באַרדסען איז, משמעות, געווינט געווען צו פלערליי זאַכן, אָבער ער האָט געזאָגט:

— ניין, איך דאַנק אייך.

ער איז געוואָרן בלאַס און איז אויפגעשטאַנען. אפשר איז ער אויסן געווען דעם הערס טובה, ווייל ער האָט געזאָגט:

— איך דאַנק אייך זייער, אָבער איך האָב נאָך אַביסל אַרבעט אין דער היים און איך דאַרף עס באמת נישט טון! ס'איז גאַנץ אַנדערש, וואָס איר טרינקט אַ גלאָז, איר מאַכט אַ כוסה נאָך אַ גרויסן געשעפט!

— יאָ, — האָט דער האַר געזאָגט און איז אויך אויפגעשטאַנען, — גאַנץ ריכטיק, אַ גלעזל נאָך אַ געשעפט! דאָס איז גוטער וויין, איך האָב אים מיטגענומען, ווייל איך האָב געוואָלט ערגעץ גיין און מיט עמעצן אויסטרינקען.

— אָבער איך האַלט אייך אויף. איר זענט דאָך מסתמא פאַרמאַטערט, און איר ווילט מסתמא גיין שלאָפן.

— ניין, איך בין נישט פאַרמאַטערט, — האָט דער הער געענטפערט; דערביי האָט ער אַ שמאַרקן זופּ געטון פון דער פלאַש און זי ווידער אַריינגעלייגט אין קעשענע.

— נו, אַ גוטע נאַכט! — באַרדסען האָט טיף און העפלעך אַראָפּגענומען דעם הוט און איז אַוועק.

— אַ מערקווירדיקער מענטש! — האָט מסתמא דער הער געטראַכט ווען ער איז געבליבן אַליין. — נו, אַ גוטע נאַכט, האָט ער געזאָגט, הגם איך בין נישט מיד און איך וויל גאָר נישט גיין שלאָפן.

אָבער באַרדסען האָט זיך ווידער געלאָזט גיין אין דער נאַכט אַריין מיט איר קבר-שטילקייט און מיט איר לינדקייט. ער פילאָזאָפירט נאָך מסתמא אַ גאַנצע שעה און דענקט וועגן דעם גאַנצן מענטשלעכן דאַזיין פון דער סאַמע טיף — דער טייוול קאָן דאָס פאַרשטיין!__

און ער קוקט נאָכאַמאָל אויף דער דירה פון דעם געהילף — אָבער וואָס איז דאָס? דאָרטן שטייט דער הער! דער הער צום דריטן מאָל. ער נעמט אַרויס דעם שליסל און שליסט אויף די טיר.

XII

דעם זעלבן אָוונט, ווען דער הער און די פרוי פון אַדוואָקאַט ראָש האָבן איינגעאָרדנט זייער גאָרטן-פייערונג, האָט די סראָקע סיורא אויבן, אין הער האָלמענגראַאַס הויז, געלאָזט הערן אַ מוראדיקן געשריי. באַשר זי וויל, די סיורא, אַז בעת זי זעצט זיך אין אָוונט אויף איר בוים, זאָל אַרום זיין רויק און שטיל. ווערט זי אָבער באַאומרויקט, נעמט זי שרייען און גיט צו וויסן אויך די איבעריקע סראָקעס, אַז זיי זאָלן אויך נעמען שרייען, ווי הויך זיי קאָנען נאָר, און אויף אַזאַ אופן ווערט אַ מוראדיקער ליאַרם.

— וואָס איז געשען מיט דער סראָקע, וואָס זי מאַכט אַזעלכע געוואַלדן? — טראַכט פרוי אירגענס, וואָס געפינט זיך אויך אויף דער פייערונג.

יאָ, סוף כל סוף האָט דער אַדוואָקאַט איינגעאָרדנט זיין גאָרטן-פייערונג, זיין האַרבסט-פייערונג, און גאַנץ זעגלפּאָס איז דערביי. דער טעלעגראַפיסט באַרדסען איז דאָך נישט געקומען, ווייל ער האָט אין משך פון אַלע יאָרן קיינמאָל ביי זיי קיין באַזוך נישט געמאַכט, און ס'האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד דערפון, מ'זאָל אים איינלאַדן, אָבער אויסער אים האָט מען קיינעם נישט פאַרגעסן, און די אַרבעטער זענען אַלע צוזאַמען איינגעלאַדן געוואָרן אויף טיי מיט צובייסן.

— און ווען וויללאַץ האָלמסען וועט קומען, — האָט אַדוואָקאַט ראָש געזאָגט צו זיין פרוי — זאָלסטו בלייבן רויק זיצן אויף דיין שטול, ביז ער וועט צוקומען צו דיר, זאָלסט אים בשום אופן נישט אויפנעמען פרייערלעך. דו קוק אויף מיר, און גיב אַכטונג, ווי אַזוי איך וועל עס מאַכן, וועסטו זיין פולשטענדיק זיכער. און ווען וויללאַץ האָלמסען וועט וועלן אַוועקגיין, האָב איך נישט בדעה אים צו פאַרהאַלטן.

אָ, דער הער אַדוואָקאַט ראָש האָט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן

געמוזט לערנען זיין פרוי, זי האָט נישט געהאַט קיין שום חוש פאַר קיין פיינע מאַניערן. נו, ווען זי טוט אים למשל נאָך און טראָגט איר מאַשנטיבל אין אַרבל, פונקט ווי ער און דאָקטאָר מואוס? דאָס גייט נישט. אָבער דעמאָלט איז ער מיד געוואָרן אַכטונג צו געבן אויף אירע פעלערן, און נאָר בעת זי האָט עס שוין געמאַכט צו גראָב, האָט ער איר געלערנט:

— הער אוים, קריסטינע, מ׳בויגט נישט אויס אַזוי אַ טעלער, כּדי אויסצושעפּן דאָס לעצטע ביסל זופּ. גיב אַליין אַ טראַכט, פיינע מענטשן טוען עס נישט!

פרוי ראַש איז אפשר געווען גענוג נאַיוו, זיך צו פילן אונטערדריקט פון איר מאַן, אָבער זי האָט דערצו קיין שום סיבה נישט געהאַט. וואָלט זי די זאַך ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָלט זי אים דאַנקבאַר געווען. פאַרשטייט זיך אָבער, אַז די פרוי איז געווען אומדאַנקבאַר.

זי איז געווען שיין, אָבער פאַרוועלקט, ערלעך, אָבער אַביסל נאַריש, אַזוי אַז זי האָט נישט שטענדיק געוווסט, וואָס זי רעדט. מיידלווייז איז זי געווען פרייליך און גלוסטיק, אַלס ווייב איז זי געוואָרן אַביסל צעקראָכן, גרוי און עמפּינדליך, — דער ברעג-אויפזעער — אַך, ער איז נישט געווען באַשטימט פאַר איר! ער איז דעם אָוונט געקומען מיט זיינע זינגער, און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו זינגען אין גאָרטן, האָט זי געמוזט אַרויפלויפן אין שלאָף-צימער, כּדי צו באַהאַלטן אירע טרערן. זאָל אים גאָט בענטשן! און ווער ווייסט, אפשר האָט ער גאָר געזונגען פאַר איר, פאַר זיין אַמאָליקער געליבטער, קריסטינע קאַלוועסען? זי האָט זיך געלאָזט אָנרעדן פון פרוי אירגענס און געגעבן די האַנט דעם אַדוואָקאַט ראַש, מסתּמא איז עס געווען אַ גאָט-זאַך, איצט האָט זי שוין צוויי קינדער, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט — העכסטנס קאָן זיך איין ווילאַץ האָלמסען צו זיי גלייכן, ווילאַץ האָלמסען, בעת ער איז נאָך געווען אַ קינד.

און אַט איז ווילאַץ האָלמסען אַפילו נישט געקומען אויפן אָוונט. ניין, זינט אַנטאָן קאָלדעווין איז ווידער אַוועקגעפאָרן, האָט ווילאַץ ווידער געקאָנט זיין דער הערשער איבער זיך און האָט גענומען פלייסיק אַרבעטן. ער האָט צו איר — צו דער ליבער פרוי קריסטינע! — געשיקט אַ צעטל, ווו ער דאַנקט פאַר דער איינלאַדונג און ער לאָזט גריסן איר מאַן, ער איז אָבער געבליבן זיצן אין

דער היים ביי זיין אַרבעט און ער איז גליקלעך, וואָס ער איז געקומען צו אַזאַ מצב, דעריבער האָט ער נישט געהאַט קיין מוט צו קומען צו דער פייערונג.

— יאָ, יאָ, — האָט איר מאַן געזאָגט — אָבער דער דאָקטאָר מ׳אוס איז יאָ געקומען און הער און פריילין האַלמענגראַא אויך און די פרוי לאַנדמאַרק מיט אירע טעכטער אויך!

דער אַדוואָקאַט וואָלט געקאָנט אויסרעכענען מערער מענטשן: דעם וואָג פון אורא, דעם רעדאַקטאָר און דעם זעצער פון דער זעגלפאָסער ציימונג, דעם סוחר העגריקסען פון אוטוועד, די ביידע טעכטער פונם אַלטן קרעמער, די פריילינס יענסען, וואָס האָבן זיך פיין באַנומען, געטראָגן זייגערלעך מיט קייטלעך פאָרנט אויף דער ברוסט און זענען געוואָרן געבילדעטע דאַמען, אָבער טעאָדאָר, זייער ברודער, איז נישט געקומען, צוליב דעם סיכסוך און דער שנאה צום אַדוואָקאַט.

אַלע געסט זענען זיך צונויפגעקומען אין גאָרטן, עס איז געווען, וואָס אַן אמת, שפּעט אין זומער, דאָס מוז מען מודה זיין, פונדעסטוועגן איז נאָך אפשר געווען וואַרעם און שיין, און קיינער האָט זיך נישט געניטיקט אין קיין מאַנטל. דאָס הייסט, פלאָרינע האָט, נאַטירלעך, יאָ געטראָגן איר געל-זיידענעם מאַנטל, אָבער אַזוי איז אַלעמען געווען נאָך גענוג וואַרעם. און דער גאָרטן אָדער פּאַרק איז איצט געשטאַנען אין זיין גאַנצער פּראַכט מיט אַלע זיינע ביימען און קוסטעס און אַנדערע הערלעכקייטן, גיט נאָר אַ קוק, אַלץ איז דאָ געווען, קיין זאַך האָט נישט געפעלט: דער פאָנטאַן האָט געהאַט זיין וואַסער-שטראַל, אין די גראָז-ביימן האָבן געהאַט גרינעם גראָז, און די וועגן קיזל-שטיינער. און איצט האָט מען נאָך איינגעקויפט באַזונדערע זאַכן צו דער פייערונג, אַסאַך הילצערנע בענק מיט אַסאַך קיילעכ-דיקע טישן, און די טישן האָבן געהאַט בלעכן, וואָס האָבן נאָכגעגעבן מיט אַ שטאַרקן בּאַנג, ווען מ׳האָט אויף זיי עפּעס אַוועקגעשטעלט.

יאָ, דאָס איז אייגנטלעך פאַרגעקומען די ריכטיקע פייערונג, דער נייער פאָטאָגראַפיסט האָט דאָ אַראָפּגענומען די גאַנצע געזעלשאַפט, כל-זמן ס׳איז נאָך געווען ליכטיק, אין דאָ האָבן די מענטשן פאַר-בראַכט ביז אַ שטיק אין דער נאַכט. אָבער די פיינערע און אָנגעזעענערע געסט, זענען נאָך שפּעטער אַרויף אויף דער וועראַנדע,

אָדער זיך געזעצט אַפילו אין שטוב, געטרונקען פּונטש, אָנגעקלאַפּט זיך און פאַרבראַכט. עס איז אויף דער דאָזיקער פייערונג געווען זייער געמיטלעך, און דאָקטאָר מואוס האָט זיכער אויסגעדריקט די אַלגעמיינע כוונה, בעת ער האָט אויפגעהויבן דעם כּוס און געהאַלטן אַ רעדע וועגן דעם גאָרטן און וועגן דעם אַדוואָקאַט ראַש שטוב. ניין, ס'אַרא כּוח פונם דאָקטאָר מואוס זיך אַוועקצושטעלן און רעדן און צו פאַרכאַפּן אַ גאַנצע געזעלשאַפט! דאָס ערגסטע ביי אים זענען געווען זיינע פאַרקריפּלטע אויערן, אָבער זיין גאַנץ פּנים האָט געשטראַלט פון גייסט, און די ברילן זענען געזעסן אויף זיין נאָז, ווי ביי אַ יאַפּאַנישן געלערנטן. דעם דאָזיקן אָוונט האָט זיין רעדע געהאַט אַ סימבאָלישע באַדייטונג, ווייל דער דאָקטאָר האָט איצט באַקומען אַ שטעלע אין לאַנד און עס איז געווען ערב זיין אַוועקפאָרן. ער האָט געלויבט דעם גאָרטן און די פּאַרק-פאַרפלאַנצונגען, ער האָט אָבער געזאָגט, אַז עס פעלן נאָך נאַכטיגאַלן, עס זענען, וואָס אַן אמת, ווייטער צום דרום נאָך אויך נישטאָ קיין נאַכטיגאַלן, אָבער ער, וואָס האָט זיך בדעה אַהין אַריבערצוקלייבן, וועט זיך פאַרט דערנענטערן צו זיי...

— זייט באַגריסט, איר אַלע, וואָס איר וועט קומען אין דרום!

— בעסטן דאַנק! — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט ראַש.

— בעסטן דאַנק! האָט אויך געזאָגט פרוי לאַנדמאַרק, זי האָט אַפילו אַרויסגעצויגן איר מאַשנטיכל, געפאָכעט צום דאָקטאָר און גערופן: בראַוואָ!

דער בריג-אויפזעער האָט פאַרזאַמלט זיינע מענטשן פאַר דער וועראַנדע, זיי האָבן אָפּגעהוסט און האָבן זיך ריין געמאַכט די גאָרגלען און גענומען זינגען:

„אין פרילינג-גלאַנץ פון יוגנט
און אין דער ליבער זומער-צייט!“

איצט איז געקומען די ריי פון אַדוואָקאַט ראַש. ער האָט אַ קלונג געטון מיט זיין בינטל שליסלען אין דער קעשענע, ער האָט אויסגעזען שרעקלעך דיק, ער האָט אָבער גערעדט זיכער און פאַרשטענדלעך. נאַכטיגאַלן, האָט ער געזאָגט, ניין, ער האָט זיי טאַקע נישט, ביז איצטער נאָך נישט, ער האָט אָבער אַלצדינג איינגעפירט אין זעגלפאָס און דעריבער האָט ער אין אַ געוויסער מאָס געגעבן

אַ ביישפּיל. וואָס איז געווען דער דאָזיקער פּלאַץ, איידער ער איז געקומען? פעלד. און וואָס איז ער איצט? אַ פּאַרק מיט פאָנטאַנען, מיט בוימער פון פרעמדע לענדער; אונטער זיינע הענט האָט זיך דאָס פעלד באַקליידט, ער האָט אויפגעשטעלט אַ ווילע אין מאָדערנעם סטיל, אַזוי ווי אין דרום, און אַ חוץ דעם פירט ער נאָך אונטער־האַנדלונגען מיט אייניקע גיסערייען וועגן צוויי קונסט־ווערק פאַר גאָרטן, אָבער — דאָס איז נאָך נישט אַלץ, ער, דער אַדוואָקאַט, איז מיט דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג אויסן נאָך אַ טיפערן צוועק; איצט, אין דער קעגנוואַרט פון אַזוי פיל איינפלוסרייכע מענער און פרויען, לייגט ער פאָר צו גרינדן אַ פאַריין צום גונסטן פון זעגלפּאָס — אַלס פאָרזיצנדן קאָן מען פון זיינטוועגן אויסקלייבן וועמען מ'וויל, דערוויילוויל ער דאַנקען די אָנוועזנדיקע פאַר זייער קומען, יאָ, דאַנקען יעדן איינציקן אין זיין פרויס נאָמען, און ער הויבט זיין כוס צו דעם טרייען פריינט פון זיין הויז, וועלכער פאָרט איצט אַוועק, צום דאָקטאָר מואום!

הוראַ און בראַוואָ און געזאַנג פון דעם געזאַנג־פּאַוויין.

אָבער דערמיט האָט זיך נאָך דער אָוונט נישט געענדיקט. פיל פון די געסט זענען אַוועק אַהיים, הער און פריילין האָלמענגראַאַ זענען אַוועק, און דער וואָיט פון אורא איז אויך אַוועק מיט זיין פריינדין, פריילין האָלמענגראַאַ. אָבער דער דאָקטאָר איז נישט אַוועק. פרוי לאַנדמאַרק מיט אירע טעכטער זענען אויך נישט אַוועק, און די דאָזיקע געסט זענען געבליבן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט און זיך ווייטער געוויילט.

און אין אַדוואָקאַטס דירה האָט מען באמת געקאָנט זיצן מיט פאַרגעניגן. דאָ איז נישט געווען קיין מאָדערנע נאַרישקייטן מיט יוגנט־סטיל און פיר־עקיקע לאָמפּן און געמעלן פון יונגע קינסטלער, דאָ איז געווען סאָלידע בירגערלעכקייט, דער געשמאַק פון באַלעבאָס איז געווען אַ געווירשנמער, אַן אַלטע גענעראַציע פון באַאַמטן האָט אים אַנטוויקלט, אָבער מ'האָט זיך עס אויך געקאָנט פאַרגינען! דאָ איז געשטאַנען אַ ביכער־שאַנק מיט גלעזערנע טירן, און אַזוי ווי אַלע דיכטער זענען שוין געווען טויט, איז אין דער שאַנק נישט געשטאַנען קיין ווערק פון קיין לעבעדיקן, עס זענען נאָר געשטאַנען דיכטער אין פראַכטפולע דיוואַנעס און פירעקיקע טעפּיכער פון געוועבטן

גאָבעלין זענען געהאָנגען אויף די ווענט, און אויף קליינע טישלעך זענען געלעגן צוויי גרויסע אַלבאָמען מיט די בילדער פון ראַשס קרובים און זיינע פריינט, יאָ, און חוץ דעם זענען אויך געלעגן די גליק-ווונטשן צו הער און פרוי ראַשס חתונה, געבונדן צוזאַמען אין איין בוך, און אויף דעם די דאַטע מיט גאָלדענע אותיות! אויף דער עטאַזשערקע זענען געשטאַנען נאָכגעמאַכטע, אַלטערטימלעכע לייכטער, אַזוי ווי מושלען, און שיינע שטיינער און גלעזערנע פלעשער און ווייַנאַכטס-מתנות אין פאָרם פון טינטערס און פיגורן פון רויען פאָרצעליי. דאָס אַלץ איז געווען געירשנטע קולטור, אָבער אַדוואָקאַט ראַש האָט בשום אופן נישט געהאַט אין זיך בלויז ירושה און מער נישט! ער האָט, אַזוי גוט ווי דאָקטאָר מואוס, זיך אָנגעשטעקט אַביסל אויך פון דער מאָדערנער צייט, אויף ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט פאַראייניקן מיטן אמתן געשמאַק, מיט וועלכן זיי זענען געבוירן געוואָרן. אָט אַזוי, למשל, איז דאָקטאָר מואוס, בעת ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָט, געזעסן אויפן דאַמפער מיט עטלעכע האַנדלס-רייזנדע צוזאַמען, זייער אונטערהאַלטונג און זייער אויסזען זענען פאַר אים געווען גאָרנישט מיט גאָרנישט. אָבער זיי זענען אים געוואָרן אויפפאַלנד און זענען אים געפעלן געוואָרן מיטן מעסער, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן לייכט, ווי אַ פעדער. דעם דאָזיקן גאַנג פון דער מאָדערנער צייט האָט דאָקטאָר מואוס איבערגענומען, און מיט אַ קליין ביסל איבונג האָט ער גענומען וואָס אַ מאָל געשיקטער שניידן פלייש, פונקט ווי מיט אַ פעדער-האַלטער. עס האָט נישט גענומען קיין לאַנגע צייט, און דער אַדוואָקאַט האָט עס גענומען נאָכטון, און האָט זיך אויסגעלערנט זיך באַגיין מיט אַ מעסער, אָבער נאַטירלעך האָט ער געמוזט אויסלערנען זיין פרוי די קונץ זייער פאַמעלעך, ווייל זי האָט זיך קיין שום זאַך נישט אויסגעלערנט פון זיך אַליין, דאָס ווייב. אָבער דאָקטאָר מואוס איז נישט געווען באַזונדערס באַגייסטערט, בעת ער האָט געזען זיין קונסט ביים אַדוואָקאַט אין די הענט, און גאָט ווייסט, צי אַ מענטש, וואָס האָט אַזוי פיל געגעסן און געהאַט פינגער ווי די ווורשטלעך, צי אַזאַ מענטש האָט געקאָנט זיין פון אַ פיינער פאַמיליע! בעת דער אַדוואָקאַט האָט געטענהט, אַז ער האָט אַן איידעלן מאָגן, איז עס זיכער געווען געמאַכט. דאָקטאָר מואוס אָבער האָט באמת געהאַט אַן עבמן, איידעלן מאָגן, וואָס

איז געקומען צו דער דאָזיקער פאַרפיינערונג דורך אַ גאַנצער ריי דורות.

— ווי שיין די זינגערין האָט געזונגען! — האָט פרוי ראַש געזאָגט צו די דאַמען לאַנדמאַרק, כדי צו פאַרבינדן אַ שמועס.

— אַזוי מיינט איר? יאָ, יאָ, אוודאי, — האָט געענטפערט פרוי לאַנדמאַרק — מיר פון דרום זענען פונדעסטוועגן געוווינט צו גאַנץ אַנדערע געזאַנגען.

— אַך, איך האָב נאָר געמיינט, אָבער דאָ איז דאָך געווען גאַנץ פיין, פונדעסטוועגן בין איך נישט קיין שטאַרקער מבין אויף געזאַנג.

— דיך איז אַזוי לייכט צופרידנצושטעלן, ליבע קריסטינע — האָט איר מאַן געזאָגט — אָבער פון איין זאַך פריי איך מיך, וואָס מיר האָבן געגרינדעט דעם זעגלפאַבער, וווּלטעטיקן פאַריין, דערפון פריי איך מיך באמת זייער שטאַרק.

דער דאָקטאָר האָט צו יעדער צייט פאַרשטאַנען — יאָ, צו יעדער צייט — צו געבן אַ ריכטיקן ענטפער. ער האָט אויפגעהויבן זיין כוס און געוווּנטשן זיין פריינט גליק צו זיין נייעם אויבן־אָן.

— נו יאָ, — האָט דער אַדוואָקאַט גלייכגילטיק געענטפערט — מען איז זיך מקריב פאַר די פריינד. אָבער איצט מוזן מיר צושטאַנד ברענגען אַ באַזאַר און מאַכן געלט. דאָס איז ראשית, און איך בעט צו רעכענען אויף דער מיטהילף פון דער יונגער דאַמע לאַנדמאַרק.

— די דאָזיקע פריילין האָלמענגראַא מאַכט נישט קיין באַזונדער סימפּאַטישן איינדרוק, — האָט באַמערקט איין פריילין לאַנדמאַרק.

— ניין, איין גאָט איז אָן עדות. — האָט צוגעשטימט די צווייטע פריילין לאַנדמאַרק.

— לויט מיין מיינונג קאָן מען אייגנטלעך נישט קיין סאַך ערוואַרטן פון אַ דאַמע, וואָס האָט נישט הינטער זיך קיין גרעסערע ריי דורות פון געבילדעטע אָבות, — האָט דער דאָקטאָר מוּאוּס דערקלערט.

— און אויסער דעם האָט זי אַ גאַנץ געלע הויט! צי נעמט זיך עס פון אַ שלעכטן מאָגן, הער דאָקטאָר?

— הו, רעדט נישט פון קיין שלעכטע מאָגנס! — האָט אויסגערופן דער אַדוואָקאַט.

דער דאָקטאָר האָט פאַרהערט זיינע ווערטער און געענטפערט:

— ניין, דאָס איז געירשנט, אומבאַדינגט געירשנט. ווער עס ווייסט עפּעס פון דער וויסנשאַפט וועגן די ראַסן, וועט גאָרנישט צווייפלען אין דעם. פריילין האָלמענגראַא האָט אין אירע אָדערן אינדיאַניש בלוט, זי איז דאָס, וואָס מיר רופן: קווינטעראָנע.

— ווי מאָדנע, אַן אינדיאַנערין! — האָט אויסגערופן איינע פון די פריילינס לאַנדמאַרק.

— אַך, ווי מען קאָן גאָר וועלן זיין אַן אינדיאַנערין! — האָט געזאָגט די צווייטע פריילין לאַנדמאַרק.

— דער וואָיט פאַרשאַפט מיר עגמת-נפש. — האָט זיך אָפּגערופן דער אַדוואָקאַט, ווי פון זיינע אייגענע געדאַנקען אַרויס. — עס וועט קומען ווען-עס-איז צו אַ גרויסער מפּלה. איך האָב מורא, אַז איך וועל מוזן איינגיבן פאַרפירן קעגן אים אַ פּראָצעס.

— צי פאַרלעבט ער אַזוי פיל געלט איבער זיינע מעגלעכקייטן? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

— אַך, וואָס, ער האָט נישט קיין ענערגיע. — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט מיט פאַרדרוס. — ער האָט געקאָנט פאַרדינען מאַסן געלט; אָבער ער ווייסט נישט, ווי זיך צו נעמען דערצו, און אויב ער קריגט שוין יאָ עפּעס אַריין, ווייסט ער נישט, ווי עס איינצוהאַלטן. איצט, למשל, בעת מיר, וואָס מיר קאָנען זיך עס פאַרגינען, האָבן געגעבן אויף זעגלפּאָסער וווילטעטיקע צוועקן צו פינף קראָן, האָט דער וואָיט נאַטירלעך אויך געדאַרפט געבן דאָס זעלבע! אָבער דער דאָזיקער מענטש האָט זיך עס נישט געטאָרט פאַרגינען; פּופּציק ער וואָלטן אויך געוועזן גענוג פאַר אים.

— איך האָב היינט אין אָוונט נישט געזען דעם טעלעגראַף-באַאַמטן. צי קומט ער אין ערגעץ נישט? — האָט איין פריילין לאַנד-מאַרק געפרעגט.

— איר קענט אים דען? — האָט זיך נאָכגעפרעגט דאָקטאָר מואוס.

— ניין, מיר זענען נאָר איינמאָל געוועזן דאָרט און טעלעגראַ-פירט. האָט די צווייטע פריילין לאַנדמאַרק געענטפערט.

— ניין, ער קומט אין ערגעץ נישט. — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט. — אַ מענטש, וואָס מאַכט נישט קיין שום באַזוכן, ווערט

אַלנפאַלס אין מיין שטוב נישט איינגעלאַדן, עס זענען דאָ געוויסע פּאַרמען, ביי וועלכע געבילדעטע מענטשן מוזן זיך האַלטן, וואָרן אַנישט פאַרלירט זיך סוף־כל־סוף יעטוועדער אונטערשיד.

— אָבער דאָס לעצטע ליד איז מיר זייער שיין אויסגעקומען. — האָט זיך אָנגערופן פרוי ראַש. — ווי מיינט איר, פרוי לאַנדמאַרק?

שמייכלענדיק און אַן אַ שיר נאָכגיביק, ענטפערט דער אַדוואָקאַט זיין פרוי און ער זאָגט:

— דאָס איז טאַקע אין דיר דאָס שיינע, פרוי קריסטינע, וואָס מ׳קאָן דיך אַזוי לייכט צופרידנשטעלן.

פרוי לאַנדמאַרק זאָגט:

— און דער דאָזיקער יונגער האַלמסען, אין דעם פּריציש ן הויף, ווי מען זאָגט ביי אייך, — דאָס איז אַ פיינע דירה, אָבער אַ פּרישער הויף! עס זענען דאָ אין צפון זייער ווייניק פּריצישע הויפן. דער אייגנטימער זאָל זיך דאָ ווידער באַזעצן?

— יאָ, אפשר. — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, גלייך ווי ער וואָלט געגוי נישט געוווסט, און גלייך ווי די גאַנצע זאַך וואָלט נישט בדאי געווען צו וויסן.

— ער איז הייניטיקן אָוונט אויך נישט געקומען?

— ניין, ער געהערט אויך צו די, וואָס זענען נישט צוגעבונדן צו קיין העפלעכקייטס־פּאַרמען, — האָט געענטפערט דער אַדוואָקאַט — אָבער איך האָב אים איינגעלאַדן מיין פרוי צו ליב — מען איז זיך שטענדיק מקריב פאַר די אייגענע — זי האָט אים געקענט פון אייביק אָן, אָבער דער סוף איז, אַז ער איז נישט געקומען.

— ער האָט דאָך אָפּגעזאָגט און זיך אַנטשולדיקט, — האָט זיין פרוי אַריינגעוואָרפן — מיט זייער אַן העפלעכן קאַרטל.

— עס האָט אים ׳נאָך געפעלט, ער זאָל נישט ענטפערן העפלעך, נאָכדעם ווי איך האָב אים אַרויסגעוויזן אַזאַ פריינדלעכקייט און אים איינגעלאַדן.

— אַ מאָדנע זאַך, עס זענען דאָ מענטשן, מיט וועלכע איך קאָן נישט ווערן היימיש. — האָט דער דאָקטאָר מואוס געזאָגט. — אויך מיט זיין טאַטן האָב איך נישט געקאָנט קומען אין קיין פריינדלעכע באַציונגען, מיט אַ מענטשן, וואָס איז געווען אַ לייטענאַנט. ער האָט

געמיינט, אַז ער וועט קומען צו מיר און ער וועט שפּילן דעם אַריסטאָקראַט, — אָבער ער האָט געטראָפן דאָס אָרט!

דאָ איז צוגעקומען דאָס דינסטמיידל פלאָרינאַ און געזאָגט:

— אָט איז אַ טעלעגראַמע, וואָס איך האָב געפונען אויפן אָרט, וווּ דער הער מיל-אייגנטימער איז געזעסן.

אַ טעלעגראַמע צו הער האָלמענגראַאַ; זי איז געווען געעפנט:

„פּוערטאָ ריקאָ, דעם און דעם, צוויי הונדערט מיט צוואָנציק טויזנט פאַר אַ שיף, פאַר דער „סאָווע", ענטפער ביז דער און דער שעה, פעליקס".

— פעליקס איז דער מיל-אייגנטימערס זון — האָט דער אַדוואָקאַט דערקלערט — ער זאָל אָנווערן אַזאַ וויכטיקע טעלעגראַמע! גיי שוין, טראָג עס אַרויף דעם הער האָלמענגראַאַ, פלאָרינאַ!

די דאָזיקע גרויסע געלט-סומע האָט אין דעם דאָזיקן אויגנבליק אַלעמען שטאַרק איבערראַשט, פּונקט ווי דאָס געלט וואָלט אַראָפּגעפאַלן גלייך אויפן טיש. דערנאָך האָבן זיי גענומען אַרומרעדן די זאַך:

— צוויי הונדערט מיט צוואָנציק טויזנט — זאָל אונז גאָט שומר ומציל זיין פון אַזעלכע געשעפטן און פון אַזעלכע רייכטימער, מיט וועלכע דער דאָזיקער מענטש האָט צו טון!

אַפילו דער אַדוואָקאַט איז געווען אינגאַנצן מבולבל:

— ער ווייסט גאָר אַליין נישט, ווי רייך ער איז!

אָט די אַלע קליינע מענטשעלעך האָבן מיטאַמאָל אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין עפּעס אַן אַנדער גרויסקייט, אַנדערש ווי זייער אייגענע, און עס האָט געדויערט אַ שפּאָרע ווייל, איידער זיי זענען געקומען צו זיך. דער וווּנדער-מענטש האָלמענגראַאַ האָט אָנגעווירן אַ טעלעגראַמע, פלאָרינאַ איז עס אים איצט געגאַנגען אָפּטראָגן — יאָ, ווייל ס'איז דאָך נישט מעגלעך, ער זאָל זי האָבן אָנגעווירן בכיוון?

פרוי לאַנדמאַרק פון דער פאַראַפּיע איז געווען פאַרטון אין אירע אייגענע מחשבות, זי האָט געזאָגט:

— פעליקס, — דאָס איז אַ שיינער נאָמען, נישט אמת, קינדער?

יאָ, די מיידעלעך איז אויך געפעלן געוואָרן דער נאָמען.

— ער קומט נישט אַמאָל אַ היים? — האָבן זיי געפרעגט.

— אהיים? — ער איז דאָך אין דער היים, — איז דאָקטאָר מואוס געוואָרן אויפגעבראַכט — ביי זיינע ברידער. — האָט ער צו-געגעבן.

פון פארק האָבן זיך געלאָזט הערן געלעכטערס און פאַרליבטע מורמלערייען און לייכטע געשרייען; גאַנץ שפּעט, הייסט עס, איז נאָך נישט געווען. ווען אָבער די מורמלעריי און די געשרייען האָבן לאַנג אָנגעהאַלטן און, משמעות, נישט בדעה געהאַט אויפצוהערן, האָט זיך דאָקטאָר מואוס אָנגערופן צום אדוואָקאַט:

— הערט נאָר, דאָס זענען אייערע ווײַלער, וואָס איר דערלויבט זיי אַזוי פיל?

דאָס האָט געטראָפן, און דער אדוואָקאַט האָט אַ ווײַלע אויסגעזען, ווי מען וואָלט דורכגעדרונגען זיינע כוונות, ער האָט געענטפערט:

— ווי באַלד מיר האָבן אונזער פאַרגעניגען, מוז איך אייך זאָגן, אַז איך פאַרגין די אַרבעטער זייערן.

— קלוגער קאָדי, האָסט ריכטיק געזאָגט, און דיינע ווערטער זענען לויטער ווי גאָלד. — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט און פאַרריכט דאָס, וואָס ער האָט פריער קאַליע געמאַכט. — מיר אַלע ווײַלן, פאַרשטייט זיך, שטימען פאַר אייך, איר האָט עס כשר פאַרדינט. איר דאַרפט מיך נישט שלעכט פאַרשטיין.

— עס איז אויסער יעדן צווייפל, אַז זיי אַלע האָבן מער ווי-טיי מיט צובייסן נישט גענאָסן, — האָט זיך דער אדוואָקאַט געלאָזט איינגעמען. — איך האָב עס באַמערקט דעם גאַנצן אָוונט, איצטער וויל איך...

ער איז אויפגעשטאַנען און אויסגערופן פון דער ווערענדע אין בין-השמשות אַריין, אַז אַלע מוזן איצט פאַרלאָזן דעם פאַרק און גיין אַהיים. און:

— איך דאַנק אייך, וואָס איר זענט געקומען!

יאָ, דער קלוגער קאָדי, ער וואָלט בעסער געוואָלט איינאָרדנען די גאָרטן-פייערונג נישט אַזוי שפּעט אין זומער. עס איז נאָך טאַקע געווען לינד און וואַרעם, עס איז שוין אָבער געווען גענוג טונקל, די געוויקסן האָבן אַביסל געליטן, די גראָז-פלעצער האָבן געליטן, די קיזל-שטיינער ביי די וועגן זענען אין פיל ערטער צעוואָרפן געוואָרן.

און ווען ס׳איז דערשינען די זעגלפּאָסער צייטונג, איז געשטאַנען אין לייט-אַרטיקל, אַז אַדוואָקאַט ראַש וועט שוין מער אין זיין פּאַרק קיין פאָלקס-פּאַרווײַלונגען נישט אײַנאָרדנען. עס איז אַ גרויס ער שאָד, האָט געשריבן דער בלאַט, ווײַל דער הער אַדוואָקאַט און דאָס פאָלק זענען געווען אין גוטע באַציִונגען, אָבער איצט האָט דאָס פאָלק גופא די דאָזיקע שיינע באַציִונגען צעשטערט. נאָך דער פייערונג זענען זייער פיל געוויקסן געווען צעטרעטן, און אין די קוסטעס האָט מען געפונען נישט ווייניקער ווי אַכצן האָר-קעמלעך, צווישן זיי איינע מיט אַ רויטער פּערל.

„אַז דאָס איז אַ געמיינהייט, וועט קיינער נישט לייקענען“, האָט די צייטונג געשריבן, „און מיר מיינען, אַז דער עולם וועט דעם אַדוואָקאַט ראַש פאַרגיטיקן דערמיט, וואָס ער וועט שטימען פאַר אים בעת די וואַלן, אַלע ווי איין מאַן!“.

ווײַלן דעם אַדוואָקאַט?

אָבער דער קלוגער קאַדי וואָלט נישט געוואָלט אָפּשלעפּן אַזוי לאַנג די פייערונג. די אונטן זענען שוין געווען טונקל, און אין דער טונקלקייט געשעען אַ סאַך זאַכן. פאַרוואָס האָט די סראָקע געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן? אַהאַ, עס איז געווען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פּשוטער איינברוך ביים הער האָלמענגראַאַ, בעת ער און זיינע בני-בית זענען געווען אויף דער פייערונג, און די שטוב איז געבליבן אַליין. אַן איינברוך אין זיין שפּייכלער, אַ שטאַרקע גנבה, פליייש און וווּרשט און פּוטער און לאַקס און קעז און לעקער אין טעפּ, גרויסע שטיקער פליייש, פון יעדער זאַך צוביסלעך. יאָ, דאָס האָט אָנגעזאָגט דער סיוראַס געשריי.

ווען פרוי אירגענס איז געקומען אַהיים, איז זי באַלד צוגעגאַנגען צום קעסטל מיט די שליסעלעך אַ קוק טון, צי אַלע שליסלען זענען דאָ אויפן אָרט. פרוי אירגענס איז געווען אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע, און אפשר האָט זי מאָקע עפּעס חושד געווען, יעדנפאַלס האָט זי נישט גערוט די גאַנצע צייט, זינט ס׳איז פאַרפאַלן געוואָרן דער שליסל פון שפּייז-קעמערל. האָט זי גענומען אַ ליכט און איז אַריין אין קעמערל. דאָ האָט זי באַלד דערזען, אַז דער חורבן איז פאַרטיק, און איר געשריי האָט די גאַנצע שטוב געשטעלט אויף די פיס; געשריגן האָט אויך דער וואַיט, וואָס איז גראָד געווען נישט ווייט, און דער וואַיט האָט אַ נעם געטון דאָס ליכט און געגוי

געניטשטערט אין אַלע ווינקעלעך און געפונען דאָס, וואָס איז נאָך געווען צו געפינען. ליידער, איז געווען נישט קיין סאַך. שפּורן פון טריט אויפן הויף זענען אָפּגעווישט געוואָרן פון אַנדערע טריט, און דער גנב האָט נישט געלאָזט קיין שום מעגלעכקייט אים נאָכצושפּירן. אָבער אַזוי פיל האָט דער וואַיט דאָך יאָ אַנטדעקט, און די איבעריקע אויך, אַז דאָס קליינע הענג-שלעסל, פון דעם שפּייז-קעמערל איז געעפנט געוואָרן, דאָס הענג-שלעסל, וואָס איז די גאַנצע צייט געהאָנגען אויף דער טיר אומבאַרירט; איצט אָבער האָט מען אין דעם שליסל-לאָך דערקענט אין דעם זשאַווער פרישע צייכנס. דער שלאָס איז געווען אין פולשטענדיקער אָרדנונג, מען האָט אים, הייסט עס, געעפנט מיט אַ שליסל און צוריק צוגעשלאָסן.

— ווען איר וואָלט אָבער מיטגעבראַכט אַ שלאָס פון שטאָט, הער האַלמענגראַא! — האָט פרוי אירגנס, וויינענדיק אין קלאָגנדיק, גערעדט. — אָבער דאָס איז מיין שולד. — האָט זי געזאָגט און זיך נאָך שטאַרקער צעבליִעט — איך האָב דעם שליסל קיינמאָל נישט געדאַרפט אַרויסלאָזן פון האַנט און געדאַרפט האַלטן אים אַפילו ביינאַכט.

יאָ, ס'איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה, אָבער הער האַלמענגראַא גופא האָט די זאַך אויפגענומען זייער געלאַסן און געהאַלטן, אַז מ'וועט זיך איינקויפן פריש געפעקלט פלייש.

— קומט, לאָמיר דערווייל גיין! קומט, הער וואַיט!

אָבער בעת זיי זענען נאָך אַלע געשטאַנען אַרום, איז אָנגעקומען דער קנעכט מאַרטין פון הויף, און איידער ער האָט נאָך דערהערט דאָס וואָרט גנבה, האָט ער זיך אָנגערופן אויפן קול, אַזוי אַז אַלע האָבן געהערט:

— דאָס האָט געטון לאַרס מאַנועלסען.

אַלע שווייגן.

— אַזוי מיינסטו? — האָט דער וואַיט געפרעגט.

— יאָ, אַזוי זאָג איך!

דער קנעכט מאַרטין האָט, משמעות, בשום אופן נישט בדעה געהאַט צו שוינען לאַרס מאַנועלסען.

— האָסט אים אַליין געזען?

— יאָ, איך האָב אים באַגעגנט, בעת ער האָט געטראָגן דאָס

פעקל, און אַלע יאָהאַן האָט אים געטראָפן, און אונזער פעטער האָט אים געטראָפן, מיר האָבן אים זאַלבעדריט געטראָפן, מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען.

— ווו האָט איר אים געטראָפן ?

— דאָ ! — האָט דער קנעכט מאַרטין געענטפערט און געמאַכט עטלעכע האַסטיקע שריט צו דער גאַס.

דער וואַיט האָט געהאַלטן דאָס ליכט אין דער הויך און געלאָזט פאַלן די שיין אויף הער האָלמענגראַאַס פנים, ער האָט אָבער קיין שום פראַגע נישט געשטעלט. הער האָלמענגראַא האָט גאָרנישט געזאָגט.

— וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפעט אין אָוונט ? — האָט דער וואַיט געפרעגט.

דער קנעכט מאַרטין האָט געענטפערט :

— נישט כדי צו גנבענען. מיר אַרבעטן אין דעם גוט זעגלפאָס, ביי ווילאַק האָלמסען. ניין, עס איז געווען אַזוי : מיר האָבן דער־הערט, ווי די סראָקע האָט זיך מוראדיק צעשריגן, רופט זיך אָפּ אַלע יאָהאַן — ער איז גראָד געווען ביי אונז — און ער האָט ליב אומעטום אַריינצושטעקן זיין נאָז — קומט, לאָמיר אַ קוק טון, וואָס די סיורא מאַכט אַזעלכע געוואַלדן ! און אָט אַזוי זענען מיר אַרויס־געגאַנגען.

ווידער האָט דער וואַיט אַ ליכט געטון דעם הער האָלמענגראַא אין פנים אַריין ; אָבער הער האָלמענגראַא האָט געזאָגט קורץ און שאַרף :

— לאָמיר שוין דאָ נישט שטיין און פלוידערן !

און ער איז אַרויף אין שטוב.

דער וואַיט האָט נאָך געשטעלט עטלעכע פראַגן.

— לאַרס, זאָגסטו ? ער האָט עפעס גערעדט צו אייך ? אָדער איר צו אים ?

— איך האָב אים געזאָגט גוטן אָוונט, אָבער ער האָט נאָר עפעס אַ ברום געטון און איז געגאַנגען וויטער, מער האָבן מיר נישט גערעדט.

— און איר האָט אים גענוי דערקענט ?

— מיר קאָנען שווערן, אויב ס'וועט זיין נויטיק. גוטער,

ליבסטער הער, מיר קענען אלע זייער גוט לארס מאנועלסענען מיט די קנעפ פון זיין קורטקע און מיט זיין פארוק, ער האט געטראגן א שטיינערנעם טאפ אונטערן ארעם.

— דאס איז געווען דער טאפ מיטן איינגעמאכטס! — האט פרוי אירגענס אויסגערופן. — די מאלינעס! — האט זי געזאגט. — געוואלד, גאט מיינער, ווען איך קריג אים איצט אריין אין מיינע הענט!

פריילין מאריאנע האט גענומען דעם וואיט, און זיי זענען אריין אין שטוב. דער עולם איז זיך צעגאנגען.

אבער הגם הער האלמענגראא האט אויך שפעטער נישט איבער־גערעדט קיין ווארט וועגן דער גנבה אדער וועגן דעם גנב, פונדעסט־וועגן איז זיך די ידיעה צעגאנגען איבער דער גאנצער געגנט. צופיל מענטשן האבן דערפון געוווסט. די זעגלפאסער צייטונג האט אויך אזא מעשה נישט געקאנט פארשווייגן, זי האט געבראכט די ידיעה אין א באזונדער יורידישן ארטיקל, פון וועלכן ס'איז געווען קענטיק, אז ער איז געשריבן געווען דורך דעם אדוואקאט ראש אליין; דער ארטיקל האט געשפריצט מיט האס און צארן.

ס'איז אנטשטאנען א גרויסע מהומה, אבער דער גנב האט זיך געמוזט פילן אויסערגעוויינלעך זיכער, עס איז געווען אין דער גאנצער געשיכטע עפעס אלגעמיין־באקאנטעס, עפעס כמעט דראָענדיקס. דער האטעל לארסען האט, משמעות, אויך הנאה געהאט פון די פיינע פליישן, ווייל מיטאמאל איז ער געווארן אן אויסערגעוויינלעך גוטער האטעל, אזוי האבן לפחות געטענהט די עטלעכע וואיאזשארן, וואס זענען געקומען מיט עטלעכע הארבסט־ארטיקלען אין געוועלב, זיי האבן געזאגט, אז זיי האבן זיך קיינמאל נישט געריכט צו געפינען אין 'שטעטל אזא פיינעם האטעל, און אז זיי וועלן אים אומעטום רעקאמענדירן. פון וואנעט נעמען זיך עפעס צום האטעל לארסען אין מיטן דרינען אזעלכע דעליקאטע, גערויכערטע פליישן, לאקס און ווורשטן און מאלינעס־איינגעמאכטס, מכבד צו זיין די געסט? צי האט עס נישט געהאט קיין שייכות מיט הער האלמענגראאס לעצטן נאכט־אויספלוג? וואס דען, ניין? מאנועלסען איז געווען דאווערדאנעס טאטע, און דער האטעל־אייגנטימער איז געווען דאווערדאנעס ברודער, אפשר האבן זיי ביידע געוווסט, וואס זיי האבן צו טון.

אבער זעגלפאס האט זיך נישט געקאנט שטילן; עס איז

שוין נישט געווען די שטילע, אומשולדיקע זעגלפּאָס, וואָס אַמאָל אומלשולדיק?

— זעגלפּאָס איז געוואָרן אַ רינגשטאָק פון אויסגעלאַסנקייט, — האָט אַפילו לאַרס מאַנועלסען געזאָגט — און איך וועל עס שרייבן מיין זון לאַרסען.

און שטיל? ניין, דאָ איז נישט געוועזן שטיל, דאָ איז אַלצדינג פאָרגעקומען אין קליינעם מאַסשטאַב, און הגם דאָס אָרט איז נישט געווען גרויס, פונדעסטוועגן זענען דאָ פאָרגעקומען איבערקערענישן און פאַטאַלע געשעענישן.

און אָט איז אָנגעקומען די פייערונג פונם קרעמער טעאָדאָר אויפן אינזל, די דאָזיקע איידערדוינען-פייערונג, וועלכע טעאָדאָר האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, נאָר דעם אַדוואָקאַט אויף צעפּיקעניש און נאָר כדי צו פייפן אויף זיין גאָרטן-פייערונג. און אויב עמעצער האָט געקאָנט איינפאַלן אויף אַן אויסערגעוויינלעכן, טרעפלעכן פּלאַן פון אַ פייערונג, איז עס געווען טעאָדאָר. אָבער ער האָט חלילה נישט געהאַט בדעה אָפּצופּאַרטיקן די גאַנצע פייערונג פון אַ טאָג אויף אַ פּוסטן אינזל; קודם-כל מוז שמראַלן אין די אויגן פון גאַנץ זעגלפּאָס זיין נאָמען און זיין געשעפט, דעריבער האָט ער אויסגעפונען אַזאַ זאַך, וואָס קיינער האָט עס נאָך נישט געזען און קיינער האָט נאָך דערפון נישט געהערט: פייערווערק.

אָך, איז ער דורכגעטריבן, דער דאָזיקער טעאָדאָר!

ער האָט איצט געהאַט אַ סאַך קאָפּ-דרייעניש, דער נייער געשעפטס-בנין איז געווען כמעט פאַרטיק, און אַזוי ווי דאָס גאַנצע געלד און די גאַנצע פאַרב איז שוין געווען טרוקן, האָט ער זיך געקאָנט אַריינציען. ער האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו שטיין ביים טאָמבאַנק, אַ קונה האָט געוואָלט קויפן זשעלאַטין, ער איז געווען פון אַ דאָרף צווישן די בערג און האָט שוין אַמאָל געקויפט זשעלאַטין.

— גיט מיר נאָך פינף פעקלעך פון דעם זעלבן, וואָס דעמאָלט.

— וואַרט איבער די פייערונג. — האָט טעאָדאָר געענטפערט, — זעסט דען נישט, אַז איך האָב אַרויסגעהאָנגען די פלאַג?

— פאַרוואָס טאַקע?

— דאָס וועסטו זיך שוין דערוויסן.

ער האָט אַרויסגעהאָנגען די פֿלאַג לכּבוד אַנטאָן קאָלדעווין און לכּבוד די פֿייערונג גופֿא. איינמאָל האָט ער שוין אָװעקגעשטעלט דעם משרת קאַרנעליוס גאַנצע צוויי טעג אויפֿן פֿלאַג־בערגל, און מיט דעם דאָזיקן סוד האָט ער שיר נישט אַרויסגעצויגן די נשמות ביים עולם; דעמאָלט האָט ער אָפּגעװאָרט דעם גרויסן געשעפֿטס־רייזנדן מיטן גרויסן דאַמפֿער. אָבער איצט? יאָ, עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך דאָ קיינמאָל נישט פֿאָרגעקומען! די פּאָסט־שיף איז אָנגעקומען, און דער קאָלעגע קאָלדעווין איז אויך געקומען, אָבער טעאָדאָר האָט נאָך אַלץ געלאָזט הענגען די פֿלאַג. אָבער באַטראַכט נאָר, ווי דער דאָזיקער טעאָדאָר קערט װעלטן! ער האָט די גאַנצע שטאָט געפֿירט פֿאַר דער נאָז, און קוים איז אים עפּעס איינגעפֿאַלן, האָט אייביק עשטעקט הינטער דעם עפּעס אַ באַזונדער פּוּנהלע.

דער נאָכמיטאָג איז געווען זוניק און וואַרעם, פֿינף שיפֿלעך וױנען געשטאַנען גרייט אויפֿצונעמען די יוגנט, און אין שטאָט איז געווען לעבעדיק. אויך פֿאַרשיידענע יונגע אַרבעטער פֿון דער מיל האָבן זיך באַפֿרייט פֿון דער אַרבעט און זענען געקומען יעדערער מיט זיין מיידל; פֿריילין מאַריאַנע האָט, משמעות, אויסגעפּועלט פֿאַר די אַרבעטער דעם דאָזיקן האַלבן יום־טוב, ווייל זי האָט אַליין געוואָלט זיין דערביי. יאָ, זי איז טאַקע געקומען צוזאַמען מיט אַנטאָן קאָלדעווין, זי האָט אָן שום קונצן נאָכגעגעבן און איז מיט אים געגאַנגען.

אָן שום קונצן? אָ ניין! אַנטאָן איז געקומען אין אָוונט, אַוועק אין האָטעל און ערשט פֿון דאָרט געגאַנגען צו איר. צי וועט זי מאָרגן גיין מיט אים אויף דער פֿייערונג?

— ניין, וואָס טוט זיך מיט אייך, איר זענט פֿון זינען אַראָפּ? — האָט זי געזאָגט.

דערויף האָט ער געענטפֿערט:

— מיר דאַכט זיך, אַז מיין פֿאָרשלאַג און אייער שטאַרקע פֿאַרוווּנדערונג קלעפּן זיך עפּעס נישט.

— איר מיינט, אַז איך האָב זיך געדאַרפֿט ריכטן דערויף?

— פֿאַרשטייט זיך, איך מוז עס אייך זאָגן. איך בין בלויז געקומען צוריק, ווי איך האָב עס אייך צוגעזאָגט.

און אין פֿלוג האָט זי דאָך געמוזט פֿילן אַ באַוווּנדערונג פֿאַר דער ענערגיע פֿון דעם דאָזיקן מענטשן. ער האָט נישט צעטרענצלט

זיין לעבן אויף קיין לאַנגן ישוב-הדעת, און אויב ער האָט עפּעס געזאָגט, האָט ער עס טאַקע געמיינט. און אָט איז ער איצטער ווידער געשטאַנען נאָך אַ דריי-טאָגיקער רייזע.

— כ'וועל אייך מאָרגן געבן אַ תשובה. — האָט זי געזאָגט.

— איך דאַנק אייך, — האָט ער געזאָגט — און זאָגט מיר צו, אַז איר וועט אין משך פון דער נאַכט נישט אויסטראַכטן קיין אָפּזאָג!

גיט נאָר אַ קוק אויף דעם דאָזיקן קאָלדעווין, ער האָט אַ צינגל, ווי אויף שרייפלעך!

אָבער צומאָרגנס אינדערפרי זענען זיי ביידע געוואָרן שלום, און אָט איז דאָס פאָרגעקומען. טעאָדאָר איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן און האָט זיי געגריסט שוין פון דערווייטן. אַך, טעאָדאָר האָט געציטערט פון פרייד און באַגייסטערונג, און נאַטירלעך, פילט ער זיך זייער ווינטיק! זעט נאָר, איצט האַלט ער פאַר פּאַסיק צו מאַכן אַ שפּאַס, און ווען מאַריאַנע זאָגט גוטמאָרגן, ענטפערט טעאָדאָר:

— גוטמאָרגן און זייט הערצלעך באַגריסט!

אָבער אויך איצטער איז ער געווען זייער העפלעך און גערעדט פון דאַנקבאַרקייט, יאָ, פון באַגייסטערונג.

ווען מ'האָט אָפּגעשטופּט די שיפלעך פון ברעג, האָט טעאָדאָר געמאַכט דעם עולם אַ גרויסע איבעררעאַשונג: ער האָט געלאָזט שיסן זאַלבן! יאָ, און דאָס זענען נישט געווען קיין געוויינלעכע שאָסן פון אַ יעגער-ביקס, ער האָט אין פאַרשיידענע ערטער אין די בערג געלייגט מינעס מיט דינאַמיט, און איצט האָבן זיי אויפגעריסן, די ערד האָט געברומט, דער עולם האָט געשריגן הורא!

— עס זעט אויס, ווי אַ מלך וואָלט געפאָרן אויף דער רייזע. — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— יאָ, אַ מלכּה! — האָט אַנטאָן געענטפערט און זיך פאַרנייגט פאַר איר.

— איך האָב צוגעגרייט נאָך צען שאָסן, בעת מיר וועלן פאָרן צוריק. — האָט טעאָדאָר דערקלערט און זיך געבאַפּט פאַרן הוט.

אָבער גיט נאָר אַ קוק, איצט נעמט ער אַראָפּ דעם צודעק פון גראַמאָפאָן, און דער טרומייט צעשאַלט זיך.

— „גאָט באַשיץ דעם מלך". — האָט אַנטאָן געזאָגט און זיך פאַרנייגט.

און טעאָדאָר האָט זיך געכאַפּט ביים הוט.

אָרעמער טעאָדאָר, ער האָט אויך געמוזט זיין דערביי! אָרעם?
אָ, ער איז געווען מיט גאָלד אָפּצוווענן. ער איז אַרומגעלאָפן הין און צוריק און האָט געהאַט פּראַכטפולע איינפאַלן; איצט האָט ער אין זיין צערודערטקייט געמיינט, אַז ער מוז זיין מונטער און וועלטלעך, און דאָ האָבן זיך אַרויסגעוויזן העכסט מערקווירדיקע משונהדיקייטן; אָבער דער בחור האָט אויסגעהאַלטן זיין גלייכגעוויכט אין אַנדערע ערטער, דאָרט האָט ער געוויגן מיט אַ טוץ מערער.

— אזעלכע שאָסן און אזא מוזיק און אזא פּייערונג! — האָט ער געטראַכט.

און אַז גאַנץ זעגלפּאָס איז געזעסן דערביי און איז צעפּיקט געוואָרן פון קנאה, אין דעם האָט ער קיין איין רגע נישט געצווייפלט. דאָ האָט ער מיטגעבראַכט אַ גאַנצע שיף בלויז מיט עסנוואַרג און געטראַנקען; די שיף איז געפירט געוואָרן פון דעם האָטעל-אייגנטימער יוליוס, פונם בעקער און פון דעם שוסטער נילס, זיי אַלע דריי האָבן געדאַרפט באַדינען דעם עולם.

— עס גייט נאָך אונז נאָך אַ שיף, — האָט פריילין מאַריאַנע באַמערקט.

— דאָס איז אונזער עסנוואַרג, — האָט טעאָדאָר דערקלערט און זיך געכאַפּט ביים הוט.

שטענדיק כאַפּט ער זיך ביים הוט און האַלט די האַנט, ווי אַ סאַלוטירנדיקער סאָלדאַט. אויף דעם דאָזיקן איינפאַל איז ער געקומען אומגעריכט פון זיך אַליין, און דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ טייערער איינפאַל, צום טייוול! שפּעטער אין אָוונט איז אים נאָך עפּעס איינגעפאַלן: בעת ער האָט מיט אַ קלאָרער שטים אַרויסגעגעבן באַפעלן צו די דינער, האָט ער אַלע מאָל געענדיקט מיט זיין נאָמען, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אונטערגעשריבן!

— טעאָדאָר יענסען! — האָט ער געזאָגט מיט דער גאַנצער מונטערקייט און גרויסאַרטיקייט.

ער האָט אָנגעטון אַ נייעם, געשטרייפטן אַנצוג און איז געווען אומבאַשרייבלעך. חוץ דעם האָט ער געטראָגן אַ פּאָר שטיוול, ווייסט איין גאָט, צי זיי האָבן געשטאַמט פון בינע, צי גאָר פון ווין.

— פון ווין, — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

און די שטיוול זענען געווען זייער שפּיציק און געשטעפּט, און איבער די קנעכל זענען זיי געווען פון געלן סאַמעט, זיי זענען געווען זייער פראַנטיש און עס האָבן זיי נאָר געפעלט זילבערנע גלעקעלעך.

אָט אַזוי האָט דער עולם פאַרבראַכט מיט לוסטיקייט, מיט לידער און זונשיין, ביי די מיידלעך האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס מערקווירדיקס: כמעט קיין איינע פון זיי האָט נישט געטראָגן קיין האָר־קעמל, אָבער טאַקע דאָס האָט זיי אַלע שטאַרק הנאה געטון, ווייל ס'האָט אויסגעזען, ווי די האָר־קעמלעך וואָלטן אינגאַנצן אַרויס פון דער מאָדע. און אַזוי איז די שטימונג געווען אָן אויסנאַם. דאָס וואַסער איז געלעגן שטיל, ווי אַ ריזיקער צין־פּלאַט, איבער וועלכן ס'האָט געשיינט די זון. פון דער אַרומיקער סביבה זענען צוגעקומען פרישע שיפלעך, און אַלע זענען געוואָרן האַרציק אויפגענומען.

— מיר האָבן געהערט שטאַרקע שאָסן, — האָבן זיי געזאָגט.

— אַ יאָ, — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

עס איז געווען אַן אמתער געווימל פון מענטשן, און ס'איז געווען גוט, וואָס מ'האָט מיטגעבראַכט אַ גאַנצע שיף מיט שפּייז.

אָבער אָט איז אָנגעקומען אַ נייע, גרויסע פישער־שיף; זי איז געקומען פון אוטווער, און אַזוי ווי זי איז געווען ווייס, אויסגעשמירט מיט אייל־פאַרב, און די זון האָט זיך אין איר געשפּיגלט, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ קליינע שיף מיט אַ באַגילדעטער ברוסט. דאָס זענען געווען די דאַמען, וואָס האָבן געוווינט ביי העגריקסענען אין אוטווער.

— מיר האָבן געהערט געוואַלדיקע דונערן און אַ שיסעריי, — האָבן זיי געזאָגט.

— אויסגעצייכנט, — האָט טעאָדאָר געזאָגט און זיך געכאַפּט ביים קאַפּעלוש — מיר פּייערן אַ יום־טוב, ביטע, קומט מיט אונז, אייער איבערגעגעבנסטער דינער, יענסען!

זיי זענען מיטגעגאַנגען, אַלע זענען מיטגעגאַנגען, דער בעל־שמחה איז געווען אומווידערשטיילעך.

— מ'האָט געדאַרפט מודיע זיין ווילאַצן, אפשר וואָלט ער אויך מיטגעגאַנגען, — האָט געזאָגט מאַריאַנע צו אַנטאָנען.

— איך האָב דאָסמאָל נישט געהאַט קיין מוט, זיך צו אים

צו מעלדן, ווייל דאָס פאַריקע מאָל בין איך אים שוין אויך געווען געגנוג נמאס. -- האָט אַנטאָן געענטפערט. — דאָס מאָל האַלט איך מיר דאָ אויף אינקאָגניטאָ.

— פאַרוואָס האָט איר נישט מיטגעבראַכט מיט זיך אַהער אייערע שוועסטער, טעאָדאָר? — האָט מאַריאַנע געפרעגט.

טעאָדאָר האָט זיך פאַרגעסן אַ כאַפּ צו טון ביים הוט:

— מיינע שוועסטער? ניין, פריילין האַלמענגראַא, מיינע שוועסטער ווילן מיך אַרויסוואַרפן פון שטוב, זיי זענען משוגע, זיי רוינירן זיך אַליין, אָבער מיך נישט. איך וועל אינגיכן האָבן מיין אייגענע פירמע.

דאָ האָט איר טעאָדאָר געגעבן אַלצדינג צו פאַרשטיין, ער האָט זיך גאָרנישט געהיט, ווייל דאָ איז ער געווען זיכער. לסוף האָט ער ערקלערט, אַז אפילו עסן עסט ער שוין נישט אין שטוב, נאָר אין האָטעל, אַלץ צוליב דער שוועסטער.

די זון איז גיך אונטערגעגאַנגען, און עס איז געווען אַ וווּנדערבאַרער זון-אונטערגאַנג; די דאָזיקע רויטקייט איז געווען נישט בלויז גאָלד און בלוט, די זון איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין ים מיט אַ מין קלאַנגלאָזן גערויש. אויף אַ פּאַס ליכט אינם וואַסער זענען געזעסן צוויי גרויסע מעוועס, געווענדט צו דער אָוונט-רויטקייט, זייער ברוסט האָט פורפורדיק געגלאַנצט, ווי שימערנדיקע זייד-געוועב, זיי דרייען אויס די קעפּ און די אויגן צו די שיפלעך, אָבער זיי פליען נישט. מאַריאַנע זעט אויס פול מיט געדאַנקען, זי זאָגט:

— וואָס פאַר אַ געהיימניספולע ברואים דאָס זענען, די מעוועס! זיי לעבן אין זייער וועלט, און זענען אָפשר זייער אַנגעזעענע פייגל. און ווען זיי שטאַרבן, ווערן זיי אפשר אין דער מעוועס-וועלט שטאַרק באַוויינט.

טייערע ווערטער, זיי האָבן טעאָדאָרן אינגאַנצן צענומען, און זענען אים פאָרגעקומען אויסערגעוויינלעך פריינדלעך, ער האָט מיטגענומען אַ קליינע מתנה פאַר פריילין מאַריאַנע, ווייל זי איז געווען אַזוי גוט און איז געקומען. אַך, בלויז אַ קליין טאַשנטיכל פאַר פינף-און-דרייסיק קראָן, און דער געשעפטס-רייזנדער האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָלט געמעגט טראָגן אַ פרינצעסין, אָבער איצט האָט מען

געמוזט מאַכן אַזוי, אַז פרײלין מאַריאַנע זאָל אין משך פון דעם אָוונט פאַרלירן איר אײגן טאַשנטיכל.

— מיר בלײַבן דאָ נישט שטײן? — האָט אַנטאָן געפרעגט.

— נײן, דאָרטן, װוּ איר זעט די פלאַגן.

— דאָרטן האָט איר אױך אױפגעהאָנגען אַ פלאַג?

— נישט דאָס אַלײן; װי נאָר עס װערט טונקל, צינדן מיר אָן שטורקאַצן און פאַפיר־לאַמטערנעס.

ס'האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז מעאָדאָר האָט פאָרױס אַרױסגעשיקט מענטשן, װאָס האָבן פריער געמאַכט אַלע נױטיקע הכנות.

זײ זענען אַרױף אױף דער יבשה און זײ זענען אַרײַן אין דער באַמע, װאָס איז געמאַכט געװאָרן פון שטײן און באַלקנס. און ספּעציעל צו דער פײערונג באַשלאָגן געװאָרן מיט לײַװנט, אַלע באַװוּנדערן דאָס הײזל. באַלד באַװײַזן זיך קיכל און װײַן און גלעזער אונטער־צושפּאַרן דאָס האַרץ, און בעת די קעבער און טאַרװער צינדן־אָן פײַער און הױבן אָן גרײטן צום טיש, פירט מעאָדאָר אַרום זײַנע געסט איבערן אײדערדװינען־אינזל, ער איז דאָ אַ טאָג־טעגלעכער גאַסט און קען אַלץ.

— אַמאָל איז עס געװען אונזער אײדערדװינען־אינזל. — טראַכטן די דאַמען פון אומװער.

און דאָס איז געװען גאַנץ ריכטיק. אָבער אײן מאָל האָט זיך העגריקסען פון אומװער פאַרפלאָנטערט אין גרױסע און שװערע חובות, און דעמאָלט איז דער דװינען־אינזל אַריבער אין די הענט פון דעם קרעמער מעאָדאָר, אַלץ גײט אַריבער פון האַנט צו האַנט.

דער אינזל איז איצט אומבאַװױנט, די פײגל זענען אַװעקגעפלױגן, זײערע נעסטן זענען פּוסט, די דװינען־פעדערן האָט מען איצט צום לעצטן מאָל צונױפגענומען, נאָר די קלײנע דעכלעך איבער די נעסטן זענען געשטאַנען און געװאַרט אױף דעם צוריקקער פון די פײגל אױף דעם צװײטן יאָר. אַ פּאַרשפּעטיקטער אױדער־פאַנגער איז אַרױסגעלאָפן אױף זײַנע רױטע, לאַנגע פיס און געפּישטשעט, און די מעװעס האָבן זיך געװיגט אַרום דעם אינזל דאָ און דאָרט אױפן װאַסער.

אַלץ איז תּיכּף אומעטום געװאָרן אונטערזוכט, ס'האָט גענומען צופאַלן דער בין־השמשות, אין דעם הײזל האָט מען

באַצייטנס אָנגעגרייט שטורקאַצן און לאַמטערנעס. גיט נאָר אַ קוק, די דריי מענטשן ביים עסנוואַרג האָבן זייערע באַשטימטע אָנווייזונגען און פירן אויס זייער זאַך גאַנץ גוט. דער בעקער האָט פאַרטרונקען זיין אייגענע בעקעריי און וויינשענק פונם אַלטן פער, דעריבער האָט מען אים היינטיקן אָוונט אָנפאַרטרויט נאָר ברויט און געבעקס. אָבער דער האָטעל־אייגנטימער יוליוס איז געווען באַשטימט איבער די געטראַנקן, ער האָט געהאַט ווייַן און פיינע גלעזער פאַר די געסט אין דעם הייזל און לאַנגע טישן, פאַר דעם הייזל איז געשטאַנען לימאָנאַד, געמישט מיט ספּירט.

— אַתער טרויבן־ווייַן! — האָט טעאָדאָר געזאָגט און געגעבן דעם עולם צו לייענען די עטיקעטן.

— יאָ, דער דאָזיקער טעאָדאָר איז אַ יונג מיט ביינער. — האָט די יוגנט געברומט.

און ווען מ'האָט געעפנט די קאַסטנס מיט די מאַכלים — איי, וואָס פאַר אַ טייערע זאַכן דער האָטעל לאַרסען האָט צוגעגרייט! און דער עולם האָט געטרונקען לימאָנאַד מיט שנאַפּס און געגעסן געבעקס מיט געריכטעטע לאַקס און געטרוקנטע חזיר־פלייש און איינגעמאַכטס פון מאַלינעס און, זיי האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעהערט פון די דאָזיקע נאַשערייען, אַז איצט איז זיי פון געלעכטער געגאַנגען טרערן פון די אויגן.

— מיר זאָלן באַטש שפּעטער נישט קריגן איבערן קאָפּ. — האָבן זיי געזאָגט און געמאַכט אָנצוהערעניש.

אָבער ווען זיי האָבן אויסגעטרונקען נאָך מערער, זענען זיי געוואָרן דרייסטער און געזאָגט:

— מיר זאָלן באַטש נישט גיין אין תפיסה דערפאַר!

יוליוס איז געווען פאַרנומען אינעווייניק אין דעם הייזל, אַזוי אַז ער האָט נישט געהערט די אַלע בייזוויליקע שפּאַסן; ער האָט סערווירט די הערשאַפטן, וואָס זענען געזעסן אינעווייניק, צוגעשטאַנען צו זיי מיט טעאָדאָרס פיינסטע קאָנסערוון, מיט קאַלטע דרייבעס אין מאַרמאָלאַדן און אייער, וואָס זענען געווען צוגעפּראַוועט אויף דריי סאָרטן אופנים; און סוכאַרעס מיט יאַגדעס, איינגעמאַכטס און דערצו ביר און רויטן ווייַן צו טרינקען און צו דער דרויבע אַפילו אַ קייש מיט שאַמפּאַניער. יוליוס האָט זיך עס פּראַכטפול אויסגע-

לערנט פונם קאָך-בוך און דערצו האָט ער זיך אויסגעפרעגט ביי די וואַיאַזשאָרן.

אָך ס'אַרא יום טוב! און ווען די מענטשן האָבן אַ טראַכט געטון וועגן דער פייערונג פונם אדוואָקאַט ראַש, האָבן זיי נאָר נישט געהאַט גענוג דרייסטקייט צו חוזקן דערפון.

טעאָדאָר האָט אַרום און אַרום געהאַט מזל; דער וועטער איז גראָד געוועזן אַביסל צו קיל פאַר טרויבן-ספּירט. עס איז געוועזן די צייט פון יאָר, ווען די קוסטעס לאָזן פאַלן זייערע בלעטער; די מיידלעך האָבן זיך אויפגעפירט זייער פיין, זיי האָבן זיך צום לעצטן מאָל אין דעם דאָזיקן האַרבסט צעפלאַקערט, און די בחורים האָבן בסדר אויסגעלאָשן די שטורקאַצן, ווי אָפּט דער שוסטער ני̇לס האָט זיי אָנגעצונדן, ווייל ס'איז זיי געווען אַ מחיה אין דער פינסטער. דערנאָך האָבן זיך די פּאָרן געלאָזט יעדע אין איר וועג, און אַזוי ווי ס'איז געווען אַ ביסל קיל, האָבן זיי זיך געמוזט צונויפטוליען און זיך צודריקען, כדי נישט צו פרירן. אין הימל האָט אויסגעגלאַנצט איין שטערן נאָך דעם צווייטן, און דאָ און דאָרט אויפן אינזל האָט אַ לויכט געטון דאָס פייער פון אַ פּאַפּיראָס.

דער שוסטער ני̇לס איז ווידער געוואָרן זייער מאָגער און אָרעם; זינט דער טעאַטער-אויפפירונג אין פרילינג, ביז איצט, וואָס ער איז געווען דער פאַקל-צינדער און וועכטער אויפן אינזל, האָט ער קיין איין פרוטה נישט פאַרדינט. און אָט האָבן אים די משוגענע מענטשן געשטערט געוויסנהאַפט אויסצופירן זיין אַרבעט, ער גייט אַריין אין הייזל און באַקלאָגט זיך:

— זיי לעשן מיר בסדר אוים די פאַקלען, איך צינד און צינד, און זיי לעשן אוים.

כדי אים איינצושטילן, גייט טעאָדאָר אַרוים מיט אים און פאָרשט אוים די זאַך.

— דאָ איז שוין במעט קיינער נישטאָ, אָבער צינד נאָר אָן נאָכאַמאָל.

איצט קומט אויך יוליוס אַרוים פון הייזל, ער גייט צו צו טעאָדאָרן און רוימט אים איין:

— איך האָב איר טאַשנטיכל!

אַלץ גייט ווי געשמירט, טעאָדאָר שטעלט ווידער אָן דעם

גראַמאָפאָן אין לאָזט הערן אַ מאַזורעק, כּדי צונויפצורופן דעם עולם, צו טאַנצן אויף דער לאָנקע. יאָ, ער קאָן גאָרנישט אַרויסגיין פונם הייזל צוליבן בעקער, וואָס האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַ כאַפּ געטון אַ פלאַש בראָנפן פאַרן האַלז און איז שטאַרק בגלופין.

דעמאָלט קערן זיך ביסלעכווייז אום די פּאָרלעך פון דער געגנט, און נאָכדעם ווי זיי שפּאַרן זיך ווידער אונטער דאָס האַרץ, נעמען זיי טאַנצן. עס איז געווען אומגעהויער לוסטיק: זיי לאַכן, זיי מאַכן געוואַלדן, זיי רויבערן פּאַפּיראָסן, אַך, וואָס פאַר אַ יום טוב! אַהאַ, דער דאָזיקער טעאַטער! אַפילו די דאַמען פון אויטאָ קומען אַרויס פון הייזל און דרייען זיך מיט די בחורים אין אַ קרייז, און עס גייט זיי גאָרנישט אָן.

אָבער בעת אַלע פאַרלאָזן דאָס הייזל, בלייבט נאָר די פיינערע הערשאַפט זיצן ביים טיש, דאָס הייסט פרײַלין מאַריאַנע און אַנטאָן קאַלדעווין. מאַריאַנע האָט זיך, זיצנדיק אויף אַ באַנק, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, און אַנטאָן האָט צו איר געזאָגט:

— ענדלעך אַליין!

דערויף האָט מאַריאַנע גאָר נישט געענטפערט, זי האָט נאָר האַסטיק אַ קוק געטון אויף אים. ער האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— אַזאַ גליק — יאָ, נאָר איר אַליין קאָנט אַזוי קוקן.

— אַך, אַזוי.

— איר גלייבט, אַז איך וועל דאָסמאָל טרעפן אייער פאָטער אין שטוב? — האָט ער געפרעגט.

— איר האָט טאַקע באמת בדעה צו מאַכן ביי אונז אַ באַזוך?

— זיכער. אָבער אפשר וועט איר זיין אַזוי גוט ביי אַ געלעגנהייט איבערצוגעבן אייער פאָטער, אַז איך האָב מיטן גאָלדענעם פיש געהאַט מזל? זאָגט אים, אַז איך האָב ריכטיק דיספּאָנירט, און ס'האָט מיר אָפּגעגליקט.

מאַריאַנע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַנטאָן האָט זיך צו איר נעענטער צוגערוקט און געזאָגט:

— איך האָב מיר געווונטשן, אַז איך מיט אייך זאָלן גיין איבער אַ וועג, און עס זאָל נעמען פאַלן אַ רעגן, און מיר זאָלן מוזן ביידע צוזאַמען גיין אונטער איין שירעם.

— אַזוי, — האָט זי געזאָגט — עס האָט אייך, הייסט עס, אָפּגע־גליקט, איר האָט פאַרדינט אַסאַך געלט?

— אָ, יאָ.

— וואָלט איר אפשר געקאָנט אַרויסהעלפן איינעם אַ מענטשן?

אַנטאָן איז געווען פאַרחידושט:

— אַ מענטשן? ווער איז ער? איך קען אים?

— דאָס ווייס איך נישט. אָבער ער נויטיקט זיך זייער אין געלט, אַן ערך טויזנט קראָן.

— הם. יאָ, אָבער עס זענען דאָך געוויס פאַראַן מענטשן היגע, וואָס שטייען נעענטער צו דער זאַך, איידער איך, וואָס איך בין אפילו נישט קיין היגער. אָבער פאַרשטייט זיך, ער קאָן עפּעס איינלייגן אַ משכון?

— אַ משכון? ניין, איך האָב גערעדט וועגן אַ מתנה, וועגן אַן אַנאָנימע מתנה.

אַנטאָן האָט אַ שמייכל געטון.

— דאָס איז אויף אַזוי ווייט אומגעשעפטלעך, אַז איך בין דערויף קיין מבין נישט, ניין, דאָס קומט מיר אויס צו קינסטלעך.

— אַך אַזוי, — האָט זי געזאָגט.

— איך דערשמעק עפּעס קינסטלעריי און פאַרגאַנגענע יאָר־הונ־דערטער.

— איך קען יעדנפאַלס איינעם, וואָס וואָלט זיך אויף קיין משכון נישט נאָכגעפרעגט.

— ריכטיק. — האָט אַנטאָן געענטפערט און איז געוואָרן צעהיצט. — אים קען איך אויך, אָבער ער איז נישט קיין סוחר, ער איז אַ נאַר־נישט.

— ער איז אַ גאָלד! — האָט מאַריאַנע אויסגערופן.

זי האָט האַסטיק אַראָפּגעלאָזט די פּיס און זיך געזעצט גלייך אויף דער באַנק.

— גאָלד! ס'הויבט זיך נישט אָן. אפילו קיין זילבער אויך נישט. ער מוז אויסהאַקן זיין וואַלד, כּדי אויסצוקומען מיט חיונה.

מאַריאַנע האָט אַ שמייכל געטון, אָבער אַנטאָן האָט גאָרנישט געזען, ער האָט זיך געקאָכט:

— גאָלד? ניין! ער האָט מוזיק־אינסטרומענטן און שערעלעך

און בערשטעלעך, א סאך פאר הענטשקעס און כלערליי זאכן פון מאלא־ביט און אניקס, אבער גאלד און ווערטזאכן...

— ייפעס א משכון ? — האט אים איבערגעשלאגן מאריאנע, און אירע לענגלעכע אויגן זענען געווארן שמאל, ווי דער שארף פון א מעסער.

— יא, מאקע, א משכון האט ער ? עפעס א פארמעגן, מ׳זאל קאנען פארחשבונען ? — האט אנטאן געפרעגט.

— אבער איר זענט דאך פריינד. — האט זי פארחידושט גע־זאגט.

— יא, אבער איר מיינט, אז איך וואלט אים נישט מוחל געווען זיין פריינדשאפט ? ער שטאמט פון דעם פאריקן יארהונדערט, ער פלאפלט פון קונסט און פון נאטור און פון מלוכה־ענינים און פון עמישן לעבן. איך טו עס נישט. איך געהער צו דער היינטיקער וועלט, איך פיר געשעפטן, איך פארדין געלט און איך גיב עס אויס! טויזנט קראן פאר איינעם א מענטשן ? פארשטייט זיך, אויב איר באפעלט, איך האב נאר געמיינט צו זאגן, אז דער געדאנקענגאנג אליין איז פארעלטערט און נאריש. אבער פארשטייט זיך, טויזנט קראן, ווי באלד איר ווילט. איך וועל מארגן אינדערפרי טעלעגראפירן נאכן געלט. בין איך נישט פיין ? — האט ער געפרעגט און זיך נאך נעענטער צוגערוקט צו איר באנק.

— גוט, הייסט עס, טויזנט קראן. — האט זי געזאגט און זי איז געווען אויסערגעוויינלעך ביטרע און האט זיך פארשטעלט. — ניין, רוקט זיך אפ א ביסל ווייטער, דארטן, — יא אזוי איז גוט. איר פאר־שטייט, איך האב נישט געהאט קיין חשק צו ווענדן זיך צו ווילאצן אדער צו מיין טאטן.

— צו ווילאצן ! — האט אויסגערופן אנטאן. — ער פארמאגט דאך אפילו נישט קיין טויזנט קראן.

— ניין ?

— ניין, ער האט זיי נישט. איר קאנט עס אים איבערגעבן אין מיין נאמען !

— א, דער דאזיקער ווילאץ פארמאגט מערער, ווי איר מיינט.

— ווילאץ ? אוודאי ! אזוי, ער האט מער ? איז אים וויל, אויב ער האט. איבעריקנס, מוז איך אייך זאגן, אז איך הויב נישט

אָן צו פֿאַרשטיין אייער גאַנצע ווילדאַצעריי. העכסטנס קאָן זיין, אַז ער מאַכט אייך דעם טויט און אַז איר שאַצט אָפּ זיין אומגעפּערלעכ־קייט. איר זעט דען אַליין נישט, אַז ער פֿירט אייך אַרום פֿאַר דער נאָז? פֿאָלגט מיך, מאַריאַנע! יאָ, איך בין געקומען אַהער, כּדי אייך עס צו זאָגן, איך בין נישט געקומען צוליב דער פֿייערונג, איך בין געקומען צוליב אייך, און אָט בין איך דאָ. יאָ, איך רוק זיך צו נעענטער צו אייך, איך וועל זיך אייך וואַרפֿן צו די פֿיס. איר פֿאַר־שטייט! וואָס, ס'איז אייך נישט ניחא? לויט מיין מיינונג, איז עס זייער פֿיין, איר דאַרפֿט געהערן צו מיר. פֿריער האָב איך נישט געוואָלט פּרוון; אָבער איצט האָב איך געמאַכט אַזאַ גוט געשעפֿט מיטן „גאָלד־פֿיש“. עס איז נישט אין מיין טבע צו צעגיסן זיך וועגן ליבע מיט שלאָפֿלאָזע נעכט און נאָך אַזעלכע זאַכן; אָבער זינט מיין ערשטן באַזוך אין זעגלפּאָס, בין איך געווען איינגאַנצן דורכגענומען, און איצט מוזט איר געהערן צו מיר, מאַריאַנע! איך וועל נישט טענהן, אַז איך האָב גרויסע פֿאַרדינסטן, אַוודאי נישט, אָבער עפּעס פֿאַרמאָג איך דאָך. ווילדאַצן נעם איך דאָ בכלל נישט אין באַטראַכט. די אַנט־שיידונג ליגט נאָר צווישן אונז ביידן.

— אַך, וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן? איך בעט אייך, הערט אויף.

— רוקט זיך נישט אָפּ! איך ענדיק דערמיט, וואָס איך גיב אייך אַ פֿאָרשלאָג פֿון אַ פֿאַרשטענדיקן מאַן: איך גיב אייך מיין האַנט, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל קיין אַנדערן נישט אָנגעבאָטן.

— ניין! — האָט מאַריאַנע געזאָגט. — און לאָמען נישט רעדן דערפֿון.

— איך האָב געמאַכט די דאָזיקע ווייטע רייזע, נאָר כּדי אייך צו געווינען.

— איר זענט מסתּמא פֿון זינען אַראָפּ!

— לאָמיר רעדן ערנסט, מאַריאַנע. איך לייג אייך פֿאָר מיין האַנט, אין דעם איז נישטאָ קיין שום אומזין; מיר קענען זיך פֿון קינדווייז אָן, איך האָב די גאַנצע צייט געוואַרט אויף אייך, איך האָב זיך נאָר נישט געוואָלט אָנוואַרפֿן. ווילדאַץ קומט דאָ פֿאַר מיר בכלל נישט אין באַטראַכט.

— אָבער פֿאַר מיר יאָ!

— אומזין! איר ווייסט זייער גוט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. אייב דאָס איז דער דאָזיקער סוחר — אפשר איז עס דער סוחר?

— ניין, דאָס איז ווילאַק. — האָט זי געזאָגט און איז אויפגע־שטאַנען. — קומט, לאָמיר אַרויסגיין!

— אַלזאָ הערט! — האָט ער אויסגערופן און איז אויך אויפגע־שטאַנען. די שיין פון לאָמפּ איז אים געפאַלן אין די אויגן און האָט אים וויי געטון. — הערט, די דאָזיקע קלאַוויר־שפּילער אָן צוקונפט — איך וויל דאָ נישט רעדן וועגן דעם איינעם, ווייל ער איז נישטאָ דערביי, נאָר בכלל. בעת די דאָמען כאַפּן פון זיי התפעלות, איז עס דאָס סאַמע לעבערלעכסטע, וואָס מען קאָן זען. אַ פרוי ביי אַ מו־זיקער איז נאָך ערגער, ווי ביי אַ גלח; זיי קאָנען גאָרנישט אויסער שפּילן, זיי זענען גאָר קיין מענער נישט.

— אָבער איר זענט אַ גראָבער יונג!

ער האָט האַסטיק אַ זעץ געטון דעם לאָמפּ אין דער ערד, און זיי זענען געבליבן אין דער פינסטער. וואָס זאָל עס באַדייטן? זי איז נישט געוועזן פאַר אים. זי האָט אים געוואָרנט. געוואַלד וועט אים גאָרנישט העלפן, און צודרינגלעכקייט אויך נישט, דאָס וועט נאָך ווירקן ערגער, ווי אַלץ. די ווייטערדיקע רגע איז געווען פאַר איר אַן אנטוישונג: ער האָט זי אַנטוואָפנט, אַ וואָרף געטון זיך אויף איר, פאַרמאַכנדיק דאָס מויל מיט אַ קוש, האַלטנדיק זי פעסט אין די אָרעמס. — נאָר דאָ האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַ שטאָך, אַ שאַרפן ווייטיק אין שענקל, און ער האָט זי אָפּגעלאָזט. האָט זי באַנוצט איר זילבערנעם פייל? זי האָט קיין זילבערנעם פייל נישט געהאַט, זי האָט אים געשטאָכן מיט אַ מעסער. ער האָט זי געהאַלטן אין די אָרעמס, און זי האָט עס נישט געוואָלט, מסתמא אַזוי? אָבער זי האָט אים געוואָרנט, איידער זי האָט אים געשטאָכן.

מעאָדאָר איז געשטאַנען הינטער דער טיר.

— איך האָב געהערט. צי איז צעבראָכן געוואָרן דער לאָמפּ?

— איך האָב אים צעבראָכן. — האָט אַנטאָן דערקלערט.

— איך ברענג באַלד אַריין אַן אַנדערן.

מאַריאַנע איז אַרויס פון הייזל, און אַנטאָן נאָך איר. די אויפ־רעגונג האָט זיך איינגעשטילט, זיי האָבן ביידע געברענגט אין אָר־דענונג זייערע קליידער, אַנטאָן האָט נאָך געפילט זיין ווונד און האָט

בסדר שווער געאָטעמט. אָבער מאַריאַנע האָט נישט געאָטעמט שווער און האָט אים ווייטער נישט אָנגעגריפן.

— איר האָט נישט מיין טאַשנטיכל? — האָט זי געפרעגט און אויסגעצויגן איר האַנט אויף הינטן, נישט אומקוקנדיק זיך.

— וואָס? אייער טאַשנטיכל? ניין, אָבער איך וועל עס אַ זוך טון.

זי האָט גערעדט מיט אים, זי האָט אים, הייסט עס, נישט פאַראַכטעט, נישט געהאַסט; דער טייוול ווייסט דאָס דאָזיקע מיידל, די דאָזיקע מיסטיצע! ער איז איר אָבער געווען דאַנקבאַר פאַר איר רויקייט און זיך געפילט דערשלאָגן פון איר מאַכט. זי האָט נישט געשריגן, זי האָט נאָר געוואָרנט, איידער זי האָט געשטאָכן. און איצט פרעגט זי זיך אויף איר טאַשנטיכל! איר שיינקייט איז נישט געווען קיין געוויינלעכע און טאָג־טעגלעכע, ניין! זי איז געווען געל, מיט אַן אינדיאַניש פּנים, שלעכט געצייכנט און מיט אַ שלעכטער פאַרב, נישט קלאַסיש. אָבער בעת ער האָט זי געהאַלטן אין די אָרעמס, האָט ער געפילט, אַז זי איז געווען שיין, ער האָט געפילט, אַז אין איר לייב און אין אירע באַוועגונגען איז פאַראַן אַן אומגעהויערע זיסקייט. ער האָט געוואָלט ענטפערן מיט איר טאָן און געזאָגט:

— איך בעט אייך, פאַרגעסט עס.

— נאַטירלעך. — האָט זי געענטפערט.

— איך דאַנק אייך. אָבער דאָס איז געווען, איך שווער אייך, דאָס אָריגינעלסטע, וואָס איז מיר ווען עס איז פאָרגעקומען. איר האָט באַנוצט אַ מעסער?

— ניין, אַ גאָפּל. — האָט זי געענטפערט און געוויזן, אַז זי האַלט אים נאָך אַלץ אין האַנט. — איך בעט אייך, לייגט אים צוריק אָיועק אויפן טיש! — האָט זי געזאָגט.

ער האָט גענומען דעם גאָפּל און איבערגעציילט די ציין:

— איינס, צוויי, — איך האָב, הייסט עס, דריי, — איך האָב, הייסט עס, פיר לעכער.

אָבער טאַקע נאָר דער טייוול האָט זי געקאָנט פאַרשטיין, דאָס דאָזיקע מיידל, זי האָט זיך געווענדט צו אים און געזאָגט:

— איך בעט אייך, פאַרגעסט עס!

טעאָדאָר איז געקומען צוגיין מיט זיין לאָמפּ, און אַנטאָן איז אים

גאָבגעגאַנגען. מאַריאַנע איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און זיך צוגעקוקט צום טאַנץ. האָט זי די באַנעמונג פון דעם משוגענעם מענטשן באַליידיקט, אָדער אפשר האָט זי עס איינגעפונען — אַ קליין ביסעלע פאַרשטענדלעך? ער איז נישט געוועזן, ווי איינער פון די, וואָס שלעפן זיך אַרום, ניין, קיין איינער פון די טויזנטער געוויינלעכע נולן, וואָס וואָלטן אַנדערש געהאַנדלט. האָט זיך סוף־כּל־סוף זיין כאַראַקטער אויסגעדריקט אין אַ געוויסער מאָס?

— איך קאָן נישט געפינען אייער טאַשנטיכל. — האָט אַנטאָן גע־געבן צו וויסן.

דאָ איז צוגעגאַנגען טעאָדאָר, אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזים־קעשענע, אַרומגעקוקט זיך, — ער האָט אויפגעגעבן, ער האָט אַביסל אויפגעגעבן.

און אָט האָט מען דערלאַנגט פאַר אַלעמען קאַווע — עך, דער דאָזיקער טעאָדאָר!

— ניין, איך דאַנק, מיר וועלן טרינקען מיט אַלע צוזאַמען, — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— איר האָט שוין מורא אַריינצוגיין אין הייזל אַריין? — האָט אַנטאָן געפרעגט.

— איך האָב מורא דערפאַר ווייניקער פון אייך. — האָט זי גע־ענטפערט.

מען האָט אויסגעטרונקען קאַווע מיט פונטש, און מאַריאַנע האָט געפרעגט, וויפיל דער זייגער.

— נישט צייט נאָך צו גיין אַהיים?

אָבער נאָך דעם, ווי די יוגנט האָט אויסגעטרונקען די קאַווע און פאַרטרונקען מיט ליקער, איז ערשט דער טאַנץ געוואָרן אויף צו אמת לעבעדיק; און ווער ס'האָט נישט געטאַנצט, איז געזעסן ביי אַ טיש און צוגעגאָסן צו זיין קאַווע נאָך אַביסל ליקער, און די גוטע שטימונג האָט זיך שוין מער נישט געלאָזט נישט פאַרבעסערן, נישט פאַרערגערן, ס'האָט אפילו נישט געהאָלפן יוליוס מיט זיין טרויבן־ספּירט און עסנוואַרג — אפשר זענען די מאכלים פון האָטעל לאַרסען געווען שלעכט?

— יוליוס האָט אונז געבראַכט צו פאַרזוכן די גוטע זאַכן פון

זיין שפייז־קאַמער. און פון טעאָדאָרן וויל איך גאָרנישט רעדן, ווייל ער שטייגט איבער אַלעמען!

קירץ געזעגט, זיי זענען געוואָרן אַזוי לעבעדיק, אַז זיי האָבן ווידער געוואָלט אויסלעשן די שטורקאַצן און פאַרנוויז זיך אוועקשאַרן. אָבער דאָ האָט טעאָדאָר אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— אַלע אין די שיפלעך! אַ סוף! טעאָדאָר יענסען!

און דאָס האָט געקלונגען אַזוי פריש און לוסטיק, אַז די מענטשן האָבן זיך געלאָזט איינרעדן און זענען אַראָפּ אין די שיפלעך, זיי האָבן געשריגן הורא און:

— מיר דאַנקען פאַר דער שיינער פייערונג און הורא פאַר טעאָדאָרן!

דער בעקער און דער שוסטער נילס זענען געבליבן מיט יוליוסן, כדי אויסצולעשן די שטורקאַצן און אַלץ איינצופּאַקן. אָבער דער בעקער האָט שוין נישט געטויגט צו גאָרנישט, ער האָט פאַרשלאָפן דעם עלנט פון דער דאָזיקער וועלט.

די רייזע אַהיים איז פאָרגעקומען ביי גראַמאָפאָן־מוזיק און ביי אַלגעמיינער פרייליכקייט; קיין איין שיפל האָט זיך נישט אָפּגעטיילט פון די איבעריקע, אַלע זענען געפאָרן צוזאַמען אין איין שורה. אויף טעאָדאָרס אַדמיראַל־שיף זענען געהאָנגען דריי ברענענדיקע לאַמפּיאָנעס, עטלעכע שטערן האָבן נאָך געגלאַנצט אויפן בלויען הימל־קופּאָל, אַזוי אַז ס'איז נישט געווען נישט העל און נישט טונקל, נאָר גרוי. יאָ, און טעאָדאָר האָט ריטערלעך מיטגענומען אין זיין שיף אויך די דאַמען פון אוטווער.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דער זעגלפאָסער בוכטע, האָט טעאָדאָר אַרויסגעלאָזט אַ ראַקעט. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל: די דינאַמיט־שאָסן האָבן אַ טרייסל געטון די ערד, איבער דער ערד איז אַדורך אַ זאַלפּ.

— זאָל לעבן די קעניגין! — האָט אַנטאָן געזאָגט מיט מער געפיל, ווי שטענדיק, און זיך פאַרנייגט פאַר מאַריאַנען.

טעאָדאָר האָט זיך געכאַפּט פאַרן הוט.

און אָט האָט פון דעם בערגל אַרויסגעשאָסן אַ ראַקעט אין הימל אַריין, אויך פון אַנדערע בערגלעך זענען אַרויפגעשטיגן ראַקעטן, די איבעראַשונג האָט זיך אָנגעהויבן, דער נס איז געשען. די

מענטשן אין די שיפֿלעך האָבן אָנגעשפּאַרט די אָרעמס אויף די רודערס און האָבן זיך צוגעקוקט, זיי האָבן געהערט, ווי די מענטשן אויפֿן ברעג האָבן געשריגן פֿון פֿאַרוווּנדערונג, די ראַקעטן האָבן געשאָטן גאַרבן פֿייער מיט רוימישע ליכט, שאָסן, גאָלדענע קרוינען, פֿייערדיקע פֿאַוועס — אַך גאָט! יאָ, און עס איז געגאַנגען ווייטער, עס האָט קיין סוף נישט גענומען, אַלץ איז געווען גרויסאַרטיק און מיט אַן איבערפֿלוס — טעאָדאָר האָט געמוזט היי־יאָר גוט פֿאַרדינען אין די קלעפּפּיש.

— דאָס איז באמת גרויסאַרטיק. — האָט מאַריאַנע געזאָגט. — איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיין ענלעך דערצו, טעאָדאָר!

— צום פֿייערווערק? אַך, זאָל זיין ביי אונז, ווי אין אַנדערע שטעט. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזים־קעשענע און אַרויסגעצויגן פֿון דאָרט אַ פּעקעלע, איצט אָדער קיינמאָל נישט, האָט ער געטראַכט. ער האָט אויפֿגעריסן דאָס זייד־פּאַפּיר און געזאָגט:

— פֿריילין מאַריאַנע, אַנטשולדיקט, איר האָט פֿריער פֿאַרלוירן אייער טאַשנטיכל, און איך האָב דאָס טיבעלע. איך בעט אייך, יאָ, איך בעט אייך זייער!

— אַך, ניין, איך דאַנק אייך, דאָס איז נישט נויטיק, איך בין דאָך שוין אינדערהיים.

— קוקט עס נאָר אָן און נעמט עס.

מאַריאַנע האָט אַ קוק געטון דערויף און איז געווען אויסער זיך פֿון התפּעלות.

— שפּיצן! אַ גרויסע צייט! אָבער ניין, איך דאַנק אייך.

— פֿאַרוואָס ווילט איר עס נישט נעמען? איך גיב דאָך עס אייך מיטן גאַנצן האַרצן.

— עס איז צו טייער, וואָס זאָל איך טון דערמיט? ניין, איך וויל נישט.

אָבער טעאָדאָר האָט נישט נאָכגעלאָזט:

— איך האָב עס צופֿעליק אין קעשענע, מ'האָט עס צוגעשיקט צו מיין פֿירמע, עס איז נאָר אַ מוסטער.

אָבער מאַריאַנע האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ.

און אָט איז דאָס פייערווערק אויסגעגאַנגען, יאָ, נישט נאָר דאָס פייערווערק, מעאָדאָר איז אויך אַ נידערגעשלאָגענער אַנטשווינגן געוואָרן. וואָס פאַר אַ האַרטהאַרציקייט! וואָס זי האָט אַמאָל צוריק-געשיקט אַ שאַל — מילא, האָט זי קיין שאַל נישט געדאַרפט, אָבער דאָס איז דאָך נאָר אַ קליין מאַשנטיכל!

דעמאָלט האָט ער זיך אָנגערופן צו די דאַמען פון אויטאָ, — און דאָס ייִנגל מעאָדאָר האָט געשמייכלט, ווייל ער איז געווען אַזוי שרעקלעך געקרענקט:

— איר ווילט עס?

אַך, ניין, איצט נישט, נאָכדעם ווי פרייליין האָלמענגראַאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. געוויס וואָלטן זיי וועלן האָבן די רייצנדיקע שפּיצן, דאָס דאָזיקע מאַשנטיכל, אָבער — — —

— ניין, אַ דאַנק, מיר זענען פאַרזאָרגט מיט מאַשנטיכלעך. — האָבן זיי געזאָגט.

— דאַכט זיך, אַז איר וועט היינט דערפון נישט פּטור ווערן, — האָט אַנטאָן קאָלדעווין געזאָגט לאַכנדיק.

און מעאָדאָר האָט אויך געלאַכט, אָבער נאָר כדי צו באַהאַלטן זיין וויימיק און זיינע יסורים, אַ ווײַלע איז ער געווען זייער בלאַס. דערנאָך האָט ער ווידער אויפגעוויקלט דאָס זייד-פּאַפּיר און איינגעוויקלט אין אים דעם אוצר און האָט אויסגעזען דערביי זייער נעבעכדיק.

דערנאָך זענען זיי צוגעקומען צום ברעג און זענען אַדורך איבער דער בריק, און די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס האָט שוין געוואָלט גיין אַהיים, האָט אויפגעהויבן אַ הורא פאַר מעאָדאָרן; ער אַליין איז געבליבן שטיין, געפּאַכעט מיט זיין הוט און אויסגערופן:

— אַ גוטע נאַכט און דעם בעסטן דאַנק.

מאַריאַנע האָט אים דערלאַנגט די האַנט און אים געדאַנקט מיט האַרציקע ווערטער, דערנאָך האָט זי געלאָזט אַנטאָן קאָלדעווינען אָפּפירן זי אַהיים.

יאָ, די איידערדווינען-פייערונג איז געווען אויסערגעוויינלעך! די מענטשן פון שטאָט זענען געשטאַנען ביים ברעג און האָבן באַטראַכט מעאָדאָרן דעם זיגער און האָבן גערעדט וועגן די

שאָסן אויף דער ערד און וועגן די פּנימער אויפן הימל. דער זשעלאַטין־קויפער האָט באמת געוואָרט און ער האָט נישט געהאַט קיין חרטה, ווייל עפּעס אַזעלכעס האָט ער נאָך אין זיין לעבן נישט איבערגעלעבט! — אָבער לאַרס מאַנועלסען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געהאַט בדעה אָנצושרייבן צו זיין זון ל. לאַסען און אָנפרעגן אים, צי די דאָזיקע פייער־שפּייענדיקע צייכנס און מענטשלעכע דערפינדונגען זענען ביי די הימלען נישט קיין גאָטס־לעסטערונג, חלילה.

XIII

— איך האָב דיך אַ גאַנצע וואָך נישט געזען, — האָט ווילאַץ געזאָגט צו מאַריאַנען — פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען יענעם טאָג, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט?

— אַנטאָן איז דאָ געווען. — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— איך ווייס.

— אַזוי?

— איך האָב אים געזען. פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען, ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט?

— אויב אַזוי, ווייסטו דאָך מסתמא דאָס צווייטע אויך. איך בין געווען מיט אים אויף דער איידערדווינען־פייערונג.

דאָס האָט ווילאַץ נישט געוווּסט, און זיינע אויגן־ברעמען האָבן לייבט אַ ציטער געטון. ניין, ער האָט אין יענער צייט פון קיינעם נישט געוווּסט; ער אַרבעט אַזוי פלייסיק, אַזוי אָנגעשטרענגט. ער וואָלט אין יענעם טאָג פון דער פאַבריקער וואָך באַנוצט מאַריאַנען אַלס פּובליקום, כדי זי זאָל זיך צוהערן, אָבער זי איז נישט גע־קומען. ער האָט געאַרבעט זייער אָנגעשטרענגט, אָבער אויך זייער שלעכט.

דערפאַר אָבער האָט ער געטראָפן איר פאָטער אויפן גאַס און גערעדט מיט אים אַ פּאָר ווערטער.

— איך זע, אַז די בלעטער זענען שוין געל, — האָט ווילאַץ געזאָגט — איצט וואָלט געווען גוט, צו באַצייכענען די וואַלד־ביימער, וואָס דאַרפן אויסגעהאַקט ווערן.

— דאָס איז שוין באַזאָרגט. — האָט הער האָלמענגראַא געענטפערט.

— באַזאָרגט? איך בין אייך זייער פאַרפליכטעט. ווען איז עס פאָרגעקומען?

— נישט לאַנג. איך האָב מיר נישט געוואָלט ערלויבן אייך צו שטערן, און האָב עס געטון אויף מיין אייגענער אחריות און לויט מיין געוויסן.

— איך דאַנק אייך. און איר קאָנט מיר געבן אויך האָלץ־העקער?

א מערקווירדיקער מאַן, דערדאָזיקער נייער ווילפאַץ האָלמסען לגבי די פריערדיקע! — האָט הער האָלמענגראַא געטראַכט. — ער נוימיקט זיך בסדר אין הילף. צוויי מענטשן האַקן שוין א לאַנגע צייט זיינע בוימער און זיי זענען שוין פאַרטיק געוואָרן; אָבער דער נייער ווילפאַץ האָלמסען האָט נישט געלאָזט פאַלן א וואָרט וועגן דער באַצאָלונג, ער האָט מסתמא בכלל דערפון נישט געטראַכט, און אפשר האָט ער נישט צוגעגרייט קיין געלט.

אין א טאָן, וואָס האָט פאַרטאַן א האַר־דיגעם קלאַנג פון מידקייט, האָט הער האָלמענגראַא געענטפערט:

— דערצו וועט מען אויך געפינען אן עצה.

— איך דאַנק אייך. — האָט ווילפאַץ געזאָגט.

אָבער ער האָט מסתמא אַרויסגעפילט, אז הער האָלמענגראַא איז מיד און האָט אים לענגער נישט געוואָלט פאַרהאַלטן.

— נו, זייט געזונט.

— איר אַרבעט זייער שטאַרק, ווילפאַץ, מען זעט אייך גאָרנישט ביי אונז!

— יאָ, איך פּרוו עפּעס פאַרטיק צו מאַכן. נו, יעדערער פון אונז האָט זיינע דאגות: איך מאַטער זיך גענוג אָן, איידער איך פעדים איין א נאָדל, אין דער לעצטער צייט האָב איך זיך אפילו אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות. — האָט ער מיט א שמייכל געזאָגט.

— עס פאַלט מיר איצטער איין, אפשר האָט איר שוין געטראַכט וועגן דעם, איר וואָלט מיר געקאָנט עפּעס אָפּטרעטן פון אייערבאַרג? — האָט הער האָלמענגראַא געזאָגט.

— אויב איך זאל זיין אפנהארציק, וואלט איך עס בעסער נישט געוואלט.

— נו, טא לאמיר דערפון מער נישט רעדן.

— ליבער הער האלמענגראא, דאס וואלט געקאנט אויסזען פון מיין זייט, ווי שלעכטער ווילן און אומדאנקבארקייט; אבער מיין טאטע, דער אלטער אייגנטימער פון דעם גוט, האט מיך געבעטן אין זיין לעצטן בריוו אויסצוקויפן צוריק דאס לאנד, אבער פון האנט עס מער נישט ארויסצולאזן.

— לאמיר-זשע דערפון מער נישט רעדן. — האט הער האלמענגראא געזאגט.

און קיינער וואלט מסתמא נישט געמערקט ביי דעם אלטן שפעקוליאנט, אז טיף אין הארצן איז ער דווקא געווען אנטציקט פון דעם אפזאג; ער האט געענטפערט העפלעך און קאלט.

יא, אזוי איז עס פארגעקומען, בעת ווילאץ האט זיך געטראפן אין גאס מיטן הער האלמענגראא.

איצט זיצט לעבן אים מאריאנע. וועט זי אויך זיין צו אים אזוי קאלט, ווי איר טאטע?

— אויף דער איידערדויענען-פייערונג? וואס איז דאס אזוינס?

— דאס איז געווען די פייערונג פון דעם קרעמער טעאדאר. דו געדענקסט דאך מסתמא די שיסעריי און די פייערווערק אין יענעם אוונט? בין איך דארט אויך געווען.

זי האט מסתמא ערווארט פון אים עפעס א חוזקדיקע באמערקונג, ווי למשל: אויב אזוי, איז קיין וווּנדער נישט, וואס זי האט אים גע-לאזט אליין. אבער ניין, ער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ.

— אבער איצט בין איך דאך דא. איז עס צו שפעט? — האט זי געפרעגט.

— איך האב געהאט א זאך, וואס איך האב דיר זייער געוואלט פארשפילן, האב איך עס געלאזט ליגן און דערנאך עס אין גאנצן אויסגעמעקט.

— אך, ליבער ווילאץ, איך קאן דאך נישט קומען צו דיר אין דער זעלבער מינוט, ווי דו רופסט...

— איך האב דיך נישט בלויז גערופן; עס איז מיר פשוט

געגאַנגען אין לעבן דיר עס פאַרצושפּילן. איך האָב זיך געבעטן ביי דיר, דו זאָלסט קומען.

— איך בין זייער אומגליקלעך. הייסט עס, אַז אויב דיין פּאַרטיטור וועט קיינמאָל נישט דערזען די ליכטיקע שיין, וועט עס סוף־כּל־סוף זיין מיין שולד.

ער האָט אַ שמייכל געטון. ער האָט געוווּסט, ווי אויפּצונעמען קאַלטקייט.

— אַזוי שטאַרק אָפּהענגיק בין איך נישט מחויב צו זיין. און אַזוי אָפּהענגיק בין איך קיינמאָל נישט געווען.

— ניין, אַוודאי נישט. — האָט זי געזאָגט, און זי האָט אויף אַן איבערגעטריבענעם אופן מספּים געווען.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צו צום פענסטער. גלייך ווי זי וואָלט בדעה געהאַט צו צערייסן אַ פירהאַנג.

— אמת, אַז דו האָסט שוין פאַרטיק געמאַכט עטלעכע אויסגעצייכנטע זאַכן?

ער האָט ווידער געשמייכלט.

— דו ווייסט דען נישט, אַז גרין האָט זיי אָנגערופן געניאַל?

— יאָ, דאָס זאָג איך מאַקע.

ווילאַץ איז היינט געווען אַנדערש, ווי שטענדיק. ער, וואָס פלעגט הינטער פיר אויגן רעדן וועגן זיין קונסט מיט צאַרטע און האַרציקע ווערטער, האָט איצט פון איר געחוזקט. ווילאַץ, וואָס פלעגט אַזוי אָפט פאַרברענט ווערן פון אייפערזוכט, איז איצט געזעסן, ווי אַ הילצערנער קלאָץ.

— אַגב, — האָט זי געזאָגט און געמאַכט אַ באַוועגונג אָנצוכאַפּן דעם פאַלד פון אַ פאָרהאַנג, דערביי אָבער האָט זי אַ בליק געטון צו אים איבער דער האַנט — אויב דו ווילסט, אַז דיין געניאַליטעט זאָל ווערן באַקאַנט, מוזסטו זיך אויך ווייטער באַגראָבן אין דער איינזאַמקייט און שווייגן.

דאָס האָט געטראָפן, ער איז געווען אויסער זיך. היינט איז זי אים גוט דערגאַנגען די יאָרן! אָבער אַזוי ווי ער האָט היינט באַשלאָסן נישט צו פאַרגינען איר קיין נצחון, האָט ער ווידער אַ שמייכל געטון, ער איז געזעסן פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען, באַטראַכט זיין געקניטשטע האַנט און געשמייכלט.

— וועגן דעם, וואָס איך זאָג, קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, — האָט זי ווייטער גערעדט. — אָבער דו קאָנסט פונקטיטוועגן טון, וואָס דו ווילסט. אגב, איז נאָך אנטאָן דאָ הי, דו ווייסט?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט.

זי האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פענסטער:

— דו ווייסט עס?

אָך, ווי ער האָט זי היינט אויפגערעגט מיט זיין רויקייט! ער האָט געענטפערט:

— דו ביסט קיין האָר נישט איבערראַשט דערפון, מאַריאַנע, דיין פּנים פאַרראַט נישט קיין שום אויפרעגונג. נאַטירלעך, ווייס איך, אַז אנטאָן איז דאָ הי, אָבער וואָס איז די נפקא מינה? איך האָב די גאַנצע צייט געוווּסט, אַז דו שטייסט ביים פענסטער און דו ווילסט, איך זאָל גיין זען, צוליב וואָס דו שטייסט.

דאָס האָט אויך געטראָפן, אירע אויגן האָבן זיך במעט פאַרמאַכט. אָבער אין אַ רגע שפּעטער איז שוין ווידער געווען רויק. זי וואָלט געגומען צישן, זי וואָלט ווידער אַ כאַפּ געטון אַ גאָפּל, זי האָט עס אָבער געקאָנט באַהאַלטן. אָך, אָבער די דאָזיקע גאַנצע ביטערקייט האָט היינט קיין שום פּעולה נישט געהאַט, זי האָט נאָר געבראַכט שאָדן.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו מיינסט, — האָט זי געזאָגט. — הער אויס, אפשר וועסטו מיר היינט פאַרשפּילן יענע זאַך, נאָר די איינע זאַך?

— לאָז מיך צורו! זי איז נאָך נישט פאַרטיק, — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— איך וועל דיך שוין צורו לאָזן אויף שטענדיק, — האָט זי געזאָגט, שוין באמת באַליידיקט — אויף שטענדיק.

גיין, וואָס פאַר אַ קלעפּ זיי גיבן זיך היינט איינער דעם צווייטן! ווילאַק, דער הילצערנער קלאָץ, איז ווייטער געזעסן, נישט צום רירן פון אָרט, און ער האָט געפרעגט:

— הייסט עס, אַז איצט ווילסטו שוין נישט?

— ניין, — האָט זי געענטפערט.

און זי האָט איין אויגנבליק אויסגעזען, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען איר פעסטער באַשלוס.

— דאָס, וואָס האָט אונז פאַרבונדן, איז אייגנטלעך נישט געווען מער, ווי אַ שטרוי.

שווייגעניש.

— נישט אמת? — האָט זי געפֿרעגט.

— מיר ביידע זענען אויך אַמאָל געגאַנגען צוזאַמען אויף פֿייערונ־גען. — האָט ער געענטפֿערט.

ער האָט זיך אָנטבלויזט. ער האָט אין אַן אומדערוואַרטער מינוט אַרויסגעוויזן זיין אייפערזוכט. צי האָט זי עס באַמערקט?

— גריס פון מיר אַנטאָניען! — האָט ער געזאָגט, כדי דאָס צו פאַרדריכטן. — ווען פאָרט ער אָפּ?

אַ יאָ, מאַריאַנע האָט מסתמא באַמערקט זיין געדאַנקענלאָזי־קייט. זי האָט זייער קורץ געענטפֿערט:

— ער קאָן דאָך נישט אָפּפאָרן פֿריער, איידער די שיף קומט.

— אוודאי נישט. און ווען קומט זי? אָבער ס'איז אַלץ איינס. לאָז אים גריסן און זאָג אים, אַז איך אַרבעט, פּונקט ווי איך וואָלט אין די דאָזיקע טעג געווען שטאַרק פאַרנומען. — האָט ווילאַק גע־זאָגט און גענומען אַ בלאַט נאָטן.

— וואָס איז דאָס? פון וואַנעט האָסטו עס? — האָט זיך מאַריאַנע נאָכגעפרעגט אויף אַ שווערד מיט אַ באַגילדטן הענטל.

— מיין טאַטנס שווערד איז דאָ שטענדיק געהאָנגען. — האָט ער געזאָגט.

— זיי מוחל.

און ווען זי האָט גאַנץ צופעליק ווידער אַרויסגעקוקט דורכן פֿענסטער, האָט זי אויסגערופן.

— ער ווערט דאָך אַן באמת, — ער קאָן דאָך נישט גיין אַזוי אָן ווינע הענטשקעס! זיי געזונט.

דערביי איז מאַריאַנע אַרויסגעלאָפן און האָט אפילו נישט רעכט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

ווילאַק האָט זיך געמוזט אויפשטעלן און זי פאַרמאַכן, און דערביי האָט ער דאָך געמוזט אַ וואָרף טון כאָטש אַ האַלבן בליק צום פענסטער. פו, ס'איז נישט מער, ווי אַנטאָן! אָדער ער האָט

נישט געטראָגן קיין הענטשקעס. מאַריאַנע האָט עס אויסגעטראַכט. ליגנס פון אַלע זייטן!

און אָט נאָך דעם אַלעמען האָט שוין ווילאַק מער נישט געקאָנט אַרבעטן, אומטעגלעך, און זינגען האָט ער אויך נישט געקאָנט, ער האָט נישט געהאַט זיין מאַמעס שטימע. אין פלוג איז ער דאָך געווען אַ לאַנגווייליקער בחור; ער האָט געקאָנט צייכענען און מאָלן, ווי זיין מאַמע, ער האָט געוווּסט, ווי זיך אָנצוטון שיין און גוט, ווי זיין טאַטע, אָבער דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט. אָבער אייפערזיכטיק אויף אַנטאָנען? זייט מוחל, ער האָט פשוט גע-מוזט לאַכן!

מסתמא איז דאָך שוין דער וועג ווידער פריי, און ער קאָן דאָך שוין אַרויסגיין?

אָבער עס איז אים היינט געווען באַשערט נאָך עפּעס. אויפן וועג איז געשטאַנען קאָנראַד, דער געוועזענער טאָגאַרבעטער, דער לומפּ, ער איז דאָ געשטאַנען און האָט זיך געגריסט, און זיין חבר אַסלאַק, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטיין, איז אויך אויפגעשטאַנען און האָט זיך אויך געגריסט. קאָנראַד האָט אַ ווייַלע באַטראַכט די ליניעס פון זיין האַנט, און ווי נאָר ער איז דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זי אויסגעשטרעקט. אויף ווילאַקס שטערן האָבן זיך פלוצלינג באַוויזן נאָך טיפערע קנייטשן ווי פריער.

— איך האָב אייך געוואָלט דאַנקען, — האָט קאָנראַד געזאָגט.

ווילאַק האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ער האָט עס פיינט געהאַט, ער האָט געזאָגט:

— דו האָסט מיר נישט פאַרוואָס צו דאַנקען, געדענק עס איינ-מאָל פאַר אַלע מאָל. וואָס ווילסטו נאָך?

קאָנראַד האָט איינגעזען, אַז ס'איז גלייבער צו רעדן וואָס ווייניקער, און ער האָט געזאָגט:

— מיר וואָלטן זיך געוואָלט דערוויסן, צי קאָנען מיר נישט באַ-קומען ביי אייך אַרבעט.

ווילאַק האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס; בעת ער האָט עמעצן אָפּגעמאָסטן, האָט ער אויסגעזען ווי זיין טאַטע:

— אַרבעט?

— יאָ, איך און אַסלאַק.

וויללאַק האָט אָפּגעמאָסטן אויך אַסלאַקן. אָט איז געשטאַנען פאַר אים דער מענטש, וועלכן ער האָט אַמאָל געפּאַטשט, יאָ, און האָט דערנאָך באַצאָלט דערפאַר, וואָס ער האָט דעם דאָזיקן נעבעכדיקן חברה־מאַן און דער גאַנצער מענטשהייט געטון די טובה און אים געפּאַטשט; זיי זענען געווען קוויט.

— איר קאָנט האַקן אין וואַלד די ביימער, וואָס איך האָב אָנגעצייכנט. — האָט וויללאַק געזאָגט.

— גוט, — האָט אַסלאַק צוגעשטימט. אַזוי, איר ווילט, הייסט עס, האַקן ביימער? אָבער צי איז נאָך נישט דערצו צו פרי?

וויללאַק האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין שמועס, ער האָט נאָר קורץ אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— גייט אין הויף און מעלדעט זיך ביים קנעכט מאַרטין!

דערביי איז ער אַוועק.

דאָס איז נישט געווען אַזוי נאַריש, דאָס איז געווען אַפילו זייער גוט, ער האָט געקאָנט פאַרשפּאָרן דעם הער האָלמענגראַא די ווייטערדיקע טרחה מיט די האָלצהעקער. נאַטירלעך איז נאָך איצט געווען צו פרי צו האַקן האָלץ, אָבער אין דעם גרויסן הויף וועט זיך נאָך געפינען פאַר די צוויי מענטשן אַ זייטיקע אַרבעט. דאָס איז פשוט געווען גרויסאַרטיק, און ער האָט תיכף געוואָלט גיין צום הער האָלמענגראַא און איבערגעבן די ידיעה.

הער האָלמענגראַא האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן מילד און פריינדלעך:

— אַזוי? נו, יעדנפאַלס וואָלט נישט געווען אַזוי שווער צו געפינען האָלצהעקער. הייסט אויסהאַקן די שטאַמען, כל זמן דער שליטוועגס איז נאָך גוט, און לאָזט עס אויפן פרילינג מיטן וואַסער, און האָלץ איז אַזוי גוט ווי מזומנים.

דאָס איז אַלץ געווען גאַנץ ריכטיק, אָבער פון דעסטוועגן האָט עס געגעבן וויללאַצן אַ שטאָך:

קיין שום געלט נישט פאַרן פרילינג!

אָבער ווי האָט עס געקלונגען? צי איז דער האָלץ־מסחר נישט געווען דעמאָלט אויסערגעוויינלעך גוט, און צי האָט מען פאַר די אָנגעצייכנטע ביימער נישט געקאָנט באַקומען, וויפל געלט מ'האָט

געוואָלט ? אפשר האָט הער האָלמענגראַא געוואַרט, ער זאָל אים בעטן אַ טובה ? אויב אַזוי, מעג ער לאַנג וואַרטן !

— אפשר קאָנט איר אונז אָנטון דעם פאַרגעניגן, און בלייבן ביי אונז דער, אָוונט ? — האָט הער האָלמענגראַא געפרעגט. — עס וואָלט געווען פּראַכטפול, מאַריאַנע און איך זענען גאַנץ איינזאַם. אין די לעצטע טעג האָט, וואָס אַן אמת, פאַרבראַכט מיט אונז אַנטאָן קאָלדעווין, אָבער פּונדעסטוועגן...

ניין, דאָס גייט נישט ! ווילאַק האָט נישט געקאָנט, האָט נישט געדאַרפט, אפילו אויב ער האָט געוואָלט !

ער איז געגאַנגען צוריק מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן ער איז געקומען, אָבער איצט האָט ער איבערגעלעבט נאָך עפּעס:

נאָענט צו דער בריק איז געווען אַ ווערבע-וועלדל; עס איז געלעגן ביים ראַנד פון וועג. ווילאַק האָט געקאָנט דעם אָרט אויסגעצייכנט, דאָרט האָט ער געקושט מאַריאַנען דאָס לעצטע מאָל פאַר זיין ערשטער רייזע קיין בערלין, — און אָט האָט ער דעם אָרט דערזען מאַריאַנען מיט אַנטאָנען. וואָס ווייטער ? גאָרנישט ! אַנטאָן האָט דאָך שוין אַ מאָל געזאָגט, אַז ער וויל צונעמען פאַר זיך דעם גאָלדענעם פיש. די פאָר איז שוין אפשר אַזוי געשטאַנען, בעת ווילאַק איז פאַרבייגעגאַנגען. ווען ער וואָלט נאָר נישט געמורמלט צו זיך, אָדער גערעדט צו זיך, פּונקט ווי ער טוט עס אַמאָל !

דאָרטן שטייט אַנטאָן אויף די קני. ער קניט. ער איז אָן אַ הוט, ער מאַכט איר געוויס זיין ליבע-דערקלערונג; מאַריאַנע וויל אַוועק, אָבער ער נעמט אַרום איר קלייד, עס זעט אויס לעבערלעך, ער נעמט אַרום אירע פיס. צי האַלט ער זיך אָן אָן איר ? עס האָט אויסגעזען מער, ווי לעבערלעך. זיי האָבןביידע גלייכצייטיק גערעדט. ווילאַק האָט געקאָנט דערקענען לויט זייערע באַוועגונגען, אַז זיי זענען פולשטענדיק פאַרנומען מיט זיך אַליין, און דער גערויש פון טייך האָט זיי געשטערט צו הערן, אַז עמעצער גייט. זיי האָבן זיך דאָ געפילט גאַנץ זיכער.

ווילאַק האָט איין אויגנבליק געהאַט בדעה זיך אומצוקערן, ער האָט געמאַכט אַ שריט אויף צוריק, אָבער מאַריאַנע האָט אים דערזען. זי האָט געזאָגט אַ פּאָר האַסטיקע ווערטער. אַנטאָן איז אויפגעשפּרונגען און פאַרגליווערט געקוקט פאָרויס. די ביידע פריינד האָבן

זיך פֿרעמד אָנגעקוקט, ווי מענטשן פֿון צוויי פֿאַרשיידענע וועלטן, דאַן האָט אַנטאָן אַראָפּגענומען זיין הוט, געגריסט מאַריאַנען און געלאָזט זיך גיין אין וואַלד אַריין.

צי אַנטלויפֿט ער? דאָס האָט אים אויסגעזען נישט גלאַטיק, מאַריאַנע האָט אים געמוזט האָבן געזאָגט אַן אַנטשיידן וואָרט.

זי האָט פֿאַרלאָזן דאָס וועלדל און איז מיט אַ הויך־אָטעמדיקער ברוסט אַרויס אויפֿן גאַס. נישט געקוקט אויף איר פֿיינלעכער פֿאַרלעגנהייט און אויף דער איינגעהאַלטנקייט, נישט אויסצוברעכן אין אַ געוויין, האָט זי דאָך באַוויזן צו באַגריסן ווילאַצן מיט אַ שמייכל. אַ שטאַרקער מענטש, די דאָזיקע מאַריאַנע, זי קאָן אַלץ. זי האָט געזאָגט:

— דו האָסט עס מסתמא געזען? אויב אַזוי קאָן איך גאָרנישט העלפֿן און ס'איז מיר אַלצאיינס. אָבער עס פּייניקט מיך דער געדאַנק, אַז דו האָסט עס געזען. ער איז משוגע. און איצטער זאָג מיר, ווי איז עס דייך געגאַנגען, צי האָסטו געקאָנט אַרבעטן? גיב אַ קוק, אָט ליגט דיין שטעקן. איך וועל אים, פֿאַרשטייט זיך, נישט אויפֿהויבן. וואָס האָסטו געטון ביים טאַטן?

זי האָט אַרויסגענומען איר טאַשנטיכל און גערעדט ווייטער:

— איצט האָב איך זיך, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרקילט, עס הויבט זיך שוין אָן דער קאַטאַר. איך מיינע אויגן נעמען טרערן. האָסטו שוין געזען עפּעס אַזוינס און אַזוי אומגעריכט? זאָג מיר, וואָס קלערסטו וועגן דעם? איז עס געווען נישט פֿיין? האָסטו נישט געזען, אַז ער... איך האָב זיך נישט געקאָנט רירן...

— זיי געזונט! — האָט ער געזאָגט און ער איז אַוועק.

ער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט. — ס'האָט נאָך קיינער נישט געזען ווילאַץ האַלטענען אויסדרייען דעם קאָפּ! — ווען ער איז אָנגעקומען אין זיין ציגל־בנין און געוואָלט אַריינגיין אינעווייניק, האָט ער פּלוצלינג דערזען, אַז מאַריאַנע שטייט צוויי טריט הינטער אים. ער האָט זיך דערשראָקן, איר שטילער קלאַנגלאָזער גאַנג האָט זי אומבאַמערקטערהייט דערפֿירט ביז אַהער.

— זיי מוחל! — האָט זי געזאָגט, ווייל זי האָט אים איבערגעשראָקן.

— גיי אַהיים! — האָט ער געבעטן. — בלייב דאָ נישט שטיין, נאָר גיי אַהיים!

די פאַרקילונג איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, דאָס טאַשנטיכל איז נעלם געוואָרן, זי האָט אַראָפּגעשלונגען אירע טרערן.

— אַוודאי גיי איך אַהיים, אָבער צי ווילסטו נישט מודה זיין, אַז דיין באַנעמונג איז אומזיניק? וואָס קאָן איך העלפן, וואָס ער האָט מיך אַרומגענומען?

וועגן דעם האָט מען זיך נישט געקאָנט שפּאַרן. יאָ, דער שכל האָט דאָך מחיב געווען, און ער איז געבליבן אַ ווײַלע שטום. אָבער זיי האָבן זיך דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל געקריגט, זיי האָבן זיך ביידע געקענט דערויף. און שוין אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געקאָנט זאָגן:

— צי האָסטו אַ טראַכט געטון, אַז מיר האָבן זיך דאָרט אַמאָל פאַרקנסט?

זי האָט נישט געענטפערט.

— דו וואָלסט מיך שטאַרק אַנטוישט, ווען דו וואָלסט אויף דער ראַזיקער פראַגע געענטפערט בלויז מיט שווייגן.

— אפשר קאָנען מיר אַריינגיין? — האָט זי געפרעגט.

— אַוודאי קאָנען מיר עס. און אויב דו ווילסט, קאָנען מיר דאָרט אויך קניען און ווערן גערירט, אַוודאי קאָנען מיר אַהינגיין, וואָס איז פון אַנטקאָגען געוואָרן? מיר וואָלטן אים געוויס אָפּגעטון אַ שפּיצל, ווען מיר גייען איצט אַהין צוזאַמען און מיר זעצן זיך דאָרט אַוועק. ווי מיינסטו?

— ניין, עס וואָלט פאַר אים נישט געווען קיין שפּיצל. ער וויל מיך האָבן, זאָגט ער, און ער זאָגט עס מיר היינט נישט צום ערשטן מאָל. אָבער איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וויל נישט, ווײַל איך בין נישט פריי.

— וואָס איז דען ביי דיר נישט פריי? איך ווייס גאָרנישט.

— דאָס וואָס מען רופט אָן האַרץ איז ביי מיר נישט פריי.

— מערקווירדיק! זאָל טאַקע דיין האַרץ באמת זיין נישט פריי? ניין, דו פענטעסט עס און דו באַפרייסט עס, נאַטירלעך, ווי דיר געפעלט. און בכלל האָסטו דאָס רעכט צו טון מיט דיין קליינעם אייגנטום, וואָס דיר געפעלט.

— מיר, וועלן נישט אַריינגיין!

— אָבער אויב אַנטאָגען האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס ער האָט פאַר דיר געקניט און געפאַלן דיר צו די פיס, — עס איז אומבאַשיידן פון מיין זייט, אָבער וואָס, מיר זענען איינער צום אַנדערן, ווי רויב־פייגל! — איז מיין זאַך אויך אַ פאַרשפּילטע. אויב איך זאָל זיך דאָ פליסן אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד און בעטן ביי דיר דאָס, וואָס דו רופסט אָן דיין האַרץ, וואָלט מיר עפּעס געהאָלפן?

— הער שוין אויף! עס וועט דיך שפּעטער אַליין פאַרדריסן, וואָס דו ביסט אַזוי העסלעך.

— און אויב איך וועל זיך, אַנשטאָט דעם, גאָר אויסלאַכן און זאָגן דיר אַ גוטן טאָג און אַ שיינעם דאַנק, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— אַך, די דאָזיקע פאַרקילונג, זי קריכט מיר אין די אויגן! — האָט מאַריאַנע געזאָגט און ווידער אַרויסגעצויגן איר טאַשנטיכל.

ער האָט באַמערקט, ווי ס'האָט זי געשטיקט און ווי זי איז געווען מוטיק און אַראָפּגעשלונגען אירע טרערן. דאָס איז געווען פון איר זייער מוטיק.

— גיי אַהיים! — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, איצטער גיי איך. - האָט זי געזאָגט און זיך גערירט פון אָרט.

— אַוודאי האָט זי אַראָפּגעשלונגען אירע טרערן, ווייל מ'האָט זיי שוין מער נישט געזען, קיינער האָט זי נאָך נישט געזען וויינען. צאָרנדיק און פאַרביטערט האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אויסגערופן:

— און אויב דו פאָרסט אין האַרבסט מיט דער דאָזיקער אָפּערע קיין אויסלאַנד, טאָ בלייב געזונט!

דאָס האָט אים ווידער אויף איין אויגנבליק שטום געמאַכט. דאַן האָט ער זיך אָנגערופן:

— דו ווילסט מיר גאָרנישט דערמאָנען, איידער דו גייסט אַוועק, אַז איך זאָל דיר מאָרגן צושיקן בלומען?

זיי זענען איינער דעם צווייטן גוט דערגאַנגען די יאָרן מיט זייער קרענקענדיקע ווערטער און מיט דער בייזקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זייער מחלוקת — און דאָס אין דער צייט פון זייער

פאַרלאָבונג! יאָ, אָבער שפּעטער וועט דאָך ערגער נישט ווערן, עס קאָן ערגער נישט ווערן. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי אויסגעמיטן די אומאַנגענעמלעכקייט, צו דערפילן אין זייער חתונה־לעבן אַן עקל ביים דערמאָנען זיך אין דער לאַקריץ־זיסקייט. זיי זענען געווען אַ מיושבדיק פאַרליבט פּאָר!

די פאַרקילונג און דאָס מאַשנטיבל זענען ווידער פאַרשוווּנדן געוואָרן. מאַריאַנע גייט איר וועג, אַזוי ווי פריער, און זי קאָן טראַכטן און רעדן. אַ מחנה שרייענדיקע סראָקעס יאָגט זיך נאָך אַ מענטשן; לאַ־ס מאַנועלסען קומט איר אַנטקעגן אין זיין צווייי רייזיקן רעקל מיט אַכט קנעפּ. ער איז דער מאַטע פון אַזאַ גרויסן מענטשן, אַז ער האַלט פאַר נויטיק אָפּצושטעלן יעדן מענטשן אין גאַס. און ער שטעלט טאַקע אָפּ אויך מאַריאַנען:

— ווען איך זאָל זיין אייער פאָטער, וואָלט איך אויסגעשאָסן די דאָזיקע פאַסקודנע סראָקעס. — האָט ער געזאָגט.

— די סיורא לאָזט דיך נאָך אַלץ נישט צורו? — האָט מאַריאַנע געפרעגט.

— ניין, די סראָקעס פאַרפאָלגן מיך, ווו איך שטיי און ווו איך גיי. דאָס איז אַן אמתער קרייץ. דער עולם מאַכט חוזק פון מיר, און דאָס טאָר איך נישט דערלאָזן. דאָס זענען אייערע סראָקעס.

— האָסטו נישט געדאַרפט לעבן שלעכט מיט דער סיורא, לאַ־ס.

— פאַרוואָס נישט? טויט און מגפה, איך וועל זיי אַלע איינציקווייז אָפּשיסן!

— זי איז זיך נוקם, זאָגט מען.

— זי האָט זיך שוין גענוג נוקם געווען. איך בין ביי מענטשן אין די מיילער. איך ווייס גאָרנישט, וואָס מען טוט. דער עולם באַשולדיקט מיך אין דער גנבה ביי אייך אין שטוב, זאָלן זיי עס נאָר באַווייזן! אָבער איצט האָב איך געשריבן צו מיין זון לאַסען, ער זאָל קומען און זאָל מיך באַפרייען.

— נו, אין לאַרם וועט קומען?

— לאַסען איז דער דאָזיקער מאַן, וואָס קומט צו דער ריכטיקער צייט.

און אָט האָט מאַריאַנע באַגעגנט אַנטאָנען. ער האָט אויפגעהויבן זיין שטעקן און געוואָרט אויף איר. אויך ער איז פול מיט שטעכווערטלעך.

— איר האָט שוין באַזאָרגט דעם ענין מיטן מאַן, וואָס איז נישט אָפּצושאַצן מיט גאָלד?

— ניין, נאָך נישט באַזאָרגט, און איצט וויל איך אייך דרינגענד בעטן, איר זאָלט מיר מער נישט אויפשטעלן אויף אַזעלכע אומאָנגענעמלעכקייטן.

— איך בעט אייך, מיר גנעדיק מוחל צו זיי!

— מיין פאַרגעבונג הענגט אָפּ פון אייער צוקונפטיקער האַלטונג.

— איך וועל זיך בעסערן, ערלויבט מיר צו האָפן אויף אייער גינציקייט.

מיט הכנעהדיקן גרוס האָט זיך אַנטאָן געלאָזט גיין זיין וועג צום בריק און צום האָטעל. אָבער ווען ער איז שוין געווען ווייט און זיכער, אַז מאַריאַנע קאָן אים שוין נישט זען, האָט ער זיך פאַרנומען מיטן מייך און זיך געלאָזט גיין צום ציגל־בנין. ער האָט אָן שום קונצן אויסגעעפנט די טיר און איז אַריין צו ווילאַצן.

— גוט מאָרגן! — האָט ער געזאָגט. — אָט בין איך. ווילסט עפעס פון מיר?

— ניין, — האָט ווילאַק געענטפערט — העכסטנס וויל איך דיך בעטן, דו זאָלסט צו מיר נישט קומען און דו זאָלסט מיר נישט שטערן.

— דו ווילסט אויסמיידן, נישט צו רעדן דערפון, — האָט אַנטאָן געזאָגט מיט פאַרביטערונג. — דאָס וועט זיך דיר נישט איינגעבן.

— דיינע גראָבקייטן לאָזן מיך קאַלט. זיי רירן מיך נישט. — האָט יענער געענטפערט.

אַנטאָן איז געווען אויסער זיך.

— הלוואי זאָל דיר נישט אָפּגליקן, אפילו ווען איינער פון אונז וועט בלייבן אויפן פלאַץ.

— ס'איז פאַראַן אַ געוויסער זין אין דעם וואָס דו זאָגסט. — האָט ווילאַק געענטפערט; ער האָט נאָכגעטראַכט און באַנוצט דערביי זיין גאַנצן פאַרשטאַנד. דאַן האָט ער זיך אָנגערופן:

— דערנאָך קאָנסטו זיך אוועקלייגן דאָ אויף דער סאָפקע און זיך אויסשלאָפן.

— נאָך מער פּלוידעריי! אַלזאָ, איך בין נישט געוווינט צו קיין באָקס, צו דער דאָזיקער ענגלישער פלייש-מיל-אַרבעט. אָבער איך קאָן זיך פעכטן.

— און איך בין נישט געוווינט צו די פראַנצויזישע שטריק-נאָדלען.

— ניין, אָבער שיסן קאָנען מיר דאָך ביידע?

ווילאַץ האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול און געזאָגט:

— ביסט פשוט לעכערלעך! אָבער אַלץ איינס, האָסט דען מיטגעבראַכט עפּעס צו שיסן?

— ניין, אָבער דאָ אויף דער וואַנט הענגען רעוואָלווערן. איבעריקנס, נעבעכדיקע רעוואָלווערן, וואָס האַלטן זעקס צאָל די לענג.

— אַכט צאָל. — האָט ווילאַץ אָביעקטיוו פאַרריכט.

און ער האָט געגוועט, מיט געדולדיקע ווערטער, באַשריבן די רעוואָלווערן:

— באַקוק זיי, זיי זענען בלאַנק און געפּערלעך.

אָבער אַנטאָן איז נאָך אַלץ געווען געקרענקט און אויפגערעגט.

— דו האָסט זיי בביון געמאַכט אומברויכבאַר, ווייל דו האָסט זיך געריכט אויף מיר. — האָט ער געזאָגט.

— דאָס קאָן געמאָלט זיין, ווייל איך וויל דיר נישט טון קיין שאָדן. נו, משוגענער יונג, אפשר קאָן איך איצטער וויסן, וואָס האָט דיך צו מיר געבראַכט?

— ס'איז דיר נאָך אַלץ נישט קלאָר? — האָט אַנטאָן צעהיצט אויסגעשריגן. — איך וויל זיך מיט דיר אָפּרעכענען.

אַ טיפע בלאַסקייט האָט זיך צעלייגט אויף ווילאַצעס פּנים. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט:

— ווען איך זאָל דיך נישט קאָנען, וואָלט איך דיך געקאָנט נעמען ערנסט.

— איך וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען; דערפאַר, וואָס דו שלעפּסט זיך אַרום און שפּיאָנירסט! — האָט אַנטאָן אַ געשריי געטון, נישט קאָנענדיק זיך באַהערשן און אויפשפּרינגענדיק אין דער הויך. —

דו האָסט נישט קיין בושה אין זיך, דו שלעפּסט זיך אַרום און שפּיאָנירסט...

און אָט איז געשען, אַז ווילאַק — דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט געקאָנט רעדן און שווייגן מיט אַן אומבאַגרייפלעכער פולשטענדיקער רויקייט, וואָס האָט געקאָנט רעדן, ווי ער האָט געוואָלט, און שלאָגן אָדער נאָכגעבן — אָט איז געשען, אַז ער האָט אַ זעץ געטון. און ער האָט גוט געטראָפן. אָבער אַנטאָן איז נאָר איין רגע געלעגן אויף דער ערד, באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען, אַ קוק געטון אויף ווילאַצן מיט פאַרגליווערטע אויגן און אַרויסגעציִשעט:

— פליִיש-מאַשין !

דאַן האָט ער אַ כאַפּ געטון זיין שטעקן און אַ שליידער געטון. אַ פלעשל איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ פּאָליצע. איידער דער שטעקן איז געבליבן ליגן, אַנטאָן האָט זיך אַרומגעקוקט, וואָס נאָך פאַר אַ זאַכן וואָלט ער געקאָנט וואַרפן. בעת ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט שוין עפּעס געטראָפן, יאָ, ער האָט געהאַט מזל און האָט אויסגעצאַפּט פון זיין פריינדס פּנים אַביסל בלוט; ער האָט אוועקגעוואָרפן אַן אַלטערטימלעכן רעוואָלווער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער און האָט, ציטערנדיק פון אויפרעגונג, געזאָגט:

— גיב אַ קוק, איך האָב שוין אַפילו אַ פליִיש-מאַשין, איבעריקנס, ביסטו שוין אָן דער ווונד אויך געווען גענוג העסלעך. אַ שאָד איז מיר נאָר דאָס צעבראָכענע פלעשל, דיר אַליין פאַרגין איך אַלץ, וואָס דו האָסט באַקומען. וואָס קאָסט דאָס פלעשל?

ווען ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער, האָט ער זיך אַוש געבלאָזן פון פאַראַכטונג, יאָ, ער האָט זיך געבלאָזן פון גאווה און פאַראַכטונג.

— נבלה ! — האָט ער געזאָגט און איז אַרויס.

אָבער באַלד האָט ער זיך נאָכאַמאָל אויסגעדרייט און געזאָגט:

— מסתמא וועט דאָ די דאַמע באַלד זיין, דו האָסט זי, נאַטירלעך, באַשטעלט, כּדי זי זאָל דיך ווידער צוזאַמענניִיען. פע, טייוול !

אַנטאָן האָט זיך ווידער געלאָזט גיין לענגאויס דעם טייך, כּדי אויסצומיידן מאַריאַנען, וועלכע האָט געקאָנט אָנקומען אַנטקעגן. ער

האָט נאָך געציטערט פון אויפרעגונג. מוט האָט ער געהאַט, דער חברה-מאַן, אָבער ער האָט געפלוידערט און געציטערט, ער האָט נישט געהאַט קיין מאָס!

וואָס זאָל ער מיט זיך טון, ביז עס וועט אָנקומען די פאָסט-שיף? פאַרגראָבן זיך אין האָטעל? איין אויגנבליק איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז ער וואָלט געקאָנט אַוועקגיין אויף אַ שעה צו טעאָדאָרן; באַלד אָבער האָט ער דעם דאָזיקן געדאַנק אויפגעגעבן און זיך געלאָזט גיין צום האָטעל.

ער וואָלט קיין נחת נישט געהאַט, ווען ער וואָלט איצט געווען אין האָטעל. ער וואָלט געבליבן שטיין צווישן אַן אַ שיעור קאַסטנס און פעסער, הויכע באַפּעלן און אַ גרויסע פּאַקעניש — טעאָדאָר האָט זיך היינט אַריבערגעצויגן אין זיין נייען געוועלב. ער האָט גענומען צו הילף אַסאַך מענטשן, צווישן זיי אויך יוליוסן.

אַלע האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן, אַז דאָס נייע געוועלב איז לעבערלעך גרויס; אָבער טעאָדאָר איז געווען גרעסער פון אַלע, ווייל ער האָט שוין איצט פאָרויסגעזען דעם טאָג, ווען ער וועט אויך די נייע קראָם מוזן פאַרגרעסערן, מ'האָט נישט געקאָנט לייקענען, אַז ער האָט באַהאַלטן אַן אומגלויבלעכע מאַסע סחורות, און ער האָט זיך געגנייטיקט אין אָרט.

און די אַלטע קראָם. די קראָם פון די פריילינס יענסען און פון דעם אַדוואָקאַט ראַש? יאָ, זי איז געשטאַנען אַ וואַנט לעבן אַ וואַנט מיט דער נייער קראָם, טעאָדאָר האָט זי נישט געוואָלט חרוב מאַכן, זי האָט געקאָנט צונוצקומען דער פאַמיליע. בעת-מעשה איז דער ענין געווען אַזוי, אַז טעאָדאָר האָט געלאָזט שטעקן אין איר זיין געלט; בלי-זמן מ'האָט אים נישט אויסגעצאָלט, איז דאָס געוועלב געווען זיין משכון, און ער האָט געהאַט, הייסט עס, אַ ריכטיקע סיבה, נישט אונטערצוגראָבן דאָס אַלטע געוועלב. אָבער לאַנג האָט עס נישט געדאַרפט דויערן. אַ טייערע צייט, די לעצטע וואָיאַזשאַרן האָבן גאָרנישט פאַרקויפט די פריילינס יענסען, נאָר אַלץ טעאָדאָרן. זיי האָבן באַזוכט די דאַמען, מיט דער גרעסטער העפלעכקייט דערלאַנגט זיי זייערע קאַרטן, אָבער מער האָבן זיי גאָרנישט געקאָנט טון: זיי האָבן פאַרקויפט נאָר דעם יונגן הער יענסען, וואָס איז געווען זייער אַלטער קונד. עס איז געווען אַ געשעפט-פרינציפ, נישט צו פאַרקויפן

אויף איין פּלאַץ צו צוויי קאָנקורענטן. די פּריילינס יענסען האָבן זיך נאָר באַליידיקט פאַרנייגט און פאַרוואָרפן אויף הינטן דעם קאָפּ.

— אָך, זייט מוחל, זאָרגט נישט פאַר אונז, מיר וועלן קריגן אַלע סחורות, וואָס מירן דאַרפן, מיר קויפן פאַר מזומן.

די דאַמען זענען געווען ביים מוט, אָבער זיי האָבן נישט פאַרמאָגט אין די שפּיץ פינגער אַזוי פיל טוחרישע געשיקטקייט, ווי טעאָדאָר, זיי האָבן פאַרוואָרפן די קעפּ אויף הינטן מיט פּעס, און האָבן נישט געהאַט די נויטיקע גוטמוטיקייט דאָס צו פאַרריכטן. אויב אַ זעגלפּאָסער מיידל איז געקומען צו די פּריילינס יענסען און געוואָלט באַקומען לייוונט אויף העמדער, האָט זי געקאָנט באַקומען אַזאַ מין ענטפער:

— מיר אַליין נוצן נישט קיין פיינערן לייוונט אויף וועש. זאָל עס פאַר דיר נישט טויגן?

טעאָדאָר האָט גלייך באַמערקט, אַז דאָס טויג נישט, ער האָט געטון בעסער, ער האָט איינגעפירט קאָנטאָ-ביכער פאַר סאָלידע מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט שטעלעס, און איין מיידל צו דער צווייטער האָט זיך געקאָנט אָנרופן אַזוי:

— ערשט נעכטן האָט מיר טעאָדאָר פאָרגעלייגט צו פאַרשרייבן מיינע קניות אין אַ בוך און אויסצוצאָלן יעדן חודש. אַזוי וועט זיין אַסאַך בעסער, פריילין פּאַלעסטינאַ, האָט ער געזאָגט.

טעאָדאָר יענסענס געוועלב איז באמת ווערט געווען אָנצוקוקן. גרויסע פענסטער מיט גרויסע שויבן און העלע ווענט און גלעזערנע שאַפעס מיט מעשענע שטאַנגען.

— וויפיל, רעכנסטו, האָט עס געקאָסט? — האָט טעאָדאָר געפרעגט.

ער האָט זיך אַלץ אַליין אויסגעטראַכט, כדי עס זאָל זיין, ווי אין אַנדערע שטעט, דאָס הייסט, אַז ער האָט זיך אָפט מישב געווען מיטן טעלעגראַפיסט באַרדסען, דער דאָזיקער מערקווירדיקער חברהמאַן און נאַכט-שלעפער האָט זייער מיטגעהאָלפן טעאָדאָרן אין זיינע שטרעבונגען.

— פאַר די גוטע מעלות פון דער יוגנט, — האָט ער געזאָגט און האָט אים באַלד געגעבן אַן אויסגעצייכנטע עצה — האַלט די שאַנקען

וויס, ווארן אז נישט, איז גלייבער באלד ארויסצוווארפן די גלעזערנע שאפעס. — האט ער געזאגט.

טעאדאר האט, מסתמא, אויך געטראכט, אז דער דאזיקער באַרדסען האט, אייגנטלעך, באוויזן די ווונדער אויף דער איידערדויגען־פייערונג, הגם אליין איז ער דארט נישט געווען, ווייל ער האט נישט געהאט וואס אנצוטון.

די איידערדוינגן פייערונג — דער עולם האט נאך אלץ נישט אויפגעהערט צו רעדן פון איר.

— וויפיל, רעכנסטו, א שטייגער, האט זי געקאסט? — האט טעאדאר געפרעגט.

ער האט אנגעגעבן א סומע, הונדערטער, א גאנצן הויפן געלט. פאר קיין קאנטראל האט ער סיי־ווי־סיי נישט געהאט וואס מורא צו האבן, ווער האט דען געקענט די פרייזן פון אן אילומינאציע?

— אבער איר האט אליין געזען, וואס איך האב אייך געוויזן אויפן הימל. — האט טעאדאר געזאגט.

און שפעטער איז שוין טעאדאר נישט געווען דער זעלבער מענטש, וואס ער איז געוועזן אין דעם טאג פון דער פייערונג.

— הלוואי וואלט די פייערונג אינגאנצן נישט פארגעקומען! — האט ער אפטמאל געטראכט.

אזא מין פארביטערונג, ווי זי האט אים פארשאפט, האט אים מיאוס געמאכט דאס לעבן, פארהאקט אים דעם אטעם און אים אינגאנצן איבערגעדרייט. אך, דער דאזיקער טעאדאר, וועלכער האט באמת געקאנט זיין עפעס רעכטס, ער האט זיך איצט באגראבן אין זיין איינזאמקייט און געטון וואס ער האט געקאנט; ער האט מוראדיק געשאלטן, מענטשנקענער און פסיכאלאגן וואלטן זיך פארחידושט איבער די דאזיקע נארישקייטן פון א טיבטיקן יינגל. וואס האט ער געקאנט טון? מען שענקט נישט אוועק גלאט אזוי קיין טייערע טאשנטיכלעך אויף קיין פייערונגען. באַרדסען וואלט אים זיכער אפגעהאלטן פון יעדן פרוּוו, ער וואלט זיך שרעקלעך אויסגעלאכט פון זיינע איינפאלן.

— וואס וואלט עס איר געארט! — האט טעאדאר אן אויפהער גערעדט צו זיך אליין.

ער האט נישט פארשטאנען, אז מען קאן זייער פיין דאנקען

פֿאַר אַ שפּילקע, אָבער פֿינף און דרייסיק קראָן מוז מען זיך אָפּזאָגן צו נעמען. ניין, ער האָט גאָר נישט פֿאַרשטאַנען, אויסער דער חרפּה פֿון איר אָפּזאָג.

— מאַ לעב גוט און זיי גליקלעך! — פֿלעגט ער איצט אויך זאָגן.

און די צייט היילט אויס פֿון אַלע קראַנקהייטן. יאָ, מען דאַרף זיך עס זאָגן און זיין טעמיק.

איבעריקנס, האָט די באַרימטע פֿייערונג נישט געבראַכט דאָס, וואָס זי האָט געקאָנט ברענגען. דערז קאָלעגע אַנטאָן קאָלדעווין איז ווידער אָפּגעפֿאָרן, איידער ער האָט זיך באַוויזן מיט אים נאָענט צו באַפֿריינדן. און די זעגלפֿאָסער צייטונג האָט די פֿייערונג מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט. עס זענען געווען גענוג סיבות צו זיין פֿאַרביטערט. און דאָס אַלץ מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט, אויב מען וויל אורטיילן טעאָדאָרס האַנדלונג בנוגע זיינע יונגע שוועסטער. ער האָט זיי געלאָזט עטלעכע טעג פֿירן דאָס געשעפֿט, געלאָזט זיי רויק פֿאַרקויפֿן דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן געקאָנט פֿאַרקויפֿן, דאַן אָבער איז ער געקומען צוגיין צוזאַמען מיטן וואָיט און געלייגט אַן אַרעסט אויפֿן מזומן. אויף דאָס זעלבע געלט, וואָס מיט דעם האָבן די דאַמען און דער אַדוואָקאַט געוואָלט קויפֿן סחורות.

— דער דאָזיקער אויפֿטו! — האָבן די שוועסטער געזאָגט.

מ'האָט געבראַכט דעם אַדוואָקאַט.

— קומט, מיר וועלן זיך דורכרעדן, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

— דאָס מזומנע געלט מוז ווערן איינגעשריבן באַלד, ווי עס פֿליסט איין, אַנישט פֿאַרשרייבט דער וואָיט אַלץ, וואָס דאָ איז פֿאַראַן און ער מאַכט צו דאָס געוועלב. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

דער וואָיט איז געשטאַנען דערביי און האָט אַלעמען אָנגעקוקט דערשראָקן און גוטמוטיק און האָט לחלוטין קיין חשק נישט געהאַט צו פֿאַרקויפֿן און צו פֿאַרדינען געלט. פֿאַרקערט, ער האָט גאָר געוואָלט מאַכן אַ פּשרה:

— אַזוי און אַזוי, יעדערן עפּעס, ביידע צדדים זענען דאָך איין משפּחה...

— משפחה! — איז אים דער אדוואָקאַט אַריינגעפאַלן אין די רייד, — דאָ איז נישט פאַראַן דאָס, וואָס מ'פאַרשטייט אונטערן וואָרט משפחה.

— די טעגלעכע הוצאות מוזן ווערן אָראָפּגערעכנט. — האָט דער וואָיט ווייטער גערעדט, — אַ כסדרדיקע באַשטימטע אויס-צאָלונג...

ביידע צדדים זענען געווען אין דער זעלבער מאָס אומצופרידן. אָדאָר האָט קורץ דערקלערט:

— ניין.

און דער אדוואָקאַט האָט געטענהט דאָס זעלבע.

— דאָס איז אַ פּרווו אונטערצוגראָבן דאָס געשעפט, — האָט ער ערקלערט.

און ער האָט זיך מיט פאַרביטערונג אָנגערופן צום וואָיט:

— און איר, הער וואָיט, קומט גאָר צו גיין צוהער מיט אייערע פּשרות. עס איז גענוג, די באַנק מוז האָבן דאָס געלט אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה. איר פאַרשטייט!

דער וואָיט האָט פאַרשטאַנען, און הגם ער האָט נישט געדאַרפט שטאַלען, ווייל דאָס וואָלט אויסגעוען זייער נעבעכדיק פאַר אַ מענטשן, וואָס פאַרמאָגט אַ פערד און קאָן עס פאַרקויפן, — יאָ, הגם דאָס האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין גוטן איינדרוק אויף אַזאַ מענטשן, ווי דער אדוואָקאַט, פונדעסטוועגן האָט דער וואָיט קוים מיט צרות אַרויסגערעדט:

— איך וועל זען... מען מוז געפינען אַן עצה... איך האָב אַ פערד...

אָבער הבנעה האָט איצט אויך געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויפן אדוואָקאַט ראַש, זיין פאַרביטערונג האָט זיך אַביסל געשטילט, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— אַ פערד — ווער וועט איצטער קויפן אַ פערד און פּאַשען עס אַ גאַנצן ווינטער? איר וואָלט עס געקאָנט פאַרקויפן אין פרילינג.

— יאָ, אָבער צוליב דעם שניט...

— יאָ, יאָ, יאָ, עס בלייבט דערביי, וואָס איך האָב געזאָגט.

אָבער דער וואָיט האָט דאָך באַוויזן, איידער ער איז אוועקגע-גאַנגען, אין אַ געוויסער מאָס צו מאַכן שלום צווישן ביידע צדדים

און אויסצופּועלן פאַר טעאַדאָרן דיהסכּמה אויף אַ געוויסן פּראָצענט פון די הכנסות. יאָ, אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אָפּשלעפּעניש דאָס געשעפט איז געווען רואינירט.

דער וואָיט האָט זיך, ווי זיין שטייגער, געלאָזט גיין צום העראַלמענגראַא. דאָס מאָל האָט ער, אַגב, געהאַט באַקומען נעכטן אַ בריוועלע פון פריילין האַלמענגראַא, אַז זי וויל מיט אים רעדן, ווען ער וועט זיין אין דער געגנט, און ער האָט איר דאָך נישט געקאָנט לאָזן וואַרטן אָן אַ סוף!

מאַריאַנע איז באַלד אַריבער צום ענין. זי איז, משמעות, געווען שטאַרק צופרידן, זי האָט געשמייכלט.

– הער וואָיט, איך האָב באַקומען אַ בריוו, לייענט עס נאָר איבער, וואָס שטייט דאָ?

– טויזנט קראָן.

– יאָ, דאָס איז נעכטן אָנגעקומען, און מ'האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז איר קאָנט די דאָזיקע סומע פאַרהאַלטן צוואַנציק יאָר. איר זעט, אָט איז דער טשעק, אַ טויזנט-קראָן-טשעק, וועלכן איך באָרג אייך אויף צוואַנציק יאָר, און דעמאָלט וועט איר מיר אָפּגעבן צוויי טויזנט. איר פאַרשטייט, הער וואָיט?

ניין, דער וואָיט האָט נישט פאַרשטאַנען.

– דאָס געלט געהער צו מיר. איך וואָלט אייך געקאָנט וויזן דעם בריוו, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיטן געלט, ער איז פון אַ געשעפטסהויז, איך האָב געמאַכט אַ געשעפט, אָבער געהיים, און איר דאַרפט דעם בריוו נישט זען. און איצט האָב איך אייך געזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן. איך האָב זיך עס אויסגעלערנט, איידער איר זענט געקומען, וואָס מעגלעך קורצער. ווייל מיר איז זייער נישט אָנגענעם לאַנג וועגן דעם צו רעדן, – האָט פריילין מאַריאַנע געזאָגט.

– איך וועל שוין קיין צוואַנציק יאָר נישט לעבן, – האָט דער וואָיט געזאָגט.

– דאָך, – האָט פריילין מאַריאַנע געטענהט.

דער וואָיט האָט אַרויסגעבראָמט אַ דאַנק און אַז מען קאָן נישט לייקענען... אָבער אַזאַ גרויסע שטיצע... אַ סומע...

אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט דער פּאָטער געשיקט נאָך זיין

טאָכטער און האָט זי דערמיט גערעטעוועט. אפשר איז עס געווען צווישן זיי אַן אָפּגעשמועסטע זאַך, דער פאָטער האָט זייער גערן געהאָלפן דער טאָכטער.

— איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, וואָס פּלאָגט מיך אַזוי דער טאַטע, דער שטיפער! — האָט זי געזאָגט.

זי איז אַוועק צו דער טיר און האָט זיך געזעגנט

— זייט געזונט, הער וואַיט! זייט מוחל, וואָס איך מוז אייך פאַרלאָזן, און קומט צו גיין אָפטער! איר הערט!

דער וואַיט האָט זיך געלאָזט גיין מיט זיין אוצר באַרג־אַראָפּ פון דעם בערגל און געטראַכט וועגן כּלערליי זאַכן און געחשבונט אַהין און אַהער און דאָס פערד נישט פאַרקויפט. אַזאַ פערד פאַרקויפט מען נישט, מען קאָן עס פאַר קיין געלד נישט אָפּקויפן, אָבער מיט אַ טויזנט קראָן־מטבע האָט ער צום אַדוואָקאַט נישט געקאָנט קומען, ער וועט באַלד באַמערקן, ווי ער האָט עס באַקומען, ער וועט אים פאַרראַטן, ער וועט אים אויסטון נאַקעט פאַר דער גאַנצער וועלט; ער איז אַוועק צו טעאָדאָרן אין געוועלב און אויסגעטוישט דאָס געלט.

— ווו זענט איר געוועזן? — האָט טעאָדאָר געפרעגט פאַר־חידושט.

זיין אָפּענער קאָפּ האָט אַלצדינג באַלד תּופס געווען; אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין שום סיבה צו רעדן וועגן די חסדים פון דער משפּחה האָלמענגראַ, האָט ער פּלוצלינג איבערגע־ריסן און האָט בלויז געזאָגט:

— דאָס גייט מיך נישט אָן. טוישן טויזנט קראָן? אדרבה, אַפילו צוויי, אויב איר ווילט.

טעאָדאָר איז געווען גוט געשטימט.

— אין דער שעה, בעת איר זענט נישט געווען, איז דאָ עפּעס פאָרגעקומען, — האָט ער דערציילט דעם וואַיט — מיין טאַטע האָט זיך דערוווּסט, ווי דער ענין זעט אויס, און האָט ווידער באַקומען אַן אַטאַק. ליידער, — האָט טעאָדאָר געזאָגט — איך האָב געשיקט נאָכן דאָקטאָר.

— ווידער אַן אַטאַק?

— יאָ, ליידער, — האָט טעאָדאָר געענטפערט — און איך ערוואַרט וואָס גיכער דעם אַדוואָקאַט, אפשר היינט נאָך, ער זאָל קומען און

נאָכגעבן און אויסבעטן זיך אַ גוט יאָר. וואָס קאָן ער טון? אַלע וועגן זענען פאַרשלאָסן פאַר אים! אַזוי, איר זאָגט, אַז ער וועט נישט קומען און וועט נישט נאָכגעבן?

— איך האָב נאָר געמיינט, אַז ער וועט נישט זיין צופרידן דערפון.

— איך וועל שוין מאַכן, אַז ער זאָל זיין צופרידן! — האָט טעאָדאָר ערקלערט. — וואָס, צום טייוול, אַז אַ צעפּאַשעטער בויך קאָלערט זיך אריין אין מיטן און וויל פירן מסחר לעבן מיר! וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, הער וואָיט, מען וועט געבן אַן ערלויבעניש צו שפּילן טעאַטער? די קינסטלער שרייבן מיר, אַז זיי ווילן איצט קומען נאָכאַמאָל.

— זיי קאָנען רויק שפּילן, אַזוי, קומען זיי, הייסט עס, ווידער?

— אויף זייער וועג קיין דרום. דאָסמאָל האָבן זיי אַ נייע פּיעסע; זי הייסט: „איבערן גארטן־טויער". עס ווערט דאָרט אַסאַך געזונגען. זיי פרעגן זיך, צי איך האָב אַ קלאַוויר. נאַטירלעך, האָב איך אַ קלאַוויר.

טעאָדאָר איז אַלץ מערער געוואַקסן אין דער הויך, די דאָזיקע לעצטע שעה האָט אויסגעזען צו האָבן פאַר אים לויטער גוטע בשורות: טוישן טויזנט קראָן? אדרבה, אפילו צוויי, אויב איר ווילט. אַ קלאַוויר? ער האָט שוין לאַנג געהאַט איינעם, און ער איז גראָד געווען געשטימט איינצושאַפן זיך נאָך איינעם. און אָט האָט ער באַלד געוואָלט אוועקשטעלן אַרבעטער, זיי זאָלן ברענגען אין אָרדנונג דעם וועג צום טעאַטער, כדי פרייליין סיביליע ענגעל זאָל זיך נאָכאַמאָל נישט צעקלאַפּן איר פוס. ער האָט אויך געוואָלט מודיע זיין דעם שוסטער נילס, אַז ער וועט איצט ווידער קאָנען פאַרדינען צוויי קראָן.

— גיב יוליוסן און די אַנדערע אַ טרינק בראָנפן, ווען זיי וועלן ענדיקן! — האָט ער דורך דער טיר פון קאָנטאָר געשריגן צום משרת קאָרנעליוס.

פייער אין פלאַם, די גרעסטע באַוועגונג! און עס איז געווען זייער גוט און מהיהדריק פאַר דער מענטשהייט, וואָס עמעצער איז געווען פייער אין פלאַם.

צי האָט זיך דער שוסטער נילס נישט געגוימיקט אין אויפ־מונטערונג? אַך, נאָך ווי! די גוטע פרוי פון אדוואָקאַט ראַש, האָט אים, וואָס אַן אמת, נישט פאַרגעסן, נאָר זי האָט אים אָפּטמאָל געבראַכט אַ קליין קינדער־שיכל און אַ גרויסן פּאַק מיט עסנוואַרג, און דערפאַר פּלעגט ער איר ברענגען אַ בעזים. אָבער דער שוסטער נילס איז דערפון דיקער נישט געוואָרן, ניין, עס איז שוין פּשוט נישט געווען אויף וואָס אַ קוק צו טון, פאַרקערט, וואָס לענגער עס האָט געדויערט, אַלץ מער איז ער איינגעשרומפּן געוואָרן. פרוי ראַש האָט געבעטן איך דעם יונגן ווילאַק, ער זאָל שרייבן צו מיסטער נעלסאָן קיין אַמעריקע, איז אָבער נישט געקומען קיין ענטפער.

— אפשר איז גאָר אוּלריך אויף דער רייזע אַהיים? האָט דער שוסטער נילס געהאַלטן.

אַ לאַנגע צייט האָט ער געוואַרט אויף אַ באַזאַר אין זעגלפאָס. יאָ, ווי אַ קינד וואָלט ער זיך אַרומגעשלעפּט, ער האָט געבעטן אויף דעם גאָט; אָבער עס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אַ מייך, צוליב מאַנגל אין אַ פּאַסיקן לאָקאַל. דער אדוואָקאַט האָט זיך גאָרנישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס דער דאָזיקער טעאַדאָר, די דאָזיקע געוועלב־מויז, דער דאָזיקער אויפגעקומענער גביר, וויל אָפּגעבן דאָס טעאַטער אויף אַזאַ צוועק, און חוץ דעם, זאָל קיינער נישט מיינען, אַז זיין לאָקאַל איז אַ טעאַטער, ניין, דאָס איז געווען אַ שיפּער־הויז.

— דער ווילטעטיקער פאַריין פון זעגלפאָס דינגט נישט קיין שיפּערהויז פאַר אַ באַזאַר, מיין ליבער נילס!

— ניין, פאַרשטייט זיך, אַז נישט! האָט דער שוסטער נילס געזאָגט און האָט טרויעריק געשמייכלט, און האָט אינגאַנצן איינגעשטימט מיטן אדוואָקאַט. אָבער אויף אַזאַ אופן האָט ער גאָרנישט פאַרדינט.

דער וואָיט איז אַוועק אַהיים. דאָס הייסט, ער איז פריער אַוועק צום אדוואָקאַט און אָפּגעצאָלט דעם חוב.

— אָט זעט איר, ווי ס׳איז גוט, ווען מ׳איז שטרענג! — האָט דער אדוואָקאַט געזאָגט. — וועט איר איצט אויך פאַרטיק ווערן מיט דער רעוויזיע?

— איך האָף, אַז אויך דאָסמאָל וועל איך אַלץ אויספירן. — האָט דער וואָיט געענטפערט.

— נו, איר זענט, אַפּנים, רייך געוואָרן, — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, שטאַרק געקרענקט, צוליב דעם גלויביקן טאָן פון זיין קרבן — אָבער אויב אַזוי, וואָלט איר זיך דאָך געקאָנט באַמיען פריער צו באַזאָרגן ביי מיר דעם חוב.

— איך וועל זיך באַמיען, איך מער נישט שולדיק צו זיין, דאָס איז מיין פעסטער באַשלוס. — האָט דער וואָיט דערקלערט.

אָט אַזוי האָט ער דאָך סוף-כל-סוף געמוזט איינזען, אַז ער דאַרף פאַרדינען מער געלט און האַלטן זיין קאַסע אין אַ בעסערער אָרדנונג. ער האָט געהאַט דערצו גענוג צייט. בעת ער האָט פאַרלאָזן דעם אַדוואָקאַט, האָט ער אויסגעזוכט זייער פעסט און זיכער. און ער האָט זיך געלאָזט גיין צום האָטעל, כדי צו פאַרלאַנגען פון יוליוסן דאָס ליציטאַציע-געלט אין משך פון פיראונצוואַנציק שעה. ווען ער איז אָבער צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער אַ קוק געטון אויפן זייגער און האָט אַנטדעקט, אַז ער האָט שוין בשום אופן נישט קיין צייט אַריינצוגיין אין האָטעל. ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים און ער איז אַריינגעקראָכן צום שוסטער נילס. ער האָט געוואָלט פּרווון נאָכאַמאָל געבן דעם שוסטער אַרבעט. אָבער ער האָט ווידער נישט געהאַט קיין מזל.

— איך מאַך שוין נישט קיין קאַמאַשן אַפילו פאַר זיך אַליין, — האָט נילס געענטפערט און האָט געוויזן דעם וואָיט, אַז ער אַליין טראָגט אויף די פיס שטיוול, וואָס ער האָט געקויפט אין געוועלב. דאָס איז געווען איינע פון די לעצטע קניות, וואָס ער האָט זיך פאַרגינען צו קויפן זומערצייט פון זיין וווּנדערבאַר-לעגענדאַריש געלט. זיי נעמען שוין, וואָס אַן אמת, פלאַצן אין די נעט און צו באַקומען דינע זוילן, אָבער זיי זענען געווען דאָך לייכטע און אָנגענעמע זומער-שטיוול, הגם עס איז שוין געוואָרן הערבסט. דער שוסטער נילס האָט געקאָנט אַרומלויפן אין זיי, ווי אַ ווינט.

— עס זענען דאָ נאָך אַזעלכע שטיוול אין געוועלב. — האָט ער געזאָגט צום וואָיט.

— יאָ, אָבער דאָס זענען נישט קיין פּאַסיקע שטיוול פאַר מיר, נילס.

— בקיצור, — האָט נילס געזאָגט — איך האָב נאַרוואַס באַקומען

אַ ידיעה פון טעאַטער, אַז מען וועט ווידער שפּילן טעאַטער, און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל קאָנען איבערנעמען די בילעטן און די גאַנצע קאַסע.

— וואָס קריגסטו פאַר אַזאַ אָוונט ? — האָט דער וואָיט גע־פרעגט.

— צוויי קראָן. — האָט נילס געענטפערט, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך צומאָל.

אָך, ער איז מסתמא אַרויסגעפאָרן און אַ פאַרנעפּלטן טאָג פון שטוב און האָט מער נישט געפונען דעם וועג צו זיך אַהיים !

דער וואָיט האָט אונטערוועגס אָנגעטראָפן דעם דאָקטאָרס קאַרעטע און ער האָט אַראָפּגענומען זיין היטל.

— גוטמאָרגן, הער וואָיט, — האָט דער דאָקטאָר אָפּגעענטפערט אויף זיין גרוס און זיך אָפּגעשטעלט — איך וויל אויסנוצן די געלעגנהייט, כּדי צו זאָגן אייך אַ זיי־געזונט, ווייל איך פאָר אוועק אין די נאָענסטע טעג. דעם בעסטן דאַנק אייך, הער וואָיט, פאַר אַלצדינג, און איך בעט אייך, גריסט אין מיין נאָמען אויך די איבעריקע גאָר פריינדלעך. יאָ, עס האַלט שוין אַזוי וויט, אָבער איך מוז זיך אַליין רימען, אַז איך האָב געטון מיין פליכט און אָפּגעדינט מיין צייט דאָ אין צפון. פויל בין איך נישט געווען, און אַפילו איצט גיי איך נאָך באַזוכן אַ קראַנקען. מ'האָט מיך גערופן צום אַלטן קרעמער יענסען, אַ רחמנות נעבעך אויף דעם דאָזיקן מענטשן, שוין לאַנגע יאָרן ליגט ער קראַנק. איך האָב געטון אַלץ, וואָס די וויסנשאַפט לערנט, ער האָט דאָס, וואָס מיר דאָקטוירים רופן־אָן, העמיפּלעגיאַ. אַ געליימטקייט אויף איין זייט פון קערפּער. און אָט האָב איך היינט דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז ס'איז פאָרגעקומען עפּעס נייעס, אָבער איך קאָן וועגן דעם גאָרנישט זאָגן, כּל־זמן איך האָב נישט געמאַכט וועגן דעם קיין גענויע אונטערזוכונג. משמעות, אַז דאָרט איז אַ צערעבראַלע גע־ליימטקייט. זייט געזונט, הער וואָיט ! אָך, ווי גוט מיר וואָלט געווען ווען איך קום ווידער קיין דרום און קיין כריסטיאַנאַ און קאָן זיין צוזאַמען מיט מיין אייגענער פאַמיליע ! אָבער בלויז די האָפנונג אויף דעם האָט מיר די גאַנצע יאָרן דערהאַלטן ביים לעבן. איצט

ברענג איך מיט, א דאַנק גאָט, א סומע דערפאַרונג, וואָס וועט איצט צונוץ קומען מיין אייגענעם היים-שטאָט.

דער דאָקטאָר איז געפאָרן ווייטער; ער איז צוגעפאָרן צום געוועלב, אַרויף אויבן, א שמעק געטון די שלעכטע לופט און געהייסן עפענען א פענסטער. ער האָט אויסגעטון זיין מאַנטל, געריבן זיך איין האַנט אין דער אַנדערער און באַזוכט זיין פּאַציענט. אַוודאי איז דער אַלטער פער געווען קראַנק, אָבער קיין נייען אַטאַק האָט ער נישט געהאַט, ניין, ער האָט זיך דווקא געוואָלט אָפּהיטן דערפון, ער איז געווען פון עפּעס אויפגערעגט און האָט גוואַלטיק געברומט. די ירידה פון זיין געשעפט האָט אים, נאַטירלעך, שווער געטראָפן, און אויף א ווייַלע פאַרטונקלט זיין געדאַנק. מען זאָגט זיך נישט אָפּ פון קיין גלענצענדן נקמה-פּלאַן אָן א קלאַפּ.

אָבער דער אַלטער פער האָט נאָך נישט געהאַלטן, חלילה, ביים שטאַרבן. ער איז נאָר געווען שרעקלעך אויפגערעגט.

— דאָס געוועלב! — האָט ער געקרעכצט. — און די נאַרישע בהמה בצורת וויב! — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, יאָ, איך וועל אייך באַלד געבן עפּעס איינצושלאָפן! — האָט דער דאָקטאָר באַרויקט.

ער האָט מיט דער גרעסטער גענויקייט אָפּגעוואויגן אביסל בראָמקאַליום, פּונקט ווי איין גראַן וואָלט אים געקאָנט פּטרן.

— און אָט דאָס זאָל ער נעמען היינט אין אָוונט, — האָט ער געזאָגט צו דער פרייַלין יענסען, וואָס איז געשטאַנען דערביי — ברענגט מיר אָן עס-לעפל, כדי איך זאָל קאָנען זען די גרויס, — האָט ער געזאָגט — יאָ, ס'איז גוט. צום ערשטן מאָל וועל איך אים אַליין איינגעבן, כדי איר זאָלט זען, ווי איר דאַרפט עס טון אין אָוונט!

ווען דער דאָקטאָר איז פאַרטיק געוואָרן און איז אַראָפּ אונטן, איז דאָרט געשטאַנען טעאָדאָר און געוואַרט אויף א ידיעה.

— ניין, קיין פּאַראַליזש איז עס נישט, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — אָבער דער קראַנקער מוז האָבן רו. אויב עס וועט אים ווערן ערגער, זאָלט איר מיר באַלד געבן צו וויסן.

און דאָקטאָר מואוס האָט זיך מיט העכסט געמאָסטענע טריט גע-לאָזט גיין צו זיין קאַרעטע.

טעאָדאָר איז געבליבן אליין. די דאָזיקע פרישע קראנקהייט פון זיין טאטן האט אים אביסל ווי געטון און אביסל נידערגעשלאָגן; ער איז געווען שטיל, בעת ער איז אריין אין געוועלב און האט געגעבן דעם משרת קאָרנעליוס באפעלן.

— ס'איז נישט כדאי, היינטיקן אוונט צו פארקויפן די קנעכט משקה, ווייל דעם טאטן איז ערגער, — האט ער געזאָגט.

— ער האלט ביים שטארבן? — האט קאָרנעליוס גע־פרעגט.

טעאָדאָר האט געענטפערט:

— דער קראנקער דארף רו. איבעריקנס, האב איך נאָך קיינ־מאָל נישט געהערט, אז א קראנקער זאָל נישט דארפן קיין רו. — האט ער געזאָגט.

טעאָדאָר איז שוין לאנג נישט געווען אין אזא שטימונג, ווי דעם פארמיטאָג, און ווען נישט די חרפה פאר מענטשן, וואָלט ער אויף א ווײַלע אויפגעעשטעלט דעם גראמאָפאָן און געלאָזט אויפשפילן דעם קרוינונגס־מארש. אָבער זיין נידערגעשלאָגנקייט האט לאנג נישט געדויערט, ווייל דאָס דינסטמיידל פלארינא האט אים באלד געבראכט א ידיעה פון אדוואָקאט.

— איר ווייסט נישט, ווו עס געפונט זיך דער הער דידריקסען? — האט זי געפרעגט, כדי קודם־כל צו באזאָרגן אירע אייגענע ענינים.

— דידריקסען? וואָס דארפסטו אים?

— שוין א צייט, ווי איך האב צו אים געשריבן און נישט באקומען קיין ענטפער. איך וויל נאָר וויסן, ווו ער געפינט זיך.

— צו וואָס? דאָס געלט ליגט ביי מיר אָנגעגרייט, ווען עס וועט קומען די צייט, איך האב עס דיר שוין געזאָגט.

— יאָ, אָבער איך וויל לענגער נישט וואַרטן. אי קאָנט עס אים איבערגעבן צוזאמען מיט א גרוס אין מיין נאָמען.

— איך וועל זיך היטן.

זיי שווייגן.

פלאָרינא האט נישט אין זיך קיין ביסל בושה, ווייל זי רופט זיך אָן:

— נו, יאָ, אויב אַזוי וועל איך שרייבן צו זיין געליבטער, איך וויים, ווי זי הייסט.

— הער שוין אויף, פלאָרינאַ, איך האָב דאָך דיר געזאָגט! — האָט טעאָדאָר פייערלעך ערקלערט, — אויב דו וועסט זאָגן דער דאָזיקער פיינער דאַמע איין וואָרט, צי מיט דיין מויל, צי מיט דיין פעדער, וועל איך דיך אָנלערנען, ווי עס דאַרף צו זיין.

— איך האָב פאַר אייך קיין שום אַכטונג נישט! — האָט פלאָרינאַ אויסגערופן און זייער אויפגערעגט אַ קוק געטון אויף טעאָדאָרן.

דאָס איז באמת געווען דאָס סאַמע ערגסטע, וואָס מ'האָט דעם קרעמער טעאָדאָר געקאָנט אַ שליידער טון אין פּנים אַריין; דאָס האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, עס האָט אים פּשוט דערנידעריקט.

— איך וועל דיך אַרויסוואַרפן פון דאַנעט! — האָט ער אויסגערופן, בלאַס פון פאַרדרוס. — און איך זאָל מער דיין פּרצוף נישט אָנקוקן!

פלאָרינאַ האָט געזען, אַז די זאַך ווערט ערנסט, און זי האָט געזאָגט:

— איך קום צו אייך אין דעם הער אַדוואָקאַטס שליחות. צי וואָלט איר זיך נישט געוואָלט מטריח זיין צו אים אין זיין קאַנצעלאַריע?

טעאָדאָר האָט זיך אַ ווײַלע מישב געווען.

— פון אַדוואָקאַט? צי איך וויל זיך צו אים מטריח זיין? ניין!

— אַזוי האָט ער מיר געהייסן זאָגן.

— מעגסט אים איבערגעבן, דעם גאַנצן אַדוואָקאַט דיינעם, אַ גרוס פון מיר, און זאָג אים, אַז אויב ער דאַרף עפּעס, מעג ער קומען צו מיר!

פלאָרינאַ האָט געמאַכט אַ חוזקדיקע מינע איבער דער גרויסאַר־טיקייט פון דעם דאָזיקן קליינעם מענטשעלע. דאָס איז שוין געווען צופיל, טעאָדאָר האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און זי אַ שטופּ געטון צו דער טיר.

— איך וועל דעם גרוס נישט איבערגעבן! — האָט זי זיך געריינצט מיט טעאָדאָרן.

אָבער מסתמא איז דעם אַדוואָקאַט געגאַנגען שטאַרק אין לעבן, צו טרעפן טעאָדאָרן יענעם נאָכמיטאָג, ווייל ער איז באמת געקומען צוקריכן אין געוועלב און האָט אָנגעהויבן מיט אַ קורצער הקדמה, אַז ס'איז אָך-און-וויי, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט די העפלעכקייט פון די היינטיקע יונגע-לייט. טעאָדאָר איז גראָד געשטאַנען הינטערן טאָמבאַנק מיט אַ האַלבן מעטער אין דער האַנט, און אַזאַ גוטער האַלבמעטער איז, ווי באַוווּסט פון עשן-האָלץ. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום אַדוואָקאַט און געפרעגט, צי ער האָט עפּעס צו אים אַן ענין.

— יאָ, — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט און ער האָט אים באַלד אָן קונצן געזאָגט, אַז דאָס אַלטע געשעפט מוז זיך אונטערגעבן.

אַזוי גיך? וואָס טוט זיך דאָ, צו אַלדע רוחות! אָהאָ, טעאָדאָר האָט געזען דעם גראָבן אַדוואָקאַט דורך און דורך: דער אַדוואָקאַט האָט, מסתמא, גערעכנט, אַז ס'איז שוין איצט אַ געפאַר, אַז ער קאָן נאָך, חלילה, אָנווערן זיין האָנאָראַר! — דעריבער האָט טעאָדאָר געמוזט אין דער שטיל לאַכן, ער האָט בעסער געקאָנט דעם אַלטן געשעפט.

— ס'איז נישטאָ פון וואָס צו לאַכן, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט — איבעריקנס, האָב איך נישט בדעה דאָ צו שטיין און איינצוטענהן מיט אייך, אפשר איז גלייבער, מיר זאָלן עס אַדומרערן אונטער פיר אויגן?

— ניין, — האָט טעאָדאָר געענטפערט — ביי אייך וויל איך בעסער האָבן עדות.

אַ בייזער שמייכל האָט זיך דורכגעגליטשט איבער דעם אַדוואָקאַטס שטריכן, און ער האָט געענטפערט:

— דער היינטיקער יוגנט פעלט באמת די גוטע דערציונג. איר פאַרלאַנגט פון מיר אויף אַ העכסט אומהעפלעכן אופן, איך זאָל קומען צו אייך אונטערהאַנדלען. ווי שעמט איר זיך נישט? ווען נישט אייערע עלטערן און אייערע שוועסטער, וואָלט איר געקאָנט אַזוי וואַרטן אויף מיר אַ גאַנצן טאָג. איבעריקנס, האָב איך אייך נישט מער

וואָס צו זאָגן, און איך וויל מיט אייך נישט האָבן קיין שום עסקים. נאָך דער פאַרערגערונג פון אייער פאָטערס מצב, האָב איך געראַטן אים און אייערע שוועסטער דורכצוקומען צווישן זיך. דער רעזולטאַט פון אייערע אונטערהאַנדלונגען וועט זיין אַנטגילטיק, און וואָס מ'וועט מוזן שרייבן, וועל איך שרייבן, לויט מיין מיינונג, וועט זיין צום גלייכסטן, אַז איר זאָלט דורכקומען אויף אַ פריד־לעכן אופן. נאַטירלעך, וועט איר איבערנעמען אַלע סחורות פון געוועלב.

— יאָ.

— און פאַר אַן אָרנטלעכן פרייז. דאָס וועט איר, זעלבסט־פאַרשטענדלעך טאָן אַליין. און דאָס געוועלב וועט איר דאָך אויך אָפּ־קויפן.

— ניין. — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— אַזוי?

— דאָס איז אַן אַלטע חורבה. איך האָב, ווי איר ווייסט, מיין אייגן הויז, און וויפיל רעכנט איר, אַ שטייגער, האָט עס אָפּגעקאָסט? ניין, איר און די איבעריקע האָט מיך אַרויסגעטריבן פון דעם אַלטן געוועלב, איך וועל שוין מער אַהין נישט גיין.

אָבער דאָס איז געווען פון טעאָדאָרן נאָר אַ פוסטע פּלוידע־ריי. וואָרן פאַרוואָס האָט ער געהייסן בויען זיין נייע קראָם אַ וואַנט לעבן אַ וואַנט מיט דער אַלטער? האָט ער דען נישט געוואָלט פאַרייניקןביידע הייזער, ווען ס'וועט קומען די צייט דערצו?

— אָבער איך קאָן די אַלטע קראָם פאַרדינגען. — האָט ער געזאָגט.

דאָ האָט זיך דער אַדוואָקאַט דערשראָקן נישט אויף קיין געלעכטער, און אפשר האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן זיין האָנאָראַר.

— ד'אָס איינציקע, וואָס ליגט מיר אויפן האַרצן, איז אייער משפּחה. וואָס וועט מיט זיי ווערן? אויב איר וועט נישט פאַרקויפן אייער אייגנטום פאַר אַ גוטן פרייז, ווייס איך נישט, אייגנטלעך, פון וואָס זיי וועלן שפּעטער לעבן.

— מיין פאַמיליע קאָן לעבן אַזוי ווי פריער.

— יאָ, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט — אין דער איצטיקער לאַגע וואָלט עס אַוודאי געווען דער בעסטער אויסוועג, דאָס מוז איך מודה זיין.

אָהאָ, דער דאָזיקער אָנגעפּרעסענער אַדוואָקאַט איז איצט צעדריקט געוואָרן, צעקוועטשט געוואָרן, דער גראָבער בויך, דער מיאוסער חזיר! איצט איז טעאָדאָר געווען פון אויבן. ער האָט גע־פּרעגט מיט מיטלייד:

— וויפיל, אַ שטייגער, ווילט איר פאַרן אַלטן געוועלב, אין דעם פאַל, אויב איך...

— איך האָב גערעדט מיט אייער פאַמיליע, און מיר האַלטן, אייער פאָטער האַלט, אַז דריי טויזנט.

מאָדנע, גראָד איצט האָט פלאָרינאַ אַרויסגעבראַכט אויף אירע ליפּן דעם יונגן הער דידריקסען. ווי וואָלט ער, אַ שטייגער געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל?

— איך וועל געבן דערפאַר דריי טויזנט. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

דער אַדוואָקאַט האָט עס באַטראַכט, ווי אַ פּערזענלעך דער־גרייכטן נצחון, און ער האָט געזאָגט:

—אַי, גיב נאָר אַ קוק, מען קאָן דאָך, הייסט עס, רעדן מיט אייך! איך האָב אייך, חלילה, נישט געגעבן קיין פאַלשן איבערבליק איבער העם ענין.

וואָס, דער אַדוואָקאַט הייבט שוין ווידער אָן, אויפן אַלטן שטייגער, צו קלינגען מיט זיינע שליסלען?

— איר האָט מיר בכלל נישט געגעבן קיין שום איבערבליק. — האָט טעאָדאָר געזאָגט, און איר קאָנט זיך גיין געזונטערהייט, און טאַקע שוין.

— יאָ, — האָט דער אַדוואָקאַט פאַרחידושט געזאָגט — יאָ, עס וועט טאַקע זיין צום בעסטן, אַז אייער פאַמיליע זאָל ווייטער אונטער־האַנדלען לויט מיין פאָרשלאַג. סוף־כל־סוף איז עס דאָך דער איינ־ציקער אויסוועג; די רעכענונגען וועלן דערפון אָפּגעצאָלט ווערן, מיין קליינער האָנאָראַר וועט אויך ווערן אַראָפּגערעכנט. אָבער דעמאָלט וועט מען עס צעטיילן, אין חלק אייערע עלטערן און דעם צווייטן אייערע שוועסטער. איר אַליין זאָגט זיך דאָך אָפּ פון דער ירושה?

— פֿאַרשטייט זיך.

— גוט. אָט דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט נאָכאַמאָל פֿעסטשטעלן. ווען מען וועט צאָלן און אָפּשאַצן די סחורות, שטעל איך זיך ווידער צו אייער דינסט. גוט?

— פֿלוידערט נישט מערער! — האָט טעאָדאָר געזאָגט. איך וועל געבן מיין פֿאַמיליע אַלץ, וואָס איר קומט, אַפֿילו מערער, און איך בין אייך מוחל אייער הילף.

XIV

מען קאָן טראָגן גאָלדענע קנעפּ אויף דער וועסט און דאָך נישט ־זיין פֿעיק צו קאָמפּאָנירן אַן אָפּערע. ווילאַך האָלמסען האָט געטראָגן גאָלדענע קנעפּ אויף זיין וועסט.

וואָס פֿאַרא זאַכן עס זענען אים שוין אַלץ נישט געקומען אין קאָפּ אַריין! ווען ער וואָלט אַ געווויסן טאָג געבליבן שטיין און איבערגעציילט אַלע זיינע איינפֿאַלן, וואָס זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין, וואָלט זיין פֿאַרוווּנדערונג געווען זייער גרויס. ער האָט געמאַכט ווייטע שפּאַצירן און זיך פֿאַרשלאָסן אין זיין איינזאַמקייט; ער האָט געטרונקען וויין און האָט געפּראַוועט נזירות; ער האָט געזוכט מענטשן און ער האָט זיי אויסגעמיטן; ער האָט געאַרבעט ביי טאָג און געאַרבעט ביינאַכט — פֿאַר אים האָט קיין שום זאַך נישט עקזיסטירט, אַחוץ אַרבעט. צו זיין פֿאַרצווייפֿלטער אומפּרוכטבאַרקייט איז נאָך צוגעקומען אַ מוראַדיקע, מאַטערנ־יקע אייפֿערזוכט.

— קומט אַריין עסן, איך בעט אייך! — האָט פּוילינע געזאָגט און אַ קוק געטון אויף אים מיט אירע טונקל־בלויע אויגן.

— אַ דאַנק! — האָט ער געזאָגט און האָט אַפֿילו נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

ער האָט געאַרבעט. נאַטירלעך האָט ער געשפּילט זייער גוט, ער האָט זיך געלערנט שפּילן שוין פֿון דער פֿריסטער קינדהייט אָן, און אויסער דעם איז ער געבוירן געוואָרן אין אַ מזלדיקער שעה. אָבער דאָס אַלץ האָט אים גאָרנישט געהאָלפֿן, פֿאַרקערט, עס האָט אים געשטערט. ניין, ער האָט בכלל נישט געטאָרט קומען צוריק קיין זעגלפּאָס. פֿון אָנהייב אָן איז אים אַלץ געגאַנגען מיט דער פֿוטער

אראפ. שוין דעם ערשטן אנהויב האט ער זיך אין הארצן פארגעשטעלט איינגאנצן אנדערש; ער האט זיך גערעכט אויף א געוויסע התפעלות, אויף א נייגעריקער שטופעניש, בעת זיין קומען; איז ער דאך געווען א בארימטער מענטש אין לאנד, א פיל צוזאגנדיקער מוזיקער, און ווי איז עס געווען אין דער אמתן? די הויז-פארוואלטערין פון זיינע עלטערן האט אים אפגעווארט ביים ברעג, די ליבע פרוי קריסטיניע. זעגלפאס האט שוין געזען גרעסערע רייזנדע, ווי ער. ענגלענדער, וואס האבן דורכגעמאכט דעם גאנצן ערד-קוגל, דעם פרינץ באנאפארטע, וואס איז געפארן קיין שפיצבערגען. איינמאל איז אפילו געקומען א מיניסטער, און ער האט זיך געמאכט זייער וויכטיק, יא, ער האט זיך געמאכט, ווי ס׳וואלט אים מוראדיק אינטערעסירט דאס לעבן און שטרעבן פון פאלק, און ביים אפפארן האט דער אדוואקאט ראש זייער הארציק אים געזעגנט. ווילאק האלמסען איז אנגעקומען אין זעגלפאס זייער שטיל. ער האט שוין אזוי פיל מאל געטראכט וועגן אפפארן פון דאנעט און דאך איז ער אלץ געבליבן. וואס ווייטער איז ער זיך אלץ מער איינגעוואקסן.

אנטאן קאלדעווין איז שוין, נאטירלעך, לאנג אוועקגעפארן אהיים. ביים הער האלמענגראא איז אלץ געגאנגען אויפן געוויינלעכן שטייגער, מען האט געזען גיין מאריאנען מיט איר פאטער אין מיל אריין און צוריק. זי טראגט א טערקיש רויטן מאנטל. אפשר וועט אנטאן אין גיבן קומען צוריק צו איר. א גליקלעכע רייזע!

עס איז א געפערלעכע און שרעקלעכע צייט! ווילאק האט זיך איינגעשאפט ליים און גענומען מאדעלירן — וואס עס קומט אים אלץ אין קאפ אריין! דאס האט געזאלט פארוואנדלט ווערן אין א פליענדיקע געשטאלט, א גאלאן-פיגור פארן שפיץ פון א שיף, גרויסארטיק! עס האט זיך אויך ארויסגעוויזן, אז ער האט, חלילה, נישט פארגעסן די קונסט צו מאדעלירן, ער איז נאך אפילו געווען געשיקטער, ווי אין זיינע קינדעריארן אין ענגלאנד, ווו ער האט זיך אויסגעלערנט די דאזיקע מלאכה. פונדעסטוועגן איז געווען גענוג שווער, צו מאכן גאלאן-פיגורן. ווילאק האט זיך דעריבער גענומען צום צייכענען. איינגעשאפט זיך די צייכן-מאטריאלן, גענומען א פענזל און א פאליטרע — פארוואס טאקע נישט? זיין מאמע האט אויך געצייכנט, און פון איר האט ער זיך אויסגעלערנט. ער האט ווידער צעטרענצלט זיין צייט,

מיט די אייגענע הענט זיך צוגענייט גאָלדענע קנעפּ צו זיין וועסט, און געטראָגן זיי פאַר זיין אייגענעם כּבוד וועגן און צום אָנדענקען פון זיין טאַטן, פון וועלכן ער האָט זיי דערהאַלטן. יעדנפאַלס איז עס געווען אַ פאַרגעניגן, צו טראָגן גאָלדענע קנעפּ אויף דער ברוסט. און ווילאַץ האָט זיי געטראָגן אין שטוב, יאָ, ער האָט זיי אַפילו געטראָגן דעמאָלט, בעת ער איז געגאַנגען צו זיינע האָלצהעקער אין וואַלד אריין.

און אָט זענען געשטאַנען אַסאַך מיט קאָנראַדן און געהאַקט האָלץ, און בעת ווילאַץ איז פאַרבייגעגאַנגען האָבן זיי אים געגריסט. אַ מערכה, זיי וואָלטן נאָך געדאַרפט פאַרגעסן! ווילאַץ האָט מיט זיי קיין סאַך נישט גערעדט, ער האָט זיך נאָר מיט ערנסטע גרויע אויגן צוגעקוקט צו זייער אַרבעט און געזאָגט זיין מיינונג. איין גאָט ווייסט, פאַרוואָס די דאָזיקע צוויי חברה־לייט זענען געקומען זוכן אַרבעט ביי ווילאַץ האָלמסען, צי האָבן זיי אים געוואָלט שאָדן ברענגען, אָדער פאַר עפּעס זיך נוקם זיין! אָבער אַז זיי זענען דאָ אָפּגעווען אַ געוויסע צייט, איז זיי די זאַך געפעלן געוואָרן, און ווען זיי האָבן געענדיקט האַקן האָלץ אין וואַלד, זענען זיי דאָ געבליבן און באַקומען נייע אַרבעט אינם גרויסן הויף. זיי האָבן זיך שוין איצט נישט געקויפט קיין עסנווארג אין געוועלב, הגם זיי זענען גראָד געווען ביי די פּאָר גראָשן, ניין, זיי האָבן איצט געהאַט זייער גוט צו עסן, גוטע בעטן און ריינע וועש, זיי האָבן זיך גוט צוגעזען און זענען געוואָרן געזעצטע מענטשן.

יעדער מענטש האָט זיינע דאגות. ווילאַץ איז אַרומגעלאָפן מיט זיינע גאָלדענע קנעפּ, געאַרבעט ווי אַ שקלאַף און געוואָרן אויסגע־דאַרט פון צער און ווייטיק.

— די וועסט זען, איך וועל ווי ביז צו מיטלמעסיקייט נישט דערגיין, — האָט ער אָפּטמאָל געטראַכט.

ער האָט עס אַריבערגעטראָגן מוטיק, ווי אַן עכטער האָלמסען. נו, כאָטש עס נעמט קיין סוף נישט, כאָטש די מיטלמעסיקייט האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים און איז אים שוין פּשוט אַריין אין בלוט, האָט זיך ווילאַץ דאָך נישט אונטערגעגעבן. נאָך דאָס האָט אים געפעלט! אין דרויסן, אין דעם הויף, האָט ער זיך געקאָנט מאַכן, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די פי, מיט די הינער, עס וואָלט

געווען א שוואכקייט, צו פארגעסן די גאנצע וועלט צוליב איין שטיקל מוזיק, אפט האט ער באטראכט דעם האן, דעם הערלעכן קאמף-פויגל מיט א מעסער אויף יעדן פוס. גיב נאר א קוק, ווי ער פארנעמט עס דעם גאנצן הויף, ווי ער שלאגט מיט זיינע פליגל, אדער ער לויפט פארביי דער הון, אדער ער ווארפט זיך מיט דער ברוסט, אדער ער שטעלט זיך אוועק ווי א גולם און ווערט געשטרויבלט — א, וואס ער צעארבעט מעשים! אבער באלד איז ער ווידער דער הערשער און ער שפאצירט ארום, ווי א פריץ, איבערן הויף. יא, א האן! עס זעט אויס, ווי ער וואלט שטאלצירט מיט א בלום אין לאץ.

ווילאק וואלט אויך געקאנט גיין מיט בלומען, מיט רויזן אדער נעגעלעך, ער האט זיך אומגעקערט צוריק אין זיינע צימערן און האט געשפילט, געשריגן און געריטשעט, ווי א שקאפע. צי וועט ביי אים נישט קומען ווען עס איז צו אן אויסברוך? מיט וואס האט ער אנגעפילט זיינע טעג? מיט הוילע נארישקייטן. דא און דארט א מעסער, אבער נישט קיין שווערד, א געמיש פון קלאנגען, אבער נישט קיין שפראך. פיינע, אבער לייכטע סחורה! ער איז דריי מאל נאכאנאנד צוגעגאנגען צום שפיגל און זיך באטראכט, כדי צו זיין איינגאנצן זיכער: יא, ער האט א גרויע האר, עטלעכע גרויע האר. אין אזעלכע יארן איז נאך זיין טאטע גרוי נישט געווען. אנמאן קאלדעווין האט נאך אויך נישט געהאט קיין גרויע האר. א גליקלעכע רייזע, אויב ער האט בדעה זיך צוריקצוקערן צו איר!

— זייט אזוי גוט, קומט אריין צום טיש!

— איך דאנק, איך קום שוין אריין. ניין, איך וועל נישט אריינקומען. לאז מיך צורו!

וואס איז דא געשען? אן א שיר מאל האט עס אים אפגענארט און איצט איז עס געקומען! די כוואליעס האבן אים א כאפ געטון. עס איז געווען אוונט, אבער פאר זיינע אויגן איז עס געווען א זון-אויפגאנג, דער הימל האט גענומען פאנאנדערגיסן גאלד, און די ערד אונטער אים האט געגלית. די כוואליעס, די כוואליעס! גענוג לאנג האבן מיר געוווארט, אבער איצט דארף מען שוין מער נישט קלאגן, דורכויס נישט קלאגן, נישט האבן קיין וואסער אין די אויגן און נישט ציטערן, מ׳ד דארפן נישט מער...

עס האָט געשטראָמט און געשטראָמט פון אַן איבערגעפולטער נשמה, עס האָט אָן אויפהער געשטראָמט. ווי אַ בלינדער איז ער געזעסן, און עפּעס האָט זיך אין אים פון דרויסן אַריינגעגאָסן, און ער שרייבט עס אַראָפּ אין העלן שיין. ער שרייבט, שרייבט, שרייבט. טיילמאָל גיט ער אַ קלאַפּ אַן אַקאָרד אויפן אינסטרומענט, דערנאָך נעמט ער ווידער שרייבן, ברומט עפּעס, עס ווערט אים ענג אין האַלז, ער שפּייט אויס, ער שרייבט. אַזוי גייט עס ווייטער, די שעהן פאַרשווינדן, אַך, די דאָזיקע שעהן און די כוואַליעס! ווידער אַ קאַנטאַטע, אַ ליד, טאַנץ-מוזיק? ניין, די אָפּערע, אָ גאָט! דאָס מייסטער-ווערק! דאָס איז אַן אויסברוך, וואָס ער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, אפשר איז דווקא געווען גוט פאַר אים, וואָס אין אים האָט אַזוי לאַנג גערוישט די אייפערזוכט.

און די מאָרגן-שעהן האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעטרוקנט; די לאָמפּן זענען געווען אויסגעברענט, ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן צימער און האָט זיי אויסגעלאָשן. דעמאָלט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאַנאַפּע און איז איינגעשלאָפן מיטן קאָפּ אויף די הענט.

— גוט מאָרגן! אפשר וועט איר אַריינגיין פרישטיקן?

— ניין, אַדאַנק. גיי, גיי, איך וועל שפּעטער קומען.

ער איז נאָך נישט פאַרטיק. אַדאַנק גאָט נישט פאַרטיק! בעת ער האָט אַ קוק געטון אויף דער אַרבעט פון ביינאַכט, האָט זיין נשמה אַרומגעכאַפּט אַ נייע באַגייסטערונג. עס פאַרפלייצט אים ווידער, טענער פון אַן אומבאַקאַנטער מלוכה פון קלאַנגען, זיי קומען צו אים, ווי פון אַן אינזל, זיי באַרוישן אים, זיי פאַרשלינגען אים — די כוואַליעס. און פונקט אַזוי איז הייגט אויך, זיי שטראָמען איבער אים, אומגעצוימט, באַהערשעריש, זיי מאַכן אים אַלץ ענגער די ברוסט, שפּעדיקער שטראָמען זיינע טרערן, ער וואַרפט זיך אויף דער ערד און שרייבט מיט באַגייסטערונג, עס שטראָמט און שטראָמט, עס גייט אָן אַ סוף...

— אפשר וועט איר איצט עפּעס עסן?

— איך דאַנק, שטעל עס אַוועק דאָרטן.

אין עטלעכע טעג האָט ער גובר געווען אַלע שוועריקייטן און פאַרענדיקט זיין ווערק. ער האָט געלעבט אין גאַנצן פאַר זיך, אין אַן אומגעהויערער הויכקייט איבער דער ערד, ער האָט זיך אַליין

אָפּגעצערט, ער האָט זיך אַליין אויסגעזויגן, ער איז כּסדר ווייניק געשלאָפן, געגעסן אין פולשטענדיקער געדאַנקענלאָזיקייט, אומבאַוווסט עסנדיק פון די טעלער — אָן אַ רודער, באַרוישט פון זיין אינערלעכער פּאָעזיע. אַזוי האָט געדויערט עטלעכע טעג, דעמאָלט האָבן זיך די בוואַליעס אויסגעטרוקנט.

פון דער טיפסטער אומפּרוכטבאַרקייט און דערנידערונג איז ער אַריין מיט אַ קאָפּ העכער אין דער הערלעכקייט ! ער האָט אויפגענומען זיין ווערק און איבערגעגאָסן עס אין אַ נייער פאָרם.

דער יונגער ווילאַץ — זיינע עלטערן האָבן געהאַט משרתים, וואָס זיי האָבן זיי אין דער פרי געהאָלפן זיך אָנטון — דער יונגער ווילאַץ האָט קיין הילף נישט געדאַרפט, ער איז געשלאָפן אין די קליידער. און קיינער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי געשמאַק נישט גערוט, ווי אַ קינסטלער, וואָס נאָך אַ צופרידענעם טאָג, בעט ער זיך אויס אַ געלעגער אויף זיינע אייגענע הענט און ווערט פאַרזונקען אין שלאָף.

— איך וועל באַלד אָפּפאָרן, — האָט ער געזאָגט — אָבער קיינער זאָל דערפון נישט וויסן, אויסער דיר און דעם קנעכט מאַרטין.

פּוילינע האָט סיי־ווי־סיי נישט געהאַט וועמען אויסצוזאָגן. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט איר זיסן דערשראָקענעם פּנים, און אירע אויגן האָבן זיך צעבליט.

— אַך, איר ווילט טאַקע באמת אָפּפאָרן !

דעם קנעכט מאַרטין האָט ער אָנגעזאָגט, אַז אַסלאַק און קאָנראַד זאָלן אַ גאַנצן ווינטער האַקן שטיינער. אין פרילינג האָט ער בדעה צו בויען אַ נייע שטאַל, אַ פּאַוויליאָן אין גאָרטן, אַ שפּייכלער — גרויסע פּלענער. ווי רייך ער איז פונדעסטוועגן געוועזן, דער יונגער ווילאַץ האָלמסען !

פּוילינע האָט געזען, ווי ער האָט זיך געלאָזט גיין צום ברעג, כּדי אַוועקצופאָרן מיט אַ שיפל. זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב און אַ טרונק געטון וואַסער פון זיין גלאָז. דערנאָך האָט זי צערטלעך אַ גלעט געטון דעם האָק, אויף וועלכן ס'איז שטענדיק געהאָנגען זיין הוט. דאַן האָט זי פאַרשלאָסן די צימערן און איז אַראָפּ צוריק אין הויף, כּדי איבערצונעמען די ווירטשאַפט און די השגחה איבער די מיידן און איבער דער מילך, וואָס מ'האָט געמאָלקן פון

עטלעכע און דרייסיק קי. די קליינע פּולינע איז געווען זייער טיכטיק.

און ווילאַק האָט זיך דערווייטערט פון לאַנד און זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף הינטן. ער איז געווען עלעגאַנט און שווייגנדיק און געטראָגן נייע הענטשקעס. ער איז אָפּגעפאָרן פּונקט אַזוי אומבאַמערקט, ווי ער איז געקומען, אָן אַ צוזאַמענלויף, אָן הורא־געשרייען. עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז די אַקטיאָרן, וואָס זענען געפאָרן צוריק קיין דרום, זענען גראָד דעמאָלט אויסגעשטיגן. די פּרימאַדאָנע ליזאַ און פרײַלין סיביליע און דער קינסטלער מאַקס און די אַלע אַנדערע זענען אַרויסגעשטיגן אין זעגלפּאָס. ווו זיי האָבן באַלד צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. און „די האָריקע לאַפּע און דער ריח פון בראָנפן אין זיין מויל"...

טעאָדאָר האָט מקבל פּנים געווען די טרופּע אויפן ברעג און זיי אַוועקגעפירט אין האָטעל לאַרסען.

— איר וועט, זינט דעם לעצטן מאָל, געפינען ביי אונז גרויסע ענדערונגען, — האָט ער געזאָגט, און האָט באַלד דערציילט, אַז ער איז געוואָרן דער איינציקער באַלעבאָס איבערן געשעפט און האָט אַלץ אָפּגעקויפט.

די אַקטיאָרן האָבן זיך צוגעהערט מיט איבערגעטריבענער אויפמערקזאַמקייט און האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, גלייך דאָס האָב־און־גוטס פונם טעאַטער־אייגנטימער וואָלט געווען פאַר זיי אויסערגעוויינלעך וויכטיק. פרײַלין סיביליע ענגעל האָט זיך אויסגעפרעגט גענוי:

— און איצטער האָבן אייערע שוועסטער נישט קיין היים?

— מיינע שוועסטער? חלילה, זיי זענען צוריק אַוועק אויף זייערע שטעלעס. און איך אַליין, — האָט טעאָדאָר געזאָגט — האָב געוווינט עטלעכע וואָכן אין האָטעל, אָבער איצט האָב איך זיך צוריק אַריינגעצויגן צו מיר, ווייל איצט איז אַלץ מיינס.

— אַי, גיב נאָר אַ קוק, אַלץ געהערט צו זיי! — האָט דאָס פרײַלין אויסגערופן.

אָבער דאָס איז שוין, מסתמא, געווען אַביסל צופיל, ווייל דער הער מאַקס האָט זיך מאָדנע בייסיק אָנגערופן:

— ווילסט זיך ווידער צעקלאַפּן דעם פּוס, סיביליע?

פרײלײן קלאַרא, די פּיאַניסטין האָט זיך נעפּרעגט אויפן הער באַרדסען.

יאָ, ווו האָט געקאָנט זיין דער הער באַרדסען? אפשר קאָן מען אים זען דאָ אויפן ברעג, צווישן די עלעגאַנטע רייזנדע? נאַטירלעך, איז ער באַלד געקומען צו לויפן אין האָטעל און זיך געמאָלדן צו פרײלײן קלאַרא. אַ האַרציקע באַגריסונג און אַ וואַרעמע פריינדשאַפט, רייזע-באַשרייבונגען פון עק נאָרוועגן, איבערלעבונגען, פרײלעכע פּאַסירונגען אויפן דאַמפּער און אין די האָטעלן, קינסטלערישע טריומפן אין די שטעט. „אויף יענער זייט גאָרטנמויער" איז אַ שיינע אַלטע פּיעסע פון שוועדיש; זיי האָבן עס גוט אויסגערעפּעטירט און אַריינגעשטעלט נייע לידער. מאַקס איז אַ מייסטער אין דיכטן. „אויף יענער זייט גאָרטנמויער" איז אַן ערנסטע שטיק. די פאַרליבטע באַקומען נישט איינער דעם צווייטן, ניין, זי דערשטעכט אים, זי דערהרגעט אים, און גראָד דאָס געפעלט דער פרײלײן קלאַרא זייער שטאַרק. זי זאָגט, אַז זי פּייפט אויפן גוטן סוף. זי אַליין וואָלט געקאָנט זייער רייך חתונה האָבן און אַלץ מיט אַנאַנדער.

— איר שפּילט אין דער פּיעסע?

— אַוודאי, איך האָב די הויפּט-ראָלע. נישט נאָר איך שפּיל, נאָר איך זינג אויך און איך באַגלייט זיך אַליין אויף דער גיטאַרע. דאָס קען פון זיי קיינער נישט, און דעריבער האָט קיינער נישט באַקומען, אַזאַ גוטע קריטיק ווי איך, — גיט אַ קוק, אָט איז עס, אויב איר ווילט עס דורכלייענען. נאַטירלעך, מוז אונז אין זעגלפּאָס אויך אָפּגליקן. דעם לעצטן זומער איז אונז געגאַנגען אַזוי גרויסאַרטיק, ווי מיינט איר, הער באַרדסען?

מערקווירדיקער באַרדסען, נאַרישער באַרדסען, וואָס האָט ער זי־ געריכט פון פרײלײן קלאַרא? מאָדנע, דאָס לעצטע מאָל האָט זיך דאָך געהאַט חשק צו פאַרלאָזן די קונסט, און וועלכער זי קאָן נישט ווערן גרויס, — איצט איז די שלעכטע שטימונג פאַרביי. זי איז געזעטיקט געוואָרן דערמיט, וואָס מ׳האָט איר געגעבן אַ ראָלע אין אַ צרהדיקער אָפּערעטע. זינגען — האָט טאַקע פרײלן קלאַרא געקענט זינגען?

— אָ, עס וועט שוין זיין גוט, — האָט ער געזאָגט.

— עס מוז זיין גוט, אַנישט, וואָס וועט פון אונז ווערן? — האָט

פרײלין מאַריאַנע געענטפערט מיט אַ געלעכטער. — מיר האָבן שוין מער קיין געלט נישט! פאַרדינט האָבן מיר, וואָס אַן אמת, אַסאַך, אָבער אין גרויסע הפסקות. ווען מיר האָבן געהאַט געלט, האָבן מיר זיך אײַנגעקויפט דאָס און יענץ, עס איז קאַלט געוואָרן און מיר האָבן געדאַרפט מאַנטלען. אויסער דעם, האָב איך נאָך געדאַרפט האָבן אַ מאַרגנקלײד, איר ווילט זי זען? דאָס איז אַ שלאָף-ראָק מיט אַ ברייטן זײַדענעם שנור אויף דער טאַליע...

באַרדסען האָט געזאָגט:

— ווילאַק האַלמסען איז נאַרוואָס אָפּגעפאָרן מיט אַ שיף. ער האָט, משמעות, אין דער לעצטער צײַט טאָג און נאַכט קאָמפּאָנירט.

— אַזוי, — האָט פרײלין קלאַראַ געזאָגט — איבעריקנס, אינטערעסיר איך זיך נישט מער מיט קיין מוזיק, איך געפין, אַז זי איז מיר נישט נויטיק. איצט אינטערעסיר איך מיך בלויז מיט דער בינע-קונסט. הערט נאָר, הער באַרדסען, דאָס איז, נאַטירלעך, געווען אַ שפּאַס, וואָס איר האָט מיר דעם לעצטן זומער געזאָגט וועגן דער בינע-קונסט? ענטפערט שוין אַמאָל!

— איך געדענק גאָרנישט, אָבער עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איך האָב דעם פאָריקן זומער געחוזקט פון דער אַזוי-גערופענער בינע-קונסט.

— גאָט מײַנער, ווי עקלהאַפט איר זענט! זײַט מוחל, וואָס איך זאָג עס אײַך!

— ווו זענען די איבעריקע? — האָט באַרדסען געפרעגט.

— זיי זענען אַוועק אין טעאַטער, הער יענסען האָט זיי געוואָלט ווײַזן אַ גראַמאָפאָן און אַ קלאַוויר. איר ווילט זיי אויפזוכן?

— און איר, אַלס פּיאַניסטין, ווילט גאָרנישט פּרוּוון דעם קלאַוויר?

— ניין, איר הערט דאָך, אָבער וואַרט אונטער, ביז איך וועל זיך אָנטון, וועל איך מיט אײַך גיין. איך קאָן דען אַרויסגיין אין גאַס מיט אַזעלכע קאַלאָשן?

— וואָס מאַכט עס אויס?

— זיי זענען שוין נישט ניי, איך מוז האָבן אַנדערע. איך פאַרזיכער אײַך, אַז די מענטשן קוקן אויף מיר גאַנץ אַנדערש זינט איך האָב מיר אין טרעמזע אײַנגעקויפט נײַע קליידער. איר ווייסט, הער

באַרדסען, אַז אייער הוט איז סקאַנדאַליעז, זייט מיר מוחל וואָס איך זאָג עס אייך.

באַרדסען האָט אַ שמייכל געטון:

— ווען איך וואָלט אָנגעטון איינעם פון מיינע נייע היט, וואָלט איך שוין מיין אַלטן נישט געוואָלט מער אָנקוקן.

— איר טראָגט נישט קיין מאַנטל?

— ניין.

— באמת, הער טעלעגראַפן-שעף, איר וואָלט געמעגט זיין אָנגעטון אַביסל בעסער.

— ליבע פריילין, אַזוי פיין ווי דער אייבערקעלנער פון דעם גרויסן האָטעל, זע איך, גאַטירלעך, נישט אויס.

— מסתמא קומען זיי שוין אַלע צוריק. — האָט פריילין קלאַרא געזאָגט און האָט ווידער אויסגעטון די קאַלאָשן.

די קליינע דאַמע האָט זיך איצט דערשראָקן, טאָמער האָט זי געקרענקט דעם טעלעגראַפיסט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און גענומען אים פאַרקנעפּלען דעם רעקל, פריילעך פּלוידערנדיק.

— גאָט מיינער, ווי גרויס איר זענט, איך גרייך אייך קוים ביז דאַנעט, גיט נאָר אַ קוק! אסור אויב איך וויים, פאַרוואָס איר האָט זיך באַגראָבן אין זעגלפאָס! ווי לאַנג זענט איר שוין דאָ פאַראַן? גיט אַקוק, אָט אַזוי דאַרף זיצן אַ שניפּס, באַטראַכט זיך נאָר אין שפּיגל! ניין, דאָס זענען נישט זיי. וועלן מיר דאָך גיין מסתמא, האַ? הערט נאָר, הער באַרדסען, איר ווילט זיין צו מיר גוט? איך האָב אַמאָל באַמערקט, אַז איר האָט אַ שטילעט, וואָס רוקט זיך אַריין ביז אַ שטויס אין הענטל. איר וואָלט מיר אים געגעבן אַ מתנה?

— געוויס, אדרבה.

— איך דאַנק אייך. איר זענט דער פיינסטער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט! צו וואָס איך דאַרף אים? איך מוז אין דער פּיעסע עמעצן שטעכן, און עס וועט זיין גרויסאַרטיק, אַז איך וועל קאָנען אַ זעץ טון מיט דעם גאַנצער קראַפט. אַך, „אויף יענער זייט גאָרטנמויער" איז אַ טיפע פּיעסע!

פריילין קלאַרא האָט אָנגעהויבן ברומען עפּעס אַ ניגון, זי האָט גענומען איר גיטאַרע און זיך צעזונגען, און ווען זי האָט אויפגעהערט האָט זי געזאָגט:

— דאָס קאָן נישט קיינער פון זיי! ווי געפעלט עס אייך, הער באַרדסען?

שטיל.

— ס'איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז איר שפּילט אַסאַך בעסער, ווי איר זינגט, — האָט זיך דאַן באַרדסען אָנגערופן — און איך צווייפל נישט, אַז איר ווייסט עס אַליין זייער גוט. איר נאַרט זיך אַליין אָפּ.

— אַך, איצט זענט איר ווידער מיאוס! און איך וועל ביי אייך נישט נעמען דעם שטילעט. אָבער זאָגט מיר, צי זינג איך טאַקע באמת אַזוי נעבעכדיק? נו, טאָ גלויבט כאָטש לפּחות, אַז דאָס איז שיין, אַז דאָס קאָן גיין, גלויבט כאָטש, איר הערט! אוודאי קען איך נישט זינגען, אָבער זאָגט עס נישט קיינעם, איר מוזט עס מיר צוזאָגן! אַ נישט וועלן זיי מיר צונעמען די ראָל, און דאָס איז אַ גרויסאַרטיקע ראָל.

ענדלעך זענען געקומען די איבעריקע אַקטיאָרן און מ'האָט זיך ווידער האַרציק באַגריסט. און פרייליין סיביליע האָט אַרויסגעוויזן דעם זעלבן אינטערעס צום טעלעגראַפיסט, פונקט ווי באַטאָג צו טעאָדאָרן.

— ווי גייט עס אייך? ווי שיין עס איז, וואָס מיר זעען זיך ווידער!

דער דירעקטאָר האָט אויסגעפרעגט באַרדסענען וועגן די אויס-זיכטן פון דער פאָרשטעלונג. צי האַלט ער פאַר מעגלעך, אַז אַן ערשט-קלאַסיקע פאָרשטעלונג זאָל קאָנען געגעבן ווערן צוויי מאָל.

באַרדסען איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל קיינער האָט נישט געקענט די טעאַטער-וועלט פון זעגלפּאַם וויניקער פון אים. פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט, אַז די אַקטיאָרן האָבן דאָ אַזאַ גוטן שם, אַז מען קאָן זיך ריכטן אויף אַ גוטן דערפאָלג.

פרוי לידיאַ, די פּרימאַדאָנע האָט אַרויסגענומען איר ניי קעסטעלע און געזאָגט:

— זייט מוחל, אָבער איך מוז מיר פּאַרנייען אַ ריס.

זי האָט אויפגעעפנט דאָס קעסטעלע, און צווישן די ניי-געצייג האָבן אַרויסגעגלאַנצט עטלעכע צען-קראָן-מטבעות.

— גאָט מיינער, ווי רייך דו ביסט! — האָט אויסגערופן דער

קאַסיר פון דער טרופּע, — ס'איז נאָך גוט, וואָס מיר ווייסן דערפון.

— זאָל איך דיך פרעגן, ווו דו האָסט באַהאַלטן דיין גאַנץ געלט, לידיא? — האָט פריילן קלאַרא געפרעגט.

— יאָ, פּרווו נאָר! — האָט זיך דער קינסטלער מאַקס אָנגע- נומען.

די פּרימאַדאָנע האָט צוגעוואָרפן דער פריילן קלאַרא אַ פאַר- אַכטונגספולן בליק און האָט אָן אַ סימן פון פאַרלעגנהייט געענטפערט:

— וואַרט, ביז דו וועסט באַקומען אַזאַ גאַזשע, ווי איך, טייערי- קע, וועסטו אויך האָבן עטלעכע איבעריקע צענער-קראָן!

אַלע איבעריקע האָבן צוגעשטימט, ווייל זיי האָבן געקאָנט דאָס אַלטע שטעכווערטל פון פרוי לידיא, בעת פרעמדע מענטשן זענען געווען דערביי. אָבער פריילין קלאַרא האָט זיך נישט געלאָזט, זי האָט אויך געגעבן דער פּרימאַדאָנע צו פאַרשטיין, — אָן שום בושה האָט זי אונטערגעטראָגן דער פּרימאַדאָנע אַ בלאַט נאָטן אונטערן נאָז און געזאָגט:

— גיב נאָר אַ קוק, דו פאַרשטייסט זיך דאָך אַפילו נישט אויף די דאָזיקע אומשולדיקע צייכנס און דו האָסט קיינמאָל קיין שטימע נישט געהאַט!

— קינדער, קריגט זיך נישט! — האָט זיך געבייזערט דער די- רעקטאָר.

פריילין סיביליע האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין דער מחלוקת, עס איז איר געווען גאַנץ גלייכגילטיק, ווער מיט וועמען עס שלאָגט זיך. די דאָזיקע דאַמע האָט גיבער געזאָרגט פאַר זיך, זי איז געווען צופרידן, ווען זי האָט זיך געקאָנט קליידן שרייענדיק, פּוצן און שמירן, און אַז זי האָט אויפן וועג צום טעאַטער געפונען צוויי ווייסע מעווע-פעדערן, האָט זי זיי באַלד אַריינגעשטעקט צו זיך אין די האָר.

דער פאָרשטייער פון דעם טעלעגראַפן-אַמט איז אַרויס פון האָטעל, נאָך אָרעמער ווי ער איז אַהין אַריין. ער האָט אַהין געאיילט, אַזוי ווי אַ יינגל, נאָך אָנגעשטעקט פון זיין פאַרליבטקייט דעם לעצטן זומער. אָבער איצט איז ער שוין נישט געווען מער קיין יינגל, קיין פלאַטערקאָפּ — ווו איז געבליבן דער לוסטיקער שיכּרותדיקער צושטאַנד? און גלייך האָט געגומען אויך זיין מוח, אַזוי צו זאָגן,

דרייען זיך אַרום זיך אַליין, פילאָזאָפירן, טיילמאָל אין אַ הויכן סטיל, ווי למשל:

— עלנט לעבן! טיפע דערנידערונג!

און באַלד ווידער אין אַ נידעריקן סטיל:

— שיינע קלאַרא, דו שפּילסט בעסער, ווי דו זינגסט, און דו ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז דו זינגסט אַזוי ווי דער ווינט דורך אַ שליסל־לאָך. דו ווילסט טאַקע באמת וויסן, צי איך האָב וועגן דעם אַ באַשטימטע מיינונג? שיינע קלאַרא, קיין שום באַשטימטע מיינונג, נאָר אַ מיינונג בכלל, נישט בלויז וועגן דעם, נאָר אויך וועגן דיר און די אַלע איבעריקע — אדרבה באַווייז מיר, אַז איך בין אומגערעכט! איר זענט קונצנמאַכער און וועט דאָס בלייבן. צי מוזן דען נישט אַנדערע מענטשן זיין אַזוי? גוט. צי מוזן אויך געוויסע מענטשן נישט זיין פאַרשולדיקט? גוט. אייער האַנטוועריק ווישט אָפּ דעם געשלעכטלעכן אונטערשיד צווישן „ער" און „זי", איר רעדט און איר האַנדלט גלייך, הגם איר זענט נישט גלייך. דאָס איז קונסט און בלאָנדזעניש. דער שטיינבאָק איז דורכן רוים אָפּגעטיילט פון דער ציג. פרייליין סיביליע איז, משמעות, געשלעכטלאָז. דער קינסטלער מאַקס איז, וואַרשיינלעך, אַ געמיש פון ביידע געשלעכטן. ער איז אָן אָרעמער, נעבעכדיקער יונג אין מענערישע קליידער. און וואָס ביסטו?

שיינע קלאַרא, דו האָסט מיר פריער צוגעקנעפּלט דאָס רעקל און אַראָפּגעבלאָזן דערפון דעם שטויב; דאָס האָט נישט קיין שום באַדייטונג, ווייל דו ביסט געווינט, אַז אַ הער זאָל האָבן אויך אַ נוצן פון זיין ליבנסווירדיקייט, און דו האָסט זיך געריכט, אַז איך וועל, ווי דאָס לעצטע מאָל, וועלן. דו האָסט מיך נישט אָפּגעשטויסן מיט קיין איינע פון דיינע באַוועגונגען; אָבער ווו איז געווען דאָס שוימענדיקע לעבן, דער פערלדיקער שוים? דו מיינסט, אַז שוימענדיק לעבן הייסט, ווען דו שטעלסט זיך גלייך מיטן קינסטלער מאַקס און דו רעדסט נבול פה און נאַרסט זיך אַליין אָפּ אַזוי לייכטזיניק ווי ער? האָסט אַ טעות, דאָס איז אומפעיקייט. דו טויגסט נישט צו קיין אויסגעלאַסן לעבן, דו מאַכסט זי נאָר אַזוי. שיינע קלאַרא, איך קער זיך אָפּ פון דיר, ווייל דו ביסט טאַלענטלאָז, איך וואַרף דיך אַוועק, ווייל דיין שפּילן איז אַ פאַרשפּילן. ווען דו גייסט אַרויס אין

גאס, טוסטו עס נישט, כדי צו דערגרייכן א ציל, נאר כדי צו ווייזן דיינע שיינע פיסלעך, כדי די מבינים צו פרעגן, צי דו שטעלסט דיין פוס געגוג שיין. דו באריםסט זיך לייכטזיניק, ווייל דו פארמאגסט גארנישט, דו ברענגסט יעדן אמתן מאן בלויז אנטוישונג. מען מוז נישט ווייזן אויפן מיטן גאס קיין אויסגעלאסנקייט. דער תענוג איז היילי‌ק, דער קוש און די אומארעמונג האבן נישט קיין שום שייכות מיט דער גאס.

פארוואס האלט מען די אקטיארן פאר אומפארשעמטע מענטשן? די מענטשן זענען חיות. איר זענט נישט אומפארשעמט, איר ציטערט בלויז פון בושה, וואס איר זענט טאלענטלאז. אויב איר מוזט כסדר זיין באהערשט פון דער ליבע־ליידנשאפט, איז עס נאר צוליב דער קונסט, און אויך צוליב דער היינטיקער פארשטעלונג. זעט, דערפאר שעמט איר זיך. ווי בילי‌ק דאס איז! איר דאמען מאכט זיך, ווי איר וואלט אראפגעקוקט טיף אויפן הויז; איר מאכט זיך גלייכ־גילטיק לגבי דאס ביסל אכטונג, וואס מ׳ווייזט אייך ארויס; איר זענט נישט קיין מאמעס, אדער איר זענט שלעכטע מאמעס איר זענט נישט קיין דערציערינס, אדער איר זענט זייער שלעכטע דערציערינס — מיט יעדן טאג זינקט איר אלץ טיפער אין אייער בושה צוליב אייער אומפעיקייט. דאס איז דער אמת. די אקטיארן שעמען זיך מער, ווי די מענטשן, וואס זענען א סטאדע פי. די בהמות האבן זייערע פעיקייטן און שעמען זיך נישט.

שיינע קלארא, זאל איך דיר מוחל זיין? נישט אמת, מיר פארווארפן דעם קאפ אויפן רוקן, הגם דאס איז אינגאנצן איבעריק! איר האט, משמעות, געהערט, אז אויך דאס איז קינסטלעריש און גע־הערט צום שפיל. ווער איז דיין טאטע און ווער דיין מאמע? צי שטאמט איר, אקטיארן, פון מענטשן, וואס זענען גערודפט געווארן און האבן פארבלאנדזעט. איר זענט זעלטן שיין און איר ווערט שנעל העסלעך. איר באמיט זיך מיט ראפינירטע לייוונטן, וואס באפלעקן שפעטער די געזעלשאפט, צו פארבעסערן און צו פארשטעלן די חסרונות פון אייער קערפער. דער פוץ הערשט, און ווענוס שטייט אין דער זייט. ווענוס? זאל מיר די געטין מוחל זיין, וואס איך רוף זי אןביים נאמען! צי איז ווענוס געווען א קונצנמאכערין? זי איז נישט, ווי א היילי‌קע, אוועק פון די ברעטער, בעת זי האט געקאנט

דעם טעאַטער־עולם לייכטזיניק פאַרפירן? צי האָט זי זיך באַנוצט מיט בלערליי קונצשטיק? זי איז געווען הייליק.

— איך בין דיר מוחל, שיינע קלאַרא. דו געהערסט צו אַ וואַנדער־טרופּע, איר מוזט וווינען אין ביליקע האָטעלן און טאָרט נישט אַריבערשפּאַנען די געזעצטע פּרייזן, איר מוזט זיך מאַכן, גלייך ווי ס'וואָלט אייך געגאַנגען אויסגעצייכנט, גלייך ווי די אומאָרדנונג פון די פרייע בילעטן וואָלט זיך גענומען בלויז פון אייער גוטהאַרציקייט; איר מוזט פאַר יעדן מענטשן און יעדן געוועלב דערציילן נישט געשטויגן און נישט געפלויגן וועגן אייערע גאָלדענע געשעפטן.

— איך וואָלט זייער גערן גענומען דעם דאָזיקן זיידענעם ברוסטהאַלטער, אָבער די פאַרב געפעלט מיר נישט!

— לייגט מיר אַריין צוריק פּיזעם־פּעלץ. איבערמאָרגן וועט מען אונז אויסצאָלן אונזער גאַזשע!

עלנט לעבן...

פאַרדינט איר דען אויף אַ בעסער לעבן! וואָס האָט איר געלערנט! אַביסל פון דעם גורל, אפשר אַביסל מער פון דער שולע און נאָך אַביסל אפשר פון דער ערציונג — אַ גאַסן קינצמאַכער קאָן, לפּחות, עסן ברענענדיקע שטרוי און וואַרפן שווערדן. איר זענט פון ערגעץ געקומען צום טעאַטער, אָן שום סיבה אָדער יאָ צוליב עפּעס אַ סבה: טאַלענט, אַמביציע אָדער נויט. טאַלענט? אייך צו ווייזן, צו שפּילן, אין אַלטערטום, אין די צייטן פון פּרעה, איז עס געווען אַן אַרבעט פאַר שקלאַפן, היינט איז עס אַ מלאכה, נישט אַזאַ געוויינלעכע ווי שול־אַרבעט און ערציונג, אין געוויסע שטעט און געגנטן איז עס אפילו געוואָרן אַ מגפה, וואָס קיין שום גאָט און קיין שום טייוול קאָן זי נישט איינשטילן.

און דערנאָך קומט איר צום ציל — צום הויז מיט די דרייוועגט. צי קאָנסטו זיך דען פאָרשטעלן, שיינע קלאַרא, ווי אַזוי דאָס הויז זעט אויס?

אין דעם שפּיל הערשט אַ פלוידעריי און אַ באַוועגונג מיט די הענט, אָבער קיין פיינער מענטש פלוידערט נישט און זשעסטיקולירט נישט דאָס געשעט בלויז אין וויניקער פיינערע מאָמענטן. דאָס פיינסטע וואָס דו פאַרמאָגסט, זאָגסטו גישט אַרויס. דו טראַכטסט עס, מסתמא,

אָבער דו פאַרשווייגסט עס. ווען דו הערסט לאָבן דעם טעאַטער־עולם קאָנסטו זיין זיכער, אַז דו האָסט געטון אַ שאָרך מיט די פיס, וואָס דערפון וועט קיין מענטש אין אַ שטוב מיט פיר ווענט נישט לאָבן, נאָר אַלע וועלן עס אויפנעמען מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט. אָבער זעץ זיך נאָר אַליין אַוועק, ווי אַן איינזאַמער צוקוקער, גיב נאָר אַ קוק אויף די קונצן פון אַן אַנדער קאָמעדיאַנט, און זאָג, אדרבה, צי עס ווילט זיך דיר לאָבן. די באַלייכטונג, דער המון מענטשן און די מוזיק, זיי אַלע מאַכן פון טעאַטער אַ פאַרזאַמלונגס־אָרט, זיי אַליין מאַכן פון דעם צייט־פאַרטרייב, אַ זאַך, וואָס שטויסט אָפּ יעדן דערוואַקסענעם מענטשן. די ליבלעכע אינטערעסאַנטקייט פון אייניקע, די פלוידעריי פון די אַנדערע — דו טאַכסט זיך, ווי דו וואָלסט פאַרשטאַנען עפּעס פון דער קונסט.

און צי פאַרשטייסטו באמת עפּעס פון דער קונסט? ווי אַזוי, בעת דיין פאַרשטאַנד קאָן ווערן ערקלערט פשוט פאַר אומגילטיק? נאָר אָט קומען די קריטיקער! גיב נאָר אַ קוק, ווי זיי קומען אַריין! זיי דאַרפן אַנטשיידן, זיי דאַרפן לערנען די דאָזיקע המון־פאַרזאַמלונג און פעסטשטעלן, צי האָט זיך פריילין סיביליע ריכטיק אויסגעשנייצט די נאָז און צי האָט דער קינסטלער מאַקס קינסטלעריש ריכטיק אַ געגעץ געטון. דערנאָך זעצן זיך אַוועק די דאָזיקע אַלטע לייט און פלוידערן אַביסל שריפטלעך וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען. און איינער זאָגט יאָ, און דער אַנדערער זאָגט ניין, ביידע פון גרויס זאַך־קענטעניש.

און צווישנאַקט גייען מיר אַריבער אין אַן אַנדער זאַל, כדי זיך אָפּצופרישן. מיר נויטיקן זיך אין דעם, מיר פילן זיך־שוואַך, עס ווערט שפּעט. און אָט ווערן מיר באַקוקט און מיר באַקוקן אַנדערע. דער המון פאַרנויגט זיך פאַרן המון, היינט אַזוי ווי נעכטן און אָוונט; מיר באַקוקן די קליידער און הערן אויס פאַרשידענע מיינונגען, צי זאָל די פּיעסע ווייטער גיין אָדער פאַלן?

די הערשער אין אַלטערטום זענען געווען טיראַנען פון איבער־צייגונג — דער טעאַטער־המון איז אַ טיראַן מחמת נאַיווקייט. ער שרייבט אין זעגלפּאָסער צייטונג און לייענט עס שפּעטער גע־שמאַק.

די אַזוי גערופענע בינע־קונסט איז אַ פאַרשטעלונג לויט געוויסע

געזעצן. זי איז אַ צווישן-פאָרם, וואָס איז נישט דערגאַנגען צו דער פאָלקאָמענהייט פון דער דיכטונג. די שווישפּילעריי פייערט אירע העכסטע טריאומפן אין טאַנדעט-ווערק פון ספּעציאַליסטן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן מיט געשיקטקייט. און זי זוכט איר באַרעכטיקונג אין דעם, וואָס זי לייגט אַריין אַ אינהאַלט אין די סאַמע טאַנדעטנע שונד-ווערק. דאָס הייסט: זי פאַרטיפט און דערקלערט אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען נישט ווערט קיין דערקלערונג. איר איינציקע מעגלעכע אויפגאַבע דאַרף די שווישפּיל-קונסט זוכן אין קאָמישע שטיק: זי דאַרף ברענגען דעם עולם צום וויינען אָנשטאָט אים צו לאָזן פּלאַצן במעט פאַר געלעכטער.

צי זענען מיר מסכים? צי האָסטו זיך אויסגעאַרבעט וועגן דעם אַ באַשטימטע מיינונג, אויב מיין מיינונג וועגן דעם איז אַ פאַרקערטע? זאָג, שיינע קלאַראַ!"

פרייליין קלאַראַ וואָלט, מסתמא, געקאָנט דערויף ענטפערן; נאָר באַרדסען יענער באַרדסען, דער זון פון דעם הויז באַרדסען, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס הויז, אים איז יעדע ענטפער איבעריק. ער האָט שוין געפּרווט זיינע כּוחות אַלס שווישפּילער. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין טאַלענט, ער האָט געשריבן פּיעסן און איז מיט זיי דורכגעפאַלן! יאָ, פרייליין קלאַראַ מעג שפּילן ווייטער אין אירע טרופּע אויך.

אָבער אַך, זעגלפּאָם איז נישט געווען קיין היים פאַר קונסטן און קיין שטאָט פאַר וואַנדער-טרופּעס! צי קאָן עס טעאַטער תּופס זיין? די קינסטלער זענען דאָך געווען די בעסטע. און „אויף יענער זייט גאָרטן-מויער" איז געווען אַזאַ שיינע פּיעסע! נאָר עטלעכע איינצלנע צוקוקער זענען געקומען אין טעאָדאָרס טעאַטער, זיי האָבן גערעדט אויפן קול, איבערגערופן זיך מיט שפּאָטישע באַמערקונגען דורכן גאַנצן זאַל, מ'האָט זיך געקאָנט זעצן, ווו מ'האָט געוואָלט, און אפילו נעמען אַ גאַנצע באַנק פאַר זיך. און ביים סוף פון דער פאָרשטעלונג האָבן זיי גערעדט אויפן קול און געזאָגט, אַז דאָס איז די סאַמע ערגסטע טאַנדעט-פּיעסע, וואָס זיי האָבן ווען עס איז געזען און זיי זענען מיט פאַרדרוס אַוועקגעגאַנגען.

פון וואַנעט האָט זיך עס גענומען? די טרופּע האָט געגעבן אירע אַנאָנסן אין דער ציימונג, דער רעדאַקטאָר האָט געשריבן אַן

ארטיקל, טעאַדאָר האָט ארויסגעהאָנגען א פלאַג נישט נאָר אויפן טעאַטער, נאָר אַפילו אויף זיין געוועלב. דער שוסטער נילס איז צו דער צייט געקומען אויף זיין אָרט און פארקויפט בילעטן. און די טרופע גופא האָט געטון וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. זיי האָבן זיך אומעטום געוויזן, די הערן מיט די היט קרום אויפן קאָפּ און די דאַמען מיט די נייע מאַנטלען. און פונדעסטוועגן! צי זאָל זעגלפּאָס נישט קאָנען פּאַרטראָגן קיין צוויי טעאַטער-אָוונטן א יאָר? אָדער צי איז די צווייטע פּיעסע נישט געווען גענוג גוט? זי האָט זיך געענדיקט טרויעריק, דער העלד איז געווען א גוטער מענטש דורך און דורך, נאָר דורך עפּעס א מיספאַרשטייעניש איז ער געוואָרן דערשטאָכן פון זיין געליבטער, און די זעגלפּאָסער יוגנט האָט גענומען מאַכן גע־וואלדן און זיך אָנגענומען פאַר אים. דאָס מאָל איז נישט געזעסן קיין אדוואָקאַט ראָש און קיין דאָקטאָר מואוס, וואָס זאָלן קאָנען איינהאלטן דעם עולם; עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס די געליבטע האָט גרויסאַרטיק געקלאָגט און געזונגען מיט טרערן אויף די באַקן — די יונגע בחורים האָבן זיך געפּילט אָפּגענאַרט, זיי האָבן באַצאָלט נישט כדי בייצוזיין עמעצנס א מפלה.

דעם צווייטן טאָג איז דער פאָרשטייער פון טעלעגראַפן-אַמט באַרדסען געקומען אין האָטעל און געפונען די גאַנצע געזעלשאַפט זייער נידערגעשלאָגן; בלויז דער קינסטלער מאַקס איז געווען אביסל מונטערער, און ס'איז געקומען בלויז פון חוצפה.

— לאָמיר מאַכן א שטיקל סעודה, — האָט באַרדסען גע־זאָגט.

די, וועלכע זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די איבעריקע, האָבן טרויעריק געשמייכלט אויפן דאָזיקן פאָרשלאָג, די אַנדערע אָבער, וואָס האָבן נישט געטראָגן קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָבן צוגעשטימט און געפּאַטשט מיט די הענט. און ווען באַרדסען איז אַוועק און געקומען צוריק מיט וויין פאַר די דאַמען און וויסקי פאַר די הערן, האָט לאַנג נישט געדויערט, ביז אַלע צוזאַמען האָבן זיך אביסל באַפרייט פון דעם טרויער.

— ווען די סעודה זאָל כאָטש דויערן אַזוי לאַנג, ביז די שיף וועט קומען און אונז צונעמען פון דעם דאָזיקן אומהיימלעכן אָרט! — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט.

— אָבער די שיף וועט נישט קומען פריער, ווי מאָרגן אָוונט. — האָט געזאָגט דער קאַסירער.

די שעהן זענען פאַרביי, פרייל־עכע שעהן. באַרדסען, דער מלאך הגואל, האָט געבראַכט נאָך בראָנפן פון טעאָדאָרס געוועלב, זוייל פאַר טעאָדאָרס פירמע איז איצט נישט געווען קיין אוממעגלעכע זאַך. דער קאַסירער איז אַרויסגעפאָרן:

— מיר וואָלטן בעסער געקאָנט נעמען, אָנשטאָט דעם, דאָס געלט!

— עס וועט דאָך נישט קלעקן, — האָט אַן אַנדערער געענטפערט — מיר וועלן נאָך האָבן צו ווייניק.

אָבער דער דירעקטאָר איז געווען קלוגער און האָט געזאָגט.

— מיר וועלן מאַכן אַזוי, אַז מיר זאָלן קאָנען נאָכאַמאָל קומען קיין זעגלפּאָס.

— ניין, מיר ווילן מער קיינמאָל אַהער נישט קומען! — האָבן אַנדערע געשריגן.

— נו, פונדעסטוועגן וועלן מיר נאָך קומען אַהער, כּדי זיך צו זען מיטן הער פאַרשטייער פון טעלעגראַפן־אַמט! — האָבן אַנדערע געשריגן.

— זאָל לעבן באַרדסען! — האָט מען ווידער געשריגן.

באַרדסען איז געווען גוטמוטיק און רויק, ווי זיין שטייגער, ווי אַ טאַטע צו זיינע קינדער, ווי אַ גאַסט. ווען ער האָט אוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ נייע פלאַש, האָט ער געזאָגט:

— איך וועל דאָ אַלצדינג פאַרשטעלן מיט די פלעשער; איך וועל אייך מיט בראָנפן באַשיצן קעגן דעם צוג.

אַך, דער באַרדסען, דער לוסטיקער טייוול! ער וואָלט באמת אויסגעזען ווי אַן אמתער טייוול, ווען מ'זאָל אים נאָך אויספּוצן מיט מושל־שאָלן און פאַפוגיי־פעדערן אַרום קאָפּ.

נאַטירלעך, איז איצט מער קיינער נישט געווען פאַרדאגהט. פרוי לידיאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט קאָרדיאַלדזשי, און זי האָט אַרויסגענומען אירע טראָפּנס, און פריילין סיבילִיע האָט אויך גאַנץ פריי אַרויסגענומען איר אייזן־טיקסטור, אַלץ איז געווען אין פריינטשאַפט; זיי האָבן געשיקט מיט דער האַנט קושן דעם פּאַסטאָר לאַסען אויף

דער וואַנט, זיי האָבן געהויבן צו אים די גלעזער, זיי האָבן איינער צום אַנדערן געטרונקען און האָבן זיך ווי ווייט מעגלעך באַ־לײדיקט.

באַרדסען האָט זיך געעצט אין דער זייט מיט פרײלין קלאַראַ אויף אַזאַ אופן, גלייך ווי דאָס וואָלט געדאַרפט פאַרבלייבן אויף אייביק, גלייך ווי ער וואָלט איצט געדאַרפט האָבן מיט איר די אמתע באַגעגעניש. דאָס האָט אויפגערעגט דעם קינסטלער מאַקס און האָט אים פשוט אַרויסגעבראַכט פון די כּלים מחמת אייפערזוכט. גיט נאָר אַ קוק, דער קינסטלער מאַקס איז געווען נישט נאָרמאַל, ער האָט קיין שום זאַך נישט פאַרטראָגן, אָבער אייפערזיכטיק איז ער געווען אויף אַלעמען ווי אַ סרים! איצט האָט זיך ביי אים גראָד אַרויסגעבאָפט, אַז דער טעלעגראַפן־באַאַמטער וועט זיך ליבן מיט אַ קאָפּ קורצער, אויב ער וועט זיך נישט גלייך אָפּטראָגן פון דאַנעט! פרײלין קלאַראַ האָט אויסגערופן:

— גיי אַוועק, מאַקס! איך קאָן נישט פאַרטראָגן דײַנע עקלדיקע זשאַבע־הענט!

— אַזוי? — האָט מאַקס דראָענדיק געפרעגט.

— מיר אויך נישט. — האָבן דערקלערט פרוי לידיאַ און פרײלין סיביליע.

דעמאָלט איז מאַקס, בלאַס ווי דער טויט, אויפגעשטאַנען און איז אַרויס.

בקיצור, אַלץ איז געווען גרויסאַרטיק און פּראַכטפול אויסגע־פירט. באַרדסען האָט איינגעאָרדנט אַ סעודה פאַר דער געזעלשאַפט, און ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי ווידער געטרונקען. באַרדסען איז געבליבן כּסדר דער זעלבער. ער האָט געהאַט פיל דערהויבענע און טייערע ווערטער אויף די ליפּן, האָט דערשטויינט דער פרײלין קלאַראַ מיט כּלערליי צאַרטע און געפיל־פולע באַמערקונגען; אַזוי למשל האָט ער געזאָגט:

— עס צים מיינע ליפּן צו אייערע, איך מוז זיך אַליין בייסן, כּדי זיך איינצוהאַלטן אין צוים. ווי איז עס מיט אייך, פרײלין קלאַראַ? אויב עס איז נישטאָ אין דער ליבע קיין שריט פאָרויס, הייסט עס אַ שריט צוריק, אַזוי קלינגט דאָס געזעץ פון דער ליבע.

דעמאָלט האָט מען אַריינגעבראַכט אַצעטל געשריבן מיט אַ פּעדער, דאָס איז געווען אַ בריוו פון דעם קינסטלער מאַקס. ער האָט אָנגעפרעגט, צי ער קאָן זיך צוריק אומקערן צו דער געזעל-שאַפט. באַרדסען האָט אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און געוואָלט ענטפערן.

— ניין, נישט מיט קיין בלייפעדער! — האָט פרייליין סיביליע געזאָגט. — מאַקס קאָן זיך דערפון באַליידיקן.

— צי איז אַ בלייפעדער נישט גענוג, אַ טינט-בלייפעדער?

— אַ טינט-בלייפעדער, אויסגעצייכנט! — האָט דער קאַסירער געלאַכט.

— און ענטפערט אים, אַז ער קאָן קומען צוריק, נאָר ער זאָל זיך באַהערשן!

— ניין, דאָס נישט, — האָט פרייליין סיבילע געזאָגט — דאָס וועט אים נישט אָפּהאַלטן.

— איך האָב געמיינט, אַז הער מאַקס וועט עס נעמען גענוי? — האָט באַרדסען באַמערקט.

— שרייבט אים, אַז איך בין דאָ נישטאָ, — האָט פרייליין קלאַראַ געזאָגט.

— דו מיינסט, אַז ער וועט עס באַמערקן? — האָבן אויסגערופן די צוויי איבעריקע דאַמען און זיך גענומען שפּאַרן.

דאָ איז ער באמת אַליין צוגעקומען צו דער טיר, פאַרנויגט זיך און געפרעגט, צי ס'איז ערלויבט.

— פאַרשטייט זיך! — האָבן אַלע צוזאַמען אויסגעשריגן.

— יאָ, אָבער דו, קלאַראַ, האָסט מיך אַרויסגעטריבן הינטער דער טיר.

— איך האָב דען מיט דיר גערעדט? — האָט קלאַראַ געענט-פערט. — קיין איין וואָרט נישט. עס זענען דאָ פאַראַן נאָך מענטשן, אויסער דיר, מאַקס, זעץ זיך! האָסט שוין עפּעס געגעסן?

אָבער איצט איז די פייערונג געוואָרן אַלץ מער אויסגעלאַסן, און עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל שפּעטער. פרוי לידיאַ און פרייליין סיביליע האָבן לאַכנדיק גענומען יעדע איינע פון דער צווייטערס מעדיקאַמענטן און זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ לינדערונג.

דאָ איז דער דירעקטאָר צום לעצטן מאָל געוואָרן קלוג און ער האָט געזאָגט:

— פירט זיך אויף אַזוי, אַז מיר זאָלן קאָנען קומען אהער נאָכ-אַמאָל, איך בעט אייך זייער!

און דאָ איז דער פרוי לידיאַ געוואָרן נישט גוט. זי האָט נאָך פריער געהאַט בדעה צו פאַלן אין חלשות, אָבער אין דער לעצטער רגע איז איר באַפאַלן אַ נישט גוטקייט און זי איז אַרויסגעלאָפן הינטער דער טיר.

די איבעריקע זענען געבליבן, באַרדסען — אין אַ דערהויבענער און צופרידענער שטימונג. ער האָט גערעדט דערפון, אַז ער וועט געמען קלאַראַן צו זיך אַזוי ווי אַ טייערע שטיקרייו אויף סאַמעט, ער האָט געזאָגט, אַז זי קוקט אויף אים מיט בליקן, פון וועלכע ער גייט פשוט אויס — אָך, עס איז ווידער געווען צופיל פאַרן אָרעמען מאַקס - און ער האָט געקריצט קעגן זיי מיט די ציין.

דעמאָלט איז דער פרײלין קלאַראַ ווידער אײנגעפאַלן דער שטילעט, דער צוויבער-וואָפן.

— פאַרגעסט נישט מאָרגן צו ברענגען דעם שטילעט, הער באַרדסען, — האָט זי געזאָגט.

— ניין, איך וועל נישט פאַרגעסן.

דער דירעקטאָר האָט געוואָלט איבעררייסן.

— לאָמיר דאַנקען דעם הער פאָרשטייער פון טעלעגראַפן-אַמט פאַר דער דאָזיקער אומפאַרגעסלעכער שעה. רעם בעסטן דאַנק און הוראַ!

— איך גיי נאָך נישט אַוועק, — האָט באַרדסען דערקלערט.

רער קינסטלער מאַקס איז געווען אויסער זיך פון אייפערזוכט, און האָט געפרעגט:

— צי האָט איר נישט געהערט, אַז דער הער דירעקטאָר האָט אייך אויפגעפאָדערט אַוועקצוגיין?

אָבער באַרדסען איז אין זיין גאַנצער גרויס געבליבן זיצן רויק אויף זיין אָרט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך פון איצטער אָן געריכט זייער אַסאַך, ווי ער וואָלט געהאַפט אויף אַ געוויסע אומגעצוימטקייט.

דער קינסטלער מאַקס האָט אומבאַהאָלפן אַ קוק געטון אַרום

זיך; ער האָט זיך אָן שום קונצן געווענדט גלייך צו באַרדסענען און אים געפרעגט:

— מיר זיצן דאָ זאַלבעזיבעט, און איר זענט איינער, אפשר קאָנט איר אונז געבן אַ גוטע עצה, ווי אַזוי פון אייך פּטור צו ווערן?

אָבער באַרדסען איז געבליבן זיצן.

— קומט, לאָמיר נאָך אַביסל גיין שפּאַצירן. — האָט פרייליין קלאַראַ געזאָגט צו אים.

באַרדסען איז גלייך אויפגעשטאַנען און איז אַוועק מיט איר.

אַזוי האָט זיך געענדיקט אויך די דאָזיקע נאַכט, און אַ נייער טאָג איז אויפגעגאַנגען, אַך, אַ קלאָגנדיקער טאָג מיט קאָפּ-ווייטיק און אַסאַך דאגות! דאָס לעבן איז מיטאַמאָל ערנסט געוואָרן, און דער דירעקטאָר מיטן קאַסירער האָבן גערעדט צווישן זיך זייער פאַר-דאגהט. אַן אומגליק האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער טרופּע, זיי זענען געבליבן שטעקן אין זעגלפאָס, זיי זענען געקומען מיט ליידיקע הענט און האָבן נישט געהאַט קיין שום אויסזיכטן, אַך, די נייע מאַנטלען, וואָס האָבן אַזוי פיל אָפּגעקאָסט! ווען זיי זאָלן זיך דאָ קאָנען באַפרייען, וואָלטן זיי אפשר באַקומען אויף דער שיף אומזיכטע פּלעצער ביז דער נאָנטסטער שטאָט

דער דירעקטאָר און דער קאַסירער זענען אַוועק אַלס דעלעגאַטן צו דער פּרימאַדאָנע, זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַר איר מיט די פיינסטע ווערטער און געבעטן ביי איר צוואַנציק קראָן.

— נישטאָ פון וואָס צו רעדן! — האָט געענטפערט די פּרי-מאַדאָנע.

זיי האָבן דורכגעלאָזט אַ געוויסע צייט און זיי זענען אַוועק צו איר נאָכאַמאָל.

— מיט וואָס זאָל איך אַליין באַצאָלן? — האָט די פּרימאַדאָנע געפרעגט. — און פאַר־וואָס זענט איר אַזוי פאַרשווענדעריש, בעת איר האָט געלט? — האָט זי געפרעגט. — איך האָב אַליין געזען, ווי דו האָסט געקויפט פּאָסט-מאַרקעס פאַר גאַנצע פינף קראָן.

— איך מוז דאָך שרייבן אין פאַרשידענע ערטער, ביילייגן אויסשניטן

פון די צייטונגען, אַרויפקלעבן מאַרקעס, — האָט דער דירעקטאָר געענטפערט — אָבער איך האָב נאָך ביי זיך צוויי קראָן.

די פרימאַדאָנע האָט געענדערט איר מיינונג:

— אָט איז דאָס געלט, — האָט זי געזאָגט. — עס וועט קלעקן?

— נישט אינגאַנצן, אָבער מיר וועלן גיין פרעגן ביי די אַנדערע, אפשר קאָנען זיי דיך אויך באַשטייערן.

און די ביידע הערן האָבן זיך ווידער געלאָזט גיין אַלס דעלעגאַטן.

דעם דירעקטאָר איז געגאַנגען אין לעבן, אַז די טרופּע זאָל אין ערגעץ נישט איבערלאָזן קיין חובות. כּדי זיי זאָלן אומעטום קאָנען קומען נאָכאַמאָל. אַ ווילסט לעבן! די געטרייע און אומבאַהאָלפענע אַקטיאָרן האָבן געפלוידערט צווישן זיך, זיי האָבן אויסגעזען, ווי הינער, וואָס קומען זיך צענויף אין איין אָרט. מען האָט זיי געקאָנט צעטרייבן און גיך פאַרטיק ווערן מיט זיי; עס איז נישט געווען קיין קונץ זיי אָנצושיכּורן און אונטערצוגראָבן; אָבער זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון. זייער טונקלען הינטערגרונט, שיינענדיק און שטאַרק בגלופין. און אָט זענען זיי דאָ געזעסן, געריסן אויף זיך די קליידער, פאַרנייט די לעבער, מיט אַ נאָדל פאַרנייט זייערע צעריסענע שיך. פרייליין סיביליע האָט מיט אַלע אירע כּוחות געוואָלט שטיצן די טרופּע. נאָכדעם ווי זי האָט זיך מישב געווען מיט פרייליין קלאַראַ, האָט זי זיך גענומען צום וואַשן און טריקענען פיינע קעלנער און אונטערקליידער, כּדי דער עולם זאָל באַקומען אַ גוטן איינדרוק פון די אָרדנונגען ביי די רייזנדיקע אַקטיאָרן. ווען די דעלעגאַטן זענען צוגעקומען צו פרייליין קלאַראַ, האָט זי אָן שום קונצן אויפגעקנעפּלט איר קלייד ביים בוזעם, און אַרויסגעשלעפּט אַן אַלט מאָדישן מעדאַליאָן מיט אַ קייטעלע. אַוודאי האָט זי געהאַט די שטאָלצע מיינונג, אַז דאָס וועט זי ראַטעווען, אַז דאָס קייטעלע אַליין איז אַן ערך טייערער, ווי די קייט פון אַ מלך.

— קיין געלט האָב איך נישט, אָבער איך האָב אָט דאָס! — האָט זי געזאָגט.

דערביי האָט זי איבערגעגעבן דעם מאַראַליאָן.

אפשר האָט זי אים אַמאָל באַקומען צו ווייַנאַכט, אין אַ לאַנג שוין פאַרשוווּנדענעם ווייַנאַכטס-אָוונט...

דערנאָך איז געקומען דער פאָרשטייער פון טעלעגראַפן-אַמט באַרדסען און געבראַכט מיט זיך דעם שטילעט. ער האָט זיך געגריסט פריינדלעך אויף רעכטס און אויף לינקס. אויך היינט איז ער געווען שטאַרק, ווי אַ דעמב און זאָרגלאָז. ער האָט, משמעות, אַלע דאגות שוין פאַרטריבן. פרייליין קלאַראַ האָט אים געדאַנקט פאַרן שטילעט, זי איז אָבער, משמעות, נישט געווען אויפגעלייגט צו זען, ווי אַזוי מ'דאַרף זיך דערמיט באַגיין.

— מיר זענען אין קלעם, — האָט זי געזאָגט — מיר קאָנען נישט באַצאָלן.

— נאַרישקייטן, — האָט באַרדסען געענטפערט.

זי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין זייער מצב. די הכנסות האָבן נישט געדעקט די הוצאות. די זאַך איז געוואָרן ערנסט. באַרדסען האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— די פאָר גראָשן קאָן איך אייך באָרגן!

זי האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און באַגייסטערט אויסגערופן:

— גאָט מיינער, איר זענט דער טייערסטער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט, אַזאַ זאַך האָב איך נאָך נישט געהערט זינט איך לעב! לידיאַ! — האָט זי גערופן צו דער טיר. — דו ווייסט, באַרדסען ראַטעוועט אונז, דער פאָרשטייער פון טעלעגראַפן-אַמט!

באַרדסען האָט אַרויסגענומען דאָס געלט און האָט ווידער געפּראַוועט אַ סעודה — ער וואָלט נישט געקאָנט זיין בעסער, ווען מ'זאָל אים אַפילו קרוינען מיט אַ לאָרבער-קראַנץ. די דאַמען האָבן אים געקושט. די הערן האָבן זיך פאַר אים גענייגט, זיי וועלן עס אים נישט פאַרגעסן ביז אין טויט אַריין. זיי וועלן זיין נאָמען באַרימט מאַכן, ווו זיי וועלן נאָר קומען. דאָס געלט איז געווען צופיל, מער, וויפיל מ'האָט געדאַרפט, און פרייליין קלאַראַ איז געוואָרן אַזוי גוט געשטימט, אַז זי האָט זיך געלאָזט ווייזן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיטן שטילעט.

— אָט אַזוי?

באַרדסען האָט גענומען דעם שטילעט אין דער האַנט, ער

האָט אָנגעשטעלט די פעדער ביים הענטל און האָט איר דערלאַנגט דעם שטילעט צוריק מיט די ווערטער:

— נו, און איצט שטעכט מיך!

פריילין קלאַרא האָט אַ שטאָך געטון — — — —

אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט אַ שטראָם געטון בלוט, אַ שטומע דערשטוינונג, אויסרופן, — שמאַרקע אויסרופן, געשרייען, אַ מהומה, אַ קלאָגעריי — — —

צי האָט באַרדסען בכיוון אָנגעשטעלט דעם שטילעט אַזוי, אַז ער זאָל ווערן דערשטאָכן? אָדער ער האָט נישט גוט אָנגעשטעלט די פעדער אין זי שלעכט געעפנט? ער האָט אַליין אויסגעזען אַביסל צעטומלט, בעת מ'האָט אַרויסגעצויגן דאָס מעסער, וואָס איז געזעסן אין ביין, און ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף אַ שטול.

צו זייערע געשרייען האָט נישט געגומען קיין סוף. יוליוס איז געקומען צו לויפן.

— דעם דאָקטאָר! — האָט ער געזאָגט.

אָבער איידער די פּאָסט-שיף איז אָנגעקומען, איז קיין דאָקטאָר אין שטאָט נישט געווען, ווייל דאָקטאָר מואָס איז אָפּגעפאָרן.

— פירט מיך אַריבער אין טעלעגראַפן-אַמט! — האָט באַרדסען געבעטן.

ער איז געווען טויט-בלאַס, אָבער ער איז נאָך געווען גענוג ניכטער צוצודריקן די פויסט צו דער ווונד. פריילין קלאַרא האָט אָן אויפהער געיאָמערט:

— איך בין שולדיק!

אָבער באַרדסען האָט איר מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— שוויג שטיל, קינד, עס איז געווען מיין אייגענע שולד. איך האָב עס אַליין געוואָלט.

דאָס איז געווען אַ טרויעריקער טאָג. אין דרויסן איז געווען אַ פראָסט, און באַרדסענען האָט מען צוגעלייגט אייז צו דער ווונד, אָבער די טרופּע איז געווען באמת פאַרצווייפלט, צוליב דעם דאָזיקן אומגליקלעכן צופאַל.

באַרדסען האָט געזאָגט:

— איך וואָלט געקאָנט שטאַרבן דערפון, אָבער דאָס איז נישט

קיין אינערלעכע בלוט-פֿאַרגיפֿטונג, נאָר אַ פּשוטע ווונד פֿון אַ שטאָך. איך וועל עס אויסהיילן מיט ליזאָל.

אָבער פֿריילין קלאַראַ האָט זיך נישט געקאָנט טרייסטן און האָט זיך אַליין באַשולדיקט, פֿאַרוואָס זי האָט אַ שטאָך געטון אַזוי שטאַרק.

— די צרה איז, וואָס איר האָט נישט געטראָפֿן בעסער, — האָט באַרדסען געזאָגט — אַ צווייט מאָל זאָלט איר אַ שטאָך טון אַביסל אין דער זייט!

— איר קאָנט נאָך שפּאַסן!

— איך שפּאַס נישט!

— איר האָט באמת געוואָלט, אַז איך זאָל אייך דערשטעכן?

— יאָ! — האָט באַרדסען געזאָגט.

— אָבער פֿאַרוואָס? איך פֿאַרשטיי עס נישט.

— איך האָב געוואָלט שטאַרבן פֿון אייער האַנט.

דאָס האָט געהערט די גאַנצע טרופּע. און די דאַמען לידיאַ און סיבּיליע האָבן זיך דערשראָקן, אַז דער קראַנקער האָט אָנגעהויבן פֿאַנטאַזירן.

יאָ, באמת, אַ טרויעריקער טאָג!

אָבער ווען ס'איז געוואָרן אָוונט, האָט פֿריילין קלאַראַ גענומען איר מאַנטל און קאַלאָשן און איז אַרויסגעגאַנגען. זי איז אַ פּאָר שעה געווען שטיל, גלייך ווי זי וואָלט עפּעס געפּלאַנעוועט, און איצט האָט זי זיך געלאָזט גיין צו דער רעדאַקציע פֿון דער זעגלפּאָסער ציימונג. דער הער רעדאַקטאָר איז פּונקט געווען פֿאַרנומען מיט צונויפֿשטעלן דעם נומער. זי האָט אים געבעטן צו טעלעגראַפֿירן וועגן דעם אומגליקלעכן צופֿאַל, וועגן דער טרויעריקער שפּיל צו אַנדערע צייטונגען, און דער רעדאַקטאָר האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, דער ערשטער צו ברענגען די דאָזיקע ידיעה, בפֿרט אַז די דאַמע האָט אַליין געוואָלט באַצאָלן פֿאַר דער טעלעגראַמע.

— ליידער ליגט באַרדסען קראַנק צוליב זיין אָפֿענער ווונד, אַנישט וואָלט ער אַליין טעלעגראַפֿירט. — האָט פֿריילין קלאַראַ געזאָגט. — ליבע-טרויער, — האָט זי געזאָגט — און מיר מוזן אַריינשטעלן, מיין נאָמען, דאָס קאָן מען נישט אויסמיידן, אים וועט עס, אַגב, קיין שאָדן נישט ברענגען, געוויס, דאָס איז געווען אַ פּרווו פֿון זעלבסטמאָרדן

גיט צו, אַז מיט אַ שטילעט. און גיט נאָך צו, אַז איך בין אומשולדיק. איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז אַזוי איז עס, אָבער ס'איז דאָ אַ האָפנונג, אַז עס וועט זיך אויסהיילן, שרייבט עס צו...

אָבער וואָס האָט געקאָנט זיין די סיבה? פריילין קלאַראַ האָט געשיקט די טעלעגראַמע נישט פון דער סטאַציע זעגלפאָס, נישט פון זבאַרדסענס אייגענער סטאַציע. אפשר האָט זי קיין צייט נישט געהאַט. זי האָט מיטגענומען די טעלעגראַמע צום ברעג, ביז צו דער נאָענסטער סטאַציע, נישט מיט אַ באַזונדערער כוונה, ווייל זי איז אָך אַוועק נאָכאַמאָל פאַרן אָפּפאָרן צו באַרדסענען, כדי זיך צו דערוויסן, וואָס ער מאַכט, און אַזוי ווי זי איז נאָך געווען נידערגעשלאָגן פונקט ווי פריער, האָט דער קראַנקער ווידער גענומען מיט איר שפּאַסן און געזאָגט:

— אָרעמע, ווען מען דערהרגעט ביי טאָג אַ מענטשן, טויג מען שוין אין אָוונט צו גאָרנישט. אָבער פאָרט נאָר אַוועק, פריילין קלאַראַ, איך וועל שוין, ליידער, געזונט ווערן!

און פון דעם דאָזיקן שפּאַס איז פריילין קלאַראַ געוואָרן גוט געשטימט און פריילעך. זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ פון שטיין.

XV

וואָס, צי האָט זיך דער האָטעל לאַרסען איינגעשאַפט אַ פלאַג? זי איז, וואָס אַן אמת, נישט שפּאָגל־ניי, זי פאַלדעוועט זיך אָבער פּראַכטפול, דאָס איז איינע פון טעאָדאָרס פלאַגן, און לאַרס מאַנועלסען האָט זי געבאָרגט. איצט פלאַטערט זי לכבוד לאַסען, זיין זון, אַ גרויסער יום טוב!

ניין, קעגן לאַרס מאַנועלסענס גנבה אין הערבסט האָט מען קיין פּראָצעס נישט פאַרפירט; אָבער די סראָקע האָט אים גערודפט אויף שריט און טריט און געמאַכט גוואַלטן, און די מענטשן האָבן פשוט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָבן שיר נישט אַליין גענומען שרייען. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דער אַרטיקל אין דער זעגלפאָסער צייטונג; דעם אַרטיקל האָט אָבער געזען דער פּאַסטאָר לאַסען גופא, און דאָ האָבן זיך פלוצלינג ווידער באַוויזן די

חוצפּהדיקע אויסדריקן: מורא און פּחדנות. אין דעם אַרטיקל איז זיין טאַטע געוואָרן אַזוי דייטלעך באַצייכנט, אַז ס'האָבן נישט־געקאָנט זיין קיין צוויי מיינונגען. דאָס איז געווען אמת, אַז טאַטע איז בכוח אָפּצוהאַלטן די וווּנדערבאַרע קאַריערע פון זיין זון! דער פּאַסטאָר האָט געמוזט אָנלייגן אַ ווייטן וועג פון דער הויפּט שטאָט קיין צפון, כּדי די זאַך, ווי עס איז, צו ברענגען אין אָרדנונג.

ער איז געקומען. ער איז געווען הויך און ביינערדיק, מיט לאַנגע האָר, אָן אַ באָרד און ערנסט, ער איז אויך געווען וואַרים אָנגעטון. — ער איז אַוועק אין שטאָט, געטראָפן זיין טאַטן, באַגריסט זיך מיט אים, גערעדט וועגן זיינע פּעק, געטראָפן יוליוסן, באַגריסט זיך מיט אים אויך, און ווידער גערעדט וועגן זיינע פּעק, וואָס ער האָט געלאָזט שטיין דאָ און דאָרטן. דערנאָך איז ער אַוועק מיטן טאַטן אין האָטעל, און יוליוס איז נאָכגעקראָכן נאָך זיי. דער פּאַסטאָר האָט געהאַט צרות מיט איינעם פון זיינע קאַלאָשן. וואָס האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט האַלטן ביים אָפּצאַס, אָבער דער צווייטער קאַלאָש איז מיטגעגאַנגען מיט אים, ווי אַ געטרייער הונט.

ער איז אַריינגעקומען אין שטוב און געטראָפן זיין מאַמען:

— גוטמאָרגן, מאַמע! זאָל גאָט חסד רוען אויף אייער שטוב!

די מאַמע איז געווען אויסער זיך פון התפּעלות און נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט, זי האָט נאָר פאַרגאָסן טרערן פון פרייד. אַך, די אַלטיטשקע, אויף איר אופן גוטע פרוי, האָט געפירט גענבעך אַ ביטער לעבן מיט אַ מאַן, אָן אויסוווּרף, מיט שלעכטע קינדער, און איצט איז געקומען אַהיים דער באַרימטער זון! אַ גרויסע שעה, אין הארצן איז ליכטיק, פון אירע אַלטע אויגן קוקט אַרויס די קינדהייט — עס איז געווען פּונקט אַזוי, ווי זי וואָלט מיט צוויי דורות צוריק באַקומען אַ מעשענעם קנאָפּ.

— יאָ, דאָ קאָנסטו זען, ווי אַזוי עס גייט אַ פּראָסטן מענטשן, — האָט יוליוס געזאָגט.

און ער האָט זיך גערעכט, אַז דער ברידער וועט אים עפּעס ענטפערן, נישט בלויז שאָקלען מיטן קאָפּ. גיב נאָר אַ קוק, דער ברידער איז, ווייזט אויס, נישט געווען אַזוי שטאַרק צופרידן, ער האָט געזאָגט, נאָך איידער די מאַמע איז אַריינגעקומען מיט דער קאַווע:

— פאַרוואָס איז מיר באַשערט אויסצושטיין פון אייך אַזעלכע

חרפות? איך האָב געלייענט די זעגלפּאָסער צייטונג, דו ווייסט עס, מסתמא, בעסער פון מיר, יוליוס.

— אז וואָס? — האָט יוליוס געפרעגט.

— צו געבן די געסט געגנבעטע שפּייז! — האָט געענטפערט דער געלערנטער ברודער און אפילו קיין פּינטל נישט געטון מיטן אויג.

— וואָס שייך דאָס, איז שולדיק אינגאַנצן דער טאַטע. — האָט יוליוס אָן שום קונצן געענטפערט.

— דער טאַטע! ס'איז אַפילו גאַנץ לייטיש צו באַשולדיקן אַן אייגענעם טאַטן.

אין יוליוסן האָט, משמעות, אויפגעוואַכט דער ווילער יונג, ער איז שטענדיק געווען געניגט צו רעדן חוצפּהדיק, און ער האָט פרייגעלאָזן זיין אומגעוואַשענע צונג.

— איך האָב באַלד געזאָגט דעם טאַטן: טאַטע, דו זאָלסט זיך נישט דערוועגן עס צו טון, דו האָסט אַזאַ זון, ווי ל. לאַסען, האָב איך אים געזאָגט, פרעג דעם טאַטן, צי איך זאָג אַ ליגן.

— אָך, איך בין דאָך שוין אַן אַלטער מאַן, — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט צו זיינע קינדער — זאָלן אַנדערע מענטשן רעדן לשון הרע, די, וואָס האָבן עס אַליין אויסגעפירט. האָסט שוין פאַרטיק געמאַכט די קאַווע פאַר לאַסענען, מאַמע?

די אַלטע מאַמע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר התפעלות און זי איז אַרום שטאַרק צערודערט.

— ווי עס זאָל נישט זיין, איז די דאָזיקע געשיכטע אַ חרפּה און אַ בזיון פאַר מיר, — האָט ל. לאַסען געזאָגט - און אָט האָב איך איבערגעריסן מיין לערנען און מיין אַרבעט אין אַנגעלייגט אַזאַ וויטן וועג. עס האָט דאָך קיין זין נישט.

— ס'איז אמת, אַז דו ביסט געוואָרן אַ דאָקטאָר? — האָט יוליוס געפרעגט, כּדי איבערצורייסן דעם פיינלעכן שמועס.

— ווי איז עס דאָרטן מיט מיינע פּעק? — האָט דער ברודער געפרעגט. — צי וועט עס עמעצער אַריינברענגען אָדער נישט?

— איך גיי עס שוין ברענגען, — האָט דער טאַטע געזאָגט און געלאָזט זיך גיין מיט פרייד צו דער טיר.

דער פּאַסטאָר האָט אָנגעשטעלט אויף זיין ברודער די גלעזער־
פון זיינע ברילן און האָט געפרעגט:

— דו לאָזסט דעם אַלטן טאַטן שלעפּן די פּעק?

יוליוס האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, אָבער דאָס איז נישט געווען
קיין פרייליכער געלעכטער.

— ביסט משוגע אויפן קאָפּ. — האָט ער געזאָגט.

— איך?

— יאָ, דו! דו פאַרמאָגסט שכל פאַר א פּרוטה, און נאַרישקייט
פאַר א רענדל. דאָס איז מיין פעסטע מייגונג.

די מאַמע האָט אַריינגעבראַכט קאַווע.

— און איצט וועלן מיר זען, צי ס'שמעקט דיר אונזער קאַווע. —
האָט זי געזאָגט.

— יאָ, מאַמע, איך דאַנק דיר. און פאַרשטייט זיך, מסתמא
האָסטו נישט קיין שום שייכות מיט דער דאָזיקער זינדיקער גנבה,
מאַמע, — האָט געזאָגט דער זון — אָבער דו, יוליוס, ביסט דורכויס
שולדיק.

— די סווירא איז שולדיק אין דעם, האָט זיך די מאַמע
אָנגערופן, כדי צו מאַכן שלום. — איך האָב שטענדיק געטענהט צו
לאַרסן: דו זאָלסט צורו לאָזן די סירוא, וואָרים זי וועט זיך אָן אונז
אַלעמען נוקם זיין, האָב איך געזאָגט. אָבער דער טאַטע האָט אַראָפּ־
געריסן די נעסט און האָט דאָרטן געפונען דעם שליסל פון שפּייז־
קאַמער, דערפון נעמט זיך דאָס גאַנצע אומגליק.

— צי העגנגט איר אַרויס יעדן טאָג די פלאַג פאַרן האָטעל? —
האָט דער פּאַסטאָר געפרעגט.

— די פלאַג? איך פאַרמאָג אפילו נישט קיין פלאַג. — האָט
יוליוס געענטפערט.

— דער טאַטע האָט אַרויסגעהאָנגען די פלאַג לכבוד דיר, — האָט
די מאַמע געזאָגט — ער איז אַוועק אין געוועלב און געבאָרגט דאָרטן
די פלאַג.

— דאָס איז נישט געווען נויטיק. — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט.

— ער האָט איצט געטרונקען קאַווע, און בני לביני איז געקומען
דער טאַטע מיט די פּעק.

יוליוס האָט געזאָגט:

— אויב דו ווילסט זיך ארומוואשן, אזוי ווי אַלע געסט, טאַ קום מיט מיר!

דער פּאַסטאָר איז מיט אים אוועק. זיי זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע הויכע טרעפּ און דער פּאַסטאָר האָט געזאָגט:

— מוראדיק הויכע טרעפּ!

דאָס צימער איז אויך נישט געווען אין אָרדנונג; עפּעס אַ חזיר, אַ געשעפּטסרייזנדער, איז געשלאָפן אין דעם בעט און געשפּיגן אויף דער וואַנט.

— דאָס האָט געטון יענערסען, — האָט יוליוס געזאָגט — ער איז אינדערפרי געווען שכור.

דער טאַטע איז געקומען מיט אַ קופּער אין יעדער האַנט און געזאָגט:

— די מאַמע, וועט אָפּוואַשן די וואַנט.

— אי טאַטע, דו שלעפּסט די פּעק, און יוליוס גייט מיט ליידיקע הענט! — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט.

אָבער יוליוס איז שוין נישט געווען אַזוי גוט געשטימט, אַ ווייט נישט. פּוילינע פון דעם פּריצישן הויף האָט אים מיט אַן אָוונט פריער אַנטגילטיק אָפּגעזאָגט, און אָט איז אין מיטן דרינען גאָר גע־קומען זיין געבילדעטער ברודער, וועלכער האָט אפשר גאָרנישט ברעה צו באַצאָלן פאַר אַן אַכסניה.

— פּאַרוואָס האָסטו אַליין נישט ארויפגעטראָגן דיינע זיבן זאַכן? — האָט ער געפרעגט.

— יוליוס, יוליוס! — האָט אים דער טאַטע געוואָרנט.

— וואָס האָט ער דיר אַזוינס געשיקט, דיין לאָרס? האָט יוליוס בייז געפרעגט. — אַ פּאַרוק!

דער פּאַסטאָר האָט גענומען אין באַטראַכט, אז דאָ רעדט פאַר אים אַן אומגעבילדעטער מענטש, און ער האָט געזאָגט:

— אַלץ וואָס איך האָב פאַרדינט, האָב איך אויסגעגעבן אויף מיין בילדונג. איצט בין איך דאָס, וואָס איך בין.

— צי איז אמת, אז דו ביסט געוואָרן אַ דאָקטאָר? — האָט יוליוס געפרעגט. — אָדער ס'איז סתם פּלוידעריי?

דער ברודער האָט געענטפערט:

— דו וועסט עס נישט פאַרשטיין. איך בין טאַקע אַ דאָקטאָר

אָבער נישט קיין רופא. איך האָב דערוואָרבן דעם דאָקטאָר-טיטול אין מיין וויסנשאַפט. הער נאָר, אפשר קאָנסטו מיר ברענגען אַ ביסל פרישע וואַסער אין דער פלאַש? זי איז האַלב פול מיט אָפּגעשטאַנען וואַסער. און זאָג מיר אויך, צי האָט דאָס בעט אַ מאַטראַץ.

— יאָ, — האָט יוליוס געענטפערט.

און פּלוצלינג האָט ער אַ שפּיי געטון הויך, ביזן געזימס פון אויוון און געזאָגט:

— איבעריקנס, קענסטו זיך יאָ לייגן אין בעט אַריין אָדער נישט, מיר איז אַלץ איינס, אָבער דאָס קאָן איך דיר זאָגן, אַז דאָ האָבן שוין געוווינט פיינערע לייט פון דיר, וואָס האָבן געהאַט אַ ביסל מערער געלט אין קעשענע, ווי דו. און טעאָדאָר פון געוועלב האָט דאָ זייער לאַנג געגעסן מיטאָג. איך מיין, אַז ער איז אַ גענוג פיינער מענטש, און פאַרמאָגט מערער געלט, ווי איך און דו צוזאַמען.

דער פּאַסטאָר האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק די דאָזיקע גראָבע, אומגעבילדעטע רייד און האָט זיך גענומען וואַשן. ער האָט זיך געוואַשן די הענט און דאָס פּנים, אָבער האַלז און אויערן נישט, דערנאָך האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ בערשטל און זיך פאַרגלעט די האָר, דערנאָך האָט ער איבערגעביטן דעם קאָלנער און מאַנזשעטן און באַקומען אַ ריין אויסזען. ער האָט נאָכגעקלערט, ווי וווּנדערלעך זיין גורל האָט זיך געפּאָרעמט: אַ פּראָסטער פישער, אַ וויקאַרי, אַ געלערנטער, אַ ריטער פון אָלאַף-אָרדן, אַ דאָקטאָר פילאָזאָפיע, בישאָפּס-געהילף, אויף דער ליסטע פון די בעסטע פּרעדיקער, בעת מ'האָט עמעצן געדאַרפט, אפילו אויף דער ליסטע צו דעם מלוכה-ראַט, אויב ס'וועט נאָר זיין אַ פריי‌ער פּלאַץ — באמת, גאָטס וועגן זענען נישט אויסצופאָרשן! און איצטער איז ער דאָ, כּדי צו ראַטעווען אַ טאַטן אַ גנב, וועלכער האָט צו אים געשריבן, ער זאָל אים אַרויסהעלפן! נאַטירלעך, האָט דער גלח גע‐קאָנט טון נישט מער, ווי ווייזן זיך און שטיצן אים מיט זיין אָנזען, היינט נישט, אָבער מאָרגן וועט ער גיין צום הער האָלמענגראַאַ און אין דער רעדאַקציע פון דער ציַיטונג. היינט וויל ער עסן און אויסרוען זיך. ער נעמט אַרויס פון קופער זיין סוטאַנע און הענגט זי אויף. אויף דער סוטאַנע איז פאַראַן דער אָלאַף-אָרדן, — בלויז אין דעם פאַל, ווען מ'מוז זי אָן.

לאַרס, דער אַמאָליקער פּישער-ייִנגל ; אַ טיכטיקן ווילן או אייזערנע עקשנות, די דאָזיקע מעלות האָט ער פאַרמאָגט.

ער האָט הענט, אָבער וואָס זאָל ער מיט זיי טון ? זיי זענען באַשאַפן צו אַרבעט, צו שווערער פּראַצע, זיי האָבן אומגעווינלעך גרויסע ביינער, אָבער זיי זענען בלאַס, קרענקלעך פון אומטעטיקייט, דאָס זענען אויסערגעווינלעך אומלאָגישע הענט, אין זיין לעבן זענען זיי אים נישט צונוץ געקומען. זיין אַמביציע איז העכער נישט גע- גאַנגען, ער איז געווען צופרידן מיט זיין אַמט, ער האָט זיך גע- וואָלט פאַרנעמען מיט דער אַדמיניסטראַציע, מיט דער פאַרוואַלטונג פון פרעמדע ווערק. דער ציל איז דערגרייכט, און ער צווייפלט נישט, אַז דאָס שטרעבן איז כּדאי געווען. ער האָט אָנגעהויפּנט אין זיין קאָפּ שול-ידיעות, פּונקט ווי זיינע אבות האָבן אַמאָל באַהאַלטן די קופּערנע גראָשנס טיף אין די קעשענעס, און איצט וויים ער אַסאַך, ער איז געלערנט. ער האָט נישט געהאַט געגוג גייסט, כּדי צו פילן זיך לאַנגווייליק אין דער דאָזיקער עלנטקייט, ער האָט שטענדיק געוואָלט דערווערבן וואָס מער ביכער-בילדונג, דאָס איז געווען זיין שליחות אויף דער וועלט. איצט זיצט ער דאָ מיט שוואַכע מוסקולן און מיט אַ מות, וואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון התמדה זינט זיין יוגנט אין די ערשטע מענלעכע יאָרן, אָבער ער איז אַן אָנגעזעענער מענטש, מען קאָן אים פרעגן, וואָס מען וויל, און מ׳באַקומט אַן ענטפער, ער האָט אַסאַך געלייענט און ער וויים, ווו עס שטייט, און זיין ווישן איז פּאַפּוגיי-אַרטיק. זיין דאָקטאָר-אַרבעט האָט באַהאַנדלט עטלעכע נאָרוועגישע גלחים פון זעכצנטן יאָר הונדערט ; זי איז גע- ווען צונויפגעשטעלט פון דעם דענישן מאַגאַזין, פון דער נאָרוועגישער מלוכה-רעגיסטראַטור און פון דעם „דיפּלאָמאַטאַריום נאָרוועגיקום״ — „און פון דעם נאָרוועגישן מאַגאַזין״, וואָלט ער נאָך אַליין צוגעגעבן, ווען דער דאָזיקער פּרט וואָלט אים געקומען אויפן זינען, ווייל אַלס פאָרשער האָט ער עס גענומען זייער גענוי. זיין באַליבט ווערק איז געווען אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם גרויסן נאָמען נעסציאָ, מיט אַסאַך וויכטיקע ווישנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען, צווישן זיי אויך דאָס, אַז דער העלד האָט אַרויסגעוואַנדערט נישט אין יאָר 1512, נאָר אין 1513, כּדי צו דערגרייכן דאָס בעסערע פון יענער זייט ; ווייטער איז דאָרט געשטאַנען, אַז צוויי יאָר פאַר זיין אַרויסוואַנדערן צום אויבן-דערמאָנטן

ציל, האָט ער געפירט אַ ביז היינט אומבאַקאַנטן יורידישן פּראָצעס מיט איינעם אַ מיטגליד פון דעם האַמבורגער ראַט — און אַז דאָס איז געווען דער פערצנטער פון זיינע פּראָצעסן, אַ זאַך, וואָס איינער אַ פּאָרשער האָט דערפון נישט אָנגעהויבן צו וויסן. אין דעם דאָזיקן ווערק האָט דער יונגער לאַרם פולשטענדיק טריומפירט, און היות ער איז שוין פון לאַנג געווען אַ מיטגליד פון דער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט, האָט ער איצט געקאָנט ווערן בלויז אַ ריטער פון דעם אָלאַף-אָרדן — און ער איז עס געוואָרן. אָך, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט אַלס סטודענט מיט זיין גרויסער זילבערנער קייט ביים זייגער, האָט ער געמוזט אַ שמייכל טון; איצט האָט ער געטראָגן אויף דער ברוסט דעם אָלאַף-אָרדן. ווער איז געווען צו אים גלייך? צי דאַרף אַזאַ מענטש ווערן אַ פּאַראַפּיע-גלח אין צפון פון לאַנד, צי דאַרף ער נאָך בכלל טראַכטן וועגן דעם, אַז ער שטאַמט פון דעם דאָזיקן טייל לאַנד? דער קרייז פון זיין פּנים איז געוואָרן אַלץ גרעסער, זיינע אויגן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל גיריקער און האָבן אויסגעקוקט אַלץ נייע כבודים, אַלץ גרעסערע שטעלעס. ער האָט זיך גענומען באַקלאָגן, אַז ער גייט אויף צוריק, אַז ער ווערט פאַרגעסן, די ציימונגען האָבן אים נישט גענוג אָפט דערמאָנט, די מלוכה דערפילט נישט איר חוב לגבי אים. אַזוי זענען אַריבער אַ פּאָר יאָר.

און פלוצלינג — דאָס קומט דאָך פאַר אַזוי מערקווירדיק אומגע-ריכט — פלוצלינג האָט ער געוואונען די אמתע אָנערקענונג, וואָס איז אים געקומען לויט זיינע פאַרדינסטן, ער איז נאָמינירט געוואָרן פאַר אַ בישאָף-געהילף, מ'האָט אים אין די ציימונגען באַצייכנט, ווי דעם קינפטיקן קולט-מיניסטער. ווער איז איצט געווען גלייך צו אים?

יאָ, די צייט וועט שוין אַליין זאָרגן פאַר אים, ער האָט גע-דאַרפט בלויז וואַרטן. דער יונגער לאַרם איז געוואָרן מוטיק, עס איז אים באַפאַלן אַ חשק אַרויסצווייזן זיך פאַר אַ פּריוזיניקן. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די גרונד-געדאַנקען פון די זיבעציקער יאָרן, פאַר-בראַכט מיט פּראָגרעסיווע מענטשן, גערעדט נאָרוועגיש און איז געווען אויסערגעוויינלעך פריינטלעך. ער האָט זיך עס געמעגט פאַרגינען, ער דער באַרימטער מענטש, עס איז אים פשוט געגאַנגען אין לעבן,

דעם אמאליקן פישער יונג. ער איז געבוירן געוואָרן אין נידעריקן שטאַנד, עד האָט געאַרבעט אין שטויב, אַ געלערנטער זאָרגט נישט פאַר זיין גוף און פאַר זיינע קליידער, עראַקליטאָס האָט אויך נישט אויסגעזען אַזוי פיין.

אָט אַזוי איז דעם יונגן לאַרס אַלץ געגאַנגען בשורה. ער האָט געקאָנט אין אַ געוויסער מאָס רויק אָפּוואַרטן דעם טויט פון איינעם פון די בישאָפן, און דערווייל האָט ער ווייטער שטודירט און איז געוואָרן נאָך מער געלערנט אין ביכער, דאָקומענטן און פאַרמעטן; חי צייט איז געגאַנגען, זיין פּריוויניקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין געפליגלטן וואָרט, ער האָט געהערט, אַז מען קאָן זאַמלען אַלטער־טימלעבקייטן, און אָט אַזוי איז ער געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אין קיך־מכשירים, האָלץ־שניצערייען, צינק־כּלים, זילבערנע קרוגן, און אָט האָט ער זיך פאַראייגנט אַ רייכע קולטור, סיי די וועלטלעבע און סיי די וויסנשאַפטלעכע.

און אין מיטן דרינען איז גאָר געקומען די געשיכטע מיט זיין טאַטן! צי זאָל עס באמת זיין אַזאַ מיאוסע מעשה?

ווען די מאַמע האָט אים גערופן צום עסן, איז ער אויפגעשטאַנען מיט אַזאַ פּנים, פונקט ווי דאָס עסן — יאָ, נאַטירלעך, אָבער דאָס איז נישט דאָס איינציקע, און וואָס ער נויטיקט זיך, דער ביטראַק! ער האָט זיך נאָך פריער, איידער ער איז צוגעקומען צום ברעג, אונטער־געלענט דאָס הארץ מיט אַ שטיק ווורשט, אַזוי אַז ער איז נישט געווען הונגעריק. און אין עס צימער האָט ער זיך אויך געהאַלטן איבערערדיש און ער האָט געזאָגט:

— יאָ, יאָ, דאָס עסן איז גאַנץ פיין, מאַמע, גיב מיר נאָך אַ טעלער זופּ.

ווען ער האָט אָפּגעגעסן און געזאָגט זיין דאַנק־תּפילה — אַך גאָט, וואָס פאַר אַ בילד דאָס איז געווען! אַן אומגעהויער הויכער דאָג־הונט, וועלכן מ'האָט אויסגעלערנט צו זיצן אויף די הינטערשטע פיסלעך און צונויפצופאַלייגן די פאָדערשטע לאַפּעס. אָבער ווען ער האָט געענדיקט זיין געבעט, האָט ער געהייסן אַריינרופן זיין טאַטן און יוליוסן.

זיי זענען געקומען.

— צי קאָן איך זיין פולשטענדיק זיכער, אַז איר האָט מיר

נישט געגעבן צו עסן פון די געגנבעטע שפּייז? — האָט געפרעגט דער פּאַסטאָר.

טאַטע-מאַמע האָבן דערשטוינט געשוויגן, נאָר יוליוס האָט געענטפערט:

— אויב דו ביסט נישט געווען אינגאַנצן זיכער, האָסטו נישט געדאַרפט עסן.

אָבער דער גלח האָט איצטער בשום אופן נישט געהאַט בדעה אָנצוהייבן מילד מיט די דאָזיקע צוויי זינדיקע מענטשן; דאָס זענען געווען זיינע נאָענטסטע קרובים, אָבער דאָ איז געווען דער גנב און דער פּאַסטער. עס האָט געמוזט געשען די גערעכטיקייט.

— מיט דיר, יוליוס, אונטערהאַנדל איך נישט, — האָט דער גלח געזאָגט — אָבער איך גיב דיר צו וויסן, אַז אויב דו קאָנסט זיך אפילו אַרויסדרייען פון דער ערדישער שטראָף, וועסטו די הימלישע שטראָף נישט אויסמיידן.

די אַלטע מאַמע האָט פאַרבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און פאַרלייגט די הענט; אָבער יוליוס האָט נישט געהאַט קיין שום דרך-ארץ, ער האָט געפרעגט, צו וואָס מ'האָט אים דאָ אַריינגערופן.

— אָבער דו, טאַטע, זאָלסט תשובה טון, — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט — גאָט לאָזט נישט מאַכן קיין חוזק פון זיך. — האָט ער געזאָגט. — עס קאָן שוין באַלד זיין צו שפּעט, תשובה צו טון, קיינער וויים נישט דעם טאָג און די שעה.

נאָר יוליוס האָט אַלץ קאַליע געמאַכט, ווייל ער האָט זיך אינמיטן אָנגערופן:

— דער עולם פרעגט, צי דו וועסט פּרעדיקן אין דער קירך?

דער גרויסער ברודער האָט איבערגעשלאָגן די רייד. יוליוס וואָלט בשום אופן נישט געפונען קיין בעסערן אופן, ווי אַזוי אים שווייגנדיק צו מאַכן. ער האָט געוואַרט און געהאָפט, אַז מ'וועט אים בעטן צו פּרעדיקן, דעריבער האָט ער מיטגעבראַכט זיין אָרנאַט און זיין אָרדן. אָך, דער אומעטום-באַקאַנטער פּרעדיקער אויף דער בימה — ס'איז געווען דאָס בעסטע מיטל קעגן בייזע צינגער!

— ווער פרעגט, צי איך וועל פּרעדיקן?

— דער עולם. אַסאַך מענטשן האָבן גערעדט דערפון.

— וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער. — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט. — פאַרלויפיק רעד איך וועגן דער זינדיקער, מיאוסער גנבה, אין וועלכער איר זענט אָנגעקלאָגט און וואָס מ'האָט שוין געשריבן אַפילו וועגן איר אין די צייטונגען.

— דאָס איז די נקמה פון דער סיורא! — האָט די מאַמע גע־פּליסטערט, אָנקוקנדיק אַלעמען, איינעם נאָכן צווייטן און צושאָקלעני־דיק מיטן קאָפּ.

דער טאַטע האָט גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט צו זיין זון:

— איך בין אַן אַלטער אומוויסנדער מענטש אין אַלע זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיט געלערנטקייט און דאָס גלייכן, אָבער איצט וואָלט איך וועלן וויסן, צי דו האָלטסט עס פאַר רעכט, אַז אויף דיין הויף זאָלן זיין נעסטן פון סראָקעס, פון אַזעלכע געמיינע, נבזהדיקע פייגל? שווייגט אַצינד, וועט איר הערן. — האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריקע.

— זאָלסט דער סיורא גאָרנישט טון! זאָלסט זיך צו דער סיורא נישט דערנענטערן! — האָט די אַלטע מאַמע געוואָרנט.

— און אויב דו ווילסט טאַקע פרעדיקן, — איז יוליוס אַריינגעפאַלן אין די רייד — דאַרף איך עס נאָר זאָגן אַלע יאָהאַן, וועט ער באַלד אומעטום פונאַנדערט־אָגן.

דערמיט האָט ער אינגאַנצן קאַליע געמאַכט דעם מוסר.

אָבער דער פּאַסטאָר איז געווען גוט און איינגעקשנט, ער האָט געזאָגט:

— יערנפאַלס האָט מיך דער אַרטיקל פון דער צייטונג פאַר־טריבן פון מיין אַרבעט און פון מיין וויסנשאַפט און אַוועקגעפירט מיך זייער ווייט קיין צפון.

— ס'איז נישט געווען דיין דאגה, — האָט יוליוס געזאָגט — דאָ איז נישטאָ קיין איין מויל, וואָס זאָל נאָך איבעררעדן אַ וואָרט וועגן דער גאַנצער זאַך.

— אויב אַזוי, האָסטו מיר נישט געדאַרפט אַריינשיקן אַזאַ ווייגעשריי, טאַטע, דאָס איז אומפאַראַנטוואָרטלעך. — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט.

ס'איז אים אָבער געוואָרן אַן אַן ערך לייכטער, ווען ער האָט דערהערט, אַז מ'האָט פאַרגעסן דעם אַרטיקל אין דער צייטונג.

דער טאַטע האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס דאַוועדראַגאַ האָט עס געשריבן פון זיך אַליין. ניין, עס איז פונקט אַזוי, ווי יוליוס זאָגט, קיינער טראַכט נישט מער וועגן יענעם אַרטיקל.

— אָבער די סיורא שרייט מיר בסדר איבערן קאָפּ, — האָט לאַרס מאַנועלסען געזאָגט — און אויב דו קאָנסט עפּעס טון וועגן דעם, יאָ, אויב דו קאָנסט פאַרטרייבן פון דאַנעט די סיורא...

דער פּאַסטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, איז נישט, — האָט לאַרס ווייטער גערעדט — אָבער איך האָב דיר געוואָלט זאָגן נאָך עפּעס: די פריימויערער האָבן אַ רינג, וואָס קיין שום מענטש טראָגט נישט אַזעלכע, און עס גייט אַ גאַנג. האָלמענגראַא האָט באַקומען דעם דאָזיקן רינג...

דער פּאַסטאָר האָט געקענט זיין טאַטן, ער האָט געוווּסט, אַז דער בעל־עברהניק האָט נאָר געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, זיך אַרויסצוגלימשן פון דער קלעם. ס'איז גאָרנישט געווען צו מאַכן. איצט האָט ער געפּלוידערט וועגן די גאַטלעסטערנדיקע צייכנס אויפן הימל וואָס דער קרעמער טעאָדאָר האָט אַראָפּגעבראַכט.

דער פּאַסטאָר האָט זיך געווענדט צו זיין ברודער און האָט געזאָגט.

— איך האָב אייגנטלעך נישט געהאַט בדעה דאָ צו פּרעדיקן, ניין, איך האָב וועגן דעם נישט געטראַכט, אָבער אויב דער עולם וויל מיך דווקא הערן, איז מיין חוב צו האַלטן אַ דרשה. די אויפפאָדערונג אָבער מוז אין דעם פאַל קומען פון די היגע גייסטלעכע. איך אַליין בעט עס נישט.

— אַך, ניין! — האָט די מאַמע געשמייכלט, — נאָך דאָס האָט געפעלט!

צו מאָרגנס האָט פּאַסטאָר לאַסען געמאַכט אַ באַזוך ביי האָלמענגראַא. ער האָט דערביי געהאַט אַ באַזונדערע כוונה; אין אַ בייזער שעה האָט ער אַמאָל צוגעשיקט אַ בריוול צו פריילין מאַריאַנע — „ליבע פריילין מאַריאַנע, מיין אַמאָליקע שילערן!" — און איצט האָט ער געוואָלט באַקומען דערויף אַן ענטפער. איצט איז ער אינגאַנצן געווען אַן אַנדער מענטש, ווי אַמאָל, בעת ער איז געווען איר לערער; זי איז, וואָס אַן אמת, נישט געווען אַ באַזונדערס פיינע דאַמע, זי איז נישט געווען נישט באַזונדערס געבילדעט און נישט באַלעזן,

ס'האָט דאָך אָבער נישט געקאָנט בלייבן פאַר איר קיין סוד, וואָס פאַר אַ באַרימטער מענטש לאַסען איז געוואָרן. איצט איז ער צו איר אַליין געקומען, אָבער מערקווירדיק, פאַר פרייל׳ין מאַריאַנע גופא האָט ער אַזוי שטאַרק נישט קיין מורא געהאַט, די פראַגע איז אָבער געוועזן, צי פרייל׳ין מאַריאַנעס טאַטע, דער רייכער הער האָלמענגראַא, וועט זיין מיט אים צופרידן. דער מיל-אייגנטימער איז אויך נישט געוועזן קיין געבילדעטער און שטודירטער מאַן, וואָס זאָל זיך פאַרשטיין אויף געלערנטקייט. אָבער מאַריאַנע, זיין אַמאָליקע שילערן — זייט מוחל, איר האָט ער געוואָלט דינען אַביסל ווי אַ לערער, אויף אַ פאָטערלעכן אופן; ער האָט געוואָלט רעדן וועגן ביכער און אַלטערטימלעכקייטן, וועגן דעם אויסגעגראָבענעם טויף-שטיין, וועלכן ער האָט זיך איינגעשאַפט אין סעטערדאַלען; ער האָט געקאָנט אין פענסיאָנאַטן פאַראינטערעסירן דערמיט נישט קיין איין דאַמע, איצט איז ער געקומען צו זיין אַמאָליקער שילערין. יאָ, און חוץ דעם, האָט ער געוואָלט דערמיט אַרויסרוקן, ער איז אויסנגעוועזן דערמיט צו געבן אָנצוהערן — די לאַגע איז אַזאַ, אַז ער האָט אין זיין לעבן אַסאַך דערגרייכט, אָבער ער איז אַליין.

— ביכער אַליין זענען נאָך נישט גענוג, מאַריאַנע. באַזוכט מיך, און קוקט אָן מיין ביבליאָטעק, ווען איר וועט ווידער קומען אין דער הויפּטשטאָט; איך האָב שוין עטלעכע טויזנט ביכער, און זי וואַקסט, זי וואַקסט. אָבער, ווי געזאָגט, איז נישט גוט, אַז אַ מענטש זאָל זיין אַליין, און וואָס פאַר אַן ענטפער גיט איר מיר אויף מיין אַבטונגספולן בריוו?

היינט איז ער געקומען אַהער, נאָר כדי צו פאַרזיכערן זיך מאַריאַנעס באַגייסטערטע הסכמה, מאָרגן וועט ער גיין רעדן מיט איר מעכטיקן פאָטער.

אָבער מאַריאַנע איז נישט געוועזן אין דער היים, זי איז אַוועקגעפאָרן. נו, האָט ער, הייסט עס, נישט געקאָנט הערן איר אומשולדיקע פּלוידעריי און איר שטילן געלעכטער אין וויזיט-צימער!

— ניין, — האָט פרוי אירגענס געזאָגט — פרייל׳ין מאַריאַנע איז אַוועקגעפאָרן.

הער האָלמענגראַא איז אַריינגעקומען, ער האָט אַ ווײַלע געלאָזט שטיין לאַסענען, און ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. דאַן האָט זיך

לאַסען פּלוצלינג לאַבנדיק פאַרגעשטעלט; יאָ, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַן אויסגעצייכנטע אידעע, ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך קאָן ליבט פאַרשטיין, פאַרוואָס איר האָט מיך נישט דערקענט, לאַסען, אייער אַמאָליקער שטוב־לערער. — האָט ער געזאָגט.

— אַך, איז אַזאַ באַרימטער געלערנטער מאַן אויף דער רייזע? — האָט הער האָלמענגראַאַ זיך געחידושט.

— יאָ, איך בין אונטערוועגס אויף מיין רייזע קיין צפון און איך האָב געוואָלט דערביי באַזוכן די אַלטע מקומות.

— צי פאָרט איר ווייטער קיין צפון? — האָט הער האָלמענגראַאַ געפרעגט.

— יאָ, קיין פינמאַרקן. דאָס איז אַ פאָרשונגס־רייזע, זי האָט אַ שייכות מיט לעסטאַדיאַניזם.

— אפשר וועט איר זיך זעצן? — האָט לסוף געזאָגט הער האָלמענגראַאַ און האָט אָנגעוויזן אויף אַ שטול.

— איך קום צו אייך וועגן זייער אַ באַדויערונגס־ווערטן ענין. — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט.

דאָס איז, וואָס אַן אמת, נעזאָגט געוואָרן גאַנץ אומגעשיקט, און ער האָט אַליין געוווסט, אַז זיינע ווערטער זענען פאַר אים נישט גענוג גינציק, אָבער דאָך האָט עס אויסגעדריקט אין אַ געוויסער מאָס, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך; און ער איז געווען העכסט איבערראַשט, וואָס הער האָלמענגראַאַ הויבט נישט אָן צו וויסן פון דער גנבה; ניין, אַפילו קיין האָר נישט, ער האָט דערפון לחלוטין נישט געהערט און ער האָט פיינט רכילות.

— ס'איז דאָך אָבער געשטאַנען אין דער זעגלפּאָסער צייטונג, — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט.

— אַזוי? — האָט הער האָלמענגראַאַ בלויז געענטפערט. — אָבער איך לייען נישט די דאָזיקע צייטונג.

עס איז געגאַנגען גרויסאַרטיק, אויסערגעווייגלעך גוט! ווען ל. לאַסען איז געקומען צו גיין אין דער רעדאַקציע פון דער זעגלפּאָסער צייטונג, האָט דער רעדאַקטאָר און זעצער קאָפּערוד געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אויך נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון דער גנבה.

— ניין, דאָס מוז זיין אַ טעות, — האָט ער געזאָגט — אויב מיר

האָבן אַמאָל יאָ געגעבן אַ קליינע נאָטיץ וועגן דעם, בין איך יעדנפאַלס נישט געווען איר פאַרפאַסער.

עס איז געגאַנגען געטלעך!

— מיר ברענגען אינם נאָענטסטן נומער פון בלאַט אַ קליינעם אַרטיקל וועגן אייך, הער פאַסטאָר, — האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט — אַט איז אַ קאָפּיע, אפשר ווילט איר עס איבערלייענען.

דער פאַסטאָר האָט גענומען לייענען. אַזוי, אפילו דאָ, אין זעגלפאָס, האָט מען אים אויך אָנגערופן קינפּטיקער מלוכה-ראַטמאַן!

— ווער האָט עס געשריבן? — האָט ער געפרעגט.

דער רעדאַקטאָר האָט געענטפערט:

— דאָס דאַרף איך, אייגנטלעך, נישט זאָגן, נאָר אַזאַ מענטשן ווי איר... דאָס האָט אָנגעשריבן דער אַדוואָקאַט ראַש.

דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער איינפאַל צו מאַכן דעם פאַסטאָר לאַסען פאַר אַ קינפּטיקן מלוכה-ראַט, האָט געווירקט אָן אַן ערך שטאַרקער, ווי אַלדאָס איבעריקע, אין האָט דערלאַנגט אַזש ביז זעגלפאָס, ביז צום אַדוואָקאַט ראַש. דער פאַסטאָר האָט זיך געמאַכט, גלייך די דאָזיקע מערקווירדיק-קריכערישע שטיק קאָרעקטור, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, וואָלט אים געווען גאַנץ גלייכגילטיק, אָבער אין האַרצן האָט ער זיך באמת געפרייט: „דער באַרימטער גייסטלעכער, איז געקומען צופאָרן", איז דאָ געשטאַנען, „און ער וווינט אין האָטעל לאַרסען".

— איר קאָנט צוגעבן, אַז איך געפין זיך אויף אַ וויסנשאַפטלעכער רייזע קיין פינמאַרקן, — האָט ער געזאָגט צום רעדאַקטאָר — און מיין ביבליאָטעק ווערט געשאַצט אין אַ צווייטוויזנט בענדער, באמת האָט זי קרוב דריי טויזנט, און עס קומען מיר בסדר צו נייע ביכער זייט אַזוי גוט, קאָרעגירט

יאָ, עס איז געגאַנגען געטלעך.

— איצט איז שוין איבעריק צו רעדן וועגן דער סראָקע, די סיורא! — האָט ער מיט אַ לייכטן שמייכל געטראַכט.

ער האָט שוין מער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו מוסרן זיינע בני-בית, און ווען ער איז געקומען אין האָטעל, האָט ער זיך צו אַלעמען גוט באַצויגן.

דער טאַטע האָט געפרעגט:

— נו, וואָס האָט דיר הער האַלמענגראַא געזאָגט?

— וואָס ער האָט געזאָגט? ער איז, נאַטירלעך, נישט געווען צו מיר אומפריינדלעך.

— ניין, זאָל ער נאָר פּרוּוון! — האָט לאַרס מאַנועלסען געדראָט. — וואָרן דעמאָלט וואָלט איך אים געוועט אַ בעלן צו פרעגן, וואָס ער טוט ביי דאַוווערדאַנאַ.

דער זון האָט עס נישט דערהערט אָדער נישט געוואָלט דער־הערן, ער איז געווען רויק און פריינדלעך. פאַרן טיר זענען געשטאַנען אַפּאָר זעגלפּאָסער קינדער און האָבן צוגעקוועטשט זייערע נעזלעך צו די שויבן פון פענסטער; לאַרס מאַנועלסען האָט זיי געוואָלט אָוועקטרייבן.

— לאָז זיי! — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט. — די קינדער וועלן זיך אפשר דערמאָנען אין יאָרן אַרום, אַז זיי האָבן מיך געזען מיט די אייגענע אויגן.

— אָ, יאָ! — האָט די מאַמע געזאָגט און האַסטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ל. לאַסען באַקומען פונם אויבער־גלח אַן אויפפאָדערונג צו האַלטן אין זעגלפּאָס אַ דרשה.

— עס וואָלט געווען אַסאַך פיינער, ווען פּאַסטאָר לאַנדמאַרק וואָלט אַליין צו מיר געקומען, אַנשטאָט צו שיקן זיין געהילף. — האָט ל. לאַסען געטראַכט.

גלייבציימיק איז אויך געקומען אַן אויפפאָדערונג מבקר חולים צו זיין דעם אַלטן קרעמער פּער.

— דער קרעמער פּער, — האָט ער געטראַכט — אויף דעם דאָזיקן מענטשן האָב איך שוין אַמאָל געפּרוווט ווירקן, אָבער אָן ערפאָלג, פונדעסטוועגן וועל איך זיך צוליב דעם נישט אָפּהאַלטן פון זיין.

דער אַלטער פּער איז שוין, משמעות, באמת אויסגעגאַנגען. ער איז שוין נישט געווען קראַנק, ער האָט פּשוט געהאַלטן ביים שטאַרבן. אָבער דער טויט איז אים נישט געווען ניחא, פּער האָט נישט געוואָלט וויסן פון אים, אָ, ער האָט געהאַט אַ טיף־איינגעוואָרצלטן עקל צום טויט. ער איז נאָך אַלץ געלעגן אין דער וועסט אין בעט, הגם זי האָט געלאָזט הערן אַ צעניעריקן געשטאַנק. ער האָט נאָך אַלץ געקאָנט שעלטן אויפן קול, אָבער זיינע אויגן האָבן שוין מער

נישט געשראָקן, זיי זענען שוין נישט געווען גענוג שטאַרק און פול מיט סם, נאָר פאַרשטאַרט און פוסט. אָבער שטאַרבן? עס איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין דערשמעקט דעם פרישן ריח פון דער ערד, הגם דער ווינטער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן — אַ שטראַל פון האָפענונג האָט אַ צאַפּל געטון אין זיין גוף, אָט וועט באַלד ווערן פרילינג, און ער וועט קאָנען אויפשטיין און ווידער אָנהויבן לעבן. אָ, אָבער דער טויט האָט אים איבערגעבראָכן און פאַרערגערט זיין מצב, נאָר אַרום די אויגן האָט ער איצט געהאַט טונקעלע קרייזן, דאָס גאַנצע פנים איז געווען אַש־גרוי.

— דו ווילסט אפשר רופן דעם פּאַסטאָר, איידער דו שטאַרבסט? — האָט זיין ווייב געפרעגט.

— נאַרישע קו! — האָט ער געענטפערט.

דאָס דאָזיקע „איידער דו שטאַרבסט” איז געווען גיפטיק און שרעקלעך בנוגע אַ קראַנקן מאַן, און פער האָט נישט געוואָלט צולאָזן דעם פּאַסטאָר, הגם ער האָט אים אַמאָל גאַנץ ליב געהאַט. עס איז שוין געווען גענוג, ווען עמיצער איז דעם אַלטן פער געווען ווידער־שפּעניק און אומהעפלעך, און אָט האָט זיין פרוי, אויך איר שטייגער, ליב געהאַט צו דערגיין אים די יאָרן און דערביי מאַכן זיך, ווי זי וואָלט דאָ נישט געזאָגט קיין שום בייזע זאַך. פון דער צווייטער זייט וואָלט דער אַלטער געדאַרפט זיין דאַנקבאַר זיין ווייב, וואָס זי דרייט זיך אַרום אים און ווישט אים אָפּ די נאָז, בעת ער וויינט; ווייל ער איז איצט געווען ווי אַ קינד, און האָט אַליין נישט געקאָנט רירן מיט קיין האַנט, אויסער דעמאָלט, בעת ער איז אַרויס פון די כלים, און באמת, ער וואָלט געדאַרפט מודה זיין, אַז זי איז לעצטנס געוואָרן דרייסטער און זי האָט פאַר אים קיין מורא נישט, ווייל דאָס גופא איז שוין געווען גענוג געפערלעך. „נאַרישע קו” איז געווען אַ צו גראָבער לשון אין דעם מאָמענט.

— און ווער זאָל צונעמען דיינע וואָכעדיקע מלבושים? — האָט זי ווייטער געפרעגט. — דו האָסט אַ גוטן אַנצונג און אַ קורטקע, ווער זאָל זיי באַקומען?

דו! — איז פער שיר פון זינען נישט אַראָפּ. — צעריים זיי געזונט!

ער איז נאָך בלי־ספק נישט געווען טויט, און היות ער האָט,

אייגנטלעך, געדאַרפֿט אומגערעכט שטאַרבן, האָט ער זיך מיט אַלע כּוחות באַמיט עס ווי־ווייט־מעגלעך אָפּצושלעפּן. מיט אַ משונהדיק פּנים, ממש פּרעהיסטאָריש מיאוס, איז ער דאָ געלעגן צונויפֿגעקנוילט, פּונקט ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פֿון אַ גרויס איי, און געטראַכט, צי זאָל ער אפֿשר אויפֿשטיין. זינט דאָקטאָר מואוס האָט אים צום לעצטן מאָל באַזוכט, האָט אים ניט אויפֿגעהערט צו מאַטערן די פֿראַגע, צי קאָן אים פֿרישע לופֿט באמת שאַטן. זינט ער האָט זיך גענומען פֿאַרוואַנדלען אין אַ חיה, האָט ער זיך צוגעוווינט איינצואָטעמען אַ שטינקענדיקע לופֿט, אָבער פֿון איצט אָן און ווייטער האָט ער געוואָלט עפֿענען די טיר און לאָזן זי אַ ווײַלע אָפֿן. מיט אומגעהויערער מי איז אים געלונגען אָפּצושטופּן די טיר מיטן שטעקן. דעמאָלט האָט ער אפֿשר אַ שעה צייט איינגעאָטעמט אין זיך די פֿרישע לופֿט, אָבער קרעפֿטיקער איז ער דערפֿון ניט געוואָרן. וואָס וואָלט געווען, ווען ער דערלויבט זיך נאָכמער אויפֿן זעלבן אופֿן? ער איז געוואָרן אַ נאַשער, זיין חשק צו הנאה האָט אָנגענומען אַזעלכע שטאַרקע פֿאָרמען, אַז ער האָט געוואָלט אפֿילו עפֿענען דאָס פֿענסטער, אפֿילו דאָס טירל פֿון אויוון. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, אָבער, נאַטירלעך, באַלד אַראָפּגעפֿאַלן צוריק.

— יאָ, — האָט ער געטראַכט — עס איז אוממעגלעך צו וועלן זיך שטעלן אויף בײדע פֿיס, בעת איינער פֿון זיי איז טויט!

עס האָט זיך אים איינגעגעבן צוצושלעפּן זיך צוריק צו זיין בעט, וווּ ער האָט זיך באַלד גענומען דרייען פֿון איין זייט אויף דער צווייטער; ער איז געווען, ווי אַ שטיין, וואָס באַוועגט זיך פֿון זיך אַליין. ווען ער איז שוין מיט מזל ווידער געלעגן אין בעט, האָט ער צונויפֿגעקאָרטשעט זיינע לאָמע גלידער און געלאָזט זיי ליגן איינס אויפֿן אַנדערן, ניט אין זייער נאַטירלעכער לאַגע.

און איצט, הייסט עס, האָט דער אַלטער פֿער געמוזט נאָכגעבן — אָבער ניין, ער גיט ניט אָפּ קיין איין האָר פֿון זיין לעבן, נאָר ער ציט זיך, קעמפֿנדיק, פֿון אים אַרויס. אויפֿמערקזאַם און עקשנותדיק פֿאָרשט ער כּסדר, ווי אַזוי זיך ווידער צו שטעלן אויף די פֿיס; עפּעס מוז געשען, ער קאָן ניט ליגן אַזוי שטיל און זיין צופֿרידן. עס וועט זיין אַ קאַמף מיט דער אוממעגלעכקייט, מיט אַ ריזיקער מטבע, יאָ, און אפֿילו אַז יאָ? מיט אָנגעשטרענגטער אַרבעט ראַנגלט

ער זיך דאָ, און זיין בעט. מיטן טויט, ער וויל אים גובר זיין און באַקומען די אויבערהאַנט, ער קעמפט. ער כאַפּט אָן מיט דער לעבעדיקער האַנט די טויטע, שאָקלט זי און שרייט, אַז ער וויל זי לערנען! ער כאַפּט־אָן זיין געליימטן פוס, טוט אים אַ וואָרף אין דער הויך און וואַרפט אים אַריבער איבערן ראַנד פון בעט. אָבער דער טויט איז אַ שווערער בעל־דבר, ער שוואַכט אָפּ די מענטשן, דער אַלטער פער קאָן מער נישט אויסהאַלטן און ער מוז ווידער באַפרייען זיינע גלידער.

— ווי זענט איר געווען? — פרעגט ער מיט קלאָג און באַדוידערונג.

אָבער איידער ער הערט זייער ענטפער, פאָדערט ער, קריצנדיק מיט די ציין, זיי זאָלן לעבן, דעמאָלט וועט ער זיי לאָזן בלייבן ביי אים, זאָגט ער.

דאָס איז געווען די היסטאָריע פון אַ שטיין.

איצט האָט ער דעם פּאַסטאָר נישט צוגעלאָזט, אויף צו־להכעיס זיין ווייב. ווען ער האָט אָבער דערהערט, אַז ס'איז געקומען לאַסען, דער דאָזיקער לאַסען, דער זון פון לאַרס מאַנועלסען, — אַז ער איז געקומען צו אים, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו בעטן ביי אים הילף. דאָס איז געווען אַ קלאַפּ, ער האָט באַקומען אַ פּאַסטאָר, אָבער פאַרשפּאָרט צו נעמען זיין ווייבס פּאַסטאָר, איר אויף צופּיקעניש, דער נאַרישע בהמה! און ווען לאַסען איז געקומען, איז דער אַלטער פער אַ ווײַלע געווען פריינטלעך און נאָכגיביק און האָט געזאָגט, אַז ער וויל נעמען דעם הייליקן אָוונט־מאָל. דער פּאַסטאָר האָט אויך גערעדט פריינטלעך, יאָ, און כדי פולשטענדיק צו פאַרשטיין די דאָזיקע טיף־ליידנדיקע נשמה, ער האָט גענומען רעדן מיטן פויערישן לשון און האָט זי אויף דער שפּראַך אַזוי גוט אויסגעדריקט, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט, עס איז געגאַנגען אויסגעצייכנט, פער איז געוואָרן לעבעדיקער, ער האָט אפילו געלאַכט, ער איז געווען זייער צופרידן צו הערן אַזעלכע קאָמישע רייד, האָט ער געזאָגט. איבעריקנס, האָבן זיי געמוזט באַלד ווערן ערנסט, ווייל ער האָט זיך געוואָלט מכין זיין צום טויט און אָננעמען דעם הייליקן אָוונט־מאָל.

דער געדאַנק, אַז ער זאָל צונעמען דעם הייליקן סאַקראַמענט

האָט זיך פֿעסט אין אים איינגעשפּאַרט, ער האָט זיבער געהאָפֿט אויף אַזאַ אופֿן אויף אַ פֿאַרבעסערונג. ווײַן און ברויט איז געווען אַ ווונדער־שפּייז, אפֿשר וועט אים דערפֿון ווערן בעסער. און ווען ער האָט דערהערט, אַז דער פּאַסטאָר קאָן אים ביים דאָזיקן באַזוך נישט געבן קיין ווײַן און קיין ברויט, ווײַל ער איז אויף אַ פֿאָרשונגס־רייזע קיין פֿינמאַרקן, איז דער אַלטער פֿער געוואָרן זייער אנטוישט.

— אָבער איך קאָן מיט דיר רעדן און צוגרייטן דיך צום אָוונט־מאָל, — האָט לאַסען געזאָגט — דעמאָלט וועט דיר דער אויבער פּאַסטאָר דעקן דעם האַרן־טיש!

עס איז גרינג געווען צו באַמערקן, אַז דאָס איז דעם אַלטן פֿער נישט געפֿעלן געוואָרן, ווײַל אין אַזאַ פֿאַל וואָלט ער דאָך נישט געהאַט די אויבערהאַנט איבער זיין ווייב; אָבער דעם פּאַסטאָר לאַסען האָט עס יאָ געמוזט געפֿעלן ווערן, ווײַבאַלד ער מוז אוועק פֿאָרן, און דעריבער האָט ער זיך מיטן גאַנצן פֿלייס געוואָלט נעמען צו דער דאָזיקער נשמה.

— צי טראָגסטו עפּעס באַזונדערעס אויפֿן האַרצן, מיין פֿריינד? — האָט לאַסען געפֿרעגט.

— ניין, איך האָב אַביסל געלייענט אין געבעט־בוך. איך האָב נישט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן עס זען, אָבער איך האָב דאָס בוך דאָ ביי זיך אין בעט. און חוץ דעם האָב איך אויך אָפֿט געטראַכט וועגן גאָט, אָבער איך דאַוון נישט.

— אַזוי, דו דאַוונסט נישט?

— ניין, איך גלויב יאָ, נאָר דאָס טו איך נישט. איז עס נישט ריכטיק?

דער קרעמער פֿער האָט, הייסט עס, נישט געוווּסט, צי ער האָט לגבי גאָט געגנוג פֿאָרזיכטיק געהאַנדלט. ער האָט פֿאַרקויפֿט פֿענסטער־שויבן, טרינק־גלעזער, קאַווע־טעפּעלעך, אָבער גאָט האָט זיך אפֿשר געקאָנט צעברעכן לייכטער, ווי זיי.

— ווען איך וואָלט געקאָנט אַריבער פֿירן אַהער מיינע ביכער פֿון קריסטיאַניאַ, וואָלט איך דיר געקאָנט לייען אַ געבעט־בוך. — האָט פּאַסטאָר לאַסען געזאָגט.

— יאָ, איר האָט מסתמא אַסאַך ביכער?

— אַך, מויזנטער, אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון דער ערד ביז סאַמע סוגים, יאָ, וואָלט איך דיר איינס געבאָרגט.

דער אַלטער פּער האָט ווייטער דערציילט דאָס ביסל גוטס וואָס ער האָט געטון: ער האָט געוואָלט אָפּשאַפן דעם טאַנץ־זאַל, ער האָט אים געוואָלט אָנפילן מיט שוועבעלעך, דערטאָלט, וואָלט די היץ פון די לייבער געוואָרן נאָך שטאַרקער.

דער פּאַסטאָר האָט געשמייכלט.

— איז דאָס אויך געווען נישט ריכטיק?

— דאָס איז, ווי זאָל איך עס אָנרופן, אַן איינפאַל אָדער אַ נאַיווער פּלאַן, מיין גוטער פּער, עס איז נישט גוט און נישט שלעכט.

— אַזוי, ניין?

און אָט זענען צום קרעמער פּער צוגעפאַלן די שוואַנען: זיי האָבן אַזוי ווילד געשריגן און אים געשראָקן, דאָס זענען געווען שרעקלעכע פייגל, אָבער ער האָט זיי נישט געשאָלטן.

דער פּאַסטאָר האָט זיך מישב געווען, צי זאָל ער פון דעם קראַנקנס שרעק נישט מאַכן קיין קלוגן געברויך, ער האָט עס אָבער אויפגעגעבן.

— די שוואַנען, די דאָזיקע ווייסע באַשעפעניש פון גאָט! — האָט ער געזאָגט. — בראַנזאָן האָט געשריבן וועגן זיי זיינע פּראַכטפולע שוואַנען־געזאַנגען.

איבעריקנס, איז פון דעם אַלעם נישט אַרויסגעקומען נישט קיין ווידוי, נישט קיין חרטה. אַ גוסס, וואָס האַלט פאַר זיינע אַ מצווה, וואָס ער האָט נישט פאַרשאָלטן די שוואַנען! פּאַסטאָר לאַסען האָט אַ קוק געטון אויף זיין זייגער און געזאָגט:

— וואָס דריקט דיר, אייגנטלעך, אויפן הארצן, פּער, וואָס דו האָסט נאָך מיר געשיקט?

— איך האָב געוואָלט נעמען דעם הייליקן אָוונט־מאָל.

דער פּאַסטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— צוגרייטן דיך ווי ס'דאַרף צו זיין צום הייליקן אָוונט־מאָל קאָן איך איצט נישט, איך זע שוין. נישט אין דיין איצטיקן געמיטס־צושטאַנד. דו מוזסט קודם־כל חרטה האָבן אויף דיינע גרויסע זינד.

— נו, גראָד אַזעלכע גרויסע זינד... — האָט פּער באַשיידן געענטפערט.

— דו פאַרשאַפסט מיר עגמת־נפש, דו דערשרעקסט מיך, — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט — איך האָב באמת מורא פאַר דיין נשמה. וואָס מיינסטו, וווהין וועסטו אַנקומען, אַז דו וועסט שטאַרבן? וואָס וועסטו דאָרט טון?

— יאָ, — האָט פער געזאָגט, ווי צו זיך.

אָבער אָט איז ער געלעגן אין זיין בעט און זיך לחלוטין נישט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי ער וואָלט זיך געדאַרפט האַלטן ביי גפערלעכע געלעגנהייטן.

— ניין, — האָט ער געזאָגט.

— זעסטו שוין, — האָט לאַסען געזאָגט — דו וואַקלסט זיך און ביסט הילפלאָז, דו קאָנסט אַפילו מיט זיך אַליין נישט דורכקומען, צי דו האָסט אַסאַך געזינדיקט, צי נישט.

— נו, לאָז שוין די מינע פלאַצן! — האָט דער קרעמער פער אַ טראַכט געטון.

וואָס עס ליגט אים אויפן האַרצן? וועגן דעם האָט ער ביז איצט געשוויגן: ער וויל ווערן געזונט, כדי ער זאָל קאָנען אויפשטיין פון בעט און ווידער צונעמען ביי טעאָדאָרן ס'געוועלב. אַזוי וויל ער גאָרנישט. דאָס געוועלב געהער צו אים.

— איך האָב געגלויבט, אַז איר וועט זיך מרחם זיין אויף מיר און געבן מיר דעם אָוונט־מאָל, — האָט ער געזאָגט. — איך ליג אַזוי אין יסורים אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און מיט מיינע הענט און פיס ווערט וואָס־אַמאָל ערגער, און גאָט שטראָפט מיך איבער דער מאָס מיט זיין שווערן קרייץ, ער וויל מיך בעסער אומברענגען, איידער מיך ווידער געזונט מאַכן.

— שטיי! דאָס איז גאָט־לעסטערונג, פער! גאָט שטראָפט דיך נישט מער, ווי דו האָסט געזינדיקט, אין דעם מעגסטו זיין זיכער.

— נו, — האָט דער אַלטער פער געזאָגט — אָבער איר ווייסט דאָך גאָר נישט, וואָס דאָ איז געוואָרן, — האָט ער געזאָגט — איך בין אָן אַ היים, איך האָב אין מיין אייגענעם הויז נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, טעאָדאָר האָט עס מיר צוגענומען. דאָס איז גאַנץ שיין צוגע־טראַכט, מאַטע־מאַמע אַרויסגעוואָרפן, און איך קאָן נישט געזונט ווערן און קאָן נישט אויפשטיין, כדי דאָס ווידער צו ברענגען אין אָרדנונג!

פער איז מיטאמאל געוואָרן באַרעדעוודיק, אָהאָ, און זיינע אויגן האָבן באַקומען זייער פריערדיקע האַרטקייט:

— צי קאָנט איר נישט לפחות אַראָפּגיין אונטן אין געוועלב און אים אַרויסטרייבן? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, דאָס איז אָן ענין פאַר דער וועלטלעכער מאַסט. ניין, ניין. רעד נישט מיט מיר וועגן אַזעלכע זאַכן! — האָט זיך פאַסטאָר לאַסען געוועדט.

— איך זאָג עס פאַר זיין טובה וועגן, ווייל ער איז מיין זון און מיין קינד. און אויב איר זאָלט אים אַרויסטרייבן דורך דער טיר, וואָלט ער אפשר דורך דעם געקומען צום שכל, דער אויסוואורף.

דער פאַסטאָר האָט געשוויגן. ער האָט מיטאַמאָל ווידער דער־קענט דעם פויער און דעם קרעמער פער און די ראַסע, צו וועלכער ער האָט אליין אָנגעקערט. דערפאַר, הייסט עס, האָט אַ גוסט געשיקט נאָך אים! ער האָט געשוויגן, מיט אַפאָר יאָר צוריק וואָלט אים אליין אויך נישט פּרעמד געווען אַזאַ געדאַנק, ווי דעם קרעמער פערס. אַ דאַנק גאָט, ער איז געוואָרן אַן אַנדערער!

— און לאַ־די ער האָט אונז, זיינע עלטערן, געבראַכט צו עלנט און נויט, ניין, ער פאַרבאַפּט אויך דעם חלק פון זיינע שוועסטער און מאַכט פון זיי אַ באַרג אַש. — האָט פער ווייטער גערעדט. — אָט האָט ער אָפּגעגעבן דער געמיינדע דאָס רעכט אויף ווייַן; אַלץ גייט אונטער, און זיין מאַמע איז אַ נאַרישע בהמה און קוקט נישט נאָך נישט די פּאַראַפּין און נישט דעם ספּירט אין קעלער. צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן? טעאָדאָר האָט זיך אויפגעשטעלט אַ נייַ געוועלב האַרט לעבן מיינעם. און איצט האָט ער צוליב דעם אויסגעזעגט די צווישן־וואַנט און געמאַכט דערפון איין גרויסע קראָם. איך האָב נאָר געדאַרפט זיין דערביי!

— צי קאָן דיר דאָ נישט העלפן דער אַדוואָקאַט ראַש? איך אליין קאָן זיך אין אַזעלכע זאַכן נישט אַריינמישן, — האָט דער פאַסטאָר לאַסען לסוף געזאָגט, אויפשטייענדיק בשעת־מעשה.

אַזאַ מין היציקע רשעות און נקמה־גיריקייט ביי אַ געלייטנטן מענטשן — בנאמנות, לאַסען איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעקריגן פון דעם דאָזיקן געזעלשאַפטלעכן קלאַס, ווו ס'האָט געהערשט זינד און רשעות.

— זיי געזונט! — האָט ער קודש און פרום געזאָגט.

— טו תשובה! — האָט ער געזאָגט.

דער קרעמער פער האָט אים לויערנדיק נאָכגעקוקט. אָ, ווען דאָס קומט פאַר אַמאָליקע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געקאָנט רירן מיט אַן אבר! איצט איז ער געלעגן טויט-קראַנק.

— איך פאַרשטיי, — האָט ער געזאָגט — איר האָט שוין גערעדט מיט טעאָדאָרן, און דעריבער ווילט איר מיר נישט געבן דעם הייליקן אָוונט-מאָל, כדי איך זאָל שוין מער נישט אויפשטיין.

— איך האָב מיט טעאָדאָרן נישט גערעדט. — האָט פאַסטאָר לאַסען געענטפערט. — טו תשובה, פער, דאָס איז מיין עצה, ווער אַ נשמה-פאַרזאָרגער. וואָס איז דיר איינגעפאַלן? אַז איך זאָל דאָ שטיין און דיר ביי דיין איצטיקן נשמה-צושטאַנד פאַרגעבן דיינע זינד? איך קאָן עס נישט טון.

— ניין, ניין, — האָט פער געזאָגט, און זיינע ציין זענען שוין געווען צו טעמפּ אַ ביס צו טון לאַסענען אין שענקל.

ווען פאַסטאָר לאַסען איז געקומען צוריק אין האָטעל, האָט ער געזאָגט, אַז דער באַזוך ביים קראַנקן איז נישט געווען גאַנץ אָנגענעם. עס האָט געקאָנט קומען אַ גרויסער מאָמענט, אָך, נאָך ווידוי און חרטה וואָלט דעם געליימטן בעסער געוואָרן, און זיין נשמה וואָלט געוואָרן רויקער, שטיל ווי אַ קירך, אָבער לייַדער...

זונטיק האָט לאַסען געהאַלטן אַ דרשה אין זיין אָרנאַט מיטן אָרדן. די קירך איז געווען געפּאַקט, די דרשה אומפאַרגלייכלעך. הגם ער איז געווען אַ געלערנטער מאַן און אַ גרויסער קענער פון די גייסטלעכע שטרעמונגען, פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט גערימט; ער איז געווען דער נידעריקסטער דינער פון דער קירך, דער באַגלייטער פון יעזוס קריסטוס איז ער געווען. און ער האָט בוכשטעבלעך געזאָגט:

— דאָס, וואָס איר הערט, ליבע פריינט, איז נאָר דער קלאַנג פון מיין שטים: געדענקט אַן גאָטס שטים, בעת זי האָט אַרויסגערעדט פון סנה!

אויסערדעם איז עס געווען אַ פאָלקסטימלעכע דרשה מיט אַביסל דיאַלעקטיק, אָבער בכלל גאַנץ פאַרשטענדלעך. דאָס גאַנצע פּאַסטאָר-הויז איז געווען דערביי, אויסער דעם פּאַסטאָר לאַנדמאַרק

גופא. אַדוואָקאַט ראש איז אויך געזעסן צווישן די צוהערער.

פּאַסטאָר לאַסען האָט, משמעות, ליב געהאַט ווערטלעך און געלערנטע אויסדריקען, צי ער האָט זיי אַליין פאַרפאַסט אָדער ער האָט זיי געלייענט אין אַ פאַמיליען-צייטונג. זעקס פון די דאָזיקע קערנדיקע ווערטלעך קלינגען אַט אַזוי:

מען איז נישט שוואַכער, בעת מען פאַרלאָזט זיך אויף אַנדערע, איידער צו פאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין; אָבער מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף גאָט. —

ווען אין אַ לאַרנעט זענען דאָ פלעקן, איז אַפילו דער קלאָרסטער הימל פאַרוואָלקנט. —

טו גוטס פאַר דעם גוטנס וועגן און זאָרג נישט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. —

גוטסקייט איז אַ פעלז אין ים, גוטמוטיקייט — אַ וואַנדערנדיקער זאַמד-באַרג. —

קיין זאַך קאָן נישט ווייך מאַכן קיין שטיינערנע הערצער, אָבער גאָטס מילן קאָנען זיי צעמאָלן. —

אַ טאַלאַנט אָן זעלבסטדערציונג איז אַ פּאַלאַץ אָן אַ דאַך. —

נאָך דער דרשה איז די פרוי לאַנדמאַרק געקומען מיט אירע טעכטער אין האָטעל, כדי אויסצודריקן דעם פּאַסטאָר לאַסען זייער דאַנק פאַר דער דרשה. די דאָזיקע דרשה איז געווען אַ געשעעניש! לאַסען האָט זיך געפרעגט אויפן אויבער פּאַסטאָר. פרוי לאַנדמאַרק האָט געענטפערט, אַז ער האָט נישט געקאָנט קומען, אָבער ער לאָזט אים גריסן.

— דער פּאַפּאַ איז באַשעפטיקט מיט אַזוי פיל אַנדערע זאַכן — האָט איין פרײלין לאַנדמאַרק געזאָגט מיט אַ העפלעכן קניקס.

— ער איז פאַרנומען ביי אַ צייכענונג פון אַ דרעשמאַשין — האָט גלייך צוגעגעבן איר שוועסטער און האָט געקניקסט.

ביידע יונגע דאַמען האָבן געמוזט זען דעם ריטער-קרייץ פון אָלאַף-אָרדן און האַלטן אים אין דער האַנט. די פרוי פּאַסטאָר און לאַסען זענען ביידע געווען ביי דער מיינונג, אַז מען מוז וווינען אין דרום-טייל פון לאַנד.

— יאָ, אויף ווידערזען אין קריסטיאַניאַ! — האָט לאַסען געזאָגט. —

די דאַמען מוזן למען־השם צו מיר אַריינקומען און אַ קוק טון אויף מיין ביבליאָטעק און מיינע אַלטער טימלעבקייטן.

XVI

דעמאָלט איז פּאַסטאָר לאַסען אָפּגעפאָרן, ער האָט זיך געלאָזט ווייטער אויף דער רייזע קיין צפון, כּדי צו שטודירן לעסטאַדיאַניזם אין זיין מוטער־אָרט. ער איז מסתּמא, געווען אמת צופרידן, וואָס ער פאַרלאָזט זיין קינדער־שטוב, די דאָזיקע שטאָט זעגלפאָס אין צפון־לאַנד, ווייל ער האָט אַליין איינגעזען, אַז ער איז נישט צוגעפּאַסט צו וווינען מיט אַזעלכע מענטשן, ווי לאַרס מאַנועלסען, יוליוס לאַרסען און דער קרעמער פּער, און ער האָט מער קיינמאָל נישט געוואָלט אַהער צוריק קומען.

— זיי געזונט, מאַמע! — האָט ער געזאָגט. — ניין, וויין נישט, אין קריסטיאַניאַ פיל איך זיך בעסער! — האָט ער געזאָגט.

יוליוס האָט פון זיין ברודער נישט באַקומען קיין האַלבע פּרוטה, און ער האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, אַז זיין ברודער האָט מיטגענומען מיט זיך צוויי ביכער, וואָס ער האָט געפונען אין האָטעל און מיט וועלכע ער האָט זיך צוליב אַ פּאָר קראָן נישט געוואָלט צעשיידן.

— איך וויל זיך אויף אים נישט קלאָגן, — האָט יוליוס געזאָגט — אָבער איך בין אים נישט מוחל, ניין, אַ האָר נישט!

גיט נאָר אַ קוק, יוליוס האָט אַזוי פאַרשטאַנען, אַ ברודער, וועלכער איז געוואָרן באַרימט, ער האָט אים נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, און דאַווערדאַנאַ איז אויך נישט געווען קליגער.

— אַזוי, לאַרס האָט, הייסט עס, אפילו נישט געפרעגט אויף מיר? — האָט זי געזאָגט. — ער האָט אַפילו מיין נאָמען נישט דערמאָנט? מילא, אַ גליקלעכע רייזע! — האָט דאַווערדאַנע געזאָגט.

ווייל זי איז שוין געווען אַן אויסגעגעבענע און געהאַט איר היים און האָט געניִיט זעק פאַר דער מיל און אַליין פאַרדינט געלט; דערצו האָט זי נאָך געהאַט רויטע האָר.

דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ טאָג, ווען קיינער האָט מער נישט

גענייט קיין זעק פאַר דער מיל, עס האָט נישט געקאָנט מער ווערן אָפּגעשלעפּט, ס'האָט נישט געקאָנט מיידן, אָ, ניין!

פריילין מאַריאַנע האָט ווידער באַגעגנט איר פאָטער אויפן וועג אין אַ רויטן פעלץ, און האָט צו אים געזאָגט:

— איך בין געגאַנגען נאָך דיר, כּדי זיך צו ווייזן פאַר מענטשן.

— וואָס פאַר אַ שיינעם הוט דו האָסט זיך געקויפט! — האָט דער פאָטער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— ער געפעלט דיר? עס איז אָבער זייער טייער.

— יאָ, גאַנץ גוט. ער איז אָבער גרויס און שיין.

— צי שטייט היינט די מיל? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, גאַנץ צופעליק. — האָט דער פאָטער געענטפערט. — איך האָב נויטיק געדאַרפט האָבן ברעטלעך פון סאַגוויקאַ און אַלע יאָהאַנען צו אַן אַנדער אַרבעט.

— איך זע, אַז זיי גראָבן דאָרט אויפן בערגל, זיי מאַכן אַ קעלער, צי אַ ברונען?

— דאָס וועט זיין אַ הייל צו דימענטן. — האָט דער פאָטער געענטפערט און בשעת מעשה אויסגעזען געהיימניספול, ווי גאַנץ אָפט — אָבער דו, ליבע מאַריאַנע, גיי זיך געזונטערהייט אַהיים, ס'איז נישט דיין דאגה, וואָס פאַר אַ הייל דאָס וועט זיין.

— דו ווייסט, טאַטע, ווען איך און פעליקס זענען נאָך געווען קליין, פלעגסטו אונז שטענדיק אויף דעם אָרט אַריבערטראָגן אויף די הענט, ווייל דאָ איז דער באָדן געווען שטענדיק פייכט. — האָט זי געזאָגט.

— אָ, יאָ, נאָר מיר דאַכט, אַז דאָס איז גאָר נישט אַזוי לאַנג. אָבער איצט קאָנט איר ביידע באַלד מיך אַריבערטראָגן.

— די צייט גייט. — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— יאָ, די צייט גייט, קליינע חכמה! — האָט דער פאָטער, שמייכלענדיק, געענטפערט.

דער קנעכט מאַרטין איז אָנגעקומען מיטן וועג; ער איז ווידער געגאַנגען אויף געיעג און ווידער געקומען מיט ווילדע פייגל אויפן אַקסל צוריק פון וואַלד אַרויס.

— איך דאַרף אייך איבערגעבן די פייגל, העד האַלמענגראַאַ, — האָט ער געזאָגט, בעת ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט.

— ווילאַך האַלמסען האָט געהייסן ?

— יאָ.

— דאַנק אים, ווען דו וועסט שרייבן, מאַריאַנע.

און אַזוי-ווי ער האָט זיך שוין זייער לאַנג געקענט מיט דער הערשאַפט און ער האָט זיך געמעגט אַ ביסל פאַרגינען, האָט קנעכט מאַרטין געפרעגט :

— וועט איר גאָר קיין ענין נישט מאַכן פון לאַרס מאַנועלסענס גנבה ?

מאַריאַנע האָט נישט געענטפערט, אָבער הער האַלמענגראַאַ האָט געזאָגט :

— וואָס, מיינסטו, וואָלט דער הער לייטענאַנט געטון ?

און מאַרטין האָט געמוזט ענטפערן :

— אַך, דער הער לייטענאַנט וואָלט דעם גנב צורו געלאָזט, ווייל ס'וואָלט ביי אים אויסגעקומען צו נאַריש, זיך מיט אים אָפּצוגעבן.

— זעסטו שוין ! — האָט הער האַלמענגראַאַ געזאָגט.

פאַרזונקען אין טיפע געדאַנקען, האָט מאַריאַנע געוואַנדערט אַהיים. איר ביטערקייט האָט גאָרנישט געהאָלפן, ס'האָט זיך איר נישט איינגעגעבן צו דערפירן דערצו, אַז דער טאַטע זאָל פאַר איר עפענען זיין האַרץ, הגם זי האָט עס געפּרוווט טון. און זי האָט אים אויך נישט דערפירט דערצו, ער זאָל עפּעס זאָגן וועגן איר הוט. ער האָט זיך מיט גאָרנישט נישט פאַרראַטן. אָ, דאָס איז גאָר נישט געווען קיין נייער, טייערער הוט, נאָר אַן אַלטער, פון פאַר צוויי יאָרן, וועלכן זי האָט איצט אָנגעטון. דאָס איז געווען אַ שפּיצל, זי האָט געוואָלט זען, וואָס דער טאַטע וועט זאָגן, אָבער ניין ! אַך, זי אַליין האָט געהאַט וויכטיקערע זאַכן צום טראַכטן, איידער די היט.

ווען זי איז געקומען אַהיים, איז געזעסן ביי איר דער וואָיט פון אורע און זיך געפרעגט אויף איר טאַטן.

— וואָס איז דען ? — האָט מאַריאַנע געפרעגט.

— גאָרנישט, פריילין מאַריאַנע, לחלוטין גאָרנישט. און האָב נאָר

געוואָלט רעדן מיט אים אַ פּאָר ווערטער, אויב איך בין שוין פאַרבייגעגאַנגען.

אין די ווייטערדיקע טעג זענען געקומען קיין זעגלפאָס מערקווירדיקע מענטשן, הערן פון שטאָט, וואָס זענען נישט געווען קיין געשעפטס-רייזנדע. זיי זענען אַוועק אין האָטעל און געהייסן רופן דעם הער האָלמענגראַא, כּדי מיט אים צו רעדן, דער אַדוואָקאַט ראַש איז אויך דערביי געווען אין זיין גאַנצער פּראַכט, אויך דער וואָיט פון אורא, אָבער ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ס'וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן וואָס גיכער פון דאַנען אַרויסצוגיין. די הערן האָבן געפירט אַ שמועס ביי געשלאָסענע טירן.

די מיל האָט דערווייל נישט געאַרבעט, און הער האָלמענגראַא האָט געזאָגט אַ תּירוץ, אַז ער האָט געדאַרפט זייגע ביידע אויפזעער צו אַן אַנדער אַרבעט. און אַט זענען בערטעל פון סאַגוויקאַ און אָלע יאָהאַן געשטאַנען און געגראָבן אַ געהיימניספולע הייל, וועלכע זיי האָבן באַפעסטיקט קעגן איינברוכן און אָנפאַלן. די הייל האָבן זיי פון אינעווייניק דיק אויסגעמויערט.

— וואָס מיינסטו, וואָס וויל ער דאָ מאַכן? — האָט אָלע יאָהאַן, וועלכער איז געווען זייער נייגיריק, געפרעגט. — ווייל עס ווייזט אויס, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין וויכטיקערע זאַכן אויפצושטעלן.

— ווער זאָגט עס?

— אַזוי האָב איך געהערט. מ'האָט אַזוי דערציילט אין געוועלב.

בערטעל פון סאַגוויקאַ איז שטענדיק אויף דער זייט פון זיין ברויט-געבער, ער איז שטענדיק אַזאַ געווען, די דאָזיקע שוואַכקייט איז געווען ביי אים איינגעבוירן, און ער האָט געענטפערט:

— ער האָט נאָך צו טון אַ קליין ביסעלע מערער, ווי עס מיינען די מענטשן פון געוועלב.

— זיי זאָגן, אַז עטלעכע גרויסע הערן, וואָס זענען געקומען אַהער פון דרום, פאַרשרייבן דאָס קלענסטע, וואָס האָלמענגראַא, פאַרמאָגט. — האָט אָלע יאָהאַן ווייטער גערעדט.

— יאָ, דיין מאַמע האָט געבוירן אַזאַ איינעם, וואָס קאָן פאַרשרייבן. — האָט בערטעל מיט זיין שטענדיקן שאַרפזין געענטפערט.

יאָ, אין געוועלב האָבן זיי עס, משמעות, דערשמעקט, טעאָדאָר האָט געהאַט אַ פיינע נאָז, אַן אמתע שפּיר-נאָז, און ער האָט געהאַלטן,

אַז ס'איז נישטאָ קיין שום סיבה צו פאַרמיידיקן האָלמעננראַאַס הויז קעגן דעם פּאַרדאַכט. פרײלין מאַריאַנע איז געווען קעגן אים אַזוי האַרט און אַכזריותדיק, אפשר וועט זי איצט אַביסל אַרונטערלאָזן און באַווייליקן אים צו באַמערקן אויף דער פלאַך פון דער ערד.

אפשר. אָבער אינגאַנצן זיכער איז מעאָדאָר נישט געווען! מאַריאַנע איז געווען איצט, פונקט ווי אַלעמאָל, און זי האָט געטראָגן אַ רויטן מאַנטל און אַ גרויסן הוט. און די נייעס, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען? דאָס האָט לחלוטין נישט אויסגעזען צו זיין איבעררא שנדיק, אפשר האָט זי געוווּסט איר פאָטערס לאַגע, זי איז געווען ביטרע, זי האָט געקאָנט דערשמעקן. און פאַרוואָס האָט זי זומערצייט איבערגעריסן איר פאַרבינדונג מיט ווילאַץ האָלמסען, אויב נישט כּדי איינצוהאַלטן דעם קראַך און די מפּלה?

אָבער איינס האָט, משמעות, אַרײנגעבראַכט פרײלין מאַריאַנע אין אַ פאַרלעגנהייט. דעם טעלעגראַפן-פאָרשטייער באַרדסען, וואָס איז אויך אין יענער צייט אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין אַמט און האָט איצט געהאַט נאָך מערער צייט זיך אַרומצושלעפּן איבער די וועגן, דעם דאָזיקן באַרדסען פלעגט זי מיט איר טאַטן זייער אָפט טרעפן אין וועג, און פאַר יעדעם מאָל פלעגט ער זיך גריסן צום מיל-אייגנטימער, ווי צו אַ קעניג, ווי זאָל מען עס פאַרשטיין? אויב עמעצער האָט געקענט דעם מצב פון איר פאָטער און האָט אַדורכגעדרונגען דעם זין פון די טעלעגראַמעס פון און צו פעליקסן אין מעקסיק, — איז עס געווען נישט קיין אַנדערער, ווי באַרדסען. אָבער ער האָט באַגריסט דעם מיל-אייגנטימער טיף און מיט דרך-ארץ, ווי פריער. איז דען איר פאָטער נישט געווען רואינירט? האָט מאַריאַנע געטראַכט. אָדער צי האָט באַרדסען אויך איצט געהאַלטן האָלמעננראַאַן פאַר ראוי צו ווערן געאַכט און געשעצט?

זי האָט זיך ווידער געווענדט צו איר אַלטן פרײנד, צום וואָיט פון אורא, און זי האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס האָט איר מיר געזאָגט, אַז דאָס איז גאָרנישט, בעת דאָס איז אין דער אמתן אַזוי פיל?

— איך האָב עס נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, — האָט דער וואָיט געענטפערט, — איך האָב באַקומען אַ טעלעגראַמע, האָב עס אָבער נישט פאַרשטאַנען.

און אָט האָט זי שוין אַלץ געוווּסט.

יאָ, פֿולשטענדיק רויניִרט, ער איז דערגאַנגען צו אַ ירידה. דער שפּילער האָט געשטעלט זיין לעצטע מטבע און פֿאַרשפּילט. דאָס איז עס, הייסט עס, געווען דער הער האָלמענגראַא, וועלכער איז געקומען קיין זעגלפֿאָס און איז געוואָרן אַ שם־דבר. ער איז געווען אַ געשטאַלט פֿון אומבאַקאַנטע מקומות, פֿון דער טיפֿעניש, ער איז געווען אַ מלך, ער האָט פֿון זיין לעבן געמאַכט אַ רעטעניש, דאָס איז עס.

ער האָט נישט געקלאָגט. ער האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. ווען ער האָט עפּעס פֿאַרלוירן, אָדער בעת אים האָט געטראָפֿן אַן אומגליק, האָט ער זיך געקאָנט אָנשיכּורן, ווי אַ מאַטראָס, און נעמען קלאָגן; איצט אָבער האָט ער זיך געהאַלטן גרעסער, ער האָט געגעבן אַ מערקווירדיקן קעלער, וועלכן ער וואָלט געקאָנט מיט עפּעס אָנפֿילן, ער האָט אפֿילו געשמייכלט און איז געווען פֿריינטלעך, גלייך ווי ער וואָלט זיך איצט געקאָנט לייגן און שלאָפֿן גאַנצע פֿיר־טעג נאָכאַנאַנד און אויפֿכאַפּן זיך רייך, אין אַ גוטן מצב. אַ מערקוויר־דיקער מענטש! אָבער אַדוואָקאַט ראַש האָט מיט דערשטוינונג באַמערקט, אַז דער מיל־אייגנטימער האָט בעתן ערשטן צוזאַמענטרעפֿן זיך מיט די פֿרעמדע הערן פֿון שטאָט אַראָפּגענומען פֿון פֿינגער זיין געהיימניספֿולן רינג, דעם פֿריימויערער־רינג, און אים אַריינגעשטעקט אין קעשענע. צי האָט דער מיל־אייגנטימער איצט, בעת זיין ירידה, נישט געוואָלט מער זיך ווייזן מיט זיין מיוחסדיקן רינג? אָדער אפֿשר איז ער גאָר נישט געווען קיין פֿריימויערער? ביים אַדוואָקאַט ראַש האָט זיך דערוועקט אַ ספֿק.

יאָ, ביים אַדוואָקאַט ראַש האָט זיך אויך דערוועקט אַ ספֿק בנוגע אַ געוויסע טעלעגראַמע פֿון פּוערטאָ ריקאָ, פֿון אַ געוויסן פֿעליקס, וועגן דעם פֿאַרקויף פֿון אַ שיף פֿאַר אַן אומגעהויער גרויסע סומע. איז עס אויך געווען אַ דערפֿינדונג? פֿון אַזאַ מענטשן מיט אַזאַ מאַנגל אין בילדונג און פֿון אַזאַ יחוס האָט מען, אייגנטלעך, בעסערס נישט געדאַרפֿט דערוואַרטן, האָט מסתּמא געטראַכט אַדוואָקאַט ראַש.

אָבער די גאַנצע געשיכטע? הער האָלמענגראַאס גורל? און פֿונוואַנען האָט זיך גענומען זיין טפֿלה? ער האָט עס אַליין געוווּסט, ער אַליין. זיין עשירות איז אפֿשר קיינמאָל נישט געווען אַזוי גרויס.

אָבער ער האָט געפירט אַ רייך הויז און געגלאַנצט מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דאָס איז געווען דאָס ערגסטע, דאָס איז געווען דאָס גוטע. און ער האָט געגלאַנצט, ווי עס דאַרף צו זיין, איבער דער מאָס, אָבער אַז ער האָט געטוזט נעמען הלוואות אויף זיינע ערד־גיטער, אַפילו אויף דער מיל און אויף דאָס לאַגער־הויז, אויפן לאַנדונגס־פּלאַץ, דאָס ווינהויז — יאָ, ער האָט גענומען איין הלוואה נאָך דער צווייטער, אַלץ פאַרמשכונט, אַלץ אַרויסגעפּרעסט, ביז די מאַשינען, ביז צו דער באַלעבאַטישקייט. ער איז שוין זינט לאַנגע יאָרן געווען באַנקראָט, ער האָט אָבער אָפּגעהאַלטן דעם חורבן; דאָס איז געווען געמאַכט גוט, אָן אַ שיעור קלוג, געניאַל! נאַטירלעך, וואָלט ער געקאָנט איינפירן אין אַ ריכטיקער צייט זיין טעטיקייט, אָבער דאַן וואָלטן די רעליגיעזע מענטשן אים באַפאַלן; ער וואָלט אפשר געקאָנט ראַטעווען אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן. אָבער דאָס וואָלט שוין נישט געווען קיין מעשהלע. די טאָג־טעגלעכע השגחה אויף דער מיל און די אַרבעטער — איז אוודאי געווען לעכערלעך. ער האָט דורכויס פיינט געהאַט רעגלמעסיקייט, אַרבעט האָט אים ווייט נישט באַפרידיקט; ווען ער האָט נישט געקאָנט גלאַנצן, איז ער געווען אָנטעכטיק. ער האָט געגלאַנצט.

און אָט האָט דער דאָזיקער מענטש געקאָנט זיך באַזעצן אין זעגלפאָס, אומזיניק צעזייען דאָ זיינע יאָרן, אָן אויפהער, ביז אין סאַמע זקנה אַריין. פאַרוואָס נישט! דער מענטש איז זיין אייגענער גורל און דער גורל פון אַנדערע. דער מאַן פון די קאָרדיליערן־בערג האָט מסתמא איינגעזען, אַז ער האָט בלויז דערצו די מיטיקע מיטלען, אָבער נישט צו מערער, ער האָט אָנגעשפּאַנט זיינע איינפאַלן און איז געפלויגן איבער דער ערד. איבעריקנס, איז זעגלפאָס אין יענער צייט, ווען ער איז אָנגעקומען, נישט געווען קיין געוויינלעך אָרט: די הערשאַפט אינם פריציש הויף האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, מענטשן, קעגן וועלכע ס'איז געווען אַן אמתער יום־טוב זיך צו באַווייזן מיט עשירות; הער האָלמענגראַא האָט נישט קיין חרטה געהאַט אויף קיין איין איינציקן מסחר, וואָס ער האָט מיט זיי געמאַכט, אויף קיין איין מתנה, וואָס ער האָט זיי געשאָנקען. דער לייטענאַנט און זיין פרוי זענען געווען אַריסטאָקראַטן און אַדללייט. ווען זיי זענען געשטאָרבן, איז, אייגנטלעך, פאַרן הער האָלמענגראַא אַלץ פאַרביי, עס האָט זיך פאַר אים געענדיקט; עס איז נישט קיין מעשהלע, אַן

אַליי פון געוויינלעכקייט זאָל גלאַנצן — דאָס איז אַן עניין פאַרן אדוואָקאַט ראַש אין זיין רויטער וועסט! אָבער הער האָלמענגראַא האָט געהאַט די דאָזיקע מיל זיינע, וואָס האָט געמאָלן מעל, ער האָט געמוזט ווייטער מאָלן, די מיל איז געווען זיין האַר, ער האָט געמאָלן ביז צו אַלטקייט, ביז זיין רוקן האָט זיך גענומען בויגן, און זיינע אויגן זענען געוואָרן וואַסערדיק. דאָס איז געווען גורל. און דערצו האָט ער נאָך געמוזט קעמפן, אויפצוהאַלטן זיין מצב אַלס מיל־אייגנטימער, ער האָט געמוזט אָנווענדן פאַרליי שטיק און שפּיצלעך, געהיימניספולע פינגערלעך, געהיימניספולע טעלעגראַמעס, אַלץ מיט־אַנאַנדער, כדי די מיל זאָל נישט בלייבן שטיין, און זיין שקלאַפעריי זאָל נישט אויפהערן. וואָס האָט ער אַן דעם פאַרמאָגט? גאָרנישט. זיינע שפּרונגען אין דער אַלע, זיינע פּלוצלינגע אויסברוכן, בעת ער פלעגט זיך אָנשיכורן און נאָכיאָגן זיך נאָך מיידלעך, זענען געווען די ריכטיקע קוואַלן פון זיין נאַטור, דער דאָזיקער מענטש איז געווען אַ מאַטראָס. עס איז נישט געווען זיין געשעפט, זיין געשעפט איז געווען צו מאָלן מעל.

און ווי אויסערגעוויינלעך פיין ביים דאָזיקן מענטשן האָט געאַרבעט דער מוח — אין אָנצוהערעניש, כמעט אַן אַ שפּור! פּאַשע פאַר אַ צוויי טויזנט שעפסן — דאָס האָט זיך געלאָזט הערן אַזוי גראָב און אַלמעכטיק, אָבער געווען איז עס אַ זייער סובטילער פּלאַן. הער האָלמענגראַא האָט געוואָלט קויפן דעם דאָזיקן שטח, ווייל מ'האָט אים נישט געקאָנט קריגן! דאָס איז געווען אָפּהענגיק אַן דער קליינער מאַריאַנע און אַן וויללאַץ האָלמסען, אַן אַ שידוך, וועלכער האָט געזאָלט צושטאַנד קומען. שפּעטער, נאָך דער מפּלה, וואָלט זיך וויללאַץ האָלמסען דערוווּסט, אַז די צוויי גרויסע שפּעקולאַציעס אויפן שטילן אָקעאַן זענען דערווייל נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

די מיל איז געשטאַנען, אָבער די טעג זענען געגאַנגען, בערטעל פון סאַגוויקאַ און אַלע יאָהאַן האָבן געגראָבן און געמויערט די הייל. מען האָט געמוזט טעלעגראַפירן אין די צייטונגען, יעדערער האָט גערעדט וועגן דעם, די מענטשן פון דרויסן האָבן אַלץ געוווּסט. פריילין מאַריאַנע האָט מיט דער לעצטער פּאָסט באַקומען אַ פרישן גליענדיקן בריוו פון אַנטאָן קאָלדעווין, היינט האָט זי ווידער באַקומען פון אים אַ טעלעגראַמע, אַז די לעצטע אונטערנעמונג פונם „גאָלדענעם

פֿיש" האָט נישט אָפּגעגאָלטן און אַז ער דערוועגט זיך מער נישט אָפּצוהיטן זיין הכנעהדיקסטן אָפּמאַך! דער פּראַקטישער מענטש האָט זיך צוריקגעצויגן, און מען האָט גאָרנישט געקאָנט העלפֿן. ביי מאַר־יאַנען האָט זיך אַ מין שמייכל באַוויזן אין די אינדיאַנישע אויגן, בעת זי האָט געליינט דעם בריוו, דערפֿאַר אָבער האָט זי נישט געשמייכלט איבער אַ בריוו פֿונם קרעמער טעאָדאָר; דער דאָזיקער בריוו איז געווען אַביסל גאַוואַהדיק, אָבער נאַיוו און אָן בייזוויליקייט:

„זייער חשוב פֿריילין! אַזוי־ווי איך דאַרף קומען צו אייך אין שטוב אַריין און קאָנפֿערירן מיט אייך אין די ענינים פֿון אייער פֿאָטער, שטיי איך צו אייער דינסט. וואַרטנדיק אויף אייער אָנגענעמע תשובה, פֿאַרבלייב איך אייער איבערגעגעבנסטער

טעאָדאָר יענסען".

„ליבער טעאָדאָר, איר קאָנט נישט אָפּהאַלטן דאָס אומפֿאַר־מיידלעכע — האָט זי אים געשריבן אין איר תשובה — אָבער איך דאַנק אייך פֿאַר אייערע פֿריינטלעכע שורות! אייער מאַריאַנע האָלמענגראַא".

דעמאָלט איז אַרויס די זעגלפֿאָסער ציַיטונג. זי האָט געבראַכט אַ גאַנצן לייט־אַרטיקל וועגן הער האָלמענגראַאַס ירידה, געשריבן זיכער און באַשטימט אויפֿן סמך „פֿון די בעסטע קוועלן".

„מיר האָבן עס שוין לאַנג פֿאַרגעזען, אָבער מיר האָבן גאָר־נישט געוואָלט פֿאָרויסזאָגן. — האָט די צייטונג געשריבן. — ענדלעך האָט די נעמעזיס אויפֿגעדעקט אַ מסחר, וואָס זיין באָדן איז געווען פּוסט און וואָס האָט זיך געקאָנט אויפֿהאַלטן נאָר אַ דאַנק די כּסדר שטייגנדיקע פּרייזן אויף מעל!".

דער אַרטיקל איז געווען זייער לאַנג, אַ מייסטערווערק פֿון בילדונג און סטיל, יעדערער האָט געוווּסט, אַז אין גאַנץ זעגלפֿאָס איז דאָ בלויז איינער, וואָס קאָן אַזוי שרייבן.

„מיט גרויל טראַכטן מיר וועגן די אַרבעטער, וואָס זענען איצט אויף אַ גאַנצן ווינטער געבליבן אָן ברויט", האָט דער דאָזיקער מענטש געשריבן, „און מיר קאָנען זיך נישט אָפּזאָגן פֿון דער האָפֿנונג, אַז די מיל וועט נאָך גיין ווייטער, מעג זיין אַפֿילו מיט היזק. מיר האָבן

זיך דערוווּסט, אַז פון אַ געוויסן צד, וועלכן עס ליגט באמת די טובה פון דער שטאַט אויפן הארצן, האָט מען זיך געווענדט צו די אמתע אייגנטימער פון דער מיל מיט דער בקשה צו טרייבן ווייטער די מיל, און אויב די הערן ווילן נישט איינזען די דאָזיקע נויטווענדיקייט, וועט מען זיי זיכער ברענגען דערצו. די אַרבעטער זענען צאָלרייך, און זייער פאַרלאַנג איז אַ גערעכטער".

אַ צווייטער אַרטיקל אין בלאַט איז געווען אָנגעשריבן דורך דעם רעדאַקטאָר און זעצער קאָפּערוד, ער איז געווען אָן באַזונדערע בילדונג, אָבער גאַנץ גוט פאַר דער שטאָט זעגלפאָס מיט איר געגנט.

„וואָס פאַר אַ כוונה איז דאָ דערביי? — האָט ער געשריבן. — נאָכן יובילײ פונם מיל-אייגנטימער האָלמענגראַא האָבן זיך די אַ־בעטער געריכט אויף אַ נייען יובילײ, זאָל מען עס זיי נישט פאַ־גינען? צום לעצטן מאָל האָט דער מיל-אייגנטימער געשענקט פינף טויזנט קראָן, און איצט, בעת עס דערנענטערט זיך שוין נאָך אַ יובילײ, גיט ער אויף זיין געשעפט. דאָס זעט אויס, ווי אַן עוולה, און אויב עמיצער ווערט דערביי באַעוולט, זענען עס די אַרבעטער, געדענקט עס, מיר לוין-שקלאַפן!".

יאָ, די לוין-שקלאַפן האָבן דאָס גוט געדענקט. נאָכמער, זיי האָבן איצט געהאַט פרייע הענט, אַ פרייען לשון, פרייהייט. אַלע האָבן געקאָנט אָנגרייפן דעם קעניג, די זעגלפאָסער ציייטונג האָט אים מיט קיין איין וואָרט נישט אָנגעקלאָגט, די אַרבעטער אָבער האָבן אים פאַרשאָלטן אויפן קול. פאַ־וואָס איז ער אַמאָל אַהער געקומען? משמעות — צוליב זיין שוואַכן געזונט, כדי צו געניסן דאָ פון דער סאָסנע-לופט. פונקט ווי אין מעקסיקע וואָלטן לחלוטין נישט געווען קיין נאָדל-וועלדער! פונקט ווי ער וואָלט אויף דער גאַנצער וועלט נישט געפונען קיין סאָסנע-בוים, אויסער אין זעגלפאָס! וואָס האָט ער דאָ געוואָלט? — כל-זמן ער האָט געקאָנט צופרידנשטעלן דעם גיריקן אַפּעטיט פונם פּראָלעטאַריער, איז אַלץ געווען בשורה, ער האָט געדאַרפט געבן די מענטשן מעל, צום בעסטן ווייצן-מעל צו ביליקע פרייזן, צום בעסטן וואָלט געווען אומזיסט; די אומצופרידנקייט האָט זיך אָנגעהויבן, בעת ער האָט געפאָדערט געלט, בעת ער האָט פאַר זיין שבירות געפאָדערט אַרבעט. אַז ער האָט מיט זיין

חוצפּה. מיט זיין להוטקייט פאַרדאַרבן דעם גאַנצן פּלאַן, דאָס האָט מען שוין מער נישט דערמאָנט, די מענטשלעכע נקמה־גירקייט האָט געפאָדערט אַלץ מער, מער. דער קעניג האָט איינגעפירט מזומן געלט, דאָס געלט האָט באַקומען אַלץ אַ קלענערן ווערט, די מטבעות האָבן געקלונגען אין אַלע קעשענעס, דער קעניג האָט זיי דערלאַנגט מיט אַ ברייטער האַנט — דער פּראַכטפולער קעניג! אָבער די השגות האָבן זיך געביטן, אַן אַנדער גייסט איז איצט אָנגעקומען, דער קעניג האָט איינגעפירט אַ ליקסוס־לעבן, וואָס דער געמיינער מענטש האָט נישט געוווסט ווי עס איינצואָרדנען, ווייל ער האָט נישט פאַרמאָגט דערצו נישט קיין שכל נישט קיין כאַראַקטער.

איצט האָט עס אויפגעהערט, וואָס זאָל עס באַדייטן? צי האָט עס באַדייט, אַז מען האָט איצט נישט געקאָנט שוין מער קויפן קיין קאָנסערוון, קיין זייגער־קייטעלעך און קיין ציגאַרן? איצט איז וואָס ווייטער אַלץ שווערער געוואָרן צו זיין אַן אַרבעטער, די קאַפּיטאַליסטן האָבן פאַרשפּילט זייער קאַפּיטאַל און געלאָזט די אַרבעטער אָן ברויט.

„מיר טראַכטן מיט גרויל וועגן דעם ווינטער!“.

אַסאַך האָבן זיך געקאָנט ביטער קלאָגן; זיי האָבן זיך איינגעהאַנדלט פערד צו משא־וואָגנס פאַר דער מיל, איצט זענען זיי די פערד געווען איבעריק.

— וואָס זאָלן מיר טון?

צו ערנסטקייט און צו אַרבעט זענען זיי מער נישט געוווינט געווען, זיי האָבן זיך דערפון אָפּגעשאָקלט, דעריבער האָבן זיי זיך גענומען אַרומשלעפּן, זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן אַרום טעאָדאָרס טאָמבאַנק און האָבן ליידנשאַפטלעך אַרומגערעדט דעם אַדוואָקאַט ראַשס אויסזיכטן בעת די וואַלן, די דיאַלעקט־פראַגע, וואָס איז אין נאַרוועגן געווען אַ פּראָבלעם פון גרויסער וויכטיקייט.

צי וויל ביי זיי טעאָדאָר נישט אָפּקויפן די פערד? יאָ, פאַר סחורות. טעאָדאָר האָט אַלץ געקויפט און פאַרקויפט, די פערד זענען אַריבער צו אים, ער האָט מיט דאַמפּפערס צעשיקט די פערד, איינס אַהער, איינס אַהין. טעאָדאָר איז געווען דער מענטש, וועלכער האָט איצט געקאָנט אויפקומען און אַלעמען ברענגען אַ ישועה; די מענטשן האָבן אַ דאַנק דעם געוועלב נישט געהונגערט, מען עסט אַ לאַנגע

צייט פאַר אַ פערד. און אַרום ניי-יאָר איז אָנגעקומען דער פאַנג פון די לאָפּאָטן-פיש, און זומער וועט מען זיך שוין ווי-עס-איז אַן עצה געבן. אָבער פע, מען שפּייט אויפן הער האָלמענגראַא!

— אַזוי זאָלסטו נישט רעדן! — האָט טעאָדאָר פלוצלונג געזאָגט.

— נו, מילא!

— ניין, ווייל הער האָלמענגראַא איז דאָך דער, וועלכער האָט זעגלפאָס געמאַכט פאַר אַ שטאָט, און דאָס האָט נישט געטון נישט דו, נישט דער אַדוואָקאַט!

גיט נאָר אַ קוק, דער קרעמער טעאָדאָר איז אין די לעצטע טעג אַריבער צום שונא. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פון פריילין האָלמענגראַא, און דערמאָלט האָט ער אַלץ דערזען אין אַן אַנדער ליכט. אַך, דער דאָזיקער בריוו, די דאָזיקע צוויי שורות: ליבער טעאָדאָר, אייער מאַריאַנע האָלמענגראַא; דאָס איז געווען אַלץ, וואָס איז נויטיק געווען, כּדי איבערצומאַכן דאָס יינגל טעאָדאָר. באַקומען זי וועט ער נישט, דערצו איז זי געווען צו אַריסטאָקראַטיש, אָבער אָפּגעשטויסן האָט מען דאָך אים נישט, מען האָט אים פאַרגימיקט, זי האָט צו אים געשריבן. ער האָט געלייענט דאָס בריוועלע הונדערט מאָל, באַהאַלטן זיך מיט דעם און עס געקושט, פאַרגעשפּילט פאַר דעם אויפן גראַמאָפאָן, געהאַלטן געזעגע-נונגס-רעדעס און פאַרגאָסן טרערן. דאָס איז געווען דער יינגל טעאָדאָר, ערגער איז ער נישט געווען, אַזאַ גוטער איז ער געווען. נאַטירלעך, האָט ער געגריסט מיטן בריוו, עס וואָלט געווען צו גרויסמוטיק, ער זאָל עס נישט טון, יאָ, טעאָדאָר האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער און נישט קיין אַנדערער האָט די ריכטיקע ידיעות וועגן דער ירידה פון הער האָלמענגראַא.

— דאָס זענען סודות, וואָס דו ווייסט זיי נישט, — האָט ער געזאָגט צו לאַרס מאַנועלסען.

— איך וויל זיי גאָרנישט וויסן.

— זיין קעלער איז שוין באַלד פאַרטיק, און דאָרט וועלן זיך געפינען אַסאַך אוצרות און טייערע זאַכן.

— אויב אַזוי, זאָל ער נישט פאַרגעסן, אַז ער איז דאַוועדראַנאַן אויך עפּעס שולדיק פאַר די אַלע קרענקונגען. — האָט לאַרס

מאַנועלסען געזאָגט, כּדי צו באַשיצן די אינטערעסן פון זיין פאַמיליע.

האָט עפּעס געשטעקט אין דעם, וואָס הער האַלמענגראַא האָט געוואָלט באַגראָבן זיינע אוצרות? ביים עולם האָט זיך דערוועקט עפּעס אַ ספק; ווער האָט דען געקאָנט וויסן אַלץ וועגן דעם קעניג! ער אַליין איז נאָך דאָ געווען, גאַרנישט נישט גערעדט אין זיך נישט באַקלאָגט; די מיל איז געשטאַנען, אָבער דער קעלער איז געוואָרן אַלץ פעסטער און זיכערער, און אָט איז ער פאַרטיק געוואָרן.

און וואָס?

דער וואָיט פון אורא פלעגט כּמעט יעדן טאָג קומען אין הער האַלמענגראַאָס שטוב און פלעגט זיך האַלטן, ווי אַ פריינד; אפשר איז ער אויך געווען דער פאַרטרויונגס-מאַן פונם צווייטן צד. זיין געגנוואָרט איז געווען אַ גרויסע טובה; פריילין מאַריאַנע און ער האָבן צווישן זיך ווידער געשפּאַסט, ווי זייער שטייגער, אין דער דאָזיקער שווערער צייט. דער אַלטער וואָיט איז געווען פריי פון חובות, בנוגע זיין קאַסע אַזוי גוט ווי בנוגע מענטשן, און אַגב, איז ער געווען אַלעמענס פאַרטרויונגס-מאַן, איצט האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע פון ווילדאַץ האַלמסען.

— איך האָב היינט באַקומען אַ טעלעגראַמע, ווילדאַץ האַלמסען קומט ווידער אַהיים, — האָט דער וואָיט, ווי פאַרביילויפנדיק, געזאָגט.

— ווער קומט? — האָט מאַ־יאַנע איבערגעפרעגט.

אָבער זי איז געווען גענוג באַהערשט, זי איז געבליבן זיצן רויק אויף איר שטול און האָט גערעדט ווייטער:

— הערט, הער וואָיט, אויב עס גייט דערצו, אַז מיר וועלן פאַראָרעמט ווערן, וועט מיך קיינער נישט וועלן נעמען, אָדער אפשר וועט מיך וועלן דער דאָזיקער פאַסטאָר לאַסען? אָדער אפשר וועט מיך נאָך פונדעסטוועגן וועלן דער קרעמער טעאָדאָר? אָבער אויב ער נישט, איז אפשר דער פאַסטאָר לאַסען; ווי מיינט איר?

— איצט קומט ער — האָט דער וואָיט געענטפערט, — דער יונגער ווילדאַץ איז שוין אין וועג.

— אַזוי, יאָ, אין וואַלד האַקט מען זיינע ביימער און מען נעמט

זיי אַוועק, צי האָט איר באמת דערהאַלטן פון ווילאַצן אַ טעלע-גראַמע.

— יאָ, און איך האָב אים געענטפערט, אַז מען ארבעט פלייסיק ביי זיין האַלץ. — האָט דער וואָס מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— צי קאָן איך זען די טעלעגראַמע?

און זע, ווילאַץ האָלמסען האָט באמת געלאָזט הערן וועגן זיך! דאָס איז געווען אַן עקספּרעס-טעלעגראַמע, עס איז געווען דערויף אַ רויט צעטל: איל-טעל.! וואָס האָט ער זיך געאיילט? אָפּצוהאַלטן מאַריאַנען, אויב זי וויל אַוועקפאָרן, צי בעטן זי, זי זאָל גלייך קומען קיין דרום און נעמען אים, ווי ער שטייט און גייט, הגם די אָפּערע איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרטיק.

„ליבער פריינט פון מאַריאַנע, פאָרש אויס דעם באָדן, צי האָב איך האָפנונג, אָבער ווייז עס נישט!”

אַ לאַנגע, אויפגערעגטע טעלעגראַמע, האסטיק, אומזיניק פאַרליבט. ער האָט איצט נישט אַרויסגעטויבט פון ריטערלעכקייט און נישט געפּאָדערט קיין רעכט — יאָ, ער האָט עס נאָר געדאַרפט פּרוון צו טון! — נאָר פון מורא, טאָמער פאַרשווינדט זי און וועט זיך מער קיינמאָל נישט ווייזן.

„איך פאָר איצט גראָד קיין צפון נישט צוליב דערנענטערונג, נאָר דערפאַר, ווייל מען דאַרף דאָ צורעכטמאַכן מיינע צוויי צימערן, ביז איך וועל קומען צוריק. ענטפער מיר קיין טראָנדהיים”.

— וואָס זאָל איך ענטפערן? — האָט דער וואָס געפרעגט.

— זאָלט איר מיר גאָר נישט ווייזן אַזעלכע טעלעגראַמעס. — האָט זי געענטפערט, ווערנדיק בשעת-מעשה טונקל-רויט. — יאָ, איר לאַכט, אָבער איך וועל עס אים זאָגן.

— איר וועט אים דען זען? — האָט ער מיט דער גרעסטער ערנסטקייט געפרעגט.

זי איז אָבער, ווי אַ ווינט, צוגעלאָפן צום שפּיגל און פאַרגלעט זיך מיט ביידע הענט די האָר, כּדי שיין אויסצוזען.

— צי איך וועל אים זען? לאָזט מיר נאָר נאָך אַ מאָל אַ קוק טון, צי שטייט נישט דאָרט, אַז ער וויל זיך זען מיט מיר אין טראָנדהיים?

— איך קאָן אייך אַזעלכע טעלעגראַמעס נישט ווייזן. — האָט דער וואָיט געזאָגט.

— איר פרעגט, וואָס איר זאָלט ענטפערן? איך וועל אַליין ענטפערן — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

דער וואָיט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר ווייסט דאָך נישט, וויפיל בוימער מען האָט אַוועקגענומען.

— איר ווייסט נישט. ווי מיין טייערער פּאַפּאַ איז? איך וואָלט... איך וואָלט בלויז...

זי איז אַרויס הינטער דער טיר און בשעת-מעשה געפרעגט נאָכאַמאָל דעם וואָיט, צי ער האָט באמת דערהאַלטן די טעלעגראַמע.

— ניין, איך האָב עס געקויפט. — האָט ער געענטפערט, און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

איבעריקנס — אויב פרייליין מאַריאַנע איז געווען צעטומלט און גליקלעך און אויב זי האָט אפילו געוואָלט אַוועקפאָרן פון דאַנען די מינוט, — האָט אָבער די שיף געדאַרפט קומען ערשט אין צוויי טעג אַרום, זי האָט אַרויסגעשיקט אין יענער צייט עטלעכע טעלעגראַמעס און האָט אויך אייניקע באַקומען. זי האָט געפּאַקט אירע קליידער און אַנדערע זאַכן אין אַ קופער. דער טאַטע האָט איר דערביי צוגעהאָלפן; ער איז געווען שווייגנדיק און גליקלעך, אפשר פון גרויס צופרידנקייט, וואָס די דימענטן-הייל איז שוין באַלד געווען פאַרטיק צום באַנוצן.

דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ גרויסע שיף; הער האָלמענגראַאַ האָט אַרויסגעהאָנגען אַ פלאַג, די שיף איז געבליבן שטיין ביי זיין לאַנדינגס-פּלאַץ און איז געקומען ספּעציעל צו אים. איצט האָט שוין דער עולם נישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס דאָ טוט זיך: צי איז, אָנגעקומען פאַר אים אַ נייע שיף מיט קאָרן און דער קעניג איז הייסט עס, נישט געפאַלן? הער האָלמענגראַאַ האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז ער האָט שוין אַ לענגערע צייט געוואַרט אויף דער דאָזיקער שיף און ערשט איצט איז זי אָנגעקומען, דאָס איז געווען ממש אַ נס. אַ שיף האָט צו אַ באַנקראָטירטן מענטשן נישט געקאָנט ברענגען קיין קאָרן, פונקט ווי זי האָט נישט געקאָנט אָנפּאַקן אַ פולן קעלער מיט קאָרן און אָפּפאָרן ווייטער.

הער און פרייליין האָלמענגראַא זענען ארומגעגאַנגען איבערן ראַנד פון שיף און זענען דאָרט לאַנג געבליבן. כל־זמן די געסט זענען געווען אויפן ברעג, האָט מען אויף דער שיף פייערלעך געפלאַגט, און ווען זיי זענען אַוועק אין שטאָט, איז דער קאַפּיטאַן אויך מיט־געגאַנגען. ער איז געווען אַ הויכער מאַן מיט אַ געלער הויט, מסתמא פון פרעמדע לענדער, האָט געפירט פרייליין מאַריאַנע אונטערן אָרעם און האָט גערעדט מיט איר אויף אַ פרעמדער שפּראַך, אינמיטן האָט ער אָבער דאָ און דאָרט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אין אַ געבראָכענעם זעגלפאָסער דיאַלעקט, פון וואָס אַלע האָבן געלאַכט. מאַריאַנע און הער האָלמענגראַא האָבן אים גערופן פעליקס.

און אָט איז דער יונגער פעליקס ווידער געקומען קיין זעגלפאָס אויף אַ היימישן באַזוך, בלויז אויף עטלעכע שעה, אינקאָגניטאָ. אָט איז ער געווען, מער פון אַלץ האָט אים געוווּנדערט, וואָס ער איז אין אַ היים, אָבער ער האָט פאַרגעסן די מענטשן און האָט קוים געדענקט די נעמען.

— יוליוס ? — האָט ער געפרעגט.—גאָטפרעד ? — האָט ער געפרעגט. וויללאַץ, פּוילינע, דער קרעמער פער ? צו ווען געהער דאָס גרויסע נייע געוועלב ? צו טעאָדאָרן ? איך געדענק אים נישט.

איצט האָט אויך הער האָלמענגראַא גענומען פּאַקן קופערס און קאַסטנס מיט כלערליי מלבושים, וועלכע בערטעל פון סאַגוויקאַ און אַלע יאָהאַן האָבן דאַן אַוועקגעטראָגן צום ברעג, פרייליין מאַריאַנע האָט זיך געוואָלט טרעפן מיט איר חתן אין טראָנדהיים, און איר פאָטער האָט זי באַגלייט.

— איך רעכן, אַז ער וועט ווידער קומען צוריק, — האָט אַלע יאָהאַן געזאָגט.

— מסתמא וועט ער קומען צוריק. ער האָט אונז נישט גע־זאָגט, וואָס ער האָט בדעה צו טון מיטן קעלער. — האָט בערטעל געענטפערט.

— דאָס הייסט, אַז ער וועט צוריק נישט קומען.

— ווער זאָגט עס ?

— דער אַדוואָקאַט זאָל עס האָבן געזאָגט.

בײדע האָבן בשעת־מעשה געטראָגן קופערס און קאַסטנס וויפיל מאָל זיי זענען צוגעקומען צום ברעג, האָט אַלע יאָהאַ

געשטעלט פּלערליי קשיות, ער האָט אָבער פון דער מאַנשאַפט נישט באַקומען קיין שום קלאָרע תשובה. דער קאַפּיטאַן גופא איז געווען אין שטאָט ביים הער האַלמענגראַא אָדער ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער געגנט און האָט זיך כסדר אַרומגעקוקט. די מענטשן האָבן אים דאָ און דאָרט באַגעגנט; ער האָט מיט זיי גערעדט, געלאַכט און האָט געקאָנט אייניקע זעגלפּאָסער ווערטער, אָבער בכלל האָט ער די אָרטיקע שפּראַך נישט געקענט. דאָס האָט געמוזט זיין אַ מין „אורנאָוועגיש״. דער רעדאַקטאָר קאָפּערוד האָט אויף דער פראַגע, וואָס דאָס איז פאַר אַ לשון, געענטפערט, אַז יאָ, אַז דאָס מוז זיין „אורנאָרוועגיש״.

זינט פּאַסטאָר לאַסען איז געווען אין זעגלפּאָס, האָט זיך דאָס „אורנאָרוועגישע״ שטאַרק געהויבן, עס איז געווען זייער וויכטיק, וואָס דער דאָזיקער געלערנטער און באַרימטער גייסטלעכער האָט זיך אָנגענומען פאַר דאָס אורנאָרוועגישע, יאָ, און אַפילו געלאָזט הערן גאָטס וואָרט אין אורנאָרוועגיש. אַלע אַרבעטער פון הער האַלמענגראַא, וואָס זענען איצט אַרומגעגאַנגען ליידיק, זענען מיטאַמאָל געוואָרן נאָרוועגיש-רעדנדיקע מענטשן, זיי האָבן איינער דעם צווייטן דערשטוינט מיט זייערע פאַרשריטן, און גיט נאָר אַ קוק, אָט איז געקומען אַ גרויסער קאַפּיטאַן פון דער פרעמד, פון אויסלאַנד, און ער רעדט אויך „אורנאָרוועגיש״ דער קאַפּיטאַן איז אויך אַריינגעקומען אין געוועלב, אַרומגעקוקט זיך, געקויפט דאָס און יענץ און גערעדט דערביי עפּעס אַ מאָדנעם לשון, אַז ס'איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין; אַלעמען איז געפעלן געוואָרן, וואָס ער האָט געזאָגט, יאָ, דאָס איז געווען מאַמע-לשון, אַ האַרץ-מאָנונג צו דער נאָרוועגישער אורצייט. די ליידיקגייער האָבן דעם קאַפּיטאַן אַסאַך מאָל צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און האָבן אָנגעהויבן אים נאָכצומאַכן. ער האָט זיי אין אַ קורצע צייט אויסגעלערנט זייער פּיל. נאָר אַ שאָד, וואָס ער פאָרט שוין אוועק צוריק!

אויף צומאָרגנס, גאַנץ פרי, זענען הער האַלמענגראַא מיט פרייליין מאַריאַנע און מיטן פרעמדן קאַפּיטאַן געגאַנגען צום ברעג. עס איז באַלד געוואָרן אַ שטיקל גערודער, און די אַרבעטער אָן ברויט האָבן מסתמא ביי זיך געטראַכט:

— הלואי זאָל ער דאָ פאַרבייגיין! מיר ווילן אים זען!

אויפן ברעג האָט געווימלט פון מענטשן, פרוי אירגענס האָט באַגלייט אירע באַלעבאַטים ביז צו דער שיף, זי איז וויינענדיק געשטאַנען אין אַ זייט, הגם זי האָט באַקומען אַסאַך געלט און מען האָט פאַר אירעטוועגן געזאָרגט. מסתמא האָט זי געוויינט דערפאַר, וואָס זי האָט פאַרלוירן אַזאַ גוטע הערשאַפט. דער ברעג-אויפזעער און זיין געהילף האָבן זיך באַוויזן אין זייערע זונטיק-קליידער און האָבן זיך באַשיידן געהאַלטן פון הינטן; בערטעל פון סאַגוויקאַ און אָלע יאָהאַן האָבן באַגריסט דעם טיל-אייגנטימער, ווי געוויינלעך, און בערטעל האָט געפרעגט:

— ווי איז עס, צי זאָלן מיר אַכטונג געבן אויפן קעלער, בעת איר וועט נישט זיין?

הער האָלמענגראַא האָט זיך אַ סעקונדע מישב געווען און ער האָט געענטפערט:

— יאָ, דער קעלער? ניין, אַזוי-ווי די שיף איז געקומען, ראַ־ף איך שוין נישט דעם קעלער.

ער האָט דערלאַנגט בערטעלן אַ דיקן פאַרמאַכטן בריוו און דאָס זעלבע אויך אָלע יאָהאַנען; ער האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן עס נישט עפענען, איידער ער פאָרט אַוועק. דאַן האָט ער זיי געדאַנקט פאַר זייער טרייער דינסט.

— איר וועט דען נישט קומען צוריק? — האָט אָלע יאָהאַן געפרעגט.

— ווען מיין טאָכטער וועט זיין די גנעדיקע האַרין פון דעם פריצישן הויף, וועל איך מסתמא קומען אַמאָל זי באַזוכן. — האָט הער האָלמענגראַא געענטפערט.

די דאָזיקע תשובה האָט זיך גלייך פאַרשפרייט איבערן גאַנצן ברעג; ניין, הער האָלמענגראַא גייט נישט אַוועק, זיין טאָכטער בלייבט דאָ, און ער אַליין וועט אויך קומען צוריק! די אומגעטרייסטע אַרבעטער האָבן דאַן אויפגעהערט צו ברומען און צו פייפן דורך די פינגער, קיין שלעכטס האָבן זיי נישט געטון, יאָ, זיי האָבן צוגעהאָלפן אָפּבינדן די שיף, זיי האָבן מיט בענקשאַפט באַטראַכט זייער פריערדיקן באַלעבאָס. דאָרט ביים ברעג איז ער געשטאַנען; קיין שטרענגער, קאַמפּסלוסטיקער אַרבעטסגעבער איז ער קיינמאָל נישט געווען — אַ גליקלעכע רייזע! קיין שלעכטע זענען זיי נישט געווען, ער זאָל

נאָר נישט שיקן קיין טויזנט קראָן צום פאַרטיילן צווישן זיי, ווייל עס וואָלט געווען צו ווייניק, זיי וואָלטן באַלד געגומען ברומען, פאַרוואָס ער האָט נישט געשיקט קיין צוויי, ווייל זייער שוויס אַליין האָט דאָך אים געשאַפן דאָס געלט. זיי האָבן די טבע פונם פּראָלעטאַריאַט, זייערע אייביקע אומצופרידנקייט איז נישט ווי ביי אַ חיה, זייער גיריקייט פאַרלאַנגט אַלץ מער, מער.

דער קרעמער טעאָדאָר האָט אויך געהערט הער האָלמענגראַאָס תשובה, און זי האָט אים אַ שטאָך געטון און האַרצן. די גנעדיקע האַרין אינם הויף, יאָ, נישט קיין איבעראַשונג: עס העלפט גאָרנישט וואָס מען האָט אַ פירמע און מען איז דער גרעכטער אין דער בראַנזשע, — דער גורל איז געווען שטאַרקער, אָט איז זי געשטאַנען און —

— פאַרבלייבט געזונט, איך ווינש עס אייך!

דאָ איז פּלוצלינג, ווי אַ ווילד פערד, אַריינגעלאָפן אין סאַמע מיטן אַריין אַלע יאָהאַן, וועלבער האָט זיך אַ ווײַלע געהאַט דערוויימערט. דער נייגעריקער מענטש האָט זיך, נאַטירלעך, נישט געקאָנט איינהאַלטן, ער איז אַוועק אין אַ זייט און געעפנט דעם פאַרמאַכטן בריוו; איצט איז ער געקומען צולויפן צו בערטעלן פון סאַגוויקאַ און געזאָגט:

— עס איז נישט קיין געשריבענע ירושה, ווי דו קלערסט, נאָר מזומן געלט. מאַך אויף דיין בריוו און גיב אַ קוק!

— ווען ער וועט אָפּפאָרן, — האָט בערטעל געענטפערט.

פּאַטעלעך איז געקומען צוגיין באַרדסען, טונקל געקליידט און געפרווירן. זייער ליידנדיק צוליב אַ שטאָך, וואָס ער האָט באַקומען אין ברוסט. דער מערקווירדיקער באַרדסען, דער אומטעגלעכער באַרדסען, אָפּגעזאָגט פון זיין פאָרשטייער-שטעלע אין טעלעגראַפן-אַמט, נאָר אַ טעלעגראַפיסט אונטער דעם קליינעם גאָטפּרעד, פונקט אַזוי בנעימותדיק און אין די אַקסלען זיך וויגנדיק ווי פריער, אָן חרטה, אָן פאַרביטערונג! ער האָט באַגריסט די הערשאַפט אויפן דעק; זיין הוט האָט ער אַראָפּגענומען אין דער גאַנצער ברייט פון אָרעם, קיינער האָט זיך נישט געקאָנט גריסן מיט אַן אַלטן הוט אַזוי גוט, ווי באַרדסען. און די הערשאַפט האָט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג פונקט אַזוי טיף, הער האָלמענגראַאַ האָט געדאַנקט

דעם טעלעגראַף-באַאַמטן פאַר דער גאַנצער אַרבעט. וואָס ער האָט פאַר זיינעטוועגן געטון ; באַרדסען האָט ווידער טיף אַראָפּגענומען דעם הוט און זיך צוריקגעצויגן.

איצט האָט הער האָלמענגראָ צוגערופן טעאָדאָרן. ער האָט אים צוגעגעבן מוט, דעם יונגנמאַן, אויך ווייטער פלייסיק צו אַרבעטן און :

— גריס טאַטע-מאַמע !

מאַריאַנע האָט צו אים געשאָקלט מיטן קאָפּ, אינם זעלבן אויגנבליק האָט זיך די שיף געריררט פון אָרט, און דאָ איז טעאָדאָר מיטאַמאָל דורכגענומען געוואָרן פון אַ שטאַרקער גערירטקייט : די מעכטיקע שיף, וואָס האָט געלאָזט אַלץ אַ גרעסערן שטח צווישן זיך און דעם ברעג, דער לעצטער גרוס פון מאַריאַנען ; דאָס איז געווען אויף אייביק, דאָס איז געווען נישט צום דערקלערן, עס האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם.

— דיין טאַטע איז טויט. — האָט זיך אָנגערופן אַ שטים לעבן אים.

דאָס האָט געזאָגט יוליוס.

טעאָדאָר האָט זיך אומגעקערט פון אַן אַנדער וועלט :

— וואָס זאָגסטו ?

— דיין טאַטע, נאָר-וואָס איז ער געשטאָרבן. איך קום גראָד פון געוועלב.

— מיין טאַטע איז טויט ?

— יאָ.

מיט איין זעץ איז טעאָדאָר ווידער אין זיין אייגענער וועלט, ער זעט נישט מער די שיף, ער פילט נישט מער קיין אומדערקלערטע גערירטקייט, ער איילט אהיים און זוכט אויס זיין מאַמע.

— יאָ, דער טאַטע איז טויט, — זאָגט זי, בליפנדיק — ער איז היינט אינדערפרי געווען אַזוי עלנט, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. צי איז דיר שלעכט, פרעג איך ? האָב איך אים געפרעגט, אָבער ער האָט נישט געענטפערט. און איצט איז ער טויט.

יאָ, יאָ, — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

אייגנטלעך, האָט ער זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פלוצלינגדיקן

טויט; אָבער ער איז געקומען נישט צו פּרי, ענדלעך האָט גאָט געטון מיט זיין מאַטן דעם דאָזיקן חסד. אַסאַך האַסטיקע געדאַנקען זענען טעאָדאָרן געפלויגן אין קאָפּ, דער אָרון, די קבורה, אַ צלם אויפן קבר. ער איז אַוועק אין געוועלב און האָט אויסגעקליבן פאַר זיין הוט אַ שוואַרצן טרויער-באַנד. צי זאָל ער אפשר טראָגן אַ טרויער-באַנד אויך אויפן אָרעם? און אויף וועלכן אָרעם? ווער וואָלט עס אים געקאָנט זאָגן? אפשר אויף ביידע אָרעמס? דער רעדאַקטאָר קאָפּערוד האָט אַוודאי געוווּסט, ווי עס איז ריכטיק, אָבער טעאָדאָר איז נישט געווען מיט אים געגוג באַפריינדעט, פאַרקערט. אפשר האָט עס געוווּסט דער פאָטאָגראַפיסט? ער האָט צוגעשיקט פרעגן דורך זיין שיק-יינגל; ניין, דער פאָטאָגראַפיסט האָט נישט געוווּסט. טעאָדאָר איז אין אַזעלכע ענינים געווען זייער פּינקטלעך און האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין טעות. באַרדסען האָט עס זיכער געוווּסט. און אפשר זאָל ער זיך אויך איינשאַפן שוואַרץ-געראַמטע בריוו-פּאַפּיר, ווי ס'איז דער מנהג אין אַנדערע שטעט?

ער האָט אַליין אויפגעזוכט באַרדסענען, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער אַרויסגעהאָנגען אַן אַראָפּגעלאָזטע פלאַג.

— אפשר זאָל איך אַרויסהענגען די פלאַג אויך אויפן טעאַטער? — האָט ער געטראַכט; און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצוהענגען אַן אַראָפּגעלאָזטע פלאַג אויך אויפן טעאַטער. איצט איז אַלץ געווען אָפּגעטון. טעאָדאָר איז אויך אין טרויער, און אבלות געווען זייער ענערגיש; אַלץ האָט ער געדענקט צו באַזאָרגן, ער האָט געגעבן צווויסן וועגן טויט דעם פאַסטאָר און דעם וואָיט, ער האָט באַשטעלט אַ קבר און געיאָגט דעם בעקער צו באַקן קוכן. וואָס מאַכט עס אים אַזוי פריש און פייערדיק? ער האָט עס באַהאַלטן, אָבער אייגנטלעך, האָט ער צוליבן טאַטנס טויט זייער פיל געוווּנען, דאָס איז געווען אַ פאַל, ווען ער האָט פאַרדינט און נישט געמוזט פאַרן רווח געבן קיין סחורה.

פאַטעלעך זענען געקומען צוריק די צוקוקער פון לאַנדונגספלאַץ און פון לאַנער-הויז, די גרויסע שיף מיטן קעניג טאָביאַס און מיט זיין טאָכטער איז שוין ווייט פאַרשוווּנדן אין אַ גרויען שטרייף, איצט האָט אַן עולם געשטראָמט אין געוועלב אַריין, זיך צו דערוויסן וועגן דער נייער פאַסירונג.

— אך, אזוי, איז ער איצט אוועק? יאָ, יאָ, דער ליבער גאָט האָט אים לאַנג געמאַטערט, איידער ער האָט אים גענומען צו זיך!

לארס מאַנועלסען האָט באַדויערט, וואָס דער קרעמער פּער איז נישט געשטאָרבן, בעת זיין זון לאַסען איז געווען אין זעגל־פּאָס; ער האָט עס אָבער געטון נאָר פאַר פּערס ווענן, ווייל ווען ער שטאַרבט פריער, וואָלט מען דאָך געקאָנט הערן אויף זיין לויה אַ ריכטיקן הספד.

XVII

דער הספד וואָלט געמעגט זיין אַ שענערער, מען איז געווען אומצופרידן, זעגלפּאָס האָט דערביי גאָרנישט נישט פאַרדינט. פּאַסטאָר לאַנדמאַרק האָט דאָ געהאַט די איינציקע גוטע געלעגנהייט צו רעדן צום עולם ערנסט; אָבער ניין, ער האָט די דאָזיקע געלעגנהייט נישט אויסגענוצט, און איבעריקנס — האָט ער גאָר נישט געקאָנט האַלטן קיין דרשה. דער גאַנצער עולם איז געווען אויפמערקזאַם, אַלע אויערן זענען געווען נייגיריק אָנגעשפּיצט — וועט דער פּאַסטאָר נישט דערמאָנען דעם קרעמער פּערס זינד, צי וועט ער זיי אַדורכלאָזן? ער האָט זיי דורכגעלאָזן.

דער פּאַסטאָר לאַנדמאַרק איז געווען אַ האַנדווערקער, ער האָט געשמידט, געאַרבעט, ער האָט געהאַט אַ פיינעם חוש פאַר דער פאָרם, פאַר דער ליניע, דער קרעמער פּער האָט מסתמא קיינמאָל נישט אָפּגעטון קיין פיין־געפאָרעמטע זאַך, מען האָט נאָך אים קיין זאַך נישט געקאָנט דערמאָנען, אויסער נאַרישקייטן און אַ קלאָגעדיק לעבן. אַזאַ פּראָסטער מענטש איז דאָך פונדעסטוועגן דער קרעמער פּער נישט געווען, אָבער דער פּאַסטאָר האָט אים נישט געקענט. מען האָט עס אַרויסגעפילט פון זיין רעדע, די גאַנצע לויה איז אים געווען גלייכגילטיק. אַלע זענען געווען אַנטוישט פון דער דרשה; טעאָדאָר, וועלכער האָט שטענדיק געהאַט אַ גוטן געהער, איז געווען געקרענקט פון דעם פּאַסטאָרס גלייכגילטיקן טאָן און ער האָט אים דעריבער אפילו נישט פאַרבעטן צו דער לוויה־סעודה, חס ושלום!

— ווייל ער איז דאָ געוואָרן דער וואָרטפירער, דאַרף ער נישט זיין אומפאַרשעמט צו פאַרשטאָרבענע מענטשן. — האָט טעאָדאָר געזאָגט. — און אויף אַזאַ אָרון וואַרפט ער נישט יעדן טאָג קיין ערד. — האָט ער געזאָגט.

דאָס איז געווען אמת, וועגן דער טרומנע האָט מען זייער פיל גערעדט; זי איז געווען פּראַכטפול, עקסטרא געבראַכט פון טראָנדהיים מיט „שלאָף אין פרידן!" צוזאַמען מיט מלאכים, וואָס האָבן זיך דערלאַנגט די הענט, אַלץ ווי פון זילבער געמאַכט. טעאָדאָר האָט געלאָזט שטיין די טרומנע איין טאָג אויפן לאַנדונגס-פּלאַץ, כּדי דער עולם זאָל זי קאָנען זען, איידער זי ווערט באַנוצט. אין דעם טאָג פון דער קבורה איז נישט גאַנץ זעגלפּאָס געגאַנגען אויף דער לוויה, דערפאַר אָבער איז אַדוואָקאַט ראַש געקומען צוקריכן, ער האָט גע-ווּסט, וואָס ער איז שולדיק אַן אוועקגייענדיקן קונד; און טעאָדאָר האָט פון בית-עולם געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגן צוג, וועלכן ער האָט מיטגענומען צו זיך אַהיים, קונדן פון דער געגנט, און פון דעם אַרומיקן עולם די נאָענט-שטייענדיקע. צווישן זיי איז אויך געווען לאַרס מאַנועלסען. און ער איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין אַ פראַק. ניין, ווי זיין צורה האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט אינם נייען מלבוש, און די סיורא, ניין, זי האָט שוין מער נישט געשריגן! צי האָט זי שוין לאַרס מאַנועלסען מער נישט דערקענט?

די לוויה-סעודה איז, פאַרשטייט זיך, געווען פון בעסטן סאָרט. קיין וואַרעם עסן, נאָר קאַווע מיט כּלערליי קוכן, בּויטן, קאָנסערוון, ביר און וויינען. יוליוס איז ווידער געווען באַלעבאָס אויפן אָרט פונם אייגנטימער, און דעם שוסטער נילס האָט ער צוגענומען צו הילף. יאָ, עס איז געווען אַ גרויסאַרטיקע סעודה. איצט איז עס שוין לאַנג פאַרביי, אָבער דער עולם האָט געהאַט גענוג סיבּות זיך אָן דעם צו דערמאָנען, און צווישן אַנדערע אויך יוליוס.

אין אָוונט איז ער פּלוצלינג צוזאַמען מיטן שוסטער נילס גערופן געוואָרן אין טעאָדאָרס קאַנטאָר אַלס עדות. דאָ איז געשטאַנען דאָס מיידל פלאָרינאַ, זי און טעאָדאָר, עס האָט אויסגעזען אַביסל פייערלעך, קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

— וואָס פאַרלאַנגסטו פון אונז? — האָט יוליוס געפרעגט.

פלאָרינאַ האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, נאָר זי האָט

געמאַכט אַן אנטשלאָסענע, צולהכעיסריקע מינע, שוין אַ לענגערע צייט, ווי זי האָט אַ סוף געמאַכט מיט דעם וואָלענעם טוך אַרום מויל; עס וואָלט מער קיין צוועק נישט געהאַט, זי האָט קיין שום צאָן-ווייטיק און ברעכעניש נישט געהאַט, און דאָס טוך איז איר נאָר געווען צו לאַסט, חוצדעם האָט דער אַדוואָקאַט דורכויס פאַרלאַנגט, זי זאָל עס אַראָפּנעמען. אָט איז זי דאָ געשטאַנען. צי וויל מען זי פאַרהערן? זאָלן זיי נאָר פּרווון!

טעאָדאָר האָט גענומען דאָס וואָרט.

— עס איז געקומען די פּאָסט, — האָט ער געזאָגט און ער איז אַריבער צו דער זאַך — איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין פריינט דידריקסען, — האָט ער געזאָגט — דו דערמאָנסט זיך, פלאָרינאַ, דעם פאַרטרעטער פון דער פירמע דידריקסען עט היבערעכט?

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט פלאָרינאַ האַסטיק גע-פרעגט.

— דו האָסט געשריבן צו זיין כלה, צו פריילין ראַהעל.

פלאָרינאַ האָט פול מיט גיפט און גאַל געענטפערט:

— אפשר האָב איך אים געדאַרפט שווינען?

— זי האָט מיט אים איבערגעריסן, — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

— נו, אַ גליקלעכע רייזע!

— איצט וויל איך דיר עפּעס זאָגן, — האָט טעאָדאָר געענטפערט. — אָט שטיי איך דאָ מיטן בריוו פון מיין פריינט דידריקסען אין דער האַנט. דו האָסט זיך נישט באַצויגן צו אים, ווי אַ דזשענטלמאַן, אָבער איך רעכן, אַז מיר וועט זיך איינגעבן אַלץ צו פאַרריכטן, ווען איך וועל דיר אויסצאָלן אַ געוויסע סומע. דו ביסט אַ גוטער קונד און פערזענלעך האָב איך נישט צו דיר קיין שום טענות.

— וויפיל האָט ער פאַר מיר באַשטימט?

— נו, וויפיל ער האָט באַשטימט? אַלץ איינס, איך וועל דיר אויסצאָלן אַ סומע פון טויזנט קראָן.

פלאָרינאַ האָט אַ צוק געטון, דאָס האָט אַריבערגעשטיגן אירע דערוואַרטונגען, און זי האָט געזאָגט:

— דו ביסט עס בכוח?

— צי איך בין עס בכוח, דאָס איז נישט דיין דאגה. איך נעם

עס אויף זיך. טויזנט קראָן קעגן אַ קוויטירונג. יוליוס און נילס, איר זענט עדות.

יוליוס האָט גענומען אויספרעגן. ער איז בשום אופן נישט געווען קיין מענטש, וואָס האָט מורא צו שטעלן פראַגן אַהין און אַהער, און דאָ האָט זיך סוף־כל־סוף געהאַנדלט בלויז וועגן דינסט־מיידל פלאָרינאַ. ער האָט אָבער באַקומען נאָר די נויטיקע קורצע תשובות, און פלאָרינאַ האָט געזאָגט:

— דאָס זענען זאַכן, וואָס גייען דיך נישט אָן, יוליוס.

דעמאָלט האָט טעאָדאָר דערלאַנגט אַ דייטלעכע קוויטירונג מיט אַ דאַטע און אונטערשריפט, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז קעגן אַ סומע פון טויזנט קראָן זאָגט זיך פלאָרינאַ אָפּ אויף דער צוקונפט פון כל־ערליי תביעות צום הערן דידריקסען, וואָיאַזשאָר פון דער פירמע דידריקסען עט היבּרעכט.

אָבער איצט האָט פלאָרינאַ זיך מישב געווען און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן. די סומע איז צו קליין, זי מוז באַקומען נאָך אַ טויזנטער, ווייל אַזוי פיל האָט זי טאַקע פאַרלאַנגט. איר גיריקייט האָט געפאָדערט מער, מער. אַזאַ מין רייזנדיקער הער דאַרף נישט באַהאַנדלען אַן אָרעם מיידל, ווי אים גלוסט זיך.

סוף־כל־סוף איז טעאָדאָר צוגעשטאַנען, און זי האָט אונטערגעשריבן, נישט אויפהערנדיק דערביי צו מורמלען; יוליוס האָט זיך קוים מיט צרות אונטערגעשריבן, ער האָט געזאָגט, אַז ווי אויף צו להכעיס שרייבט ער צום ערגסטן די אותיות פון זיין נאָמען. אָבער דער שוכטער נילס איז געשטאַנען, ווי אַ סקעלעט, און האָט אָנגעשריבן זיין נאָמען מיט ריזיקע אותיות.

— צי ווילסטו די סומע באַקומען באַלד אויסגעצאָלט אָבער דו ווילסט זי לאָזן ביי מיר? — האָט טעאָדאָר געפרעגט.

פלאָרינאַ האָט אַ טראַכט געטון, אַז אַ גוטע זאַך איז בעסער צו האָבן ביי זיך אין האַנט, איידער ביי עמעצן, און זי האָט פאַרלאַנגט די סומע.

און אַזוי־ווי טעאָדאָר האָט גראָד איצט אָפּגענומען דעם גאַנצן יערלעכן באַטרעף פון די קלעפּפּיש־לאָדונגען, האָט ער געקאָנט ברייט פונאַנדערעפענען די אייזערנע קאַסע און אַרויסנעמען פון אַ בינטל באַנקנאָטן אַ טויזנט־קראָן־שטיק. וואָס האָט לחלוטין נישט געמינערט די

דיקקייט פונם בינטל. די ברוסט פון די עדות האָט זיך אונטער אַ טיפן ויפץ געהויבן, און דער שוסטער נילס האָט זיך שטיל און פאַרשעמט צעלאַכט צו זיך אַליין.

— אָט איז עס, צייל איבער! — האָט טעאָדאָר געזאָגט צו פלאָרינאַן.

ער איז געווען גליקלעך, יאָ, ער איז געשטאַנען, ווי אָנגעשפּאַרט אויף אַ שווערד, דער צופאַל האָט אים געצוווּנגען צו ווייזן זיין געלט, ער וואָלט געווען זייער אַנטוישט, ווען פלאָרינאַ וואָלט נישט גע־פאָדערט איר געלט. איצט האָט ער זיך שוין נישט גענויטיקט אין הער דידריקסענס געלט, וואָס איז פאַר אים אַ געוויסע צייט געווען אַן אויסגעצייכנטע הילף. דאָס איז געווען מזל, אַלץ האָט מיטגע־האָלפן דעם יונגן טעאָדאָר.

נאַטירלעך, האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דעם יונגן הער דידריקסען; דער שטורמישער לייבטזיניקער בחור איז ווידער געווען אין וועג, משמעות, ער האָט אויך איצט געשריבן דירעקט נאָכן צוריק־קומען פון אַ סעודהלע:

„דאָס מיידל — ווי הייסט זי דאָרט? — דאָס זעגלפאָסער מיידל, גאָט איז מיט איר! אָבער זי האָט מיך באמת פאַרמסרט פאַר ראַהעל, איר געדענקט דאָך ראַהעל, דעם קאָנסולס טאָכטער? באַצאָלט דעריבער דעם זעגלפאָסער מיידל בלויז איין טויזנט קראָן, זי איז אַ רכילותניצע, זי האָט מיך פאַרמסרט, און ראַהעל האָט צעריסן די תנאים. קורץ גערעדט, באַצאָלט איר, לויט ווי איר געפינט פאַר נויטיק. דער מייסטער זאָגט — איר ווייסט דאָך, דער מייסטער, ער איז מיין טייערסטער פריינט און אַן אומגעהויער קלוגער חברה־מאַן — אַלזאָ דער מייסטער זאָגט, מיר זאָלן איר געבן אַ העלפט, אָבער איך וויל, אַז די מוסרטע זאָל באַקומען אַ טויזנטער, זי איז עס ווערט, און איך וואָלט איר געקאָנט געבן מערער, אפשר אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג. ראַהעל האָט מיט מיר איבערגעריסן, אָבער דאָס איז געשען אין אַ גינציקן מאָמענט, פונקט דעמאָלט, ווען איך האָב זיך אַ צווייט מאָל פאַרקנסט. איר קאָנט זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, ווי אַנציקנדיק זי איז, מיין היגע דאַמע, איך האָב זי שוין ליב געהאַט פון לאַנג, אָבער ערשט איצט האָט זי מסכים געווען, ווייל איך בין דאָך געווען פאַרבונדן מיט אַן אַנדערער, ווי הייסט זי דאָרט?

איר נאָמען איז פרײלין היבּרעכט, די טאָכטער פונם באַלעבאָס, אַכצן יאָר אַלט. ווען איך וועל קומען, וועל איך אייך ווײַזן איר בּילד. שפּעטער האָט מיר ראַהעל געשריבּן נאָך אַ בּריוו, אָבּער דאָס האָט שוין נישט געקאָנט בּײַטן מײַן באַשלוס. איך בּין זייער גליקלעך, און אַזוי-ווי דאָס טיוואָלאָנישע זעגלפּאָסער מיידל איז אין אַ געוויסער מאָס די סיבה דערפון, בּעט איך אײַך צו דאַנקען איר אין מײַן נאָמען פון גאַנצן האַרצן. איך וועל ראַהעלן נישט פאַרגעסן, אָבּער סוף-כּל-סוף איז עס געווען בּלויז אַ מאָמענטאַלע פאַרליבּעניש, און קיינער קאָן נישט גיין קעגן זײַן גורל. פרײלין היבּרעכט הייסט העלענע, בּלויע אויגן, אַכצן יאָר, גיט-זשע, אַלזאָ, איבּער דעם מיידל מײַן האַרציקן דאַנק און נעמט אָן אויך איר מײַן טיפסטע דאַנקבּאַרקייט, וואָס איר האָט אַזוי פרײַנטלעך גענומען אויף זיך צו בּרענגען די זאַך אין אָרדנונג. אַדיע!"

טעאָדאָרס פאַרבּינדונג מיטן יונגן דידריקסען האָט געהאַט אויף אים אַ גוטע השפּעה; דער גרויסער בּחור איז געווען לײַכטזיניק, אָבּער גרויסאַרטיק, גוטמוטיק, האַרציק — טעאָדאָר האָט אַזש געפועלט בּײַ זיך נישט צו נעמען קיין פּראָוויזיע און ער האָט דעם זעלבּן טאָג אָפּגעשיקט פלאָרינאַס קוויט צוזאַמען מיטן איבּעריקן געלט. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם טאָג פון זײַן טאַטנס לויה. — אין דעם זעלבּן טאָג האָבּן בּיים האָטעל-אייגנטימער יוליוס גענומען אַרויסקריכן די אויגן פון קאָפּ, וואָס פאַר אַ טייער ווײַבּ פלאָרינאַ וואָלט געקאָנט זײַן, און ער האָט אָנגעהויבּן זיך צו איר צוצושאַרן.

נאָך די גרויסע געשעענישן האָט זיך זעגלפּאָס בּיסלעכווײַז בּאַרויקט. עס האָט געהייסן, אַז די מיל זאָל צום פרילינג ווידער נעמען גיין, דערווײַל אָבּער איז נאָך געווען ווינטער און פאַר אַסאַך מענטשן אַ זייער שווערע צײַט. דער קרעמער טעאָדאָר האָט אין יענע טעג אַרויס-געוויזן מערער דינסט-גרייטקייט, ווי מען האָט פון אים דערוואַרט; ער האָט געזייט אַרום זיך פרײַנטלעכקייט, אַרויסגעשיקט וואָס-מער לוין-אַרבּעטער נאָך די לאָפּאָטן און האָט ווי-ווײַט-מעגלעך געהאָלפן דעם עולם אַדרבּא-שטופּן די צײַט. נאָך אַ לאַנגע צײַט האָט מען געשפּירט די נאָכווייען פון הער האָלמענגראַאַס אונטערגאַנג, אָבּער טעאָדאָר איז שוין איצט נישט געווען אַזוי קורצזיכטיק, ער זאָל אָנגרייפן דעם מיל-אייגנטימער: איצט, ווען די מיל איז געשטאַנען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין

שטאָט איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דאָס געלט, טעאָדאָר האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו מאַכן געשעפֿטן, הער האָלמענגראָא האָט אַלץ אָפּגעשטעלט, איצט איז דער פֿאָטאָגראַפֿיסט געזעסן אין זיין בוידעם־שטיבל און אויסגעגאַנגען פֿון הונגער, דער שוסטער נילס האָט פֿאַרדינט זיינע לעצטע צוויי קראָן בעת דער לוויה פֿונם קרעמער פֿער, און די זעגלפֿאָסער צייטונג האָט פֿאַרלוירן אירע אַבאָנענטן. טעאָדאָר האָט אַרויסגעהאָלפֿן דאָ און דאָרט, ער איז נישט געווען פֿון שטיין; אָבער ער האָט קיין סך נישט געלייזט. זעגלפֿאָס איז געשלאָפֿן, דער פֿאַרקער האָט אויפֿגעהערט, מען האָט אַפֿילו געשמועסט, אַז ס'איז גענוג צו האָבן אין טעלעגראַפֿן־אַמט בלויז איין באַאַמטן, — כּדי מיט דער צייט צו קאָנען איינגאַנצן אויפֿגעבן דעם דאָזיקן אַמט. יעדנפֿאַלס וואָלט באַרדסען געבליבן אויף דרויסן.

וואָס שייך אָבער דעם שוסטער נילס, ער איז געוואָרן פּשוט אַ שאָטן פֿון זיך אַליין, אַ מין געשפּענסט, ווייל עס איז געווען אַ סוף צום טעאַטער מיט אַלע טענץ און דראַמאַטישע שטיק. כּל־זמן ער האָט געקאָנט, איז ער אַרומגעלאָפֿן אין זיינע צעלעכערטע פֿאַבריק־שטיוול, גרינג אויף די פֿיס און שטאַרק אָפּגעצערט, איבער אַלע וועגן, און ער איז געווען אומגלויבלעך מאָגער. זיין צוקער־זיס פּנימל, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט שטענדיק געלויערט אויף עפּעס אַ שפּאַס, האָט נאָך צוגעגעבן עפּעס דערשרעקנדיקס און קאָמישעס צו זיין געשטאַלט; ער האָט באַקומען דורך דעם עפּעס מוראַדיקס, עפּעס, וואָס איז געווען נאָענט צו משוגעת. איצט האָט ער פֿאַרלוירן זיין לעצטע האָפֿנונג, ער איז געווען ביים אַדוואָקאַט ראַש און דאָסמאָל איז ער געגאַנגען גלייך דורך דער קאַנצעלאַריע, כּדי פֿרוי ראַש זאָל אים נישט זען — אין קאַנצעלאַריע האָט ער געפֿרעגט דעם אַדוואָקאַט, צי וועט מען די צייטן לטובֿת זעגלפֿאָס נישט אויפֿבויען קיין באַזאַר, און ער האָט באַקומען אַן ענטפֿער, אַז ניין, די צייטן זענען נישט גינציק פֿאַר קיין באַזאַרן.

— ניין, ניין, — האָט נילס געענטפֿערט, אָבער דאָס איז געווען זיין לעצטע האָפֿנונג.

ער איז אַוועק אין געוועלב און געקויפֿט זיך דאָרט אַ פּאָר קליינע סובאַרעס, קיינער האָט נאָך אין זיין לעבן אַזוי שטאַרק נישט געהונגערט.

— גיט מיר אַ פּאָר סובאַרעס צו מיין נאָכמיטאָג־קאַווע. — האָט ער געזאָגט.

ווען ער האָט געוואָלט באַצאָלן, האָט ער די זעלבע פינף־ער־מטבע אַרויסגענומען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד און האָט לאַנג געזוכט אין זיין בייטל, פּונקט ווי ס'וואָלט אים אויסגעקומען קשה, פאַרוואָס געפינט ער נישט דאָרט נאָך אַביסל קליינגעלט. ער האָט געשמייכלט, בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס שמייכלען איז אים שטענדיק אָנגעקומען לייכט, אָבער אויב ער האָט איצטער געשמייכלט, האָט ער עס זיכער געטון געצוווּנגענערהייט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז באַרדסען געקומען צוקריכן צו אים אין שטוב אַריין און געבראַכט מיט זיך עסנוואַרג מיט בראָנפן מיט אַן אויסגעצייכנטער שטימונג — אָ האָ!

— איך בין גראָד פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך געוואָלט צו דיר אַריינשמעקן, — האָט ער געזאָגט — קום אַהער, פאַרזוך נאָר!

רער שוסטער נילס האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, — ער האָט געזאָגט, אַז צוליב ווייטיק אין די אברים — און דעריבער איז נישט געווען קיין פּייער אין אויוון. ער האָט אָבער מיט אַ צו גרויסן אַפּעטיט טועם געווען פון די גוטע זאַכן און געטרונקען אַביסל שנאַפּס. באַרדסען איז פאַר אים געווען, ווי אַ דאָקטאָר, און ער האָט געזאָגט:

— עס נישט איצט קיין וווּרשט, ווייל דו וועסט בלויז ווערן דורשטיק, עס בעסער די פּוטש־ברויטן! עס איז זייער פיין, וואָס דו ווילסט מיר אַ ביסל העלפן, איך בין געווען ווייט און האָב מיר דאָס אַלץ מיטגענומען אַלס שפּייז אויפן וועג.

באַרדסען האָט אין אויוון געמאַכט פייער און ער האָט אַזוי ווייט דערפירט דעם שוסטער, אַז ער איז אויפגעשטאַנען, כדי אויפצוקאָכן קאַווע.

— אָהאָ, עס וועט שוין זיין גוט, אַלץ וועט גיין בשורה, נילס!
— יאָ, ווען איר קומט, הער באַרדסען, זעט אַלץ אויס גוט!

יאָ, עס איז אַוועק גוט, אָבער דורך וועלכן וועג! אין די אויגן פון אַלע פאַרשטענדיקע מענטשן איז עס גראָד געגאַנגען שלימזלדיק. דעם שוסטער נילס האָט מען נאָך נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס מיט איין מאָלצייט און מיט אַ גלעזל שנאַפּס, עס האָט שוין געהאַלטן מיט אים צו שלעכט, און באַרדסען האָט לחלוטין נישט

געזאָגט, דורך וועלכן וועג עס איז געגאַנגען, ער האָט מער נישט אינטערגענומען קיין שום גאַנג, ער האָט עס איפּגעגעבן, ער האָט געלאָזט לויפן די טעג, ווי זיי האָבן געוואָלט. ער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג מיט פלערליי גריבלערייען, מיט אַביסל רחמנות צום שוסטער, מיט טרינקען, וויאָלאָנטשעל-שפּיל און משונהדיקע רעדנס-אַרטן-אַלע פאַרשטענדיקע מענטשן האָבן זיך געמוזט פון אים אָפּרוקן. צי איז אָבער געווען אין מיטן דעם חורבן נאָך אַזאַ גרויסאַרטיקער טיוול, ווי ער ?

— ווען איך זאָל אין דעם מאָמענט נישט האָבן קיין עקלדיקע געלט דאגות, וואָלט איך געלאָזט רעסטאַווירן די קירך אין טראָנד-היים. — האָט ער צום שוסטער געזאָגט.

— עס זעט גאָר נישט אויס, איר זאָלט האָבן געלט דאגות, העד באַרדסען. — האָט געענטפערט דער שוסטער, וועלכער איז שוין געווען אַביסעלע בגילופין און זאַט.

באַרדסען האָט גאָרנישט נישט געגעסן, ניין, ער האָט בלויז געטרונקען, און דאָך האָט ער נישט געטרונקען מחמת געפאַלנקייט ביי זיך, כדי ווי-עס-איז וויטער אַדורכצושטופּן דאָס לעבן, און נישט מחמת פאַרצווייפלונג, כדי דאָס לעבן צו פאַרשרייען — באַרדסען פאַרצווייפלט ! דורכויס נישט. ער איז געווען פעסט און ניכטער, ער האָט געמיינט, אַז אַזוי איז גוט. אַז ער האָט געגעסן ווייניק, איז דער-גאַנגען דערצו, אַז האָט זיך נישט געפילט נישט הונגעריק, נישט זאַט, נאָר פונקט ווי מען דאַרף. די ביירע טעלעגראַפיסטן האָבן געהאַט אַ מין הויז-פירערין, אַ פרוי, וואָס האָט זיי געקאָכט עסן, אָבער די פרוי האָט געמוזט אַוועק, ווייל זי האָט נישט געהאַט וואָס צום קאָכן. איצט האָט גאָטפרעד געגעסן אין האָטעל, אָבער באַרדסען האָט אין פלוג איינגאַנצן נישט געגעסן. גאָטפרעד האָט אים געוואָלט העלפן און האָט אים איינגעלאַדן צו עסן אין האָטעל, אָבער באַרדסען האָט געדאַנקט און געזאָגט :

— ניין, דאָס נישט, מיין פריינט.

די גאַנצע צייט האָט אים גאָטפרעד טריי געהאָלפן, בעת באַרדסען איז געלעגן קראַנק צוליב זיין ווונד און אויך שפעטער, בעת זין קאַסע האָט אויסגעפעלט דאָס געלט און ער איז געוואָרן אָפּגעזאָגט פון פאַרשטייער-אַמט — באַרדסען איז געווען גערירט פון אַזוי פיל גוטסקייט און ער האָט אים געדאַנקט פאַר יעדער קליי-

קייט, אָבער זיין לעבן האָט ער נישט געביטן, ער האָט מסתמא פון געבוירן אָן געהאַט אַ נאַטירלעכע נייגונג צו גיין צום אונטערגאַנג. צי האָט ער נישט געהאַט קיין שום קרובים, קיין משפחה? אַ פאַרבייפאָרנדיקער האָט געהאַלטן, אַז ער דערקענט אין אים דעם פאַרלוירענעם זון פון אַ גרויסן סוחר. אפשר האָט ער געהאַט משפחה און אפשר נישט, זיין אָן אַ שיעור גלייכגילטיקע באַציונג צו אייגן און פרעמד געלט האָט זיך אפשר גענומען אַמאָל דערפון, וואָס ער האָט פאַרלאָזן אַ פאַמיליע אַ באַמיטלטע און האָט זיך צוגעוווינט צו אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווען עס איז אָבער געקומען צו אַ מפּלה, האָט ער ביי קיינעם נישט געבעטן קיין הילף און האָט טאָקע פון קיינעם קיין הילף נישט באַקומען, ער האָט נאָך אַליין געבעטן דעם אינספּעקטאָר, ער זאָל אים אַראָפּרעכענען דעם חסרון דורך חודשלעכע אָפּצוגן. הילף? אָ, ניין. פונקט ווי ער וואָלט קיין שום פאַמיליע נישט געהאַט. אָבער גאָטפרעדער האָט, נאַטירלעך, גלייך געמוזט דעקן די קאַסע.

אָט אַזוי איז ער איצט געזעסן ביים שוסטער און האָט זיך שטאַרק צערעדט וועגן אַ געוויסער רגילות ביי די אַלטע רוימער: ווען זיי האָבן געהאַט אַ חשד, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלן ביי די הערשער אין אומחן, האָבן זיי זיך אויפגעשניטן די פולס-אָדערן אָדער זיי האָבן זיך אויסגעהונגערט ביז צום טויט. אַ פיינע, העפלעכע באַציונג צו דער מאַכט; אָן אַנדער אופן וואָלט שוין געפאַסט נאָר פאַר אַ פויער.

— גיב אַ טראַכט, ווען גרויסע הערן זאָלן ווערן געפּרוווט און זאָלן זיך פאַרטיידיקן קעגן טויט — ס'איז אַ טייוולאָנישער קאַמף! אין הונדערט יאָר אַרום וועט סיי-ווי-סיי קיינער פון אונז נישט וויסן.

צי איז דער טעלעגראַפיסט מיט דער דאָזיקער רעדע אויסנגעוועזן צו זיין אונטערהאַלטנדיק? ער איז נישט געווען מער שיכור, ווי שטענדיק, און ער האָט געוווסט, וואָס ער רעדט. אָדער אפשר איז זיין כוונה געווען אַביסל צו באַרויקן און צוצוגעבן מיט דעם שוסטער לגבי דעם, וואָס האָט אים געמוזט אומפאַרמיידלעך טרעפן?

ווי ווייט העפלעכער וואָלטן מיר געווען לגבי גאָט, ווען מיר וואָלטן אים אַנטקעגנגעקומען! — האָט ער געזאָגט. — פאַר דיר און פאַר מיר, מיין גוטער ניל, איז אַ קנאַפער פאַרגעניגן צו האָבן ערבאָלג

אין האַנדל און וואַנדל, צו האָבן נוצן פון פֿלערליי געשעענישן. וואָס וואָלטן מיר געמאַכט מיטן נוצן? מיר זאָרגן נישט וועגן אַזעלכע זאַכן, לאָזן אַנדערע שטרעבן דערצו. מיר זענען אויפֿן ריכטיקן וועג, מיר זיצן נישט ווי גרויסע ליכט אויף דער פּאַרקער-גאַס פֿון דער וועלט, נאָר ווי די טונקלקייט אין דער טונקלקייט, צוזאַמען מיט איר. דו ביסט געוואָרן אַ פֿיינער מענטש, דיין פּנים איז נישט אָפּשטויסנדיק, דו האָסט באַקומען קלוגע, איידעלע שטריכן, און דו האָסט נישט אין דיין פּנים קיין אומפֿאַרשעמטקייט, דו ביסט אַזוי ווי מעל, דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס דו האָסט זיך נישט געפּאַשעט איבער דער טבע; די חכמים אין אינדיען הונגערן אויך, כּדי אינערלעך צו ווערן ווייס און קלאָר, דעמאָלט זענען זיי אַלע גייסטיקע זעוּגען. דו קאָנסט זיין גאַנץ רויק, נילס, דו און איך, מיר זענען ביידע אויפֿן ריכטיקן וועג.

— מיר גלויבן אַזוי. — האָט דער שוסטער צוגעשטימט.

— דיין זון אין אַמעריקע וואָלט דיר אפשר געקאָנט עפּעס שיקן, אָבער דיר וואָלט דערפֿון קיין סך בעסער נישט געוואָרן.

— ניין, איך גלויב טאַקע אַזוי, און אפשר וואָלט עס פּאַר אולריכן אַליין אויך נישט געווען אַזוי גוט.

— ווען די פּאָסט-שיף פֿון דרום וועט דאָ זיין, — האָט באַרדסען ווידער גענומען דאָס וואָרט — קום צוגיין צו מיר אין טעלעגראַפֿן-אַמט, ווי רעכנסטו?

— יאָ, איך וועל קומען צו אייך אין טעלעגראַפֿן-אַמט.

— יאָ איך גלויב, אַז איך וועל דיך דעמאָלט זייער וועלן זען. — האָט באַרדסען אויף זיין וווּנדערבאַרן אויפֿן געזאָגט.

דערנאָך איז ער אַוועק.

ער האָט איבערגעלאָזן זיינע קאָלאָשן, אָבער איצט איז נילס ווידער געוואָרן באַוועגלעך, ער איז אַרויס אויף די טרעפּלעך פֿון הויז און האָט גערופֿן באַרדסענען, ער זאָל צונעמען די קאָלאָשן. אָבער באַרדסען האָט בלויז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אויס-גערופֿן, אַז ער וויל זיי מער נישט טראָגן, זיי זענען אים צו ענג און דריקן אים:

— וואַרף זיי אַריין אין אויוון!

דעמאָלט איז ער אַוועק אַהיים צום טעלעגראַפֿן-אַמט. ער האָט

פולשטענדיק געוווּסט זיין לאַגע — אַז ער איז געווען אַ פּאַרטיקער, אַ געפאַלענער, דאָס האָט ער געוווּסט קלאָר, לעבן און טויט האָבן באַקומען פאַר אים אַ גלייכן ווערט, אַ דאַנק דעם איז געווען גרינגער. נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער בעסער געוואָלט לעבן, אָבער נאָך אַ לאַנגער גריבלעניש האָט ער איינגעפונען, אַז ס'איז גאַנץ גלייכגילטיק, ווי זיין גורל וועט זיך איינשטעלן. ער האָט קיין זאַך נישט באַדויערט. ער האָט נישט געהאַט קיין באַדערפעניש אָנצוקלאָגן אַ גרויסע פאַמיליע, כדי צו פאַרקלענערן זיין אייגענע שולד, ער האָט נישט געהאַט קיין שום שולד, ווען איז ער געווען עפּעס שולדיק און וואָס האָט ער געבאָרגט? דער חסרון אין דער טעלעגראַפן-קאַסע האָט געמוזט באַצאָלט ווערן, מער גאָרנישט. אַ שולד? בלי ספק, אַ טעות איז אַ שולד, אָבער ער האָט זיך נישט טועה געווען, ער האָט אויף זיין אַמט אין טעלעגראַף אויסגעצייכנט געלעבט, עס האָט בעסער נישט געקאָנט זיין.

ער איז אין אַזאַ צושטאַנד, ווען עס קאָן אים נישט טרעפן קיין שום צרה. די גוטע זאַכן פון דער וועלט זענען געווען צו אים זייער פריינטלעך, זיי האָבן אים אָנגענעם געמאַכט דאָס לעבן, ער האָט פון אַלעם גענאָסן, דאָס האָט ער געוווּסט, און אויב ער האָט געטרונקען, האָט ער עס נישט געטון, כדי צו האָבן בעסער, נאָר כדי אויך ווייטער צו האָבן גוט. דאָס איז געווען אַ צופרידנקייט, וואָס האָט דערגרייכט איר ציל, אַ שטאַנדפּונקט. צי האָט ער פאַרמאָגט מערער, ווי זיין גוף און זיינע קליידער? עס איז געווען זיין סוף, דאָס אומגליק האָט געמעגט קומען, אדרבא, ער וואָלט עס אויפגענומען מיט טריומף.

ווען די פּאָסט-שיף איז געקומען, האָט באַרדסען באַקומען אַ געל פּאַפּיר, ער האָט דערויף אָפּגענומען אַ געלט-בריוו און האָט דאָס געלט אוועקגעגעבן דעם שוסטער נילס. שוין צום צווייטן מאָל גרויסמוטיקייט, שיכּרות, איין גאַט ווייס; צי האָט עס אָבער געהאַט אַ זין!

יאָ, דער שוסטער נילס איז געקומען אין טעלעגראַפן-אַמט; ער האָט געהאַט אויף זיך די קאַלאָשן, זיי זענען וואַרעם און גוט, האָט ער געזאָגט. ער האָט אויסגעזען שוואַך, עלנט, ער איז געווען לייכט געווירט, באַקומען נאַסע אויגן, הגם ער האָט זיך קעגן דעם געווערט

און אָנגעשטרענגט זיך צו זיין מענלעך, פון דעם געלט איז ער געווען ממש דערשטוינט, ער האָט זיך געטון אַ לאָז אַראָפּ אויף אַ שטול, הגם מען האָט אים נישט געבעטן זיצן.

— פון ווילאַק האַלמסענען, — האָט באַרדסען געזאָגט — הער ווילאַק איז אויף זיין חתונה-רייזע, ער שיקט דיר דאָס געלט מיט פאַרגניגן.

דער שוסטער איז געזעסן צונויפגעקנוילט און האָט אויסגעזען הילפלאָז, ווי אַ קינד.

— אָבער דאָס געלט געהער נישט צו מיר, דאָס ווייס איך. — האָט ער זיך געוועלט.

באַרדסען האָט זיך לוסטיק צעלאַכט, כדי אים צו העלפן, און געזאָגט:

— ווילאַק וויל, אַז דו זאָלסט פאַר אָט דאָס געלט לעבן בהרחבהדיק ביזן פרילינג, און אויב דו וועסט פאַר דאָס איבעריקע וועלן פאָרן קיין אַמעריקע, קאָנסטו עס טון, זאָגט ער. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, זאָלסטו אַוועק פון לעבן, בעת דו וועסט עס פאַרלאָזן, אָן שום שרעק.

— אַזוי זאָגט ער? יאָ, די האַלמסענס פונ׳ם הויף, זיין טאַטע איז אויך געווען אַזאַ, און איצט דער זון! אַך, אַזוי זאָגט ער?

דער שוסטער נילס האָט זיך פלוצלינג געכאַפּט, ווו ער זיצט, ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געדאַנקט, געדאַנקט איבער דער טבע, פאַרנויגט זיך, דאָס גאַנצע פּנים פאַרקרימט פון איינגעהאַל־טענעם געוויין, ער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, בעת ער איז אַרויס.

— ער וועט ביז פרילינג נישט דערלעבן. — האָט באַרדסען געזאָגט.

דאָס האָט באַרדסען, אייגנטלעך, שוין פריער געדאַרפט אַ טראַכט טון, כדי אַלע פאַרשטענדיקע מענטשן זאָלן נישט שאָקלען איבער אים מיטן קאָפּ. אויף אַ שטאַרבנדיקן קוקט מען מיט מיטלייד, ער באַקומט קאַלאָשן און געלט, בקיצור, ער ווערט פאַרזאָרגט אויף זיין גאַנץ לעבן — כדי אַוועקצוגיין און שטאַרבן! און דערצו באַקומט ער הילף פון אַ מענטשן אויף דער חתונה-רייזע!

עס זענען אָבער געווען פיל אַנדערע אין זעגלפאַס, וואָס

זענען געווען קליגער פֿון באַרדסענען. ווען ס'איז געוואָרן אַ גערודער אַרום דעם, וואָס פֿאַר אַ רייכער מענטש דער שוסטער ניִלם איז געוואָרן מיטאַמאָל, איז איינער נאָכן אַנדערן געקומען צו אים נאָך אַ הלוואה:

— דו קאָנסט דאָך אַלץ נישט פֿאַרברויכן איבערן ווינט, — האָבן זיי געזאָגט — און מיר וועלן עס דיר אָפּגעבן נאָכן לאַפּאָטן־פּיש־פֿאַנג.

דער שוסטער ניִלם איז נישט געווען פֿון שטיין, ער איז ווידער געוואָרן ווייל און זאַט, באַקומען קליידער, באַקומען קאַווע — ער האָט געבאָרגט, פֿריער פֿאָרזיכטיק, דערנאָך גערנער און גערנער, ביסלעכווייז איז עס אים פּשוט געוואָרן אָנגענעם צו זיין אַ גרויסער מענטש, עס האָט אים געשמעקט, וואָס די מענטשן זענען צו אים העפֿלעך און הכנעהדיק, עטלעכע וואָכן צייט איז ער געווען אַ בעל־צדקה, וויפֿיל ס'האָט זיך געלאָזט. זיין עשירות איז צעפֿלויגן געוואָרן אויף אַלע זייט.

אָט אַזוי איז קיין זעגלפּאָם ווידער אָנגעקומען אַביסל געלט און אַלץ איז אָנגעקומען סוף־כּל־סוף אין געוועלב. עס האָט דערמאָנט אַביסל אָן די גוטע טעג, ווען די מיל איז געווען אין גאַנג — אַך, יעדן טאָג האָבן זיך געשפּירט די נאָכווייען נאָכן הער האָלמענגראַאַ און זיין מיל. וואָס איז געוואָרן מיטן מיל־אייגנטימער? אָדער אפשר האָט ער זיך ווייטער נישט געקאָנט אַ דורכרייסן און ער איז שוין ערגעץ אונטערגעגאַנגען?

אָבער די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז הער האָלמענגראַאַ האָט פֿאַרמאָגט מערער, ווי דער עולם האָט געוווסט. אונטערגיין, ער? אַ מענטש, וואָס איז געווען בכּוח צו ברענגען אַהער זיין אייגענע שיף, כּדי צו פֿאָרן אויף דער החתונה! נו, זיין אייגענע שיף האָט עס געקאָנט נישט זיין, ס'האָט געקאָנט זיין אַ פֿראַכט־שיף, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ קליינע נסיעה פֿון עטלעכע שעה. טעאָדאָר, וועלכער האָט זיך געמאַכט, אַז ער ווייס זייער אַסאַך וועגן הער האָלמענגראַאַם באַנקראָט, איז אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון מענטשן; מען האָט אים פֿייערלעך געפֿרעגט, וואָס איז עס פֿאַר אַ מעשה מיטן קעלער. דער דאָזיקער קעלער איז דעם עולם גאָר פֿון קאָפּ נישט אַרויס, און אפשר איז עס בלויז געווען צו פֿאַרבלענדן די און עס קאָן אויך זיין אַן אומגעזעענע באַהעלטעניש אין דער געוו...ל.

אויגן, אַ פּרוּוו מצד דעם קעניג, צום לעצטן מאָל אויסצוזען איבער־נאַטירלעך, אַ פּוסטע גאווה, יאָ, אפשר.

— צי האָט ער אָבער בדעה צולאָזן שטיין אַזוי דעם קעלער? — האָט דער עולם געפרעגט.

— דערביי איז עפּעס. — האָבן זיי געזאָגט.

— צי מעג איך עס וויסן? — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— און אפילו איך זאָל עס וויסן, וואָלט איך עס אויך נישט אויסגעזאָגט, — האָט דער עולם געזאָגט.

— גיב מיר אַ פּאָר סובאַרעס, — האָט דער שוסטער נילס געזאָגט — אָבער ווי איך זע, האָב איך נישט ביי זיך מיין בייטעלע מיט געלט.

— מסתמא האָסטו שוין דאָרטן גאָרנישט. — האָט טעאָדאָר געענטפערט.

— זיי האָבן ביי מיר געבאָרגט, אוודאי האָב איך נאָך געלט, אָבער אויב זיי האָבן ביי מיר אַוועקגעבאָרגט, איז עס נישט אָנגענעם.

אַ מענטש האָט אַוועקגעשלעפּט נילסן אין אַ זייט; דאָס איז אַ מענטש, וואָס קויפט זייער פיל זשעלאַטין, ער איז פון די הויפן דאָרט, אין די בערג, און ער ווייס נישט צומאָל, אַז דער שוסטער נילס איז שוין ווידער אָרעם, ער וויל באָרגן ביי אים געלט. זיי שמועסן שטיל.

— איך וועל דיר מוזן העלפן. — זאָגט לסוף נילס.

עס שמעקט אַזוי גוט צו זיין אַ גרויסער מענטש און אַ בעל־טובה.

דער שמועס אין געוועלב גייט ווידער אַריבער אויפן קעלער. וואָס האָט הער האָלמענגראַא געדאַרפט דעם קעלער פאַר זיינע אוצרות, אויב ער האָט זיי געקאָנט מיטנעמען מיט זיך אויף דער שיף און מיט זיי אַוועקפאָרן?

— און איבעריקנס, — האָט טעאָדאָר געזאָגט — איבעריקנס, ווייס קיינער נישט, וואָס אין דעם קעלער קאָן זיין. צי איז דאָרטן דאָ אַ שלאָס?

אַלע יאָהאַן איז דאָ געווען און ער האָט געזאָגט, אַז קיין שלאָס איז נישטאָ.

— אויב אַזוי, קאָן זיין אַ באַהעלטעניש אין דער וואַנט גופא.

בונג, מען לייענט אָפט פון אַזעלכע זאַכן.

אַלע יאָהאַן האָט געמאַכט דעם קעלער און ער זאָגט, אַז ס'איז אין ערגעץ קיין שום זאַך נישט פאַרמויערט.

לאַרס מאַגנוסען איז אויך דאָ; ער הערט זיך צו געלאַסן און שווייגנדיק, דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז ערגעץ איז יאָ דאָ אַן אוצר.

— צי קאָן איך נישט קריגן אַ פּאָר סוכאַרעס? — פרעגט דער שוסטער נילס. — אָבער איך האָב נישט ביי זיך מיין ביטל מיטן געלט.

— גיב אים אַ פּאָר סוכאַרעס! — זאָגט טעאָדאָר צו זיין משרת. — וועג אים נאָר אָפּ די סוכאַרעס — זאָגט ער, ווייל ער איז נישט פון שטיין, — אָבער איך האָב מער נישט ברעה צו געבן דיר אויף באָרג, נילס.

אַ מאָדנער לשון, אַפילו דער מענטש פון די בערג, דער לעצטער, וואָס האָט געוואָלט ביי אים לייען, ווערט אויפמערקזאַם; ער שלעפּט אַוועק דעם שוכטער אין אַ זייט און פרעגט אים נאָכאַמאָל, צי ער קאָן האָבן דאָס געלט.

— יאָ, איך מוז דאָך דיר אַרויסהעלפן, — זאָגט דער שוסטער נילס.

די טעג פאַרגייען, רויק און טרויעריק איז אין זעגלפאָס, אָבער אין געוועלב קומט נאָך פאַר דאָס און יענץ, די מענטשן קלויבן זיך דאָ צונויף און פאַרווייַלן זיך, אין אויוון ברענט אַ פייער, דאָס געוועלב איז באַלויכטן, טעאָדאָר איז דער איינציקער מענטש, וואָס האָט גענוג געלט, ער ברענט אַסאַך לאָמפּן, דאָס געוועלב איז אַ ריזיקער שטח; טעאָדאָר האָט מסתמא געוווסט, וואָס ער טוט, ווען ער האָט געהייסן בויען זיין קראָם אַ וואַנט לעבן אַ וואַנט מיט דער אַלטער — אַ געווויסן טאָג האָט ער דורכגעזעגן די גרענעץ-וואַנט און האָט באַקומען אַ ריזיקע קראָם.

— וויפיל, מיינט איר, האָט עס מיך געקאָסט? — האָט טעאָדאָר געפרעגט.

עס איז גרויסאַרטיק. בעת אַ באַזוך אין שטאָט איז טעאָדאָרס אַלעמענס אויפמונטערונג און טרייסט, ער איז אויסערגעוויינלעך דערפינדעריש און אומדערמידלעך, אַבי מ'זאָל אָן אים נישט פאַרגעסן,

ער האָט זייער ליב עלעגאַנץ, אָבער ער האָט נישט אים קיין גוטן געשמאַק אין אויסוואַל און קיין גענוג גרויסן טאַלאַנט עס אויסצופירן, אָבער ער פרייט זיך באמת, בעת ער טוט גוטס. איצט שטייט שוין קיינער נישט אין זיין געוועלב און דרייט נישט קיין טוטלען! טעאָדאָר פאַרמאָגט איצט גרויסע און קליינע פירעקיקע פאַבריק-טוטלען, און אויף זיי שטייט זיין נאָמען. בעת זיין נאָמען איז געלייענט און באַרימט געוואָרן אויף יעדן טוטל, איז אים איינגעפאַלן צוצוגעבן צום נאָמען נאָך אַ צייכענונג פונם געוועלב.

— אַלס אַן אילוסטרירט בילד פון מיין געשעפטס-הויז. — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

איצט האָט אים נאָר געפעלט אַ פייפל, כדי דערויף צו בלאָזן.

און אָוונט האָט אין געוועלב געווימלט פון מענטשן. זיי פלעגן רעדן, ווי מאָגער באַרדסען איז געוואָרן לעצטנס, ער ליידט מסתמא הונגער. יאָ, יאָ, באַרדסענען קומט בסדר אָפּ, אָבער עס קליידט אים, ער ווערט אַריסטאָקראַטיש און בלאַס, און אפשר קומט עס טאַקע פון הונגער. דערנאָך האָבן זיי גערעדט וועגן יוליוסן, אַז דאָס דינסט-מיידל פלאָרינאַ איז איצט אין האָטעל און אַז זי וועט דאָ ווערן די פרוי און באַלעבאָסטע. יוליוס אַליין איז דער זעלבער, וואָס פריער, אָבער זיין כלה האָט אים געשענקט אַ לאַנגע פּיפּקע מיט אַ פּערל-שניר, און די דאָזיקע פּיפּקע שטעקט אים אַרויס פון קעשענע, וואָס עס גיט אים צו אַן אָבטונגס-פולן אויסזען, זיי רעדן אויך וועגן דעם אַדוואָקאַט ראַש, וועלכער איז איצט געוועלט געוואָרן און וועט בקרוב מוזן פאָרן אין שטאָט אַריין צום פּאַרלאַמענט. ער האָט צוגעזאָגט צו פאַרנעמען זיך מיט דער שפּראַכן-פראַגע און מיט דער פאַרקלענערונג פון די שטייערן.

זיי רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט.

דאָ און דאָרט וואַרפט טעאָדאָר אַריין אַ וואָרט, און אַלע הערן זיך צו צו זיינע רייד, ווייל ער איז אַ פלינקער און ענערגישער יונג. און איינמאָל האָט ער דעם עולם איבערראַשט מיט אַ מערקווירדיקן צעטל אין געוועלב; דאָס איז געווען האַנדלס-וויסנשאַפט, בערזע-קורס: האַוור, דעם 25-טן אָקטאָבער. קאַווע $71^1/_2$. טענדענץ שוואַך. ריאָ זשאַנעיראָ, 23-טן אָקטאָבער. טויש-קורס אויף לאָנדאָן 10, $^9/_{64}$. פראַכט

אין די פאַרייניקטע שטאַטן 52 1/2. סאַנטאָס, דעם 25-טן אָקטאָבער, טענדענץ פעסט. די וועכנטלעכע שיפן קיין נאָרוועגן נישטאָ. צופאָרן פון סאַאָ פאַאולאָ 66,000.

— יאָ, דאָ האָט איר די קאַווע-פרייזן.

— גרויסאַרטיק! — האָט דער עולם געזאָגט; זיי זענען געווען אָרעם און דערשלאָגן, און ער איז געווען מעכטיק. — צי קען מען לויט דעם אויסרעכענען די קאַווע-פרייזן?

טעאָדאָר האָט בלויז געשמייכלט, גלייך ווי ס'וואָלט געווען פאַר אים גאָר אַ קלייניקייט גובר צו זיין אַזעלכע שוועריקייטן.

אָבער איצט איז געקומען די זעגלפּאָסער צייטונג. אָרעמער רעדאַקטאָר און זעצער קאָפּערוז, עס האָט איצט געהאַלטן שמאָל מיט זיין בלעטל, די אַבאָנענטן זענען אָפּגעקומען, און נאָכדעם ווי אַדוואָקאַט ראַש איז געוואָרן געוועלט, האָט ער מער קיין שום אינטערעס נישט געהאַט צו לאָזן ווייטער אין גאַנג די צייטונג. וואָס האָט קאָפּערוז געקאָנט טון? דער קרעמער טעאָדאָר האָט אים קיין שוועריקייטן נישט געמאַכט, ער האָט זיין אַנאָנס נישט צוריקגעצויגן, און אין דעם טאָג האָט ער אַריינגערוקט אַ פרישן אַנאָנס: ס'ווערט געזוכט אַ בוכהאַלטער, פּערפעקט אין בוך-פירונג, דייטשע און ענגלישע קאָרעספּאָנדענץ, שבירות לויט די פעיקייטן. טעאָדאָר יענסען, זעגלפּאָס.

אַך, האָט טעאָדאָר געוואָלט איצט מאַכן געשעפטן מיט אויסלאַנד! דאָס איז געווען דער שפּיץ! קיינער האָט גענוי נישט געקאָנט זיין מאַכט, עס וועט זיך נאָך ענדיקן דערמיט, אַז ער וועט אָפּקויפן די מיל, באַקומען פון אַמעריקע און פון שוואַרצן ים קאָרן, פּונקט ווי הער האָלמענגראָאַ, און אָנהויבן מאָלן.

טעאָדאָר האָט געענטפערט, אַז זיין קאַנצעלאַריע-אַרבעט איז ריזיק אויסגעוואַקסן, ער מוז זיך, האָט ער געזאָגט, אויך איינקויפן אַ שרייבמאַשין. גיט נאָר אַ קוק, הער האָלמענגראָאַס ברעג-אויפזעער איז איצט געווען אָן אַרבעט, און טעאָדאָר האָט געוווסט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט דאָ זיין האָפענונגסלאָזע ליבע געהאַט און דעריבער וויל ער בשום-אופן נישט אַוועק פון זעגלפּאָס. אָבער צונעמען פשוט דעם מענטשן און געבן אים אַרבעט אין דער שטיל, דאָס האָט טעאָדאָרן נישט געפּאַסט. ער האָט געוואָלט דערמיט רוישן

אין גאַנץ זעגלפּאַס און געבן אַנאָנס אין דער צייטונג, כּדי דער עולם זאָל וויסן, אַז זיין פירמע דאַרף האָבן אַ גוטן בוכהאַלטער. אַמאָל פלעגט ער ביי יעטוועדער געלעגנהייט אַרויסהענגען די פלאַג. דעמאָלט איז ער נאָך געווען קליין, האָט ער עס געטון, דאָס זענען געווען קינדערשע שטותרייען אין פאַרגלייך דערמיט, אַז היינט פירט ער געשעפטן מיט אויסלאַנד! דער לאַגער-אויפזעער האָט זיך געמאָלדן וועגן דער שטעלע, און טעאָדאָר האָט אים צוגענומען. קורץ און גוט, אַן אַ לאַנגן ישוב-הדעת, מעבטיק. אָבער פּאַר אַ מעסיקן אָנפאַנגער-געהאַלט.

צו אָלע יאָהאַנען האָט ער געזאָגט:

— וואָלסט נישט געקאָנט מיטנעמען בערטעלן פון סאַגוויקאַ צו אַ גראָב-אַרבעט ביי מיר?

און דאָס האָט ער געזאָגט, ווי ס'וואָלט געווען אַן איינפאַכע זאַך, הגם ס'איז געווען אינמיטן ווינטער און די ערד איז געווען טיף געפרוירן.

— צי וואָלט נישט געווען גלייבער צוצוואַרטן דערמיט ביז פרילינג? — האָט אָלע יאָהאַן געפרעגט.

— זאָל דיר נישט אַרן, וואָס איך וויל נעמען גראָבן אין מיטן ווינטער, — האָט טעאָדאָר געענטפערט — עס האַנדלט זיך וועגן דעם, מען זאָל שטעלן אַ קרייץ אויף מיין טאַטנס קבר. איך וויל אים נישט לאָזן ליגן אַזוי אויף דרויסן אָן אַ קרייץ.

דעמאָלט איז אָלע יאָהאַן גלייך אַוועק צו דער אַרבעט.

דער קרייץ איז אָנגעקומען, אַ גרויסער, פון אייזן געגאָסענער קרייץ מיט באַגילדטע אותיות און מיט אַ קליינעם באַגילדטן מלאך אין יעדן עק פונם קרייץ. ער איז געווען גרויסאַרטיק. אויפן גאַנצן געבעבדיקן בית-עולם האָבן בלויז די האַלמסענס געהאַט שיינע מצבות, בכלל אָבער האָבן געשטעקט הילצערנע צלמים און איינפאַכע ערד-בערגעלעך — איצט איז געקומען טעאָדאָר מיט זיין קרייץ, געגאָסן פון אייזן. און נישט בלויז דאָס: טעאָדאָר האָט אויך באַשטעלט אַ מצבה אויפן קבר. דאָס איז געווען דער שפּיץ.

אָלע יאָהאַן און בערטעל פון סאַגוויקאַ האָבן געהאַט לאַנג צו טון; זיי האָבן געמוזט אויפן בית-עולם אָנצינדן פייער, כּדי די ערד

זאָל צעגייען, זיי האָבן זיך אָבער מיט קיין שום זאַך נישט געריכט, די זאַך האָט געמוזט פאַרענדיקט ווערן.

— ווייל אַ בית-עולם מוז ביי אונז אויסזען, ווי ביי לייטן, — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

און אַט איצט האָט זיין מאַמע באמת געהאַט וואָס צו טון מיט עפּענען די מצבה, פאַרמאַכן זי און אַרומשפּרינגען אַרום דעם קבר. דער דאָזיקער קליינער פּלאַץ האָט זי אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע ווייבער, דאָס איז געווען כמעט ווי דער טאָמבאַנק אין געוועלב, וואָס האָט אָפּגעטיילט פון די קונדן, און עס איז געווען אָנגענעם צו מאַכן אַזאַ גרענעץ. אַלע יאָהאַנס ווייב איז געווען זייער צופרידן. איצט, אינמיטן ווינטער, איז געווען זייער שלעכט מיט בלומען און גרינע געוויקסן; אָבער אַפּאָר מושלען זענען אויך געווען גוט, און דער אָדער יענער פוקסיאַ אָדער געראַניום-שטאָק האָט אויך געטויגט. פרוי-פער פון געוועלב האָט יעדן שבת געפּוצט דעם קבר, פּוצן אים אינ-מיטן דער וואָך וואָלט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, די זונטיק-באַזוכער וואָלט דאָ געטראָפן אַלץ פאַרוועלקט און געפרוירן. אָבער דער קרייץ און די מצבה האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה. די פאַר-אַלמנטע פרוי פער האָט אָנגעשטעקט די אַנדערע שכנטעס מיט איר קולט פאַר קברים. די מענטשן זענען געקומען צו טעאָדאָרן און האָבן באַשטעלט ביי אים מצבות פאַר זייערע פאַרשטאָרבענע; איינער האָט נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק לגבי דעם צווייטן, אַלץ מערער מענטשן זענען צוגעשטאַנען, באמת אַן איידעלער געוועט, און אַלע האָבן געוואָלט באַצאָלן נאָך דער לאָפּאָטן-פּישעריי. טעאָדאָר האָט געמוזט באַשטעלן אילוסטרירטע קאַטאַלאָגן פון גיסערייען און שטיינהאַקעריי, דאָס איז געווען אַ מסחר. די שטיינער זענען געווען פיינער און האָבן אַרויסגעשטופּט דעם אייזן-גוס, זיי זענען געווען פון מירמלשטיין און גראַניט, געשליפן און אומגעשליפן, אין אַלערליי קאָלירן, דער עולם האָט נאָר געדאַרפט קלויבן. עס זענען געווען קרייצן און פּיראַמידן, פּלאַטן און זיילן און אָבעליסקן, אַלערליי פאָרמען. מען האָט געקאָנט הייסן אויסהאַקן ביבעל-פּסוקים אָדער אַנדערע פאַסיקע ווערטער: אויף ווידערזען! געליבט און פאַרלאָזן! רו אין פרידן! דער עולם האָט אַליין געקאָנט אויסקלויבן. און אַז

זיי האָבן אויסגעקליבן לויט זייער געשמאַק און מעגלעכקייטן, האָט מעגליך באַשטעלט די מצבה.

דאָס אַלץ איז געווען זייער איידל און אָרנטלעך, אָבער עס איז געוואָרן אַ מין מגפה. קיינער האָט נישט געקאָנט האָבן קעגן דעם, וואָס לאַרס מאַנועלסען און זיין ווייב האָבן באַשטעלט מצבות פאַר זייערע צוויי קליינע קינדער, וועלכע האָבן שוין נישט געלעבט מסתמא אַ יאָר צוואַנציק; אָבער אויב אַזוי, האָט די אַלמנה פרוי פער אויך אַמאָל באַגראָבן אין דער ערד צוויי קליינע קינדער, צי זאָל מען זיי אויך שטעלן מצבות? קיינער האָט קיין סוף נישט געזען, עס זענען כמעט נישט געווען קיין מענטשן, וואָס זאָלן נישט האָבן אויפן בית-עולם קיין קרובים, וועלכע מען האָט דווקא געוואָלט איצט מכבד זיין מיט שטיינערנע מצבות. און מען האָט אויך נישט אויסגעמיטן קיין מחלוקת – למשל, ווען דער פאָטער פונם דינסטמיידל מאַרציליע האָט זיך גענומען אַ גוטן פלאַץ, כדי דאָרט צו שטעלן אַ שטאָלצן אָבעליסק, איז פּלוצלינג געקומען צוגיין נילס פון וועלטאַ מיט אַ קליינעם גראַניט-פּלאַט און האָט געטענהט, בכן אויף דעם אָרט ליגט גאָר באַגראָבן זיין טאַטע.

דער קליינער בית-עולם האָט מיטאַמאָל, אינמיטן ווינטער, גענומען בליען, און אינדערפרי און אין אָוונט האָט מען דאָרט געברענט פייער, כדי ווייכער צו מאַכן די ערד און צו קאָנען גראָבן, אָבער ווען די פרוי פער האָט זיך איצט ארומגעקוקט איבער די קברים, איז זי שוין מער נישט געווען צופרידן מיט איר אייזערנעם קרייץ, באמת, אָרום און אַרום זענען געשטאַנען מצבות, וואָס האָבן אויסגעזען גרויסאַרטיקער און זענען מאַקע געווען שענער. צי וואָלט מעגליך נישט געקאָנט סוף-כל-סוף שטעלן זיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן אַן אַנדערן מאָנומענט? און מעגליך איז גראָד געווען געניגט דערצו, פראַכט און שיינקייט האָבן אויך צו אים גערעדט, אָבער ער האָט נאָך געוואָלט אָפּוואַרטן און זען, וואָס-זשע וועט ער טון מיטן אַלטן קרייץ, זאָל ער אים אַוועקוואַרפן? עפּעס אַנדערש וואָלט געווען, ווען איצט זאָל מיטאַמאָל שטאַרבן אַ מענטש מיטן נאָמען פער יענסען און מער-וויניקער אין זעלבן עלטער – דעמאָלט וואָלט מעגליך געקאָנט פאַרקויפן דעם מעטאַלענעם קרייץ און אפשר אויך באַקומען צוריק זיין געלט.

אזוי זענען געגאנגען די טעג.

טעאָדאָר האָט דעם ווינטער געמאַכט א גוטן געשעפט מיט די מצבות און ער איז געווען גוט געשטימט, און איינמאָל אין אָוונט האָט ער אויך באַרדסענען אָנגעבאָטן א שטיין. דאָס איז געווען א פשוטער שפּאַס, און באַרדסען האָט דערויף נישט געהאַט פאַריבל, ער האָט גוטמוטיק און פריינטלעך געשמייכלט צום קרעמער. באַרדסען איז איצט געוואָרן איבער דער טבע בלאַס און מאָגער, יאָ, ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט באמת געקאָנט דאַרפן אין דער סאַמע נאָענטסטער צייט א מצבה, און זיינע אויגן האָבן מאָדנע געגלאַנצט. ער האָט שוין איצט נישט געקויפט מער קיין טאַבאַק, ער האָט אָבער געקויפט אַפּאָר סוכאַרעס, די זעלבע, וואָס דער שוסטער נילס פלעגט זיי קויפן, כדי ווי-עס-איז צו דערהאַלטן די נשמה. ווען ער האָט באַקומען די סוכאַרעס, האָט ער באַצאָלט און איז אַוועק.

איבער נאַכט איז געוואָרן א שטאַרקער פראָסט, און באַרדסען איז געווען זייער לייכט אָנגעטון, ער איז אָבער געגאַנגען אָן איילעניש, גלייך ווי ער וואָלט לחלוטין נישט געפילט קיין קעלט, ער איז געגאַנגען טריט ביי טריט, פּאַמעלעך; אפשר האָט ער שוין קיין כוח נישט געהאַט צו גיין געשווינטער.

זיין ציל איז געווען דער טעלעגראַפן-אַמט. עס איז דאָרט געווען טונקל, און גאָטפרעד איז אַוועקגעגאַנגען עסן. ביידע טעלעגראַפיסטן האָבן זיך גראָד היינט אויסגערעכנט, און באַרדסען האָט אָפּגעצאָלט דעם לעצטן רעשט פון זיין חוב. איצט האָט ער אין דער טונקלקייט גענומען זיין ווילאָנטשעל און איז דערמיט צוריק אַרויסגעגאַנגען, ער האָט זיך געלאָזט גיין צום הויף, וווּ ער האָט אויפגעזוכט פּוילינען. עס איז פּאָרגעקומען אַן אומגליקלעכע סצענע, ער האָט איבערגעגעבן פּוילינען זיין ווילאָנטשעל און געזאָגט, אז זי זאָל עס איבער געבן ווילאַץ האָלמסענען, ווען ער וועט קומען אַהער.

— יאָ. זאָל איך עס פשוט אָפּגעבן? — האָט פּוילינע געפרעגט.

— יאָ. — האָט באַרדסען געענטפערט.

א מערקווירדיקע האַנדלונג. נאַטירלעך. האָט ער נישט אָפּגעגעבן די ווילאָנטשעל צוליב נויטווענדיקייט. ווילאַץ האָלמסען איז גאָר נישט געווען דער מענטש, וואָס האָט דעם שוסטער נילס געשענקט א סומע געלט קעגן א משכון, און דאָסגלייכן איז באַרדסען פון זיין

זייט נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל פאַרקויפן אַ וויאָלאָנטשעל נאָר פאַרקערט, ער האָט זי געשענקט ווען ער האָט געוואָלט, ער האָט עס געשענקט אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך געוווּסט ווי צו באַגיין מיטן אינסטרומענט.

— דו, מיין אַלטע וויאָלאָנטשעל, זיי געזונט!

אָבער אַ מערקווירדיקע האַנדלונג איז עס געווען.

— ניין, ווי עלנט איר זענט! — האָט פּוילינע פּלוצלינג אויסגערופן.

— יאָ. — האָט באַרדסען געענטפערט און האָט זיך בשעת־מעשה צונויפגעקאָרטשעט. — ס'שטעכט. — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם.

פּוילינע האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט גיין רופן דעם קנעכט מאַרטין, אָבער באַרדסען האָט זי אָפּגעהאַלטן:

— ניין, עס גייט איבער — איגגיבן — נאָר עס שטעכט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער באמת אַוועקגענומען די צונויפגעבײַלטע הענט פון דער ברוסט און האָט ווידער בעסער געאָטעמט.

— דאָסמאָל איז מיר גאַנץ שנעל אַריבער, — האָט ער געזאָגט — הײַנט אין דער פרי איז געווען ערגער.

אַך, אָבער איצט איז נאָך אויך נישט געווען אַזוי אינגאַנצן גוט; זײַנע ליפּן זענען געווען אָן בלוט, און פּוילינע האָט געפרעגט, צי מאַרטין זאָל אים נישט באַגלייטן צום טעלעגראַפן־אַמט. אָבער ער האָט געענטפערט:

— איך וועל שוין אַליין גיין אַהיים. אַ גוטע נאַכט!

ער איז אַרויסגעגאַנגען, און פּוילינע האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז דער אָנפאַל איז באמת אַריבער. ביים שיין, וואָס האָט אַרויסגעגלאַנצט דורכן פענסטער, האָט זי געזען, אַז ער האָט זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין, צום טעלעגראַפן־אַמט, — דערנאָך איז ער פאַרשווּנדן אין דער טונקלקייט, און פּוילינע האָט שוין נישט געקאָנט זען, אַז ער האָט ווידער באַקומען אַ שטאַרקן אָנפאַל, פון וועלכן ער האָט זיך אינגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט און נישט געקאָנט ווייטער גיין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ביז צו דער שטאָט איז געווען האָפענונגסלאָז ווייט און צוריק צום הויף אויך, ער איז אַזוי געשטאַנען אַ צונויפ־

געקאָרטשעטער, אַרומגעקוקט זיך, געדרייט מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן און געזוכט אַן אויסוועג. דערנאָך איז אים מיטאַמאָל געוואָרן קאַלט, ווי פון אייז. ער האָט ווייטער נישט געקאָנט בלייבן שטיין און ער האָט זיך מיט זייער קליינע שריט געלאָזט גיין, שלעפנדיק די פיס איבערן שניי.

פּוילינע איז געווען די לעצטע, וואָס האָט געזען באַרדסענען. איין טאָג איז אַוועק נאָכן צווייטן, און ער האָט זיך מער נישט געוויזן. מען האָט זיך אויף אים נאָכגעפרעגט און אים אַרומגעזוכט, מיט קיין פּאָסט-שיף איז ער נישט אַוועקגעפאָרן, קיינער האָט אים נישט געטראָפן אויפן וועג. ער איז נעלם געוואָרן. די זעגלפאָסער צייטונג האָט געבראַכט די ידיעה אין איר לעצטן נומער, איידער זי איז אונטערגעגאַנגען.

דערנאָך האָט זי אויפגעהערט צו דערשיינען.

דער קרעמער טעאָדאָר האָט זיך איצט גענומען צו זיינע געשעפטן, צום פאַנג פון די לאָפּאָטן, ער האָט צונויפגענומען מענטשן צו כאַפּן פיש; קודם-כל האָט ער צוגענומען נילסן פון וועלטאַ, וועלכן ער האָט שטענדיק דערצו געדונגען. דער דאָזיקער נילס איז אַ לאַנגע צייט געווען שטיל און נידערגעשלאָגן, און אין דעם איז געווען שולדיק פלאָרינאַ. ער האָט זיך אין פרילינג געהאַלטן זייער שלעכט, בעת ער האָט פון זיך אָפּגעשטויסן פלאָרינאַן און געלאָזט איר פאָרן אויפן ים מיט אַ פרעמדן געשעפטסמאַן, שפּעטער האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן ווידער איבערגעבעטן; זיי זענען צוזאַמען געווען אויפן שבת-צו-נאַכטס-טאַנץ און זיי זענען בכלל געווען אָפט צוזאַמען; אָבער דעמאָלט איז די זאַך געווען געענדיקט: פלאָרינאַ איז געוואָרן רייך, זי האָט באַקומען אַ ביכל פון דער שפּאָר-קאַסע מיט אַסאַך געלט, און סוף-כל-סוף האָט זי גאָר חתונה געהאַט מיט יוליוסן. איצט איז זי געוואָרן די באַלעבאָסטע אין האָטעל.

— זיי געזונט און גליקלעך!

אָבער נילס פון וועלטאַ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מיפּן כאַראַקטער, וואָס קאָן בשום אופן אַזוי גיך נישט פאַרגעסן זיין ליבע, און ערשט נאָכדעם, ווי טעאָדאָר האָט אים די זאַך אָן אַ שיר מאָל פאָרגעשטעלט, האָט ער אויפגעהערט זיך צו רייסן אויף יוליוסן. אוודאי האָט זיך זיין צער אַביסל געטיגערט. און אין די לעצטע

ציימן האָט ער זיך גענומען דערנענטערן צו פּאַלעסטינען. דאָס איז אפשר געווען פאַר אים דאָס בעסטע, פּאַלעסטינאַ האָט געהערט צו די, וואָס האָבן געהאַט אין געוועלב אַ קאָנטאָ-ביכל, און בכלל האָט זי זיך געקאָנט אָן עצה געבן — וועגן פלאָרינאַן האָט ער ווידער געהערט, אַז זי האָט אויפגעפאָדערט דעם אַדוואָקאַט, ער זאָל איינפירן צווישן איר מיט איר מאַן באַזונדערע אייגנטומס. אויב אַזוי, מעג זיך יוליוס מיט איר האַלטן. —

די לבנה איז פאַרשוונדן, און קיין שטערן האָבן זיך נישט באַוויזן, ס'איז געווען נאַכט און שטאָק-פינסטער. דעמאָלט האָט זיך לאַרס מאַנועלסען געלאָזט גיין מיטן וועג; וווהין איז ער געגאַנגען אין דעם דאָזיקן חושך? ער האָט זיך געלאָזט גיין צום זעגלפאָסער הויף, נאָר ווען ער איז אָנגעקומען גענוג נאָענט, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין אַ קרומער ריכטונג איבערן שניי.

קיין שום געשריי פון קיין סראָקעס, קיין שום וואָרנינג, אַלץ איז שטיל. ווייל אַזוי טוט זי, די סיורא, זי איז זיך נישט נוקם ביזן טויט אריין, דאָס טוט זי נישט, אָבער זי שטראָפט צום ערשטן מאָל גאַנצע זיבן חדשים נאָכאַנאַנד און צום צווייטן מאָל ניין חדשים, דאָס איז איר שטייגער, און איצט שטראָפט זי שוין נישט לאַרס מאַנועלסענען פאַר דאָס ערשטע מאָל, גאָט ווייסט, צי האָט ער נישט צו פאַרדאַנקען דער סיורא, וואָס ער האָט ווידער געפונען זיינע ברילן; זיי זענען געווען אין דער בוזעם-קעשענע פון זיין רעקל, אין זיין קורטקע מיט די אַכט קנעפּ, וואָס האָט געהאַט קעשענעס אויסנוויינינק און אינעווייניק, ווי ביים רייכסטן מענטשן — דאָ זענען געווען זיינע ברילן, ווען לאַרס מאַנועלסען האָט געפונען די ברילן, זענען זיינע געפילן צו דער סיורא געוואָרן פריי פון האַס.

איצט גייט ער אין אַ קרומער ריכטונג איבערן שניי, זיין ציל איז דער קעלער, דער האַלמענגראַאַס דימענטן-קעלער. אָבער וואָס דאַרף ער דאָרט? ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז ס'איז מעגלעך ערגעץ-ווו עפּעס אַ באַהעלטעניש, און אָט דאָס האָט ער איצט געוואָלט דערגיין.

ער נעמט אָן די טיר, זי האָט נישט קיין שלאָס, ער עפנט זי אויף און גייט אריין. דאָ איז גוט און וואַרעם, די קעלט איז אַהער נישט אריינגעדרונגען. ער רייבט אָן אַ שוועבעלע.

אָבער דאָס שוועבעלע פאַלט אים אַרויס פון דער האַנט, ער פילט, ווי אין זיין ברוסט שטייגט-אויף אַ געשריי פון שרעק, ער דערשטיקט אים, פאַרהאַלט דעם שלוכץ און זוכט די טיר, זוכט דעם אַרויסגאַנג פון קעלער, טאַפּט — ער קומט צו זיך ערשט דעמאָלט, ווען ער שטייט שוין פאַר דער טיר פון זיין אייגענער שטוב.

ווען ס׳ווערט טאָג, גייט ער צו אַלע יאָהאַנען און זאָגט:

— קום, לאָמיר גיין צוזאַמען אין הער האָלמענגראַאַס קעלער.

— צוואָס? — האָט אַלע יאָהאַן געפרעגט.

— מיר ווילן אַ קוק טון, צו איז ערגעץ נישטאָ קיין באַהעלטעניש.

יאָ, אַלע יאָהאַן איז אַן אויסערגעוויינלעך נייגיריקער מענטש, ער גייט מיט.

— איך וויל גיין ביי טאָג, — זאָגט לאַרס מאַנועלסען — ווייל איך וויל גאָרנישט גנבענען.

— ניין.

— ווייל איך נויטיק זיך נישט אין דעם.

זיי קומען צו צום קעלער, און אַלע יאָהאַן גייט מחמת נייגיר אַריין דער ערשטער. אָבער ער מאַכט באַלד אַ טריט צוריק און זאָגט:

— באַרדסען!...

— וואָס איז? וואָס איז?

— באַרדסען! — זאָגט אַלע יאָהאַן. — ער זיצט דאָ. ער איז טויט.

ביידע לויפן גיך אַוועק קיין זעגלפּאָס און אין געוועלב אַריין. זיי קומען און ברענגען דעם פּתרון פון אַ רעטעניש — אפשר ברענגען זיי נישט קיין פּתרון, אָבער זיי זענען ממש געשוואָלן פון זייער נייעס. זיי הערן נישט אויף צו פּלוידערן:

— ער איז געזעסן, ער איז געווען טויט...

אַלע מענטשן דערוויסן זיך וועגן דעם; זיי הערן אויס, טראַכטן אַ ווײַלע נאָך און גייען ווייטער אַוועק צו זייער טעגלעכער אַרבעט. דאַן גייט עס פאַרביי, און ווייט אין דרום הויבן אָן די ווילדע שוואַנען זייער ליד.